STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09495

PEREDONOV

Fyodor Sologub

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09495-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657094959T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פ. סאָלאָגוב

פערעדאָנאָוו

(„דער קליינער שֵד")

פון רוסיש דוד רויכעל

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

F. Sołogub — „Peredonow“ (Der kłejner szed)
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

דעם אויטאָרס פֿאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפֿלאַגע

אָנגעהויבן שרייבן דעם ראָמאַן „דער קלײנער שד" האָט דער אויטאָר אין יאָר 1892 און אים פֿאַרענדיקט און יאָר 1902. דאָס ערשטע מאָל איז ער געדרוקט געווען אין די נומערן 6—11 פֿון דעם זשורנאַל „וואָפּראָסי זשיזני" אין יאָר 1905, אָבער אָן די לעצטע קאַפּיטלען. ערשט אין מערץ 1907 דערשיינט ער אינגאַנצן אין דעם פֿאַרלאַג „שיפּאָווניק".

סיי אין די געדרוקטע, סיי אין די מינדלעכע רעצענזיעס, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען אויסצוהערן, האָב איך באַמערקט צוויי קעגנזעצלעכע מיינונגען.

אייניקע מיינען, אַז דער אויטאָר, זייענדיק אַ פֿאַרדאַרבענער מענטש, האָט געוואָלט געבן זיין אייגענעם פּאָרטרעט און האָט דאָס געטון שילדערנדיק זיך אין דער געשטאַלט פֿון דעם לערער פּערעדאָנאָוו. אַ דאַנק זיין אויפֿריכטיקייט, האָט זיך דער אויטאָר מיט גאָרנישט נישט געוואָלט באַפּוצן און פֿאַרענטפֿערן, און דעריבער טאַקע האָט ער אויסגעשמירט זיין געזיכט מיט די שוואַרצסטע פֿאַרבן. און אָט די מאָדנע זאַך האָט ער געטון צוליב דעם, כּדי אַרויפֿצוגיין אויף דער זיכערער גאָלגאָטע און דאָרטן צוליב עפּעס אָפּקומען. ס'האָט זיך באַקומען אַ ראָמאַן, וואָס איז אינטערעסאַנט און נישט געפֿערלעך.

אינטערעסאַנט דערפֿאַר, וואָס פֿון אים זעט מען, וואָס פֿאַר אַ נישט פֿיינע מענטשן עס געפֿינען זיך אויף דער וועלט. און נישט געפֿערלעך — וויל דער לייענער קאָן זאָגן: „דאָס איז נישט פֿון מיר געשריבן".

אַנדערע, נישט אַזעלכע אכזרים צו דעם אויטאָר, האַלטן, אַז די „פּערעדאָנאָווטשינע", וואָס איז געשילדערט אין אָט דעם ראָמאַן — איז אַ גאַנץ פֿאַרשפּרייטע דערשיינונג.

אייניקע וועלן אפֿילו האַלטן, אַז איטלעכער פֿון אונז, ווען ער קוקט זיך צו אויפֿמערקזאַם צו זיך, קאָן אין זיך געפֿינען בלי-שום-ספֿקדיקע שטריכן פֿון פּערעדאָנאָוון.

פֿון אָט די ביידע מיינונגען גיב איך אָפּ די בכורה דער, וואָס איז פֿאַר מיר אָנגענעם, דאָס הייסט, דער צווייטער. איך בין נישט געווען צוגעדריקט צו דער וואַנט צו פֿאַרפֿאַסן און אויסטראַכטן פֿון זיך! דאָס גאַנצע אָנעקדאָטישע, שטיינערדיקע און פּסיכאָלאָגישע אין מיין ראָמאַן איז באַגרינדעט אויף זייער פּינקטלעכע באַאָבאַכטונגען, און פֿאַר

מײַן ראָמאַן האָב איך געהאַט איבערגעגעבן „נאַטור" אַרום זיך. און אויב די אַרבעט איבער דעמדאָזיקן ראָמאַן האָט אַזױפֿיל געדויערט, איז דאָס געווען בלויז צוליב דעם, כּדי דאָס צופֿעליקע דערפֿירן צו דעם נויטווענדיקן, כּדי דאָרט ווו עס קיניגט איסאַ, וואָס שיט פֿון דער פֿולער האַנט אַנעקדאָטן, זאָל קיניגן די שטרענגע אַנאַנקע.

אמת, מענטשן האָבן ליב, מ'זאָל זיי ליב האָבן. זיי געפֿעלט, פֿ'זאָלן געשילדערט ווערן די דערהויבענע און פֿײַנע זײַטן פֿון דער נשמה. אַפֿילו אין אַ גזלן ווילט זיך זיי זען אַן אָפּשײַן פֿון גוטס, „דעם געטלעכן פֿונק", ווי מ'פֿלעגט זיך אַמאָל אויסדריקן. דעריבער גלייבט זיך זיי נישט, ווען פֿאַר זיי איז דאָס אמת געשילדערטע, פֿינקטלעכע, פֿינסטערע, שלעכטע. ס'ווילט זיך זאָגן:

— דאָס האָט ער פֿון זיך.

ניין, מײַנע ליבע צײַט־חברים, דאָס האָב איך פֿון אײַך געשריבן מײַן ראָמאַן פֿון דעם קלײנעם שד אין זײַן פֿולדערלעכן נישט באַריר, וועגן אַרדאַליאָן און וואַרוואַרע פּערעדאָנאָוו, פּאַוול וואָלאָדין, ליודמילאַ, דאַריאַ און וואַלעריאַ רוטילאָוו, אַלעקסאַנדר פּילניקאָוו און אַנדערע פֿון אײַך.

דערדאָזיקער ראָמאַן איז אַ שפּיגל. אַ נײַער קונציק געמאַכטער. איך האָב אים זײַער לאַנג געשליפֿן, אַרבעטנדיק איבער אים גאַנץ געשמאַק.

גלײַך איז די אויבערפֿלאַך פֿון מײַן שפּיגל, און ריין איז זײַן צונויפֿשטעל. פֿילמאָל אויסגעמאַסטן און זאָרגעוודיק דורכגעקוקט, האָט ער אין זיך קיין שום קרימונג נישט.

דאָס פּאַרזעניש און דאָס הױגדערשײַנע — שפּיגלט זיך אין אים אַלצאַמען ריכטיק אָפּ.

יאַנואַר 1908.

I

נאָך דער יומטובדיקער אינדערפריעדיקער תפלה זענען זיך די מתפללים צעגאַנגען אַהיים. אייניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין צוים, אונטער די ווייסע שטיינערנע ווענט, אונטער די אַלטע לינדנבוימער און אָלכעס, און געשמועסט. אַלע זענען געווען אויסגעפּוצט, יומטובדיק, האָבן איינער אויף דעם אַנדערן געקוקט פריילעך, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער צווייטער שטאָט לעבט מען בשלום ושלוה און אַפילו פריילעך. נאָר דאָס האָט זיך נאָר געדאַכט.

דער גימנאַזיע-לערער פּערעדאָנאָוו איז געשטאַנען אין קרייז פון זיינע פריינט, ברוגז געקוקט אויף זיי מיט זיינע קליינינקע פאַרשווומענע אויגעלעך פון אונטער די גאָלדענע ברילן אפיר און געטענהט מיט זיי:

— די פירשטין וואָלטשאַנסקאַיאַ האָט אַליין צוגעזאָגט וואַריאַן, און דאָס איז שוין זיכער. ווי נאָר, האָט זי געזאָגט, איר וועט מיט איר חתונה האָבן, וועל איך זיכער פועלן פאַר אים אַ שטעלע פון אַן אינספּעקטאָר.

— ווי אַזוי קאָנסטו דאָס חתונה האָבן מיט וואַרוואַראַ דמיטריעווגאַ? — האָט דער רויטפּנימדיקער פאַלאַסטאָוו געפרעגט. — זי איז דאָך דיין שוועסטערקינד? ניט זשע איז שוין אַרויס אַזאַ געזעץ, אַז מ׳מעג חתונה האָבן מיט אַ שוועסטער?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. פּערעדאָנאָווס געוויינלעך גלייכגילטיק פאַרשלאָפן געזיכט איז מיטאַמאָל געוואָרן בייז.

— אַ גלידגעשוועסטערקינד. — האָט ער אַ בורטשע געטון און בייז געקוקט אָן אַ זייט פון זיינע פריינט.

— די פירשטין האָט דיר אַליין צוגעזאָגט? — האָט דער פּראַקטיש אויסגעפּוצטער, בלייכער און הויכוווקסיקער רוטילאָוו געפרעגט.

— נישט מיר, נאָר וואַריאַן. — האָט פערעדאָנאָוו געענטפערט.

— נו אַט, און דו גלויבסט. — האָט רוטילאָוו אויפגעלעבט גערעדט. — זאָגן קאָן מען אַלצדינג. און פאַרוואָס ביסטו אַליין ביי דער פירשטין נישט געווען?

— ווייס, מיר זענען ביידע, איך מיט וואַריאַן, אַוועק צו דער פירשטין און זי נישט געטראָפן אינדערהיים, מיר האָבן איינגאַנצן אויף פינף מינוט פאַרשפּעטיקט, — האָט פערעדאָנאָוו דערציילט — זי איז אין דאָרף אריין אַוועקגעפאָרן, און וועט זיך אומקערן ערשט אין דריי וואָכן ארום, און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט וואַרטן, איך האָב געמוזט איילן אהער צו די עקזאַמענעס.

— עפּעס איז דאָס ספקדיק. — האָט רוטילאָוו געזאָגט און זיך צעלאַכט, באַווייזנדיק זיינע פוילע ציין.

— געוויס, — האָט פערעדאָנאָוו געזאָגט — איך קאָן מיט יעדער, מיט וועלכער איך וועל וועלן, נישט נאָר מיט וואַרוואַראַן.

— פאַרשטייט זיך, אַרדאַליאָן באָריסאָוויטש, מיט דיר וועט יעדעס מיידל חתונה האָבן. — האָט רוטילאָוו צוגעשטימט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון צוים און לאַנגזאַם געשפּאַנט איבער דעם נישט ברוקירטן, שטויביקן פּלאַץ. פערעדאָנאָוו האָט געזאָגט:

— נאָר אָט, וואָס וועט די פירשטין זאָגן? זי וועט ווערן בייז, אַז איך וועל וואַרוואַראַן אַוועקוואַרפן.

— וואָס הייסט די פירשטין! — האָט רוטילאָוו געזאָגט. — דאַרפסט דאָך מיט איר נישט קעצלעך טויפן, אָט לאָז זי אַפריער דיר שאַפן אַ פּאָסטן, אַרויסדרייען זיך וועסטו שוין קאָנען. אַנישט וואָס לוינט דאָס, גאָרנישט געזען, גאָרנישט באַקומען און שוין חתונה האָבן.

— דאָס איז ריכטיק. — האָט פערעדאָנאָוו פאַרטראַכט מסכים געווען.

— און דו זאָג דאָס טאַקע וואַרוואַראַן, — האָט אים רוטילאָוו צוגערעדט — פריער דעם פּאָסטן, אַ נישט, הייסט דאָס, גלויב איך אין דעם נישט. וועסט באַקומען דעם פּאָסטן, קאָנסטו שוין חתונה האָבן מיט וועמען דו וועסט וועלן. אָט קאָנסט אַפילו די שענסטע פון מיינע שוועס-

טער נעמען, — דריי. און וועלכע דו ווילסט קלויב זיך אויס. פריילינס זענען זיי געבילדעטע, קלוגע, און אָן חניפה, ווי קומט וואַרוואַרא צו זיי. זי איז זייערע קנאַפּל נישט ווערט.

נו. — האָט פערעדאָנאָוו אַ ברום געטון.

— אמת. וואָס איז אַזוינס דיין וואַרוואַרא? אָט גיב אַ שמעק.

רוטילאָוו האָט זיך אָנגעבויגן, אָפּגעריסן אַ וואָליקן שטענגל פון חזיר בעבלעך, אים צונויפגעקנייטשט צוזאַמען מיט די בלעטער און קויטיק ווייסע בלימעלעך און, צערייבנדיק דאָס אַלץ מיט די פינגער, עס אונטערגעטראָגן צו פערעדאָנאָווס נאָז. יענער האָט זיך פאַרקרומט פון דעם אומאַנגענעמען שווערן ריח. רוטילאָוו האָט געזאָגט:

— צערייבן און אַוועקוואַרפן, — אָט האָסטו דיר די גאַנצע וואַרוואַרא דיינע. זי און די שוועסטער מיינע, דאָס איז, ברודער, אַ גרויסער חלוק. לעבעדיקע מיידלעך, פייער, וועלכע דו וועסט נעמען, וועט זי־דיך שלאָפן נישט לאָזן. און דערצו נאָך יונגע, די סאַמע עלטסטע איז דריי מאָל יינגער פון דיין וואַרוואַראַן.

דאָס אַלץ האָט רוטילאָוו, ווי געוויינלעך, גערעדט שנעל און פריילעך, מיט אַ שמייכל, אָבער ער אַליין, אַ הויכוואוקסיקער, שמאַל-ברוסטיקער, האָט אויסגעזען שלאַבעריק און אויסגעדאַרט, און פון אונטער זיין קאַפּעליוש, אַ נייער און אַ מאָדנער, האָבן עפּעס נעבעכדיק געשטאַרצט שיטערע, קורץ אָפּגעשוירענע העלע האָר.

— נו, מאָל דיר, דריי מאָל יינגער. — האָט פערעדאָנאָוו, אַראָפּנעמענדיק און אויסווישנדיק די גאָלדענע ברילן פויל, געענטפערט.

— ס'איז ריכטיק! — האָט רוטילאָוו אויסגערופן. — זע, פאַרשלאָף נישט, כל זמן איך לעב, זענען זיי ביי מיר אויך מיט אַ האָנאָר, נאָכדעם וועסטו שוין וועלן, אָבער ס'וועט שוין זיין שפּעט. און יעדע פון זיי וועט איצט מיט דיר מיט גרויס פאַרגעניגן חתונה האָבן.

— יאָ, אַלע זענען דאָ אין מיר פאַרליבט. — האָט פערעדאָנאָוו מיט אַ ברוגזער באַרימערישקייט געזאָגט.

— נו, אָט זעסט, איז פאַרשלאָף נישט דעם מאָמענט. — האָט רוטילאָוו צוגערעדט.

— דער עיקר וואָלט איך וועלן נישט קיין דאַרע. — האָט פערע־

Free Public Library, Newark, N. J.

דאָנאָוו מיט בענקשאַפט אין זיין שטים געזאָגט. — אַ פּעט, פּולינק מיידעלע — אַט.

— נו, וועגן דעם, בעט איך דיך, זאָלסטו זיך כּלל נישט קלאָגן. — האָט רוטילאָוו מיט היץ געטענהט. — זיי זענען איצט אויך נישקשהדיק, און אויב זיי זענען נישט דיק, איז דאָס ביז אַ צייט. זיי וועלן חתונה האָבן און וועלן דיק ווערן, ווי למשל די עלטערע, — לאַריסאַ איז דאָך ביי אונז, דו ווייסט דאָך, אַ פּאַרשוין.

— איך וואָלט חתונה געהאַט, — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט — האָב איך אָבער מורא, אַז וואַריאַ וועט מאַכן אַ גרויסן סקאַנדאַל.

— האָסט מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, איז אָט וואָס דו דאַרפסט טון, — האָט רוטילאָוו מיט אַ קליגיטשקן שמייכעלע געזאָגט — האָב נאָך היינט חתונה, אָדער מאָרגן: אַ היים וועסטו קומען מיט דער יונגער פרוי, און שוין. ווילסט, און איך קאָן דאָס דיר נאָך מאָרגן אין אָוונט מאַכן? מיט וועלכער ווילסטו?

פּערעדאָנאָוו האָט זיך פּלוצים צעלאַכט, אָפּגעריסן און הילכיק.

— נו, געמאַכט. גיב אַ האַנט, גוט? — האָט רוטילאָוו געפרעגט.

פּערעדאָנאָוו האָט פּונקט אַזוי פּלוצים אויפגעהערט לאַכן און ברוגזשטיל כּמעט אַ שעפּטשע געטון.

— זי וועט מסרן, די מנוולת.

— זי וועט נישט מסרן, נישטאָ וואָס צו מסרן. — האָט אים רוטילאָוו איינגערעדט.

— אָדער טמען. — האָט פּערעדאָנאָוו צעשראָקן געשעפּטשעט.

— נו, מעגסטו זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן, — האָט אים רוטילאָוו מיט היץ צוגערעדט. — איך וועל דאָס אַזוי פיין מאַכן...

— אָן נדן וועל איך נישט חתונה האָבן. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס אויסגעשריגן.

רוטילאָוון האָט נישט איבעראַשט דערדאָזיקער נייער שפּרונג אין זיין ברוגזן פריינטס קאָפּ. ער האָט אים מיט דערזעלביקער אויפגעלעבטקייט אָפּגעענטפערט:

— מאָדנער מענטש וואָס דו ביסט, ווער זאָגט דאָס, אַז אָן נדן! נו. וואָס, אָפּגעמאַכט? אָט וועל איך אַ שפּרונג טון און אַלץ איינאָרדענען. נאָר דו הערסט, שאַ, קיינער זאָל נישט דרייען, הערסט. — ער האָט

אַ טרייסל געטון פּערעדאָנאָווס האַנט און אַוועקגעלאָפן פון אים. פּערע־דאָנאָוו האָט אים שווייגנדיק נאָכגעקוקט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פרייל״נס רוטילאָוו, אַזעלכע פרייליכע, מאָדנע. דער נישט פיינער געדאַנק האָט אַרויסגעקוועטשט אויף זיינע ליפן אַ מיאוסן סימן פון אַ שמייכל. ער האָט זיך באַוויזן אויף אַן אויגנבליק אין פאַרשוווּנדן. אַן אומקלאָרער געפיל פון אומרויקייט האָט אים באַהערשט.

„איז וואָס זשע וועט דאָס מיט דער פירשטין זיין?“ — האָט ער אַ טראַכט געטון. — „יענע האָבן נישט קיין גראָשן, און נישט קיין פּראָטעקציע, און מיט וואַרוואַראַן קאָן מען ווערן אַן אינספּעקטאָר און נאָכדעם אַ דירעקטאָר.“

ער האָט אַ קוק געטון נאָך רוטילאָוון, וואָס איז איילִיק געלאָפן און ביי־זוויליק אַ טראַכט געטון:

„זאָל ער לויפן.“

און דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים פאַרשאַפט אַ שלאַבעריקן און אומקלאָרן פאַרגעניגן. ס׳איז אים אָבער געוואָרן אומעטיק, וואָס ער איז איינער אַליין. — ער האָט אָנגערוקט דעם הוט אויף דעם שטערן, אָנגע־ברוגזט די העלע ברעמען און זיך איילִיק געלאָזט גיין אַהיים איבער די נישט ברוקירטע פוסטע גאַסן, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט ליגנדיקע ווייסע בלימלעך, מיט שטעכעלקעס און מיט גראָז, וואָס איז געווען צוגעטאָפּטשעט אין דער בלאָטע.

עמעץ האָט אים אַ רוף געטון מיט אַ שטילער און שנעלער שטים:

— אַרדאַליאָן באָריסאָוויטש, גייט אַריין צו אונז.

פּערעדאָנאָוו האָט אויפגעהויבן זיינע בין־השמשותדיקע אויגן און מיט כעס אַ קוק געטון אויף דעם פּאַרקאַן. אין סאָד ביי דער פורטקע איז געשטאַנען נאַטאַליאַ אַפאַנאַסיעווּנאַ ווערשינאַ, אַ קליינינקע, דאַרינקע, טונ־קעלע פרוי, איינגעהאַנצן אין שוואַרצן, מיט שוואַרצע ברעמען, מיט שוואַרצע אויגן. זי האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס אין אַ ווייַנשענעם, טונקעלן צי־גאַרנשפּיץ און האָט געשמייכלט, ווי זי וואָלט וויסן עפּעס אַזוינס, פון וואָס מ׳רעדט נישט, נאָר מען שמייכלט. נישט אַזוי מיט ווערטער ווי מיט לייכטע שנעלע באַוועגונגען, האָט זי אַריינגערופן פּערעדאָנאָוון צו זיך אין סאָד אַריין: אויפגעמאַכט די פורטקע, זיך אַוועקגערוקט אָן

אַ זייט, געשמייכלט, פֿאַרבעטנדיק זיכער, און געוויזן מיט די הענט. — גיי אַריין, הייסט דאָס, וואָס שטייסטו.

און פערעדאָנאָוו איז אַריין, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעוואָרפן אירע, ווי באַצויבערנדיקע, שווייגנדיקע באַוועגונגען. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט אויף דעמדאָזיקן שטעגעלע, ווו ס׳האָבן זיך אין די אויגן געוואָרפן אָפּגעבויגענע, טרוקענע צווייגעלעך, — און אַ קוק געטון אויף דעם זייגער.

— צייט צו עסן פרישטיק. — האָט ער אַ וואָרטשע געטון.

און הגם ער האָט שוין דעם זייגער געהאַט אַ צייט מיט יאָרן, האָט ער אָבער אויך איצט, ווי אַלעמאָל אין געזעלשאַפט, מיט פֿאַרגעניגן אַ קוק געטון אויף די גרויסע, גאָלדענע קאָפּערטעס. ס׳איז געווען פערציק מינוט אויף צוועלף. פערעדאָנאָוו האָט באַשלאָסן, אַז מ׳קאָן נאָך דאָ בלייבן אַ ווײַלע. ער איז אַ ברוגזער נאָכגעגאַנגען נאָך ווערשינאַן דורך די שטעגעלעך, פאַרביי די ליידיקע קוסטעס פון שוואַרצע און רויטע ווײַמפּערלעך, מאַלינעס און אַגרעסן. דער סאָד איז געווען בונט און געל פון פרוכטן און שפּעטע בלומען. עס זענען דאָ געווען אַ סך פרוכט-ביימער און קוסטעס: נישט הויכע צעוואָרפענע עפּלביימער, קיילעכדיקע בלעטערדיקע באַרנביימער, ווײַנשלביימער מיט גלאַנציקע בלעטער, פלוימענביימער, אויף די קוסטעס פון וועלפן-יאַגאָדעס האָבן זיך גערויטלט די יאַגאָדעס. נעבן פּאַרקאַן האָט געדיכט געבליט די סיבירער גערשאַן, דריבנע העל-ראָזע בלימעלעך מיט פּורפּור אָדערלעך. שאַרף-בונט האָט זי פון צווישן די קוסטעס אַרויסגעשטעלט אירע שטעכיקע פּורפּור קעפּלעך.

אָן אַ זייט איז געשטאַנען אַ הילצערן הויז, אַ קליינס, אַ גרויס פֿאַר איין דירה, מיט אַ ברייטער וועראַנדע אין סאָד אַריין. דאָס הויז האָט אויסגעזען שיין און היימלעך. און אונטער דעם האָט זיך געזען אַ טייל פון דעם גאָרטן. דאָרטן האָבן זיך געשאָקלט די טרוקענע קעפּלעך פון מאָן און די ווייס-געלע גרויסע טשיפּיקלעך פון רומיאַנעק. די געלע קעפּלעך פון די זון-בלומען האָבן זיך אָנגעבויגן פֿאַרן פֿאַרוועלקן, און צווישן די נוציקע גרינסן האָבן זיך געהויבן שירעמס, ווייסע ביי דעם קאָקאָריש און בלייך-פּורפּורנע בוצאַנקעס, ס׳האָבן געבליט די העל-געלע ראַנונקלס און די נישט הויכע מאַלאטשאַעס.

— איר זענט געווען ביי דער תּפֿלה ? — האָט ווערעשינאַ געפֿרעגט.

— געווען. — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געענטפֿערט.

— אָט איז מאַרטאַ די מינוט געקומען, — האָט ווערעשינאַ דערציילט — זי גייט אָפּט אין אונזער קלויסטער. לאָך איך: צוליב וועמען גייט איר דאָס, מאַרטאַ, אין אונזער קלויסטער ? פֿאַררויטלט זי זיך און שווייגט. קומט, לאָמיר אַריינגיין אין אַלטאַנקע און זיך צוזעצן אַ ביסל. — האָט זי שנעל און אָפֿן אָן הפסקה געזאָגט.

אין מיטן סאָד, אין שאָטן פֿון די הויכע לינדבוימער, איז געשטאַנען אַן אַלטע, גרויינקע אַלטאַנקע, דריי טרעפּלעך אַרויף, אַן אָפּגעטראָטענער אַרויפֿגאַנג, נידעריקע ווענטלעך, זעקס געטאָקטע, ביינקע סלופּעס און אַ זעקסקאַנטיקער דאַך.

מאַרטאַ איז געזעסן אין אַלטאַנקע אַ נאָך אויסגעפּוצטע פֿון דער אינדערפֿריִעדיקער תּפֿלה. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העל קלייד מיט באַנטיקלעך, אָבער ס׳האָט איר נישט געקליידט. די קורצע אַרבל האָבן אַנטבלויזט אירע פֿאַרשאַרפּטע רויטע עלנבויגנס, די שטאַרקע און גרויסע הענט. אַגב, איז מאַרטאַ געווען נישט קיין מיאוסע. די זומערשפּרענקעלעך האָבן איר נישט מיאוס געמאַכט. זי האָט אַפֿילו געשמט פֿאַר אַ שיינינקער, דערהויפּט צווישן אירע פּאָליאַקן, זיי זענען דאָ געווען גענוג.

מאַרטאַ האָט געשטאָפּט פּאַפּיראָסן פֿאַר דער ווערעשינאַ. זי האָט אומגעדולדיק געוואָלט, אַז פּערעדאָנאָוו זאָל אַ קוק טון אויף איר און ווערן איבערראַשט. אָט דערדאָזיקער ווילן אירער האָט זיך געזען אויף איר איינפֿאַכן געזיכט דורך דעם אויסדרוק פֿון אומרויִקן באַגריסן. אַגב, האָט זיך דאָס נישט גענומען פֿון דעם, וואָס מאַרטאַ וויל זיין פֿאַרליבט אין פּערעדאָנאָוון. ווערעשינאַ האָט געוואָלט זיי איינאָרדנען. די פֿאַמיליע איז געווען אַ היפּשע, — און מאַרטאַ האָט געוואָלט צוליב טון דער ווערעשינאַ, ביי וועלכער זי האָט געוווינט עטלעכע חדשים, פֿון זינט דער אַלטער ווערשין איז געשטאָרבן, איר צוליב טון פֿאַר זיך און פֿאַר דעם ברודער, דעם גימנאַזיסט, וואָס האָט זיך ביי איר אויפֿגעהאַלטן.

ווערעשינא און פּערעדאַנאָוו זענען אַריין אין אַלטאַנקע. פּערעדאַנאָוו האָט זיך אָנגעבלאָזן, באַגריסט מיט מאַרטאַן און זיך געזעצט. ער האָט אויסגעקליבן אַזאַ אָרט, אַז דער סליפּ זאָל באַשיצן דעם רוקן פון ווינט, און אין די אויערן זאָל ניט בלאָזן אַ צוגווינט. ער האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטאַס געלע שיך מיט די רויזע פּאָמפּאָנעס און אַ טראַכט געטון, אַז מען וויל אים אַריינגאַרן און מאַכן פאַר אַ חתן. ער האָט אַלעמאָל אַזוי געטראַכט, בשעת ער האָט באַמערקט, אַז די פריילינס זענען מי ! אַ ז פריינדלעך. אין מאַרטאַן האָט ער באַמערקט בלויז חסרונות. אַ סאַך זומער-שפּרענקעלעך, גרויסע הענט מיט אַ גראָבער הויט. ער האָט געוווּסט, אַז זייער פאָטער איז געווען אַ שלאַכטיטש און געהאַלטן אין אַרענדע אַ דערפל, אַ וויאָרסט זעקס פון דער שטאָט. די הכנסה איז אַ קליינע, און די משפּחה איז אַ גרויסע: מאַרטאַ האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע, דער זון האָט געלערנט אין גימנאַזיע, די איבעריקע קינדער זענען געווען נאָך קלענער.

— אָנגיסן איין אַ גלעזל ביר! — האָט ווערעשינא שנעל געפּרעגט.

אויף דעם טיש זענען געשטאַנען גלעזער, צוויי פלעשער ביר, מעלצוקער אין אַ בלעכן פּושקע, אַ מעלכיאָרן לעפעלע, איינגעווייקט אין ביר.

— איך וועל אויסטרינקען. — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט.

ווערעשינא האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן. מאַרטאַ האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז ביר, זי צוגערוקט צו פּערעדאָנאָוון, און אויף איר געזיכט האָט בשעת מעשה געשפּילט אַ מאָדנער שמייכל, ניביטאָ אַ צעשראָקענער, ניביטאָ אַ פריידעווודיקער. ווערעשינא האָט שנעל אַ מאָל געטון, ווי זי וואָלט אויסשיטן:

— וואַרפט אַריין צוקער אין ביר.

מאַרטאַ האָט צוגערוקט די בלעכענע פּושקע, נאָר פּערעדאָנאָוו האָט מיט פאַרדרוס אַ זאָג געטון:

— ניין, ס'איז פּאַסקודנע — מיט צוקער.

— וואָס רעדט איר, ס'איז געשמאַק. — האָט ווערעשינא איינטאָניק און שנעל אַ שאָט געטון.

— זייער געשמאַק. — האָט מאַרטאַ געזאָגט.

— פאַסקודסטווע, — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעחזרט און מיט כּעס אַ קוק געטון אויף דעם צוקער.

— ווי איר ווילט, — האָט ווערשינאַ מיט דער זעלבער שטים, אָן אַן אָפּשטעל, גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש: — טשערעפּנין דערגייט מיר די יאָרן. — האָט זי געזאָגט און זיך צעלאַכט.

מאַרטאַ האָט זיך אויך צעלאַכט. פּערעדאָנאָוו האָט גלייכגילטיק געקוקט: ער האָט זיך נישט געמישט אין פרעמדע ענינים, — נישט ליב געהאַט קיין מענטשן, נישט געטראַכט וועגן זיי, אויב ער האָט פון זיי קיין נוצן אָדער פאַרגעניגן נישט געהאַט. ווערשינאַ האָט זעלבסט צופרידן אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— ער מיינט, אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן.

— אַ שרעקלעכער העזהניק, — האָט מאַרטאַ געזאָגט, נישט דערפאַר, וואָס זי האָט אַזוי געטראַכט, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט צוליבטון און צו חנפענען ווערשינאַן.

— נעכטן האָט ער זיך אונטער די פענסטער געדרייט און אַריינגעקוקט. — האָט ווערשינאַ דערציילט. — ער איז אַריין אין סאַד, בשעת מיר האָבן געגעסן דאָס נאַכטמאָל. אונטערן פענסטער איז אַ פּעסל געשטאַנען, — מיר האָבן דאָס אונטער דער רינע געשטעלט, — אַ פולפּעסל אָנגערונען. פאַרדעקט איז דאָס געווען מיט אַ ברעט, קיין וואַסער האָט מען נישט געזען. איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דעם פּעסל און געקוקט אין פענסטער אַריין. און ביי אונז ברענט דער לאָמפּ, זעט ער אַלץ, און מיר זעען אים גאָרנישט. מיטאַמאָל דערהערן מיר אַ גערויש. לכתחילה האָבן מיר זיך דערשראָקן, לויפן מיר אַרויס. און דאָס איז ער אין וואַסער אַריינגעפאַלן. דאָך איז ער אַרויסגעקראָכן איידער מיר זענען געקומען, אַנטלאָפן אַ פּיטש-נאַסער, — איבער דער גאַנצער סטעזשקע שפּורן פון וואַסער. און מיר האָבן אים אינטנאָרום דערקענט.

מאַרטאַ האָט געלאַכט מיט אַ דין, פריידעוודיק געלעכטערל, אַזוי ווי עס לאַכן איידל-דערצויגענע קינדער. ווערשינאַ האָט דאָס אַלץ דערציילט שנעל און איינטאָניק, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס אַרויסגעשאָטן, ווי זי האָט אַלעמאָל גערעדט. און מיטאַמאָל שטיל געבליבן, געזעסן און געשמייכלט מיט דעם ברעג מויל, און פון דעם האָט איר שוואַרצלעך און טרוקן געזיכט זיך צונויפגעלייגט אין קנייטשלעך, און די שוואַרצ-

לעכע פון רויכערן ציין האָבן זיך עטוואָס באַוויזן. פערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און זיך פלוצים צעלאַכט. ער האָט זיך שטענדיק נישט רויק אָפּגערופן אויף דעם, וואָס האָט אים געשיינט צו זיין לעכערלעך. זיין תפיסה איז געווען אַ לאַנגזאַמע און אַ טעמפּע.

ווערעשינא האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס. זי האָט נישט געקאָנט לעבן אָן דעם טאַבאַק־רויך אונטער דער נאָז.

— מיר וועלן אינגיכן ווערן שכנים. — האָט פערעדאָנאָוו ערקלערט.

ווערעשינאַ האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף מאַרטאַן. יענע איז עטוואָס רויט געוואָרן, און מיט אַ צעשראָקענעם וואַרטן אַ קוק געטון אויף פערעדאָנאָוון און באַלד ווידער אָנגעהויבן קוקן אין סאָד אַריין.

— איר קלויבט זיך איבער? — האָט ווערעשינא געפרעגט. — פאַרוואָס?

— ווייט פון דער גימנאַזיע. — האָט פערעדאָנאָוו ערקלערט.

ווערעשינאַ האָט מיט אומצוטרוי אַ שמייכל געטון. גיכער, האָט זי אַ טראַכט געטון, וויל ער זיין נענטער צו מאַרטאַן.

— איר וווינט דאָך שוין דאָרט לאַנג, עטלעכע יאָר. — האָט זי געזאָגט.

—און די באַלעבאָסטע איז אַ מרשעת.—האָט פערעדאָנאָוו מיט כעס געזאָגט.

— וואָס רעדט איר? — האָט ווערעשינא מיט אומצוטרוי געפרעגט און קרום אַ שמייכל געטון.

פערעדאָנאָוו האָט נאָך אַ ביסל אויפגעלעבט.

— אויסגעקלעבט דעם צימער מיט נייע טאַפּעטן, און שרעקלעך, — האָט ער דערציילט — ס'קלעבט זיך נישט אַ שטיקל צו אַ שטיקל. אין מיטן דרינען, אין עסצימער, איבער דער טיר גאָר אַן אַנדער אוזאָר, — דער גאַנצער צימער מיט פּאַסן און מיט קווייטן, און איבער דער טיר מיט רויזעלעך און נעגעלעך. און דער קאָליר איז אויך אַן אַנדערער. מיר האָבן דאָס געהאַט נישט באַמערקט. אַריינגעקומען פאַלאַסטאָוו און לאַכט. און אַלע לאַכן.

— ווי דען, אַזאַ העסלעכקייט, — האָט ווערעשינא מסכים געווען.

— מיר זאָגן איר אָבער נישט, אַז מיר קלויבן זיך איבער, — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון און דערביי אָנגעהויבן רעדן שטילער — מיר וועלן קריגן אַ דירה, וועלן מיר זיך איבערקלייבן, און איר זאָגן מיר גאָרנישט.

— פאַרשטייט זיך. — האָט ווערעשינא געזאָגט.

— אַ נישט קאָן זי נאָך אָנהויבן מאַכן סקאַנדאַלן. — האָט פערעדאָנאָוו געזאָגט. און אין זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך פון צעשראָקענער אומרויִקייט. — איך צאָל איר נאָך פאַר דעם חודש פאַר אָט דער פאַסקודסטווע.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אַזש צעלאַכט פון פרייד, וואָס ער וועט זיך אַרויסקלייבן און פאַר דער דירה נישט באַצאָלן.

— זי וועט עס פאָדערן. — האָט ווערעשינא באַמערקט.

— זאָל זי פאָדערן און איך וועל נישט געבן — האָט פערעדאָנאָוו מיט כעס געזאָגט — מיר זענען געפאָרן אין פיטער, האָבן מיר פאַר דער צייט נישט געוווינט אין דער דירה.

— די דירה איז דאָך פאַר אייך געבליבן — האָט ווערעשינא געזאָגט.

— וואָס-ושע איז! זי דאַרף מאַכן אַ רעמאָנט, דאַרפן מיר דען צאָלן פאַר דער צייט, וואָס מיר וווינען דאָרט נישט? און דער עיקר איז דאָס אַ חוצפּהניצע איינע אין דער וועלט.

— נו, מאָלט אייך, די באַלעבאָסטע איז חוצפּהדיק דערפאַר, וואָס אייער... שוועסטער איז שוין אַ צו היציקע פאַרשוינטע. — האָט ווערעשינא אַ זאָג געטון מיט אַ קליינער הפסקה ביים וואָרט „שוועסטער”.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעברוגזט און טעמפּ געקוקט פאַר זיך מיט האַלב-פאַרשלאָפענע אויגן. ווערעשינא האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן אַנדער זאַך. פערעדאָנאָוו האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ קאַרמעלקע, אַראָפּגענומען דאָס פּאַפּירל און זי געגומען קייען: צופעליק האָט ער אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן און אַ טראַכט געטון, אַז זי איז אים מקנא, און זי וויל אויך אַ קאַרמעלקע.

— „גיבן איר אָדער נישט גיבן?” — האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט — „זי האָט עס נישט דעם ווערט. אָדער אפשר פאָרט געבן, — זאָל זי נישט מיינען, אַז ער זשאַלעוועט. ער האָט אַ סך. אַ פולע קעשענע.”

און ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ הויפן קאָנפעקטן.

— נאַט, — האָט ער געזאָגט און דערלאַנגט די קאַרמעלקעס פריער ווערעשינאַן און נאָכדעם מאַרטאַן — גוטע באָמבאָשקעס, טייערע, דרייסיק קאָפּיקעס אַ פונט באַצאָלט.

זיי האָבן גענומען צו איינע. ער האָט געזאָגט:

— נעמט מער. איך האָב אַ סך און גוטע באָמבאָשקעס, — קיין שלעכטע וועל איך נישט עסן.

— איך דאַנק אייך, איך וויל מער נישט, — האַט ווערעשינא שנעל און אומאויסדריקלעך אַ זאָג געטון.

און מאַרטא האָט גלייך נאָך איר איבערגעחזרט די זעלבע ווער־טער, אָבער נישט אַזוי זיכער. פּערעדאָנאָוו האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן און באַמערקט:

— נו, וואָס איז, איר ווילט נישט! נאַט!

ער האָט גענומען פון דעם הויפן איין קאָנפעקט פאַר זיך, און די איבעריקע אַוועקגעלייגט פאַר מאַרטאַן. מאַרטע האָט שווייגנדיק אַ שמייכל געטון און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

—אַן אומדערצויגענע, — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — זי ווייסט אפילו נישט, ווי אַזוי מ׳דאַרף דאַנקען.

ער האָט נישט געוווּסט, פון וואָס צו מאַכן אַ רייד מיט מאַר־טאַן. זי האָט אים נישט אינטערעסירט, אָט אַזוי ווי אַלע אַנדערע זאַכן, מיט וועלכע מען האָט נישט איינגעשטעלט פאַר אים, וואָס פאַראַ נישט־איז פאַרבינדונגען אָנגענעמע אָדער אומאָנגענעמע.

דאָס איבעריק ביסל ביר האָט מען אַריינגעגאָסן אין פּערעדאָ־נאָווס גלאָז. ווערעשינא האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן.

— אָט וועל איך ברענגען. — האָט מאַרטא געזאָגט.

זי פלעגט זיך שטענדיק אָנשטויסן, וואָס ווערעשינא וויל.

— שיקט וולאַדיאַן, ער איז אין סאָד. — האָט ווערעשינא געזאָגט.

— וולאַדיסלאַוו! — האָט מאַרטא אויסגעשריגן.

— אָט בין איך — האָט זיך דאָס ייִנגל אָפּגערופן אַזוי נאָענט און אַזוי שנעל, גלייך ווי ער וואָלט זיך אונטערגעהערט.

— ברענג ביר, צוויי פלעשער, — האָט מאַרטא געזאָגט — אין הויז, אין קאַסטן.

און באַלד איז וולאַדיסלאַוו שטיל צוגעלאָפן צו דער אַלטאַנקע און האָט דורכן פענסטער דערלאַנגט מאַרטאַן די פלעשער ביר און זיך באַגריסט מיט פערעדאָנאָוון.

— גוט מאָרגן, — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז געזאָגט — וויפל פלעשער ביר האָט איר היינט אויסגעזשלאָקעט?

וולאַדיסלאַוו האָט געצוווּנגען אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— איך טרינק כּלל נישט קיין ביר.

דאָס איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן מיט אַ געזיכט פול מיט זומערשפּרענקעלעך, זייער ענלעך אויף מאַרטאַן, אַ פאַוואָלינקער און אומגעלומפּערטער. ער האָט געטראָגן אַ בלוזע פון גרויער לייוונט.

מאַרטאַ האָט שטיל גערעדט מיטן ברודער. זיי האָבן ביידע געלאַכט. פערעדאָנאָוו האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אין זייער זייט. אַז מען האָט אין זיין געגנוואַרט געלאַכט, און ער האָט נישט געוווּסט די סיבה, האָט ער שטענדיק חושד געווען, אַז מען לאַכט עס פון אים. ווערעשינאַ איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט שוין געוואָלט עפּעס אויסרעדן מאַרטאַן. נאָר פערעדאָנאָוו גופא האָט מיט אַ בייזן קול אַ פרעג געטון:

— פון וואָס לאַכט איר?

מאַרטאַ האָט אויפגעציטערט, זי האָט זיך אומגעקוקט און נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. וולאַדיסלאַוו האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף פערעדאָנאָוון און איז רויט געוואָרן.

— ס'איז נישט פיין, בעת געסט זיצן, — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון. — איר לאַכט פון מיר? — האָט ער איבערגעפרעגט.

מאַרטאַ איז רויט געוואָרן, וולאַדיסלאַוו האָט זיך דערשראָקן.

— אַנטשולדיקט, — האָט מאַרטאַ געזאָגט — מיר האָבן נישט געלאַכט פון אייך. מיר האָבן געלאַכט וועגן אונזערס עפּעס.

— אַ סוד, — האָט פערעדאָנאָוו מיט כּעס אַ זאָג געטון — ס'איז נישט פיין, אַז געסט זיצן, זיך צו שושקען.

— ס'הויבט זיך נישט אָן, ס'איז נישט קיין סוד, — האָט מאַרטאַ געזאָגט — מיר האָבן געלאַכט, ווייל וולאָדיאַ גייט באָרוועס און קאָן אַהער נישט אַריינגיין; ער שעמט זיך.

פערעדאָנאָוו האָט זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי

חוזק צו מאַכן פֿון וולאַדיאַן, נאָכדעם האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ קאַרמעלקע.

— מאַרטא, ברענג מיר מיין שוואַרצע פּאַטשיילע. — האָט ווערעשינא אַ זאָג געטון. — און אין איינוועגס גיט שוין אַ קוק אין קיך, ווי האַלט עס מיטן קוכן.

מאַרטא איז הכנעהדיק אַרויסגעגאַנגען. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ווערעשינא וויל רעדן מיט פּערעדאָנאָוון, און איז געווען צופֿרידן, אַ פֿוילע, וואָס זי דאַרף זיך נישט איילן.

— און דו קאָנסט אַוועק ווייטער — האָט ווערעשינא זיך געווענדט צו וולאַדיאַן — האָסט דאָ נישט וואָס צו טון.

וולאַדיאַ איז אַוועקגעלאָפֿן, און מען האָט פֿאַרנומען, ווי דאָס זאַמד האָט געשורוועט אונטער זיינע פֿיס. ווערעשינא האָט פֿאַרזיכטיק און שנעל אַ קוק געטון דורכן טאַבאַק־רויך אויף פּערעדאָנאָוון. פּערע־דאָנאָוו איז שווייגנדיק געזעסן, געקוקט פֿאַר זיך מיט אַ נעפּלדיקן בליק און געקייעט אַ קאַרמעלקע. אים איז געווען אָנגענעם, וואָס יע־נע זענען אַוועק, — אַ נישט, וואָלטן זיי, געוויס, נאָכאַמאָל געלאַכט. און הגם ער האָט שוין געגוי געוווּסט, אַז זיי האָבן נישט געלאַכט פֿון אים, איז דאָך ביי אים פֿאַרבליבן אַ מין פֿאַרדרוס, — אַזוי איז עס שוין, בשעת מען בריט זיך אָפּ מיט קראָפּעווע, בלייבט נאָך אויף לאַנג דער ווייטיק, הגם די קראָפּעווע זעט זיך שוין נישט.

— פֿאַרוואָס האָט איר נישט חתונה? — האָט ווערעשינא מיטאַמאָל גענומען שנעל און אָפּט איבערחזרן. — אויף וואָס וואַרט איר נאָך, אַרדאַליאָן באָריסיטש! אייער וואַרוואַרא, אַנטשולדיקט, וואָס איך רעד אָפֿן, איז גאָר קיין פּאָר נישט פֿאַר אייך.

פּערעדאָנאָוו האָט אַ פֿיר געטון מיט דער האַנט איבער די עט־וואָס צעפּאַטלטע קאַשטאַן־האָר און מיט אַ ברוגזן גדלות אַ זאָג געטון:

— דאָ איז בכלל נישטאָ מיט וועמען חתונה צו האָבן.

— זאָגט דאָס נישט, — האָט ווערעשינא געענטפֿערט און קרום אַ שמייכל געטון — ס'זענען דאָ פֿאַראַן געגוג מיידלעך, און אַלע וואָלטן גערן איינגעגאַנגען חתונה צו האָבן מיט אייך.

ער האָט אַראָפּגעקלאַפּט דעם אַש פֿונם פּאַפּיראָס מיט אַ זיכערער

באַוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט אויף עפּעס אָוועקגעשטעלט אַ באַשליסנדיקן צייכן.

— מיט אַבי וועמען וויל איך נישט. — האָט פּערעדאָנאָוו געענטפערט.

— ס'רעדט זיך דאָ נישט פון אַבי וועמען. — האָט ווערעשינאַ שנעל אַרויסגערעדט. — און איר דאַרפט זיך דאָך נישט יאָגן נאָך קיין נדן, — זאָל נאָר דאָס מיידל זיין אַ שיינע, אַ ווילע. איר אַליין פאַרדינט, גאָט צו דאַנקען, איבערגענוג.

— ניין, — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט — מיר לוינט בעסער חתונה צו האָבן מיט וואַרוואַרען. די פּירשטין האָט איר פאַרשפּראָכן אַ פּראָטעקציע. זי וועט פאַר מיר פועלן אַ גוטן פּאָסטן. — האָט פּערעדאָנאָוו געטענהט מיט אַ ברוגזער אויפלעבונג.

ווערעשינאַ האָט לייכט געשמייכלט. דאָס גאַנצע צעקוייטשטע און טונקעלע, אַזוי ווי פאַררויכערט פּנימל אירס, האָט אויסגעדריקט אַ מין מחילהדיקן אומצוטרוי. זי האָט איבערגעפרעגט:

— די פּירשטין האָט עס אייך געזאָגט?

מיטן טראָפּ אויפן וואָרט „אייך”.

— נישט מיר נאָר וואַרוואַרען, — האָט זיך פּערעדאָנאָוו מודה געווען — נאָר ס'איז אַלצאיינס.

— איר פאַרלאָזט זיך שוין צופיל אויף אייער שוועסטער. — האָט ווערעשינאַ בייז-פריידעוודיק זיך צערעדט, — נו, זאָגט אַליין, זי איז דאָך אַ סך עלטער פון אייך? מיט אַ יאָר פופצן אפשר? אָדער מער נאָך? זי איז דאָך שוין קרוב פופציק אוודאי?

— עך, וואָס רעדט איר, — האָט פּערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון פאַרדראָסיק — זי איז נאָך קיין דרייסיק נישט אַלט.

ווערעשינאַ האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס רעדט איר, — האָט זי מיט אַ נישט באַהאַלטענעם שפּאָט אין קול אַ זאָג געטון — און אויסזען זעט זי אויס אַ סך עלטער פון אייך. אוודאי איז נישט מיין עסק, אָבער דאָך אַרט עפּעס, אַז אַזאַ יונגער מענטש דאַרף לעבן נישט אַזוי ווי ער האָט עס פאַרדינט לויט זיין הדרת-פּנים און לויט זיינע מעלות.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך מיט פאַרגעניגן באַטראַכט, אָבער אויף זיין

רויט געזיכט האָט זיך נישט באַוויזן קיין שמייכל, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך באַליידיקט פון דעם, וואָס אַלע פאַרשטייען אים נישט אַזוי גוט, ווי ווערעשינא. און ווערעשינא האָט ווייטער גערעדט.

— איז אָן אַ פּראָטעקציע וועט איר אויך מאַכן אייער קאַריערע. נישט שוין-זשע וועט נאַטשאַלסטווע אייך נישט אָפּשאַצן! איז צו וואָסזשע דאַרפט איר זיך האַלטן מיט אייער וואַרוואַרען? און פון די רוטילאָווס — איז אויך נישטאָ צווישן זיי אַזאַ, וואָס איר וואָלט קאָנען מיט איר חתונה האָבן: זיי זענען לייכטזיניקע, און איר דאַרפט האָבן אַ סאָלידע פרוי. אָט, למשל, אַזאַ ווי מאַרטא.

פערעדאָנאָוו האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— צייט אַהיים צו גיין. — האָט ער אַ זאָג געטון, זיך אויפגעהויבן און זיך געזעגנט.

ווערעשינא איז געווען זיכער, אַז פערעדאָנאָוו גייט אַוועק דערפאַר, ווייל זי האָט אים אָנגעטראָטן אויפן שוואַכסטן אָרט, און נאָר דערפאַר מחמת ער קאָן זיך נישט באַשליסן, וויל ער איצט נישט רעדן וועגן מאַרטאן.

II

וואַרוואַרא דמיטרעוונא מאַלאָשינא, פערעדאָנאָווס שכנה, האָט אים אָפּגעוואַרט, זייער אָפּגעלאָזן אָנגעטון, אָבער פּינקטלעך און זאָרגעוודיק באַפּודערט און אָנגעפאַרבט.

צום פרישטיק האָבן זיך געבאַקן פּירעשקעס מיט איינגעמאַכטס: פערעדאָנאָוו האָט זיי זייער גערן געהאַט. וואַרוואַרא איז אַרומגעלאָפן איבער דער קיך, אויף די הויכע אָפּצאַסן, און זיך געאיילט, אַז צו זיין קומען זאָל שוין אַלץ זיין פאַרטיק. וואַרוואַרא האָט מורא געהאַט, אַז די דינסט, די געשטופּלטע, דיקע מויד נאַטאַליע, וועט צוגנבענען אַ פּירעשקע און אפשר נאָך מער. דערפאַר טאַקע איז וואַרוואַרא נישט אָפּגעטראָטן פון דער קיך און, ווי אַלעמאָל, געזידלט די דינסט. אויף איר צעקנייטשט געזיכט, אויף וועלכן ס'האָבן זיך נאָך געמערקט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט, איז שטענדיק געווען אַ בייז-להוטער אויסדרוק.

ווי אַלעמאָל האָט אויך דאָסמאָל פּערעדאָנאָוון ביים אַריינקו־ אין שטוב אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון אומצופרידנקייט און אומעט. ער איז אַריין אין עסצימער מיט גערויש, אַ שליידער געטון דעם קאַפּעליוש אויפן פענסטער, זיך געזעצט צום טיש און אַ געשריי געטון:

— וואַריאַ, דערלאַנג!

וואַרוואַרא האָט דאָס עסן געטראָגן פון דער קיך און שמיידיק אונטערגעהונקען אין די פּאַנטאָפֿליעס, שמאָלע שיך און אַליין באַדינט פּערעדאָנאָוון. אַז זי האָט געבראַכט די קאַווע, האָט זיך פּערעדאָנאָוו אָנגעבויגן צום גלאָז און אַ שמעק געטון. וואַרוואַרא האָט אויפגעצי־טערט און דערשראָקן איבערגעפרעגט:

— וואָס, אַרדאַליאָן באָריסיטש? די קאַווע פּילט זיך?

פּערעדאָנאָוו האָט ברוגז אַ קוק געטון אויף איר און מיט פּעס אַ מורמל געטון:

— איך שמעק, צי עס פילט זיך נישט קיין סם.

— וואָס רעדסטו, אַרדאַליאָן באָריסיטש! — האָט וואַרוואַרא דער־שראָקן אויסגעשריגן. — גאָט איז מיט דיר, וואָס נאָך ווילסטו אויס־טראַכטן?

— פּראַווועסט שוין דיינע שטיק? — האָט ער געבורטשעט.

— וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל דיך סמען, — האָט אים וואַרוואַרא איבערצייגט — גענוג געהאַקט אַ טשייניק!

פּערעדאָנאָוו האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געשמעקט, ענדלעך האָט ער זיך באַרויקט און אַ זאָג געטון:

— אַז עס וואָלט זיין סם, וואָלט זיך דער שווערער גרוך געוויס געפילט, נאָר פון נאָענט אַ שמעק צו טון, — אין דער פּאַרע אַריין.

ער האָט געשוויגן אַ ביסל און פּלוצים אַרויסגערעדט מיט כּעס און שפּאָט:

— די פּירשטין!

וואַרוואַרא איז געוואָרן אויפגערעגט.

— וואָס די פּירשטין? וואָס עפּעס די פּירשטין?

— אָט וואָס מיט דער פּירשטין, — האָט פּערעדאָנאָוו זיך צורעדט — ניין, זאָל זי מיר פריער געבן דעם פּאָסטן, און נאָכדעם וועל איך שוין חתונה האָבן. אָט אַזוי זאָלסטו איר טאַקע אָנשרייבן.

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, דו ווייסט דאָך, — האָט וואַרוואַרא געהויבן רעדן מיט אַן איבערצייגנדיקן טאָן — אַז די פירשטן זאָגט נאָר דעמאָלט, בעת איך וועל האָבן חתונה געהאַט. אַנישט איז איר אומבאַקוועם צו בעטן פאַר דיר.

— שרייב איר אָן, אַז מיר האָבן שוין חתונה געהאַט, — האָט פערעדאָנאָוו שנעל אַ זאָג געטון און צופרידן געוועזן מיטן איינפאַל זיינעם.

— צו וואָס נאָך אָפּנאַרן, — די פירשטין קאָן זיך דאָך נאָכפרעגן. ניין, בעסער פון אַלץ איז, באַשטימ דעם טאָג פון דער חתונה. און צייט שוין אַ קליידל אויפנייען.

— וואָס פאַראַ קליידל? — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט ברוגז.

— איז וואָס-זשע מיינסטו, אַז אין דער שמאַטע וועל איך חתונה האָבן? — האָט וואַרוואַרא אויסגעשריגן. — אַרדאַליאָן באָריסיטש, גיב געלט אויף אַ קליידל.

— אויף תּכריכים אפשר? — האָט פערעדאָנאָוו אַ פרעג געטון מיט כּעס.

— הונט איינער, אַרדאַליאָן באָריסיטש! — האָט וואַרוואַרא אויסגעשריגן מיט פאָרוואורף.

פּלוצים האָט זיך פערעדאָנאָוון פאַרגלוסט צו רייצן זיך מיט וואַרוואַרען. ער האָט אַ פרעג געטון:

— וואַרוואַרא, ווייסט אפשר, ווו איך בין געוועזן?

— נו, אַוווּ דען? — האָט וואַרוואַרא אומרויק איבערגעפרעגט.

— ביי ווערעשינאַן. — האָט ער אַ זאָג געטון און זיך צעלאַכט.

— געפונען צו וועמען צו גיין, — האָט וואַרוואַרא מיט כּעס אויסגעשריגן — נישטאָ וואָס צו רעדן!

— איך האָב געזען מאַרטאַן. — האָט פערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט.

— מיט די זומערשפּרענקעלעך, — האָט וואַרוואַרא מיט נאָך מער כּעס איבערגעחזרט — און אַ מויל האָט זי ביז די אויערן, כאָטש נעם און ניי עס צו אַ פראָש.

— זי איז אָבער דאָך שענער פון דיר, — האָט פערעדאָנאָוו

געטענהט. — אָט וועסטו זען, אַז איך וועל מיט איר נאָך חתונה האָבן.

— פּרוּוו נאָר חתונה האָבן מיט איר, — האָט וואַרוואַרא אויסגעשריגן, אַ רויטע, אַן אויפגעטרייסלטע פון בייזקייט — איך וועל איר די אויגן מיט זאַלץ-זויר אויסברענען.

— איך שפּיי אויף דיר. — האָט פּערעדאָנאָוו רויק אַ זאָג געטון.

— וועסט נישט שפּייען! — האָט וואַרוואַרא געשריגן.

— און איך וועל דווקא יאָ שפּייען. — האָט פּערעדאָנאָוו צוגעגעבן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ טעמפּן און גלייכגילטיקן אָנבליק איר אַ שפּיי געטון אין פּנים.

— חזיר! — האָט וואַרוואַרא גאַנץ רויק אַרויסגערעדט, גלייך ווי דער שפּיי וואָלט זי אָפּגעפרישט.

און האָט זיך גענומען אַרומווישן מיט דער סאַלפעטקע. פּערעדאָנאָוו האָט געשוויגן. פאַר דער לעצטער צייט איז ער געווען זייער גראָב מיט וואַרוואַראן. און פריער פלעגט ער זיך מיט איר אויפפירן אויך נישט גאָר פיין. אויפגעמונטערט פון זיין שווייגן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן העכער:

— געמיינער שווין. גלייך אין מאָרדע אַריין געטראָפן.

אין דעם פאָרהויז האָט זיך דערהערט אַ מעקענדיקע, כמעט שעפּסענע שטימע.

— גוואַלדעווע נישט, — האָט פּערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון — געסט.

— נו, ס'איז פּאַוולושא. — האָט וואַרוואַרא מיט אַ שמייכל אָנגעמערקט.

אַריין איז מיט אַ הילכיקן פריילעכן געלעכטער פּאַוול וואַסילעוויטש וואָלאָדין, אַ שיינער מאַנסביל, בכלל — מיטן געזיכט און מיט דער מינע — זייער ענלעך אויף אַ שאָפּבאָק: די האָר, אַזוי ווי ביי אַ שאָפּבאָק, געקרייזלטע, די אויגן — בולטע און טעמפּע, — אַלץ, ווי ביי אַ צעלאָזענעם שאָפּבאָק, — אַ נאַרישער יונגערמאַן. ער איז געווען אַ סטאָליאַר, זיך פריער געלערנט אין האַנטווערקערשול, און איצט איז ער געווען אַ לערער פון האַנטווערקעריי אין דער אָרטיקער שטאָט-שול.

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, פריינט-לעב, — האָט ער פריידעווידיק

אויסגעשריגן — ביסט אינדערהיים, טרינקסט קאַווע, און אַט בין איך, זעסטו, געקומען.

— נאַטאַשקאַ, ברענג אַהער אַ דריט טעפּל! — האָט וואַרוואַרא אַ געשריי געטון.

פון דער קיך האָט זיך געהערט, ווי נאַטאַליאַ קלינגט מיטן איינציק איבערגעבליבענעם טיי לעפעלע: די איבעריקע זענען געווען באַהאַלטן.

— עס, פּאַוולושאַ. — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט, און געזען האָט זיך, אַז ער וויל מכבד זיין וואָלאָדינען מיטן פולן מויל. — איך, ברודערקע, וועל שוין אינגיכן אַריבער אַלס אינספּעקטאָר — די פירשטין האָט עס וואַריאַן אַליין צוגעזאָגט.

וואָלאָדין איז געוואָרן אויסער זיך פון שמחה און זיך צעלאַכט.

— און דער צוקונפטיקער פּראָפעסאָר זיצט און טרינקט קאַווע?

— האָט ער אויסגעשריגן און אַ קלאַפּ געטון פּערעדאָנאָוון איבער דער פּלייצע.

— און דו מיינסט, ס'איז אַזוי גרינג צו ווערן אינספּעקטאָר? מ'קאָן מסרן, — און אויס!

— וואָס עפּעס קאָן מען מסרן? — האָט וואַרוואַרא מיט אַ שמייכל איבערגעפרעגט.

— מאַלע וואָס מ'קאָן. מ'קאָן זאָגן, אַז כ'האָב געלייענט פּיסאַרעוון.

— און אַ הו!

— און איר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, נעמט דעמדאָזיקן פּיסאַרעוון און פאַרפּאַקט אים ערגעץ אונטער אַ פּאָליצע. — האָט וואָלאָדין געעצהט און אונטערגעכיכעט...

פּערעדאָנאָוו האָט מיט פאַרדאַכט אַ קוק געטון אויף וואָלאָדינען און אַ זאָג געטון:

— ס'קאָן זיין, אַז כ'האָב גאָר קיינמאָל נישט געהאַט דעם דאָזיקן פּיסאַרעוו. ווילסט אפשר אויסטרינקען, פּאַוולושאַ?

וואָלאָדין האָט אַרויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ. געמאַכט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט ווי אַזוי זיך אָפּצושאַצן; און פאַרבייגנדיק דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווי אַ שאָפּבאָק, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיט קאָמפּאַניע בין איך שטענדיק גרייט אויסצוטרינקען, אָבער אַליין — קיינמאָל נישט.

און פּערעדאָנאָוו איז אויך שטענדיק גרייט געווען אויסצוטרינקען. האָט מען אויסגעטרונקען בראָנפן, פאַרביסן מיט זיסע פּירעשקעס.

פּלוצים האָט פּערעדאָנאָוו אַ פּליעסק געטון דעם קאַווע אָפּפאַל אויף די טאַפּעטן. וואָלאָדין האָט אויסגעטעלעפּעט זיינע שעפּסענע אויגן און זיך אומגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. די טאַפּעטן זענען געווען איינגעריכט, צעריסן. וואָלאָדין האָט איבערגעפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טאַפּעטן?

פּערעדאָנאָוו און וואַרוואַרא האָבן זיך צעלאַכט.

— אויף צו להכעיס דער באַלעבאָסטע — האָט וואַרוואַרא אַ זאָג געטון — מיר קלויבן זיך אינגיכן איבער. איר זאָלט עס נאָר נישט אויספּלאַפּלען.

— אויסגעצייכנט! — האָט וואָלאָדין אויסגעשריגן און זיך פריידעוודיק צעלאַכט.

פּערעדאָנאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און גענומען איר קלאַפּן מיט די זוילן. וואָלאָדין האָט אים נאָכגעטון און אויך גענומען בריקעווען אין דער וואַנט. פּערעדאָנאָוו האָט אַ זאָג געטון:

— אַלעמאָל, בשעת מיר עסן, באַשמוצן מיר די ווענט. זאָל זי געדענקען.

— ס'אַראַ קניידלעך מיר האָבן עס אָנגעלייגט! — האָט וואָלאָדין מיט פרייד אויסגעשריגן.

— אירישקא וועט אַראָפּ פון זינען—האָט וואַרוואַרא מיט אַ טרוקן און שלעכט געלעכטער אַ זאָג געטון.

און אַלע דריי האָבן שטייענדיק ביי דער וואַנט, געשפּיגן אויף איר, געריסן די טאַפּעטן און געקלאַפּט אין איר מיט די שיך. נאָכדעם זענען זיי מידע און צופרידענע אַוועק פון איר.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן דעם קאָטער. דער קאָטער איז געווען אַ דיקער, אַ ווייסער, אַ מיאוסער. פּערעדאָנאָוו האָט אים אַ קיצל געטון, — געריסן אים די וואָנסן, דעם עק, געטרייסלט אים ביים האַלז. וואָלאָדין האָט געלאַכט און אונטערגעזאָגט פּערעדאָנאָוון, וואָס מ'קאָן נאָך עפּעס טון:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, גיב אים אַ בלאָז אין די אויגן אַריין! גיב אים אַ גלעט אַקעגן די האָר!

דער קאָטער האָט געניסט און געמיט זיך אַרויסצורייסן, ער האָט אָבער נישט געוואַגט צו באַווייזן די נעגל, — פאַר אַזאַ זאַך האָט מען אים געשלאָגן מכּת-רצח. ענדלעך איז די דאָזיקע שפּיל דערעסן געוואָרן, און פערעדאָנאָוו האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיך.

— הער נאָר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, וואָס כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן — האָט וואָלאָדין זיך אָפּגערופן. — דעם גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי עס נישט צו פאַרגעסן און שיר אָט האָב איך עס נישט פאַרגעסן.

— נו? — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז איבערגעפרעגט.

— דו האָסט דאָך גערן זיסע זאַכן. — האָט וואָלאָדין מיט פרייד אַרויסגערעדט. — איז אָט ווייס איך אַזאַ מין מאכל, אַז דו וועסט די פינגער לעקן.

— איך אַליין קען גענוי אַלע געשמאַקע מאכלים, — האָט פערעדאָנאָוו באַשטעטיקט.

וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע.

– מעגלעך, — האָט ער אַ זאָג געטון — אַז איר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, קענט גענוי אַלע געשמאַקע מאכלים, וואָס מען מאַכט ביי אייך, אין אייערע קאַנטן, אָבער ווי אַזוי אַ שטייגער קאָנט איר וויסן אָט די אַלע געשמאַקע מאכלים, וואָס מען פּראַוועט צו אין אונזערע קאַנטן, אויב איר זענט נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אונזערע קאַנטן?

און צופרידן מיטן איבערצייגנדיקן טאָן פון זיינע ווערטער, האָט זיך וואָלאָדין צעלאַכט, צעמעקעט.

— אין אייערע קאַנטן פרעסט מען געפרעגלטע קעץ. — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון מיט כּעס.

— דערלויבט, ארדאליאָן באָריסיטש — האָט וואָלאָדין מיט אַ קוויטשיק און לאַכנדיק קול איבערגעזאָגט — דאָס מוז מען אוודאי ביי אייך אינדערהיים עסן געפּרעגלטע קעצלעך. דאָס איז נישט אונזער זאַך, אָבער יערלע האָט איר נאָך קיינמאָל נישט געגעסן.

— ניין, כ׳האָב נאָך נישט געגעסן. — האָט זיך פערעדאָנאָוו מודה געווען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל? — האָט וואַרוואַרא איבערגעפרעגט.

— וואָס פאַר אַ מאכל? — האָט וואָלאָדין געגעבן צו פאַרשטיין.

— איר ווייסט, וואָס אַזוינס ס׳איז רייז־קאַשע?

— נו, ווער ווייסט נישט, וואָס רייז־קאַשע איז — האָט וואַרוואַרא מיט אַ שמי־כל געענטפערט.

— איז אָט אַ הירזשענע קאַשע מיט ראָזשינקעס, מיט צוקער, מיט מאַנדלען. אָט דאָס הייסט יערלע.

און וואָלאָדין האָט מיט אַלע פרטים דערציילט, ווי אַזוי מען פראַוועט צו ביי זיי אינדעדהיים יערלע. פערעדאָנאָוו האָט אומעטיק אויסגעהערט. רייז־קאַשע — וואָס; פאַוולושקא וויל אים שוין פאַרעכענען פאַר אַ געשטאָרבענעם?

וואָלאָדין האָט פאָרגעלייגט:

— אויב איר ווילט, אַז אַלץ זאָל זיין, ווי עס באַדאַרף צו זיין, גיט מיר דאָס מאַטעריאַל, און איך וועל אייך שוין צופראַווען אַ יערלע.

— לאָז אַריין דעם צאַפּ אין גאָרטן אַריין. — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז אַ זאָג געטון.

„ער וועט דאָך עפּעס אַריינשיטן", — האָט ער אַ טראַכט געטון.

וואָלאָדין האָט זיך ווידער באַליידיקט.

— אויב איר מיינט טאַקע, ארדאליאָן באָריסיטש, אַז איך וועל ביי אייך צולקחענען אַ ביסל צוקער, האָט איר אַ גרויסן טעות, — איך דאַרף אייער צוקער אויף כפרות.

— נו, וואָס האַקט איר אַ טשייניק, — האָט וואַרוואַרא איבערגע־שלאָגן — איר ווייסט דאָך, אַז ער איז פול חסרונות. קומט צוגיין און קוקן.

— וועסט דאָס אַליין עסן, — האָט פערעדאָנאָוו אונטערגעזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט וואָלאָדין מיט אַ ציטערדיק און באַ־ליידיקט קול איבערגעפרעגט.

— דערפאַר, ווייל דאָס איז פאַסקודסטווע.

— ווי איר ווילט זיך, ארדאליאָן באָריסיטש. — האָט וואָלאָדין איבערגעזאָגט און אַ קוועטש געטון מיט די פלייצעס. — און איך האָב אייך נאָר געוואָלט צוליב טון, און אויב אייך שטייט נישט אָן, איז אייער ברירה.

— און ווי אַזוי האָט דיך דער גענעראַל אַרומגעגאָלט? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט.

— ס'אַראַ גענעראַל? — האָט וואָלאָדין געענטפערט מיט אַ פראַגע און איז רויט געוואָרן, אָנבלאָזנדיק די אונטערשטע ליפּ.

— מיר האָבן געהערט, געהערט. — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעזאָגט.

וואַרוואַרא האָט געשמייכלט.

— דערלויבט, ארדאליאָן באָריסיטש, — האָט וואָלאָדין גערעדט מיט היץ — איר האָט געהערט קלינגען און קאָנט נישט נאָכפאָלגן. איך וועל אייך דערציילן, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען.

— נו, דערצייל, — האָט פּערעדאָנאָוו אונטערגעזאָגט.

— דאָס איז געווען אייערנעכטן, — האָט וואָלאָדין דערציילט — פּונקט אין דער זעלבער צייט. ביי אונז אין דער שול, ווי אייך איז באַוווּסט, מאַכט מען איצט אין וואַרשטאַט אַ רעמאָנט. און אָט, ווי איר זעט, זענען צו אונז געקומען ווערינגא מיט אונזער אינספּעקטאָר באַטראַכטן דעם רעמאָנט, און מיר האָבן געלערנט אין הינטערשטן צימער. גוט. איך בין גאָרנישט אויסן, צו וואָס ווערינגא איז געקומען, וואָס ער באַדאַרף — נישט מיין עסק. אייגנטלעך, ווייס איך, אַז ער איז דער אָנפירער פון אַדל, און צו אונזער שול האָט ער קיין שום שייכות נישט. נאָר איך וויל פון דעם נישט רעדן. ער קומט. ביטע, געזונטערהייט. מיר שטערן זיי נישט, אַרבעטן זיך צוביסלעכווייז, — מיטאַמאָל קומען זיי אַריין צו אונז; און ווערינגא, זעט איר, איז אין היטל.

— אַזאַ אומכבוד האָט ער דיר אַרויסעוויזן. — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז אַ זאָג געטון.

— ווי איר זעט — האָט וואָלאָדין אונטערגעכאַפּט מיט פרייד — און ביי אונז הענגט אַ הייליק בילד, און מיר אַלע גייען אָן היטלען, און ער גייט זיך אַריין, אַזוי ווי אַ מאַמעליוק. האָב איך מיר דערלויבט אים אָנצוווייזן, שטיל, פיין: אייער עקסעלענץ, רוף איך מיך אָפּ, זייט אַזוי גוט און נעמט אַראָפּ אייער היטל, ווייל ביי אונז הענגט דאָ אַ הייליק בילד. האָב איך, חלילה, שלעכט געמיינט? — האָט וואָלאָדין איבערגעפרעגט און מיט אַ פראַגעצייכן אויפגעשטעלט זיינע אויגן.

— זייער ווויל, פּאַוולושקאַ, — האָט פּערעדאָנאָוו אויסגעשריגן — אַזוי דאַרף מען טאַקע.

— אוודאי, וואָס עפּעס אים דורכלאָזן. — האָט וואַרוואַרא אים אונטערגעהאַלטן. — מאָלאָדיעץ, פּאַוועל וואַסילעוויטש.

וואָלאָדין האָט מיט אַן אויסזען פון אַן אומזיסט-באַליידיקטן מענטשן ווייטער גערעדט:

— און ער נעמט דאָס פּלוצים און גיט מיר אַ זאָג: יעדער גריל זיצט אין זיין דיל. זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. אָט דאָס איז די מעשה אינגאַנצן, און מער גאָרנישט.

וואָלאָדין האָט זיך דאָך געפּילט מעשה-העלד. פּערעדאָנאָוו האָט אים אַלס סימן פון טרייסט דערלאַנגט אַ קאַרמעלקע.

אַריין איז נאָך אַ גאַסט, סאָפיאַ יעפימאָוונאַ פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ, דעם וואַלד-שומרס פרוי, אַ פולע, מיט אַ גוטמוטיק-קלוגיטשקע געזיכט און רירעוודיקע באַוועגונגען, מען האָט איר מכבד געווען מיט פרי-שטיק. זי האָט מיט אַ בייז געלעכטערל אַ פרעג געטון וואָלאָדינען:

— וואָס זענט איר, פּאַוועל וואַסיליטש, עפּעס געוואָרן אַזאַ אָפ-טער אַריינגייער צו וואַרוואַראן?

— נישט צו וואַרוואַראן דמיטרעוונאן בין איך אַריין אַהער, — האָט וואָלאָדין באַשיידן געענטפערט — נאָר צו ארדאליאָן באָריסיטשן.

— איר האָט זיך אוודאי אין ווען פאַרליבט? — האָט פּרעפּאָ-לאָווענסקאַיאַ מיט אַ געלעכטערל איבערגעפרעגט.

אַלע האָבן געוווסט, אַז וואָלאָדין זוכט אַ כלה מיט נדן, ער האָט זיך שוין געשדכנט צו אַ סך, און אומעטום האָט מען אים אָפּגע-זאָגט. פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַס שפּאַס האָט אים געטראָפן אין האַרץ אַריין. מיט אַ ציטערדיק קול, וואָס האָט אינגאַנצן דערמאָנט אַ באַליידיקטן שאָפּבאָק, האָט ער אַ זאָג געטון:

— און אויב איך האָב זיך אפילו איינגעליבט, סאָפיאַ יעפימאָוו-נאַ, איז דאָס אויך קיינעם נישט נוגע חוץ מיר און דער פּערזאָן, און איר קערט זיך דערמיט כלל נישט אָן.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט.

— זעט נאָר, — האָט זי זיך צערעדט — אַז וואַרוואַרא דמיטריעוונאַ זאָל זיך חלילה נישט פאַרליבן אין אייך, ווער וועט דעמאָלט ארדאליאָן

באָריסיטשן מאַכן זיסע פּירעשקעס?

וואָלאָדין האָט אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ, אויפגעהויבן די ברעמען און שוין נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

— שרעקט זיך נישט, פּאַוועל וואַסילעוויטש, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ ווייטער גערעדט — מיט וואָס דען פּאַסט איר זיך נישט אַלס אַ חתן — יונג. שיין.

— אפשר וועט וואַרוואַרא דמיטרעוונאַן גאָרנישט אָנשטיין. — האָט זיך וואָלאָדין צעכיכעט.

— וואָס הייסט, איר וועט נישט אָנשטיין. — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ אָפּגעענטפערט. — איר זענט מיר, איר זאָלט מיר מוחל זיין, שוין צו באַשיידן.

— און אפשר, וועל איך גאָרנישט וועלן, — האָט וואָלאָדין מיט אַ הנדל אַ זאָג געטון, — אפשר וועל איך גאָרנישט וועלן חתונה האָבן מיט אַ פרעמדנס אַ שוועסטער. אפשר, האָב איך מיר, אינדערהיים ביי זיך, אויך אַזאַ שוועסטער.

ער האָט שוין מיט אַן אמת אָנגעהויבן גלויבן, אַז וואַרוואַרא איז גאָרנישט דערגעגן מיט אים חתונה צו האָבן. וואַרוואַרא איז געווען אין כעס. זי האָט וואָלאָדינען געהאַלטן פאַר אַ נאַר; און צו דעם נאָך האָט ער פאַרדינט אַ פערט חלק פון פּערעדאָנאָוון. פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט ווידער געוואָלט חתונה מאַכן איר שוועסטער מיט פּערעדאָנאָוון און דעריבער האָט זי געוואָלט אָנמאַכן אַ מחלוקת צווישן פּערעדאָנאָוון און וואַרוואַראַן.

— וואָס שדכנט איר מיך עפּעס, — האָט וואַרוואַרא איר אויסגערעדט מיט פאַרדרוס — אָט נעמט בעסער אייער מוזינקע און שדכנט זי פאַר פּאַוועל וואַסילעוויטשן.

— צו וואָס דאַרף איך אים פון אייך צונעמען. — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ מיט שפּאַס אפּגעענטפערט.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַס שפּאַס האָט גאָר געגעבן אַן אַנדער ווענדונג פּערעדאָנאָווס פאַמעלעכדיקע געדאַנקען, און דערצו נאָך איז די יערלע אים טיף אַריין אין קאָפּ. צו וואָס האָט דאָס וואלאדין אויסגעטראַכט אַזאַ געריכט? פּערעדאנאוו האָט נישט גערן געהאַט צו טראַכטן. אין דער ערשטער מינוט האָט ער גלייך געגלויבט אין דעם, וואָס מען

האָט אים געזאָגט. אָט אַזוי האָט ער אויך געגלויבט אין דעם, אַז וואָלאָדין איז פֿאַרליבט אין וואַרוואַראַן. ער האָט געטראַכט: מ׳וועט אים באַשווינדלען, חתונה מאַכן מיט וואַרוואַראַן, און נאָכדעם, ווען זיי וועלן שוין פֿאָרן אין שטאָט אַריין, ווי ער וועט דאַרפֿן פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן אַלס אינספּעקטאָר, וועלן זיי אים אונטערוועגס פֿאַרסמען מיט יערלע און פֿאַרבייטן אים מיט וואָלאָדינען; אים וועט מען מקבר זיין אַלס וואָלאָדינען, און וואָלאָדין וועט ווערן אינספּעקטאָר. פֿיין צוגעטראַכט!

פּלוצים האָט זיך אין פֿאָרהויז דערהערט אַ רעש. פּערעדאָנאָוו און וואַרוואַרא האָבן זיך דערשראָקן. פּערעדאָנאָוו האָט אומבאַוועגלעך אָנגעשטעלט אויף דער טיר זיינע צונויפֿגעזשמורעטע אויגן. וואַרוואַרא האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר פֿון זאַל, זי עטוואָס אויפֿגעמאַכט, אַריינגעקוקט, און נאָכדעם פּונקט אַזוי שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, באַלאַנסירנדיק מיט די הענט און מיט אַ פֿאַרלוירענעם שמייכל, זיך אומגעקערט צוריק צום טיש. פֿונם פֿאָרהויז האָבן זיך געהערט קוויטשיקע קולות און אַ גערויש, אַזוי ווי מען וואָלט זיך דאָרט דאַנגלען. וואַרוואַרא האָט געשעפּטשעט:

– יערשיכא — שיכּור-לוט, — נאַטאַשקע לאָזט זי נישט, און זי רייסט זיך אין זאַל אַריין.

— טאָ וואָס זאָל מען טון? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפּרעגט מיט שרעק.

זיי זענען אַריין אין זאַל, און די טיר הינטער זיך פֿאַרמאַכט. וואַרוואַרא איז אַרויס אין פֿאָרהויז מיט אַ שוואַכער האָפֿנונג צו פֿאַרהאַלטן די באַלעבאָסטע אָדער זי אַוועקזעצן אין קיך. זי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר די באָקעס און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל און אָנגעהויבן צו שיטן מיט זלזולים, אָנשטאָט אַ ברוך-הבא. פּערעדאָנאָוו און וואַרוואַרא האָבן געשמאַיעט אַרום איר און זיך געמיט זי אַוועקצוזעצן אויף אַ שטול, נענטער צום פֿאָרהויז און וואָס ווייטער פֿון עס-צימער. וואַרוואַרא האָט איר פֿון דער קיך געבראַכט בראָנפֿן, ביר, פּירעשקעס. די באַלעבאָסטע האָט זיך אָבער נישט אַוועקגעזעצט, גאָרנישט גענומען און זיך געריסן אין עס-צימער אַריין, זי האָט אָבער בשום-אופֿן נישט געקאָנט טרעפֿן רעכט די טיר. זי איז געווען

רויט, צעפּאַטלט, שמוציק, און ס'האָט זיך פון איר שטאַרק געפילט דער בראָנפן, זי האָט געשריגן:

— ניין, דו זעץ מיך ביי דיין טיש, וואָס ברענגסטו מיר עס אויף אַ טאַץ. איך וויל אויף אַ טישטוך. איך בין אַ באַלעבאָסטע, טאָ האַלט מיך בכבוד. דו קוק נישט, וואָס איך בין שיכור. דערפאַר בין איך אַן ערלעכע און בין מיין מאַנס פרוי.

וואַרוואַרא האָט פחדניש און עזותדיק געשמייכלט און געטענהט:

— יאָ, מיר ווייסן עס.

יאַרשאַווא האָט אַ ווונק געטון צו וואַרוואַראַן, זיך הייזעריק צע־לאַכט און ווילעריש אַ קנאַק געטון מיט די פינגער. זי איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער חוצפהדיקער.

— שוועסטערקע! — האָט זי געשריגן. — מיר ווייסן, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ שוועסטער. און פאַרוואָס עפּעס קומט צו דיר נישט די דירעקטאָרן? אַ? וואָס?

— שרייט נישט אַזוי. — האָט וואַרוואַרא זיך געבעטן.

יאַרשאַווא האָט אָנגעהויבן נאָך העכער שרייען.

— ווי וואַגסטו מיר עפּעס אָנצווייזן! איך בין ביי זיך אינדער־היים, וואָס איך וויל, דאָס טו איך. וויל איך, טאָ טרייב איך אייך באַלד פון דאַנעט אַרויס, אייער געביין זאָל דאָ נישט זיין. איך בין אָבער גוט צו אייך, ווינט זיך דאָ, אדרבה, איר זאָלט נאָר קיין עוולות נישט טון.

אין דער צייט זענען וואָלאָדין און פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ זיך רויק און באַשיידן געזעסן ביים פענסטער און געשוויגן. פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט לייכט געשמייכלט, געקוקט קרום אויף דער סקאַנדאַליסטן, און זיך געמאַכט כלומרשט, ווי זי קוקט גאָר דרויסן אַרויס. וואָלאָדין איז געזעסן מיט אַ באַליידיקט־בולטן אָנבליק אויפן געזיכט.

יאַרשאַווא האָט אויף אַ ווײַלע באַקומען אַ גוטמוטיקע שטימונג און זיך פריינטלעך געווענדט צו וואַרוואַראַן, און מיט אַ שיכורן און פריילעכן שמייכל איר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— ניין, הער בעסער, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — דו זעץ מיך אַנידער ביי דיין טיש, און זיי מיך מכבד מיט אַ פריצישן שמועס.

און שטעל אַוועק כּיבוד זיסע זשאַמאָטשקעס. זיי מכבד דיין באַלעבאָסטע, אָט אַזוי, טייער מיידל דו מיינס.

— אָט, האָסטו פּירעשקעס. — האָט וואַרוואַרא אַרויסגערעדט.

— איך וויל נישט קיין פּירעשקעס, איך וויל פּריצישע זשאַמאָלעך. — האָט יאַרשאַווא געשריגן, מאַכנדיק מיט די הענט. — די פּריצים עסן געשמאַקע זשאַמקעלעך, אוי-אוי, ס'אַראַ געשמאַקינקע!

— איך האָב נישט קיין זשאַמקעלעך, — האָט וואַרוואַרא געענטפערט — ווערנדיק דרייסטער פון דעם, וואָס די באַלעבאָסטע איז געוואָרן פריילעכער — אָט האָסטו פּירעשקעס, ווילסטו — פּרעס.

פּלוצים האָט זיך יאַרשאָווא געכאַפּט, ווי די טיר איז. זי האָט אָנגעהויבן גוואַלדעווען:

— מאַך אַ וואַרע, דו פאַלשע זאַך דו!

זי האָט אָפּגעשטופּט וואַרוואַראַן און זיך אַ יאָג געטון צו דער טיר. מען האָט איר נישט באַוויזן צו פאַרהאַלטן. זי האָט אָנגעבויגן זייטיק דעם קאָפּ, צונויפגעדריקט די קולאַקעס, און זיך אַרייגעריסן אין עס-צימער אַריין, צעפּראַלנדיק מיט אַ רעש די טיר. דאָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער שוועל, דערזען די פאַרשמוצטע טאַפּעטן און שאַרף אַ פייף געטון. זי האָט זיך געכאַפּט פאַר די באָקעס, ווויליש אַרויסגעשטעלט דעם פוס און זיך צעגוואַלדעוועט:

— אַזוי הייסט עס, איר ווילט זיך אין דער אמתן טאַקע אַרויסציען!

— וואָס רעדסטו עפּעס, אירענע סטעפּאַנאָוונא — האָט וואַרוואַרא מיט אַ ציטערנדיקער שטים זיך צעטענהט — מיר טראַכטן אפילו נישט. וואָס דולסטו זיך דען אַ קאָפּ.

— מיר קלויבן זיך אין ערגעץ נישט — האָט פּערעדאָנאָוו צוגע-באָמקעט — אונז איז דאָ אויך גוט.

די באַלעבאָסטע האָט נישט געהערט, זי איז צו צו דער דערשראָקענער וואַרוואַראַן און געמאַכט מיט די קולאַקעס איבער איר פּנים. פּערעדאָנאָוו איז געשטאַנען הינטער וואַרוואַראַן. ער וואָלט זייער גריילעך אַנטלאָפן, נאָר אים איז נייגיריק געווען זיך צוצוקוקן, ווי אַזוי וואַרוואַרא מיט דער באַלעבאָסטע וועלן זיך צעפּאַטשן.

— אָט שטעל איך זיך אויף איין פוס, פאַר דעם צווייטן אַ שלעפּ און איך צערייס דיך אויף צווייען. — האָט יאַרשאַווא ווילד געשריגן.

— וואָס רעדסטו, אירענע סטעפּאַנאָוונא — האָט וואַרוואַרא זי איינגענומען — הער אויף, ס'זיצן דאָך געסט.

— ווו זענען דיינע געסט, — האָט זיך יאַרשאַוואַ צעשריגן — ווייז זיי מיר, איך דאַרף זיי טאַקע האָבן.

יאַרשאָוואַ האָט זיך וואַקלענדיק אַ וואָרף געטון אין זאַל אַריין און פּלוצים געענדערט איר לשון און איר האַנדלונג, זיך אָנגערופן צו פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַן, פאַרנייגנדיק זיך פאַר איר און שיר דערביי נישט אומגעפאַלן.

— פּריצטע, טייערע, סאָפיאַ יעפרימאָוונאַ, זייט מיר מוחל, מיר אַ שיכורער פרוי, און דאָס, וואָס איך וויל אייך זאָגן, איז אָט וואָס. איר קומט צו זיי, איר ווייסט אָבער, וואָס זיי זאָגן אויף אייער שוועסטער? און וועמען? מיר אַ שיכורער שוסטעריקע! צו וואָס? אַז איך זאָל עס אַלעמען אויספּויקן, אָט צו וואָס!

וואַרוואַרא איז געוואָרן רויט, ווי אַ צוויק, און באַמערקט:

— איך האָב דיר גאָרנישט נישט געזאָגט.

— האָסט גאָרנישט נישט געזאָגט? דו הינטיש בלוט, פאַרשיווע?— האָט יאַרשאַווא זיך צעשריגן צוטרעטנדיק צו וואַרוואַראַן מיט צונויפגעדריקטע קולאַקעס.

— נו, שווייג — האָט וואַרוואַרא אַ בורטשע געטון פאַרשעמט.

— ניין, איך וועל נישט שווייגן, — האָט יאַרשאָוואַ בייז פרייד עוודיק אַ געשריי געטון און זיך ווידער געווענדט צו פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַן — אַז זי לעבט, כלומרשט, מיט אייער מאַן, אייער שוועסטער, אָט וואָס, אָ די פאַסקודניצע, האָט מיר געזאָגט.

סאָפיאַ האָט אַ בליק געטון מיט אירע קלוגיטשקע און הייסע אויגן אויף וואַרוואַראַן, זיך אויפגעהויבן און אַ זאָג געטון מיט אַ געמאַכט געלעכטער:

— איך דאַנק אייך זייער, איך האָב דאָס נישט דערוואַרט.

— דו לייגסט! — האָט וואַרוואַרא ווילד אַ קוויטש געטון אויף יאַרשאָוואַן.

יאַרשאווא האָט בייז אַ הוק געטון, אַ טופּע און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף וואַרוואַראַן און זיך ווידער געווענדט צו פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַן:

— יאָ, וואָס האָט דער פּריץ וועגן איך, פּריצטע מײַנע, סאָפּיאַ עפּימאָוונאַ זיך אויסגעדריקט! אַז פּריער האָט איר עס... און נאָכֿדעם ערשט חתונה געהאַט. אָט וואָס פֿאַר אַ מנוולדיקע פֿאַרשוינען זײַ זענען! שפּײַט זײַ אָן אַ פֿול פּנים, פּריצטע מײַנע, נישט כּדאַי מיט אַזוינע פֿאַרשיווע מענטשן אַ וואָרט אויסצורעדן.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ איז רויט געוואָרן און שווײַגנדיק אַרויס אין פֿאָרהויז. פּערעדאָנאָוו האָט זיך געלאָזט לויפֿן נאָך איר, זיך פֿאַרענטפֿערנדיק:

— זי לײַגט, גלויבט איר נישט. איך האָב נאָר אײנמאָל פֿאַר איר זיך אַרויסגעכֿאַפּט, אַז איר זענט אַ נאַר, אי דאָס בין איך דעמאָלט בײַז געווען, בײַ גאָט, אַז איך האָב קײנמאָל גאָרנישט נישט געזאָגט,— זי האָט עס אַלײן אויסגעדראָדלט.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט רויק אָפּגעענטפֿערט:

— וואָס רעדט איר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, — איך זע דאָך, אַז זי איז שיכּור, און ווײסט אַלײן נישט, וואָס זי באָלבעט. אָבער פֿאַרוואָס דערלויבט איר עס בײַ זיך אין שטוב?

— אָט גײ, ווײס, — האָט פּערעדאָנאָוו זיך פֿאַרענטפֿערט — וואָס קאָן מען דען מיט איר טון?

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ, אַ פֿאַרלוירענע און בײזע, האָט אָנגעטון די קאָפּטע. פּערעדאָנאָוו האָט זיך נישט געכֿאַפּט, אַז מען דאַרף איר אונטערהעלפֿן. ער האָט נאָך אַלץ אונטערגעבורטשעט עפּעס, אָבער זי האָט אים נישט געהערט. דעמאָלט האָט זיך פּערעדאָנאָוו אומגעקערט צוריק אין זאַל אַרײַן. יאַרשאָוואַ האָט שרײַענדיק אים גענומען פֿאָרוואַרפֿן מאַכֿן. וואַרוואַרא איז אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַנעק און באַרויקט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַן:

— איר ווײסט דאָך, אַז ער איז אַ נאַר, — ער ווײסט אַלײן נישט, וואָס ער רעדט

— נו, גענוג, וואָס באַאומרויקט איר זיך, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ איר געענטפֿערט — מאַלע, וואָס אַ שיכּורע קאָן אַלץ אויספּלאַפּלען.

נעבן דער שטוב, אויפֿן הויף, וווּהין ס'איז אַרויסגעגאַנגען דער גאַניק, איז געוואַקסן קראָפּיווע, אַ געדיכֿטע, אַ הויכֿע. פּרעפּאָלאָווענ-

סקאַיאַ האָט לײכט אַ שמייכל געטון, און דער לעצטער שאטן פון אומ־צופרידנקייט איז ביי איר פאַרשוונדן פון איר ווייסן, פולן געזיכט. זי איז פונקט ווי פריער געווען איידל און גוטפריינטלעך מיט וואַרוואַראַן. פאַר דער באַליידיקונג וועט זי סיי ווי סיי נקמה נעמען אָן ברוגז. זיי זענען ביידע אַרויס אין סאָד אַריין איבערוואַרטן ביז די באַלעבאָסטע וועט אַוועקגיין.

פרעפאָלאָווענסקאַיאַ האָט אַלץ געקוקט אויף דער קראָפּיווע, וואָס איז געדיכט געוואַקסן ביים פּאַרקאַן פון סאָד. ענדלעך האָט זי זיך אָנגערופן:

— פיל קראָפּיווע ביי אייך. איר נוצט זי דאָך נישט?

וואַרוואַרא האָט זיך צעלאַכט און אָפּגעענטפערט:

— נו, עט, צו וואָס באַדאַרפן מיר קראָפּיווע?

— אויב אייך איז נישט קיין שאָד, דאַרף מען ביי אייך אַ ביסל אָנרייסן, ביי אונז וואַקסט עס נישט. — האָט פרעפּאָלאָווענסקאַיאַ אַרויס־גערעדט.

— אויף וואָס באַדאַרפט איר עס? — האָט וואַרוואַרא איבערגע־פרעגט מיט פאַרווונדערונג.

— מסתמא באַדאַרף איך עס. — האָט פרעפּאָלאָווענסקאַיאַ געענט־פערט מיט אַ געלעכטער

— טייערינקע, זאָגט, צו וואָס? — האָט די נייגיריקע וואַרוואַרא אָנגעהויבן בעטן.

פרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט זיך אָנגעבויגן און איינגערוימט וואַר־וואַראַן אויפן אויער:

— אַז מען רייבט זיך מיט קראָפּיווע דאָס לייב, ווערט מען נישט מאָגערער. פון קראָפּיווע איז מיין גענישקע אַזאַ דיקע.

געווען איז באַוווּסט, אַז פרעדאָנאָוו האַלט זייער פון דיקע, פעטע פרויען, און פון דאַרע האַלט ער בכלל נישט. וואַרוואַראַן האָט שטאַרק געאַרט, וואָס זי איז אַ דאַרע און ווערט אַלץ מאָגערער. און ווי אַזוי נעמט מען אויף זיך אָן לייב? — אָט דאָס איז געווען איינס פון אירע הויפּט־געדאַנקען. יעדן איינציקן האָט זי איבערגעפרעגט: — אפשר ווייסט איר עפּעס אַ מיטל? — איצט איז פרעפּאָלאָווענסקאַיאַ געווען זיכער, אַז וואַרוואַרא וועט איר פאָלגן און איינרייבן זיך דאָס לייב מיט קראָפּעווע, און אויף אַזאַ אופן זיך אַליין באַשטראָפן.

III

פּערעדאָנאָוו און יאַרשאָוואַ זענען אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט געמורמלט:

— אָט, גיי-זשע שוין!

זי האָט געגוואַלדעוועט וואָס העכער און געוועזן פריילעך. זי האָט זיך געקליבן צו טאַנצן. וואַרוואַרא און פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָבן זיך אַריינגעגנבעט דורך דער קיך-טיר אין שטוב אַריין און זיך אַוועקגעזעצט בײַם פענסטער צוזען, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס.

פּערעדאָנאָוו און יאַרשאַווא האָבן זיך אַרומגענומען און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל אויפן גראָז אַרום בארנבוים. פּערעדאָנאָווס געזיכט איז געבליבן, ווי פריער, טעמפּ און גאָרנישט אויסגעדריקט. מעכאַניש, אַזוי ווי אויף אַ טויטער זאַך, זענען געשפּרונגען די גאָלדענע ברילן אויף זיין נאָז און די קורצע האָר אויף זיין קאָפּ. יאַרשאָווא האָט צוגעוווּנקען, אונטערגעקרעכצט, געפאָכעט מיט די הענט און זיך געוואַקלט.

זי האָט אַ געשריי געטון צו וואַרוואַראן אין פענסטער:

— איי, דו, „פּריא", קום אַרויס טאַנצן! וואָס מיאוסט זיך מיט אונז?

וואַרוואַרא האָט זיך אָפּגעקערט.

— כאַפּט דיך דער רוח! זיך פאַרמאַטערט. — האָט יאַרשאַווא אויסגעשריגן, זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און מיטגעשלעפּט מיט זיך פּערעדאָנאָוון.

זיי זענען געזעסן אַרומגענומען, נאָכדעם האָבן זיי זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל. און אַזוי האָט זיך דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: אַ ביסל געטאַנצט און אַ ביסל אָפּגערוט זיך אונטערן בארנבוים, אויף דער באַנק אָדער גאָר פּשוט אויפן גראָז.

וואָלאָדין האָט געקוקט אויף די טאַנצנדיקע דורכן פענסטער און זיך אויפריכטיק געפרייט. ער האָט געלאַכט, געמאַכט שרעקלעכע העוויות, זיך געקאָרטשעט, געבויגן די קני אַרויפצו און געליאַרעמט:

— עך, ווי זיי היפּען דאָס! אַ מחיה!

— שטיק פלייש, פאַרשאָלטנס! — האָט וואַרוואַרא דעם כעס נישט איינגעהאַלטן.

— שטיק פלייש, — האָט וואָלאָדין מסכים געווען מיט אַ געלעכטער — וואַרט צו באַלעבאָסטעטשקע טייערע, איך וועל דיר שוין אָפּדינען. קומט, לאָמיר זיך נעמען צום זאַל. איצט איז שוין אַלצאיינס,— היינט וועט זי שוין מער נישט אַריין, זי וועט זיך אָנהייבן אויפן גראָז און גיין שלאָפן.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מעקענדיק געלעכטער און אָנגעהויבן שפרינגען ווי אַ שאָפּבאָק. פרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט צוגעגעבן חשק.

— געוויס, געוויס, פאַוועל וואַסילעוויטש. וואָס באַדאַרפט איר קוקן אויף איר. נעמט און פאַרשמוצט די ווענט. און אַז זי וועט אפילו אַריין, וועט מען איר קאָנען זאָגן, אַז זי האָט עס אַליין שיכורערהייט געטון.

וואָלאָדין איז, שפרינגענדיק און לאַכנדיק, אַריינגעלאָפן אין זאַל און גענומען צו שערווען מיט די זוילן די טאַפּעטן.

— וואַרוואַרא דמיטריעווינא, גיט מיר אַ שטריק. — האָט ער אַ געשריי געטון.

וואַרוואַרא האָט זיך קאַטשענדיק, אַזוי ווי אַ קאַטשקע, געלאָזט גיין דורכן זאל אינם שלאָפצימער אריין און פון דאָרט אַהערגעבראַכט אַ שטריק, אַ צעדרייטן און אַ פאַרקניפּטן. וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ שלייף, אַנידערגעשטעלט אין מיטן זאַל אַ שטול און אויפגעהאָנגען דעם שטריק אויפן האַקן פון לאָמפּ.

— דאָס איז פאַר דער באַלעבאָסטעס וועגן! — האָט ער אויסגעשריגן. — זאָל זי האָבן אויף וואָס זיך אויפצוהענגען, אַז איר וועט זיך איבערקלייבן.

ביידע דאַמען האָבן געקוויטשעט פון געלעכטער.

— גיט מיר אַ שטיקל פּאַפּיר — האָט וואָלאָדין געשריגן — און אַ בלייפעדער.

וואַרוואַרא האָט ווידער גענישטערט אין שלאָפצימער און פון דאָרט אַהערגעבראַכט אַ פּערטל פּאַפּיר מיט אַ בליישטיפט. וואָלאָדין האָט אָנגעשריבן: „פאַר דער באַלעבאָסטע”, און צוגעטשעפּעט דאָס

פּאַפּיר צום שטריקל. דאָס אַלץ האָט ער געטון מיט שרעקלעכע העוויות. נאָכדעם האָט ער ווידער גענומען אַרומטאַנצן אַרום די ווענט, זיי געקלאַפּט מיט די זוילן און אַזש אויפגעציטערט פון דעם. די גאַנצע שטוב איז געווען פול מיט זיין קוויטשיק און מעקענדיק קול. דער ווייסער קאָטער האָט מיט צוגעפּרעסטע אויערן דערשראָקן אַרויסגעקוקט פון שלאָפצימער און, אַפּנים, נישט געוווסט, ווו צו אַנט־לויפן.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון יאַרשאַוואַן און איז אַליין אַריין אין שטוב, — יאַרשאַווא האָט זיך טאַקע איינגעמאַטערט און אַוועק אַהיים שלאָפן. וואָלאָדין האָט פּערעדאָנאָוון באַגעגנט מיט אַ פריידעווודיק געלעכטער און געשריי:

— און דעם זאָל האָבן מיר שוין אויך באַשמוצט! הורא!

— הורא! — האָט פּערעדאָנאָוו אויסגעשריגן און זיך צעלאַכט הויך און אָפּגעריסן, ווי ער וואָלט אַרויסגעשאָסן זיין געלעכטער.

די דאַמען האָבן אויך אַ געשריי געטון „הוראַ!", ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שמחה. פּערעדאָנאָוו האָט אויסגעשריגן:

— פּאַוולושקאַ, קום טאַנצן!

— קום, אַרדאַליאָשאַ, — האָט וואָלאָדין געענטפערט מיט אַ נאַריש געלעכטער.

זיי האָבן געטאַנצט אין אַ שלייף און האָבן ביידע אומגע־לומפּערט געוואָרפן מיט די פיס. דער דיל האָט זיך געטרייסלט אונ־טער פּערעדאָנאָווס שווערע טריט.

— זיך צעטענצלט אַרדאַליאָן באָריסיטש. — האָט פּרעפּאָלאָ־ווענסקאַיאַ באַמערקט מיט אַ לייכט שמייכעלע.

— רעדט שוין בעסער נישט, ער פאַרמאָגט אַלע חסרונות. — האָט וואַרוואַרא אונטערגעבורטשעט, און פונדעסטוועגן געשעפּט נחת פון פּערעדאָנאָוון.

זי האָט אויפריכטיק געמיינט, אַז ער איז אַ שיינער און אַ העלד. די נאַרישסטע גענג זיינע האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען שיין. ער איז איר נישט געווען נישט לעכערלעך און נישט דערווי־דערלעך.

— לאָמיר באַזינגען די באַלעבאָסטע! — האָט וואָלאָדין אַ געשריי געטון. — גיט אַהער אַ קישן!

— וואָס זיי קאָן איינפאַלן! — האָט וואַרוואַרא מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטון.

זי האָט פון שלאָפצימער אַרויסגעוואָרפן אַ קישן אין אַ קויטיק ציצן ציכל. דאָס קישן האָט מען אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, כלומרשט די באַלעבאָסטע, און עס גענומען באַזינגען מיט שרעקלעכע, ווילדע, קוויטשיקע קולות. נאָכדעם האָט מען אַריינגערופן נאַטאַליאַן, איר גענויט צו דרייען דעם אַריסטאַן, און אַליין, זאַלבעפערט, געטאַנצט זיך אין קאַדריל, מאַכנדיק משונהדיקע העוויות און היפּענדיק הויך מיט די פיס.

נאָכן טאַנץ איז פּערעדאָנאָוו געוואָרן אַ וותרן. די באַגייסטערונג, אַ טובקעלע און אַ ברוגזע, האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין געזיכט. אים האָט באַהערשט אַ באַשלאָסנקייט, כמעט אַ מעכאַנישע; מעגלעך, פונם אָפּטן באַוועגן מיט די מוסקולן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טייסטער, אָפּגעציילט עטלעכע געלט-פּאַפּירלעך און מיט אַ שטאָלץ און באַרימעריש געזיכט, זיי אַ שליידער געטון וואַרוואַראן:

— נעם, וואַרוואַרא! — האָט ער אַ געשריי געטון. — ניי דיר אויף אַ חתונה קליידל.

די געלט-פּאַפּירלעך זענען זיך צעפלויגן אויפן דיל. וואַרוואַרא האָט זיי בריהש אויפגעקליבן. זי האָט זיך נישט געפילט גאָר באַליידיקט פונם אופן, ווי אַזוי מען האָט איר די מתנה געגעבן. פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט בייז געטראַכט: „נו, מיר וועלן נאָך זען, ווער ס'וועט מנצח זיין", — און פאַלש אונטערגעשמייכלט. וואָלאָדין האָט זיך געוויינטלעך נישט געכאַפּט, אַז מען דאַרף וואַרוואַראַן צוהעלפן דאָס געלט אויפקלייבן.

אינגיכן איז פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ אַוועק. אינם פּאָרהויז האָט זי זיך באַגעגנט מיט אַ פרישן גאַסט, מיט גרושינאַן.

מאַריאַ אָסיפּאָוונא גרושינא, אַ יונגע אלמנה, האָט געהאַט אַ פּריציייטיק אָפּגעלאָזענעם אויסזען. זי איז געווען איידל, — און די טרוקענע הויט איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט קנייטשן, דריבנע, אַזוי ווי באַדעקטע מיט שטויב. דאָס געזיכט איז געווען אָן אָנגענעמס, —

און די ציין שמוציקע און שוואַרצע. די הענט איידעלע, די פינגער לאַנגע און קאַמערנדיקע, אונטער די נעגל בלאָטע.

פונם ערשטן בליק האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זי איז גאָרנישט אַזוי שמוציק, נאָר זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי וואָלט זיך קיינמאָל נישט געוואַשן, נאָר זי וואַלגערט זיך אין אירע קליידער. ס'האָט געקאָנט איינפאַלן, ווען מען זאָל איר עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ טון מיט אַ רויר-שטעקל, וועט זיך אויפהויבן אַ שטויב ביזן סאַמע הימל. די קליידער זענען אויף איר געהאָנגען מיט צעקנייטשטע פאַלדן, אָט גלייך ווי מען וואָלט זיי אָקאָרשט אַרויסגענומען פון אַ פאַרבונדענעם קלומעק, וווּ זיי זענען אַ לאַנגע צייט געלעגן צונויפגעקנוילט. גרושינאַ האָט געצויגן איר חיונה פון אַ קליינער פּענסיע, אַ ביסל קאָמיסיאָן און פון היפּאָטעק-הלוואות. געשפּרעכן האָט זי דערהויפּט געפירט נישט קיין פיינע און כסדר זיך געטשעפּעט צו מענער, וועלנדיק באַקומען אַ חתן. ביי זיך אין שטוב האָט זי שטענדיק אָפּגעגעבן אַ צימער פאַר אַ באַאַמטן, אַ בחור.

וואַרוואַרא האָט באַגעגנט גרושינאַן מיט גרויס פרייד זי האָט איר געדאַרפט גראָד האָבן. גרושינאַ און וואַרוואַרא האָבן זיך באַלד פאַרקאָכט אין אַ שמועס וועגן דינסטן און זיך צעסודעט. דער נייגיריקער וואָלאָדין האָט זיך צוגעזעצט נעבן זיי און אונטערגעהערט. פּערעדאָנאָוו ברוגזלעך און פאַראייַנזאַמט איז געזעסן ביים טיש און געוויקלט אין די הענט אַן עק טישטוך.

וואַרוואַרא האָט זיך געקלאָגט פאַר גרושינאַן אויף איר נאַטאַליאַן. גרושינאַ האָט איר נאָראַיעט אַ נייע דינסט, קלאַודיאַ, און זי שטאַרק אויסגעלויבט. מען האָט באַשלאָסן גלייך טאַקע צו פאָרן נאָך איר, צו דער סאַמאַראָדינאַ-רעטשקאַ, ווו זי האָט זיך לעת-עתה אויפגעהאַלטן ביי אַן אַקציז-באַאַמטן, וואָס האָט די טעג באַקומען אַ פּאָסטן אין אַן אַנדער שטאָט. וואַרוואַרא האָט זיך געקווינקלט בלויז צוליבן נאָמען. זי האָט איבערגעפרעגט:

— קלאַודיאַ? און ווי אַזוי וועל איך זי רופן? קלאַשקאַ, וואָס?

גרושינאַ האָט געעצהט:

— איר קאָנט זי רופן קלאַודושקאַ.

וואַרוואַראַן איז דאָס געפעלן. זי האָט איבערגעחזרט:

— קלאַוודושקאַ, דושקאַ.

און זיך צעלאַכֿט מיט אַ סקריפּענדיק געלעכֿטער. מען דאַרף באַמערקן, אַז ביי אונז אין שטאָט רופֿט מען אַ חזיר — דושקאַ. וואָלאָדין האָט זיך צעכֿראַקעט. אַלע האָבן זיך צעלאַכֿט.

— דושקאַ, דושענקאַ. — האָט וואָלאָדין געמורמלט, קנייטשנדיק דאָס נאַרישע פּנים און בלאָזנדיק די ליפּן.

און ער האָט געכֿראַקעט און זיך נאַריש געמאַכֿט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז עס האָט שוין דערעסן. דעמאלט איז ער אַ באַליידיקטער אַוועק פֿון זיי און זיך צוגעזעצט נעבן פּערעדאָנאָוון, ווי אַ שאָפּבאָק, אַראָפּגעלאָזט זיין גלייכֿן שטערן און גענומען באַטראַכֿטן דאָס פֿאַרפֿלעקטע טישטוך.

פֿאַראיינס, אויפֿן וועג צו סאמאראדינא-רעטשקאַ, האָט וואַרוואַרא באַשלאָסן זיך צו קויפֿן שטאָף פֿארן חתונה-קליידל. זי פֿלעגט שטענדיק גיין מיט דער גרושינא איבער די קראָמען: יענע האָט איר געהאָלפֿן קלויבן און אויסדינגען זיך.

גנבֿענענדיק פֿון פּערעדאָנאָוון, האָט וואַרוואַרא אָנגעשטאָפּט גרושינאס טיפֿע קעשענעס מיט קאָנפֿעקטן, פּירעשקעס פֿאַר אירע קינדערסוועגן. גרושינא האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז וואַרוואַרא דאַרף זי היינט האָבן געוויס אויף עפּעס גאָר וואַזשנעס.

די ענגע שיך און די הויכֿע אָפּצאַסן האָבן וואַרוואַראן נישט געלאָזט אַ סך גיין. זי פֿלעגט גלייך מיד ווערן. דערפֿאַר פֿלעגט זי מערסטנטיילס פֿאָרן אויף דראָזשקעס, הגם אונזער שטאָט איז גאָרנישט געווען אַזוי גרויס, מען זאָל דאַרפֿן אַרומפֿאָרן אויף דראָזשקעס. די לעצטע צייט איז זי געוואָרן אַן אָפּטע אַריינגייערין צו דער גרושינא. די פֿורמאַנעס האָבן עס שוין באַמערקט: בסך-הכּל זענען זיי אין אונזער שטאָט געווען אַ צוואַנציק שטיק. אַז וואַרוואַרא פֿלעגט זיך זעצן, פֿלעגן זיי איר שוין נישט פֿרעגן און גלייך אָפּפֿאָרן צו גרושינאס שטוב.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ דראָזשקע און זיך געלאָזט פֿאָרן צו די באַלעבאַטים, ווו קלאַוודיאַ האָט געדינט, זיך נאָכצופֿרעגן אויף איר. אויף די גאַסן איז געווען אַ בלאָטע, הגם דער רעגן איז נאָך נעכטן ביינאַכֿט געגאַנגען. די דראָזשקע הויבט זיך צייטנווייז

אַרויס איבער די גלאַטע שטיינער, כּדי באַלד נאָכדעם ווידער צו פֿאַרזינקען אין דער קלעפּיקער בלאָטע, איבער די נישט ברוקירטע גאַסן. דערפֿאַר האָט וואַרוואַראס קול געהאַלטן כּסדר אין איין ציטערן, ווערנדיק אָפּט איבערגעריסן דורך גרושינאַס פּלוידעריי.

— מיין גאָנער איז שוין היינט ווידער געווען ביי מאַרפּושקאַן.

— האָט וואַרוואַרא אַ זאָג געטון.

גרושינא האָט מיטפֿילנדיק אַ מרוק געטון מיט כּעס:

— דאָס כאַפּן זיי אים אויס. ווי ס'זאָל נישט זיין, אַזאַ חתן ווי ער, און ווער שמועסט נאָך פֿאַר מאַרפּושקאַן. ס'האָט זיך איר אַזעלכער אפילו נישט געחלומט.

— אַז איך ווייס שוין נישט, וואָס איך זאָל טון — האָט זיך וואַרוואַרא געקלאָגט — ער איז געוואָרן אַזאַ אויפגעשטעכלטער, אַ גרויל. איר וועט מיר גלויבן, דער קאָפּ גייט מיר כאַדאָראָם. האָט ער חתונה, איז כאָטש בלייב אויף דער גאַס.

— וואָס רעדט איר, טייערינקע מיינע, וואַרוואַרא דמיטריעווונא,— האָט זי גרושינא געטרייסט — טראַכט אפילו נישט וועגן דעם. ער וועט קיינמאָל נישט מיט קיינעם, אחוץ מיט אייך, נישט חתונה האָבן. ער איז שוין צוגעוווינט צו אייך.

— ער גייט אַמאָל אין אָוונט אַוועק, און איך, איינשלאָפֿן קאָן איך נישט, — האָט וואַרוואַרא זיך אויסגערעדט — ווער ווייסט, אפשר האָט ער ערגעץ חתונה. אַמאָל מוטשעסטו זיך אָפּ אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. אַלע וואַרפֿן אויף אים אויגן, — און רוטילאָווס דריי שקאַפֿעס — זיי זענען דאָך גרייט יעדן אויפֿן האַלז זיך צו וואַרפֿן, — און די גראָבע זשענקאַ.

און לאַנג נאָך האָט זיך וואַרוואַרא געקלאָגט אַזוי, און פֿון אַלע אירע רייד האָט גרושינא באַמערקט, אַז זי האָט צו איר נאָך עפּעס אַ בקשה, און האָט זיך שוין פֿאָרויס געפֿרייט מיטן פֿאַרדינסטל, וואָס זי וועט דאָ כאַפּן.

קלאַוודיאַ איז געפֿעלן, דעם אַקציז-באַאַמטנס פֿרוי האָט זי אָפּגעלויבט. מען האָט זיך מיט איר באַדונגען און געהייסן קומען נאָך היינט אין אָוונט, ווייל דער אַקציזניק האָט נאָך היינט געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן. ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צו דער גרושינא. גרושינא האָט

געוווינט אין איר אייגן הייזל, גענוג שמוציקלעך, מיט אירע דריי פּיצלעך קינדערלעך, פֿאַרשלומפּערטע, נאַרישע און שלעכטע, אַזוי ווי אָנגערייצטע הינטלעך. ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפּנהאַר-ציקער געשפּרעך.

— מיין טפש, אַרדאַליאָשקאַ, — האָט וואַרוואַרא אָנגעהויבן — פֿאָדערט, איך זאָל נאָכאַמאָל אָנשרייבן צו דער פּירשטין. און צו וואָס זאָל איך איר אומזיסט אומנישט דולן א קאָפּ, זי וועט נישט ענטפֿערן. און אויב אפילו שוין יאָ, וועט דאָס נישט זיין קיין גוטער ענטפֿער, די באַקאַנטשאַפֿט איז גאָרנישט אַזאַ אַי-אַיעדיקע.

די פּירשטין וואָלטשאַנסקאַיאַ, ביי וועלכער וואַרוואַרא האָט אַמאָל געדינט אַלס היימישע שניידערין פֿאַר פּראָסטער אַרבעט, וואָלט געקאָנט טון פּערעדאָנאָוון אַ טובה: איר טאָכטער איז געווען די פֿרוי פֿונם געהיימראַט שטשעפּקין, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אינם בילדונגס-אַמט. זי האָט שוין פֿאַראַיאָרן געשריבן וואַרוואַראן, אַלס ענט-פֿער אויף איר ביטע, אַז זי קאָן נישט בעטן פֿאַר איר חתן, ווען דאָס זאָל זיין אַ מאַן וואָלט גאָר אַנדערש געווען, וואָלט זי ביי אַ געפֿעלי-קייט געוויס דאָס געטון. פּערעדאָנאָוון האָט דער דאָזיקער בריוו נישט באַפֿרידיקט: דאָרט האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן אַן אומקלאָרער האָפֿנונג, און ס'איז נישט געווען בולט אָנגעוויזן, אַז די פּירשטין וועט אויף געוויס אויספּועלן ׳ פֿאַרן מאַן, וואַרוואַראס, אַ פּאָסטן אַלס אינספּעק-טאָר. און כּדי קלאָר צו מאַכן דעם דאָזיקן ענין, זענען זיי היינטיקס יאָר געפֿאָרן קיין פּעטערבורג. וואַרוואַרא איז אַוועק צו דער פּירשטין, נאָכדעם האָט זי אויך אַהינגעפֿירט פּערעדאָנאָוון, נאָר זי האָט מיט אַ כּיוון דאָס אָפּגעצויגן, אַזוי, אַז זי האָט שוין אָנגעטראָפֿן די פּירשטין. וואַרוואַרא האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די פּירשטין וועט דאָס אָפּפּטרן בלויז מיט אַן עצה, זיי זאָלן וואָס גיכער חתונה האָבן, ווי אויך מיט עס-לעכע אומקלאָרע הבטחות צו בעטן עס ביי אַ געלעגנהייט, מיט הבטחות, וואָס וואָלטן זייער קנאַפּ געווירקט אויף פּערעדאָנאָוון. און וואַרוואַרא האָט באַשלאָסן נישט צו ווייזן זיך פּערעדאָנאָוון פֿאַר דער פּירשטין.

— איך פֿאַרלאָז זיך אויף אייך, ווי אויף אַ שטיינערנער וואַנט, — האָט וואַרוואַרא דערקלערט — העלפֿט מיר, טייערינקע מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דען העלפֿן, נשמהניו, האַרצעניו,

וואַרוואַרא דמיטריעוונא? — האָט גרושינא איבערגעפרעגט. — איר ווייסט דאָך, אַז פון אייערטוועגן וואָלט איך אפילו אין פייער געגאַנגען. אפשר גאָר אים פאַרכישופן?

— נו, גייט אייך מיט אייער פאַרכישופן. איך ווייס עס שוין גוט, — האָט וואַרוואַרא מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטון — ניין, איר דאַרפט מיר העלפן מיט עפּעס אַנדערש.

— מיט וואָס, אַ שטייגער? — האָט גרושינא מיט אַן אומרויק פריידעוודיקן אויסוואַרטן איבערגעפרעגט.

— גאַנץ איינפאַך. — האָט וואַרוואַרא מיט אַ שמייכל אויפגעקלערט. — איר וועט אָנשרייבן אויף פלומרשט אין נאָמען פון דער פירשטין, נאָכמאַכן איר כּתב, און איך וועל דעם דאָזיקן בריוו באַווייזן אַרדאַליאָן באָריסיטשן.

— אוי, נשמהניו. וואָס רעדט איר, ווי איז דאָס מעגלעך, — האָט גרושינא זיך צערעדט מיט אַ געמאַכטער צעשראָקנקייט — אַז מען וועט זיך דערוויסן, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

וואַרוואַרא האָט זיך גאָרנישט פאַרלוירן צוליב איר ענטפער, זי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ צעקנייטשן בריוו און געטענהט:

— אָט האָב איך דער פירשטינס בריוו גענומען מיט זיך פאַר אַ מוסטער.

גרושינא האָט זיך לאַנג אָפגעזאָגט, וואַרוואַרא האָט קלאָר געזען, אַז גרושינא וועט איינגיין, מער נישט זי וויל דערפאַר באַקומען וואָס מער. און וואַרוואַרא האָט געוואָלט געבן וואָס ווייניקער. און זי האָט זייער פאָרזיכטיק פאַרגרעסערט אירע הבטחות, צוגעזאָגט פאַרשידענע קליינע מתּנות, אַן אַלט זיידן קלייד, און ענדלעך, האָט גרושינא געזען, אַז וואַרוואַרא וועט שוין מער גאָרנישט געבן. גרושינא האָט געמאַכט אַ מינע, אַז זי טוט עס צוליב וואַרוואַראן, מחמת דעם, וואָס זי האָט רחמנות אויף איר, און צוגענומען דעם בריוו.

IV

אין ביליאַרד-זאַל איז געווען רויִק, אָנגערייכערט. פערעדאָנאָוו,

רוטילאָוו, פּאַלאַסטאָוו, וואָלאָדין און מורין, — אַ גוטבאַזיצער אַ גבר, מיט אַ נאַריש פּרצוף, אַ באַלעבאָס פון אַ קליינעם גוט, אַ רייכער און אַן אונטערנעמער, האָבן זיך זאַלבעפינפט, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרענדיקט שפּילן, זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

געוואָרן איז פאַרנאַכט. אויפן הילצערנעם, שמוציקן טיש זענען געשטאַנען אַ סך ליידיקע פלעשער פון ביר. די שפּילערס, וואָס האָבן בשעתן שפּילן אַ סך אויסגעטרונקען, זענען רויט געוואָרן און שיכורלעך געשריגן. איין רוטילאָוו האָט בלויז אויסגעזען פונקט אַזוי קרענקלעך-בלאַס, ווי אַלעמאָל. ער האָט געטרונקען ווייניקער פון אַלעמען, און ווען אפילו ער וואָלט געווען מער געטרונקען, וואָלט ער נאָכמער בלאַסער געוואָרן.

אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן מיאוסע, גראָבע ווערטער. קיינער האָט זיך פון דעם נישט געפונען באַליידיקט: פון פריינטשאַפט איז עס געקומען.

פערעדאָנאָוו האָט פאַרשפּילט, כמעט אַזוי ווי אַלעמאָל. ער האָט זייער שלעכט געשפּילט אין בילאַרד. ער האָט אָבער אויפגעהיט אויף זיין געזיכט די שטענדיקע ברוגזדיקייט און אויסגעצאָלט זיך נישט גערן.

מורין האָט אויף אַ קול אַ געשריי געטון:

— פלי!

און זיך געצילט מיטן קי אין פערעדאָנאָוון. פערעדאָנאָוו האָט פון איבערשרעק אַ געשריי געטון און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטול. אין זיין קאָפּ האָט זיך דורכגעטראָגן אַ נאַרישער געדאַנק, אַז מורין וויל אים דערשיסן. אַלע האָבן געלאַכט. פערעדאָנאָוו האָט מיט פאַרדרוס אונטערגעמורמלט:

— איך קאָן נישט פאַרטראָגן אַזעלכע שטיק.

מורין האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט איבערגעשראָקן פערעדאָנאָוון: זיין זון האָט זיך געלערנט אין גימנאַזיע, און ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר זיין חוב צוליב צו טון און גוט צו זיין מיט אַלע לערער. איצט האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר פערעדאָנאָוון און אים מכבד געווען מיט ווין און זעלצער וואַסער. פערעדאָנאָוו האָט ברוגז אַ זאָג געטון:

— די נערוון זענען ביי מיר אַ ביסל צערודערט. איך בין נישט צופרידן מיט אונזער דירעקטאָר.

— ער האָט פאַרשפּילט, אונזער צוקונפטיקער אינספּעקטאָר, — האָט וואָלאָדין מיט אַ מעקענדיקער שטים אויסגעשריגן — אים איז אַ שאָד די פּאָר גילדן.

— ווען עס גייט נישט אין שפּילן, דעם גייט אין ליבע. — האָט רוטילאָוו זיך צערעדט מיט אַ געלעכטער און באַוויזן די פוילע ציין זיינע.

פערעדאָנאָוו איז אַזוי אויך געווען צערודערט פונם פאַרשפּילטן געלט און פונם איבערשרעק, און צו דעם האָט מען אים נאָך גענומען צערייצן מיט וואַרוואַראַן. ער האָט זיך צעשריגן:

— איך וועל חתונה האָבן, און וואַרקאַן וואַרף איך אַרויס.

די פריינט האָבן זיך צעלאַכט און זיך גערייצט מיט אים:

— עט, וועסט עס נישט וואַגן צו טון.

— און איך וועל עס דווקא טון, מאָרגן נאָך גיי איך טון אַ שידוך.

— אַ געוועט! גוט? — האָט פאַלאַסטאָוו באָרגעלייגט. — אויף צען רובל.

פערעדאָנאָוו איז אָבער אַ שאָד געווען דאָס געלט, מען קאָן נאָך פאַרשפּילן און מען וועט מוזן באַצאָלן. — ער האָט זיך אָפּגעקערט און ברוגז אָפּגעשוויגן.

ביים טויער פון סאָד איז דער עולם זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. פערעדאָנאָוו און רוטילאָוו זענען געגאַנגען אינאיינעם. רוטילאָוו האָט גענומען פערעדאָנאָוון צורעדן, ער זאָל באַלד חתונה האָבן מיט איינע פון זיינע שוועסטער.

— איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט, שרעק זיך נישט. — האָט ער גערעדט.

— ס'איז נאָך קיין פובליקאַציע נישט פאַראַן. — האָט זיך פערעדאָנאָוו געפרווט אַרויסדרייען.

— איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט זאָג איך דיר, — האָט רוטילאָוו געטענהט — איך האָב שוין געפונען אַזאַ פּאָפּ: ער ווייסט, אַז איר זענט נישט קיין קרובים.

— קיין אונטערפירערס זענען. נישט פאַראַן — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון.

— נו, אַז נישט פאַראַן, אונטערפירערס קאָן מען גלייך באַקומען, איך וועל שיקן נאָך זיי, זיי וועלן שוין קומען גלייך אין קלויסטער אַריין. אָדער איך וועל אַליין צופאָרן נאָך זיי. און פריער האָב איך דאָס נישט געקאָנט פאָרזען, דיין שוועסטער וואָלט זיך דערוווסט און קאַליע געמאַכֿט.

פערעדאָנאָוו האָט געשוויגן און פאַרבענקט געקוקט אין די זייטן, וווּ ס'האָבן זיך געטונקלט די שיטערע, שווייגנדיקע הייזער הינטער די דרעמלענדיקע סעדער און קרומע פאַרקנס.

— דו וואַרט נאָר אונטער ביים טויער, — האָט אים רוטילאָוו איינגערעדט — איך וועל דיר אַרויספירן וועלכֿע דו ווילסט. נו, זעזשע, איך וועל דיר באַלד באַווייזן. צוויי מאָל צוויי איז דאָך פיר, אַ יאָ?

— אמת. — האָט פערעדאָנאָוו אָפּגעענטפערט.

— נו, אָט, צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז דו דאַרפסט חתונה האָבן מיט מיין שוועסטער.

פערעדאָנאָוו איז געווען איבערראַשט. ס'איז דאָך טאַקע אַזוי, — האָט ער געטראַכֿט — געוויס איז דאָך צוויי מאָל צוויי פיר. און ער האָט מיט אָפּשיי אַ קוק געטון אויפן פאַרשטענדלעכן רוטילאָוון. „מען וועט מוזן חתונה האָבן! פון אים וועסטו זיך נישט אַרויסמאַכֿן”.

די פריינט זענען דערווייל צוגעקומען צו רוטילאָווס שטוב און אָפּגעשטעלט זיך ביים טויער.

— מען קאָן דאָך נישט גלייך, אָט אַזוי מיט אַמאָל. — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון מיט כּעס.

— אַ מאָדנער מענטש וואָס דו ביסט, מען וואַרט שוין לאַנג אויף דעם. — האָט רוטילאָוו אויסגעשריגן.

— און אפשר וויל איך נישט.

— עט, וואָס הייסט עפּעס דו ווילסט נישט, פּרא אדם. וואָס, דו ווילסט, אפּנים, שוין אַזוי פאַרזיצן אַ בחור? — האָט רוטילאָוו מיט זיכֿערקייט אים אָפּגעפרעגט. — און אפשר קלויבסטו זיך גאָר אין אַ מאָנאַסטיר אַריין? און אפשר איז דיר וואַריאַ נאָך נישט מיאוס גע־

וואָרן? ניין, דו באַקלער זיך נאָר, וואָס פאַר אַ צורה זי וועט באַקומען, אַז דו וועסט ברענגען אַהיימצופירן אַ יונג ווייבל.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אָפּגעריסן און הילכיק צעלאַכט, נאָר באַלד איז ער ווידער געוואָרן אָנגעברוגזט און א זאָג געטון:

— און אפשר ווילן זיי גאָרנישט.

— עט, וואָס הייסט עפּעס זיי ווילן נישט, פרא אדם! — האָט רוטילאָוו אים איינגערעדט. — אַז איך גיב דיר דאָס וואָרט.

— זיי זענען שטאָלצע. — האָט פערעדאָנאָוו צוגעטראַכט.

— איז וואָס-זשע איז, אַלץ פאַר דיר בעסער.

— חוזק-מאַכערינס.

— אָבער נישט פון דיר. — האָט רוטילאָוו אים איינגערעדט.

— פון וואַנען ווייס איך.

— מעגסט מיר גלייבן, איך וועל דיך נישט אָפּנאַרן. דו ביסט דאָך עפּעס נישט אַ פּאַווליושא, אָדער אַ ווייס איך ווער, מען זאָל פון דיר חוזק מאַכן. פון דיר האַלטן זיי.

— אמת, מען קאָן דיר גלויבן. — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון מיט אומצוטרוי. — ניין, איך וויל מיך בעסער אַליין איבערצייגן, אַז זיי לאַכן נישט פון מיר.

— אָט, אַ פרא אדם, — האָט רוטילאָוו אַרויסגערעדט מיט פאַרוווּנדערונג — און ווי אַזוי קאָנען זיי עס אפילו וואַגן אָפּצולאַכן פון דיר? נו, ווי אַזוי-זשע עפּעס ווילסטו דאָס זיך איבערצייגן?

פערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און אַ זאָג געטון:

— אָט לאָזן זיי אַרויסגיין אַהער באַלד אויף דער גאַס.

— נו גוט, דאָס קאָן מען. — האָט רוטילאָוו איינגעשטימט.

— אַלע דריי. — האָט פערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט.

— נו, גוט.

— און זאָל מיר יעדע איינע פון זיי זאָגן, מיט וואָס זי וועט מיר צוליב טון.

— צו וואָס דאַרף מען עס דען? — האָט רוטילאָוו איבערגעפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

— אָט וועל איך זען, וואָס זיי ווילן. אַ נישט וועט איר מיך אַלע ביי דער נאָז אַרומפירן. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט.

— קיינער, חלילה, וויל דיך נישט פאַרפירן.

— אפשר וועלן זיי פון מיר אָפּלאַכן, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט, איז אָט, זאָלן זיי אַרויסקומען, און נאָכדעם, אַז זיי וועלן פון מיר לאַכן, וועל איך אויך קאָנען לאַכן פון זיי.

רוטילאָוו האָט א קלער געטון, איבערגערוקט דעם קאַפּעליוש אויפן קאַרק און צוריק אויפן שטערן און, ענדלעך, באַמערקט:

— נו, וואַרט צו, כ׳וועל גיין זיי איבערגעבן. אָט דאָס הייסט אַ פרא אדם. גיי כאָטש אַריין אין הויף. ס׳קאָן נאָך עמעצן דער רוח אָנטראָגן, מען וועט דערזען.

— איך שפּיי אויף דעם. — האָט פערעדאָנאָוו אויסגערעדט און איז דאָך אַריין מיט רוטילאָוון אין הויף.

רוטילאָוו איז אַריין אין שטוב צו די שוועסטער, און פערעדאָנאָוו איז געבליבן וואַרטן אינדרויסן.

אינם זאַל, אין צימער, וואָס איז מיט די פענסטער אַרויסגעגאַנגען צום טויער, זענען געזעסן אַלע פיר שוועסטער, אַלע מיט איין פנים, אַלע ענלעך צום ברודער, אַלע חנעוודיקע, רויטע, פריילעכע: די פאַרהייראַטע לאַריסא, אַ רויקע, אַן אָנגענעמע, אַ פולע, — די רירעוודיקע און שנעלע דאַריאַ, די העכסטע און איידלסטע פון אַלע שוועסטער, — די לאַכערקע ליודמילא און די קאָקעטקע וואַלעריאַ, אַ קליינינקע, אַ צאַרטע, אַ שלאַבעריקע אויפן אָנבליק. זיי האָבן גענאַשט ניסלעך מיט ראָזשנקעס און, אפנים, געוואַרט אויף עפעס, דעריבער האָבן זיי זיך איפגערעגט און געלאַכט מער פון אַלעמאָל, איבערקלייבנדיק די לעצטע שטאָט-פּליאָטקעס, און אָפּגעחוזקט פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע.

פון אינדערפרי נאָך זענען זיי גרייט געווען אָפּצופאָרן אין קלויסטער אַריין חתונה האָבן; מען האָט נאָר באַדאַרפט אַ בכבודיקער קלייד און צוטשעפּען דעם שלייער מיט די בלומען. אין זייער געשפרעך האָבן זיי קיינמאָל נישט דערמאָנט וואַרוואַראַס נאָמען, אט גלייך ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. אבער אט דאָס, וואס די דאזיקע אומברחמנותדיקע חוזק-מאַכערינס, וואס האבן איבערגעוואַשן די ביינדלעך פון דער גאַנצער שטאט, האבן אפילו מיט איין ווארט נישט דערמאנט וואַרוואַראן, אט דאס איינע איז שוין גע-

ווען אַ באַווייז, אַז דער איינציקער געדאַנק וועגן איר זיצט, ווי אַ נאָגל אין קאָפּ ביי יעדערער פון זיי.

— איך האָב אים אַהערגעבראַכט, — האָט רוטילאָוו דערקלערט אַריינטרעטנדיק אין זאַל — ער שטייט ביים טויער.

די שוועסטער האָבן זיך אַ הויב געטון אויפגערעגט פון די ערטער און אַלע מיט אַמאָל גענומען רעדן און לאַכן.

— איין מניעה נאָר איז פאַראַן. — האָט רוטילאָוו אַ זאָג געטון מיט געלעכטער.

— וואָס, וואָס אַזוינס? — האָט דאַריאַ איבערגעפרעגט.

וואַלעריאַ האָט מיט פאַרדרוס אָנגעברוגזט אירע שיינע, טונקעלע ברעמען.

— איך ווייס אַליין נישט, זאָל איך עס איבערגעבן? — האָט רוטילאָוו איבערגעפרעגט.

— נו שוין גיכער, גיכער! — האָט דאַריאַ אים צוגעאיילט.

רוטילאָוו האָט מיט אַ לייכטער פאַרלעגנהייט דערציילט דאָס, וואָס פערעדאָנאָוו פאַרלאַנגט. די פריילינס האָבן געמאַכט אַ גוואַלט און אָנגעהויבן זידלען פערעדאָנאָוון. נאָר בהדרגה זענען זייערע צאָרניקע געשרייען איבערגעגאַנגען אויף שפּאַס און געלעכטער.

דאַריאַ האָט געמאַכט אַ ברוגזע, אָפּוואַרטנדיקע צורה און איבערגערעדט:

— אָט אַזוי שטייט ער עס און וואַרט צו ביים טויער.

ס'איז אַרויסגעקומען זייער געלונגען און שפּילעוודיק.

די פריילינס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוקן דורכן פענסטער צום טויער. דאַריאַ האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער און אַ געשריי געטון:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, און פונעם פענסטער אַרויס קאָן מען אייך זאָגן?

ס'האָט זיך דערהערט אַ ברוגזדיק קול:

— מען טאָר נישט.

דאַריאַ האָט געשווינד פאַרמאַכט דאָס פענסטער. די שוועסטער האָבן זיך צעלאַכט, הילכיק און נישט איינגעהאַלטן, און אַנטלאָפן פון זאַל אין עסצימער אַריין, כדי פערעדאָנאָוו זאָל דאָס, חלילה, נישט דערהערן.

אין דער דאָזיקער פריילעכער פֿאַמיליע האָט מען געקאָנט איבערגיין פֿון דער ערגסטער שטימונג צו געלעכטער און חוזקערײַ, און אַ פריילעך וואָרט האָט מערסטנטייל אַ סוף געמאַכט צו יעדער פֿאַרלעגנהייט.

פֿערעדאָנאָוו איז געשטאַנען און אונטערגעוואַרט. אים איז געווען אומעטיק און גרוילעך. ער האָט שוין אפילו אַ קלער געטון צו אַנטלויפֿן, און אויך אויף דעם זיך נישט געקאָנט רעכט באַשליסן. פֿון ערגעץ, גאָר־גאָר ווייט האָט זיך געהערט דאָס שפּילן פֿון אַ מוזיק: אַפֿנים, דעם אָנפֿירערס טאָכטער האָט געשפּילט אויף קלאַוויר. די שוואַכע, צאַרטע קלאַנגען האָבן זיך געגאָסן אין דער אָוונטיקער שטילער און פֿינסטערער לופֿט, אַרויפֿגעפֿירט אויף טרויעריקע רעיונות, דערוועקט זיסע חלומות.

ביים אָנהויב האָבן פֿערעדאָנאָווס חלומות באַקומען אַן עראָטישע ווענדונג. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די פֿריילינס רוטילאָוו אין די פּיקאַנטסטע פּאָזעס. נאָר וואָס מער דאָס אונטערוואַרטן האָט געדויערט, איז פֿערעדאָנאָוו געוואָרן אַלץ מער אויפֿגערעגט, — צו וואָס לאָזט מען אים עפּעס אַזוי לאַנג אונטערוואַרטן. און די מוזיק, וואָס האָט קוים באַרירט זיינע טויט־גראָבע געפֿילן, איז ווידער פֿאַר אים אָפּגעשטאָרבן.

און אַרום איז געוואָרן נאַכט, אַ שטילע, אַ שאָרכנדיקע מיט פּלערליי בייז־אָנזאָגנדיקע טרעפּעניש און שעפּטשערייען. און נאָך פֿינסטערער האָט עס זיך אויסגעוויזן דורך דעם, וואָס פֿערעדאָנאָוו איז גראָד געשטאַנען אינם שטח, וואָס איז געווען באַלויכטן פֿון זאַלאָמפּ, וואָס האָט געוואָרפֿן צוויי גלייכע פּאַסמעס העלן שיין איבערן הויף, ווערנדיק ברייטער ביים שכנותדיקן פּאַרקן, הינטער וועלכן ס'האָבן זיך געזען די הילצערנע ווענט פֿון הויז. אין דער טיף פֿון הויף האָבן זיך פֿאַרדעכטיק געטונקלט און געשעפּטשעט די ביימער פֿון רוטילאָווס סאָד. איבער די גאַסן האָבן זיך אַרום די בריקלעך ערגעץ נישט ווייט געהערט לאַנג עמעצנס פּאַמעלעכע און שווערע טריט. פֿערעדאָנאָוו האָט שוין אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז מען קאָן נאָך אויף אים אָנפֿאַלן און באַרויבן, און, ווער ווייסט, מען קאָן אים נאָך דערהרגענען אויך. ער האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט, אין

שאָטן, מען זאָל אים נישט זען, און פאַרשעמט אונטערגעוואַרט.

נאָר אָט האָבן זיך איבער די באַלויכטענע פאַסן אין הויף דורכגעטראָגן לאַנגע שאָטנס. עס האָבן אַ קלאַפּ געטון די טירן, עס האָבן זיך דערהערט שטימען אויפן גאַנעק. פערעדאָנאָוו האָט אויפגעלעבט.

— מען גייט — האָט ער פריידעוודיק אַ טראַכט געטון, און די פריערדיקע חלומות וועגן די שיינע שוועסטער האָבן זיך ווידער אַ ריר געטון אין זיין קאָפּ — מיאוסע קינדער פון זיין אָרעמער פאַנטאַזיע.

די פריילינס זענען אַרויס אין פאָרהויז.

רוטילאָוו איז אַרויסגעקומען אין הויף אַריין, צום טויער צו, און זיך אומגעקוקט, צי קיינער גייט נישט. קיינער האָט זיך נישט געזען און נישט געהערט.

— קיינער איז נישט פאַראַן, — האָט ער אָנגעזאָגט די שוועסטער מיט אַ הויך שעפּטשען, צוגויפליינדיק די הענט, ווי אַ טראָבעלע, ביים מויל.

ער איז געבליבן אַכטונג צו געבן אויף דער גאַס. פערעדאָנאָוו איז צוזאַמען מיט אים אַרויס אויך אויף דער גאַס.

— נו, אָט וועלן זיי באַלד איבערגעבן. — האָט רוטילאָוו דערקלערט.

פערעדאָנאָוו איז געשטאַנען ביים טירל און אַריינגעקוקט דורכן שפּאַלט צווישן טירל און סלופּ. זיין געזיכט איז געווען פינסטער און כמעט צעשראָקן, — און אין זיין קאָפּ האָבן זיך אויסגעלאָשן אַלע חלומות און געדאַנקען און זיך פאַרביטן מיט שווערע, אַבסטראַקטע פאַרלאַנגען.

די ערשטע איז דאַריאַ צוגעגאַנגען צום אויפגעעפנטן טירל.

— נו, מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט זי איבערגעפרעגט.

פערעדאָנאָוו האָט ברוגז געשוויגן. דאַריאַ האָט צוגעגעבן:

— איך וועל אייך באַקן געשמאַקע, הייסע לאַטקעס, — איר זאָלט זיך נאָר נישט דערוואַרגן מיט זיי.

ליודמילא האָט פון הינטער איר פלייצע אַפּירגעשריגן:

— און איך וועל אַלע פרימאָרגן איבער דער שטאָט זיך לאָזן,

אַלע רכילותן צונויפֿנעמען, און אייך נאָכדעם אַלץ איבערדערציילן. לעבעדיק און פֿרייַלעך.

צווישן די פֿרייַלעכע פּנימער פֿון ביידע שוועסטער האָט זיך אויף איין אויגנבליק באַוויזן וואַלעראַטשקעס אייַדל, קאַפּריזנע פּנימל, און ס'האָט זיך דערהערט איר שלאַבעריק קולעכל:

— און איך וועל אייך בשום־אופֿן נישט זאָגן, וואָס איך וועל פֿאַר אייערטוועגן טון, — שטויסט זיך אָן אַליין.

די פֿרייַלינס זענען אַנטלאָפֿן מיט אַ הילכיק געלעכטער. זייערע שטימען און געלעכטער זענען אַנטשוויגן געוואָרן הינטער דער טיר. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָפּגעקערט פֿונם טירל. ער איז געבליבן נישט איינגאַנצן צופֿרידן. ס'וואָלט שוין גלייכער געווען, ווען זיי וואָלטן דאָס אָנגעשריבן אויף צעטעלעך. אָבער שוין צו שפּעט צו שטיין דאָ און אָפּצוּוואַרטן.

— נו, האָסטו געזען? — האָט רוטילאָוו איבערגעפֿרעגט. — זאָג, וועלכע ווילסטו?

פּערעדאָנאָוו איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין מחשבֿותן. געוויינטלעך, האָט ער געקלערט, דאַרף מען דאָך, סוף־כּל־סוף, אויסקלייבן די סאַמע ייִנגסטע. וואָס־זשע, מיט אַן אַלטער מויד חתונה האָבן.

— ברענג וואַלעריאַן. — האָט ער באַשליסנדיק אַ זאָג געטון.

רוטילאָוו איז אַרייַן אין שטוב, און פּערעדאָנאָוו אין ווידער אַרייַן אינעם הויף.

ליודמילא האָט בגנבֿה אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער, וועלנדיק הערן, וואָס מען רעדט, נאָר זי האָט גאָרנישט נישט געהערט. אָבער אָט האָבן זיך דערהערט טריט איבער דעם פּוסוועג אין הויף. די שוועסטער זענען שטיל געבליבן און געזעסן אויפֿגערעגטע און פֿאַרלוירענע. רוטילאָוו איז אַרייַנגעקומען און דערקלערט:

— ער האָט אויסגעקליבן וואַלעריאַן. ער וואַרט, — ער שטייט ביים טויער.

די שוועסטער האָבן אָנגעהויבן רוישן, לאַכן. וואַלעריא איז עט־וואָס בלאַס געוואָרן.

— אָט, אָט, — האָט זי איבערגעחזרט — אָט וועל איך לויפֿן, אַנדערש נישט.

אירע הענט האָבן געציטערט. מען האָט זי גענומען אָנטון, — אַלע דריי שוועסטער האָבן געשמאַיעט אַרום איר. ווי אַלעמאָל האָט זי איצט אויך קאָקעטירט און געמאַכט שהיות. די שוועסטער האָבן זי צוגעאיילט. זיי האָבן איר באַגריסט און איר שטאַרק מקנא געווען. רוטילאָוו האָט אָן אויפהער געפּלוידערט, פריידעוודיק און אויפגערעגט. אים איז שטאַרק געפעלן, וואָס ער האָט דעם גאַנצן ענין אַזוי שנעל און בריהש דורכגעפירט.

— און דראָזשקעס האָסטו צוגעגרייט? — האָט דאַריא אַ פרעג געטון פאַרדאגהט.

רוטילאָוו האָט אָפּגעענטפערט מיט פאַרדרוס:

— ווי האָב איך עס געקאָנט? די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך דאָך צונויפגעלאָפן, וואַרוואַרא וואָלט אים דאָך ביי דער טשופּרינע אַוועקגעשלעפּט צו זיך.

— איז וואָס-זשע וועט זיין?

— אָט אַזוי: ביזן פלאַץ וועלן מיר גיין צופוס, פאָרוייז, און דאָרטן וועלן מיר שוין נעמען דראָזשקעס. פריער דו מיט דער כלה, לאַריסא מיטן חתן, — אי דאָס אויך נישט מיט אַמאָל, אַז מען קאָן עס נאָך אין שטאָט באַמערקן. און איך מיט ליודמילאַן וועלן צופאָרן נאָך פאַלאַסטאָוון, זיי וועלן ביידע צופאָרן, און איך וועל נאָך צולויפן צו וואָלאָדינען.

אַז די שוועסטער האָבן מקנא געווען וואַלעריאַן, האָט מען לייכט געקאָנט מערקן פון די קאַטאַוועסלעך, וואָס זיי האָבן מיט איר געטריבן, און פון דעם, ווי אַזוי זיי האָבן זי צוגעאיילט און געזידלט פאַר איר נישט רירעוודיקייט און משוגעתן. ענדלעך האָט זי אַ זאָג געטון:

— נו, וואָס ווילט איר, ס'איז גאָרנישט אַזאַ מציאה... אויב איך וויל, קאָן איך נאָך אַ ברירה האָבן.

און זי האָט זיך צעוויינט. די שוועסטער האָבן זיך איבערגעקוקט, און זיך גענומען איר טרייסטן, קושן און גלעטן.

— וואָס פאַלט דיר איין, נאַרעלע, — האָט דאַריאַ איר אויסגערעדט — מיר האָבן דאָך נאָר געשפּאַסט אַ ביסל.

לאַריסא האָט באַרויקנדיק און צערטלעך צוגעגעבן:

— ווּעסט אים אין די הענט נעמען. זאָל ער נאָר חתונה האָבן — וואַלעריאַ האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט.

פערעדאָנאָוו איז געבליבן אַליין און זיך פאַרטיפט אין זיינע זיסע חלומות. אים האָט זיך געחלומט וואַלעריאַ און די זיסקייט פון דער ערשטער נאַכט, אַן אויסגעטועטע, אַ שעמעוודיקע, נאָר אַ פריילעכע, אַן איידעלע, אַ דיקע, אַ סובטילע...

געחלומט און געשלעפט פון די קעשענעס די פאַרבליבענע קאַרמעלקעס און זיי געסמאָקעט.

נאָכדעם האָט ער זיך געכאַפט, אַז וואַלעריא איז אַ קאָקעטקע. זי וועט דאָך אָנהויבן פאָדערן קליידער, אַ שיינע דירה, מעבל. דעמאָלט וועט ער שוין נישט קאָנען אָפּשפּאָרן יעדן חודש געלט, און דאָס אָנגעשפּאָרטע וועט זי אויך צעטרענצלען. און דאָס ווייב וועט זיך אָנהויבן צו פּוצן, און אין קיך אַריין וועט זי אפילו נישט אַריינשמעקן, און אין קיך קאָן מען נאָך אַריינטון סם, — וואַריאַ וועט פון כעס אונטערקויפן די קעכין.

און בכלל, האָט פערעדאָנאָוו איבערגעטראַכט, איז זי שוין צו אַן איידעלע זאַך — די וואַלעריאַ. צו אַזאַ ווייסט מען גאָרנישט, ווי אַזוי צוצוגיין. ווי אַזוי ווּעסטו זי אויסזידלען? ווי אַזוי עפּעס קאָן מען זי אַ שטויס געבן? ווי אַזוי ווּעסטו אויף איר שפּייען? זי וועט נעמען וויינען און זיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט אין דער גאַנצער שטאָט. ניין, מיט איר איז געפערלעך זיך צו פאַרבינדן. אָט, לּיודמילא, יענע איז פשוטער. אפשר גאָר נעמען לּיודמילאַן?

פערעדאָנאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקל איבער דער ראַם, אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָט רוטילאָוו זיך באַוויזן אין פענסטער.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער באַאומרויקט אַ פרעג געטון.

— איך האָב איבערגעטראַכט. — האָט פערעדאָנאָוו אַ בורטשע געגעבן.

— נו! — האָט רוטילאָוו מיט שרעק אויסגעשריגן.

— ברענג לּיודמילאַן. — האָט פערעדאָנאָוו אַרויסגערעדט.

רוטילאָוו איז אַוועק פון פענסטער.

—טייוול מיט ברילן. — האָט ער אַ געשריי געטון און איז אַוועק צו די שוועסטער.

וואַלעריאַ האָט זיך דערפרייט.

— דיין גליק, לודמילא, — האָט זי פריילעך אַ זאָג געטון.

לודמילא האָט אָנגעהויבן לאַכן, — זי איז אַנידערגעפאַלן אויף דער שטול, זיך אַריבערגעוואָרפן אויפן ווענטל און געלאַכט, געלאַכט.

— וואָס זאָל איך אים זאָגן? — האָט רוטילאָוו איבערגעפרעגט.— ביסט מסכּים? ניין!

לודמילא האָט פון געלעכטער נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט און בלויז געמאַכט מיט די הענט.

— יאָ, זי איז מסכּים, געוויס, — האָט דאַריאַ פאַר איר געענטפערט — גיי, זאָג אים, שנעלער, אַ נישט קאָן ער נאָך משוגע ווערן און אַוועקגיין.

רוטילאָוו איז אַרויסגעגאַנגען אין זאַל און שטיל געזאָגט דורכן פענסטער:

— וואַרט צו, זי וועט באַלד פאַרטיק ווערן.

— גיכער, — האָט פערעדאָנאָוו מיט כּעס אַ זאָג געטון. — וואָס באָרבלט איר זיך דאָרט.

לודמילאַן האָט מען גענומען שנעל אָנטון. אין משך פון אַ פינף מינוט איז זי שוין געווען גרייט.

פערעדאָנאָוו האָט געטראַכט וועגן איר. זי איז אַ פריילעכע, אַ געזונטע, נאָר זי האָט זייער גערן צו לאַכן. זי וועט מיר אָנלאַכן אַ פולן קאָפּ. שרעקלעך. דאַריאַ, איז אויך אַ לעבעדיקע, און דאָך איז זי סאָלידער און שטילער. און זי איז אויך אַ שיינע. שוין בעסער זי נעמען פאַר אַ פרוי.

ער האָט ווידער אָנגעקלאַפּט אין פענסטער.

— ער קלאַפּט שוין ווידער אַמאָל — האָט לאַריסאַ איבערגערעדט,

— מסתּמא וויל ער שוין דיך, דאַריאַ?

— אי, ס׳אַראַ טייוול. — האָט זיך רוטילאָוו צעזידלט און צוגעלאָפן צום פענסטער.

— וואָס ווילסטו נאָך? — האָט ער מיט אַ ברוגזן שעפּטשען זי-בערגעפרעגט. — האָסט שוין ווידער חרטה, וואָס?

— ברענג, דאַריאַן. — האָט פּערעדאָנאָוו געענטפערט.

— נו, וואַרט. — האָט רוטילאָוו ווילד אַ שעפּטשע געטון.

פּערעדאָנאָוו איז געשטאַנען און געטראַכט וועגן דאַריאַן, — און אין זיין מוח האָט זיך ווידער דער זיסער חלום וועגן איר פאַרביטן מיט שרעק. זי איז שוין צו שנעל און חוצפּהדיק. זי וועט דיך פאַר־טומלען.

און טאַקע צו וואָס עפּעס איז דאָס שטיין דאָ און וואַרטן? — האָט ער איבערגעטראַכט. — מען קאָן זיך נאָך פאַרקילן. און אפשר ליגט עמעצער באַהאַלטן אין גאַסנראָוו אָדער צווישן גראָז ביים פאַרקן. ער קאָן נאָך אַרויסשפּרינגען און דערהרגענען. און פּערעדאָנאָוו איז געוואָרן אומעטיק. זיי זענען דאָך אָרעמע, קיין נדן האָבן זיי נישט, האָט ער געטראַכט. קיין פּראָטעקציע אין בילדונגס־אַמט האָבן זיי אויך נישט. וואַרוואַרא וועט זיך פאַרקלאָגן פאַר דער פירשטין. און דער דירעקטאָר זוכט זיך שוין לאַנג אויף אים אַ שאַנס.

פּערעדאָנאָוון האָט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן אויף זיך אַליין. צו וואָס האָט ער זיך דאָס פאַרפּלאָנטערט מיט אָט דעם רוטילאָוון? אָט ווי רוטילאָוו וואָלט אים האָבן פאַרכּישופט. און, מעגלעך, אַז ער האָט אים טאַקע באמת פאַרכּישופט. מען דאַרף זיך וואָס שנעלער אָפּשפּייען.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איין אָרט, שפּייען אין אַלע זייטן און שעפּטשען:

— אויף פּוסטע פעלדער, אויף וויסטע וועלדער, פון וואַנען ס'איז געקומען, אַהין זאָל עס אַוועק, פירן און פירן, דרייען און דרייען און פאַרפירט און פאַרדרייט ווערן. טפו, פאַר מיר, טפו, פאַר מיר, טפו, פאַר מיר. טפו, טפו, טפו!

אויף זיין געזיכט האָט זיך געזען אַ שטרענגע אויפמערקזאַמקייט, ווי ביים אויספירן די שטרענגסטע צערעמאָניע ביים גאָטדינסט. און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגן, האָט ער זיך געפילט אינגאַנצן באַפרייט פון אונטער רוטילאָווס השפּעה. און ער האָט זיכער גענומען קלאַפּן מיטן שטעקן אין פענסטער.

— זאָגן זיי, — זיי נאַרן מיך. — ניין, איך קאָן היינט נישט חתונה האָבן. — האָט ער דערקלערט רוטילאָוון, וואָס האָט זיך אַרויס־גערוקט צו אים פון פענסטער.

— וואָס רעדסטו, אַרדאַליאָן באָריסיטש, אַלץ איז דאָך שוין פאַרטיק, — האָט אים רוטילאָוו געפּרוּווט איינרעדן.

— איך וויל נישט, — האָט פּערעדאָנאָוו פעסט אַרויסגערעדט — קום צו מיר שפּילן אין קאָרטן.

— אָט, אַ טייוול! — האָט זיך רוטילאָוו געזידלט. — ער וויל נישט חתונה האָבן, ער האָט זיך איבערגעשראָקן, — האָט ער דערקלערט די שוועסטער — נאָר איך וועל אים נאָך בייקומען, דעם נאַר. ער רופט מיך צו זיך שפּילן אין קאָרטן.

די שוועסטער האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל צעשריגן, געזידלט פּערעדאָנאָוון.

— און דו וועסט נאָך גיין צום דאָזיקן מנוול? — האָט וואַלעריאַ מיט פאַרדרוס איבערגעפרעגט.

— אוודאי יאָ, איך וועל גיין און אים מקיים פּסק זיין. און ער וועט זיך פון אונז נישט אַרויסדרייען. — האָט רוטילאָוו גערעדט, באַמיענדיק זיך צו רעדן מיט אַ זיכערן טאָן און דאָך עפּעס זיך געפילט אַ ביסל אומהיימלעך.

דער פאַרדרוס אויף פּערעדאָנאָוון האָט זיך שנעל ביי די פריילינס איבערגעביטן אין אַ געלעכטער. רוטילאָוו איז אַוועקגעגאַנגען. די פריילינס זענען צו צום פענסטער.

— אַרדאַליאָן באָריסיטש! — האָט דאַריאַ אויסגעשריגן. — פאַרוואָס זענט איר עפּעס אַזאַ ספקותדיקער? מען טאָר נישט אַזוי.

— פאַרזויערטער זויער! — האָט לודמילא מיט געלעכטער אַ געשריי געטון.

פּערעדאָנאָוון האָט פאַרדראָסן. לויט זיין מיינונג האָבן די שוועסטער געדאַרפט וויינען און קלאָגן, וואָס ער האָט זיי אָפּגעזאָגט. „זיי מאַכן אָנשטעל”, האָט ער געטראַכט אַוועקגייענדיק שטיל פונם הויף. די פריילינס זענען צוגעלאָפן צו די פענסטער, וואָס גייען אין גאַס אַרויס און אים נאָכגעשריגן פאַרשידענע חוזקדיקע ווערטער, ביז ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

ט

פערעדאָנאָוון האָט געפרעסט דער אומעט. קיין קאַרמעלקעס האָט ער אויך שוין נישט געהאַט אין קעשענע, — און דאָס האָט אים נאָכמער פאַרדראָסן און צוגעקלעמט. כמעט דעם גאַנצן וועג האָט רוטילאָוו אַליין גערעדט, — ווייטער אויסגעלויבט זיינע שוועסטער. פערעדאָנאָוו האָט אים בלויז איינמאָל איבערגעשלאָגן. ער האָט מיט כעס איבערגעפרעגט:

— אַן אָקס האָט הערנער?

— יאָ, ער האָט, איז וואָס-זשע ווילסטו? — האָט רוטילאָוו מיט פאַרווונדערונג איבערגעפרעגט.

— נו, און איך וויל נישט זיין קיין אָקס. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט.

רוטילאָוו איז געוואָרן אויפגעבראַכט און אַ זאָג געטון:

— דו, אַרדאַליאָן באָריסיטש, וועסט קיינמאָל שוין קיין אָקס נישט זיין, דערפאַר ווייל דו ביסט אַן אמתער חזיר.

— דו לייגסט! — האָט פערעדאָנאָוו זיך געברוגזט.

— ניין, איך לייג נישט, און איך קאָן עס דיר דערוויי̇זן. — האָט רוטילאָוו מיט אַ בייזן שמייכל צוגעגעבן.

— דערוויי̇ז. — האָט פערעדאָנאָוו געפאָדערט.

— וואַרט, איך וועל עס דיר דערוויי̇זן. — האָט רוטילאָוו מיטן זעלבן שמייכל געענטפערט.

ביידע זענען שטיל געבליבן. פערעדאָנאָוו האָט צעשראָקן געוואַרט, און די רוגזה אויף רוטילאָוון האָט אים פאַרמאַטערט. פלוצים האָט רוטילאָוו אַ פרעג געטון:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, האָסט אפשר אַ צענערל? *)

— איך האָב, כ׳וועל עס דיר אָבער נישט געבן. — האָט פערעדאָנאָוו מיט כעס אַרויסגערעדט.

רוטילאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— אַז דו האָסט אַ צענערל, איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דו

---

*) אַ פינף קאָפּיקענער, צען גראָשן.

ביסט אַ חזיר. — האָט ער מיט פֿרייד אויסגעשריגן.

פֿערעדאָנאָוו האָט זיך מיט שרעק אַ כאַפּ געטון פֿאַר דער נאָז.

— לייגסט, וואָס פֿאַר אַ צענערל האָב איך, איך האָב אַ מענטשי-שע צורה. — האָט ער אונטערגעמורמלט.

רוטילאָוו האָט געלאַכט. פֿערעדאָנאָוו האָט מיט כּעס און אַ צע-שראָקענער געקוקט אויף רוטילאָוון און אויסגערעדט:

— דו האָסט מיך היינט מיט אַ כּיוון דורך שטאַכערס געפֿירט און פֿאַרטומלט, כּדי איך זאָל חתונה האָבן מיט דיינס אַ שוועסטער. וויניק פֿאַר מיר די איינע מכשפֿה, האָסטו מיך נאָך מיט דריי געוואָלט פֿאַרשלייערן.

— מאָדנער מענטש, ווי אַזוי-זשע בין איך אַליין נישט פֿאַר-טומלט געוואָרן? — האָט רוטילאָוו איבערגעפֿרעגט.

— דו ווייסט שוין פֿון אַזאַ מיטל. — האָט פֿערעדאָנאָוו צוגע-טראַכט. — מעגלעך, אַז דו האָסט געאָטעמט מיטן מויל, און צו דער נאָז נישט צוגעלאָזן, אָדער גאָר געזאָגט עפּעס אַזאַ שפּרוך, און מיר איז גאָרנישט באַקאַנט קיין סגולה קעגן כּישוף. איך בין נישט קיין מכשף. ביז וואַנען כ'האָב זיך נישט אָפּגעשפּיגן, בין איך ווי אַ פֿאַר-טומלטער געשטאַנען.

רוטילאָוו האָט געלאַכט.

— ווי אַזוי-זשע האָסטו עס זיך עפּעס אָפּגעשפּיגן? — האָט ער איבערגעפֿרעגט.

פֿערעדאָנאָוו האָט אָבער שטיל געשוויגן.

— וואָס עפּעס האָסטו זיך אַזוי אין אָט דער וואַרוואַראַן אָנגע-טשעפּעט? — האָט רוטילאָוו זיך צעטענהט. — דו מיינסט אוודאי, אַז עס וועט דיר גוט זיין, אַז דו וועסט דורך איר באַקומען דעם פּאָסטן. זי וועט אויף דיר פּאָרן רייטנדיק.

דאָס איז פֿערעדאָנאָוון אויסגעקומען נישט פֿאַרשטענדלעך.

זי טוט עס דאָך פֿון אירעטוועגן — האָט ער אַ טראַכט געטון— איר אַליין וועט דאָך בעסער זיין, אַז ער וועט האָבן אַ העכערע שטעל און באַקומען אַ סך געלט. הייסט עס, אַז נישט ער איר, נאָר זי וועט אים זיין דאַנקבאַר. און אגב, איז אים בעסער טאַקע מיט איר, אים איז באַקוועמער, איידער מיט עמעצן אַנדערש.

פערעדאָנאָוו איז געווינט געווען מיט וואַרוואַראַן. אים האָט געצויגן צו איר, — מעגלעך אָבער, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אים איז אָנגענעם געווען די געוויינהייט אָפּצושפּעטן פון איר. אָן אַנדערע, וואָס זאָל זיך לאָזן שפּייען אין צורה, וואָלט ער אפילו וועלטן אויסגעפאָרן און נישט געפונען.

געווען איז שוין שפּעטלעך. ביי פערעדאָנאָוון אין שטוב האָבן געברענט לאָמפּן, — די פענסטער האָבן זיך העל באַלויכטן אין דער פינסטערניש.

אַרום טיי-טיש זענען געזעסן געסט: גרושינא, — זי האָט שוין אָנגעהויבן אַלע טאָג צו קומען צו וואַרוואַראַן, — וואָלאָדין, — פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ, איר מאַן, — קאָנסטאַנטין פּעטראָוויטש, אַ הויכגעוואַקסענער פאַרשוין, בערך פערציק יאָר אַלט, אַ מאַט-בלאַסער מיט שוואַרצע האָר און אַן אומגעוויינטלעכער שווייגער. וואַרוואַרא האָט זיך אויסגעפּוצט, — זי איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייס קלייד. מען האָט געטרונקען טיי און פאַרבראַכט אין שמועסן. וואַרוואַרא איז ווי אַלעמאָל געווען שטאַרק צערודערט, וואָס פערעדאָנאָוו קומט נאָך נישט אַזוי שפּעט אַהיים. וואָלאָדין האָט מיט אַ פריילעך מעקעדיק געלעכטער דערציילט, אַז פערעדאָנאָוו איז ערגעץ אַוועק מיט רוטילאָוון. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט וואַרוואַראַס אומרו.

ענדלעך איז פערעדאָנאָוו אַריין מיט רוטילאָוון. מען האָט זיי באַגעגנט מיט אַ ליאַרם, אַ געלעכטער, מיט נאַרישע און אויסגעלאַסענע קאַטאָוועסלעך.

— וואַרוואַרא, און ווו איז דער בראָנפן? — האָט פערעדאָנאָוו בייז אַ געשריי געטון.

וואַרוואַרא האָט זיך אַ וואָרף געטון פונם טיש, שולדיק אַ שמייכל געטון, און שנעל געבראַכט דעם בראָנפן אין אַ גרויסער, גראָב גראַנירטער פלאַש.

— לאָמיר אויסטרינקען. — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז פאַרבעטן.

— וואַרט אויס, — האָט וואַרוואַרא אונטערגעזאָגט — קלאַוודושקא וועט עפּעס דערלאַנגען צום פאַרבייסן. קויל שטרוי, ריר דיך, — האָט זי אַ געשריי געטון אין קיך אַריין.

נאָר פערעדאָנאָוו האָט שוין צעגאָסן דעם בראָנפן אין די גלעזלעך און אונטערגעבורטשעט:

— צו וואָס וואַרטן, די צייט שטייט נישט.

מען האָט אויסגעטרונקען און צוגעביסן מיט פירעשקעס, מיט איינגעמאַכטס פון שוואַרצע ווײַנפערלעך. ביי פערעדאָנאָוון איז שוין געווען אַזאַ מנהג, אויפצונעמען געסט מיט בראָנפן און קאָרטן. און אַזוי ווי זיך זעצן שפילן אין קאָרטן האָט מען נאָך נישט געקאָנט, — מען האָט נאָך געדאַרפט טרינקען טיי, איז געבליבן איינס — בראָנפן.

דערווייל האָט מען אַריינגעבראַכט צום צובייסן, אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט נאָך אויסטרינקען. ביים אַריינגיין האָט קלאַודיאַ נישט פאַרמאַכט די טיר, און פערעדאָנאָוו איז געוואָרן אומרויק.

— שטענדיק איז די טיר אויפגעפראַלט, — האָט ער געבורטשעט.

ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ צוגווינט, — מען קאָן זיך נאָך פאַרקילן. און דערפאַר איז אין שטוב שטענדיק געווען דושנע און אַוירדיק.

פרעפאָלאָווענסקאַיאַ האָט גענומען אַן איי.

— גוטע אייער, — האָט זי אַ זאָג געטון — ווו קויפט איר זיי.

פערעדאָנאָוו האָט דערקלערט.

— אָט דאָס הייסט ביי אייך אייער, — אָט ביי אונז אין גוט האָט אַ הון יעדן טאָג צוויי גרויסע אייער געלייגט.

— וואָסי, — האָט פרעפאָלאָווענסקאַיאַ אַ זאָג געטון — נישט געזען, — געפונען זיך מיט וואָס צי באַרימען! ביי אונז אין דאָרף איז געווען אַ הון האָט זי יעדן טאָג געלייגט צוויי אייער און אַ לעפעלע פוטער.

— יאָ, יאָ, ביי אונז אויך, — האָט פערעדאָנאָוו אונטערגעכאַפט, נישט באַמערקנדיק דעם חוזק, — אויב אַנדערע לייגן זיך, לייגט זי זיך אויך, אַ זעלטענע הון געווען.

וואַרוואַראַ האָט זיך צעלאַכט.

— מ'האַקט אַ טשייניק — האָט זי אונטערגעברומט.

— די אויערן קאָנען וועלקן, אַזאַ טפשות רעדט מען דאָ — האָט גרושינאַ באַמערקט.

פערעדאָנאָוו האָט מיט רוגזה אַ קוק געטון אויף איר און געענטפערט מיט כּעס:

— אויב זיי וועלן, טאָ פליקט זיי אָפּ.

גרושינאַ האָט זיך פאַרלוירן.

— נו, אַרדאַליאָן באָריסיטש, איר מוזט שוין שטענדיק עפּעס אָנמערקן! — האָט זי נעבעכדיק דערקלערט.

די איבריקע האָבן מיטפילנדיק געלאַכט. וואָלאָדין האָט געזשמורעט די אויגן און געטרייסלט מיטן שטערן:

— אויב אייערע אויערן וועלן, — האָט ער דערקלערט — דאַרפט איר זיי אָפּרייסן, אַ נישט איז גאָרנישט גוט. אויב זיי וועלן אינגאַנצן פאַרוועלקן און זיך שאָקלען אַהין און אַהער. אַהין און אַהער.

וואָלאָדין האָט געוויזן מיט די פינגער, ווי אַזוי די פאַרוועלקטע אויערן וועלן זיך שאָקלען.

גרושינאַ האָט אָנגעשריען אויף אים:

— נו, איר זייט שוין אויך דאָ, אַליין קאָנט איר גאָרנישט, און טאַנצט נאָר אויף גרייטן.

וואָלאָדין האָט זיך באַליידיקט און מיט ווערדע אַ זאָג געטון:

— איך קאָן אַליין אויך, מאַריאַ אָסיפּאָוונאַ, נאָר אַז מען זיצט מיט קאָמפּאַניע — און מען פאַרברענגט, איז פאַרוואָס-זשע זאָל מען נישט אונטערהאַלטן איינער דעם צווייטן. און אויב עס געפעלט אייך נישט, איז ווי עס לוינט אייך, — ווי איר וועט זיין צו אונז, אַזוי וועלן מיר זיין צו אייך.

— אמת, פּאַוועל וואַסיליעוויטש, — האָט רוטילאָוו מיט געלעכטער צוגעגעבן.

— פּאַוועל וואַסיליעוויטש וועט שוין זיין שטעטל באַשטיין, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ מיט אַ קליגיטשק געלעכטערל אָנגעהאַלטן.

וואַרוואַראַ האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל בולקע און, צוהערנדיק זיך צו וואָלאָדינס ווערטער, געהאַלטן אין דער האַנט דאָס מעסער. די שאַרף האָט געבלאַנקט. פּערעדאָנאָוו האָט זיך דערשראָקן, — אוי, זי קאָן נאָך נעמען און אים קוילן. ער האָט אַ געשריי געטון:

— לייג אַוועק דאָס מעסער!

וואַרוואַראַ האָט אויפגעצאַפּלט.

— וואָס שרייסטו, האָסט מיך איבערגעשראָקן, — האָט זי אַ מורמל געטון און אַוועקגעלייגט דאָס מעסער. — איר ווייסט דאָך, ער גלייבט אין אַלע נאַרישקייטן, — האָט זי דערקלערט דעם שווייגנדיקן פּראָפּאָלאָוועסקין, באַמערקנדיק, ווי ער גלעט זיך די באָרד גרייט עפּעס צו רעדן.

— ס'טרעפט זיך, — האָט פּראָפּאָלאָוועסקי מיט אַ מתיקותדיקן און טרויעריקן קול באַמערקט, — איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטן, האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ נאָדל, זיך געשראָקן אַלץ, אַז ער וועט זיך פאַרשטעכן, און די נאָדל וועט אים אַריין אין לייב. ער פלעגט זיך זייער איבערשרעקן, שטעלט זיך פאָר, ווי נאָר ער האָט דערזען אַ נאָדל...

און האָט ער שוין אָנגעהויבן רעדן, האָט ער שוין נישט געוווסט וועגן אויפצוהערן, און אויף פאַרשידענע נסחאות אַלץ אײנײנעם איבערדערציילט איין און די זעלבע זאַך, ביז עמעצער פלעגט אים איבערשלאָגן און נעמען רעדן פון אַן אַנדער ענין. דעמאָלט פלעגט ער ווידער פאַרזינקען ווערן אין אַ שטילשווייגן.

גרושינאַ האָט אָנגעהויבן רעדן אויף אַן עראָטישער טעמע. זי האָט דערציילט, ווי אַזוי איר האָט געאײפערט איר פאַרשטאָרבענער מאַן, — און ווי אַזוי זי פלעגט אים פעלשן. נאָכדעם האָט זי דערציילט עפּעס אַ מעשה, וואָס זי האָט געהערט פון אירן אַ פעטערבורגער באַקאַנטן, וועגן אַ געליבטע פון אַ הויכגעשטעלטער פערזאָן, ווי אַזוי זי איז געפאָרן אין גאַס און באַגעגנט איר באַשיצער.

— זי שרייט צו אים: גוט מאָרגן, זשאַנטשיק! אויף דער גאַס נאָך! — גיט איבער גרושינאַ.

— און אָט איך וועל אייך מסרן — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון מיט כעס — מעג מען דען אויף שררות אַזעלכעס דערציילן?

גרושינאַ האָט דערשראָקן גענומען בעלעבעטשען:

— וואָס בין איך שולדיק — מען האָט עס מיר דערציילט. וואָס איך האָב געקויפט — פאַרקויף איך.

פערעדאָנאָוו האָט רוגזהדיק געשוויגן און געטרונקען טיי פון שאָל, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן טיש. ער האָט געהאַלטן, אַז אין שטוב פון אַ קינפטיקן אינספּעקטאָר פּאַסט נישט צו

רעדן אַזוי וועגן שררות. ער איז געווען אין כּעס אויף גרושינאַן, און אָנגעדראָדלט אויך אויף וואָלאָדינען, וועלכער איז אים אויסגעקומען פאַרדעכטיק, וואָס ער רופט אים אָפט מיטן נאָמען „קינפּטיקער אינספּעקטאָר״. איינמאָל האָט פּערעדאָנאָוו באַמערקט אַפילו וואָלאָדינען:

— וואָס-זשע, ברודערקע, ביסט מיך אַוודאי מקנא! און אָט דו וועסט קיינמאָל שוין קיין אינספּעקטאָר נישט זיין, און איך דוקא יאָ.

וואָלאָדין האָט דערויף אָפּגעענטפערט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— יעדן איז באַשערט זיין מזל, אַרדאַליאָן באָריסיטש, — איר זענט אַ ספּעציאַליסט אין אייער פאַך און איך אין מיינעם.

— און אונזער נאַטאַשקע — האָט וואַרוואַראַ אונטערגעכאַפּט — איז גלייך פון אונז אָנגעקומען צום זשאַנדאַרם-ראָטמיסטער.

פּערעדאָנאָוו האָט אויפגעציטערט, און אויף זיין געזיכט האָט זיך געזען שרעק.

— דו ליגסט? — האָט ער מיט אַ פּראַגע אונטערגעזאָגט.

— עט, צו וואָס דאַרף איך ליגן — האָט וואַרוואַראַ אָפּגעענטפערט, — קאָנסט גיין און אים איבערפרעגן.

די דאָזיקע אומאנגענעמע ידיעה איז געווען אמת. גרושינאַ האָט זי אויך באַשטעטיקט. פּערעדאָנאָוו איז געווען איבעראַשט. זי קאָן נאָך דאָרט אָנדערציילן מעשיות, און דער זשאַנדאַרם וועט זיך עס אָנמערקן און קאָן נאָך וועגן דעם אָנשרייבן אינם מיניסטעריום. דאָס איז שלעכט!

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך פּערעדאָנאָווס אויגן אָפּגעשטעלט אויף דער פּאָליצע איבער דער קאָמאָדע. דאָרט זענען געשטאַנען עטלעכע איינגעבונדענע ביכער: די דינערע — פּיסאַרעווס, און די דיקערע „אָטיעטשעסטווענייע זאַפּיסקי״. פּערעדאָנאָוו איז בלאַס געוואָרן און באַמערקט:

— מען דאַרף די ביכער באַהאַלטן, עמעץ קאָן נאָך פאַרמסרן.

פריער פלעגט פּערעדאָנאָוו האַלטן די ביכער פון אויבן אויף, כּדי יעדערער זאָל זען, אַז ער איז אַ פריידענקער, — כאָטש אינדער-אמתן האָט ער גאָר קיינמאָל נישט געהאַט, נישט קיין געדאַנק, נישט קיין איבערצייגונג, און אים האָט אַפילו נישט געצויגן זיך צו פאַרטראַכטן בכלל איבער וואָס נישט איז. און די דאָזיקע ביכער האָט ער

גאָר קיינמאָל נישט געלייענט. און בכלל האָט ער שוין לאַנג קיין בוך אין דער האַנט נישט געהאַלטן, — געזאָגט אַלץ, אַז ער האָט קיין צייט נישט, — קיין צייטונג האָט ער אויך נישט אַבאָנירט, נייעסן פֿלעגט ער זיך דערוויסן פֿון אַנדערע, אגב, האָט ער זיך גאָרנישט געיאָגט באָכדעם, — אים האָט לחלוטין גאָרנישט אינטערעסירט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער פֿלעגט אַפֿילו אָפּחוזקן פֿון די, וואָס שרייבן אויס אַ צייטונג, און זיי געהאַלטן פֿאַר טרענצלערס און וואָס ווייסן נישט, ווי אַזוי צו פֿאַרברענגען די צייט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די צייט איז אים זייער טייער.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע און געבורטשעט:

— ס'איז שוין אַזאַ שטאָט — מ'קאָן גלייך מסרן. העלף מיר, פּאַוועל וואַסיליעוויטש, — האָט ער זיך געווענדט צו וואָלאָדינען.

וואָלאָדין איז צו צו אים מיט אַן ערנסט און פֿאַרשטענדלעך געזיכט און פֿאָרזיכטיק גענומען פֿון זיין האַנט די ביכער, וואָס פּערעדאָנאָוו האָט אים דערלאַנגט. זיך האָט ער גענומען אַ קליין פּעקל ביכער, און וואָלאָדינען דאָס גרעסערע און איז אַוועק מיט זיי אין זאַל. וואָלאָדין איז אים נאָכגעגאַנגען.

— ווו-זשע וועט איר זיי באַהאַלטן, אַרדאַליאָן באָריסיטש? — האָט ער איבערגעפֿרעגט.

— וועסט שוין זען, — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געענטפֿערט. פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט איבערגעפֿרעגט:

— וואָס-זשע עפּעס האָט איר דאָס צוגענומען, אַרדאַליאָן באָריסיטש? פּערעדאָנאָוו האָט איר גייענדיק געענטפֿערט.

— שטרענג פֿאַרבאָטענע ביכער. מען קאָן זיי נאָך מסרן, אַז מען וועט זיי דערזען.

אינם זאַל האָט זיך פּערעדאָנאָוו אַראָפּגעלאָזן אויף די קני פֿאַרן אויוון, אַרויפֿגעלייגט די ביכער אויף אַ בלעך, — און וואָלאָדין האָט אויך דאָס זעלבע געטון, — און גענומען אַריינשטופּן איין בוך נאָכן אַנדערן אין דעם שמאָלן חלל. וואָלאָדין איז געשטאַנען אויף די קני דערנעבן, עשוואָס הינטער אים און צודערלאַנגט די ביכער. זיין שאָפּ-באָקיש געזיכט מיט די אַראָפּגעלאָזטע ליפּן און שטערן, וואָס איז אָנ-

געבויגן פון צופיל באַנעמען, איז געווען פונקט אַזוי ערנסט און פאַר־שטענדלעך ווי פריער.

וואַרוואַראַ האָט געקוקט אויף זיי דורך דער טיר. זי האָט באַמערקט מיט אַ געלעכטער:

— ער איז שוין אַוועק האַקן אַ טשייניק!

אָבער גרושינאַ האָט איר אָפּגעשטעלט.

— אַי, וואַרוואַראַ דמיטרעוונאַ, נשמהניו, האַרצעניו, זאָג עס נישט. — ס'קאָן דערפון אַרויס זייער אַן אומאַנגענעמע זאַך, אויב מען וועט זיך דאָס, חלילה, דערוויסן. דער עיקר נאָך, ווען דאָס טרעפט מיט אַ לערער. די שררות האָבן שטאַרק מורא פאַר די לערער, זיי זאָלן נישט צעבונטעווען די קינדער.

מען האָט אָפּגעטרונקען טיי און זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין סטוקאַלקע, זאַלבעזיבן אַרום לאָמבערנטיש אין זאַל. פּערעדאָנאָוו האָט געשפּילט מיט אַזאַרט, נאָר שלעכט. יעדן צוואַנציקסטן איז אים אויס־געקומען צו באַצאָלן זיינע מיטשפּילערס, דער עיקר פּרעפּאָלאָווענסקין; יענער האָט באַקומען אי פאַר זיך, אי פאַר דער פרוי. ס'רוב פלעגן געווינען די פּרעפּאָלאָווענסקיס. זיי האָבן שוין געהאַט זייערע צייכנס, אַ קלאַפּ, אַ הוסטל; און אַזוי אַרום האָבן זיי איינער דעס אַנדערן גע־געבן צווויסן, וואָס פאַר אַ קאָרטן זיי האָבן.

היינט האָט פּערעדאָנאָוו פון סאַמע אָנהויב אָן נישט געגליקט. ער האָט זיך געאיילט צוריק אָפּצוגעווינען, און וואָלאָדין האָט לאַנג־זאַם פאַנאַנדערגעטיילט די קאָרטן און זיי לאַנג איבערגעמישט.

— פּאַוולושע, גיב אַהער, — האָט פּערעדאָנאָוו אויסגעשריען מיט אומגעדולד.

וואָלאָדין, וואָס האָט זיך בשעתן שפּיל געפילט פאַר אַ „האַנט" פונקט אַזוי ווי די איבריקע, האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע און אי־בערגעפרעגט:

— וואָס מיינסטו מיט דעם, פּאַוולושקאַ? ס'איז פון פריינט־שאַפט, וואָס?

— פון פריינטשאַפט, פון פריינטשאַפט — האָט פּערעדאָנאָוו כל־אחר־יד געענטפערט, — אָבער גיב שוין שנעלער.

— נו, אויב פון פריינטשאַפט, בין איך צופרידן, זייער צו־

פֿרידן, — האָט וואָלאָדין אַ זאָג געטון מיט אַ פֿריילעכֿן און נאַרישן געלעכֿטער; צעטיילנדיק די קאָרטן, — דו ביסט זייער אַ גוטער ברו-דערקע, אַרדאַשאַ, און איך האָב דיך אַפֿילו זייער ליב. און אויב דאָס וואָלט נישט געווען פֿון פֿריינטשאַפֿט, נאָר אַזוי זיך, וואָלט איך שוין מיט דיר גאָר אַנדערש גערעדט. נאָר אויב פֿון פֿריינטשאַפֿט טוט מיר זייער הנאה. אָט האָב איך דיר דערפֿאַר אַ טויז געגעבן, — האָט וואָלאָדין אונטערגעזאָגט און אויפֿגעדעקט דעם טרומף.

פּערעדאָנאָוו האָט טאַקע געהאַט די טויז, אָבער נישט פֿון טרומף, און גלייך געכאַפּט אַ רעמיז.

— גיט ער קאָרטן, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס געמורמלט, — אַ טויז, אָבער נישט די ריכטיקע, שפּילסט מיר צו, — האָט ער אונ-טערגעוואָרטשעט, — האָסט מיר געדאַרפֿט געבן טרומף, איז וואָס-זשע האָסטו מיר דערלאַנגט? אויף וואָס דאַרף איך דעם טיקאָווע פּוז?

רוטילאָוו האָט מיט געלעכטער אונטערגעכאַפּט:

— נאָך וואָס דאַרפֿסטו טאַקע דעם טיקאָווע פּוז, אַז דיינער אַליין וואַקסט?

וואָלאָדין האָט זיך צעמעקעט און גענומען כיכיקען:

— דער קינפּטיקער אינספּעקטאָר פּלאָנטערט מיט דער צונג, — פּוז, פּוז, קאַראַפּוז.

רוטילאָוו האָט געהאַלטן אין איין פּלוידערן, געטריבן רכילות, דערציילט אַנעקדאָטן, צומאָל גאָר פּיקאַנטע. און כּדי אויפֿצורייצן פּע-רעדאָנאָוון, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז די גימנאַזיסטן פֿירן זיך זייער שלעכט אויף, דערהויפּט די, וואָס וווינען אויף פּריוואַטע קוואַרטירן! זיי רויכערן, טרינקען בראָנפֿן און שלעפּן זיך אַרום מיט מיידלעך. פּערעדאָנאָוו האָט געגלויבט, און גרושינאַ האָט נאָך אונטער-געהאַלטן. די דאָזיקע דערציילונגען האָבן איר פֿאַרשאַפֿט אַ באַזונדער פֿאַרגניגן: נאָך דעם מאַנס טויט, איז זי אַליין געווען אַ גרויסע בעלנית צו האַלטן ביי זיך אויף קוואַרטיר אַ דריי-פֿיר גימנאַזיסטן, נאָר דער דירעקטאָר האָט דאָס איר נישט דערלויבט, נישט געקוקט אויף פּערע-דאָנאָווס באַמיונגען, — גרושינאַ האָט אין שטאָט געהאַט אַ מיאוסן שם. איצט האָט זי גענומען זידלען די באַלעבאָסטעס פֿון אַלע קוואַרטירן, ווו די גימנאַזיסטן זענען איינגעשטאַנען.

— זיי געבן שוחד דעם דירעקטאָר, — האָט זי דערקלערט.

— אַלע באַלעבאָסטעס זענען נבלות, — האָט וואָלאָדין אַ זאָג געטון איבערצייגט, — אָט, נעמט כאָטש מיינע. בשעת כ'האָב געדונגען דאָס צימער, האָב איך מיט איר אויסגענומען, אַז אַלע אויפדערנאַכט דאַרף זי מיר געבן דריי גלאָז מילך. גוט, איין חודש, דעם אַנדערן האָט זי מיר געגעבן.

— און עס האָט דיר נישט פאַרשאַדט? — האָט רוטילאָוו איבערגעפרעגט.

— פאַרוואָס עפעס זאָל עס מיר פאַרשאַטן? — האָט וואָלאָדין באַליידיקט אָפגעענטפערט, — מילך איז זייער אַ גוטער פראָדוקט. איך בין פון שטענדיק אָן געוויינט יעדן אָוונט אויסצוטרינקען דריי גלאָז מילך. מיטאַמאָל זע איך, זי ברענגט מיר צוויי גלעזער. פרעג איך: וואָס עפעס איז דאָס? זאָגט די דינסט: אַנאַ מיכאַילאָווגאַ בעט, איר זאָלט איר אַנטשולדיקן, די קו, זאָגט זי, גיט היינט ווייניק מילך, און וואָס איז עס מיין עסק? אָפגערעדט, דאַרף מען אויספילן. און אַז די קו וועט גאָר קיין מילך נישט געבן, דאַרף איך קיין מילך נישט טרינקען? נו, אויב ס'איז נישט פאַראַן קיין מילך, זאָג איך, טאָ בעט אַנאַ מיכאַילאָווגאַ זי זאָל מיר געבן אַ גלאָז וואַסער. איך בין געוויינט צו טרינקען דריי גלעזער, צוויי איז פאַר מיר ווייניק.

— פאַוולושקאַ איז ביי אונז אַ העלד, — האָט פערעדאָנאָוו זיך צערעדט, — דערציילט, ברודערקע, ווי אַזוי דו האָסט זיך מיטן גענעראַל פאַרטשעפעט.

וואָלאָדין האָט זייער גערן איבערדערציילט די מעשה. דאָסמאָל האָט מען אים אָבער אויסגעלאַכט. ער האָט באַליידיקט אַראָפגעלאָזט די אונטערשטע ליפ.

ביים נאַכטעסן האָבן זיך אַלע אָנגעטרונקען שיר נישט ווי לוט, אַפילו די פרויען אויך. וואָלאָדין האָט פאָרגעלייגט מען זאָל זיך ווידער נעמען צו די ווענט. אַלע האָבן זיך דערפרייט: באַלד, מען האָט נאָך נישט פאַרענדיקט מיטן עסן, האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט און מען האָט אָפגעטון מעשים. מען האָט געשפיגן אויף די טאַפעטן, זיי באַגאָסן מיט ביר, מען האָט געשאָסן אין די ווענט, אין באַלקן מיט פאַפירענע פיילן, וואָס זענען באַשמירט געווען אין די עקן

מיט פוטער. מען האָט אויסגעקלעפּט מיט רוחות געקנאָטן פון לײם. נאָכדעם איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז דאָס גלײכסטע איז צו רײסן פאַסן פון די טאַפּעטן מיט אַ געװעט, װער עס װעט אָפּרײסן לענגערע. אין דעם דאָזיקן שפּיל האָבן די פּרעפּאָלאָװענסקיס געװונען נאָך אַ רובל אַנדערטהאַלבן.

װאָלאָדין האָט פאַרשפּילט. פונם פאַרשפּילן און שיכּרות איז ער מיט אַמאָל געװאָרן אומעטיק און זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף זײן מו־טער. ער האָט געמאַכט אַ געזיכט פול מיט פאָרװורף, און מאַכנדיק עפּעס מאָדנע מיט דער האַנט אַראָפּ, גערעדט:

— און צוליב װאָס האָט זי מיך דאָס געבוירן? און װאָס האָט זי געמײנט דערמיט? װאָס פאַראַ װערט האָט מײן לעבן איצט? זי איז נישט מײן מוטער, נאָר מײן געװינערן. װאָרן אַן אמתע מוטער דערציט אַלײן איר קינד, און מיך האָט זי נאָך גאָר אַ פּיצלס אָפּגע־געבן דער מלוכה, זי האָט מיך בלויז געבוירן, זי איז מײן געװינערן.

— דערפאַר האָט איר זיך אָבער געלערנט, געװאָרן אַ מענטש, — האָט פּרעפּאָלאָװענסקאַיאַ באַמערקט.

װאָלאָדין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שטערן זײנעם, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטענהט:

— נײן, זאָגט שוין אַלײן, װאָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, — מ'שטײנס־געזאָגט, װאָס פאַר אַ לעבן דאָס איז און צוליב װאָס האָט זי מיך דען געבוירן? װאָס האָט זי געמײנט דערמיט דעמאָלט?

פּערעדאָנאָװ איז אויף דער מחשבה אַרויף די נאַכטיקע יערלע.

אָט, — האָט ער געטראַכט װעגן װאָלאָדינען — קלאָגט ער זיך עס אויף דער מוטער זײנער, צוליב װאָס זי האָט אים געהאַט — ער װיל נישט זײן קײן פּאַװולושאַ. אַפּנים, אַז ער איז מיך מקנא. קאָן זײן, אַז ער טראַכט טאַקע חתונה צו האָבן מיט װאַרװאַראַן און אַרײן אין מײן פעל, — האָט פּערעדאָנאָװ איבערגעטראַכט און פאַר־בענקט געקוקט אויף װאָלאָדינען.

כאָטש נעם און מאַך אים חתונה מיט עמעצן.

בײנאַכט אין שלאָפצימער, האָט װאַרװאַראַ געזאָגט פּערע־דאָנאָװן:

— דו מײנסט אַװדאי, אַז אָט די אַלע מײדן, װאָס װילן דיך,

זענען ייִנגינקע, זענען שיינינקע? זיי זענען אַלע פּאַסקודסטוועס, איך בין שענער פון זיי אַלעמען.

זי האָט זיך שנעל אויסגעטון און מיט אַ פרעכן שמייכל באַוויזן פּערעדאָנאָוון איר לייַכט אָנגעפּאַרבטן, שלאַנקן, שיינעם און בויגעוודיקן קערפּער.

און הגם וואַרוואַראַ האָט זיך געוואַקלט פון שיכּרות, און איר געזיכט וואָלט ביי יעדן פרישן מענטשן אַרויסגערופן אַ געפיל פון עקל מיטן פרעך־צעקנייטשטן אויסזען זיינעם, — אָבער איר קערפּער איז געווען וואונדערשיין, ווי דער גוף פון אַ צאַרטער נימפע, מיט אַ שלייער כמעט פון אַן אומווירדיקן צויבער, אַ קאָפּ פון אַ וועלקנדיקער זונה. און אָט דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע לייב איז פאַר די דאָזיקע שיכּורע און שמוציקע מענטשלעך בלויז געווען אַ קוואַל פאַר נידעריקער תּאווה.

אַזוי טרעפט עס שוין גאַנץ אָפט, — און באמת אין אונזער יאָרהונדערט מוז די שיינקייט שטענדיק ווערן געטרעטן און פאַרשוועכט.

פּערעדאָנאָוו האָט רוגזהדיק געלאַכט, קוקנדיק אויף זיין נאַקעטער פריינטן.

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געחלומט דאַמען פון אַלע קאָלירן, נאַקעטע און פרעכע.

וואַרוואַראַ האָט געגלויבט, אַז די אָנרייבונגען מיט קראָפּיווע, וועלכע זי האָט זיך געמאכט לויט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַס עצה, האָבן געהאַט אַ פּעולה. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז מיט אַמאָל געוואָרן דיקער. אַלע אירע באַקאַנטע פלעגט זי כּסדר פרעגן:

— נישט אמת, אַז איך בין דיקער געוואָרן?

און זי האָט געמיינט, אַז איצט וועט שוין פּערעדאָנאָוו, זעענדיק, אַז זי ווערט דיקער, און באַקומענדיק די געפעלשטע בריוו, זיכער מיט איר חתונה האָבן.

און פּערעדאָנאָווס דערוואַרטונגען זענען געוואָרן גאָרנישט אַזוי פייגלדיק. ער האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט, אַז דער דירעקטאָר איז צו אים פיינטלעך געשטימט, — און דער דירעקטאָר האָט טאַקע געהאַלטן פּערעדאָנאָוון פאַר אַ פויליאַק און אומפעיקן לערער. פּערע־

דאָנאָוו האָט געהאַלטן, אַז דער דירעקטאָר זאָגט בכּיוון אָן די שילער, זיי זאָלן אים נישט האַלטן בכּבוד, — וואָס, אין דער אמתן, איז עס בלויז געווען פּערעדאָנאָווסווילדע פאַנטאַזיע. אָבער דאָס אַלץ האָט ביי פּערעדאָנאָוון געשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז מען דאַרף אָננעמען מיטלען קעגן דעם דירעקטאָר. פון כּעס אויף אים, האָט ער זיך נישט איינמאָל דערלויבט אין די עלטערע קלאַסן צו באַרעדן דעם דירעקטאָר, אַ סך גימנאַזיסטן איז די מעשה זייער געפעלן געוואָרן.

איצט, אַז פּערעדאָנאָוו האָט געוואָלט ווערן אַן אינספּעקטאָר, איז דעם דירעקטאָרס פיינטלעכע שטעלונג אים געווען, ווי אַ ביין אין האַלז. אייגנטלעך, אַז די פירשטן וועט וועלן, וועט איר פּראָטעקציע ווירקן אויפצולהכעיס דעם דירעקטאָרס שטיק. נאָר דאָך קאָן מען זיי מיט דער האַנט נישט אַוועקמאַכן.

און ווי פּערעדאָנאָוו האָט דאָס די לעצטע צייט באַמערקט, זענען אין שטאָט געווען נאָך אַנדערע לייט, וואָס האָבן זיך צו אים באַצויגן פיינטלעך און אים שטערן געוואָלט צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אַן אינספּעקטאָר. אָט איז וואָלאָדין: נישט אומזיסט האַלט ער אין איין איבערחזרן דעם נאָמען „קינפּטיקער אינספּעקטאָר”. ס׳פלעגט זיך דאָך טרעפן, אַז מענטשן האָבן זיך נאָך פאַררופן אויף אַ פרעמדן נאָמען, און אַ לעב געטון, ווי גאָט אין אָדעס. געווים איז נישט אַזוילייכט צו פאַרבייטן פּערעדאָנאָוון מיט וואָלאָדינען, — אָבער אַזאַ נאַר, ווי וואָלאָדין, קאָן איינפאַלן אַזאַ המצאה אויך. ס׳איז דאָך אַ כּלל־גדול, אַז פאַר אַ נאַר דאַרף מען זיך תּמיד אויסהיטן.

און אויך די רוטילאָווס, די ווערשינא מיט איר מארטאן, זיינע חברים לערער, — אַלע זענען פון גרויס קנאה גרייט אים צו טון די ערגסטע עולה. און מיט וואָס קאָנען זיי אים דאָס אָפּטון? קלאָר ווי דער טאָג, זיי קאָנען אים באַרעדן, פאַרמסרן פאַר נאַטשאַלסטווע, אַז ער איז נישט קיין געווונטשטער עלעמענט.

אויף אַזאַ אופן האָט פּערעדאָנאָוו געהאַט צווייערליי זאָרגן: דערווייזן זיין כּשרות און זיך פאַרזיכערן פון אַן אָנפאַל מצד וואָלאָדינען, — אים חתונה מאַכן מיט אַ רייכער.

און אָט, איינמאָל האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט וואָלאָדינען:

— ווילסט, כ׳זאָל דיר רעדן אַ שידוך מיט אַדאַמענקאָט פריילין? צי אפשר איז דיר מאַרטאַ נישט אַרויס נאָך פון קאָפּ? אַ גאַנצער חודש שוין — און דו קאָנסט זיך נישט באַרויקן?

— וואָס גייט מיר אָן מאַרטאַ! — האָט וואָלאָדין געענטפערט. — איך האָב איר פאָרגעלייגט מיין האַנט ווי אַ לייטישער מענטש, און אַז זי וויל נישט, איז נישט. איך וועל מיר אַן אַנדערע געפינען, — וואָס, איך וועל שוין קיין כלה נישט קריגן? די מציאה קריגט מען אומעטום.

— יאָ, אָבער מאַרטאַ האָט דיר אַ נאָז באַוויזן, — האָט זיך פערעדאָנאָוו געררייצט.

— איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס פאַר אַ חתן זיי באַדאַרפן, — האָט וואָלאָדין באַליידיקט זיך צערעדט — זאָלסט זאָגן, אַז זי האָט אַ גרויסן נדן, גראָשנס. דאָס האָט זי זיך, אַרדאַליאָן באָריסיטש, דיך אין קאָפּ אַריינגענומען.

פערעדאָנאָוו האָט אים געעצהט:

— איך אויף דיין אָרט, וואָלט איר אויסגעשמירט די טיר מיט סמאָלע.

וואָלאָדין האָט זיך צעכיכעט, נאָר באַלד האָט ער זיך באַרויקט און אַ זאָג געטון:

— מען קאָן מיך נאָך כאַפּן, קאָן נאָך דערפון אַ סקאַנדאַל אַרויס.

— קאָנסט עמעצן דינגען, ווער זאָגט דען, אַז דו דאַרפסט עס אַליין טון — האָט פערעדאָנאָוו אונטערגעזאָגט.

— אויף מיין וואָרט, ס׳איז כדאי — האָט וואָלאָדין אויפגעלעבט צוגעגעבן — וואָרום, אַז זי וויל נישט חתונה האָבן כדת־וכדין, און לאָזט, אגב, צו זיך אַריין יונגעלייט, וואָס קריכן דורכן פענסטער, איז וואָס־זשע פאַראַן צו רעדן! משמעות, אַז אַזוינע מענטשן האָבן שוין גאָרנישט קיין געפיל פון יושר און פון בושה.

VI

אויפצומאָרגנס איז פערעדאָנאָוו מיט וואָלאָדינען אַוועק צו דער

פרייל̈ן אַדאַמענקאָ. וואָלאָדין האָט זיך אויסגעפּוצט,—אָנגעטון זיין נייעם שמאָלינקן סורדוט, אַ ריין געקראָכמאַלעט העמד, אַ בונטן האַלזטוך, אָנגעפּאָמאַדעט די האָר, זיך אַרומגעפּערפומירט, — און געוואָרן אַ גאַנצער בר-נש.

נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ אַדאַמענקאָ האָט געוווינט מיט איר ברודער אין שטאָט אין אַן אייגן ציגל-הויז, נישט-ווייט פון שטאָט האָט זי געהאַט אַ גוט, וועלכעס זי האָט אַוועקגעגעבן אין ארענדע. מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי דאָ געענדיקט די גימנאַזיע, — און איצט האָט זי זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זי איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, געלייענט ביכלעך, וואָס פאַראַ ס'זענען אין דער האַנט געקומען, און געלערנט איר ברודערל, אַן עלף-יאָריקן גימנאַזיסט, וועלכער פלעגט זיך ראַטעווען פון איר שטרענגן רעזשים מיט אַ בייזער דערקלערונג:

— בשעת די מאַמע האָט געלעבט איז געווען בעסער. די מאַמע פלעגט בלויז דעם שירם שטעלן אין ווינקל.

מיט נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַן האָט געוווינט איר מומע אַ יכנה-לאה און אָפּגעלאָזן באַשעפעניש, וואָס האָט קיין שום דעה נישט געהאַט אין די שטוב-ענינים. באַקאַנטשאַפט פלעגט נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ מאַכן מיט אַ שטרענגער אויסרעכנונג. פערעדאָנאָוו פלעגט ביי איר פאַרקערן זייער זעלטן, און טאַקע דאָס, וואָס ער איז אַזוי ווייניק באַקאַנט געווען מיט איר, האָט אים געקאָנט ברענגען אויפן געדאַנק, אַז די דאָזיקע פריילן קאָן חתונה האָבן מיט וואָלאָדינען.

איצט האָט זי זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט פון דעם אומדערוואַרטן וויזיט, פונדעסטוועגן האָט זי די אומגעבעטענע געסט אויפגענומען זייער גערן. די געסט האָט מען געדאַרפט פאַרוויילן, — און נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט געמיינט, אַז דאָס אָנגענעמסטע און באַקוועמסטע געשפּרעך, וואָס מען קאָן פירן מיט אַ לערער פון דער רוסישער שפּראַך,— איז דאָס געשפּרעך וועגן דעם צושטאַנד פונם לימוד, וועגן דער רעפאָרם פון דער גימנאַזיע, וועגן קינדער-דערציונג, וועגן ליטעראַטור, וועגן סימבאָליזם, וועגן די רוסישע זשורנאַלן. זי האָט באַרירט אָט די אַלע טעמעס, נאָר נישט באַקומען קיין ענטפער, אַחוץ אַ פּאָר איבערראַשנדיקע ווערטער, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז אירע געסט האַלטן איצט נישט פון אַזוינע פראַגן. זי האָט דערזען, אַז דער איינציקער

געשפּרעך, וואָס וואָלט זיי אינטערעסירט — איז שטאָט־פּלאָטקעס. נאָר נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט געמאַכט נאָך אַ פּרוּוו:

— איר האָט געלייענט טשעכאָווס „דער מענטש אין שיידל?“ — האָט זי איבערגעפרעגט — נישט אמת, ס'איז זייער טרעפלעך?

און אַזוי ווי זי האָט זיך מיט אָט דער פראַגע געווענדט צו וואָלאָדינען, האָט ער זיך צעשמייכלט און אַ פרעג געטון:

— וואָס איז דאָס אַן אַרטיקל? אָדער אַ ראָמאַן?

— אַ דערציילונג, — האָט נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ געגעבן צו פאַרשטיין.

— הער טשעכאָווס, האָט איר באַוויליקט צו זאָגן? — האָט זיך וואָלאָדין פאַראינטערעסירט.

— יאָ, טשעכאָווס, — האָט נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ איבערגעזאָגט און אַ שמייכל געטון.

— איז וווּ־זשע איז עס געדרוקט? — האָט וואָלאָדין מיט נייגיר ווייטער געפרעגט.

— אין „רוסקאַיאַ מיסל“, — האָט די פריילין ליבלעך אָפּגעענט־פערט.

— אין וועלכן נומער? — האָט זיך וואָלאָדין נאָכגעפרעגט.

— איך געדענק נישט אויף געוויס, אָבער אין אַ זומערדיקן — האָט נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ געענטפערט, אָבער מיט אַ מין פאַרוווּנדע־רונג אָפּגעענטפערט.

דער קליינער גימנאַזיסט האָט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון דער טיר

— דאָס איז אינם מאַי־ביכל געווען געדרוקט, — האָט ער אַ זאָג געטון, אָנהאַלטנדיק זיך מיט דער האַנט אין דער טיר און באַטראַכטנ־דיק די געסט און די שוועסטער מיט פריילעכע אויגלעך.

— נאָך צו פרי פאַר איך צו לייענען ראָמאַנען, — האָט פּערע־דאָנאָוו בייז אַ זאָג געטון — מען דאַרף זיך בעסער לערנען, און נישט לייענען קיין מעשה־ביכלעך.

נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט שטרענג אַ קוק געטון אויפן ברודער.

— זייער פיין — שטיין הינטער דער טיר און זיך אונטער־הערן. — האָט זי באַמערקט, און, אויפהויבנדיק ביידע הענט אַרויף, האָט

זי צונויפגעלייגט די שפיצן פון די קליינע פינגער ווי אַ גלייכן ווינקל.

דער גימנאַזיסט האָט זיך אָנגעברוגזט און איז פאַרשווונדן געוואָרן. ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, זיך געשטעלט אין ווינקל און גענומען קוקן אויפן זייגער; צוויי צונויפגעלייגטע קליינע פינגער הייסט — צען מינוט שטיין אין ווינקל. — „ניין, — האָט ער געטראַכט מיט פאַרדראָס — ווען די מאַמע האָט געלעבט, איז געווען בעסער: די מאַמע פלעגט אין ווינקל שטעלן נאָר דעם שירם״.

און אינם זאַל האָט דערווייל וואָלאָדין פאַרזיכערט די באַלעבאָסטע, אַז ער וועט דורכויס זיך שאַפן דאָס מאַי־ביכל פון „רוסקאַיאַ מיסל״ און איבערלייענען הער טשעכאָווס דערציילונג. פערעדאָנאָוו האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט מיט אַן אויסזען פון שרעקלעכן אומעט. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך האָב עס אויך נישט געלייענט. איך לייען נישט קיין נאַרישקייטן. אין דערציילונגען און ראָמאַנען שרייבט מען בלויז נאַרישקייטן.

נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט גערנוויליק אַ שמייכל געטון און זיך אָנגערופן:

— איר באַציט זיך אַביסל צו שטרענג צו דער היינטיקער ליטעראַטור. עס זענען פאַראַן אָבער זייער גוטע ביכער.

— אַלע גוטע ביכער האָב איך נאָך פריער איבערגעלייענט. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט. — און צוזוואָס דאַרף איך דען לייענען אָט דאָס, וואָס מען שרייבט איצט.

וואָלאָדין האָט געקוקט אויף פערעדאָנאָוון מיט גרויס דרך־ארץ, נאַדיעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט לייכט אָפגעזיפצט און — נישטאָ קיין אַנדער ברירה — גענומען רעדן רכילות, אויף וויפל זי האָט געקאָנט. הגם זי האָט זייער נישט געהאַלטן פון אַזאַ מין געשפרעך, האָט זי אים דאָך אונטערגעהאַלטן מיט גרויס געשיקטקייט און פריילעכקייט פון אַ לעבעדיק און אויסגעהאַלטן מיידל. די געסט זענען געוואָרן לעבעדיקער. איר איז געווען שרעקלעך אומעטיק, — און זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז מיט זיי גאָר־גאָר ליבלעך, און עס צוגעשריבן וואָלאָדינען, וואָס איז היינט געווען אויסערגעווינטלעך שיין.

אַז זיי זענען אַוועק, האָט פערעדאָנאָוו אויף דער גאַס באַגריסט

וואָלאָדינען מיט זיין דערפאָלג. וואָלאָדין האָט זיך פרייליך צעלאַכט און צעשפרונגען. ער האָט שוין ווי פאַרגעסן די אַלע מיידלעך, וואָס האָבן אים צוריק געוויזן.

— בריקעווע נישט, — האָט פערעדאָנאָוו אים געוואָרנט — זיך צעבריקעוועט, ווי אַ שאָפבאָק. וואַרט נאָך, וועסט נאָך אַוועק מיט אַ נאָז.

נאָר אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס מעשה־שפּאַס, און אַליין באמת געגלויבט, אַז זיין פאַרטראַכטער פּלאַן האָט געהאַט דערפאָלג.

גרושינאַ פלעגט כמעט יעדן טאָג אַריינלויפן צו וואַרוואַראַן, וואַרוואַראַ פלעגט צו איר נאָך אָפטער קומען, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך כמעט נישט צעשיידט. וואַרוואַראַ האָט זיך באַאומרויקט, און גרושינאַ האָט עס אָפּגעצויגן, — זי האָט פאַרזיכערט, אַז ס׳איז זייער שווער צו קאָפּירן די אותיות, ס׳זאָל אַרויסקומען פּינקטלעך און גענוי.

פערעדאָנאָוו האָט נאָך אַלץ נישט קיין חשק געהאַט צו באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה. ער האָט ווידער געפאָדערט, מען זאָל אים פריער צושטעלן דעם אינספּעקטאָר־פּאָסטן. און געדענקענדיק, וויפיל גרייטע כלות עס וואַרטן אויף אים, האָט ער נישט איינמאָל, אַזוי ווי פאַריאָרן ווינטער, געדראָט וואַרוואַראַן:

— אָט גיי איך באַלד אַוועק און האָב חתונה, אין דערפרי קום איך צוריק מיט דער פרוי און טרייב דיך דורך. די לעצטע נאַכט נעכטיקסטו דאָ.

און מיט די ווערטער איז ער אַוועק, — שפּילן אין ביליאַרד. פון דאָרט פלעגט ער אַמאָל אָוונטס־צו אַהיימקומען, מערסטנטיילס אָבער פלעגט ער ערגעץ אין אַ שענק הוליען צוזאַמען מיט רוטילאָוון און וואָלאָדינען. אין אַזעלכע נעכט פלעגט וואַרוואַראַ נישט קאָנען איינשלאָפן. און דערפאַר האָט זי געליטן פון אַ שטענדיקן מיגרען. גוט איז נאָך, אַז ער קומט אַהיים אַרום איינס־צוויי אַ זייגער ביי־נאַכט, — דעמאָלט אָטעמט זי אָפּ פריי פון גאַנצן האַרצן. און אויב ער פלעגט אַמאָל קומען אין דערפרי, פלעגט וואַרוואַראַ זיך אויפהויבן פון בעט אַ קראַנקע און אַ צעבראָכענע.

ענדלעך האָט גרושינאַ צוגעגרייט דעם בריוו און אים באַוויזן וואַרוואַראַן. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי אים באַטראַכט, פאַרגליכט מיטן

בריוו, וואָס איז פאַראיאָרן געהאַט אָנגעקומען פון דער פירשטין. גרושינא האָט פאַרזיכערט: ער איז ענלעך אויף אַזויפיל, אַז די פירשטין אַליין וואָלט נישט דערקענט, וועלכער בריוו ס'איז אירער. הגם, אין דער אמתן, איז עס גאָרנישט געווען אַזוי פויגלדיק נאָכגעמאַכט, נאָר וואַרוואַרא האָט געגלויבט. און דערצו האָט זי דאָך פאַרשטאַנען, אַז פערעדאָנאָוו האָט נישט געקאָנט געדענקען דער פירשטינס ווייניק באַקאַנטן כתב אויף אַזויפיל, ער זאָל זיך כאַפּן, אַז דער איז געפעלשט.

— נו, אָט — האָט זי פריילעך אַ זאָג געטון — סוף־כל־סוף דערוואַרט זיך. און איך האָב געוואַרט, געוואַרט, אַז עס איז מיר שוין אפילו נמאס געוואָרן צו וואַרטן. נאָר וואָס וועט זיין מיטן קאָנווערט, — אַז ער וועט פרעגן, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— קיין קאָנווערט קאָן מען נישט נאָכמאַכן, — דער שטעמפּל — האָט גרושינא געזאָגט מיט אַ געלעכטערל און געקוקט אויף וואַרוואַראן מיט ביטרע, פאַרשידענע אויגן: דאָס רעכטע — גרעסער, דאָס לינקע — קלענער.

— איז וואָס־זשע וועט זיין?

— וואַרוואַרא דמיטרעוונא, — האַרצעניו, נשמהניו, איר קאָנט אים דען נישט זאָגן, אַז איר האָט דעם קאָנווערט אין אויוון אַריינגעוואָרפן? אויף וואָס דאַרפט איר דען דעם קאָנווערט?

וואַרוואַרא איז געוואָרן לעבעדיקער. זי האָט געטענהט צו גרושינאן:

— ער זאָל נאָר חתונה האָבן, אָך, דעמאָלט וועל איך שוין נישט דאַרפן פאַר אים לויפן. ניין, איך וועל מיר זיצן, און זאָל ער שוין לויפן פאַר מיר.

שבת נאָכן עסן איז פערעדאָנאָוו אַוועק שפילן ביליאַרד. זיינע געדאַנקען זענען געווען שווער און טרויעריק.

ער האָט געטראַכט:

„זייער שלעכט איז צו לעבן צווישן מענטשן, וואָס זענען דיך מקנא און געשטימט צו דיר פיינטלעך, נאָר וואָס קאָן מען נעבעך מאַכן — אַלע קאָנען דאָך נישט ווערן קיין אינספּעקטאָרס! דער קאַמף פאַרן עקזיסטענץ!“

אויפן ראָג צווישן צוויי גאַסן האָט ער באַגעגנט דעם זשאַנ־

דאָרם־פּאָלקאָווניק. נישט גאָר קיין אָנגענעמע באַגעגעניש.

דער פּאָלקאָווניק ניקאָלאַי וואַדימאָוויטש רובאָווסקי איז געווען אַ קליינגעוואַקסענער, פולער מענטש מיט געדיכטע ברעמען, מיט פרייַלעכע גרויע אויגלעך און מיט אַן אונטערהינקענדיק גענגל, פון וואָס זיינע שפּאָרן האָבן נישט גלייך און הילכיק אונטערגעקלונגען, ער איז געווען מיט אַלעמען זייער פריינטלעך, און דערפאַר האָבן אַלע אים ליב געהאַט. ער האָט געקענט אַלע איינוווינער פון שטאָט, איטלעכנס געשעפטן און באַציונגען, ער האָט גערן געהאַט אויסצוהערן רכילותן, נאָר אַליין איז ער געווען באַשיידן און אַ שווייגער, אַזוי ווי אַ קבר, און פלעגט קיינמאָל נישט קיינעם קיין אומאָנגענעמלעכקייט נישט פאַרשאַפן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַגריסט, צעשמועסט זיך. פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעבלאָזן, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און מיט מורא אַ זאָג געטון:

— איך האָב געהערט, אַז אונזער נאַטאַשאַ דינט איצט ביי אייך, זאָלט איר איר נישט גלויבן, וואָס זי וועט אויף מיר אָנדערציילן, ס׳איז הוילע ליגן.

— איך הער נישט צו קיין רכילות פון דינסטן. — האָט רובאָווסקי אַ זאָג געטון מיט ווירדע.

— זי איז אַן אויסוווּרף, — האָט פערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט, נישט אויסהערנדיק רובאָווסקיס ענטפער — זי האָט עפּעס אַ געליבטן, אַ פּאָליאַק; מעגלעך, אַז זי איז מיט אַ כיוון צו אייך אָנגעקומען, כדי עפּעס ביי אייך אַרויסצושלעפּן — אַ סעקרעט־פּאַפּיר.

— איך בעט אייך, באַאומרויִקט זיך נישט, — האָט דער פּאָלקאָווניק טרוקן אַרויסגערעדט — איך האַלט נישט ביי זיך קיין פּלאַנען פון פעסטונגען.

דאָס וואָרט „פעסטונגען״ האָט פערעדאָנאָוון אַ זעץ געטון, ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז רובאָווסקי גיט אים אָנצוהערן, אַז ער קאָן פערעדאָנאָוון איינזעצן אין פעסטונג.

— עט, וואָס רעדט איר, — האָט ער געמורמלט — ביי אַ פעסטונג האַלט עס נאָך נישט, נאָר מען רעדט דאָרט אַ סך נאַרישקייטן וועגן מיר, אָבער עס נעמט זיך פון קנאה. איר דאַרפט נישט גלויבן.

זיי מסרן מיך, אַבי מען זאָל זיך אויף זיי נישט אומקוקן, און איך אַליין קאָן זיך אויך פאַרמסרן.

רובאָווסקי האָט זיך נישט אָנגעשטויסן:

— איך פאַרזיכער אייך, — האָט ער אַרויסגערעדט, הויבנדיק די פלייצעס און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, — קיינער האָט אויף אייך נישט געמסרט. מעגלעך, אַז עמעצער האָט אייך בהלצה אַ זאָג געטון, — און מאַלע וואָס מען קאָן אַמאָל זאָגן.

פערעדאָנאָוו האָט נישט געגלויבט. ער האָט געטראַכט, אַז דער זשאַנדאַרם וויל אים נישט זאָגן דעם אמת, — און ס׳איז אים באַפאַלן אַ פחד.

איטלעכס מאָל, ווען פערעדאָנאָוו פלעגט דורכגיין פאַרביי ווערשינאס סאָד, פלעגט אים ווערשינא אָפּשטעלן, און מיט אירע באַצויבערנדיקע באַוועגונגען און ווערטער אַריינגאַרן אים אין סאָד. און ער פלעגט אַריינגיין, נישט ווילנדיק געהאָרכן איר שטילן צויבער. מעגלעך, אַז איר וואָלט זיך גיכער ווי רוטילאָוון איינגעגעבן צו דערגרייכן איר ציל — פערעדאָנאָוו איז דאָך אַלצאיינס ווייט געווען פון אַלעמען, איז פאַרוואָס-זשע זאָל ער נישט חתונה האָבן מיט מאַרטאַן? נאָר דער זומפּ, אין וועלכן פערעדאָנאָוו איז אַריין, איז, אפנים, געווען זייער קלעפּיק, און מיט קיין שום כישוף אויף דער וועלט האָט מען אים נישט געקאָנט אַריבערקאַטשען ערגעץ אַנדערש.

און אויך איצט, נאָכדעם ווי פערעדאָנאָוו האָט זיך צעשיידט מיט רובאָווסקין און איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן סאָד, האָט ווערשינא, — אָנגעטון, ווי תמיד, אינגאַנצן אין שוואַרצן, — אים אַריינגענאַרט.

מאַרטאַ און וולאַדיאַ פאָרן אויף אַ טאָג אַהיים, — האָט זי אַ זאָג געטון, קוקנדיק מיט ליבשאַפט דורכן רויך פון איר פּאַפּיראָס אויף פערעדאָנאָוון מיט אירע ברוינע אייגלעך — איז וואָלט איר אויך געקאָנט צופאָרן מיט זיי צו גאַסט אין דאָרף אַריין, — ס׳איז נאָך זיי געקומען אַן אַרבעטער מיט אַ פערד און וועגעלע.

— ענגלעך. — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז געענטפערט.

— עט, וואָס הייסט עפּעס ענגלעך, — האָט ווערשינא אָפּגעענטפערט — איר וועט זיך זייער גוט אויסזעצן, און אַז ס׳וועט זיין

אַביסל ענגלעך איז אויך נישט קיין אומגליק, ס'איז נישט־וויי איבגאַנצן זעקס וויאָרסט וועגס.

פאַר דער צייט איז מאַרטא אַרויסגעלאָפן פון שטוב און עפּעס געוואָלט פרעגן ווערשינאַן. דאָס צוגרייטן זיך צום פאָרן האָט אַביסל אויפגעטרייסלט איר פוילקייט, און איר געזיכט איז געווען לעבעדיקער און פריילעכער, ווי אַלעמאָל. מען האָט ווידער, דאָס מאָל שוין ביידע, גענומען בעטן פערעדאָנאָוון אין דאָרף אַריין.

— איר וועט זיך אויסזעצן באַקוועם, — האָט ווערשינא פאַרזיכערט — איר מיט מאַרטאַן פון הינטן, און וולאַדיאַ מיט איגנאַטן פון פאָרנט. אָט גיט אַ קוק, דאָס וועגעלע שטייט אין הויף.

פערעדאָנאָוו איז צוזאַמען מיט מאַרטאַן און ווערשינאַן אַרויס אין הויף, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס וועגעלע, און נעבן דעם וולאַדיאַ, וואָס האָט זיך עפּעס געפּאָרעט ביי דעם. דאָס וועגעלע איז געווען אַ גרויס נאָר פערעדאָנאָוו האָט עס ברוגז באַטראַכט און באַמערקט:

— איך וועל נישט פאָרן. ענגלעך. זאַלבעפערט, און נאָך מיט זאַכן.

— נו, אויב איר האַלט, אַז ס'איז ענגלעך, — האָט ווערשינא געמיינט — קאָן וולאַדיאַ גיין צופוס.

— געוויס, — האָט וולאַדיאַ מיט אַן איינגעהאַלטענעם און ליבן שמייכל איינגעשטימט — אין משך פון אַנדערטאַלב שעה וועל איך דאָרט זיין. אָט וועל איך שוין אַוועק אַהין, וועל איך נאָך פריער פאַר אייך אָנקומען.

דעמאָלט האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט, אַז עס וועט זיך טרייסלען, און ער האָט נישט גערן, אַז עס טרייסלט זיך. זיי זענען צוריק אַריין אין דער אַלטאַנקע. אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַקט, נאָר דער ארבעטער איגנאַטי האָט נאָך געגעסן אין קיך, אונטערלייענדיק דאָס האַרץ געלאַסן און גרינדלעך.

— ווי אַזוי לערנט זיך עס וולאַדיא עפּעס? — האָט מאַרטא איבערגעפרעגט.

קיין אַנדער געשפּרעך מיט פערעדאָנאָוון האָט זי נישט געקאָנט צוקלערן, און ווערשינא האָט איר שוין נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז

זי קאָן נישט אויפנעמען פערעדאָנאָוון.

— שלעכט, — האָט פערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון — ער פוילט זיך אונטער און הערט גאָרנישט, וואָס מען זאָגט.

ווערשינא האָט ליב געהאַט אונטערצוואָרטשען. זי האָט וולאַדיאַן אָנגעהויבן אויסצורעדן. וולאַדיא איז געוואָרן רויט און זיך צעשמייכלט, קוועטשנדיק מיט די אַקסל, אַזוי ווי פון קעלט, און אונטערגעהויבן, ווי זיין געוווינהייט, איין אַקסל העכער פונם אַנדערן.

— וואָסי, ס'האָט זיך דאָך ערשט דאָס לערן־יאָר אָנגעהויבן, — האָט ער אַ זאָג געטון — איך וועל נאָך באַווייזן.

— פון סאַמע אָנהויב באַלד, דאַרף מען זיך לערנען — האָט מאַרטא מיט אַ טאָן פון אַן עלטערער געענטפערט און זיך עטוואָס פאַררויטלט.

— און איז אַ שייגעץ אַ גרויסער, — האָט זיך פערעדאָנאָוו באַקלאָגט — נעכטן האָבן זיי זיך צעוווּיוועט, ווי אמתע ווייסע־חברהניקעס. און איז גראָב, דאָנערשטיק האָט ער מיך אויסגעזידלט גאָר.

וולאַדיאַ איז רויט געוואָרן און מיטן זעלבן שמייכל געגומען שנעל און הייס זיך פאַרענטפערן:

— איך האָב גאָרנישט נישט מעיז געווען, כ'האָב נאָר דעם אמת געזאָגט, אַז איר האָט אין אַנדערע העפטן צו פינף פעלערן פאַרזען, און ביי מיר דווקא אַלע אונטערגעשטראָכן און אַ צוויי מיר געשטעלט, און איך האָב דאָך בעסער אָנגעשריבן, ווי יענע, ווען איר האָט דרייען געשטעלט.

— און איר האָט מיר נאָך אַן עזותדיקייט געזאָגט. — איז פערעדאָנאָוו אויף זיינס באַשטאַנען.

— קיין שום עזותן נישט, כ'האָב נאָר געזאָגט, אַז כ'וועל עס דעם אינספעקטאָר איבערגעבן, — האָט וולאַדיאַ אויפגעקאָכט גערעדט — פאַרוואָס קומט מיר דען אומזיסט און אומנישט אַ צוויי...

— פאַרגעס זיך נישט, וולאַדיאַ, — האָט ווערשינא מיט כעס אַ זאָג געטון — אַן אַנדערער וואָלט זיך אַנטשולדיקט, און דו חזרסט עס נאָך איבער.

וולאַדיאַ האָט זיך פלוצים דערמאָנט, אַז פערעדאָנאָוון טאָר מען נישט אויפרייצן, אַז ער קאָן נאָך ווערן מאַרטאַס חתן. ער האָט זיך

נאָכמער פאַררויטלט, פאַרלוירן איבערגערוקט דעם פאַסעק אויף דער בלוזע, און פאַרשעמט אַ זאָג געטון:

— אַנטשולדיקט. איך האָב אייך נאָר געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר פאַרריכטן...

— שווייג, שווייג שוין בעסער, — האָט אים ווערשינא איבערגעריסן — איך קאָן פשוט נישט פאַרליידן אַזעלכע רייד, — האָט זי געזאָגט און קוים באַמערקט אַ ציטער געטון מיט איר גאַנצן קערפער — אַז מען מאַכט דיר אַ באַמערקונג, טאָ שווייג כאָטש.

און ווערשינא האָט אָנגעהויבן צו שיטן מיט מוסר, גערויכערט דעם פאַפּיראָס און קרום געשמייכלט, מיטן זעלבן שמייכעלע אירן, וואָס אַלעמאָל.

— מען דאַרף עס דעם פאָטער דערציילן, און זאָל ער דיר מקיים־פסק זיין. — האָט זי געענדיקט.

— אָפּשמייסן דאַרף מען אים. — האָט פערעדאָנאָוו באַשלאָסן, און בייז אַ קוק געטון אויף וולאַדיאַן.

— געוויס, — האָט ווערשינא צוגעבאָמקעט — שמייסן דאַרף מען אים.

— שמייסן דאַרף מען אים. — האָט אויך מאַרטאַ אַ זאָג געטון און רויט געוואָרן.

— אָט וועל איך היינט פאָרן צו אייך, דערציילן דעם פאָטער, — האָט פערעדאָנאָוו זיך צערעדט — און זאָל ער אייך אין מיין געגנוואַרט אָפּשמייסן. און גוט אָפּשמייסן.

וולאַדיאַ האָט געשוויגן, געקוקט אויף זיינע מאַטערער, זיך צונויפגעקנייטשט און אונטערגעשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן. זיין פאָטער איז אַ בייזער. וולאַדיאַ האָט זיך געפרוווט טרייסטן, אַז דאָס סטראַשעט מען אים נאָר, און אינדערמתן וועלן זיי עס נישט טון. איז נישט־זשע, האָט ער געטראַכט, — וועלן זיי טאַקע וועלן זיך פאַרשטערן דעם יום־טוב? יום־טוב איז דאָך עפּעס אַזאַ מין טאָג, אַ באַזונדערער, אַן אויסערגעוויינטלעכער און אַ פריילעכער, און יעדער יום־טוב איז דאָך גאָרנישט גלייך צו די גרויסע וואָכנטעג פון דער שול.

און פערעדאָנאָוון איז זייער געפעלן, אַז יינגלעך האָבן גע-

וויינט, — דערעיקר וועו ער פלעגט זיי ברענגען צו דעם, זיי זאָלן וויינען און זיך אַנטשולדיקן. וולאַדיאַס פאַרלוירנקייט, זיינע טרערן און דאָס שרעקיק־שולדיקע שמייכעלע אויף זיינע ליפּעלעך, דאָס אַלץ האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. און ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיט מאַר־טאַן און וולאַדיאַן.

— נו, גוט. איך וועל פאָרן מיט אייך. — האָט ער געזאָגט מאַרטאַן.

מאַרטאַ האָט זיך דערפרייט, נאָר עפּעס אַזוי ווי איבערגעשראָקן אַביסל. געוויס האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט, אַז פערעדאָנאָוו זאָל מיטפאָרן מיט זיי, — אָדער גיכער, האָט עס ווערשינאַ געוואָלט איר צוליב, און האָט זי פאַרכישופט מיט אירע שנעלע רייד, עס זאָל איר נעמען דער חשק. נאָר איצט, אַז פערעדאָנאָוו האָט איבערגע-חזרט, אַז ער פאָרט, האָט זיך מאַרטאַ דערפילט עפּעס נישט היימלעך צוליב וולאַדיאַן. זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט.

וולאַדיאַ האָט זיך אויך דערפילט עפּעס נישט געהויבן, איז נישט־זשע פאָרט ער עס טאַקע פון זיינעטוועגן? אים האָט זיך פאַר־וואָלט חן געפינען אין פערעדאָנאָווס אויגן. ער האָט אַ זאָג געטון:

— אויב איר מיינט אַרדאַליאָן באָריסיטש, אַז עס וועט זיין ענג־לעך, קאָן איך גיין צופוס.

פערעדאָנאָוו האָט אויף אים פאַרדעכטיק אַ קוק געטון און אַרויסגערעדט:

— אוודאי, מען זאָל אייך לאָזן איינעם אַליין, וועט איר נאָך ערגעץ אַנטלויפן. ניין, מיר וועלן אייך בעסער נעמען מיט זיך, ברענ־גען צום פאָטער און זאָל ער אייך שוין מקיים־פּסק זיין.

וולאַדיאַ איז רויט געוואָרן און האָט אָפּגעזיפצט. אים איז עפּעס געוואָרן אַזוי אומהיימלעך און ביטער און פאַרדראָסיק אויף אָט דעם דאָזיקן שלעכטן און ברוגזן פאַרשוין. נאָר כדי ווייכער צו מאַכן פע־רעדאָנאָווס האַרץ, האָט ער זיך אונטערגענומען אים צופּראַווען וואָס באַקוועמער דאָס געזעס.

— נו, איך וועל מאַכן אַזוי, — האָט ער אַ זאָג געטון — עס זאָל אייך זיין ווייך צו זיצן.

און ער האָט זיך געלאָזט שנעל גיין צום וועגעלע. ווערשינאַ האָט אים נאָכגעקוקט מיט איר קרומען שמייכל און, רויכערנדיק דעם

פּאַפּיראָס, שטיל זיך אָנגערופן צו פּערעדאָנאָוון:

— זיי האָבן אַלע מורא פאַרן פאָטער. ער, איזוייער אַ שטרענגער מאַרטא איז רויט געוואָרן.

וולאַדיאַן האָט זיך פאַרגלוסט מיטנעמען אין דאָרף אַריין זיין ווענטקע, אַ נייע, אַן ענגלישע, וואָס ער האָט זיך געקויפט פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט זייגעם, — ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט מיט זיך מיטנעמען, — נאָר דאָס וואָלט אין וועגעלע פאַרנומען צופיל אָרט, און וולאַדיאַ האָט דאָס צוריקגעטראָגן אין שטוב אַריין.

ס'איז געווען נישט הייס, די זון האָט זיך געזעצט. דער וועג, וואָס איז באַשפּריצט געווען פון דעם אינדערפריעקן רעגן, האָט נישט געשטויבט. דאָס וועגעלע איז גלאַט געפאָרן איבער די קליינע שטיינדלעך, אַוועקפירנדיק פון דער שטאָט פיר פאַרשוינען, דאָס זאַטע גרויע פערדל איז געלאָפן, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געפילט די שווערקייט, און דער פוילער, שווייגנדיקער איגנאַטי האָט געקערעוועט מיטן פערדלס גאַלאָפּ דורך באַוועגונגען, וואָס נאָר אַ געניט, שאַרף אויג האָט זיי געקאָנט קוים באַמערקן.

פּערעדאָנאָוו איז געזעסן נעבן מאַרטאַן. מען האָט אים געלאָזט אַזויפיל פּלאַץ, אַז מאַרטאַן איז אויסגעקומען נישט שטאַרק באַקוועם צו זיצן. ער האָט עס אָבער נישט באַמערקט. און ווען אפילו ער וואָלט עס יאָ באַמערקט, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין: ער איז דאָך דער גאַסט.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך געפילט זעלטן גוט. ער האָט באַשלאָסן צו זיין ליבלעך צו מאַרטאַן, רעדן מיט איר, זי פאַרוויילן, שפּאַסן. ער האָט נעמלעך אָנגעהויבן מיט דעם:

— נו, וואָס? איר קלויבט זיך אינגיכן מאַכן אַ בונט?

— צו וואָס עפּעס אַ בונט? — האָט מאַרטא איבערגעפרעגט.

— איר, פּאָליאַקן, קלויבט זיך שטענדיק צו מאַכן אַ בונט, אָבער אומזיסט אייער טרחה.

— איך טראַכט אפילו נישט וועגן דעם, — האָט מאַרטא דערקלערט, — און קיינער פון אונז קלויבט זיך גאָרנישט צו צעבונטעווען.

— נו, יאָ. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, אָבער די רוסן האָט איר פיינט בתכלית השנאה.

— ס׳הויבט זיך נישט אָן. — האָט װאָלאַדיאַ באַמערקט, זיך אויס־דרייענדיק צו פּערעדאָנאָװן פונם פּאָדערגעזעס, װוּ ער איז געזעסן גלײַך איבן אויסגנאַטן.

— מיר װײסן שוין, װאָס עס הײסט אַזוינס „ס׳הויבט זיך נישט אָן". מיר װעלן אײַך אָבער אײַער פּוילן בשום־אופן נישט אָפּגעבן. מיר האָבן אײַך אײַנגענומען. און װיפל טובות האָבן מיר אײַך געטון. גאָר, אפּנים, װי דו זאָלסט אַ װאָלף נישט שפּײַזן, ציט עס אים דאָך אין װאַלד אַרײַן.

מאַרטא האָט נישט אָפּגעענטפערט. פּערעדאָנאָװ האָט אַ װײַלע געשװיגן און פּלוצים אַ זאָג געטון:

— די פּאָליאַקן האָבן גראָבע מוחות.

מאַרטא איז רויט געװאָרן.

— פאַראַן פאַרשידענע, סײַ בײַ פּאָליאַקן, סײַ בײַ רוסן. — האָט זי אונטערגעזאָגט.

— ניין, זאָגט עס נישט, אמת איז, — איז פּערעדאָנאָװ באַשטאַנען — אַז די פּאָליאַקן זענען טפּשים. זײ בלאָזן זיך נאָר. די זשידעס אָט, זײ זענען קלוגע.

— די זשידעס זענען פּלוטן, און גאָר קיין חכמים נישט. — האָט װאָלאַדיאַ זיך אַרײַנגעמישט.

— ניין, די זשידעס זענען זײער אַ קלוג פאָלק. אַ זשיד װעט דעם רוס שטענדיק אָפּנאַרן, און אַ רוס — אַ זשיד װעט קײנמאָל נישט געפֿינען.

— אַז מען דאַרף גאָרנישט געפֿינען, — האָט װאָלאַדיאַ אַ זאָג געטון — ליגט דען אין דעם אַ חכמה, װי װער עס נאַרט אָפּ?

פּערעדאָנאָװ האָט בײז אַ קוק געטון אויף װאָלאַדיאַן.

— די גאַנצע חכמה איז אין דעם, מען זאָל זיך לערנען. — האָט ער דערקלערט. — און איר לערנט זיך נישט.

װאָלאַדיאַ האָט אַ זיפץ געטון און זיך אָפּגעקערט, און גענומען קוקן, װי אַזוי דאָס פערד לויפט. און פּערעדאָנאָװ האָט געטענהט:

— די זשידעס זענען אין אַלעמען קלוג, אי אין לערנען, אי אין אַלע זאַכן. װען מען זאָל די זשידעס צולאָזן װערן פּראָפעסאָרן, װאָלטן אַלע פּראָפעסאָרן זײַן זשידעס. און אַלע פּאָלקעס זענען שלומפּערנס.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן און מיט פאַרגעניגן באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק רויט בעוואָרן, ער האָט איר ליבלעך אונטערגעזאָגט:

— נעמט זיך נישט אַזוי צום האַרצן, איך מיין דאָס נישט אייך. איך ווייס, אַז איר וועט זיין זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע.

— אַלע פּאָלקעס זענען גוטע באַלעבאָסטעס. — האָט מאַרטא אָפּגעענטפערט.

— נו, יאָ, — האָט פערעדאָנאָוו אונטערגעכאַפּט. — באַלעבאָסטעס, פון אויבן ריין, און די אונטערקליידלעך שמוציק. נו, דערפאַר אָבער האָט איר געהאַט אַ מיצקעוויטשן. שטייט ער העכער אַ סך פון אונזער פושקינען. ער הענגט ביי מיר אויף דער וואַנט, פריער איז דאָרט פושקין געהאָנגען, נאָר כ'האָב אים אין אָפּטריט אַרויסגעוואָרפן — ער איז געווען אַ קאַמער-לאָקאַי.

— איר זענט דאָך אַ רוס, — האָט וואָלאָדיאַ אַ זאָג געטון — איז וואָס קער זיך עפּעס אָן מיט אייך אונזער מיצקעוויטש? פושקין איז אַ גוטער פּאָעט, און מיצקעוויטש — אַ גוטער.

— מיצקעוויטש שטייט העכער. — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעחזרט. — די רוסן זענען טפשים. מער ווי אַ סאַמאָוואַר האָבן זיי נישט אויסגעטראַכט, מער טאַקע גאָרנישט.

פערעדאָנאָוו האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטאַן, צוגעזשמורעט די אויגן און באַמערקט:

— איר האָט, דאַכט זיך, אַ סך זומערשפּרענקעלעך. ס'איז נישט שיין.

— וואָס קאָן איך טון? — האָט מאַרטא מיט אַ שמייכל אונטערגעזאָגט.

— איך האָב אויך זומערשפּרענקעלעך. — האָט וואָלאָדיא באַמערקט, אויסדרייענדיק זיך אויפן שמאָלן געזעס זיינעם, און פּאַרטשעפּענדיק איגנאַטן, דעם שווייגנדיקן.

— איר זענט אַ יינגל, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט — עס מאַכט נישט אויס, אַ מאַנסביל דאַרף נישט זיין קיין שיינער, אייך אָבער אָט, — האָט ער ווייטער גערעדט, זיך ווענדנדיק צו מאַרטאַן — אייך פּאַסט עס גאָרנישט נישט. קיינער קאָן אייך נאָך נישט וועלן פאַר

קיין ווייב. מען דאַרף דאָס געזיכט וואַשן מיט אוגערקע־ראָסל.

מאַרטא האָט געדאַנקט פאַר דער עצה.

וולאַדיאַ האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף פערעדאָנאָוון.

— וואָס שמייכלט איר עפּעס? — האָט פערעדאָנאָוו באַמערקט. — אָט וואַרט צו, לאָמיר נאָר אָנקומען אַהין, וועט מען אייך מכבד זיין, ווי מען דאַרף.

וולאַדיאַ האָט זיך אויסגעדרייט אויף זיין אָרט, אויפמערקזאַם געקוקט אויף פערעדאָנאָוון, באַמיענדיק זיך צו כאַפּן, צי שפּאַסט ער. צי מיינט ער טאַקע אויף אַ רעכטן אמת. און פערעדאָנאָוו האָט ווידער נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז מען האָט אויף אים געקוקט צו אויפמערקזאַם.

— וואָס עפּעס קוקסטו אויף מיר אַזוי? — האָט ער גראָב איבערגעפרעגט. — איך בין נישט קיין געמאָלטער. און אפשר ווילט איר מיר גאָר געבן אַן עין־הרע?

וולאַדיא האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעקערט די אויגן.

— אַנטשולדיקט. — האָט ער מיט ציטערניש אַרויסגערעדט. — איך האָב עס סתם אַזוי, אָן אַ מיין.

— און איר גלייבט דען טאַקע אין אַן עין־הרע? — האָט מאַרטא איבערגעפרעגט.

— געבן אַן עין־הרע קאָן מען נישט, ס'איז אַן אַבערגלייבעניש, — האָט פערעדאָנאָוו בייזלעך אָפּגעענטפערט — אָבער זייער פיין איז עס נישט, אָפּצושטעלן אַ פּאָר אויגן און אים באַטראַכטן.

עטלעכע מינוט האָט געדויערט דאָס אומאָנגענעמע שווייגן.

— איר זענט דאָך אָרעמע, — האָט פערעדאָנאָוו פּלוצים ווי זיך קלאָר געמאַכט.

— יאָ, נישט קיין רייכע, — האָט מאַרטא געענטפערט — און קיין גאָר אָרעמע איז בכלל דאָך נישט פאַראַן. יעדערער פון אונדז פאַרמאָגט נאָך עפּעס וואָס, אָפּגעשפּאָרטס.

פערעדאָנאָוו האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויף איר און באַמערקט:

— נו, יאָ. איך ווייס, אַז איר זענט אָרעמע לייט, איר גייט שטענדיק באָרוועס אינדערהיים.

— מיר טוען עס נישט מחמת אָרעמקייט. — האָט וולאַדיא לעבעדיק אָפּגעענטפערט.

— וואָס דען, פון רייכקייט טוט איר עס? — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט און זיך צעלאַכט.

— נישט גאָר פון אָרעמקייט, — האָט וולאַדיא איבערגעזאָגט און איז רויט געוואָרן — פאַרן געזונט איז עס זייער גינציק, עס פאַרהאַרטעוועט דעם גוף. און זומער איז עס זייער אָנגענעם.

— נו, איר לייגט, — האָט פערעדאָנאָוו גראָב אָפּגעענטפערט — רייכע גייען נישט באָרוועס. אייער פאָטער האָט אַ סך קינדער און פאַרדינט נישט איבריקס. קלעקט נישט אויף קיין שוכוואַרג

VII

וואַרוואַרא האָט גאָרנישט געוווּסט, וווּהין פערעדאָנאָוו איז נעלם געוואָרן. זי האָט געהאַט אַ שוידערלעך אומרויקע נאַכט.

אומקערנדיק זיך צוריק אין שטאָט אַריין, איז פערעדאָנאָוו נישט אַוועק אַהיים, נאָר זיך געהייסן אָפּפירן צום קלויסטער, — צו דער צייט פלעגט זיך אָנהייבן די אינדערפריִיקע תפלה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז איצט איז געפערלעך נישט צו זיין אָפּט אין קלויסטער, — מען קאָן נאָך, חלילה, מסרן.

אַריינגייענדיק אינם הויף, האָט ער באַגעגנט אַ חנעוודיק גימנאַזיסטל מיט אַ צערויטלט גוטהאַרציק געזיכט און אומשולדיקע בלויע אויגלעך. פערעדאָנאָוו האָט אים אַ זאָג געטון:

— אַ, מאַשענקא, וואָס מאַכסטו, צעמיידלטער מיינער.

מישא קודריאַווצעוו איז שרעקלעך רויט געוואָרן. פערעדאָנאָוו האָט זיך מיט אים שוין אייניקע מאָל געריצט, אָנרופנדיק אים מיטן מיידלישן נאָמען מאַשענקא, — קודריאַווצעס האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עפּעס רופט ער אים אַזוי, און זיך נישט געקאָנט באַשליסן, צי ער זאָל זיך באַקלאָגן. עטלעכע חברים, נאַרישע שנעקעס, וואָס זענען גראָד געשטאַנען דאָ, האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן אויך געהאַט פאַרגניגן צו רייצן זיך מיט מישאן.

דער קלויסטער אויפן נאָמען פון אליהו-הנביא, אַן אַלטער, וואָס

איז נאָך געבויט געוואָרן אין די צייטן פון צאַר מיכאַיל, איז געשטאַנען אויפן פּלאַץ קעגנאיבער דער גימנאַזיע. דעריבער האָבן די גימנאַזיסטן אין חגאות צו די אָוונט און מאָרגן תפילות געמוזט אַהערגיין און זיך שטעלן צו דער לינקער זייט, ביים הייליקן בילד פון יעקאַטערינאַן די גרויס מאַרטירעירן, רייענווייז,—און הינטער זיי איז געשטאַנען איינער פון די געהילף־דערציערס, כדי אַכטונג צו געבן אויף זיי. און נעבן זיי, נעענטער צו, אינם מיט פון קלויסטער זענען געשטאַנען די לערער פון גימנאַזיע, דער אינספּעקטאָר און דירעקטאָר, מיט זייערע פאַמיליעס. אַהערצו פלעגן קומען כמעט אַלע פּראַוואָסלאַוונע גימנאַזיסטן, חוץ איינציקע, וועלכע מען פלעגט דערלויבן צו באַזוכן זייערע פּאַראַפיע קלויסטערס צוזאַמען מיט זייערע עלטערן.

דער כאָר פון גימנאַזיסטן האָט זייער שיין געזונגען, און דערפאַר פלעגן אַהערקומען אויך סוחרים פון ערשטער גילדע, באַאַמטן און גוטבאַזיצער מיט זייערע פאַמיליעס. פונם המון פלעגט זעלטן ווער אַהערקומען, און דערצו נאָך פלעגט מען דאָ אָפּריכטן די מאָרגנתפילה, לויטן באַגער פונם דירעקטאָר, אַ סך שפּעטער ווי אין אַנדערע קלויסטערס.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך געשטעלט אויף זיין געוויינטלעך אָרט. פון דאַנעט האָט ער אויסגעצייכנט געקאָנט אויפן אויג האָבן דעם גאַנצן כאָר. ער האָט געזשמורעט די אויגן און געקוקט אויף די זינגערס, און געטראַכט, אַז זיי שטייען אָן אַ סדר, און ווען ער זאָל זיין דער אינספּעקטאָר פון גימנאַזיע, וואָלט ער זיי שוין אויסגעלערנט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך צו האַלטן. אָט איז דער שוואַרצינקער קראַמערענקאָ, אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אַ זשוואַווער, — ער האַלט זיך אין איין דרייען אַהין און אַהער, שעפּטשעט, שמייכלט, — און קיינעם גייט עס נישט אָן, גלייך ווי עס וואָלט קיינעמס עסק נישט געווען.

שרעקלעך — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — די דאָזיקע זינגערס זענען אַלע מנוולים; דער שוואַרצינקער האָט אַ גוטן, ריינעם סאָפּראַן, — מיינט ער שוין, אַז אַפילו אינם קלויסטער מעג ער זיך שעפּטשען און שמייכלען.

און פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעבלאָזן.

נעבן אים איז געשטאַנען דער אינספּעקטאָר פון די פאָלקס־שולן, סערגעי פּאָטאַפּאָוויטש באָגדאַנאָוו, אַ זקן מיט אַ ברוין נאַריש געזיכט, אויף וועלכן ס'האָט זיך שטענדיק געזען אַזאַ אויסדרוק, גלייך ווי ער האָלט עמעצן וועלן געבן צו פאַרשטיין אַזאַ זאַך, וואָס ער אַליין פאַרשטייט עס נאָך נישט. קיינעם אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי לייכט איבערצוראַשן און איבערצושרעקן, ווי אָט דעם באָגדאַנאָוון: ווי ער פלעגט נאָר דערהערן עפּעס אַ נייעס אָדער אַ געהיימניספולס, — און זיין שטערן איז שוין געקנייטש פון אינערלעכער קרענקלעכער אָנשטרענגונג, און פון זיין מויל פליען שוין אַרויס ווילדע, צעשראָקענע אויסרופן.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעבויגן און אים אַ זאָג געטון, אויפן אויער:

— אַ לערערקע גייט ביי אייך אין אַ רויט העמדל.

באָגדאַנאָוו האָט זיך דערשראָקן. די ווייסע בראָדעווקע האָט זיך שרעקלעך צעטרייסלט אויף זיין געמבע.

— וואָס? וואָס זאָגט איר? — האָט ער הייזעריק געשעפּטשעט. — ווער, ווער איז זי?

— אַי, אָט די שרייבערקע, אָט די גראָבע, ווי אַזוי הייסט זי דאָרט? — האָט פערעדאָנאָוו געשעפּטשעט.

— אַ שרייערקע, — האָט זיך באָגדאַנאָוו פאַרלוירן געוואָלט דערמאָנען — דאָס איז די סקאָבאָטשקינאַ, יאָ?

— נו, טאַקע. — האָט פערעדאָנאָוו איינגעשטימט.

— איז וואָס־זשע עפּעס פאַר אַ מעשה! — האָט באָגדאַנאָוו אין דער שטיל אויסגערופן. — סקאָבאָטשקינא טראָגט אַ רויט העמדל, אַ! און איר אַליין האָט עס געזען?

— געזען, — און מען זאָגט, אַז זי קומט נאָך מיט דעם אין דעם קלאַס אַריין. און דאָס איז נאָך גאָרנישט, — אַמאָל פאַרגלוסט זיך איר גאָר, טוט זי אָן אַ סאַראַפאַן, און שפּאַצירט אַרום ווי אַ פּראָסטע שיקסע.

— וואָס רעדט איר! מען דאַרף עס דערגיין, דאַרף מען. מען טאָר אַזונס נישט. מען טאָר נישט. מען דאַרף איר אָפּזאָגן, דאַרף מען

דערפאַר,—האָט באָגדאַנאָוו געמורמלט—זי איז שטענדיק געווען אַזאַ.

די תּפילה האָט זיך געענדיקט. מען איז אַרויס פון קלויסטער. פערעדאָנאָוו האָט פאַרהאַלטן קראַמאַרענקאָן און אים אַ זאָג געטון:

— דו שוואַרצער קאָטער איינער, פאַרוואָס האָסטו געשמייכלט אין קלויסטער? וואַרט — וואַרט, איך וועל עס דעם פאָטער שוין דערציילן.

פערעדאָנאָוו פלעגט צומאָל „דוצן" די גימנאַזיסטן, וואָס האָבן נישט געשטאַמט פונם אַדל; די אַדעליקע פלעגט ער שטענדיק „אירצן". אין קאַנצעלאַריע האָט ער זיך דערוווּסט דעם שטאַנד פון יעדן שילער און זיך עס גוט איינגעקריצט אינם זכרון.

קראַמארענקאָ האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף פערעדאָנאָוון און שווייגנדיק אַוועקגעלאָפן ווייטער. ער איז געווען פון די שילער, וואָס האָבן געהאַלטן פערעדאָנאָוון פאַר אַ גראָבן, נאַרישן און נישט־יושרדיקן, און אים דערפאַר פיינט געהאַט בתכלית-השנאה. אָט אַזעלכע זענען געווען ס׳רוב פון אַלע גימנאַזיסטן. פערעדאָנאָוו האָט געהאַלטן, אַז דאָס זענען די, וועלכע דער דירעקטאָר העצט אָן קעגן אים, און אויב נישט ער אַליין, איז דורך די זין זיינע.

אַרויסגייענדיק פון צוים איז צו פערעדאָנאָוו צוגעגאַנגען וואָלאָדין מיט אַ פריידעוודיקן כיכיקען; דאָס געזיכט, ווי ביי אַ חתן, אַ שיינענדיקס, דער הוט אויפן קאַרק, דאָס שטעקעלע אין ביידע הענט.

— ווייסט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט ער פריידעוודיק געשעפּטשעט — איך האָב געפועלט ביי טשערעפּנינען, און ער וועט די טעג אויסשמירן מאַרטאַס טויער מיט סמאָלע.

פערעדאָנאָוו האָט געשוויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס, און פּלוצים זיך ברוגזדיק צעלאַכט. וואָלאָדין האָט פּונקט אַזוי שנעל אויפגעהערט צו כיכיקען, באַקומען אַ באַשיידענעם אָנבליק. פאַרריכט דעם הוט אויפן קאָפּ און, קוקנדיק צום הימל און וואַרפנדיק מיטן שטעקעלע, אַרויסגערעדט:

— אַ פיינער דרויסן, — און פאַרנאַכט, מסתּמא, וועט זיין אַ רעגן. נו, עס מאַכט נישט אויס, זאָל זיין אַ רעגן, מיר וועלן מיטן קינפּטיקן אינספּעקטאָר אין שטוב זיצן.

— איך קאָן גאָרנישט זיצן אין שטוב, — האָט פּערעדאָנאָוו אונטערגעזאָגט — איך בין היינט פּאַרנומען און מוז זיין אין שטאָט.

וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ פאַרשטענדיק געזיכט, הגם ער האָט אויף זיכער נישט געוווּסט גאָר, מיט וואָס אַזוינס פּערעדאָנאָוו קאָן זיין פאַרנומען. און פּערעדאָנאָוו האָט געטראַכט, אַז ער מוז דורכוים אָפּשטאַטן אייניקע וויזיטן. די נאַכטיקע, צופעליקע באַגעגעניש מיטן זשאַנדאַרם-פּאָלקאָווניק האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק, וואָס האָט אים געשיינט צו זיין זייער וויכטיק: גיין צו אַלע נכבדי-העיר און זיי פאַרזיכערן אין זיין כשרות. אויב דאָס וועט זיך אים איינגעבן, וועט ער, ווי עס זאָל זיך שוין נישט טרעפן, האָבן אַ צד, וואָס וועט עדות זאָגן אויף זיין כשרות.

— ווהין-זשע גייט איר עס, אַרדאַליאָן באָריסיטש? — האָט וואָלאָדין איבערגעפרעגט, זעענדיק, אַז פּערעדאָנאָוו פאַרקערעוועט זיך פונם וועג, דורך וועלכן ער גייט שטענדיק אַהיים, — איר גייט דען נישט אַהיים?

— ניין, איך גיי אַהיים, — האָט פּערעדאָנאָוו אָפּגעענטפערט — כ׳האָב אָבער מורא געהאַט צו גיין דורך דער גאַס.

— פאַרוואָס עפּעס?

— ס׳וואַקסט דאָרט אַ סך שטעכערס, און דער ריח איז אַ שווערער; עס ווירקט אויף מיר נישט גוט, עס פאַרטומלט מיך. די נערוון ביי מיר זענען היינט אָפּגעשוואַכט עפּעס. אַזויפיל אומאָנגענעמלעכקייט.

וואָלאָדין האָט ווידער געמאַכט אַ פאַרשטענדיק און מיטפילנדיק געזיכט.

אויפן וועג האָט פּערעדאָנאָוו אָפּגעריסן עטלעכע בערעזעך און זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— צו וואָס עפּעס דאַרפט איר זיי? — האָט וואָלאָדין מיט אַ געלעכטער איבערגעפרעגט.

— פאַרן קאָטער. — האָט פּערעדאָנאָוו אָנגעברוגזט געענטפערט.

— איר וועט עס אים צוטשעפּען צו דער כעל? — האָט וואָלאָדין פאַראינטערעסירט זיך מיט דעם.

— יאָ.

וואָלאָדין האָט זיך צעכיכעט.

— אָן מיר הויבט עס נישט אָן, — האָט ער אַ זאָג געטון — ס'איז זייער אינטערעסאַנט.

פּערעדאָנאָוו האָט אים איינגעלאַדן, ער זאָל איצט אַריינגיין צו אים, נאָר וואָלאָדין האָט באַמערקט, אַז ער איז איצט פאַרנומען: עפּעס האָט ער מיט אַמאָל דערפילט, אַז ס'איז גאָרנישט פיין נישט צו זיין פאַרנומען; פּערעדאָנאָווס רייד האָבן אים צוגעגעבן חשק, און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז עס וואָלט גאָרנישט קרום געווען אַליין אַריינצוגיין צו דער פריילין אַדאַמענקאָ און איר איבערגעבן, אַז ער האָט איצט נייע און זייער שיינע צייכנונגען פאַר רעמלעך, איז אפשר איז זי אַ בעלן זיי צו זען. און אגב-אורחא וועט אים נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַ מכבד זיין מיט אַ גלעזעלע קאַווע.

און וואָלאָדין האָט טאַקע אַזוי געטון. ער האָט נאָך צוגעטראַכט זייער אַ גוטן אויפטו: ער האָט פאָרגעלייגט נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַן, אַז ער וועט מיט איר ברודערל לערנען האַנט-אַרבעט. נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַ האָט געמיינט, אַז וואָלאָדין איז אַ נצרך, און האָט גלייך מסכים געווען. מען האָט זיך צונויפגערעדט, אַז ער וועט אים לערנען דריי מאָל אַ וואָך, צו צוויי שעה, פאַר דרייסיק רובל אַ חודש. וואָלאָדין איז געווען אויפן הימל פון גליק, — אי געלט אי די מעגלעכקייט זיך אַזוי אָפט צו זען מיט נאַדעזשדאַ וואַסיליעוונאַן.

פּערעדאָנאָוו איז אַהיימגעקומען צוריק, אַ פינסטערער, ווי אַלעמאָל. וואַרוואַרא איז געווען בלייך פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און אָנגעהויבן וואָרטשען:

— האָסט נישט נעכטן געקאָנט זאָגן, אַז דו וועסט נישט קומען.

פּערעדאָנאָוו האָט, זיך רייצנדיק מיט איר, דערציילט, אַז ער איז געפאָרן צו מאַרטאַן. וואַרוואַרא האָט אונטערגעשוויגן. זי האָט געהאַט דער פירשטינס בריוו. הגם אַ געפעלשטער, נאָר דאָך...

בשעתן פרישטיק האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל.

— בשעת דו האָסט זיך דאָרט אַרומגעשלעפּט מיט דיין מאַרפּושען, האָב איך דאָ באַקומען אַן ענטפער פון דער פירשטין.

—דו האָסט איר דען געשריבן?—האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט. זיין געזיכט האָט אויפגעלעבט מיט אַן אָפּשיין פון שוואַכער דערוואַרטונג.

— נו, אָט, ער האַקט שוין אַ טשייניק, — האָט וואַרוואַרא מיט אַ געלעכטער אָפּגעענטפערט — האָסט דאָך אַליין געהייסן מיר שרייבן.

— נו, וואָס-זשע שרייבט זי? — האָט פּערעדאָנאָוו אומרויִק איבערגעפרעגט.

— אָט איז דער בריוו, קאָנסט לייענען.

וואַרוואַרא האָט געזוכט אין די קעשענעס, גלייך ווי זי וואָלט נישט געקאָנט געפינען דעם בריוו, נאָכדעם האָט זי אים אַרויסגעשלעפּט און דערלאַנגט פּערעדאָנאָוון. ער האָט שטיין געלאָזט דאָס עסן און מיט גיריקייט גענומען לייענען דעם בריוו. איבערגעלייענט — און געוואָרן פריילעך. אָט איז, ענדלעך, אַ קלאָרער און גוטער ענטפער. קיין שום ספק האָט דער בריוו ביי אים נישט אַרויסגערופן. ער האָט אויף גיך געענדיקט דאָס עסן און איז אַוועק ווייזן דעם בריוו באַקאַנטע און פריינט.

אַ ברוגז-באַגייסטערטער, איז ער שנעל אַריין צו ווערשינאַן אין סאָד. ווערשינא איז, כמעט ווי אַלעמאָל, געשטאַנען ביים טירל און גערויכערט. זי האָט זיך דערפרייט: פריער האָט מען אים געדאַרפט אַריינבאַרן, און איצט איז ער אַליין געקומען. ווערשינא האָט אַ טראַכט געטון:

„אָט וואָס עס הייסט זיך דורכפאָרן מיט אַ פריילין, זיין אַ ביסל מיט איר, — אָט איז ער שוין אַליין געקומען צולויפן. אפשר וויל ער שוין ווערן אַ חתן?“ — האָט זי אומרויִק און פריילעך איבערגעטראַכט.

פּערעדאָנאָוו האָט זי גלייך אַנטוישט. ער האָט איר געוויזן דעם בריוו.

— אָט צווייפלט איר שטענדיק — האָט ער געזאָגט — און אָט זעט דער פירשטינס בריוו. אָט לייענט איבער, וועט איר אַליין זען.

ווערשינא האָט מיט אומצוטרוי אַ קוק געטון אויפן בריוו, אים עטלעכע מאָל שנעל באַדעקט מיט טאַבאַק-רויך, קרום אַ שמייכל געטון און איבערגעפרעגט שטיל און שנעל:

— און ווו איז דער קאָנווערט?

פּערעדאָנאָוו האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן. ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז וואַרוואַרא האָט אים געקאָנט אָפּנאַרן מיטן בריוו, — גענומען און אַליין אָנגעשריבן. מען דאַרף ביי איר פאָדערן דעם קאָנווערט און וואָס גיכער.

— איך ווייס נישט, — האָט ער אַ זאָג געטון — מען דאַרף איבערפרעגן.

ער האָט זיך שנעל געזעגנט מיט ווערשינאַן און זיך איילִיק געלאָזט גיין צוריק, צו זיך אַהיים. ס'איז דורכויס נויטיק געווען וואָס גיכער זיך איבערצייגן, פון וואַנען דער דאָזיקער בריוו האָט זיך גענומען, — אַ פלוצימדיקער ספק איז דאָך אַזוי פיינלעך־שווער.

ווערשינא איז געשטאַנען ביים טירל און אים נאָכגעקוקט; זי האָט קרום געשמייכלט און שנעל געריכערט דעם פּאַפּיראָס, אָט גלייך ווי זי וואָלט זיך געאיילט וואָס גיכער צו פאַרענדיקן דעם באַשטימטן ציל.

מיט אַ דערשראָקן און פאַרצווייפלט געזיכט איז פערעדאָנאָוו געקומען אַהיימצולויפן, און נאָך אינם פאָרצימער אַ געשריי געטון מיט אַ הייזעריק פאַרדומפּן קול:

— וואַרוואַראַ, וווּ־זשע איז דער קאָנווערט?

— וואָס פאַר אַ קאָנווערט? — האָט וואַרוואַראַ איבערגעפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול.

זי האָט פרעך געקוקט אויף פערעדאָנאָוון, אָבער ווען זי וואָלט נישט געווען אָפּגעפּאַרבט, וואָלט זי זיכער רויט געוואָרן.

— דער קאָנווערט פון דער פירשטין, פונם בריוו, וואָס דו האָסט מיר היינט געבראַכט. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט, קוקנדיק צעשראָקן און מיט צאָרן אויף וואַרוואַראַן.

וואַרוואַראַ האָט זיך אָנגעשטרענגט צעלאַכט.

— איך האָב אים פאַרברענט, אויף וואָס דאַרף איך אים? — האָט זי אַ זאָג געטון, — אפשר זאָל איך זיך גאָר נעמען צו קלויבן קאָנווערטן, זיך מאַכן אַ קאָלעקציע, וואָס? אַזוי קאָן מען דאָך פאַר אַ קאָנווערט גאָרנישט באַקומען. נאָר פאַר פלעשער צאָלט מען אין שענק געלט.

פערעדאָנאָוו האָט אַרומגעשפּאַנט אַ פינסטערער איבער די צימערן און געוואָרטשעט:

— פאַראַן אַלערליי פירשטינס. מיר ווייסן. מעגלעך, אַז אָט די פירשטין וווינט גאָר דאָ ערגעץ.

וואַרוואַראַ האָט זיך געמאַכט, אַז זי פאַרשטייט נישט, אַז ער

באַציט זיך צו איר מיט פאַרדאַכט, נאָר זי האָט שרעקלעך מורא באַקומען.

אָוונטס, בשעת פערעדאָנאָוו איז דורכגעגאַנגען פאַרביי ווערשינאס סאָד, האָט אים ווערשינא אָפּגעשטעלט.

— איר האָט געפונען דעם קאָנווערט? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— וואַרוואַראַ זאָגט, אַז זי האָט אים פאַרברענט. — האָט פערעדאָנאָוו געענטפערט.

ווערשינא האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און די ווייסע וואָלקנדלעך פון רויך האָבן זיך לייכט געוויגט פאַר איר אין דער שטילער נישט־הייסער לופט.

— מאָדנע, — האָט זי באַמערקט — ווי אַזוי איז עס אייער שוועסטער נישט פאָרזיכטיק, — אַ וויכטיקער בריוו און נאַדיר גאָר אָן אַ קאָנווערט! אַלנפאַלס קאָן מען פון די שמעמפלען זען, ווען מען האָט דעם בריוו אַרויסגעשיקט, פון וואַנען.

פערעדאָנאָוון האָט עס שטאַרק געאַרט. און אומזיסט האָט אים ווערשינא גערופן צו זיך אין סאָד אַריין, אומזיסט אים צוגעזאָגט צו װרעפן אין קאָרטן, — פערעדאָנאָוו איז אַוועק. —

און דאָך האָט ער אַלע זיינע פריינט באַוויזן דעם בריוו און זיך באַרימט. און די פריינט האָבן געגלויבט.

און פערעדאָנאָוו האָט נישט געוווסט, צי זאָל ער גלויבן, צי נישט. און ער האָט באַשלאָסן, ווי אַזוי די מעשה זאָל נישט זיין, דאַרף ער פון דינסטיק אָן אָנהויבן מאַכן זיינע וויזיטן צו די אָנגעזעענע לייט פון דער שטאָט. מאָנטיק טאָר מען נישט, — אַ שלעכטער טאָג.

VIII

ווי פערעדאָנאָוו איז נאָר אַוועק שפּילן אין ביליאַרד, איז וואַרוואַראַ אַוועקגעפאָרן צו גרושינאַן. אַ לאַנגע צייט זענען זיי געזעסן און געשמועסט, ביז זיי האָבן ענדלעך, באַשלאָסן די זאַך פאַרגלעטן מיט נאָך אַ בריוו. וואַרוואַראַ האָט געוווסט, אַז גרושינא האָט באַקאַנטע

אין פּעטערבורג. מיט זייער הילף איז נישט שווער איבערצושיקן אַהין און צוריק דעם בריוו, וואָס מען וועט דאָ אָנשרייבן.

גרושינא האָט, פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, זיך לאַנג געקווענקלט און עס נישט געוואָלט טון.

— אוי, האַרצעניו, נשמהניו, וואַרוואַראַ דמיטריעוונאַ, — האָט זי זיך געבעטן — איך ציטער אַזוי פֿאַר אָט דעם ערשטן בריוו, וואָס איך האָב אָנגעשריבן. אַז איך דערזע דעם פּריסטאַוו דורכגיין, — לאָזן זיך מיר די כּוחות אויס, — איך מיין, — אָט קומט מען און מען זעצט מיך אין טורמע אַריין.

אַ גאַנצע שעה איז וואַרוואַראַ געזעסן און איינגעטענהט מיט איר, צוגעזאָגט מתּנות, איר געגעבן אַביסל געלט פֿאָרויס. ענדלעך, איז גרושינא איינגעגאַנגען. מ׳האָט באַשלאָסן אַזוי צוטון: פֿריער וועט וואַרוואַראַ זאָגן, אַז זי האָט געענטפֿערט דער פֿירשטין, — זי האָט איר געדאַנקט. נאָכדעם, אין עטלעכע טעג אַרום, וועט אָנקומען דער בריוו פֿון דער פֿירשטין, הייסט דאָס. אין אָט דעם בריוו וועט נאָך קלאָרער און באַשטימטער זיין אָנגעשריבן, אַז עס זעט זיך פֿאָר אַ פּאָסטן, אַז אויב זיי וועלן אינגיכן חתונה האָבן, וועט מען באַלד קאָנען פּועלן, מען זאָל איין אָרט רעזערווירן פֿאַר פּערעדאָנאָוון. דעם דאָזיקן בריוו וועט גרושינא אָנשרייבן דאָ, פּונקט אַזוי ווי דעם ערשטן — אים פֿאַרמאַכן, אָנקלעפּן אַ זיבן-קאָפּיקענע מאַרקע, און גרושינא וועט דעם דאָזיקן בריוו צושיקן צו איר חברטע קיין פּעטערבורג, און יענע וועט אים ווידער דאָרטן אַריינוואַרפֿן אינם פּאָסטקעסטל.

און אָט איז וואַרוואַראַ מיט גרושינאַן אַוועק אינם קרעמל, אין סאַמע עק שטאָט, און דאָרט געקויפֿט אַ פּעקל קאָנווערטן, שמאָלינקע מיט קאָלירטן אונטערשלאַק און קאָלירט פּאַפּיר, זיי האָבן אויסגעקליבן אַזאַ פּאַפּיר, וואָס איז שוין מער אין קרעמל נישט געווען, — אַ פֿאָרזיכט־מיטל, וואָס גרושינא האָט צוגעקלערט, כּדי מען זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז דער בריוו איז אַ געפֿעלשטער. שמאָלע קאָנווערטן האָבן זיי אויסגעקליבן דערפֿאַר, כּדי די נאָכגעמאַכטע בריוו זאָלן קאָנען אַריין אין אַ צווייטן קאָנווערט.

צוריקקומענדיק צו גרושינאַן אַהיים, האָבן זיך ביידע אַוועקגע־

זעצט צונויפשטעלן דעם בריוו פון דער פירשטין. אין צוויי טעג אַרום איז דער בריוו געווען פאַרטיק און זיי האָבן אים איינגעפּאַרפומירט מיט שיפּער. די איבריקע קאָנווערטן און דאָס פּאַפּיר האָט מען פאַרברענט, עס זאָל קיין שפּור נישט בלייבן.

גרושינא האָט אָנגעשריבן איר חברטע, אין וואָס פאַר אַ טאָג יענע זאָל אַריינוואַרפן דעם בריוו, זיי האָבן אויסגערעכנט אַזוי, אַז דער בריוו זאָל אָנקומען זונטיק, דעמאָלט וועט אים דער בריווטרע־גער ברענגען, ווען פּערעדאָנאָוו וועט זיין אין שטוב, און דאָס וועט שוין ממילא זיין דער בעסטער באַווייז, אַז דער בריוו איז נישט קיין געפעלשטער.

דינסטיק האָט פּערעדאָנאָוו געזען, וואָס פריער אַהיימקומען פון דער גימנאַזיע. דער צופאַל האָט אים צוגעהאָלפן: די לעצטע לעקציע האָט ער געלערנט אין קלאַס, וווּ די טיר איז אַרויס אינם קאָרי־דאָר, נישט ווייט פון אָרט, וווּ ס'איז געהאָנגען דער זייגער און ס'האָט געוואַרט דער באַדינער, אַ בראַווער אונטעראָפיצער פון רעזערוו, וואָס פלעגט אין די באַשטימטע צייטן קלינגען. פּערעדאָנאָוו האָט אַוועקגעשיקט דעם באַדינער אין לערער-צימער נאָכן זשורנאַל, און אַליין האָט ער איבערגערוקט דעם זייגער אויף אַ פערטל שעה, — קיינער האָט עס נישט באַמערקט.

אינדערהיים האָט זיך פּערעדאָנאָוו אָפּגעזאָגט צו עסן פרישטיק און אָנגעזאָגט, אַז דעם מיטאָג זאָל מען צוגרייטן שפּעטער, — ער איז היינט פאַרנומען און מוז זיין אין אייניקע ערטער.

— פּלוטן, פּלוטן, און איך דאַרף עס אויספּלוטעווען — האָט ער בייז איבערגערעדט, טראַכטנדיק וועגן די נבלות, וואָס זיינע שונאים גרייטן אים צו.

ער האָט אָנגעטון דעם פראַק, וועלכן ער האָט זייער זעלטן באַנוצט און איז שוין אויף אים געווען שמאָל, — ער איז פאַר דער לעצטער צייט געוואָרן זייער דיק, און דער פראַק איז געבליבן דער זעלביקער. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט נישט קיין אָרדן. אַנ־דערע האָבן, — אַפילו פאַלאַסטאָוו פון דער שטאָט־שול האָט — און ער נישט. אַלץ דעם דירעקטאָרס שפּיצלעך: קיין איינמאָל אים נישט געוואָלט צומאָל פאָרשטעלן. די ראַנגען גייען, קעגן דעם קאָן דער

דירעקטאָר גאָרנישט נישט טון, — אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם ראַנג, אַז קיינער זעט אים נישט. אָט ביי דעם נייעם מונדיר וועט מען עס שוין גריילעך אָנזען. גוט איז, וואָס דאָרטן וועלן די עפּאָ־לעטן זיין לויטן ראַנג, און נישט לויט דער מדרגה. וויכטיק איז זייער, — עפּאָלעטן, ווי ביי אַ גענעראַל, און איין גרויס שטערנדל. יעדערער וועט עס באַלד קאָנען באַמערקן, אַז עס גייט איבער דער גאַס אַ מלוכה־ראַט.

„מען דאַרף וואָס גיכער באַשטעלן דעם נייעם מונדיר". — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט.

ער איז אַרויס אויפן גאַס און דאָ ערשט אָנגעהויבן צו טראַכטן, צו וועמען ער זאָל גיין.

ווי אים האָט זיך געדאַכט, זענען די וויכטיקסטע לייט, וואָס קאָנען אים צונוץ קומען, דער איספּראַווניק און דער פּראָקוראָר פון קרייז־געריכט. פון זיי האָט מען טאַקע געדאַרפט אָנהויבן. אָדער אפשר גאָר פון אָנפירער ביי די אַדעליקע. אָנהויבן אָבער ביי זיי האָט זיך פּערעדאָנאָוו געשראָקן. דער אָנפירער וועריגא — איז אַ גע־נעראַל און האַלט ביים ווערן גובערנאַטאָר. דער איספּראַווניק, דער פּראָקוראָר, דאָס זענען שרעקלעכע פאָרשטייער פון דער פּאָליציי און פונם געריכט.

„פאַר דער התחלה, — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — דאַרף מען אויסקלויבן די פּשוטערע שררות, און דאָרט זיך אַרומקוקן, אַרומ־שמעקן; עס וועט לייכטער זיין צו באַמערקן, ווי אַזוי מען באַציט זיך צו אים, וואָס מען רעדט וועגן אים". און דעריבער איז פּערע־דאָנאָוו געפאַלן אויף דער המצאה, אַז דאָס גלייכסטע איז אָנצוהויבן פון שטאָט־גאָלאָוואַ. הגם ער איז אַ סוחר און האָט זיך בלויז גע־לערנט אין אַ פּריוואַט־שול, דאָך קומט ער אומעטום, און אַלע קו־מען צו אים, און די שטאָט באַציט זיך צו אים מיט גרויס רעספּעקט, און אין אַנדערע שטעט, אַפילו אין דער הויפּט־שטאָט, האָט ער אַ מאַסע באַקאַנטע, צווישן זיי זייער אַ סך אָנגעזעענע שררות.

און פּערעדאָנאָוו האָט זיך פעסט געלאָזט גיין צום שטאָט־גאָלאָוואַ.

דרויסן איז געווען כמאַרעדיק. די בלעטער פון די ביימער

זענען געפאַלן הכנעהדיקע, מידע, פערעדאָנאָוו האָט זיך געפילט אומ־היימלעך.

ביים שטאָט־גאָלאָוואַ אין שטוב האָט געשמעקט מיט ערשט אָפּגע־ריבענע פּאַרקעט־דילן און נאָך מיט עפּעס, קוים באַמערקלעכס, גע־שמאַקס, עסנדיקס. געווען איז שטיל און אומעטיק. דעם באַלעבאָס קינדער, דער זון אַ גימנאַזיסט און אַ מיידעלע, אַ נישט־דערוואַקסע־נע — „זי גייט נאָך ביי מיר מיט דער גווערנאַנטן", — פלעגט דער פּאָטער זיך אויסדריקן. — זענען אַרטיק געזעסן אין זייערע צימערן. דאָרט איז געווען היימלעך, באַקוועם און פריילעך, די פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט אין סאָד, דאָס מעבל איז געווען לייטיש, אין די צי־מערן און אין סאָד זענען געווען איינגעאָרדנט פאַרשידענע שפּילן, און קינדער־קעלעכלעך האָבן געקלונגען.

אין די פאָדערשטע צימערן פון אויבערשטן שטאָק, וואָס זענען אַרויסגענאַנגען צום גאַס, דאָרט, ווו מען פלעגט אויפנעמען געסט, איז אַלץ געווען אָנגעצויגן און האַרט. דאָס מעבל פון רויט האָלץ האָט אויסגעזען, ווי מען זאָל עס מיט אַ כיוון האָבן פאַרבעסערט לויטן מוסטער פונם שפּילצייג. פּשוטע מענטשן איז נישט זייער באַ־קוועם געווען צו זיצן אויף דעם, — זעצט זיך אַנידער, איז גלייך, ווי דו וואָלסט אויף אַ שטיין אַרויפגעפאַלן. און דער בעל־גוף, דער באַלעבאָס — גאָרנישט, זעצט זיך אַוועק און זיצט זיך גאַנץ באַקוועם. דער אַרכימאַנדריט פון דערבייאיקן הינטער־שטאָטישן מאָנאַסטיר, וועל־כער פלעגט אָפט קומען צום שטאָט־גאָלאָוואַ, פלעגט אָט די שטולן און וואַנעס אָנרופן נשמה־ראַטעווערס, אויף וואָס דער שטאָט־גאָלאָוואַ פלעגט ענטפערן:

— יאָ, איך האַלט זייער נישט פון די דאַמישע צערטלעכ־קייטן, — ווי ביי אַנדערע, זעצסט זיך אויף די פרוזשינעס און ווערסט אַ פאַרטרייסלטער, דו טרייסלסט זיך, און דאָס מעבל מיט. — איז וואָס־זשע דער מער דערמיט? און די דאָקטוירים, אגב האַלטן אויך נישט פון קיין ווייך מעבל.

דער שטאָט־גאָלאָוואַ, יאַקאָוו אַניקעוויטש סקוטשאַיעוו האָט באַ־געגנט פערעדאָנאָוון אויף דער שוועל פון זאַל זיינעם. דאָס איז גע־ווען אַ דיקער, הויכגעוואַקסענער, שוואַרצהאָריקער, נידריק־געשוירענער

מאַנספאַרשוין; געהאַלטן האָט ער זיך מיט ווערדע און זייער ליב־לעך, וואָס איז אָבער געווען נישט ווייט פון פאַראַכטונג אין דער באַציונג צו נישט גאָר רייכע מענטשן.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייטער שטול און ענטפערנדיק אויפן באַלעבאָס פריינטלעכע פראַגן, האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין צו אייך געקומען צוליב עפעס אַן ענין.

— מיטן גרעסטן פאַרגניגן, מיט וואָס קאָן איך דען דינען? — האָט זיך דער באַלעבאָס ליבלעך נאָכגעפרעגט.

אין זיינע קלוגיטשקע, שוואַרצע אויגן האָט אויפגעפלאַקערט אַ פאַראַכטנדיק פייערל. ער האָט געמיינט, אַז פערעדאָנאָוו וויל ביי אים בעטן אַן הלואה, און האָט באַשלאָסן, מער פון הונדערט פופציק רובל אים נישט געבן. אַ סך באַאַמטן פון דער שטאָט זענען אים געווען שולדיק באַדייטנדיקע סומעס געלט. סקוטשאַיעוו פלעגט זיי קיינמאָל נישט דערמאַנען, אַז ס׳איז צייט שוין אָפּצוגעבן דעם חוב, דערפאַר פלעגט ער אָבער שוין קיינמאָל נישט לייען די, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעגעבן. צום ערשטן מאָל פלעגט ער געבן מיט גרויס פאַר־גניגן, רעכנענדיק זיך מיט די מזומנים, וואָס ער האָט דעמאָלט גע־האַט און מיט דער פאַרמעגלעכקייט פון בעל־הלואה.

— איר, יאַקאָוו אַניקעוויטש, זייט, אַלס שטאָט־גאָלאָוואַ, די ערשטע פערזאָן אין אונזער שטאָט, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט — דאַרף איך דעריבער מיט אייך עפעס רעדן.

סקוטשאַיעוו האָט געמאַכט אַ וואַזשנע מינע און זיך לייכט פאַר־בויגן זיצנדיק אויף דעם שטול.

— אין שטאָט פלאַפּלט מען וועגן מיר פאַרשידענע נאַריש־קייטן. — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז דערקלערט. — מען פלוטעווע, וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

— אויף אַ פרעמד מויל קאָן מען נישט אַרויפלייגן קיין שלאָס — האָט דער באַלעבאָס צוגעגעבן — און, אגב, אין אונזערע פאַלעסטי־נעס, וואָס זאָלן די מומיטשקעס טון, אויב נישט באַרעדן יענעם.

— מען זאָגט, אַז איך גיי נישט אין קלויסטער אַריין, איז דאָס דען נישט קיין ליגן, — האָט פערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט — איך קום אַלעמאָל. אַז איך בין אויף איליאַ נישט געווען, איז עס

געוועז צוליב דעם, וואָס דער בויך האָט מיר גראָד ווי געטון, אַזוי גיי איך אַלעמאָל.

— אמת, — האָט דער באַלעבאָס באַשטעטיקט — דאָס קאָן איך אויך זאָגן, איך זע אייך אַלעמאָל. הגם נישט אַלעמאָל גיי איך אין אייער קלויסטער. איך פאָר אָפטער אין מאָנאַסטיר. אַזאַ מנהג איז שוין ביי אונז פון תּמיד אָן.

— וואָס מען פּלוידערט אַלץ דאָרט, — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגערעדט — מען זאָגט, אַז איך דערצייל די גימנאַזיסטן שרעקלעכע, מיאוסע זאַכן. עס הויבט זיך נישט אָן. געוויינטלעך, טרעפט אַמאָל, אַז דו דערציילסט בשעת דער לעקציע עפּעס אַ לייכטע מעשהלע, כּדי לעבעדיקער צו מאַכן דעם קלאַס. איר האָט דאָך אַ זון, אַ גימנאַזיסט. ער האָט דאָך אייך קיינמאָל פון מיר גאָרנישט נישט דערציילט?

— אמת, — האָט סקוטשאַיעוו מודה געווען — עס האָט זיך נישט געטראָפן. אגב, זענען אָט די שנעקעס, אַדורכגעטריבענער עולם, — וואָס מען דאַרף נישט, וועלן זיי נישט דערציילן. געוויס, מיינער איז נאָך גאָר אַ שנעק, ער וואָלט עס פון נאַרישקייט זיכער אויסגעפּלאַפּלט, נאָר ביז אַהער האָט זיך עס נאָך נישט געטראָפן.

— נו, און אין די עלטערע קלאַסן ווייסן זיי עס אַליין גאַנץ גוט, — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט — און דאָרטן היט איך זיך אויך צו רעדן מיאוסע רייד.

— אוודאי אַזוי, — האָט סקוטשאַיעוו געענטפערט — אַ כּלל־גדול איז, אַז אַ גימנאַזיע איז נישט קיין פּישמאַרק.

— אַזאַ עולם איז שוין אונזערער, — האָט זיך פּערעדאָנאָוו געקלאָגט — פרעגט זיי בחרם, וואָס זיי פּלוידערן. איז אָט בין געקומען צו אייך, — איר זייט דאָך דער שטאָט־גאָלאָוואַ.

סקוטשאַיעוו איז געווען גערירט פון דעם, וואָס מען איז צו אים געקומען. ער האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאָס איז, וואָס מען וויל פון אים, נאָר ער האָט פּאָליטיש נישט באַוויזן אַפילו דעם מינדסטן סימן, אַז ער פאַרשטייט נישט.

— און נאָך באַרעדט מען מיך, — האָט פּערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט — אַז איך לעב פלומרשט מיט וואַרוואַראַן. מען זאָגט, אַז זי

איז נישט מיין שוועסטערקינד, נאָר אַ געליבטע און ביי גאָט, אַז זי איז מיינע אַ קרובה, אַ ווייטלעכע, אַ גליד-גליד געשוועסטערקינד און מיט אַזעלכע מעג מען חתונה האָבן. און איך וועל טאַקע מיט איר חתונה האָבן.

— אַזוי, אַזוי, געוויס, — האָט סקוטשאַיעוו איינגעשטימט — און אגב, חתונה געהאַט, און אַ סוף, אַן עק.

— און פריער האָב איך דאָס בשום־אופן נישט געקאָנט טון — האָט פערעדאָנאָוו געטענהט — צוליב אַ געוויסער סיבה האָב איך עס נישט געקאָנט טון. בשום־אופן נישט געקאָנט. איך וואָלט שוין לאַנג מיט איר חתונה געהאַט, איר מעגט מיר גלויבן.

סקוטשאַיעוו האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, זיך אָנגעבלאָזן און, צוקלאַפנדיק מיט די פינגער, פוכיקע און ווייסע, איבערן טונקעלן טישטוך אויפן טיש, האָט ער איבערגערעדט:

— איך גלויב אייך. אויב אַזוי, איז עס באמת גאָר אַן אַנדער זאַך. איצט גלויב איך אייך. וואָס זאָל איך לייקענען, איך אַליין האָב געספקט, ווי אַזוי לעבט איר דאָס מיט אייערע, דערלויבט מיר צו זאָגן, פריינטן, נישט חתונה געהאַטערהייט. עפעס איז עס נישט אַזוי, דעריבער, וואָס די שנעקעס, זעט איר, זענען דורכגעטריבענע יונגאַטשעס: זיי נעמען גלייך איבער יעדע שלעכטע זאַך. נאָר אַבי־סעלע איז עס געווען ספקדיק, און אגב, וועמעס עסק איז עס, — אָט אַזוי האַלט איך. און דאָס, וואָס איר זייט צו מיר געקומען, פרייט מיך זייער, דערפאַר וואָס מיר זענען פראָסטינקע נפשות, ווייטער פון אַ פּאָוויאַטאָווער שול די וועלט נישט געזען, און דאָך באַציט זיך די געזעלשאַפט צו אונז מיט גרויס כבוד, דאָס דריטע מאָל שוין אויס־געקליבן פאַר אַ שטאָט־גאָלאָוואַ, האָט מיינס אַ וואָרט, ביים שטאָט־עולם, דוקא עפעס אַ ווערט.

סקוטשאַיעוו האָט גערעדט און וואָס ווייטער אַלץ מער זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע געדאַנקען, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיינמאָל שוין וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען צו אָט דעם פּלאָנטער, וואָס ציט זיך פון דער צונג זיינער. און ער האָט איבערגעריסן זיינע רייד און זיך אומעטיק פאַרטראַכט:

„און אגב איז פונקט ווי מען וואָלט פון אַ פוסטן אין אַ ליידיקן

איבערגעשאָטן. אַן אומגליק — האָט ער געטראַכט — מיט די געלערנטע, מען קאָן קיינמאָל נישט פאַרשטיין, וואָס זיי ווילן. אין די ביכער איז אים, דעם געלערנטן, אַלץ קלאָר ווי אויף דער האַנט, און רייסט ער נאָר די נאָז אָפּ פונם בוך, ווערט ער פאַרזונקען אין אַ זומפּ, און שלעפּט נאָך אַנדערע מיט זיך מיט".

מיט אַ פאַרבענקטער צעטומלונג האָט ער אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויף פערעדאָנאָוון, זיינע שאַרפע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן. דער פולער גוף איז מאָגערער געוואָרן, און ער האָט שוין גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ לוסטיקער כלל־טוער, ווי אַלעמאָל, נאָר ווי עפּעס אַ נאַרישעוואַטער, אַלטער זקן.

פערעדאָנאָוו האָט אויך שטיל געשוויגן, ווי אַ פאַרכישופטער פונם באַלעבאָס רייד, נאָכדעם האָט ער צונויפגעזשמורעט די אויגן און מיט אַן אומבאַשטימט־אָנגעברוגזטן אָנבליק איבערגערעדט:

— איר, דער שטאָט־גאָלאָוואַ, איר קאָנט זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן.

— דאָס הייסט, וועגן וואָס מיינט איר דאָס? — האָט זיך סקרטשאַיעוו פאָרזיכטיק נאָכגעפרעגט.

— אָט, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט — טאָמער מסרט מען מיך אינם קרייז, אַז איך גיי נישט אין קלויסטער, אָדער וועגן אַן אַנדער זאַך, וואָס הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס, איז אָט, אַז מען וועט קומען און זיך נאָכפרעגן.

— דאָס קאָן מען, — האָט דער גאָלאָוואַ צוגעשטימט — דאָס מעגט איר, אַלנפאַלס, שוין זיין זיכער, אויב איר מיינט דאָס, מעגט איר זיך שוין אויף אונז פאַרלאָזן — פאַרוואָס זאָלן מיר עפּעס פאַר אַ גוטן מענטשן קיין גוט וואָרט נישט זאָגן, אויב מען וועט דאַרפן — איז אַפילו אַן אַדרעס פון דער דומע וועט מען אייך דערלאַנגען. דאָס קאָן מען. אָדער גאָר, למשל, דעם טיטול פון אַן ערנבירגער, — פאַרוואָס עפּעס נישט, אַז איר דאַרפט דאָס, ביטע, מען קאָן עס מאַכן.

— קאָן איך מיך שוין אויף אייך פאַרלאָזן, — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז אונטערגעזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט אָפּענטפערן אויף אַ זאַך, וואָס איז אים זייער נישט אָנגענעם, — אַ נישט, טשעפּעט זיך דער דירעקטאָר רק צו מיר.

— ז־ז, זאָגט, איך בעט אייך! — האָט סקוטשאַיעוו אויסגעשריגן און מיט מיטגעפֿיל געשאָקלט מיטן קאָפּ. — און אַלץ באַדאַרף מען רעכֿענען בלויז צוליב אָט די פֿליאָטקעס, וואָס מ׳האָט אויף אייך אָנגעמאַכֿט. — ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש איז, דאַכֿט זיך מיר, אַ גאַנץ סאָלידער מענטש, ער וועט קיינעם נישט באַליידיקן אומזיסט און אומנישט. ווי איך זע עס פֿונם זון מיינעם. אַן ערנסטער מענטש, אַ שטרענגער, קעכֿלט קיינעם נישט, און אַלע זענען ביי אים גלייך, מיט איין וואָרט, אַ סאָלידער מענטש. נישט אַנדערש, ווי מען האָט אייך באַרעדט. וועגן וואָס האָט איר זיך דאָס מיט אים צעאַמפּערט?

— אונזערע שטאַנדפּונקטן שטימען נישט, — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט — און אין גימנאַזיע איז מען מיך מקנא. אַלע ווילן ווערן אינספּעקטאָרן, און מיר האָט די פֿירשטין וואָלאָטשאַנסקאַיאַ פֿאַרשפּראָכֿן אויסצופּועלן אַ פּאָסטן אַלס אינספּעקטאָר. איז אָט — זענען מיך אַלע מקנא.

— אַזוי, אַזוי, — האָט סקוטשאַיעוו פֿאָרזיכֿטיק איבערגעחזרט — און אגב, וואָס האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט און שמועסן אויפֿן טרוקענעם. מען דאַרף עפּעס אויסטרינקען און צובייסן.

סקוטשאַיעוו האָט אַ דריק געטון דאָס קנעפּל פֿון עלעקטרישן גלעקל נעבן הענגלאָמפּ.

— אַ באַקוועמע זאַך, — האָט ער געזאָגט צו פּערעדאָנאָוון — און איר האָט גאָר באַדאַרפֿט איבערגיין אין אַן אַנדער אַמט. איר וועט אונז, דאַשענקאַ, עפּעס צוגרייטן, — האָט ער זיך געווענדט צו אַ חנעוודיק אַטלעטיש־געבויט מיידל, וואָס איז אַריינגעקומען אויפֿן קלונג — עפּעס וואָס צובייסן, — קאַווע הייסינקע, איר פֿאַרשטייט?

— איך הער. — האָט דאַשענקאַ געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. און איז אַוועק מיט וווּנדערלעך־לייכֿטע, לויט איר געבוי, טריט.

— אין אַן אַנדער אַמט, — האָט זיך סקוטשאַיעוו ווידער געווענדט צו פּערעדאָנאָוון — אָט נעמט אפֿילו אינם גייסטלעכֿן אַמט. ווען איר טוט דאָס, וואָלט איר זיין זייער אַן ערנסטער, סאָלידער גלח. איך קאָן אייך מיטהעלפֿן. איך האָב אייניקע באַקאַנטע אַרכֿירייען.

סקוטשאַיעוו האָט אָנגערופֿן עטלעכֿע יעפּאַרכֿיאַלע און וויקאַרע בישאָפֿן.

— ניין, איך וויל נישט ווערן קיין פּאָפּ, — האָט פּערעדאָנאָוו געענטפערט — כ'האָב מורא פאַרן ווייַרויך. ס'איבלט מיך פאַרן ווייַרויך, אַ'ן דער קאָפּ טוט וויי.

— נו, ווי באַלד אַזוי, איז אין דער פּאָליציי אויך גוט. — האָט סקוטשאַיעוו געעצהט. — איר קאָנט, למשל, ווערן אַ סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו, דערלויבט מיר, פון וועלכן ראַנג זענט איר?

— איך בין אַ שטאַטס-ראַטגעבער. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט ווערדע זיך באַטיטולט.

— אָט וואָס! — האָט סקוטשאַיעוו אויסגעשריגן, — זעט נאָר, — ס'אַרע הויכע ראַנגען מען גיט עס אייך. און פאַרוואָס, פאַרדעם, וואָס איר לערנט מיט קינדער? זאָגט, איך בעט אייך, וואָס הייסט עס אַזוינס בילדונג. צווייטנס, הגם אייניקע פאַלן נאָך איצט אויך אָן אויף דער בילדונג, מוז מען מודה זיין, אַז אָן איר קאָן מען זיך לחלוטין נישט באַגיין. אָט נעמט מיך אַליין, הגם איך האָב געלערנט בלויז אין אַ פּאָוויאַטאָווע שול, און דעם זון וועל איך שוין שיקן אין אוניווערסיטעט. די גימנאַזיע קומט אפילו אָן שווערלעך, אים קומט פּשוט אויס צו שלעפּן פאַר די אויערן, און נאָכדעם וועט ער שוין אַליין גיין. איך, ווייסט איר, שמייס אים קיינמאָל נישט. נאָר אַז ער הויבט אָן פּראַווען שטיק, פּוילט זיך אונטער עפּעס צו טון, נעם איך אים פאַרן אַקסל און פיר אים צו צום פּענסטער, — דאָרט וואַקסן ביי אונז אין סאָד בערעזעס. ווייז איך אים אָן אַ בעריאָזע, — דו, זאָג איך, זעסט? איך זע, טאַטקע, איך זע, — זאָגט ער, — איך וועל שוין מער נישט. און עס העלפט טאַקע. ער ווערט בעסער, אָט גלייך ווי דו וואָלסט אים אָפּגעשמיסן. עך, קינדער, קינדער, — האָט סקוטשאַיעוו מיט אַ זיפץ פאַרענדיקט.

ביי סקוטשאַיעוון איז פּערעדאָנאָוו אָפּגעזעסן גאַנצע צוויי שעה. נאָכן לאַנגן שמועס האָבן זיי זיך גענומען דאָס האַרץ אונטערלענען.

סקוטשאַיעוו האָט מכבד געווען, — אַזוי ווי אַלץ, וואָס ער האָט געטון, — זייער לייטיש, אָט גלייך ווי ער וואָלט אויסגעפירט זייער אַ בוויטיקן ענין. און דערביי האָט ער שטענדיק גערן געהאַט דאָס צו טון מיט פאַרשידענע שפּיצלעך. מען האָט דערלאַנגט פּאָרטווייַן אין פּשוטע טיי גלעזער, אַזוי ווי קאַווע, און דער באַלעבאָס האָט דאָס

טאַקע אָנגערופֿן הייסינקע קאַווע. די בראָנפֿנגלעזלעך זענען געווען אונטערגעהאַקט די פּיסלעך, כּדי מען זאָל זיי נישט קאָנען שטעלן אויפֿן טיש.

— אָט דאָס הייסט בײַ מיר אָנגעגאָסן און ארײַנגעכּוסעט. — האָט דער באַלעבאָס דערקלערט.

אַרײַן איז נאָך דער סוחר טישקאָוו, אַ גרויער, קליינגעוואַקסענער, אַ פֿרײַלעכער און אַ ווױליטשקער אין אַ לאַנגן סורדוט און שטיוול, ווי פּלעשעלעך. ער האָט געטרונקען אַ סך בראָנפֿן, געשיט צום גראַם זייער שנעל און לעבעדיק און איז, אַפּנים, געווען זייער צופֿרידן מיט זיך.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז צײַט איז שוין אַ היימצוגיין און זיך גענומען געזעגענען.

— וואָס האָט איר קיין צײַט נישט, — האָט דער באַלעבאָס צו־גערעדט — זיצט נאָך אַביסל.

— זיצט, האַלט אונטער קאָמפּאַניע. — האָט טישקאָוו געבעטן.

— ניין, איך מוז גיין. — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט.

— ער מוז שוין גיין, די שוועסטער איז עלנט ווי אַ שטיין. — האָט טישקאָוו אונטערגעגראַמט און צוגעווונקען סקוטשאַיעוון.

— איך בין פֿאַרנומען. — האָט פּערעדאָנאָוו זיך פֿאַרענטפֿערט.

— ווער ס'איז פֿאַרנומען, דעם זאָל ווױל באַקומען. — האָט טישקאָוו גלייך אויפֿן אָרט אונטערגעכאַפּט.

סקוטשאַיעוו האָט פּערעדאָנאָוון באַגלייט ביזן פֿאָרצימער. בײַם געזעגענען האָבן זיי זיך אַרומגענומען און צעקושט. פּערעדאָנאָוו איז געווען שטאַרק צופֿרידן מיטן דאָזיקן באַזוך.

דער גאָלאָוואַ איז אויף זײַן צד, האָט ער פֿעסט באַשלאָסן.

אומקערנדיק זיך צו טישקאָוון, האָט סקוטשאַיעוו באַמערקט:

— מען באַרעדט אומזיסט און אומנישט אַ מענטשן.

— מען רעדט, און מען ווייסט נישט, וואָס מען רעדט. — האָט טישקאָוו גלייך אונטערגעכאַפּט, און ווױלעריש זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל ענגלישן בראָנפֿן.

מען האָט געזען, אַז ער טראַכט אַפֿילו נישט וועגן דעם, פֿון

וואָס מען רעדט, נאָר ער כאַפּט סתם אַזוי אויף אַ וואָרט און ענטפערט גלייך צום גראַם.

— נישקשה, ער איז גראָד אַ ווילער יונג, און אַז עס האַלט ביי אַ כּוסה, איז ער גאָר קיין נאַר נישט. — האָט סקוטשאַיעוו ווייטער גערעדט און זיך אויך אָנגעגאָסן אַ גלעזל, גלייך ווי עס וואָלטן אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען פּישקאָווס גראַמען.

— אויב ער מאַכט אַ כּוסה, איז ער אַ שעלמע אַ גרויסע. — האָט טישקאָוו אויסגעשריען לעבעדיק און איבערגעקערט דאָס גלעזל אין מויל אַריין.

— און אַז ער דרייט זיך דאָרט מיט דער מויד איז אויך קיינעמס עסק נישט! — האָט סקוטשאַיעוו צוגעגעבן.

— מויד צו דער זעט, און וואַנצן אַ פול בעט. — האָט טישקאָוו צוגעגראַמט.

— ווער עס זינדיקט נישט פאַר גאָט, איז לייטן אויך גאָרנישט שולדיק.

— מיר זענען אַלע זינדיקע מענטשן, מיר ווילן אַלע די ליבע בענטשן.

— און ער וויל די זינד מיט חתונה פאַרדעקן.

— די זינד וועט ער פאַרדעקן, זיך צעקריגן און מיט קללות שרעקן.

טישקאָוו פלעגט אַלעמאָל אַזוי רעדן, קוים האָט עס נישט געהאַלטן ביי זיינע אייגענע אינטערעסן. ער וואָלט גריילעך אַלעמען צולאַסט געפאַלן, נאָר מען איז שוין געווען געוויינט צו אים און כמעט שוין ווי נישט באַמערקט זיינע פיין־פאַרטראַכטע גלייכווערטלעך; מען פלעגט אים נאָר אויסנוצן אין געזעלשאַפט מיט פרישע לייט. טישקאָוון איז אָבער אַלצאיינס געווען, צי מען הערט אים, צי נישט; ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן פרעמדע ווערטער און ענטפערן אויף זיי מיט גראַם און האָט געאַרבעט שנעל און אומאויפהערלעך מיט זיין דערעס־מאַשינדל. אַז מען האָט לאַנג געקוקט אויף זיינע אייליקע, בולטע באַוועגונגען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ס׳איז גאָרנישט קיין לעבעדיקער מענטש, אַז ער איז שוין אַ פאַרשטאָרבענער, אָדער — ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געלעבט, און זעט גאָר־

נישט און הערט גאָרנישט אויף דער וועלט דער לעבעדיקער, אַחוץ די טויט־קלינגענדיקע ווערטער פון די אַרומיקע.

IX

אויפצומאָרגנס איז פערעדאָנאָוו אַוועק צום פּראָקוראָר אַוויי־נאָוויצקי.

דער דרויסן איז אויך געווען אַ וואָלקנדיקער. דער ווינט האָט געבלאָזן און געטראָגן איבער די גאַסן גאַנצע זיילן שטויב. ס'האָט שוין געהאַלטן ביי דער שקיעה, און אַלץ איז געווען באַלויכטן מיט עפּעס אַ טרויעריקער, כמעט נישט־זוניקער ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעזאַפּט דורכן וואָלקנדיקן נעפּל. די שטילקייט אויף די גאַסן האָט זיך באַהאַפּטן מיטן אומעט, און געדאַכט האָט זיך, אַז אָט די אַלע נישטיקע בנינים, האָפענונגסלאָז־אַלטע, וואָס האָבן עדות געזאָגט אויפן אָרעמען און אומעטיקן לעבן, וואָס ציט זיך אונטער זייערע ווענט, זענען איבעריק און קיינער דאַרף זיי נישט האָבן. מענטשן האָבן זיך געטראָפן, — און געגאַנגען איז מען פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, אָט גלייך ווי עס וואָלט זיי צו גאָרנישט נישט געצויגן און נישט געהאַט צו וועמען צו איילן, אָט גלייך ווי זיי וואָלטן קוים בייגעקומען דעם דרימל, וואָס האָט זיי באַהערשט. נאָר די קינדער, די אומדערמידלעכע, אייביקע כלים, פולע מיט געטלעכער פרייד אויף דער ערד, זענען געווען לעבעדיק, שפּילעוודיק און זענען אַרומגעלאָפן, — אָבער אויך זיי האָט נישט אויסגעמיטן עפּעס אַ מין געזיכטלאָז און אומגעזעען אָנשיקעניש, וואָס האָט זיך פאַרקליבן הינטער זייערע פּלייצעס, און צומאָל אַריינגעקוקט מיט זיינע צאָרנדיקע אויגן אין זייערע מיטאַמאָל טעמפּ־ווערנדיקע פּנימער.

און צווישן אָט דעם אומעט אויף די גאַסן און אין די הייזער, אונטער אָט דער אָפּגעפרעמדקייט פון הימל, איבער דער אומריינער און אומקרעפטיקער ערד, איז פערעדאָנאָוו געגאַנגען און זיך געמאַטערט פון אומקלאָרער שרעק, — און עס איז פאַר אים נישט געווען קיין טרייסט אינם דערהויבענעם און קיין פרייד אינם ערדישן, — וואָרום אויך איצט, ווי אַלעמאָל, האָט ער געקוקט אויף דער וועלט

מיט טויטע אויגן, אַזוי ווי אַ דעמאָן, וואָס פּייניקט זיך אין דער פֿינסטערער איינזאַמקייט מיט שרעק און אומעט.

זיינע געפֿילן זענען געווען טעמפּ, און זיין באַוווּסטזיין איז געווען אַ צעפּוילנדיקער און טויטנדיקער אַפּאַראַט. דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז געקומען אין באַרירונג מיט זיין באַוווּסטזיין, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קויט און שמוץ. אין אַלע זאַכן האָט ער בלויז באַמערקט די אומגערעכטיקייט און זיך געפֿרייט מיט דעם. אַז ער פֿלעגט דורכגיין פֿאַרביי אַ גלייכשטייענדיקן, גלאַטן סלופּ, האָט זיך אים פֿאַרוואָלט אים אויסקרומען אָדער פֿאַרשמוצן. ער האָט געקוואָלן פֿון גדולה, אויב עמעצער האָט אין זיין געגנוואַרט עפּעס וואָס-נישט-איז פֿאַרשמוציקט. די זויבערע און ריינע גימנאַזיסטן האָט ער געהאַסט און פֿאַרפֿאָלגט. ער פֿלעגט זיי אָנרופֿן צאַרט געוואַשענע. די שלימזלניקעס זענען אים געווען נענטער צום האַרצן. ער האָט נישט געפֿילט קיין ליבע צו קיין זאַכן, פּונקט ווי ער האָט נישט געפֿילט קיין ליבע צו קיין מענטשן. — און דעריבער האָט די נאַטור בלויז אויף איין מין אופֿן געקאָנט ווירקן אויף זיינע געפֿילן — נאָר דערדריקנדיק זיי. און אַזוי איז עס אויך געווען לגבי מענטשן, וועלכע ער פֿלעגט באַגעגענען. דער עיקר לגבי פֿרעמדע און אומבאַקאַנטע, מיט וועלכע מען קאָן נישט זיין גראָב. גליקלעך זיין האָט ביי אים געהייסן גאָרנישט ט׳ן און, דערווייטערנדיק זיך פֿון דער געזעלשאַפֿט, שעפּן תענוג פֿון די מאכלים, מיט וואָס ער פֿלעגט זיך אָנשטאָפּן אַ פֿולן בויך.

און אָט איצט קומט אים נישט ווילנדיק אויס, — האָט ער געטראַכט — צו גיין און צונויפֿרעדן זיך מיט מענטשן. ס׳אַר אַן עקל! ס׳אַר אַן אומעט! ס׳וואָלט נאָך גוט געווען, ווען ער וואָלט דאָרט קאָנען עפּעס אָנרכילותן, קאָן ער דאָס אויך נישט.

דעם פּראָקוראָרס שטוב האָט נאָכמער פֿאַרשטאַרקט און אים קלאָר געמאַכט די שווערע שטימונג פֿונם נודנעם פּחד. און טאַקע — דאָס דאָזיקע הויז האָט עפּעס געהאַט אַ מין מרה-שחורהדיקן און שלעכטן אָנבליק. דער הויכער דאַך האָט זיך ברוגזדיק אַראָפּגעלאָזן איבער די פֿענסטער, דריקנדיק זיי ביז צו דער ערד. און די ברעטלדיקע באַפּוצונג מיטן דאַך, וואָס זענען אַמאָל געווען העל געפֿאַרבט און אויסגעזען לעבעדיק און פֿריילעך, האָבן דורך דער צייט

און דורך רעגנס פאַרלוירן די קאָליר און באַקומען אַ בייזן און גרויען אויסזען. די טויערן, אומגעהויער גרויסע און שווערע, העכערע פונם גאַנצן הויז, וואָס האָבן אַזוי ווי אָנגעוואָרפן אַן אימה אין פאַל פון אַן איבערפאַל, זענען שטענדיק געווען פאַרהאַמערט. הינטער זיי האָט געקלונגען אַ קייט, און אַ הונט האָט געבילט מיט אַ הייזעריקן באַס אויף יעדן פאַרבייגייער.

אַרום און אַרום זענען געווען פוסטע פלעצער, גערטנער, האַלבאיינגעפאַלענע כאַלופעס. אַנטקעגן דעם פראָקוראָרס שטוב — אַ לאַנגער, זעקסקאַנטיקער נישט ברוקירטער פלאַץ, אינמיטן אַ טאָל באַוואַקסן מיט גראָז. נעבן הויז איז געשטאַנען אַ לאַמטערן, דער איינציקער אויפן גאַנצן פלאַץ.

פערעדאָנאָוו האָט זיך פאַמעלעך, אָן חשק, אויפגעהויבן אויף די פיר פלאַכע טרעפלעךביים גאַניק, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ שפּיצאַסטע דעכל, און אַ צי געטון דאָס שוואַרץ געוואָרענע מעשן הענטל פון גלעקל. דאָס גלעקל האָט זיך דערהערט זייער נאָענט, מיט אַ שאַרפן און דויערנדיקן קלינגען. און באַלד האָבן זיך דערהערט עמעצנס זיך אונטערגנבענענדיקע טריט. עמעץ איז אויף די שפּיצפינגער צו צו דער טיר און זיך דאָרטן שטיל־שטיל אָפּגעשטעלט. אַפּנים, אַז ער האָט אַ קוק געטון דורך עפּעס אַ נישט־געזעענעם שפּעלטל, נאָכדעם האָט אַ הילך געטון אַ הייזעריקער ריגל, די טיר האָט זיך געעפנט, — אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ ברוגזע, געשטופּלטע, שוואַרצע מויד מיט פאַרדעכטיק־באַטראַכטנדיקע אויגן.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט זי איבערגעפרעגט.

פערעדאָנאָוו האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען צו אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעוויטשן צוליב עפּעס אַן ענין. די מויד האָט אים אַריינגעלאָזט. איבערטרעטנדיק די שוועל, האָט פערעדאָנאָוו גענומען און זיך אָפּגעשפּראָכן. און ער האָט גוט געטון, וואָס ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: ער האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוטון דעם מאַנטל, אַז אין זאַל האָט זיך שוין געהערט איוואַנאָוויטשקיס שאַרף, בייז קול. דעם פּראָקוראָרס שטים איז שטענדיק געווען דראָענדיק — אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט רעדן. און אַזוי האָט ער אויך איצט מיט אַ בייז, מאוימדיק קול באַגריסט פערעדאָנאָוון פון זאַל אַרויס און אויסגעדריקט זיין

פרייד, וואָס ער, פערעדאָנאָוו, איז ענדלעך אַריין צו אים אויף באַזוך.

אַלעקסאַנדער אַלעקסעיעוויטש אַווינאָוויצקי האָט געהאַט אַ מרה־שחורהדיק אויסזען, אָט גלייך ווי פון דער נאַטור אַ צוגעפאַסטס אויף צעקלאַפן יענעם און באַשולדיקן. אַ מענטש פון אומגעהויערער גבורה, — ער פלעגט זיך באָדן אַ קיילעכדיק יאָר, כמעט פון אייז צו אייז, — האָט ער דאָך אויסגעזען מאָגער, — אויף אַזויפיל איז ער געווען באַוואַקסן מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד, וואָס האָט געהאַט אַ בלויען אָפשיין. אויף יעדן איינעם האָט ער אַרויפגעוואָרפן, אויב נישט קיין אימה, איז אַ געפיל פון אומהיימלעכקייט, דערפאַר ווייל זיין גאַנץ לעבן האָט ער געהאַלטן אין איין אָנפאַלן, באַשולדיקן, באַדראָען מיט סיביר און קאַטאָרגע.

— איך בין צו אייך געקומען צוליב עפעס אַן ענין. — האָט פערעדאָנאָוו פאַרשעמט אַרויסגערעדט.

— מיט אַ ווידוי? איר האָט אַ מענטשן דערהרגעט? אונטערגעצונדן? די פאָסט באַרויבט? — האָט אַווינאָוויצקי בייז געשריגן, אַריינפירנדיק פערעדאָנאָוון אין זאַל. — און אפשר זענט איר גאָר אַליין אַ קרבן, וואָס איז זייער מעגלעך אין אונזער שטאָט? אונזער שטאָט איז אַ פאַסקודנע, און די פאָליציי איז נאָך ערגער. מיר איז אַ גרויס וווּנדער, וואָס מען געפינט נישט אויף אָט דעם פלאַץ יעדן טאָג אַ טויטן. נו, זעצט זיך. איז וואָס־זשע ווילט איר? איר זענט אַ פאַרברעכער צי אַ קרבן?

— ניין, — האָט פערעדאָנאָוו אַרויסגעזאָגט — איך האָב גאָרנישט נישט געטון. דער דירעקטאָר וואָלט אַ בעלן געווען מיט מיר עפעס צו טון, און איך — גאָרנישט.

— האָט איר קיין שום אָנקלאָג נישט? — האָט אווינאָוויצקי איבערגעפרעגט.

— ניין, קיין שום אָנקלאַגע נישט. — האָט פערעדאָנאָוו שרעקעוודיק אונטערגעמורמלט.

— נו, אויב איר האָט גאָרנישט, — האָט דער פּראָקוראָר מיט אַ בייזן טראָפ אויפן לעצטן וואָרט אַ זאָג געטון — וועל איך אייך פאָרלייגן גאָר עפעס אַנדערש.

ער האָט פון טיש גענומען דאָס גלעקל און אָנגעקלונגען. קיי-

בער איז נישט אַריין. אווינאָוויצקי האָט געכאַפּט דאָס גלעקל אין ביידע הענט און אָנגעהויבן שטאַרק קלינגען, נאָכדעם האָט ער אַ שמיץ געטון דאָס גלעקל צו דער ערד, גענומען טופּען מיט די פיס און שרייען מיט אַ משונה קול:

— מאַלאַניאַ! מאַלאַניאַ! שדים, רוחות, טייוואָלים!

ס'האָבן זיך דערהערט נישט-געאיילטע טריט, ס'איז אַריין אַ גימנאַזיסט, אווינאָוויצקיס זון, אַ שוואַרץ ברייטביינערדיק ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, מיט זייער זיכערע און זעלבשטענדיקע געוווינהייטן. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר פערעדאָנאָוון, אויפגעהויבן דאָס גלעקל פון דער ערד, עס אַנידערגעשטעלט אויפן טיש. און נאָכדעם ערשט רויק אַרויסגערעדט:

— מאַלאַניאַ איז איצט אין גאָרטן

אווינאָוויצקי האָט זיך גלייך באַרויקט און, קוקנדיק אויפן זון מיט צאַרטקייט, וואָס האָט אַזוי נישט געפּאַסט צו זיין באַוואַקסן בייזגעזיכט, אַ זאָג געטון:

— גיב אַ לויף, זונעלע, צו איר און זאָג איר, אַז זי זאָל אונז צוגרייטן עפּעס אויסצוטרינקען און צוצובייסן.

דאָס ייִנגל איז נישט געאיילט אַרויס פון זאַל. דער פאָטער האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַ שטאָלצן, פריידעוודיקן שמייכל. נאָר, אַז דאָס ייִנגל איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, איז אווינאָוויצקי ווידער געוואָרן בייז און מרה-שחורהדיק און אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך קול, אַז פערעדאָנאָוו איז אַזש אַ פאַרציטערטער געוואָרן:

— גיכער!

דער גימנאַזיסט האָט גענומען לויפן — און ס'האָט זיך געהערט, ווי די טירן האָבן שטאַרק געקלאַפּט ביים אויפעפענען און פאַרמאַכן. דער פאָטער האָט זיך צוגעהערט, פריידעוודיק געשמייכלט מיט די גראָבע, רויטע ליפּן, נאָכדעם ווידער גענומען רעדן מיט אַ בייזער שטים:

— אַ יורש. אַ פיינער, האַ? וואָס וועט פון אים אַרויס, האַ? ווי מיינט איר? אַ נאַר, מעגלעך, אָבער אַ מנוול, אַ פּחדן, אַ שמאַטע — קיינמאָל אין דער וועלט נישט.

— יאָ, אוודאי. — האָט פערעדאָנאָוו געמורמלט.

— די היינטיקע מענטשן — דאָס איז עפּעס אַ פּאַראָדיע אויפן מין מענטש. — האָט אווינאָוויצקי געדונערט. — געזונט האַלט מען פאַר אַ מיאוסע זאַך. דער דייטש האָט אויסגעטראַכט אַ לייבל. און איך וואָלט אָט דעם דייטש אויף קאַטאָרגע פאַרשיקט. ווען מיין וולאַדימיר זאָל אָנטון אַ לייבל! ביי מיר אין דאָרף האָט ער אַ גאַנצן זומער קיין שטיוול נישט אָנגעטון, און מיט אַמאָל גאָר אַ לייבל! ער וועט ביי מיר אים ווינטער אויסן באָד אַ נאַקעטער אַרויס, זיך אין שניי קאַטשען, און אים אָנטון אַ לייבל! הונדערט שמיץ אָט דעם פאַרפלוכטן דייטש!

פונם דייטש, וואָס האָט אויסגעטראַכט דאָס לייבל, איז אווינאָוויצקי אַריבער צו אַנדערע פאַרברעכער.

— טויטשטראָף, מיין ליבער הער, איז גאָרנישט אַזוי באַרבאַריש! — האָט ער געשריגן. — די וויסנשאַפט האָט באַוויזן, אַז עס זענען פאַראַן איינגעבוירענע פאַרברעכערס. מיט דעם, פאָטערל, איז אַלץ געזאָגט. אָט די פאַרברעכער דאַרף מען פאַרטיליקן, און נישט אויסהאַלטן אויפן חשבון פון דער מלוכה. ער איז אַ מערדער, און דו גייט האַלט אים אויס דאָס גאַנצע לעבן מיט עסן און מיט אַ דירה אויף קאַטאָרגע. ער האָט דערהרגעט, אונטערגעצונדן, מאַנס געווען, און דער וואָס צאָלט שטייער, דאַרף אים אויסהאַלטן מיט זיינע בלוטיק-פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. ניין, הענגען איז רעכטפאַרטיקער און ביליקער.

אינם עסצימער איז געגרייט געווען דער קיילעכדיקער טיש מיט אַ ווייס טישטוך אַרומגעזיימט מיט אַ רויט קענטעלע. אויפן טיש איז געשטאַנען טעלער מיט פעטן קאָלבאַס און אַנדערע מאכלים, געזאַלצענע, גערויכערטע, מאַרינירטע, און גראַפינקעס און פלעשער פון פאַרשידענע גרייס און פאָרעמס מיט כלערליי בראָנפּס, משקאות און געטראַנקען. אַלץ האָט געשטימט מיט פערעדאָנאָווס געשמאַק, אפילו די אָפּגעלאָזנקייט פונם צוגרייטן איז אים אויך געווען ליב.

דער באַלעבאָס האָט ווייטער געדונערט. ער האָט זיך גענומען צו די קרעמער, וואָס האַנדלען מיט עסנוואַרג, און נאָכדעם עפּעס האָט ער מיטאַמאָל גענומען רעדן פון אַטאַוויזם.

— דער אַטאַוויזם איז גאָר אַ הויכער ענין! — האָט ער ביינ געשריגן. — פון פויערים מאַכן פריצים איז נאַריש, אומגעלומפּערט.

נישט כדאי און אוממאָראַליש. די ערד ווערט קנאַפער, די שטעט ווערן איבערפולט מיט גאָלדגייציקע, אומגערעטעניש, עם-הארצות, זעלבסטמאָרדן, — דאָס געפעלט אייך? לערנט דעם פויער וויפל אייער האַרץ גלוסט, נאָר באַשענקט אים נישט מיט קיין טיטול, אַנישט וועט דאָס פויערטום פאַרלירן זיינע בעסטע כּוחות און אַליין בלייבן פינסטער, בהמות, און דער אַדל וועט אויך פון דעם ליידן, פון אָט די צוגעקומענע נישט קולטורעלע עלעמענטן. ביי זיך אין דאָרף איז ער געווען בעסער פון די איבעריקע, און דאָ — אינם אַדל וועט ער אַריינברענגען עפעס אַזוינס, אַ גראָבס, אַ נישט ריטערלעכס, אַן אומדאַנקבאַרס. אויפן ערשטן פּלאַן איז ער אויסן דעם בויך, דעם פאַרדינסטלניין, פאָטערל, די קאַסטעס זענען געווען אַ גוטע זאַך.

— אָט נעמט, אַ שטייגער, אונזער גימנאַזיע, דער דירעקטאָר האָט אַהינצו אַריינגעלאָזט אַ גאַנצן ערב-רב, — האָט פערעדאָזאָוו מיט כּעס באַמערקט — פאַראַן דאָרט אפילו פויערשע קינדער און באַלעבאַטישע זייער פיל.

— זייער פיין, נישטאָ וואָס צו רעדן! — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן.

— פאַראַן איז אַ צירקולאַר, מען זאָל נישט אָננעמען אַבי וועמען, און ער טוט זיך זיינס, — האָט זיך פערעדאָנאָוו געקלאָגט — ער זאָגט כּמעט קיינעם נישט אָפּ. דאָס לעבן ביי אונז אין שטאָט איז אַ וואָלוולס, און גימנאַזיסטן, זאָגט ער, איז אַזוי אויך ווייניק. איז וואָסזשע, אַז ווייניק? פון מייַנעטוועגן וואָלט געמעגט זיין נאָך ווייניקער. אַזוי קאָן מען אויך קוים באַווייזן צו פאַריכטן אַלע העפטן. אפילו קיין צייט נישטאָ קיין ביכל איבערצולייענען. און זיי שרייבן נאָך ווי מיט אַ כּיוון ספקדיקע ווערטער אין זייערע שריפטלעכע אַרבעטן. — ס׳קומט אויס די גאַנצע צייט צו האַלטן גראָטן אין דער האַנט און צו פאַרגלייכן.

— טרינקט אויס אַ יעראָפּאַטשל, — האָט אַווינאָוויצקי פאָרגעלייגט — איז צוליב וואָס פאַר אַן ענין זענט איר עס צו מיר געקומען?

— איך האָב שונאים. — האָט פערעדאָנאָוו אַ מורמל געטון, באַטראַכטנדיק מיט אומעט דאָס גלעזל מיט געלן בראָנפן, איידער ער האָט עס אין מויל גענומען.

— אָן שונאים האָט אַ חזיר געלעבט, — האָט אווינאָוויצקי געענטפערט — אי דאָס האָט מען אים אויך געקיילט. עסט, אַ גוטער חזיר געווען.

פערעדאָנאָוו האָט גענומען אַ שטיקל שינקע און אַ זאָג געטון:

— מען דערציילט וועגן מיר פאַרשידענע אומגעלומפערטע מעשיות.

— יאָ, וואָס שייך פליאָטקעס, קאָן איך אייך זאָגן, אַז קיין ערגערע שטאָט איז אויף דער וועלט נישט פאַראַן! — האָט דער באַלעבאָס ווילד אויסגעשריען. — נו, שטעטעלע! טו נאָר עפּעס־וואָס אָפּ, און באַלד וועלן שוין אַלע חזירים אויף די מיסטקאַסטנס וועגן דעם כרוקען.

— די פירשטין וואָלטשאַנסקאַיאַ האָט מיר צוגעזאָגט אַ פּאָסטן אַלס אינספּעקטאָר, און אָט האָט מען מיך גענומען אין די מיילער אַריין. דאָס קאָן מיר נאָך שאָדן ברענגען. און אַלץ נעמט זיך פון קנאה. אָט נעמט דעם דירעקטאָר, — ער האָט די גימנאַזיע צעלאָזן; די גימנאַזיסטן, וואָס שטייען איין אויף פּריוואַטע דירות, טרינקען, רויכערן, שלעפּן זיך אַרום מיט גימנאַזיסטקעס, און צווישן די היגע זענען אויך פאַראַן אַזעלכע. אַליין זיי צעלאָזן און טשעפּעט זיך צו מיר. מעגלעך, אַז מען האָט אָנגערעדט אויף מיר. און מען קאָן נאָך ווייטער אָנרעדן. ס׳קאָן נאָך אָנקומען צו דער פירשטין.

פערעדאָנאָוו האָט לאַנג און אומקלאָר דערציילט זיינע אומאָנגענעמלעכקייטן. אווינאָוויצקי האָט אים אויסגעהערט בייז און אַלעמאָל מיט צאָרן אויסגעשריען:

— מנוולים! שעלמעס! מוסרים!

— איז וואָס פאַר אַ ניהיליסט בין איך? — האָט פערעדאָנאָוו גערעדט. — טאַקע נאָר צום לאַכן. איך האָב אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע, איך טראָג עס אָבער נישט אַלעמאָל, ער טראָגט דאָך אויך אַ קאַפּעלוש. און דאָס, וואָס ביי מיר אויף דער וואַנט הענגט מיצקעוויטש, האָב איך אים צוליב די לידער זיינע אויפגעהאָנגען, און נישט חלילה צוליב דעם, וואָס ער האָט געבונטעוועט. און כ׳האָב גאָר קיינמאָל נאָך אין האַנט נישט געהאַלטן זיין „קאָלאָקאָל“.

— נו, דאָס, מאָלט אייך, האָט איר שוין פון אַן אַנדער אָפּערע

געכאַפּט, — האָט אווינאָוויצקי אַ זאָג געטון — דעם „קאָלאָקאָל" האָט גערצען אַרויסגעגעבן און נישט מיצקעוויטש.

— דאָס איז אַן אַנדער „קאָלאָקאָל", — האָט פערעדאָנאָוו פאַרריכט — מיצקעוויטש האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ „קאָלאָקאָל".

— איך ווייס נישט. דרוקט דאָס אָפּ. אַ וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג, איר וועט זיך קונה-שם זיין.

— דאָס טאָר מען נישט דרוקן, — האָט פערעדאָנאָוו מיט כעס איבערגערעדט — איך טאָר נישט לייענען קיין פאַרבאָטענע ביכער. איך לייען גאָר קיינמאָל נישט. איך בין אַ פּאַטריאָט.

נאָך די לאַנגע טענות, וואָס פערעדאָנאָוו האָט אויסגעשיט, האָט אַווינאָוויצקי זיך אָנגעשטויסן, אַז עמעצער וויל דאָ פערעדאָנאָוון שאַנטאַזשירן און צעפּויקט דעריבער אויף דער גאַנצער שטאָט פאַרשידענע פּליאָטקעס, כדי אים איבערצושרעקן און אַזוי אַרום צו גרייטן אַ מאָדן און אויסנאַרן ביי אים געלט. און דאָס, וואָס די דאָזיקע פּליאָטקעס זענען נישט דערגאַנגען צו אים, צו אַווינאָוויצקין, האָט ער זיך דערקלערט דערמיט, אַז דער שאַנטאַזשיסט טוט עס זייער געשיקט און טוט עס נאָר אינם קרייז פון פערעדאָנאָווס נענטערע חברים און פריינט, — ער דאַרף דאָך ווירקן בלויז אויף פערעדאָנאָוון. אַווינאָוויצקי האָט אַ פרעג געטון:

— וועמען זייט איר חושד?

פערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. צופעליק איז אים אויפן זינען אַרויף גרושינא, ער האָט אומעטיק זיך דערמאָנט אין זייער לעצט־געשפּרעך, ווען ער האָט איר איבערגעשלאָגן און געדראָט זי צו מסרן. דאָס, אַז ער האָט גאָר געדראָט זי צו מסרן, האָט זיך אין זיין מוח צונויפגעמישט אין אַ שוואַכער פאָרשטעלונג וועגן מסירה בכלל. צי ער וועט מסרן, צי מען וועט אים פאַרמסרן, — איז געווען נישט קלאָר, און פערעדאָנאָוו האָט זיך נישט געוואָלט אָנשטרענגען דאָס פאָרצושטעלן זיך אויף גענוי, — איינס איז געווען קלאָר — גרושינא איז אים אַ שונא. און ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס זי האָט גראָד געזען, ווו ער האָט באַהאַלטן פּיסאַרעוון. מען וועט עס דאַרפן איבערבאַהאַלטן אויף אַן אַנדער אָרט.

פערעדאָנאָוו האָט אַ זאָג געטון:

— אָט, פֿאַראַן איינע אַ גרושינאַ אַזאַ.

— איך ווייס, אַ שעלמע פֿון ערשטן סאָרט. — האָט אַווינאָוויצקי קורץ געפּסקנט.

— זי קומט אָפּט צו אונז, — האָט זיך פּערעדאָנאָוו געקלאָגט — און שמעקט אַלץ אויס. זי איז זייער אַ זשעדנע, אַלץ גיב איר. מעג־לעך, אַז זי איז גאָר אויסן, איך זאָל איר גוט באַצאָלן, אַבי זי זאָל מיך נישט מסרן, אַז איך האָב ביי מיר געהאַט פּיסאַרעוון. און אפשר וויל זי גאָר חתונה האָבן מיט מיר. איך וויל איר אָבער נישט באַ־צאָלן, און האָב אַן אַנדער כּלה, — זאָל זי מיך מסרן, איך בין נישט שולדיק. מיר איז נאָר נישט אָנגענעם, אַז עס זאָל זיך פּאַרמישן אַ קאַשע, עס קאָן מיר נאָך שאָדן צו באַקומען דעם נייעם פּאָסטן.

— זי איז אַ באַוווסטע שאַרלאַטאַנקע, — האָט דער פּראָקוראָר באַשטעטיקט — זי האָט זיך דאָ פֿאַרנומען מיט וואַרפֿן קאָרטן, אַ סך נאַראָנים אָפּגענאַרט, נאָר איך האָב עס געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז מען דאַרף צו דעם אַ סוף מאַכן. דאָסמאָל האָבן זיי מיך געפֿאָלגט, און עס אָפּגעשאַפֿט.

— זי פֿאַרנעמט זיך נאָך איצט אויך מיט דעם, — האָט פּערע־דאָנאָוו איבערגערעדט — זי האָט מיר געוואָרפֿן קאָרטן, און ס'האָט זיך אַלץ באַקומען אַ ווייטער וועג און אַמטלעכע בריוו.

— זי ווייסט וועמען וואָס צו זאָגן. אָט וואַרט, זי וועט אַזוי־לאַנג פּלאָנטערן אַרום אייך, און נאָכדעם וועט זי אָנהויבן שלעפּן געלט. דעמאָלט קומט גלייך צו מיר. איך וועל איר אַריינצימבלען אַ הונדערט הייסינקע. — האָט אַווינאָוויצקי איבערגעהזרט זיין באַליבטע פֿראַזע.

דאָס האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין פּשוטו כּמשמעו, — דאָס האָט פּשוט באַטייט, אַז ער וועט איר גוט אויסרעדן.

אָט אַזוי האָט אַווינאָוויצקי פֿאַרשפּראָכן זיין הילף פּערעדאָנאָוון, נאָר פּערעדאָנאָוו איז פֿון אים אַוועק באַדריקט פֿון אַן אומבאַשטימטן פּחד; פֿאַרשטאַרקט דאָס דאָזיקע געפֿיל האָבן נאָך אַווינאָוויצקיס הויכע, בייזע רייד.

אָט אַזוי, אַלע טאָג, פֿאַרמיטאָג, פֿלעגט פּערעדאָנאָוו אָפּשטאַטן אַ וויזיט, — מער פֿון איינעם האָט ער נישט באַוויזן, וואָרום אומעטום

איז אים אויסגעקומען אויספּירלעך אַרומצורעדן דעם ענין. אָוונטס פּלעגט ער, ווי געוויינלעך, אַוועקגיין שפּילן אין בילאַרד.

און פּונקט אַזוי ווי פריער פּלעגט אים ווערשינא מיט איר צויבער אַריינגאַרן צו זיך. פּונקט אַזוי ווי פריער פּלעגט רוטילאָוו אויסלויבן פאַר אים זיינע שוועסטער. אינדערהיים פּלעגט אים וואַרוואַרא צורעדן וואָס גיכער חתונה צו האָבן, — אָבער ער האָט זיך אויף גאָרנישט נישט געקאָנט באַשליסן. געוויס, פּלעגט ער אַמאָל טראַכטן, לוינט מער פון אַלץ חתונה צו האָבן מיט וואַרוואַראן, — נו, און וואָס וועט זיין, אַז די פירשטין וועט אָפּגאַרן? אין שטאָט וועט מען לאַכן פון אים, האָט ער געטראַכט, און דאָס האָט אים אָפּגעשטעלט.

דאָס פאַרפאָלגן פון די כלות, — די קנאה פון די חברים, וואָס ער האָט אַליין אויסגעטראַכט, הגם אין דער אמתן איז עס גאָרנישט געווען, — עמעצנס פאַרדעכטיקע שפּיצלעך — דאָס אַלץ האָט דאָס לעבן זיינס געמאַכט אומעטיק און טרויעריק, ווי אָט דער דרויסן, וואָס איז שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געווען וואָלקנדיק און אָפּט זיך איבערגעריסן מיט פאַמעלעכדיקע, קאַרגע, נאָר לאַנג-דויערנדיקע, קאַלטע רעגנס. אַ מיאוס לעבן, האָט פּערעדאָנאָוו געפילט, נאָר ער האָט געמיינט, אַז אָט גאָר איינגיכן וועט ער ווערן אַן אינספּעקטאָר, און דעמאָלט וועט זיך אַלץ ענדערן צום גוטן.

X

דאָגערשטיק איז פּערעדאָנאָוו אַוועק צום אָנפירער פון די אדעליקע.

דעם אָנפירערס שטוב האָט מיט איר אָנבליק דערמאָנט אַ גרויסע דאַטשע ערגעץ אין פּאַוולאָווסק אָדער אין צאַרסקאָיע סעלאָ, אַ דאַטשע, אין וועלכער מען קאָן וווינען, אגב, ווינטער אויך. דער לוקסוס האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן, נאָר די נייקייט פון אַ סך זאַכן האָט אויסגעזען אַזוי ווי איבערגעטריבן, איבעריק.

אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש ווערִיגא האָט געוואַרט אויף פּערעדאָנאָוון אין קאַבינעט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, כלומרשט ווי ער איילט זיך אַנטקעגן דעם גאַסט, און גאַנץ צופעליק האָט ער נישט באַוויזן אים פריער צו באַגעגענען.

ווערִיגאַ האָט זיך געהאַלטן אויסערגעוויינלעך שלאַנק, אַפילו אַ רעזערוו־קאַוואַלעריסט וואָלט זיך אַזוי נישט געהאַלטן. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער טראָגט אַ קאָרסעט. דאָס געזיכט, גלאַט ראַזירט, איז געווען איינאַרטיק רויט, אַזוי ווי אָנגעפּאַרבט. דער קאָפּ אָפּגעשוירן מיט אַ נול־מאַשינקע, — אַ מיטל ווײַכער צו מאַכן דעם איינדרוק פון פּליך. די אויגן גרויע, ליבלעכע און קאַלטע. פאַרהאַלטן האָט ער זיך מיט אַלעמען ליבלעך, און לויט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען — באַשלאָסן און שטרענג. אין אַלע זיינע באַוועגונגען האָט זיך געפילט אַ גוטע מיליטערישע אויסשטאַטונג, און צומאָל האָט זיך באַמערקט אייניקע געענג פון אַ צוקונפטיקן גובערנאַטאָר.

פּערעדאַנאָוו איז געזעסן קעגנאיבער אים ביי אַ געשניצטן דעמבענעם טיש און אים דערקלערט:

— אָט גייען וועגן מיר אַרום פאַרשידענע קלאַנגען, ווענד איך מיך, אַלס אַדעליקער, צו אייך. מען דערציילט זיך אָן וועגן מיר מעשיות — שלא היה ולא נברא, מעשיות, אייער דורכלייכט, וואָס זענען גאָר קיינמאָל נישט געווען.

— איך האָב גאָרנישט נישט געהערט. — האָט ווערִיגאַ געענטפערט און, אונטערוואַרטנדיק מיט אַ ליבלעכן שמייכל, אָנגעשטעלט זיינע גרויע, אויפמערקזאַמע אויגן אויף פּערעדאָנאָוון.

פּערעדאָנאָוו האָט איינגעעקשנט געקוקט אין שפּיגל און גערעדט.

— קיין סאָציאַליסט בין איך קיינמאָל נישט געווען, און אַז איך האָב זיך אַמאָל ווען נישט איז אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט, איז עס אין די יוגנט יאָרן געווען, ווער היצט זיך עס דען דערמאָלט נישט. און איצט הויב איך גאָרנישט נישט אָן צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן.

— זייט איר טאַקע געווען אַ גרויסער ליבעראַל? — האָט ווערִיגאַ מיט אַ ליבלעך שמייכל איבערגעפרעגט. — איר האָט געוואָלט אַ קאָנסטיטוציע, נישט אמת? אַלע האָבן מיר אין דער יוגנט געוואָלט אַ קאָנסטיטוציע. אפשר נישט רעכט?

ווערִיגאַ האָט צו פּערעדאָנאָוון צוגערוקט אַ קעסטל מיט ציגאַרן. פּערעדאָנאָוו האָט מורא געהאַט צו נעמען און זיך אָפּגעזאָגט; ווערִיגאַ האָט פאַררויכערט.

— געוויס, אייער עקסעלענץ, — האָט זיך פּערעדאָנאָוו מודה געווען — אין אוניווערסיטעט האָב איך אויך געהאַט חשק, נאָר גאָר אַן אַנדער מין קאָנסטיטוציע, — ווי די אַלע איבריקע.

— וועלכע? — האָט ווערינאַ מיט אַ טאָן עפּעס פון אומצופרידנ־קייט איבערגעפרעגט:

— אַ קאָנסטיטוציע זאָל זיין, אָבער אָן אַ פּאַרלאַמענט, — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט — ווייל אין די פּאַרלאַמענטן האַלט מען זיך אין איין אַרומהרגענען.

ווערינאַס גרויע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט מיט שטילער באַ־גייסטערונג.

— אַ קאָנסטיטוציע אָן אַ פּאַרלאַמענט! — האָט ער טרויעריש איבערגעזאָגט. — דאָס, זעט איר, איז זייער פּראַקטיש.

— נאָר דאָס איז שוין אויך אַ לאַנגע מעשה, — האָט פּערע־דאָנאָוו צוגעגעבן — און איצט דענק איך שוין פון דעם אַפילו גאָרנישט.

און ער האָט מיט האָפנונג אַ קוק געגעבן אויף ווערינאַן. ווע־רינאַ האָט פון מויל אַרויסגעלאָזט אַ דין שטראָמל רויך, געשוויגן אַ ווייל און פאַרטראַכט אַ זאָג געטון:

— אָט זייט איר אַ פּעדאַגאָג, און מיר קומט אויס, לויט מיין אַמט אין סאָוועט, צו האָבן צוטון מיט די שולן. לויט אייער מיי־נונג, וועלכער שול דאַרף מען אָפּגעבן די בכורה: די קירכלעכע, אָדער יענע, די אַזויגערופענע, זעמסקע?

ווערינאַ האָט אָפּגעשאָקלט דעם אַש פון ציגאַר און זיך אָנגע־שטעלט גלייך אויף פּערעדאָנאָוון מיט זיינע ליבלעכע, נאָר צופיל אויפמערקזאַמע אויגן. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט, אַ קוק גע־געבן איבער די ווינקלען און אַרויסגערעדט:

— די זעמסקע שולן דאַרף מען נעמען אין די הענט.

— נעמען אין די הענט, — האָט ווערינאַ מיט אַן אומבאַשטימטן טאָן איבערגעחזרט — אַזוי.

און ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן אויפן רויכערנדיקן ציגאַר, גלייך ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויסצוהערן אַן אויספירלעכע דערקלערונג.

— די לערער דאָרטן זענען ניהיליסטן, — האָט פּערעדאָנאָוו באַמערקט — און די לערערינס גלויבן נישט אין גאָט. זיי שטייען אין קלויסטער און שנייצן די נעז.

ווערינגא האָט שנעל אַ קוק געטון אויף פּערעדאָנאָוון, אַ שמייכל געגעבן און דערקלערט:

— נו, דאָס, זעט איר, איז אַמאָל נויטווענדיק.

— יאָ, נאָר זי בלאָזט אַזוי פון אַ טראָמפּייט, אַזוי אַז די זינגערס צעלאַכן זיך, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס צוגעגעבן — דאָס טוט זי אומישנע. פאַראַן אַזאַ איינע אַ סקאָבאָטשקינא.

— אמת טאַקע, נישט פיין, — האָט ווערינגא איינגעשטימט — נאָר אָט די סקאָבאָטשקינא טוט עס מער פון דעם, וואָס זי איז נישט דערצויגן בעסער. איך קען אָט די לערערין. זי איז אַ מיידל גאָר אָן מאַניערן, נאָר אַ לערערין איז זי אַ גוטע. אָבער אַלנפאַלס איז עס זייער נישט פיין. מען דאַרף עס איר זאָגן.

— און צו דעם טראָגט זי נאָך אַ רויט העמדל און שפּאַצירט זיך טיילמאָל דורך אַ באָרוועסע אין אַ סאַראַפאַן. שטיפט אַרום מיט די יינגלעך. אין זייערע שולן איז שוין אַלץ צו פריי, — האָט פּערעדאָנאָוו ווייטער דערקלערט — קיין סימן נישט פון קיין דיסציפּלין. זיי ווילן גאָרנישט וויסן, אַז מען דאַרף אַמאָל באַשטראָפן. און אַז מיט פּויערשע קינדער טאָר מען זיך נישט נוהג זיין, אַזוי ווי מיט אַדעליקע. שמייסן דאַרף מען זיי, שמייסן.

ווערינגא האָט רויק אַ קוק געטון אויף פּערעדאָנאָוון, און נאָכדעם, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערפילט שלעכט פון דער אויסגעהערטער אומטאַקטישקייט, האָט ער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און מיט אַ קאַלטן, כּמעט גובערנאַטאָרישן טאָן אַ זאָג געטון:

— איך מוז צוגעבן, אַז צווישן די שילער אין די דאָרפישע שולן האָב איך באַמערקט אַ סך גוטע מעלות. קיין צווייפל נישט, אַז מערסטנטייל באַציען זיי זיך זייער געווויסנהאַפט צו זייער אַרבעט. געוויינטלעך, ווי עס טרעפט זיך ביי קינדער, זענען פאַראַן געוויסע דעפעקטן. אַ דאַנק דער אומדערצויגענער אַרומיקער סביבה קאָנען דאָרטן אָט די דעפעקטן אָננעמען געווען גראָבע פאָרמען, ווער שמועסט נאָך אין רוסישן דאָרף, ווו די באַפעלקערונג איז בכלל ווייניק דערצויגן

מיטן געפֿיל צו פֿליכט, צו אָפּשיי און אַכטונג בנוגע פֿרעמדן אייגנטום. די שול איז מחויב צו רעאַגירן אויף אָט די דעפֿעקטן מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט און שטרענגקייט. אויב אַלע אויסגעפּרוּװטע שטראָפֿמיטלען העלפֿן נישט, אָדער אויב דער דעפֿעקט איז שוין אַזוי בולט און טיף איינגעוואָרצלט, דאַן וואָלט מען געוויס באַדאַרפֿט, נישט וועלנדיק אויסשליסן דאָס קינד פֿון דער שול, אָנקומען צו די עקסטע מיטלען. אגב, קאָן מען דאָס אָנווענדן בנוגע אַלע קינדער, אפֿילו צו די אַדעליקע. אָבער בכלל בין איך מסכּים מיט אייך, אַז וואָס שייך די דערציִונג, איז זי אין אָט דעם טיפֿ שול אַוועקגעשטעלט נישט גאָר געהויבן. די פֿרוי שטעווענס, — אגב, אַן אַקטועל אָנגעשריבנס, אינטערעסאַנט בוך, — איר האָט עס אפֿשר געלייענט?...

— ניין, אייער עקסעלענץ, — האָט פֿערעדאָנאָוו פֿאַרשעמט געזאָגט — כ'האָב אַלץ קיין צייט נישט, בין פֿאַרוואַלגערט מיט אַרבעט. באָר כ'וועל עס נאָך איבערלייענען.

— נו, נישט אַזוי נייטיק, — האָט ווערִיגא צוגעגעבן מיט אַ ליבלעכן שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט אים דערלויבט נישט צו לייענען דאָס דאָזיקע בוך — איז אָט, דערציילט די פֿרוי שטעווען מיט גרויס אויפֿגעבראַכטקייט, ווי אַזוי מ'האָט אירע צוויי שילער, יונגען זיבצניאָריקע, פֿאַרמשפּט צו שמייסן. זיי זענען שטאָלצע, אָט די יונגען, — און מיר, ווידער, האָבן זיך אַלע געפֿילט שרעקלעך, כּל-זמן דער פּסק-דין איז געהאָנגען איבער זייערע קעפּ, — מ'האָט אים נאָכדעם אָפּגעשאַפֿט. און איך וועל אייך דערקלערן, אַז איך וואָלט זיין אויף דער פֿרוי שטעווענס אָרט, וואָלט איך זיך פּשוט געשעמט צו דערציילן אָט די מעשה פֿאַר גאַנץ רוסלאַנד; וואָרום, שטעלט אייך פֿאָר, מ'האָט זיי דאָך פֿאַרמשפּט דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געגנבעט עפּל. איך בעט, איר זאָלט זיך עס מערקן, פֿאַר אַ גנבה! און זי שרייבט נאָך, אַז דאָס זענען די בעסטע שילער אירע. און עפּל גנבענען זיי דאָך! אַ פֿיינע דערציִונג! איינס בלייבט נאָר צו צוגעבן, אַז מיר האַלטן בכלל נישט פֿון פּריוואַט-אייגנטום.

ווערִיגא האָט זיך אַן אויפֿגערעגטער אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט, געמאַכט אַ פּאָר טריט, נאָר באַלד איז ער ווידער געקומען צו זיך און זיך צוריק געזעצט:

— אָט, אַז איך וועל ווערן אַן אינספּעקטאָר פון די פּאָלקסשולן, וועל איך די זאַך אַוועקשטעלן גאָר אַנדערש. — האָט פּערעדאָנאָוו אַ זאָג געטון.

— וואָס, איר האַלט דען דערביי? — האָט ווערינאַ איבערגעפרעגט.

— יאָ, די פּירשטין וואָלטשאַנסקאַיאַ האָט מיר צוגעזאָגט.

ווערינאַ האָט געמאַכט אַ ליבלעכע מינע.

— מיר וועט זייער אָנגענעם זיין אייך צו באַגריסן. כ׳צווייפל גאָרנישט, אַז איר וועט אַוועקשטעלן די זאַך אויף גאָר אַן אַנדער אופן.

— נאָר אָט דאָ, אייער עקסעלענץ, איך שטאָט פּלאַפּלט מען פאַרשידענע מעשיות, — ס׳קאָן מיך נאָך ווער פאַרמסרן אין קרייז, און שטערן דערמיט מיין נאָמירונג, און כ׳בין גאָט די נשמה שולדיק.

— איז וועמען-זשע זענט איר חושד אינם פאַרשפּרייטן פון אָט די קלאַנגען? — האָט ווערינאַ איבערגעפרעגט.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן מורמלען:

— וועמען זאָל איך חושד זיין? כ׳ווייס נישט. מען רעדט. און איך שרעק זיך נאָר, אַז די מעשיות זאָלן נישט אָנקומען אין קרייז און מיר שאַטן.

ווערינאַ האָט געמיינט, אַז ער דאַרף גאָרנישט וויסן, ווער עס רעדט, ער איז דאָך נאָך נישט קיין גובערנאַטאָר. ער איז ווידער אַריין אין דער ראָל פון אַן אָנפירער פון די אַדעליקע און גענומען האַלטן אַ דרשה, וועלכע פּערעדאָנאָוו האָט אויסגעהערט מיט שרעק און מיט אומעט.

— איך דאַנק אייך זייער פאַרן צוטרוי, וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן, צו מיין (ווערינאַ האָט געוואָלט זאָגן — שוין, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן) פאַרמיטלונג צווישן אייך און דער געזעלשאַפט, ווי עס האָבן זיך, לויט אייערע רייד, פאַרשפּרייט פאַרשידענע אומאָנגענעמע קלאַנגען וועגן אייך. די דאָזיקע קלאַנגען זענען צו מיר נישט דערגאַנגען, און איר קאָנט זיך טרייסטן מיט דעם, אַז אָט די אַלע רכילותן, וואָס מען פאַרשפּרייט וועגן אייך, וועלן נישט וואַגן זיך אויפצוהויבן פון די אונטערשטע שיכטן צו דער געזעלשאַפט און וועלן שוין, אַזוי צו זאָגן, פאַרבלייבן אַזוי אין דער פינסטער און אין געהיים. מיר אָבער איז זייער אָנגענעם, וואָס איר, פאַרנעמענדיק אַ פּאָסטן לויט

דער נאָמינירונג, שאַצט דאָך אָפּ אַזוי הויך די באַדייטונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג און דעם ווערט פֿונם פּאָסטן, וואָס איר פֿאַרנעמט אַלס דערציער פֿון דער יוגנט, איינער פֿון די בעסטע לערער, וועמען מיר עלטערן געטרויען דאָס טייערסטע פֿאַרמעגן אונזערס, — אונזערע קינדער, די יורשים פֿון אונזער נאָמען און אונזער האָב און גוטס. אַלס באַאַמטער האָט איר אייך אַלס עלטסטן אין דער פּערזאָן פֿונם זייער געאַכטעטן דירעקטאָר, אָבער, אַלס מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט און אַדעליקער, האָט איר שטענדיק דאָס רעכט צו רעכענען אויף... הילף פֿונם אָנפֿירער פֿון די אַדעליקע בנוגע יענע פֿראַגן, וואָס האָבן צוטון מיט אייער כּבוד, מיט אייער מענטשלעכער און אַדעליקער ווערדע.

רעדנדיק איז ווערינאַ אויפֿגעשטאַנען, און שטייף אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אויפֿן ברעג טיש, געקוקט אויף פּערעדאָנאָוון מיט יענעם אַלציינזיק־ליבלעך און אויפֿמערקזאַמען אויסזען, מיט וועלכן מען קוקט אויפֿן עולם, בשעת מען האַלט אַ גוטמוטיק־שררהשע רעדע. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט און, צונויפֿלייגנדיק די הענט אויפֿן בויך, ברוגז געקוקט אויפֿן טעפּעך אונטערן באַלעבאָס פּיס. ווערינאַ האָט דערקלערט:

— איך פֿריי מיך זייער און זייער, וואָס איר האָט זיך געווענדט צו מיר, און דערפֿאַר, וואָס אין אונזער צייט איז זייער געווונטשן, אַז די פּערזאָנען פֿון די העכערע שיכטן זאָלן אַלעמאָל און אומעטום געדענקען, אַז זיי זענען אַדעליקע, און דאַרפֿן בכּבוד האַלטן זייער שטאַנד, — נישט נאָר בנוגע זייער רעכט, נאָר אויך בנוגע זייערע התחיבותן און חשיבות אַלס אדל. דער אדל אין רוסלאַנד, ווי אייך איז געוויס באַוווסט, איז אַזאַ שיכט וואָס פֿאַרנעמט מערסטנטיילס אַלע מלוכה־פּאָסטנס. בעסער געזאָגט, אַלע מלוכה־פּאָסטנס, — חוץ די סאַמע נידריקסטע, פֿאַרשטייט זיך, דאַרפֿן זיך געפֿינען אין די הענט פֿונם אדל, אָט דאָס, וואָס דער פּשוטער עולם האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען פֿאַרשידענע מלוכה־פּאָסטנס, איז געוויס איינע פֿון די סיבות פֿון די אומגעווונטשטע דערשיינונגען, ווי אָט די, וואָס האָט אייך אַזוי אויפֿגעבראַכט. רכילות און מסירה, — דאָס איז דאָס געוועער פֿון מענטשן פֿון די נידריקסטע שיכטן, פֿון יענע, וואָס

זענען נישט דערצויגן געוואָרן לויט די אַלטע, גוטע טראַדיציעס פונם אדל. איך האָף אָבער, אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועט זיך אָפּן און קלאָר אַרויסזאָגן אויף אייער צד, און איר קאָנט גאַנץ זיכער זיך פאַרלאָזן אויף מיין הילף אינם דאָזיקן ענין.

— איר דאַנק אייך זייער, אייער עקסעלענץ, — האָט פערעדאָנאָוו געזאָגט — דערויף וועל איך טאַקע האָפן.

ווערִיגאַ האָט ליבלעך אַ שמייכל געגעבן און זיך נישט אַוועקגעזעצט, געבנדיק מיט דעם צו פאַרשטיין, אַז דאָס געשפּרעך איז געענדיקט. אָפּהאַלטנדיק זיין רעדע, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס איז עס אַרויס משונה, און אַז פערעדאָנאָוו איז נישט מער ווי אַ פּחדנישער זוכער פון אַ גוטן פּאָסטן, וואָס שלאָגט אָפּ די טירן און זוכט פאַר זיך פּראָטעקציע. ער האָט פערעדאָנאָוון אָפּגעלאָזן מיט אַ קאַלטער פאַראַכטונג, וואָס ער איז געוויינט געווען צו פילן צו אים פאַרן מיאוסן לעבן זיינעם.

אָנטוענדיק אינם פּאָרצימער מיט דער הילף פון לאָקיי דעם מאַנטל און הערנדיק די קלאַנגען פון קלאַוויר, האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט, אַז אין דאָזיקן הויז, מעשה־פּריץ, לעבן שטאָלצע מענטשן, וואָס האַלטן זייער פון זיך. „ער וויל ווערן אַ גובערנאַטאָר", האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט מיט גרויס דרך־ארץ און קנאה.

אויף די טרעפּ האָט ער באַגעגנט דעם אָנפירערס צוויי קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון שפּאַציר מיט זייער דערציער. פערעדאָנאָוו האָט זיי באַקוקט מיט אַ כמורנעם בייגיר.

ס'אַראַ זויבערינקע, — האָט ער געטראַכט — אַפילו די אויערלעך געוואַשן. און ס'איר אַ זשוואַווע, און מסתמא, דערצויגן, אויסגעשולט, גלייך ווי אַ ווירע. מעגלעך, — האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט — אַז מען שמייסט זיי גאָר קיינמאָל נישט.

און פערעדאָנאָוו האָט זיי נאָכגעקוקט מיט רוגזה, — און זיי האָבן זיך אויפגעהויבן שנעל אויף די טרעפּ און פריילעך גערעדט. און פערעדאָנאָוו האָט זיך געחידושט, וואָס דער דערציער האַלט זיך מיט זיי מעשה־חבר, שרייט נישט און ברוגזט זיך נישט.

פערעדאָנאָוו איז אַהיימגעקומען צוריק צו זיך און געטראָפן וואַרוואַראַן אין זאַל. זי איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ בוך,

אַ זאַך, וואָס האָט זיך זעלטן ווען געטראָפן. וואַרוואַראַ האָט געלייענט אַ קאָכבוך, — דאָס איינציקע, וואָס זי האָט אַמאָל אין דער האַנט גענומען. דאָס בוך איז געווען אָן אַלטס, אַ צעפליקטס, אין אַ שוואַרצן איינבאַנד. דער שוואַרצער איינבאַנד האָט פערעדאָנאָוון אַ שנייד געטון אין די אויגן און אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַן אומעט.

— וואָס לייענסטו, וואַרוואַראַ? — האָט ער בייז אַ פרעג געטון.

— וואָס? דו ווייסט דאָך וואָס, — דאָס קאָכבוך, — האָט וואַרוואַראַ געענטפערט — קיין פוסטע מעשיות האָב איך נישט קיין צייט צו לייענען.

— איז וואָס־זשע האָסטו זיך גענומען צום קאָכבוך? — האָט פערעדאָנאָוו מיט שרעק איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט? איך באַדאַרף דאָך דיר קאָכן, און דו ביסט אַזאַ איבערקלויבער. — האָט וואַרוואַראַ דערקלערט מיט אַ שטאָלצן און זעלבסטצופרידענעם שמייכל.

— איך וויל נישט עסן, וואָס עס שטייט דאָרט אין דעם שוואַרצן בוך! — האָט פערעדאָנאָוו פעסט דערקלערט. ער האָט שנעל אַרויסגעריסן דאָס בוך פון וואַרוואַראַס הענט און דאָס אַוועקגעטראָגן אין שלאָפצימער אַריין.

אַ שוואַרץ בוך! און נאָך עסנס לויט דעם גרייטן! — האָט ער געטראַכט מיט שרעק — דאָס האָט אים נאָך געפעלט, מען זאָל אים פראַנק און פריי ווערן פאַרסמען מיט אָט דעם שוואַרץ בוך! מען דאַרף עס ערגעץ פאַרטאַכלעווען אָט דאָס שרעקלעכע בוך. — האָט ער געטראַכט און זיך גאָרנישט צוגעהערט צו וואַרוואַראַס ווערטשען.

פרייטיק איז פערעדאָנאָוו געווען ביים פאָרזיצער פון דער פאָ־וויאַטאָווער זעמסקער אופראַווע.

אין דאָזיקן הויז האָט אַלץ עדות געזאָגט, אַז מען וויל דאָ לעבן וואָס פראָסטער, פיינער און אַרבעטן לטובת־הכלל. אינם בליק האָט זיך געוואָרפן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן דערמאָנט אינם דאָרף־לעבן און אין פשטות: אַ שטול מיט אַ קיילעכדיק ווענטל און אָנליינערס ווי העקלעך; אַ טינטער ווי אַ פאָדקאָווע, אַן אַש־בעכער ווי אַ לאַפטשע. אין זאַל שטייען אַ סך מעסטלעך, — אויפן פענסטער, אויף די טישן, אויף דער פאָדלאָגע, — מיט פרווון פון פאַרשידענער זריעה, און

ווו-נישט-ווו שטיקלעך פֿון „הונגעריקן" ברויט, — מיאוסע שטיקער, ענלעך צו טאָרף. אין זאַל הענגען בילדער און מאָדעלן פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס. דער קאַבינעט איז געווען אָנגעשטעלט מיט שאַפֿעס ביכער וועגן לאַנדווירטשאַפֿט און שולוועזן. אויפֿן טיש — פּאַפּירן, געדרוקטע באַריכטן, קעסטעלעך מיט קאַרטלעך פֿון פֿאַרשיידענער גרייס. אַ סך שטויב און קיין איין בילד נישט.

דער באַלעבאָס, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קירילאָוו, האָט זיך זייער באַאומרויִקט, ער האָט געוואָלט זיין זייער ליבלעך, אייראָפּעיִש ליבלעך — און פֿון, דער אַנדערער זייט, נישט פֿאַרמינערן זיין פּרעסטיזש אַלס באַלעבאָס פֿון פּאָוויאַט. ער איז געווען מאָדנע און ווידערשפּרעכלעך, אַזוי ווי ער וואָלט געווען צונויפֿגעלייט פֿון צוויי העלפֿטן. פֿון די אַלע שטוב-זאַכן האָט מען געזען, אַז ער אַרבעט אַ סך און מיט פֿאַרשטאַנד. און גיסטו אַ קוק אויף אים, זעט מען, אַז אָט די גאַנצע זעמסקע אַרבעט איז ביי אים נישט מער, ווי עפּעס אַ שפּיל, און ער טוט עס נאָר ציטווייליק. און די אמתע אַרבעט זיינע וואַרט ערשט אויף אים ערגעץ ווייט-ווייט אין דער צוקונפֿט, אָט דאָרט, וווהין ער שטעלט צומאָל אָן זיינע זשוואַווע, נאָר נישט לעבעדיקע, בלייערנע אויגן. אָט אַזוי ווי עמעצער האָט ביי אים אַרויסגעצויגן די לעבעדיקע נשמה און זי אַוועקגעלייגט אין אַ באַהאַלטן קעסטל, און אויף איר אָרט אים איבערגעלאָזן נישט קיין לעבעדיקע, נאָר רירעוודיקע-רעשיקע.

ער איז געווען אַ קליינגעוואַקסענער. אַן איידעלער און זיך געהאַלטן זייער יונג, — אַזוי יונג און רויט, אַז ער האָט צומאָל אויסגעזען ווי אַ יונגער בחור, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט אַ באָרד און זייער קונציק איבערגענומען פֿון די דערוואַקסענע זייערע גענג. באַוועגונגען האָט ער געהאַט דייטלעכע און שנעלע. באַגריסנדיק זיך מיט עמעצן, האָט ער זיך רירעוודיק פֿאַרנייגט און געשערעוועט גליטשנדיק זיך אויף די זוילן פֿון זיינע פּאַצעטישע שיך. זיינע קליידער וואָלט זיך געוואָלט אָנרופֿן אַ קאָסטיומל: אַ גרוי טוזשורקעלע, אַ באַטיסטן אָנגעקראָכמאַלעט העמד, אַ געשטריקטער, בלויער שניפּס, שמאָלע הייזלעך, גרויע זעקלעך. און דאָס רעדן זיינס איז ביי אים שטענדיק געווען אַ זויבער-העפֿלעכס, עפּעס אַ צווייִדייטיקס: ער רעדט

זיך געלאָסן, — און מיטאַמאָל באַווייזט ער אַ נאַיוו־קינדיש שמייכעלע, עפּעס אַ ייִנגליש מינעלע, און אין אַ מינוט שפּעטער זיך איינגעהאַלטן, ווידער און צוריק געוואָרן באַשיידן, געלאַסן.

זיין ווייב, אַ שטילע און געלאַסענע פֿרוי, וואָס האָט אויסגעזען אַ סך עלטער פֿונעם מאַן, איז פֿאַר דער צייט, וואָס פּערעדאָנאָוו איז דאָרט געזעסן, עטלעכע מאָל אַריין אין קאַבינעט, און יעדעס מאָל איבערגעפֿרעגט דעם מאַן וועגן געוויסע ידיעות, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט מיט די פּאָוויאַט־ענינים.

די באַלעבאַטישקייט זייערע אין שטאָט האָבן זיי געפֿירט אומגעלומפּערט, — אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך ביי זיי געדרייט אין דער שטוב און געטרונקען טיי. און ווי נאָר פּערעדאָנאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט מען אים גלייך דערלאַנגט נישט קיין איבעריק־וואַרעם גלאָז טיי און עטלעכע בילקעלעך אויף אַ טעלער.

פּערעדאָנאָוו האָט שוין דאָרט געטראָפֿן אַ גאַסט. פּערעדאָנאָוו האָט אים געקענט, — און אין אונזער שטאָט ווער — וועמען קען נישט? אַלע זענען באַקאַנט, — בלויז אייניקע האָבן זיך צעקריגט און זענען ברוגז.

דאָס איז געווען דער זעמסקע דאָקטאָר גערגי סעמיאָנאָוויטש טרעפּעטאָוו, אַ קליינינקער — נאָך קלענער פֿון קירילאָוון — אַ מענטש מיט אַ פֿרישטשעוואַט, פֿאַרשאַרפֿט און אומבאַדייטנדיק געזיכט. ער האָט געטראָגן בלויע ברילן און שטענדיק געקוקט אַראָפּ אָדער אין אַ זייט, אַזוי ווי אים וואָלט שווער געווען צו קוקן יענעם אין די אויגן אַריין. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך ערלעך און קיינמאָל נישט געגעבן קיין פּרוטה פֿאַר יענעמס טובה וועגן. אַלע יענע, וואָס האָבן פֿאַרנומען מלוכה־שטעלעס, האָט ער פֿיינט געהאַט בתכלות־שנאה: האָט ער זיך מיט וועמען באַגעגנט, איז די האַנט האָט ער אים נאָך דערלאַנגט, אָבער רעדן מיט אים — קיינמאָל אין דער וועלט נישט. דערפֿאַר אָבער האָט ער זיך קונה־שם געווען, — פּונקט אַזוי ווי קירילאָוו — הגם געהיילט האָט ער זייער, זייער שלעכט. ער האָט זיך אַלץ געקליבן צו ווערן פּשוטער, — און דעריבער זיך צוגעקוקט כּסדר, ווי די פּויערים שנייצן די נעז, קראַצן די פּאָטילניצעס, ווישן מיט דער דלאָניע די ליפּן, — און, בלייבנדיק אַליין, זיי נישט איינ-

מאָל אין אַלעם נאָכקאָפּירט, — ער האָט עס אָבער אָפּגעלייגט אויף איבער אַ יאָר זומער.

פערעדאָנאָוו האָט איבערגעחזרט דאָ, ווי ער איז עס שוין געוווינט געוואָרן פאַר דער לעצטע צייט, אָט די אַלע טענות זיינע מכּוח די שטאָט־רכילותן, אויף די בעלי־מקנא, וואָס ווילן נישט דער־לאָזן אים באַקומען דעם פאַרשפּראָכענעם פּאָסטן אַלס אינספּעקטאָר. לכתּחילה איז קירילאָוו געווען פון דעם גערירט, וואָס מען ווענדט זיך מיט אַזאַ ענין צו אים. ער האָט אויסגערופן:

— נו, איצט זעט איר שוין, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ פּראָווינץ־סביבה. איך האָב שטענדיק געטענהט, אַז דער איינציקער אויס־וועג פאַר פאַרשטענדיקע מענטשן איז — זיך צונויפקומען, קאָנצענט־רירן — און עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זייט אויך געקומען צום זעלביקן געדאַנק.

טרעפּעטאָוו האָט בייז און באַליידיקט אַ לאַך געטון. קירילאַוו האָט אויף אים צעשראָקן אַ קוק געגעבן. טערעפּאָוו האָט מיט פאַר־אַכטונג באַמערקט:

— פאַרשטענדיקע מענטשן! — און נאָך אַמאָל אַ לאַך געטון.

און נאָכדעם, נאָך אַ קורצן שווייגן, גענומען רעדן מיט אַ דין־דין, באַליידיקט קול:

— איך ווייס נישט, צי קאָן אַ פאַרשטענדיקער מענטש דינען דעם קלאַסיציזם!

קירילאָוו האָט אומבאַשלאָסן אַ זאָג געטון

— אָבער איר, געאָרגי סעמיאָנאָוויטש, נעמט נישט אין אַכט אַפּנים דאָס, אַז נישט אַלעמאָל הענגט עס אָפּ פונם מענטשן, דאָס אויסקלויבן זיך פון אַ פּאַסיקער פּראָפעסיע.

טרעפּעטאָוו האָט מיט פאַראַכטונג אַ לאַך געטון, מיט דעם לגמרי צעקלאַפּט דעם ליבלעכן קירילאָוו, און פאַרגראָבן זיך אין אַ שטיל שווייגן.

קירילאָוו האָט זיך געווענדט צו פּערעדאָנאָוון. דערהערנדיק, אַז יענער רעדט וועגן דעם, אַז אינגיכן וועט ער ווערן אינספּעק־טאָר, איז קירילאָוו געוואָרן אומרויק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז פּע־רעדאָנאָוו וויל ווערן אינספּעקטאָר אין אונזער פּאָוויאַט. און אין

זעמסטווע האָט מען זיך שוין געקליבן צו באַשטימען אַ פּאָסטן פאַרן אייגענעם אינספּעקטאָר איבער די זעמסקע שולן; אַן אינספּעקטאָר, וואָס די זעמסטווע וועט אויסקלויבן, און דער בילדונגס־אַמט וועט באַשטעטיקן.

דעמאָלט וואָלט דער אינספּעקטאָר באָגדאַנאָוו, וואָס פאַרוואַלטעט איבער די שולן פון דריי פּאָוויאַטן, געדאַרפט זיך אַריבערטראָגן אין איינער פון די נעענטסטע שטעט, און די שולן פון אונזער פּאָוויאַט וואָלטן אַריבער צום נייעם אינספּעקטאָר. אין דעם פאַל האָבן זיי שוין געהאַט זייערן אַ מענטש, אַ לערער פון לערער־סעמינאַר אין דער שכנישער שטאָט סאַפּאַט.

— דאָרט האָב איך אַ פּראָטעקציע, — האָט פּערעדאָנאָוו דערציילט — און דאָ דער דירעקטאָר טוט מיר אָן צרות און אַנדערע אויך. מען טראַכט אויף מיר אויס מעשׂיות שלא־היו. איז אויב מען וועט זיך ביי אייך אָנפרעגן, וואָרן איך אייך, אַז דאָס אַלץ איז נישט געשטויגן — נישט געפלויגן. איר זאָלט זיי גאָרנישט נישט גלויבן.

קירילאָוו האָט לעבעדיק געענטפערט:

— איך אַרדאַליאָן באָריסיטש האָב קיין צייט נישט מער צוצוהערן זיך צו די אַלע שטאָט־פאַרהעלטנישן און קלאַנגען, ביז איבערן האַלז בין איך פאַרנומען, ווען נישט די פרוי מיינע מיט איר הילף, ווייס איך גאָרנישט, ווי אַזוי איך וואָלט גאָר אַרויס. איך קום אין ערגעץ נישט, איך זע קיינעם נישט, איך הער גאָרנישט נישט. נאָר זיכער בין איך, אַז דאָס אַלץ, וואָס מען רעדט וועגן אייך, — גלויבט מיר אויף נאמנות, אַז כ׳האָב גאָרנישט נישט געהערט — איז אַלץ אויסגעטראַכט, איך גלויב אייך. אָבער דער דאָזיקער פּאָסטן הענגט נישט אינגאַנצן אָפּ פון מיר.

— מען קאָן אייך איבערפרעגן. — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט.

קירילאָוו האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטון אויף אים און באַמערקט:

— וואָס הייסט, מען וועט נישט פרעגן. אַוודאי וועט מען פרעגן. נאָר זעט איר, מיר האָבן שוין אָנגעמערקט...

אין דער רגע האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן די פרוי קי־רילאָוו און אַ זאָג געטון:

— סטעפאַן איוואַניטש, אויף אַ מינוטעלע

דער מאַן איז צו איר אַרויס, און זי האָט מיט זאָרג גע־שעפּטשעט:

— איך האַלט, אַז דעם דאָזיקן סוביעקט דאַרף מען גאָרנישט דערציילן, אַז מיר האָבן זיך אָנגעמערקט די קאַנדידאַטור פון הער קראַסילניקאָוו. דער דאָזיקער סוביעקט איז מיר עפּעס פאַרדעכטיק — ער קאָן נאָך עפּעס אָנרעדן אויף קראַסילניקאָוון.

— מיינסט עס מיט אַן אמת? — האָט קירילאָוו שנעל אַ שעפּטשע געטון. — יאָ, יאָ, ליידער. ווי אומאָנגענעם.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ. די פרוי האָט אויף אים אַ קוק געטון און איבערגערעדט:

— בעסער פון אַלץ איז אים גאָרנישט נישט זאָגן, אָט גלייך ווי אַזאַ פּאָסטן וואָלט גאָרנישט נישט געווען.

— אמת טאַקע, ביסט גערעכט. — האָט קירילאָוו געשעפּטשעט. — איך מוז אָבער צוריק אַריין. נישט אָנגענעם.

ער איז שנעל אַריין אין קאַבינעט און אָנגעהויבן דאָרט מאַכן קניקסן פערעדאָנאָוון און באַשיטן אים מיט קאָמפּלעמענטן.

— איז אַז עס וועט זיך עפּעס מאַכן... — האָט פערעדאָנאָוו אָנגעהויבן.

— איר מעגט זיין רויק, גאָר רויק, כ׳וועל עס שוין האָבן אין זכרון, — האָט קירילאָוו שנעל גערעדט — מיר האָבן נאָך אינגאַנצן נישט באַשלאָסן אָט די פראַגע.

פערעדאָנאָוו האָט נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס פאַר אַ פראַגע קירילאָוו רעדט איבער און זיך שרעקלעך נישט גוט געפילט. און קירילאָוו האָט געטענהט:

— מיר אָרגאַניזירן ערשט די שול־נעץ. מיר האָבן פון פּעטער־בורג אויסגעשריבן אַ ספּעציאַליסט. אַ גאַנצן זומער האָט מען געאַרבעט. אונז האָט עס אָפּגעקאָסט ניינהונדערט רובל. מיר גרייטן עס צו דער זעמסטווער פאַרזאַמלונג. אַ זעלטענע אַרבעט, — אויסגערעכנט איז דער גאַנצער שטח, אָנגעמערקט אַלע שול־פּונקטן.

און קירילאָוו האָט לאַנג און גענוי אַלץ דערציילט וועגן דער שול־נעץ, דאָס הייסט, וועגן דעם ווי אַזוי דער פּאָוויאַט איז פונאַנ־דערגעטיילט געוואָרן אויף קליינע פונקטן, מיט אַ שול אין יעדן פונקט, כדי עס זאָל נישט זיין ווייט צו גיין אין שול אַריין. פּערע־דאָנאָוו האָט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען און זיך איינגאַנצן פאַרפּלאָנ־טערט אין זיינע אומקלאָרע געדאַנקען, אינם ווערטער־נעץ, וואָס דער ליבלעכער קירילאָוו האָט אַזוי לעבעדיק און געשיקט געפלאָכטן פאַר אים אין די אויגן.

ענדלעך האָט ער זיך געזעגנט און אַרויס איינגאַנצן פאַרלאַפּט פון אַ האָפנונגסלאָזער בענקשאַפט. אינם דאָזיקן הויז, — האָט ער גע־טראַכט — האָט מען אים נישט געוואָלט פאַרשטיין, נישט אויסהערן אים אפילו צומאָל. דער באַלעבאָס האָט עפּעס געדולדט אַ קאָפּ. טרע־פּעטאָוו האָט עפּעס בייז געלאַכט, די באַלעבאָסטע איז אַריין, קיין וואָרט נישט איבערגערעדט און צוריק אַרויס. — מאָדנע מענטשן וווינען אין דאָזיקן הויז. — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעטראַכט. — פאַרלוירן אומזיסט אַ טאָג!

XI

שבת האָט זיך פּערעדאָנאָוו געקליבן צו גיין צום איספּראַווניק. און הגם ער איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער מי־יודע ווי דער אָנפירער פון די אַדעליקע, — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — נאָר דאָך קאָן ער פונדעסטוועגן מער קאַליע מאַכן פון אַן אַנדערן, און אַז ער וועט וועלן, קאָן ער נאָך אַ טובה טון מיט זיינע רעפּערענצן. די פּאָלי־ציי — איז גאָר אַ וואַזשנער ענין.

פּערעדאָנאָוו האָט פון דער פודלע אַרויסגענומען דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע. ער האָט באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן וועט ער טראָגן בלויז אָט דאָס דאָזיקע היטל. דער דירעקטאָר קאָן זיך פאַר־גינען צו טראָגן אַ קאַפּעלוש, — ער האָט סיי־ווי אַ גוטן שם ביי נאַטשאַלסטווע, און פּערעדאָנאָוו דאַרף זיך ערשט דערשלאָגן צום פּאָסטן פון אַן אינספּעקטאָר; קיין פלאַן נישט — איינגאַנצן זיך צו פאַר־לאָזן אויף פּראָטעקציע, אַליין דאַרף מען געווינען אַ גוטן נאָמען ביי

לייטן און דערוויזן, אַז מען איז מסוגל צו דעם. מיט עטלעכע טעג צוריק, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן וויזיטן, האָט ער נאָך געטראַכט וועגן דעם, נאָר עפּעס אַזוי ווי אויפצולהכעיס איז אים שטענדיק אין דער האַנט געקומען דער קאַפּעלוש. איצט האָט פּערעדאָנאָוו שוין אַנדערש געטון: ער האָט גענומען דעם קאַפּעלוש און אים אַריינגעוואָרפן אינם אויוון, — איצט קאָן ער שוין זיכער זיין, אַז ער וועט אים שוין מער אין דער האַנט נישט קומען.

וואַרוואַראַ איז נישט געווען אינדערהיים. קלאַוודיאַ האָט געוואַשן די פּאָדלאָגעס. פּערעדאָנאָוו איז אַריין אין קיך וואַשן די הענט. אויפן טיש האָט ער דערזען אַ בלויען שקאָרמיץ, און פון אים האָבן זיך אַרויסגעשאָטן עטלעכע ראָזינקעס. דאָס איז געווען אַ פונט ראָזינקעס, וואָס מ׳האָט געקויפט צום טיי־געבעקס, — מען פלעגט עס באַקן אינדערהיים. פּערעדאָנאָוו האָט גענומען קייען די ראָזינקעס, אַ נישט־געוואַשענער און אומריינער, און אויפגעקייעט דעם גאַנצן פונט שנעל און זשעדנע, שטייענדיק אַזוי ביים טיש, קוקנדיק אויפן טיר, אַז קלאַוודיאַ זאָל חלילה נישט אַריין אומבאַמערקטערהייט. נאָכדעם האָט ער זייער זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט דעם דיקן בלויען שקאָרמיץ, אים באַהאַלטן אונטערן סורדוט, אַרויסגעטראָגן אין פאָרצימער און אים אַריינגעלייגט אין קעשענע פון מאַנטל, כדי ער זאָל אים אויף דער גאַס ערגעץ אַוועקוואַרפן און אויף אַזאַ אופן פאַרווישן דעם שפור.

ער איז אַוועקגעגאַנגען. און קלאַוודיאַ האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז די ראָזינקעס זענען פאַרשוווּנדן. זי האָט זיך דערשראָקן און זיי גענומען זוכן — און נישט געפונען. וואַרוואַראַ איז צוריקגעקומען, זיך דערוווּסט, אַז די ראָזינקעס זענען נישטאָ און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף קלאַוודיאַן מיט טויטע קללות: זי איז געווען זיכער, אַז קלאַוודיאַ האָט אויפגעגעסן די ראָזינקעס.

אויף דער גאַס איז געווען שטיל און ווינטיק. זעלטן־ווען האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקנדל. די קאַלוזשעס האָבן געטרוקנט. דער הימל האָט זיך בלייך געפרייט. נאָר פּערעדאָנאָוון איז געווען זייער־זייער אומעטיק.

פאַרבייגייענדיק איז ער אַריין צום שניידער, אים צו איילן, —

ע־ זאָל שוין גיכער אויפנייען די נייע פאָרמע, וואָס ער האָט בײַ אים אייערנעכטן באַשטעלט.

גייענדיק פאַרבײַ דעם קלויסטער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך דרײַמאָל איבערגעצלמט, אַז באַמערקן זאָלן עס אַלע, וואָס וועלן אים, דעם קינפטיקן אינספעקטאָר, זען פאַרבייגיין פאַרן קלויסטער. פריער פלעגט ער עס נישט טון, אָבער איצט דאַרף מען זײַן געהיט אין אַזעלכע זאַכן. מעגלעך זייער, אַז עמעצער פון הינטן גייט אים שטילערהייט נאָך פּוסטריט, אָדער אפשר האָט זיך ווער באַהאַלטן גאָר הינטער אַ טויער, אָדער אַ בוים און קוקט אים נאָך.

דער איספּראַווניק האָט געוווינט אויף איינע פון די הינטערשטאָטישע גאַסן. אינם צעפראַלטן טויער האָט זיך פערעדאָנאָוו באַגעגנט מיט אַ פּאָליציאַנט, — אַ באַגעגעניש, וואָס האָט אויף אים לעצטנס אַרויפגעוואָרפן אַן אומעט. אין הויף זענען געווען עטלעכע פויערים, נאָר נישט אַזוי, וואָס מען זעט אומעטום, — דאָס זענען עפּעס געווען גאָר באַזונדערע, אומגעוויינטלעך שטילע און שווייגנדיקע. דער הויף איז געווען בלאָטיק. געשטאַנען זענען פורן באַדעקט מיט ראָגאָזשעס.

אינם טונקלען פאָרהויז האָט פערעדאָנאָוו געטראָפן נאָך אַ פּאָליציאַנט, אַ נידריק, דאַר־גופיק מענטשל מיט אַן אויסזען פון אַ אויספירער, נאָר דאָך אַ גענוג אָפּגעלאָזטן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ בוך אין אַ שוואַרץ־לעדערנעם אײַנבונד. אַן אָפּגעבלאַקעט באָרוועס מיידל איז אַרויסגעלאָפן פון אַ זײַטנטיר, אַראָפּגעשלעפּט פון פערעדאָנאָוון דעם מאַנטל, אים אַרײַנגעפירט אין זאַל און אַ זאָג געטון:

— ביטע, סעמיאָן גריגאָריעוויטש וועלן באַלד אַרײַנגיין.

דער באַלקן אינם זאַל איז געווען אַ נידריקער, ער האָט צעדריקט פערעדאָנאָוון, דאָס מיידל האָט זיך ענג גערוקט צו די ווענט. אויף דער פּאָדלאָגע זענען אויסגעשפּרייט געלעגן פיין־געשטיקטע מאַטן. פון רעכטס און לינקס האָט זיך דורך די ווענט געהערט אַ שעפּטשען און אַ שאָרך. פון די טירן האָבן אַרויסגעקוקט בלייכע פנימער פון אַ פרוי און שקראָפל־יינגלעך, אַלע מיט זשעדנע, גלאַנציקע אויגן. פונם שעפּטשען האָבן זיך צומאָל געהערט העכערע פראַגן און ענטפערס.

— געבראַכט...

— ווו עס צוטראָגן?

— ווו וועט איר עס הייסן אַוועקשטעלן?

— פון יערמאָשקען, סידאָר פּעטראָוויטשן.

באַלד איז אַרייַן דער איספּראַווניק. ער האָט געהאַלטן ביים פּאַרקנעפּלען דעם אוניפאָרם־סורדוט און האָט זיס געשמייכלט:

— אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב אייך פאַרהאַלטן, — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק פּערעדאָנאָווס האַנט מיט זיינע ביידע, גרויסע, אומגעלומפּערטע הענט — באַזוכער קומען פאַרשידענע, צוליב זייערע ענינים. אַזאַ אַמט שוין ביי אונז, אַ מינוט טאָר מען נישט אָפּלייגן.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש מינטשוקאָוו, אַ הויכגעוואַקסיקער מאַנספּאַרשוין, אַ פּולער, אַ שוואַרצהאָריקער, מיט אַ פּליכל אין מיטן קאָפּ, האָט זיך געהאַלטן עטוואָס איינגעבויגן, די הענט אַראָפּ, די פינגער צעשפּרייט. ער האָט אָפּט געשמייכלט מיט אַן אויסזען, גלייך ווי ער וואָלט נאָר וואָס טועם געווען אַזוינס, וואָס מען טאָר נישט, נאָר איז זייער געשמאַק, און האָט זיך איצט באַלעקט. די ליפּן זענען ביי אים געווען העל רויט, דיק, די נאָז אַ פלייִשיקע, דאָס געזיכט אַן איינגעשפּאַרטס, אַ פלייסיקס און אַ נאַרישס.

פּערעדענאָוו האָט זיך זייער שלעכט געשפּירט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָ געזען און געהערט. ער האָט עפּעס געמורמלט, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט און, זיצנדיק אויף דער שטול, האָט ער זיך געמיט צו האַלטן דאָס היטל אַזוי, אַז דער איספּראַווניק זאָל זען די קאָקאַרדע. מינטשוקאָוו איז געזעסן אַנטקעגן אים, ביים אַנדערן עק טיש, גלייך, אויסגעצויגן, געשמייכלט מיטן זעלבן זיסן שמייכל, און זיינע לאַנגע הענט האָבן זיך שטיל באַוועגט איבער די קני זיינע, צעשפּרייטנדיק און צונויפציענדיק די פינגער.

— מען פּלאַפּלט דאָרט, גאָט ווייסט וואָס, — האָט פּערעדאָנאָוו זיך צעטענהט — אַז ס׳הויבט זיך גאָרנישט נישט אָן. און איך אַליין האָב אויך וואָס צו דערציילן. נאָר איך וויל נישט. איך בין ריין, אָבער פון זיי האָב איך יאָ וואָס צו דערציילן. נאָר איך וויל נישט. הינטער די אויגן באַרעדן זיי מיך, און אין די אויגן לאַכן זיי. זאָגט אַליין, ביי אַזאַ לאַגע, וואָס איך פאַרנעם, איז עס אַביסל נישט

אָנגעגעם. איך האָב אַ פּראָטעקציע, און זיי טוען נבלות. און גלויבט מיר, זיי שפּירן מיר נאָך אומזיסט, זייער גאַנצע טרחה איז אַרויסגעוואָרפן. פּשוט אַ שאָד זייער צייט, וואָס זיי פּטרן דערויף, און מיר איז עס פּשוט אומאָנגענעם. וווהין דו זאָלסט נישט גיין, ווייסט עס באַלד די גאַנצע שטאָט. איז וויל איך האָפן, אַז ווי די זאַך מאַכט זיך, אַז איר וועט מיך אונטערהאַלטן...

— אוודאי, אוודאי, ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין, מיטן גרעסטן פאַרגניגן, — האָט מינטשוקאָוו צוגעזאָגט, אויסשפּרייטנדיק פאָרויס די ברייטע דלאָניעס זיינע — געוויס, מיר, פּאָליציי, ווייסן זיכער, ווער כשר איז און ווער נישט.

— איך שפּיי אויף דעם, — האָט פּערעדאָנאָוו בייזלעך אַ זאָג געטון — וואָס מען פּלאַפּלט דאָרט אויף מיר, כ׳האָב אָבער מורא, אַז דאָס קאָן מיר שאַטן צו דער קאַריערע מיינער. זיי זענען הינטערליסטיקע. איר דאַרפט זיך גאָרנישט נישט צוהערן, וואָס עס רעדן אַזעלכע פּאַרשוינען, ווי רוטילאָוו, למשל. און צי קאָנט איר זיכער זיין, אַז ער גראָבט זיך חלילה נישט אונטער אונטער דער שאַצקאַמער. אַז פון אַ קראַנקן קאָפּ אויף אַ געזונטן איז זייער לייכט.

מינטשוקאָוו האָט לכתחלה געמיינט, אַז פּערעדאָנאָוו איז אַביסל מלא און פּלוידערט גלאַט אין דער וועלט אַריין. נאָכדעם האָט ער באַמערקט, אַז פּערעדאָנאָוו קלאָגט זיך אויף עמעצן, וואָס האָט אים באַרעדט, און בעט עפּעס צו טון קעגן דעם.

— נאָך גאָר יונגע שנעקעס, — האָט פּערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט, טראַכטנדיק בשעת־מעשה וועגן וואָלאָדינען — און האַלטן פון זיך אַ וועלט. טראַכטן אויס אויף אַנדערע מעשים שלא-היו, און אַליין זענען זיי נישט כשר. באַוווסט איז, אַז יונגעלייט זענען היצקעפּ. אייניקע דינען אַפילו אַין דער פּאָליציי, און קריכן אַהין.

און ער האָט אַזוי גערעדט נאָך אַ לאַנגע צייט מכוח יונגעלייט, נאָר ער האָט פּאָרט נישט געקאָנט עפּעס אָנרופן וואָלאָדינס נאָמען. וועגן די יונגעלייט, וואָס דינען אין דער פּאָליציי, האָט פּערעדאָנאָוו סתם אַזוי דערמאָנט, כדי מינטשוקאָוו זאָל זיך אָנשטויסן, אַז ביי אים אין דער פּאָליציי זענען די באַאַמטן אויך נישט ריין פון יעדן פאַרדאַכט. מינטשוקאָוו האָט באַשלאָסן, אַז פּערעדאָנאָוו

רעדט עס וועגן צוויי באַאַמטן פֿון דער פּאָליציי־פֿאַרוואַלטונג: יונגיטשקע, לעכערלעכע, וואָס דרייען זיך אַרום שיינע מיידלעך. פּערעדאָנאָווס פֿאַרליבטקייט און בפֿירושע שרעק האָבן נישט־ווילנדיק אויך אָנגעשטעקט דעם איספּראַווניק.

— איך וועל נאָכפֿאָרשן, — האָט ער מיט זאָרג באַטאָנט, זיך פֿאַרטראַכט אַ מינוט, און ווייטער געגומען זיס שמייכלען — כ׳האָב צוויי יונגיטשקע באַאַמטן, נאָך גאָר קליינע פּוכיקע הינדעלעך. איינעם פֿון זיי שטעלט די מוטער נאָך אין ווינקל, אויף באמנות.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך צעלאַכט.

דערווייל איז וואַרוואַראַ אַוועק צו גרושינאַן, ווו זי האָט זיך דערוווסט אַן איבערראַשנדיק נייעס.

— וואַרוואַראַ דמיטרעוונא, נשמהניו, האַרצעניו, — האָט גרושינא געגומען גיך מאָלן, ווי נאָר וואַרוואַראַ איז אַריבער די שוועל — האָב איך פֿאַר אייך אַ נייעס, אַז איר וועט אַזש די אויגן אויסגלאָצן.

— נו. וואָס פֿאַראַ נייעס? — האָט וואַרוואַראַ מיט אַ שמייכל איבערגעפֿרעגט.

— ניין, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, נאָר, אַז אַזעלכע נידריקע מענטשן זאָלן זיין אויף דער וועלט, דאָס האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט! אויף וואָס מענטשן זענען אַלץ פֿעיק, כּדי צו דערגרייכן זייער ציל!

— איז וואָס־זשע ווילט איר דערמיט זאָגן?

— נו, האָט אַביסל געדולד, און איך וועל אייך דערציילן.

די הינטערליסטיקע גרושינא האָט אָבער מיט אַ כּיוון פֿריער מכבד געווען וואַרוואַראַן מיט קאַווע, נאָכדעם אַרויסגעטריבן די קינדערלעך אירע אויף דער גאַס, דערביי האָט זיך דאָס עלטערע מיידל פֿאַרעקשנט און נישט געוואָלט בשום־אופֿן אַרויסגיין.

— אָך, דו נישטיקע פּאַסקודסטווע! — האָט גרושינא אויף איר אָנגעשריען.

— ביזסט אַליין אַ פּאַסקודסטווע. — האָט דאָס מיידל געענטפֿערט און געגומען טופּען מיט די פֿיס אויף דער מוטער.

גרושינא האָט אַ כאַפּ געטון דאָס מיידל פאַר די האָר, זי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס און פאַרשלאָסן די טיר.

— אַ קאַפּריזע באַשעפעניש, האָט זי זיך באַקלאָגט. — פון די דאָזיקע איז פשוט נישט אויסצוהאַלטן. איך בין איינע, און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ טאַטן.

— איר וועט חתונה האָבן, וועלן זיי האָבן אַ פאָטער. — האָט וואַרוואַרא געטרייסט.

— עס ווענדט זיך נאָך, וואַרוואַרא דמיטרעווגאַ, טייערינקע, ווער דאָס וועט זיין, — אַן אַנדערער קאָן זיי גאָר די מיתה מאַכן.

דאָס מיידל איז דערווייל צוגעלאָפן פון גאַס צו, און דורכן פענסטער אַריינגעוואָרפן אַ הויפן זאַמד און מיט דעם אָפּגעשיט די מוטער. גרושינא האָט זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער און זיך צע־שריען אויף אַ קול:

— כ׳וועל דיך, פּאַסקודסווע איינע, צעמזיקן. — אָט קום נאָר אַריין אין שטוב, כ׳וועל דיר שוין געבן, פּאַסקודסטווע איינע.

— ביסט אַליין אַ פּאַסקודסטווע, דו נאַרישע מרשעת איינע! — האָט דאָס מיידל פון גאַס געשריען, געשפּרונגען אויף איין פוס און געדראָט די מוטער מיט די שמוציקע קולאַקלעך.

גרושינא האָט זיך אָנגעבייזערט אויף איר מיידל:

— וואַרט, וואַרט, אָט קום נאָר אַריין אין שטוב!

און האָט צוגעמאַכט דאָס פענסטער. נאָכדעם זיך רויק גאָר צו־געזעצט און, גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען, גענומען איבערדערציילן:

— כ׳האָב אייך געוואָלט דערציילן אַ נייעס, נאָר איך ווייס נישט. איר, נשמהניו, וואַרוואַרא דמיטרעווגאַ, דאַרפט זיך עס נישט נעמען צום האַרצן, זיי וועלן סיי־ווי גאָרנישט נישט פועלן.

— זאָג שוין אַמאָל וואָס? — האָט וואַרוואַרא אין איין שרעק אַ צאַפּל געטון, אַז די שאָל קאַווע אין די הענט אירע האָט גענו־מען וואַקלען.

— איר ווייסט, היינט איז אין גימנאַזיע אַריין אָנגעקומען, גלייך אין פינפטן קלאַס, אַ גימנאַזיסט, עפּעס איינער פּילניקאָוו, כלומרשט פון רובאַן, דערפאַר, ווייל זיין מומע האָט אין אונזער פּאָוויאַט געקויפט אַ גוט.

— נו, איך ווייס עס, — האָט וואַרוואַראַ באַמערקט — כ׳האָב אים געזען, ווי דען, מיט דער מומען געקומען. אַזאַ שיין־פּנימדיקער, ענלעך צו אַ מיידל, און רויטלט זיך נאָר.

— וואַרוואַראַ דמיטרעוונאַ, טייערינקע, פאַרוואָס זאָל ער נישט ענלעך זיין צו אַ מיידל, — ס׳איז דאָך אַן איבערגעטון פריילין!

— וואָס רעדט איר?! — האָט וואַרוואַראַ אויסגעשריען.

— זיי האָבן עס אומישנע געטון, כדי אַרדאַליאָן באָריסיטש זאָל אַריינפאַלן, — האָט גרושינאַ דערקלערט, איילנדיק זיך, באַוועגנדיק די הענט און פריידעוודיק אויפרעגנדיק זיך פון דעם, וואָס זי קאָן דערציילן אַזאַ וויכטיק נייעס — אָט דאָס דאָזיקע פריילין, זעט איר, האָט אַ געשוועסטערקינד, אַ יתום, האָט ער זיך געלערנט אין רובאַנער גימנאַזיע, און דער פריילינס מוטער האָט אים פון דאָרט אַרויסגענומען. און מיט זיינע פאַפּירן אַריינגעגעבן איר טאָכטער אַהער. און דאָס מערקט זיך אויך אָן, זיי האָבן אים איינגעאָרדנט אויף קוואַרטיר, ווו קיין אַנדערע גימנאַזיסטן זענען נישט פאַראַן, ער שטייט דאָרט איין איינער אַליין, זיי האָבן געמיינט, אַז אַזוי וועט אַלץ זיין ווי צום בעסטן.

— און ווי אַזוי האָט איר זיך עס דערוווּסט? — האָט וואַרוואַראַ מיט אומצוטרוי זי איבערגעפרעגט:

— וואַרוואַראַ דמיטרעוונאַ, נשמהניו, וואָס הייסט? וועגט האָבן אויערן. און אַזוי איז עס אויך געווען גלייך פאַרדעכטיק עפּעס, נישט גלאַט: אַלע יינגלעך, זענען יינגלעך. און דער איז עפּעס אַ שטילינקער, גייט אַרום — שאַ, שטיל. אַ פליג אויף דער וואַנט זאָל ער דאָס אָנרירן. און די צורה זיינע, דאַכט זיך, אַ זעלטענע, אַ געזונטע, אַ רויטע. און עפּעס אַזאַ באַשיידענער, זאָג איך אייך, אָט לאָז זיך נאָר עמעץ פון די חברים אַ וואָרט אָנרופן, ווערט ער באַלד רויט, ווי ציגטער. זיי רייצן זיך טאַקע מיט אים און רופן אים „מיידל". נאָר זיי מיינען עס אויף אַ געלעכטער, זיי ווייסן גאָרנישט, אַז עס איז טאַקע אין דער אמתן אַזוי. און שטעלט אייך פאָר, ווי קלוג מען האָט געמאַכט, אַז אַפילו די באַלעבאָסטע ווייסט עס נישט.

— איז ווי אַזוי־זשע האָט איר זיך עס דערוווּסט? — האָט וואַרוואַראַ נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט? וואַרוואַראַ דמיטרעוונאַ, האַרציקע, ווי זאָל איך דאָס נישט וויסן? איך קען אַלעמען דאָ אין אונזער פּאָוויאַט. וואָס הייסט, אַלע ווייסן דאָס, אַז ביי זיי אין דערהיים איז פאַראַן נאָך אַ יינגל, פון איינע און די זעלבע יאָרן מיט דעם אָ. איז פאַר־וואָס־זשע האָבן זיי נישט ביידע אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע? מען זאָגט, אַז זומער איז ער קראַנק געווען, רוט ער אויס אַ יאָר, און נאָכדעם וועט ער ווייטער אָנקומען אין דער גימנאַזיע. אָבער נאַרישקייטן — איז עס דען אַ גימנאַזיסט. און חוץ דעם איז באַוווסט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טאָכטער, זאָגן זיי, אַז זי האָט חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַווקאַז. איז דאָס אויך אַ ליגן. זי איז גאָרנישט נישט אַוועקגעפאָרן, און וווינט דאָ פאַרשטעלט אַלס יינגל.

— צו וואָס באַדאַרפן זיי עס? — האָט וואַרוואַראַ איבערגעפרעגט.

— וואָס הייסט, צו וואָס זיי באַדאַרפן עס! — האָט גרושינא אויפגעלעבט זיך צעטענהט. — אָט קאָן זי פּאַקן איינעם פון די לערער, וויבניק בחורים פאַראַן צווישן זיי, און צווייטנס, זי קאָן אַנדערן אויך פּאַקן. אַלס יינגל קאָן זי גיין צו אַלעמען אַהיים, און מאַלע וואָס נאָך זי קאָן טון.

וואַרוואַראַ האָט מיט שרעק געפאָרשט:

— עפּעס אַ שיין מיידל?

— שייך זאָגן, אַ זעלטן שיינע. — האָט גרושינא מסכים געווען. — איצט, לאָמיר זאָגן, שעמט זי זיך נאָך, אָבער שפּעטער, זי וועט זיך צוגעוויינען, וועט זי דאָ אַלעמען די קעפּ פאַרדרייען. און ס'אַראַ קלוגיטשקע זיי זענען עס: איך, ווי נאָר כ'האָב זיך עס דערוווּסט, האָב איך זיך גענומען גלייך באַמיען מיך צו זען מיט דער באַלעבאָסטע זיינער, — אָדער אירער. אָסור, אויב איך ווייס אַפילו, ווי אַזוי עס אויסצודריקן.

— טפו, אַן אמתער שד, זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד! — האָט וואַרוואַראַ באַמערקט.

— בין איך מיר אַוועק צו דער אָוונט־תפילה אין זייער קלויסטער, צו דער פּאַנטעליימאָן, און זי איז זייער אַ פרומע. אָלגאַ וואַסילעוונאַ, זאָג איך, פאַרוואָס עפּעס האַלט איר איצט נאָר איין

גימנאַזיסט? ס'לוינט דאָך נישט. מאַכט זי: צו וואָס דען דאַרף איך נאָך איינעם? פאַראַן אַזוי אויך גענוג אַרבעט מיט איינעם, דאַרף איך נאָך צוויי. רוף איך מיך אָפ: איר האָט דאָך תמיד געהאַלטן צוויי-דריי. ענטפערט זי מיר, מערקט זיך עס, וואַרוואַרא דמיטריעוונא, האַר-ציקע! — זיי האָבן מיט מיר אויסגענומען, זאָגט זי, אַז סאַשענקא זאָל ביי מיר איינער אַליין וווינען. זיי, זאָגט זי, זענען זייער פאַרמעגלעכע מענטשן, זיי האָבן מיר באַצאָלט מער, זיי האָבן מורא, זאָגט זי, אַז מיט אַנדערע יינגלעך וועט ער נאָך איבערגעפירט ווערן, נו, וואָס זאָגט איר.

— אָט דאָס הייסט בריהקעס! — האָט וואַרוואַרא מיט בייזקייט איבערגערעדט, — נו, און איר האָט כאָטש געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מיידל?

— איך זאָג איר, — זעט נאָר, זאָג איך, אָלגאַ וואַסילעוונא, צי האָט מען אייך אָקאָרשט נישט אונטערגערוקט אַ מיידל, אָנשטאָט אַ יינגל.

— נו, און וואָס האָט זי געזאָגט?

— נו, האָט זי געמיינט, אַז איך שפאַס עס, לאַכט זי. דעמאָלט האָב איך איר שוין ערנסט געזאָגט: טייערינקע אָלגאַ וואַסילעוונא, זאָג איך איר, איר ווייסט, אַז מען שמועסט גאַנץ ערנסט, אַז דאָס איז אַ פאַרשטעלט מיידל. אָבער זי גלויבט נישט. — ווייס איך וואָס, זאָגט זי, כ'בין דאָך נישט קיין בלינדע, ווער זאָגט עס, אַז דאָס איז אַ מיידל...

די דאָזיקע מעשה האָט וואַרוואַראן איבעראַשט. זי האָט אינדער אמתן געגלויבט, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אמת, און אַז אויף איר חתן גרייט זיך אַן איבערפאַל גאָר פון אַ ניי אָרט. מען דאַרף וואָס גיכער זען אַראָפּרייסן די מאַסקע פון אָט דער איבערגעטועגער פריילין. זיי האָבן זיך נאָך לאַנג באַראַטן, ווי אַזוי עס צו טון, נאָר זיי האָבן דערווייל גאָרנישט נישט געקאָנט צוטראַכטן.

אינדערהיים איז וואַרוואַרא נאָכמער אויפגעבראַכט געוואָרן, צוליב די ראָזשינקעס, וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן.

אַז פערעדאָנאָוו איז געקומען אַהיים, האָט אים וואַרוואַרא אין איין אָטעם און אויפגערעגט דערציילט, אַז קלאַווידיאַ האָט ערגעץ

פּאַרטאַכֿלעוועט אַ גאַנץ פונט ראָזשינקעס, און וויל זיך אין דעם נישט מודה זיין.

— און שטעל זיך פאָר, וואָס אַזאַ מויד קאָן איינפּאַקן, — האָט וואַרוואַרא אויפגערעגט זיך צעטענהט — דאָס, מאַכֿט זי, האָט דער באַרין, ווייזט אויס, אויפגעגעסן. זיי, זאָגט זי, זענען אין קיך געווען, ווען כ׳האָב די פּאָדלאָגעס געוואַשן, און דאָרטן, זאָגט זי, לאַנג פאַרבראַכֿט.

— עט, גאָרנישט אַזוי לאַנג, — האָט פערעדאָנאָוו אָנגעברוגזט זיך פּאַרענטפערט — איך האָב מיר נאָר געוואַשן די הענט, און די ראָזשינקעס צומאָל נישט באַמערקט.

— קלאַוודושקא, קלאַוודושקא! — האָט וואַרוואַרא אַ געשריי געטון — אָט זאָגט דער באַרין, אַז ער האָט גאָר די ראָזשינקעס נישט באַמערקט, — הייסט עס, אַז דו האָסט זיי ערגעץ פאַרטאַכֿלעוועט.

קלאַוודיאַ האָט פון דער קיך-טיר באַוויזן איר רויט, פאַרוויינט געשוואָלן געזיכֿט.

— איך האָב נישט גענומען אייערע ראָזשינקעס. — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ וויינענדיק קול. — כ׳וועל עס אייך אָפּקויפן, נאָר אייערע ראָזשינקעס האָב איך נישט גענומען!

— און וועסט טאַקע אָפּקויפן, אָפּקויפן טאַקע! — האָט וואַרוואַרא מיט כעס געשריגן, — ווי שטייט עס דען געשריבן, אַז איך דאַרף דיך שפּייזן מיט ראָזשינקעס.

פערעדאָנאָוו האָט זיך צעלאַכֿט און אויסגעשריגן:

— דושקאַ האָט אַ פונט ראָזשינקעס אַריינגערוקט!

— באַליידיקער! — האָט קלאַוודיאַ אַ געשריי געטון און פאַרקלאַפּט די טיר.

ביים מיטאָג האָט זיך וואַרוואַרא נישט געקאָנט איינהאַלטן, נישט צו דערציילן דאָס, וואָס זי האָט געהערט וועגן פּילניקאָוון. זי האָט נישט געטראַכֿט, צי פון דעם וועט אַרויסקומען אַ טובה, צי אַ רעה, ווי אַזוי פערעדאָנאָוו וועט עס אויפנעמען, — זי האָט עס דערציילט פשוט און פראָסט פון בייזקייט.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעשטרענגט, געוואָלט זיך דערמאָנען, ווי פּילניקאָוו זעט אויס, נאָר ער האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט דערמאָנען. ביז איצט האָט ער זיך כמעט נישט אומגעקוקט אויף אָט דעם

נייעם שילער און אים פשוט געהאַסט פאַר זיין שיינקייט און רייב
קייט, פאַר דעם, וואָס ער האָט זיך זייער באַשיידן געהאַלטן, זיך גוט
געלערנט און איז לויטן וווּקס געווען דער סאַמע יינגסטער שילער
אינם פינפטן קלאַס. איצט האָט וואַרוואַראַס דערציילונג אין אים דער-
וועקט אַ מין אויסגעלאַסענעם נייגיר. נישט באַשיידענע געדאַנקען האָבן
זיך אַ וויג געטון פאַמעלעך אין זיין פינסטערן קאָפּ...

„מען דאַרף אַ גיי טון אין קלויסטער צו דער אָוונט-תּפילה, —
האָט ער אַ טראַכט געטון — אַ קוק טון אויף דער איבערגעטוענער
מויד".

פּלוצים איז קלאַוודיאַ אַריינגעלאָפן און מיט פרייד אַ שמיץ
געטון אויפן טיש דאָס צעקנייטשטע בלויע פּאַפּירל און אַ געשריי
געטון:

— אָט האָט איר אויף מיר געזאָגט, אַז איך האָב אויפגעגעסן
אייערע ראָזשינקעס, און וואָס איז דאָס? איך באַדאַרף זייער האָבן
אייערע ראָזשינקעס, נישט אַנדערש.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן
אַוועקצוּוואַרפן דעם שקאָרמיק, און קלאַוודיאַ האָט אים איצט, מסתמא,
געפונען אין דער קעשענע פונם מאַנטל.

— אָך, דו טייוול! — האָט ער אַ געשריי געטון.

— וואָס איז דאָס, פון וואַנען האָסטו עס גענומען? — האָט
וואַרוואַרא זיך צעשריגן.

— ביי אַרדאַליאָן באָריסיטשן אין קעשענע — האָט קלאַוודיאַ
דערקלערט מיט פרייד — זיי האָבן דאָס אַליין אויפגעגעסן, און אויף
מיר אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד. באַוווּסט איז דאָך, אַז אַרדאַליאָן
באָריסיטש איז אַ גרויסער נאַשער, איז וואָס-זשע דאַרף מען עס אויף
אַנדערע זאָגן, אַז מען איז עס אַליין...

— נו, צעלאָזט זיך אַ ביסל, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס זיך
צעבייזערט — און לייגט אויף וואָס די וועלט שטייט. האָסט עס מיר
אונטערגעוואָרפן, כ'האָב גאָרנישט נישט גענומען.

— צו וואָס דאַרף איך עס עפּעס אונטערוואַרפן, וואָס רעדט
איר, גאָט איז מיט אייך. — האָט קלאַוודיאַ אין פאַרלוירנקייט זיך
פאַרענטפערט.

— ווי האָסטו עס געוואַגט צו קריכֿן אין פרעמדע קעשענעס! — האָט וואַרוואַרא זיך צעשריגן. — זוכֿסט דאָרטן געלט?

— איך קריך גאָרנישט אין די קעשענעס, — האָט קלאַוודיאַ גראָב געענטפערט — כ'האָב בלויז גענומען דעם מאַנטל, אים געוואָלט אָפּרייניקן, ער איז פול מיט בלאָטע...

— און צו וואָס ביסטו אין די קעשענעס געקראָכֿן?

— אַז ס'איז אַליין פון קעשענע אַרויסגעפאַלן. צו וואָס דאַרף איך קריכֿן אין פרעמדע קעשענעס. — האָט זיך קלאַוודיאַ פאַרענטפערט.

— דושקאַ, דו ליגסט! — האָט פערעדאָנאָוו געשריגן.

— וואָס פאַר אַ דושקאַ בין איך עס אייך, וואָס איז עס עפּעס אַזוינס, אָפּשפּעטערס איר אַזוינע, — האָט זיך קלאַוודיאַ צעשריגן — כאַפּט אייך דער רוח, כ'וועל אייך שוין אָפּקויפן דעם פונט ראָזשינקעס, וואַרגט זיך מיט זיי, — אַליין אויפגעפרעסן, און דו קויף עס זיי נאָך אָפּ. און כ'וועל עס טאַקע אָפּקויפן, — אַז קיין קאַפּ געוויסן איז ביי אייך נישט פאַראַן, אַז איר שעמט זיך גאָרנישט, און האַלט זיך נאָך פאַר גאַנצע פּריצים.

קלאַוודיאַ איז אַוועק אין קיך מיט אַ געוויין און זידלעריי. פּערעדאָנאָוו האָט זיך צעכֿיכֿעט און באַמערקט:

— זע נאָר, ווי אַזוי זי האָט זיך עס צעלאָזן.

— און זאָל זי טאַקע אָפּקויפן, — האָט וואַרוואַרא צוגעגעבן — אָט גיב זיי נאָר איינמאָל נאָך, וועלן זיי שוין נאָכֿדעם אַלץ אויפפרעסן, הונגעריקע רוחות.

און אַ לאַנגע צייט נאָך נאָכֿדעם האָבן זיי אַלץ פאָרגעוואָרפן קלאַוודיאַן די ראָזשינקעס, וואָס זי האָט אויפגעגעסן. דאָס געלט פאַר די ראָזשינקעס האָט מען איר אַראָפּגערעכֿנט פון איר שכֿירות, און אַלע געסט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי קלאַוודיאַ האָט אַריינגעפּאַקט אַ גאַנץ פונט ראָזשינקעס.

דער קאָטער איז אַרויס פון קיך, גלייך ווי ער וואָלט זיך אויך געוואָלט צוהערן צו דעם, וועגן וואָס אָט די מענטשן האָבן געמאַכֿט אַזאַ גוואַלט, ער האָט זיך צוגעשפּאַרט האַרט צו דער וואַנט און זיך געגנבעט פאַזע איר, ביז ער איז צוגעקומען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט נעבן פערעדאָנאָוו, קוקנדיק אויף אים מיט זשעדנע און שלעכֿטע

אויגן. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעבויגן און געוואָלט אים כאַפּן. דער קאָטער האָט בייז אַ מרוקע געטון און צעדראַפּעט פּערעדאָנאָווס האַנט. נאָכדעם האָט ער זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן אונטער דער שאַנק. פון דאָרטן אויס האָט ער אַרויסגעקוקט און זיינע שמאָלע גרינע אויגן האָבן פון דאָרט אַפּערגעגלאָצט.

עפּעס טאַקע ווי אַ שד, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט שרעק אַ טראַכט געטון.

און וואַרוואַרא האָט די גאַנצע צייט גאָר געטראַכט וועגן פּילני־קאָוון, און טראַכטנדיק אַזוי אַ זאָג געטון:

— כ'ווייס נישט, וואָס פאַראַ פאַרגעניגן ס'איז אַלע אויפדערנאַכט צו גיין שפּילן אין ביליאַרד, אַ סך גלייכער וואָלט שוין געווען צו גיין צו די גימנאַזיסטן אויף די קוואַרטירן. זיי ווייסן, אַז די לערער קומען זעלטן ווען צו זיי. און דער אינספּעקטאָר קומט גאָר אינגאַנצן נישט, טוען זיי טאַקע דאָרט אָפּ מעשים תעתועים, שפּילן אין קאָרטן, שיכּורן. איז אָט, וואָלסטו זיך אפשר דורכגעגאַנגען צו אָט דעם אי־בערגעטועגעם מיידל. גיי שפּעטער אַהינצו, בשעת זיי לייגן זיך שלאָפן, מעגלעך זייער, אַז דו וועסט זי דעמאָלט קאָנען גלייך פּאַקן און אויפדעקן די קאָרטן.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און זיך פונאַנדערגעלאַכט.

וואַרוואַרא איז שוין איינמאָל אַ סחורה, — האָט ער זיך איבער־געלייגט. — אויף איר מעג מען זיך שוין פאַרלאָזן.

XII

פּערעדאָנאָוו איז צו דער אָונט־תּפילה אַוועק אין גימנאַזיע־קלויסטער אַריין. דאָרט האָט ער זיך געשטעלט הינטער די שילער און זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט, ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף. אים האָט זיך געדוכט, אַז אייניקע פון זיי וויוועןן, שטופּן זיך, שעפּטשען זיך און לאַכן. זיי זענען געווען אַ סך, און ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין פאַרוואָס ער האָט מיט זיך נישט מיטגענומען פּאַפּיר און אַ בלייפעדער, כּדי זיי אַלעמען צו פאַרשרייבן. אים איז געוואָרן אומעטיק, וואָס די גימנאַזיסטן פירן זיך אַזוי שלעכט אויף, און קיינער

קוקט זיך אויף דעם אפילו נישט אום, קיינעם אַרט עס נישט, הגם דאָ אין קלויסטער שטייט אויך דער דירעקטאָר און דער אינספעקטאָר, ביידע מיט זייערע פרויען און קינדער.

און פאַקטיש זענען די גימנאַזיסטן גאָר געשטאַנען זייער שטיל און פיין, — אייניקע האָבן זיך אומבאַוווסטזיניק איבערגעצלמט, טראַכטנדיק בשעת-מעשה גאָר פון אַזעלכע זאַכן, וואָס קערן זיך לחלוטין נישט אָן מיטן קלויסטער, אַנדערע האָבן זייער ערנסט מתפלל געווען. זעלטן-ווען האָט עמעצער פון זיי עפעס אַ שעפטשע געטון זיין שכן אויפן אויער, — אַ צוויי, דריי ווערטער, נישט אויסדרייענדיק צומאָל דעם קאָפ, — און יענער האָט אים פונקט אַזוי אומבאַוועגלעך אָפגעענטפערט, קורץ און שטיל, אָדער גאָר מיט אַ שנעלן בליק, אַ דריק די פלייצעס, צי גאָר מיט אַ שמייכל. אָבער אָט די אַלע קוים באַמערקטע באַוועגונגען, וואָס קיינער פון די דעזשורנע קלאַס-דערציער האָט נישט באַמערקט, האָבן אויף פערעדאָנאָווס דערשראָקענע און טעמפע נערוון געווירקט און אים געשאַפן אַן אילוזיע פון אַ גרויסער אומאָרדנונג. אפילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען פולקום רויק, האָט פערעדאָנאָוו, פונקט ווי אַלע גראָבע מענטשן, נישט געקאָנט גענוי אָפשאַצן די פאַרשידענע קליינע דערשיינונגען: ער האָט זיי גאָר איינגאַנצן נישט באַמערקט, אָדער גאָר מגזם געווען זייער באַדייטונג. איצט, אַז ער איז געווען אַזוי צערודערט פון אָט די אַלע שרעק און דערוואַרטונגען, האָבן אים די געפילן זיינע נאָך שטאַרקער נישט געדינט, און ביסלעכווייז האָט זיך די גאַנצע ווירקלעכקייט פאַרהוילן, פאַרהוילן פאַר אים הינטער אַ רויך פון שרעקלעכע און שלעכטע אילוזיעס.

און, אייגנטלעך, וואָס זענען דען די גימנאַזיסטן פריער נאָך געווען אין פערעדאָנאָווס אויגן? איז עס דען נישט געווען אַ מין אַפאַראַט אַזעלכער, וואָס האָט מיט דער פען געדאַרפט פאַרפאַטשקען און פאַרוולגאַריזירן אויף עפעס אַ ווילדער שפראַך דאָס אַלץ, וואָס איז אַמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט ריין-מענטשלעכע ווערטער. אין זיין גאַנצער טעטיקייט אַלס לערער האָט פערעדאָנאָוו גאַנץ אויפריכטיק נישט פאַרשטאַנען, און גאָרנישט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז גימנאַזיסטן זענען פונקט אַזוינע מענטשן, ווי די דערוואַקסענע, בלויז די באַוואַקסענע גימנאַזיסטן, ביי וועלכע עס האָט שוין גענומען שפראָצן

אַ בערדל, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע נייגונג צו פרויען, זענען מיטאַמאָל געוואָרן ענלעך צו אַנדערע דערוואַקסענע מענטשן.

און שטייענדיק אַ לאַנגע ווײַלע פון הינטן האָט פערעדאָנאָוו אָנגעקליבן גענוג אײַנדרוקן און זיך גענומען רוקן צו די פאָדערשטע רייען. דאָרטן, ביים סאַמע ברעג פון דער ערשטער ריי, רעכֿטס, איז געשטאַנען דער גימנאַזיסט, סאַשאַ פּילניקאָוו; ער האָט באַשיידן געדאַוונט און זיך אָפט אַראָפּגעלאָזן אויף די קני. פערעדאָנאָוו האָט די גאַנצע צייט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, און באַזונדער אָנגענעם איז אים געווען צו זען, ווי אַזוי סאַשאַ קניט יעדעס מאָל אַנידער, און שטייט אַזוי ווי אַ באַשטראָפטער, קוקנדיק פאָרויס, צו די באַלויכטענע טירן פונם אַלטאַר מיט אַ פאַרזאָרגט און תּחנונימדיק געזיכֿט, מיט תּפילה און טרויער אין די שוואַרצע אויגן, וואָס זענען באַשאָטנט מיט לאַנגע בלוילעך-שוואַרצע ווימפּערן. אַ שוואַרצינקער, אַ שלאַנקער,— וואָס עס האָט זיך נאָכֿמער באַמערקט, בשעת ער איז געשטאַנען אויף די קני רויק און גלײַך, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אויף אים אויפמערקזאַם אַכֿטונג געגעבן, — מיט אַ הויכער און ברייטער ברוסט, האָט ער אין פערעדאָנאָווס אויגן אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי אַ מיידל.

איצט האָט שוין פערעדאָנאָוו ענטגילטיק באַשלאָסן היינט נאָך, נאָך דער אָוונט-תּפילה צו צוגיין צו אים אויפן קוואַרטיר.

מען האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצעגיין פון קלויסטער. מ׳האָט באַמערקט, אַז פערעדאָנאָוו טראָגט שוין נישט מער, ווי אַלעמאָל, זײַן קאַפּעליוש, נאָר אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע. רוטילאָוו האָט אים איבערגעפרעגט מיט אַ געלעכֿטער:

— וואָס איז דאָס עפּעס, אַרדאַליאָן באָריסיטש, היינט מיט אַ קאָקאַרדע גאָר? אָט דאָס הייסט, אַז אַ מענטש רייסט זיך צו ווערן אַן אינספּעקטאָר.

— איצט וועלן אייך שוין, מסתּמא, די סאָלדאַטן סאַלוטירן? — האָט וואַלעריאַ מיט אַ געמאַכֿטער גלייכֿגילטיקייט איבערגעפרעגט.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן! — האָט פּעדעדאָנאָוו מיט כּעס געענטפערט

— אַז דו פאַרשטייסט גאָרנישט, וואַלעראָטשקע, — האָט דאַריאַ באַמערקט — וואָס עפּעס סאָלדאַטן! איצט וועלן שוין אַלע גימנאַזיסטן

באַציען צו אַרדאַליאָן באָריסיטשן מיט מער יראת־הכבוד ווי פריער.

ליודמילאַ האָט געלאַכט. פערעדאָנאָוו האָט זיך אייליק געזעגנט מיט זיי, כדי פטור צו ווערן פון זייערע שטעכווערטלעך.

צו פילניקאָוון איז נאָך געווען צו פרי צו גיין, און אַ היים האָט זיך אים נישט געגלוסט. פערעדאָנאָוו האָט זיך געלאָזט איבער די פינסטערע גאַסן, טראַכטנדיק, ווו צו פאַרברענגען די פּאָר פרייע שעה. אין די שטובן ארום האָט געברענט פייער, פון די אָפענע פענסטער האָבן זיך געטראָגן קולות. איבער די גאַסן זענען געגאַנגען מענטשן, וואָס האָבן זיך געאיילט פון קלויסטער אַהיים, מען האָט פאַרנומען, ווי עס עפענען זיך און פאַרמאַכן טירן, טויערן. אַרומעטום האָבן מענטשן געוווינט, וואָס זענען געווען פיינטלעך צו פערעדאָנאָוון, און אייניקע פון זיי האָבן, מעגלעך, אויך איצט געטראַכט, ווי אַזוי אים אַ רעה צו טון. מעגלעך, אַז עמעצער פון זיי האָט זיך געחידושט, וואָס פערעדאָנאָוו גייט אַזוי שפּעט אַרום איבער די גאַסן, און וווהין קאָן ער עס גיין. פערעדאָנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער שפּירט אים נאָך און גנבעט זיך נאָך אים. אים איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. ער האָט זיך שנעל געלאָזט גיין אָן שום ציל.

ער האָט געמיינט, אַז אָט די אַלע הייזער האָבן זייערע בר־מינַנס. און די אַלע, וואָס האָבן דאָ געוווינט מיט אַ יאָר פופציק צוריק, זענען אַלע אויסגעשטאָרבן. אייניקע פון זיי געדענקט ער נאָך אַליין.

אַז אַ מענטש שטאַרבט, וואָלט אַ יושר געווען אַ גרויסער גלייך נאָך זיין טויט אונטערצוצינדן זיין הויז, — האָט פערעדאָנאָוו שווער געטראַכט — אַ נישט איז ממש — אַ גרויל, סכנות.

אָלגאַ וואַסילעוונאַ קאָקאָווקינאַ, די באַלעבאָסטע, ביי וועמען דער גימנאַזיסט סאַשאַ פילניקאָוו האָט געוווינט, איז געווען אַן אלמנה. דער מאַן, דער קאַזנאַטשיי, האָט איר נאָכן טויט איבערגעלאָזט אַ פענסיע און נישט קיין גרויס הייזל, ווו איר איז געווען אויף אַזויפיל גרוים, אַז זי האָט נאָך געקאָנט אָפגעבן צוויי-דריי צימערן פאַר לאָקאַטאָרן. נאָר זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז בעסער איז צו נעמען אויף קוואַרטיר גימנאַזיסטן. געווען שוין אַזאַ מנהג, אַז צו איר פלעגט מען אָפגעבן די באַשיידנסטע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך זייער גוט געלערנט און פלעגן ענדיקן די גימנאַזיע. אויף די איבריקע

קוואַרטירן האָבן זיך ס'רוב אויפגעהאַלטן אַזעלכע, וואָס וואַנדערן איבער פון איין לער־אַנשטאַלט אינם אַנדערן, און ענדיקן דאָס לערנען גלאַט אַזוי זיך אָדער זיי פאַרענדיקן דאָס גאָר אינגאַנצן נישט.

אָלגאַ וואַסילעוונאַ, אַ דאַר-גופיקע אַלטיטשקע, אַ הויכגעוויקסיקע און אַ גלייכע, מיט אַ גוט-האַרציק געזיכט, וועלכעס זי האָט, אגב, באַמיט צוצוגעבן אַ שטרענגן אויסדרוק; און סאַשאַ פילניקאָוו, אַ פיין־אויסגעהאָדעוועט און שטרענג-דערצויגן יינגל, — זענען געזעסן און געטרונקען טיי. היינט איז געווען סאַשאַס ריי צו שטעלן איינגעמאַכטס, און דעריבער האָט ער זיך געפילט מעשה־באַלעבאָס, מיט קוראַזש האָט ער מכבד געווען אָלגאַ וואַסילעוונאַן, און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט.

דערהערט האָט זיך אַ קלונג — און באַלד נאָכדעם איז אין עס־צימער אַריין פערעדאָנאָוו. קאָקאָווקינאַ איז ווי איבערראַשט געווען פון אַזאַ שפעטן וויזיט.

— אָט בין איך געקומען אַ קוק טון אויף אונזער גימנאַזיסט, — האָט ער אַ מרוק געטון — ווי אַזוי עפּעס לעבט זיך אים דאָ.

קאָקאָווקינאַ האָט פערעדאָנאָוון גענומען מכבד זיין, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. אים האָט זיך געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער ענדיקן טרינקען טיי, און ער זאָל אַליין פאַרבלייבן מיטן גימנאַזיסט. מ'האָט פאַרענדיקט דעם טיי און אַריבער אין סאַשעס צימער, און קאָקאָווקינא האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט און צערעדט זיך אָן אַ סוף. פערעדאָנאָוו האָט כמורנע געקוקט אויף סאַשאַן, — און יענער, אַ פאַרשעמטער, האָט געשוויגן.

ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען אָט פון דעם וויזיט. — האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט מיט פאַרדרוס.

די דינסט האָט אַרויסגערופן קאָקאָווקינאַן. זי איז אַרויס. סאַשאַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט אומעט. די אויגן זיינע האָבן זיך אויסגעלאָשן, האַלב זיך פאַרמאַכט מיט די ווימפערן, — און געדוכט האָט זיך, אַז די דאָזיקע ווימפערן, זענען צו לאַנג, און וואַרפן אַ שאָטן אויף זיין גאַנץ געזיכט, אַ שוואַרצלעכס, וואָס איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך געפילט נישט ווויל אין דער געזעלשאַפט מיטן דאָזיקן כמורנעם מענטשן. פערעדאָנאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן

אים, אומגעשיקט אים אַרומגענומען מיט זיין האַנט, און נישט ענדערנדיק דעם אומבאַוועגלעכן אויסדרוק פון זיין געזיכט, אַ זאָג געטון.

— וואָס, סאַשענקאַ, איר האָט היינט גוט מתפלל געווען צו גאָט?

סאַשאַ האָט פאַרשעמט און צעשראָקן אַ קוק געטון אויף פּערעדאָנאָוון, זיך פאַררויטלט און גאָרנישט נישט געענטפערט.

— האַ? וואָס? וויל? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט.

— וויל. — האַט סאַשאַ ענדלעך אָפּגעענטפערט.

— זע נאָר, ווי די באַקן האָבן זיך דיר פאַררויטלט, — האָט פּערעדאָנאָוו זיך צערעדט — זיי זיך מודה, ביסט דאָך גאָר אַ מיידל, שעלמאַ, אַ מיידל.

— ניין, נישט קיין מיידל, — האָט סאַשאַ דערקלערט, און מיטאַמאָל, ווערנדיק אין כעס אויף זיך אַליין, פאַר זיין שעמען זיך, האָט ער מיט אַ דרייסטער קלינגענדיקער שטים איבערגעפרעגט — מיט וואָס בין איך עס ענלעך צו אַ מיידל? דאָס האָבן אייערע גימנאַזיסטן אַזוינס אויף מיר אויסגעטראַכט. זיי טוען עס דערפאַר, וואָס איך קאָן נישט ליידן קיין מיאוסע רייד; איך בין נישט געוווינט זיי איבערן מויל צו ברענגען, כ׳קאָן זיי בשום־אופן נישט אַרויסרעדן, און צו וואָס טאַקע דאַרף מען עס רעדן מיאוסע רייד?

— די מאַמע וועט אָפּשמייסן? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט.

— איך האָב נישט קיין מוטער, — האָט סאַשאַ באַטאָנט — די מאַמע איז שוין לאַנג עליה־השלום; איך האָב אַ מומע.

— איז וואָס־זשע, וועט די מומע מקיים־פּסק זיין?

— געוויס וועט זי מיך באַשטראָפן, אַז כ׳וועל נעמען רעדן מיאוסע רייד. ס׳איז דען גוט אַזוי?

— און פון וואַנען וועט זיך עס די מומע דערוויסן?

— אַז כ׳וויל עס אַליין נישט, — האָט סאַשע רויק דערקלערט — און די מומע קאָן זיך אויך נאָך דערוויסן. מעגלעך, אַז כ׳וועל זיך אַליין אַרויסכאַפּן.

— און ווער פון אייערע חברים רעדט דאָס מיאוסע רייד? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט.

סאַשאַ איז ווידער רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט.

— נו. וואָס־זשע, דערציילט, — איז פערעדאָנאָוו צוגעשטאַנען — איר מוזט עס מיר זאָגן, מען טאָר נישט פאַרהוילן.

— קיינער רעדט נישט. — האָט סאַשאַ פאַרשעמט געלייקנט.

— איר האָט זיך דאָך נאָר וואָס געקלאָגט דערויף.

— איך האָב זיך נישט געקלאָגט.

— וואָס לייקנט איר? — האָט פערעדאָנאָוו בייז איבערגעפרעגט.

סאַשאַ האָט דערפילט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין עפעס אַ מיאוסע פאַסטקע. ער האָט אַ זאָג געטון:

— כ׳האָב אייך נאָר דערקלערט, אַז אייניקע חברים רייצן זיך מיט מיר און רופן מיך מיידל. און איך וויל אויף זיי נישט מסרן.

— אַזוי גאָר, איז פאַרוואָס עפעס ווילט איר נישט? — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט מיט בייזקייט.

— ס׳איז נישט פיין. — האָט סאַשאַ דערקלערט מיט אַ פאַרדראָסיקן שמייכל.

— נו, איך וועל עס דערציילן דעם דירעקטאָר, און ער וועט אייך שוין נויטן דאָס צו טון. — האָט פערעדאָנאָוו באַטאָנט מיט אַ בייזפריידעוודיק קול.

סאַשאַ האָט געקוקט אויף פערעדאָנאָוון מיט צאָרנדיקע פייערלעך אין די אויגן.

— ניין, דערציילט עס נישט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, איך בעט אייך. — האָט ער זיך געבעטן.

און אין די באַהאַלטענע טענער פון זיין קול האָט זיך געהערט, אַז אים קומט אָן שווער דאָס בעטן, אַז אין דעראמתן ווילט זיך אים שרייען פרעכע, באַדראָענדיקע ווערטער.

— ניין, איך וועל דערציילן. און אָט וועט איר דעמאָלט זען, וואָס עס הייסט אַזוינס צו פאַרהוילן מיאוסע זאַכן. איר האָט זיך באַלד אַליין באַדאַרפט קלאָגן דערויף. אָט, וואַרט. איר וועט שוין באַקומען אייערס.

סאַשאַ האָט זיך אויפגעהויבן און צעמישט גענומען גראָבלען זיין פאַסעק. קאָקאָווקינא איז אַריין.

— אַ ווויל קינד, אייער שטילינקער. מען קאָן נישט זאָגן. — האָט פּערעדאָנאָוו בייז דערקלערט.

קאָקאָווקינא האָט זיך דערשראָקן. זי איז שנעל צו צו סאַשאַן, זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים, — פון אויפרעגונג האָט זי קיינמאָל נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס — און מיט שרעק איבערגעפרעגט:

— וואָסי, אַרדאַליאָן באָריסיטש? — וואָס האָט ער אַזוינס געטון?

— אָט, פרעגט אים בעסער. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט אַ כמורנער בייזקייט געענטפערט.

— וואָסי, סאַשענקאַ, מיט וואָס האָסטו זיך עס דען פאַרשולדיקט? — האָט קאָקאָווקינא איבערגעפרעגט, טאָרענדיק סאַשן פאַרן עלנבויגן.

— איך ווייס נישט. — האָט סאַשאַ געענטפערט און זיך צעוויינט.

— וואָס איז מיט דיר, וואָס וויינסטו? — האָט קאָקאָווקינא איבערגעפרעגט.

זי האָט אירע הענט אַרויפגעלייגט איבערן יינגלס אַקסל, אים צוגעצויגן צו זיך און גאָרנישט באַמערקט, אַז ער פילט זיך עפּעס נישט גוט פון דעם. און ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן און די אויגן פאַרשטעלט מיט אַ טיכל. פּערעדאָנאָוו האָט דערקלערט:

— אין גימנאַזיע לערנט מען אויס פאַרשידענע מיאוסע רייד. און ער וויל נישט זאָגן ווער. ער טאָר עס נישט פאַרהוילן. ער לערנט זיך אַליין אויס מיאוסע זאַכן און באַשיצט נאָך אַנדערע.

— אָך, סאַשענקאַ, סאַשענקאַ, ווי אַזוי-זשע טוסטו עס! מען טאָר דען? ווי שעמסטו זיך עס נישט? — האָט קאָקאָווקינא געזאָגט צעשטרייט און אָפּגעשטויסן פון זיך סאַשאַן.

— כ'האָב גאָרנישט נישט, — האָט סאַשאַ מיט געוויין געענטפערט — גאָרנישט נישט קיין שלעכטס געטון. זיי רייצן זיך נאָר דערפאַר מיט מיר און זאָגן, אַז איך קאָן גאָר קיין מיאוסע רייד נישט רעדן.

— ווער רעדט עס מיאוסע רייד? — האָט פּערעדאָנאָוו ווידער איבערגעפרעגט.

— קיינער רעדט נישט. — האָט סאַשאַ מיט פאַרצווייפלונג אויסגעשריען.

— איר זעט, ווי ער לייקנט, — האָט פערעדאָנאָוו אָנגעוויזן — אים דאַרף מען דערפאַר מקיים־פּסק זיין. מען דאַרף, אַז ער זאָל אויסזאָגן, ווער ס'רעדט מיאוסקייטן, אַ נישט וועט מען נאָך נעמען רעדן אויף אונזער גימנאַזיע, און מיר קאָנען צו דעם גאָרנישט טון.

— איר מוזט אים אַנטשולדיקן, אַרדאַליאָן באָריסיטש, — האָט קאָקאָווקינא אים פאַרטיידיקט — ווי אַזוי קאָן ער עס פאַרמסרן זייגע חברים? מען וועט דאָך אים נאָכדעם לעבן נישט לאָזן.

— ער מוז עס אויסזאָגן, — האָט פערעדאָנאָוו מיט כּעס געשריען — פון דעם וועט אונז אַלעמען נאָר אַ טובה אַרויס. מיר וועלן אָננעמען מיטלען זיי צו פאַרריכטן.

— זיי וועלן דאָך אים שלאָגן? — האָט קאָקאָווקינאַ אומבאַשלאָסן דערקלערט.

— זיי וועלן עס נישט וואַגן. און אויב ער האָט מורא קאָן ער איבערגעבן בסוד.

— נו, סאַשענקאַ, זאָג עס בסוד. קיינער וועט נישט וויסן, וואָס דו האָסט דערציילט.

סאַשאַ האָט געשוויגן און געוויינט. קאָקאָווקינאַ האָט אים צוגעצויגן צו זיך, אים אַרומגענומען און עפּעס לאַנג־לאַנג געשעפּטשעט אים אויפן אויער. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ער וויל נישט. — האָט קאָקאָווקינא דערקלערט.

— דאַרף מען אים אַריינצימבלען עטלעכע שמיץ, וועט ער שוין וועלן, — האָט פערעדאָנאָוו מיט בייזקייט געעצהט — ברענגט מיר אַריין די רוט וועט ער מיר שוין דערציילן.

— אָלגאַ וואַסילעווונאַ, פאַרוואָס דען! — האָט סאַשאַ אויסגערופן.

קאָקאָווקינאַ האָט זיך אויפגעהויבן און אים אַרומגענומען.

— נו, גענוג געוויינט, — האָט זי צאַרט און שטרענג באַפוילן — קיינער וועט דיך נישט טשעפּען.

— ווי איר ווילט זיך, — האָט פערעדאָנאָוו זיך געבייזערט — נאָר איך מוז עס דערציילן דעם דירעקטאָר. כ'האָב געמיינט, אַז מיר וועלן דאָס פאַרענדיקן אויף אַ היימישן אופן, ס'וואָלט בעסער געווען. מיר ווייסן נאָך אַפילו נישט, פאַרוואָס מען רייצט זיך מיט אים און

מען זאָגט, אַז ער איז אַ מיידל, — מעגלעך, אַז דאָס איז גאָר צוליב עפּעס אַנדערש. מעגלעך גאָר, אַז מען לערנט אים גאָרנישט, נאָר ער אַליין פירט איבער זיינע חברים.

פּערעדאָנאָוו איז אַרויס מיט כּעס פון צימער. קאָקאָווקינא איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט מיט פאָרוואורף אים דערקלערט:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, וואָס עפּעס האָט איר צו דעם יינגל, וואָס טשעפּעט איר זיך צו אים אומזיסט און אומנישט! גוט איז נאָך, וואָס ער פאַרשטייט נישט אייערע רייד.

— נו, זייט מיר געזונט, — האָט פּערעדאָנאָוו בייז געענדיקט — כ׳וועל עס מוזן איבערגעבן דעם דירעקטאָר. מען דאַרף עס קלאָר מאַכן.

ער איז אַוועק. קאָקאָווקינאַ איז אַריין באַרויקן סאַשאַן. סאַשאַ איז געזעסן אַן אומעטיקער ביים פענסטער און באַקוקט דעם אויסגעשטערנטן הימל. זיינע שוואַרצע אויגן זענען שוין געווען רויק און משונה־טרויעריק. קאָקאָווקינאַ האָט אים שווייגנדיק אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ.

— איך בין אַליין שולדיק, — האָט ער זיך פאַרענטפערט — כ׳האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, פאַרוואָס מען רייצט זיך מיט מיר, און ער איז צו מיר צוגעשטאַנען. ער איז דער ברוטאַלסטער. קיינער פון די גימנאַזיסטן האָט אים נישט גערן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך פּערעדאָנאָוו מיט וואַרוואַראַן, ענדלעך, איבערגעקליבן אין אַן אַנדער דירה. יערשאָוואַ איז געשטאַנען אין טויער און זיך שרעקלעך געזידלט מיט וואַרוואַראַן. פּערעדאָנאָוו האָט זיך באַהאַלטן פאַר איר הינטער די פורן.

אויף דער נייער דירה האָט מען באַלד אָפּגעריכט אַ תּפילה. מ׳האָט עס, לויט פּערעדאָנאָווס פּלאַן, געמוזט טון; ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ גלויביקער. אין דער צייט פון דער תּפילה האָט אים דער ריח פון ווייַרויך פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ און אַרויסגערופן ביי אים אַן אומקלאָרע שטימונג, גלייך ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען אַריינגעטון אין דער תּפילה.

איין משונהדיקע דערשיינונג האָט אים באַאומרויקט עפּעס. פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ וווּנדערלעך באַשעפעניש מיט אומבאַשטימטע

ליניעס, — אַ קליין, גרוי, זשוואַווע, אומבאַרירל. ס׳האָט אָפּגעלאַכט און געציטערט, און געדרייט אַרום פּערעדאָנאָוון. און אַז ער האָט צו דעם געוואָלט די האַנט אויסשטרעקן, האָט זיך עס שנעל אַרויסגעגליטשט פון אונטער די פינגער, אַנטלאָפן הינטער דער טיר אָדער אונטער דער שאַנק, און אין אַ מינוט אַרום איז עס שוין נאָכאַמאָל אַפּער, און געציטערט, און גערייצט זיך, — אַ גרויס, אַ געזיכטלאָזס, אַ זשוואַוס.

לסוף, אַז די תּפילה האָט זיך שוין געענדיקט, האָט זיך פּערעדאָנאָוו געכאַפּט און גענומען זיך אָפּשפּרעכן אין דער שטיל... דאָס אומבאַרירל האָט שטיל־שטיל אַ צישע געטון, זיך צונויפגעדרייט אין אַ קליין קנײַלעכל און זיך אַרויסגעקאַטשעט הינטער דער טיר. פּערעדאָנאָוו האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

„גוט וואָלט געווען, ווען עס וואָלט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. און ווער ווייסט, אפשר געפינט זיך עס נאָך דאָ אין שטוב, ערגעץ־ווו אונטער דער פּאָדלאָגע, און וועט ווידער זיך באַווײַזן, ווידער זיך טשעפּען".

פּערעדאָנאָוו איז געוואָרן קאַלט און פײַנלעך.

און צו וואָס נוצן עס אָט די אַלע מיאוסקייטן אויף גאָטס וועלטל? — האָט ער אַ טראַכט געטון.

אַז די תּפילה האָט זיך געענדיקט, און די געסט זענען זיך צעגאַנגען, האָט פּערעדאָנאָוו נאָך לאַנג געטראַכט וועגן דעם, ווו דאָס אומבאַרירל האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן. וואַרוואַראַ איז אַרויס מיט גרושינאַן, און פּערעדאָנאָוו האָט זיך גענומען צו זוכן דאָס אומבאַרירל, אַלע זאַכן האָט ער איר צענישטערט.

„אפשר האָט עס וואַרוואַראַ מיטגענומען מיט זיך אין קעשענע, — האָט ער איבערגעטראַכט — אַ סך אָרט דאַרף עס דען? עס וועט זיך באַהאַלטן אין קעשענע און דאָרט זײַן, ביז עס וועט זיך נאָכאַמאָל דאַרפן צו באַווײַזן".

וואַרוואַראַס איין קליידל האָט צוגעצויגן זײַן אויפמערקזאַמקייט. דאָס קליידל איז אינגאַנצן געווען מיט פאַלדעלעך, שלייפלעך, בענדלעך, אָט גלײַך ווי עס וואָלט מיט אַ מיין אויפגענייט געוואָרן אַזוי, אַז מען זאָל דאָרט קאָנען עמעצן באַהאַלטן. פּערעדאָנאָוו האָט עס

אַ לאַנגע צייט באַטראַכט, נאָכדעם מיט אַ מעסער גענומען עס מיט גרויס מי אויסשניידן די קעשענע און זי אַרייַנגעוואָרפן אין אויוון, און נאָכדעם האָט ער גענומען צעשניידן און צעפּיצלען דאָס קליידל אויף קליינע שטיקלעך. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט אומקלאָרע, מאָדנע געדאַנקען, און אויף דער נשמה איז געווען האָפענונגסלאָז קאַלעמוטנע.

אינגיכן איז וואַרוואַרא צוריקגעקומען, — פּערעדאָנאָוו האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן פּליקן דאָס רעשט קליידל. זי האָט געמיינט, אַז ער איז שיכּור, און אים גענומען זידלען. פּערעדאָנאָוו האָט לאַנג געהערט און נאָכדעם באַמערקט:

— וואָס האַווקעסטו, טפּשה! אפשר טראָגסטו גאָר אַ טייוול אין קעשענע. כ׳מוז דאָך אַמאָל זען, וואָס עס טוט זיך דאָ.

וואַרוואַרא האָט זיך איבערגעשראָקן. צופרידן מיטן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איר געמאַכט, האָט ער גענומען זוכן זיין היטל און איז אַוועק שפּילן אין ביליאַרד. וואַרוואַרא איז אַרויסגעלאָפן אין פּאָרצימער, און בעת פּערעדאָנאָוו האָט אָנגעטון דעם פּאַלטאָ, האָט זי געגוואַלטעוועט:

— אפשר טראָגסטו דאָס דעם טייוול אין קעשענע, און איך האָב גאָר קיין טייוול נישט. פון וואַנען זאָל זיך עס נעמען אַ טייוול צו מיר? סיידן כ׳זאָל אים פון האָלאַנד אויסשרייבן!

דער יונגער באַאַמטער טשערעפּנין, אָט דער זעלביקער, וועגן וועלכן ס׳האָט דערציילט ווערשינא, אַז ער האָט אַרייַנגעקוקט צו איר אין פענסטער, האָט פריער, ווי נאָר ווערשינאַ איז געוואָרן אַן אלמנה, אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן מיט איר. ווערשינאַ איז גאָרנישט נישט געווען דערקעגן חתונה צו האָבן אַ צווייט מאָל, נאָר טשערעפּנין האָט נישט נושא־חן געווען אין אירע אויגן. טשערעפּנין האָט דערפאַר געטראָגן אַ האַס אויף איר. ער האָט זיך מיט גרויס פרייד געלאָזט איבעררעדן פון וואָלאָדינען אויסצושמירן מיט דזעגעכץ אירע טויערן.

ער האָט מסכּים געווען, און נאָכדעם חרטה געקריגן. נו, וואָס וועט זיין, אַז מען וועט פּאַקן? עפּעס נישט פיין, פּאָרט אַ באַאַמטער. און ער האָט באַשלאָסן עמעצן צו דינגען, וואָס זאָל עס אויספירן.

ער האָט געפּטרט אַ פינפאונצוואַנציק קאָפּיקענע און אונטערגעקויפט צוויי יינגלעך — שקצים, ער האָט זיי צוגעזאָגט צו געבן נאָך אַ דרייסיק קאָפּיקעס, אויב זיי וועלן עס דורכפירן, — און איינמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט איז דער ענין געוואָרן דערליידיקט.

ווען ביי ווערשינאַן אין הויז וואָלט ווער אינמיטן נאַכט אויפגעעפנט דאָס פענסטער, וואָלט ער פון דער גאס דערהערט אַ שטילן שאָרך פון עמעצנס באָרוועסע פיס אויף די בריקלעך, אַ שטיל שעפּטשען, און נאָך עפּעס אַזעלכע זאַכטע שאָרכן, ענלעך צו דעם, ווי מען וואָלט געשווענקט אַ פּאַרקן; און נאָכדעם אַ לייכט גערויש, אַ שנעל טופּען פון די זעלביקע פיס, אַלץ שנעלער און שנעלער, אַ ווייט געלעכטער, אַ צעשראָקן בילן פון די הינט.

קיינער האָט אָבער נישט געעפנט קיין פענסטער. און אינדערפרי... איז דאָס טירל פון סאָד און פון הויף געווען אויסגעשמירט מיט געלב־ברוינלעכע דזעגעכץ־פּאַסן. אויף די טויערן זענען מיט דזעגעכץ געווען אָנגעשריבן מיאוסע ווערטער. די פאַרבייגייער האָבן געגאַפט און געלאַכט. אינגיכן האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט די גאַנצע שטאָט, און נייגעריקע זענען זיך צונויפגעקומען עס אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן.

ווערשינאַ איז שנעל אַרויס אויף שפּאַציר איבערן סאָד, געררויכערט, געשמייכלט נאָך קרומער פון אַלעמאָל און אונטערגעמורמלט צאָרנדיקע ווערטער. מאַרטאַ איז נישט אַרויס פון שטוב און האָט ביטער געוויינט. די דינסט מאַריאַ האָט זיך באַמיט אָפּצוּוואַשן דעם דזעגעכץ און בייז זיך געזידלט מיטן עולם, וואָס איז געשטאַנען און געקוקט, געוועוּרטלט זיך און געלאַכט.

טשערעפּנין האָט נאָך אין זעלבן טאָג דערציילט וואָלאָדינען, ווער דאָס האָט געטון. וואָלאָדין האָט עס גלייך איבערגעגעבן פּערעדאָנאָוון. זיי האָבן ביידע גאַנץ גוט געקענט אָט די קונדסים, וואָס האָבן געשמש מיט זייערע חוצפהדיקע שטיפערייען.

פּערעדאָנאָוו איז אַוועק שפּילן אין ביליאַרד און אגבֿ־אורחא אָפּגעטרעטן ביי ווערשינאַן. געווען איז וואָלקנדיק. ווערשינא און מאַרטאַ זענען געזעסן אין זאַל.

— מען האָט בײַ אײַך דעם טויער אויסגעשמירט מיט דזעגעכץ. — האָט פּערעדאָנאָוו צו וויסן געגעבן.

מאַרטאַ איז רויט געוואָרן. ווערשינא האָט אײַליק דערציילט, ווי אַזוי זיי זענען אינדערפֿרי אויפֿגעשטאַנען און דערזען, אַז מען שטייט בײַ זייער פּאַרקן און מען לאַכט און ווי אַזוי מאַריאַ האָט עס קוים אָפּגעוואַשן. פּערעדאָנאָוו האָט באַמערקט:

— איך ווייס, ווער דאָס האָט געטון.

ווערשינאַ האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף פּערעדאָנאָוון.

— ווי אַזוי האָט איר זיך עס דערוווּסט? — האָט זי איבערגעפֿרעגט.

— איך האָב זיך דערוווּסט.

— זאָגט־זשע, ווער עס האָט דאָס געטון. — האָט מאַרטאַ מיט כּעס געבעטן.

זי איז געוואָרן מיאוסלעך, ווײַל זי האָט איצט געהאַט שלעכטע, פֿאַרוויינטע אויגן מיט רויט־געשוואָלענע ווייעס. פּערעדאָנאָוו האָט געענטפֿערט:

— איך וועל עס אײַך זאָגן, צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען. די דאָזיקע מנוּוולים מוז מען אָנלערנען. נאָר איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט קיינעם נישט דערציילן, פֿון וועמען איר האָט עס זיך דערוווּסט.

— פֿאַרוואָס עפּעס, אַרדאַליאָן באָריסיטש? — האָט ווערשינאַ מיט פֿאַרוווּנדערונג איבערגעפֿרעגט.

פּערעדאָנאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם דערקלערט:

— דאָס זענען אַזעלכע ווייסע־חבֿרניקעס, אַז זיי קאָנען מיר נאָך דעם מוח פּלעטן, אַז זיי וועלן זיך עס דערוויסן.

ווערשינא האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט שווייגן.

— און איר זאָלט אויך נישט דערציילן, אַז איך האָב עס אײַך צוּוויסן געטון. — האָט זיך פּערעדאָנאָוו געווענדט צו מאַרטאַן.

— גוט, איך וועל נישט דערציילן. — האָט מאַרטאַ תּיכּף אײַנגעשטימט, מחמת זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט זיך דערוויסן די נעמען פֿון די שולדיקע.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז דערפאַר דאַרף מען זיי מקיים־פּסק זיין אויפן האַרבסטן און שענדלעכסטן אופן.

— ניין, איר מוזט מיר שווערן. — האָט פּערעדאָנאָוו זיך באַוואָרנט.

— נו, אָט ביי גאָט, אַז איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן — האָט מאַרטאַ זיך געשוווירן — גיט עס נאָר צו וויסן וואָס שנעלער.

און הינטער דער טיר איז געשטאַנען וולאַדיאַ און זיך אונטערגעהערט. אים האָט הנאה געטון, וואָס ער האָט געהאַט שכל נישט אַריינצוגיין אין זאַל: מען וועט אים נישט נויטן ער זאָל שווערן, און ער וועט עס קאָנען דערציילן וועמען ער וועט וועלן. און ער האָט געשמייכלט פון פרייד, וואָס ער וועט אויף אַזאַ אופן זיך קאָנען נוקם זיין אין פּערעדאָנאָוון.

— נעכטן איינס אַ זייגער ביינאַכט בין איך אַהיימגעגאַנגען דורך אייער גאַס, — האָט פּערעדאָנאָוו דערציילט. — מיטאַמאָל דערהער איך, ווי עמעצער פּאָרעט זיך ביי אייער פּאַרקן. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז עס איז גנבים. טראַכט איך, וואָס טוט מען. פּלוצים דערהער איך, מען לויפט אָן גלייך אויף מיר. האָב איך זיך צוגעפּרעסט צו דער וואַנט, זיי האָבן מיך נישט באַמערקט, און איך האָב זיי דערקענט. איינער מיט אַ פּענדזל און דער צווייטער מיט אַן עמערל. באַוווסטע מנוולים, אַוודיעוו דעם שמידס בנים. זיי לויפן, און איינער זאָגט דעם אַנדערן: נישט אומזיסט אַ נאַכט געפּטרט, מאַכט ער, פינעאונפופציק קאָפּיקעס פאַרדינט. פאַרוואָלט האָט זיך מיר אַפילו פאַרהאַלטן כאָטש איינעם, נאָר כ'האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מיר די צורה אויסשמירן, און דערביי נאָך האָב איך געטראָגן אויף מיר דעם נייעם פּאַלטאָ.

ווי נאָר פּערעדאָנאָוו איז אַוועק, האָט זיך ווערשינאַ גלייך געלאָזט אַהין צום איספּראַווניק מיט אַן אָנקלאָג.

דער איספּראַווניק מינטשוקאָוו האָט געשיקט אַ פּאָליציאַנט נאָך אַוודיעוון מיט זיינע צוויי בנים.

די יינגלעך זענען זייער דרייסט אַהערגעקומען; זיי האָבן געמיינט, אַז מען רופט זיי צוליב אַן אַנדער ענין. דער אַלטער, אומעטיקער, הויכגעוואַקסענער אַוודיעוו איז, פאַרקערט, געווען גאַנץ

זיכער, אַז זיינע זונדלעך האָבן שוין אָפּגעטון עפּעס נייעס, דער איספּראַווניק האָט דערציילט אַוודעיעוון, און וואָס זיינע יינגלעך ווערן באַשולדיקט, אַוודעיעוו האָט באַמערקט:

— איך ווייס שוין גאָרנישט, וואָס מיט זיי צו טון. וואָס איר ווילט טוט, איך האָב שוין קיין הענט נישט, זיי צו שלאָגן.

— מיר האָבן עס נישט געטון. — האָט דער עלטערער, באַטשופּרינעטער רויטער יונג, ניל, אַנטשלאָסן דערקלערט.

— וואָס מען זאָל נישט אָפּטון, אַלץ לייגט מען אַרויף אויף אונז, — האָט דער צווייטער, דער יינגערער, אויך אַ באַטשופּרינעטער, איליאַ מיט אַ וויינענדיק קול געמורמלט. — איינמאָל ווען אַ שטיף געטון און פון דעמאָלט אָן, ווער־וואָס עס זאָל נישט טון, איז אַלץ אויף אונז.

מינטשוקאָוו האָט זיס אַ שמייכל געטון, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— בעסער וואָלט זיין, איר זאָלט זיך מודה זיין.

— אַז ס׳איז נישט פאַראַן צו וואָס. — האָט ניל גראָב געענטפערט.

— נישט פאַראַן צו וואָס? און ווער האָט אייך געגעבן פינפאונפופציק קאָפּיקעס פאַר דער דאָזיקער אַרבעט, האַ?

און באַמערקנדיק פון דעם וואָס די יינגלעך האָבן זיך אויף אַ מינוט פאַרלוירן, אַז זיי זענען טאַקע שולדיק, האָט מינטשוקאָוו זיך אָנגערופן צו ווערשינאן:

— נישט פאַראַן קיין ספק, אַז זיי האָבן דאָס געטון.

די יינגלעך האָבן ווידער גענומען לייקענען שטיין און ביין, מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין קאַמער צו שמייסן, נישט קאָנענדיק מער אַריבערטראָגן דעם ווייטיק, האָבן זיי זיך מודה געווען, זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט אויסזאָגן, ווער עס האָט זיי באַצאָלט פאַרן דאָזיקן שטיקל אַרבעט.

— מיר האָבן עס אַליין געוואָלט.

מ׳האָט זיי געשמיסן לויט דער ריי נאָך, נישט געאיילט, ביז וואַנען זיי האָבן נישט אויסגעזאָגט, אַז טשערעפּין האָט זיי געדונגען צו דעם. דעמאָלט ערשט האָט מען זיי פריי געלאָזט.

דער איספּראַווניק האָט געזאָגט ווערשינאַן:

— נו, אָט האָבן מיר זיי באַשטראָפט, דאָס הייסט, דער פּאָטער האָט זיי מקיים־פּסק געווען, און איר ווייסט שוין, ווער דאָס האָט אייך אָפּגעטון.

— איך וועל עס דעם טשערעפּינען אַזוי גלאַט נישט שענקען, — האָט ווערשינאַ דערקלערט — איך וועל אויף אים דערלאַנגען אין געריכט.

— איך ראַט אייך נישט, נאַטאַליאַ אַפאַנאַסיעווינאַ, — האָט מינטשוקאָוו באַטאָנט — לאָזט עס בעסער צורו.

— וואָס הייסט לאָזן צורו אַזעלכע ליידאַקעס? קיינמאָל נישט! — האָט ווערשינאַ אויסגערופן.

— דער עיקר איז, וואָס מען קאָן עס נישט פעסטשטעלן. — האָט דער איספּראַווניק רויק באַמערקט.

— וואָס הייסט, מען קאָן נישט? די יינגלעך אַליין האָבן זיך דאָך מודה געווען?

— דאָס איז נאָך ווייניק, וואָס זיי האָבן זיך דאָ מודה געווען, און אין געריכט קאָנען זיי נאָכאַמאָל לייקענען, — דאָרטן וועט מען זיי דאָך נישט שמייסן.

— וואָס הייסט, זיי וועלן לייקענען? די פּאָליציאַנטן זענען דאָך עדות. — האָט ווערשינאַ שוין נישט אַזוי זיכער איבערגערעדט.

— וואָס פאַר אַן עדות זענען דאָס! אַז זיי נעמען שינדן די פעל פון אַ מענטשן, וועט ער זיך מודה זיין אפילו אין אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געטון. זיי זענען טאַקע ליידאַקעס, פּאַסקודניאַקעס, נו, האָבן זיי זייער אויסקומעניש באַקומען און דורכן געריכט וועט איר גאָרנישט פועלן.

מינטשוקאָוו האָט זיס געשמייכלט און רויק געקוקט אויף ווערשינאַן.

ווערשינאַ איז פון דאָרט אַוועק זייער נישט צופרידן, נאָר באַטראַכטנדיק דעם ענין פון אַלע זייטן, האָט זי איינגעזען, אַז טשערעפּינען קאָן מען דאָך נישט באַשולדיקן און פון דעם קאָן נאָך אַרויסקומען פאַר איר אַ נייער סקאַנדאַל און פריש מאַטעריאַל זי צו באַרעדן.

XIII

פאַרנאַכט צו איז פּערעדאָנאָוו געקומ[ע]ן צום דירעקטאָר. — אײַ־בערשמועסן זיך וועגן אַן ענין.

דער דירעקטאָר ניקאָלאַי וואַסילעוויטש כריפּאַטש האָט געהאַט אַ גענוגע צאָל כּללים, וואָס האָבן זיך אַזוי באַקוועם צוגעפּאַסט צום לעבן, אַז ס׳איז גאָרנישט שווער געווען זיך צו האַלטן אין זיי. לויטן אַמט נאָך האָט ער אויסגעפּאָלגט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט לפּי געזעץ אָדער דורך פאַרשידענע פאַראָרדנונגען פון דער ממשלה, ווי אויך אָט די אַלע כּללים פונם אנגענומענעם, מעסיקן ליבעראַליזם. און דערפאַר טאַקע זענען די ממשלה, די עלטערן און די שילער, געווען צופרידן מיטן דירעקטאָר. קיין ספקותדיקע פאַלן פון אומבאַשלאָסנקייט, קווענקלעניש האָט ער נישט געוווּסט, און צו וואָס דאַרף מען עס? מען קאָן זיך דאָך שטענדיק סומך זיין אויף אַ באַשלוס פון פּעדאַגאָגישן ראַט, אָדער אויף אַ צירקולאַר פון נאַטשאַלסטווע. און פונקט אַזוי רויק און געלאַסן איז ער געווען אין זיין פּערזענלעכן לעבן. זיין אויסערלעך אויסזען האָט שוין פון ערשטן בליק עדות געזאָגט אויף זיין גוטהאַרציקייט און שטאַנדהאַפטיקייט: אַ נישט הויכגעוואַקסענער, אַ פולער, אַ באַוועגלעכער, מיט לעבעדיקע אויגן און אַ זיכערער שטים, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט שלעכט איינגעאָרדנט און וויל זיך נאָך בעסער אַרויפאַרבעטן. ביי אים אין קאַבינעט אויף די פּאָליצעס זענען געשטאַנען אַ סך ביכער; פון אייניקע האָט ער אַרויסגעשריבן פאַרשידענע ציטאַטן, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעקליבן אַ גאַנצער פּאַק ציטאַטן, האָט ער זיי אויסגעסאָרטירט און זיי איבערגעשריבן מיט זיינע ווערטער, — און אָט אויף אַזאַ אופן פלעגט זיך צונויפשלעפּן אַ לערנבוך, זיך אָפּדרוקן און פונאַנדערשפּרייטן, נישט אַזוי שנעל ווי אושינסקיס אָדער יעווטושעווסקיס לערנביכער, אָבער זייער גוט. אָפּטמאָל פלעגט ער, ס׳רוב לויט די אויסלענדישע ביכער, מאַכן פאַרשידענע זאַמלונגען, בכּבודע אָבער אומנויטיקע, און זיי דרוקן אין אַ זשורנאַל, אויך אַ בכּבודן אָבער אומנויטיקן. קינדער האָט ער געהאַט אַ סך, יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן שוין אַרויסגעוויזן געוויסע

סימנים פון פאַרשידנאַרטיקע טאַלאַנטן: ווער ס'האָט געשריבן לידער, ווער ס'האָט געמאָלט, ווער ס'האָט זעלטן פיין געשפּילט.

פערעדאָנאָוו האָט אָנגעכמורעט באַמערקט:

— אָט פאַלט איר שטענדיק אויף מיר אָן, ניקאָלאַי וואַסילע־וויטש. מעגלעך, אַז מען רעדט אָן אויף מיר, און איך הויב גאָרנישט ניט אָן צו וויסן פון עפּעס.

— אַנטשולדיקט, — האָט אים דער דירעקטאָר איבערגעשלאָגן — איך קאָן נישט פאַרשטיין, וועגן וואָס פאַר אַרכילותן רעדט איר עס? אינם אָנפירן מיינס מיט די ענינים פון דער גימנאַזיע, וואָס מ'האָט מיר פאַרטרויט, באַנוץ איך זיך בלויז מיט מיינע אייגענע באַאָבאַכ־טונגען, און וואַג צו האָפן, אַז מיין אַמטלעכע געניטקייט קלעקט אויף דעם, כ'זאָל מיט אַ גענוגער רעכטפאַרטיקייט אָפּשאַצן דאָס, וואָס איך זע און הער, און ווער רעדט נאָך, ביי דער אויפמערקזאַ־מער שטעלונג בנוגע דער זאַך, וואָס איך שטעל מיר אַלס אומבאַ־דינגטע הנחה, — האָט כריפּאַטש גערעדט שנעל און דייטלעך, און זיין קול האָט אָפּגעהילעכט טרוקן און קלאָר, אַזוי ווי אַ טראַסק פון צינערנע שטענגלעך, בעת מען בייגט זיי צונויף — און וואָס איז שייך מיין פערזענלעכער מיינונג וועגן אייך, האַלט איך נאָך היינט אויך, אַז אין אייער אַמטלעכער טעטיקייט מערקן זיך פאַרדריסלעכע דעפעקטן.

— יאָ, — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז באַמערקט — איר האָט זיך גענומען אין קאָפּ אריין, אַז איך טויג צו גאָרנישט ניט, און איך ווייס גאָר פון קיין אַנדער זאַך נישט, חוץ מיין שטענדיקער זאָרג פאַר דער גימנאַזיע.

כריפּאַטש האָט מיט פאַרוואונדערונג אויפגעהויבן זיינע ברעמען און פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף פערעדאָנאָוון.

— איר באַמערקט גאָרנישט ניט, — האָט פערעדאָנאָוו ממשיך געווען — אַז ביי אונז אין גימנאַזיע קאָן נאָך אויסברעכן אַ סקאַנ־דאַל, — און קיינער מערקט עס נישט, איך נאָר איינער האָב עס אויסגעפאָרשט.

— וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל? — האָט כריפּאַטש מיט אַ טרוקן גע־לעכטערל איבערגעפרעגט און געשווינד גענומען אַרומגיין איבערן

קאַבינעט. — איר אינטריגירט מיך. הגם אינדערמאַתן געזאָגט, גלויב איך כמעט נישט אין דער מעגלעכקייט, אַז ביי אונז אין גימנאַזיע זאָל אויסברעכן אַ סקאַנדאַל.

— יאָ, אָט ווייסט איר צומאָל נישט, למשל, וועמען איר האָט איצט אָנגענומען. — האָט פּערעדאָנאָוו באַטאָנט מיט אַזאַ ביין פריי־דעוודיקייט, אַז כריפּאַטש האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים.

— די אַלע, וואָס כ׳האָב אָנגענומען קאָן מען אויסרעכענען, — האָט ער טרוקן אַ זאָג געטון — און דערצו די, וואָס מ׳האָט אָנגענו־מען אין ערשטן קלאַס, זענען, אַפּנים, פון ערגעץ אַנדערש נישט אויסגעשלאָסן געוואָרן, און דער איינציקער, וואָס איז אַריין אין פינפטן קלאַס, האָט געהאַט אַזעלכע רעקאָמענדאַציעס, אַז ס׳איז גאָר אינ־גאַנצן אויסגעשלאָסן עפּעס וואָס פון אים צו רעדן.

— יאָ, נאָר דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס מען האָט אים געדאַרפט אָפּגעבן נישט צו אונז, נאָר אין אַן אַנדער אַנשטאַלט. — האָט פּערעדאָנאָוו אָנגעברוגזט, ווי נישט ווילנדיק, זיך אַרויסגעכאַפּט.

— מאַכט עס קלאָר, ארדאליאָן באָריסיטש, איך בעט אייך, — האָט כריפּאַטש פאַרלאַנגט — איך האָף, אַז איר זייט מיט דעם נישט אויסן, אַז מען דאַרף אָט דעם פּילניקאָוון אָפּשיקן אין אַ קאָלאָניע פון יוגנטלעכע פאַרברעכער.

— ניין, אָט די דאָזיקע חיה דאַרף מען אָפּשיקן אין פּענסיאָן אָן די אַלטע שפּראַכן. — האָט פּערעדאָנאָוו בייז באַטאָנט, און זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט פיינטשאַפט.

כריפּאַטש האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס פון זיין שטוביקן קורצן פּידזשאַק און געקוקט אויף פּערעדאָנאָוון מיט אויסערגעוויינטלעכער פאַרוואונדערונג.

— וואָס פאַר אַ פּענסיאָן מיינט איר עס? — האָט ער איבערגע־פרעגט. — אייך איז באַוווסט, וואָס פאַר אַן אַנשטאַלט ס׳ווערט באַ־קריינט אָט מיט דעם נאָמען? און אויב אייך איז באַוווסט, טאָ ווי האָט איר געוואַגט צומאַכן אַזאַ אומווירדיקע פאַרגלייכעניש?

כריפּאַטש איז שטאַרק רויט געוואָרן, און זיין קול האָט גע־קלונגען נאָך טרוקענער און דייטלעכער. אַן אַנדערש מאָל וואָלטן אָט

די סמנים פון דירעקטאָרס כּעס געוויס געווירקט אויף פערעדאָנאָוון און אים צעטומלט. נאָר איצט האָט ער זיך נישט פאַרלוירן.

— איר מיינט אַלע, אַז דאָס איז אַ ייִנגל, — האָט ער מסביר געווען, שפּאָטיש זשמורנדיק די אויגן — און אָט איז עס גאָר קיין ייִנגל נישט, נאָר אַ מיידל, און נאָך וואָס פאַר אַ מיידל!

כריפּאַטש האָט זיך קורץ און טרוקן פונאַנדערגעלאַכט, ווי מיט אַ געמאַכט געלעכטער, הילכיק און דייטלעך. — אַזוי פלעגט ער אַלע־מאָל לאַכן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער דייטלעך באַטאָנט, ענדנדיק לאַכן, זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם שטול און דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, ווי ער וואָלט אומגעפאַלן פון געלעכטער. — האָט איר עס מיך איבערראַשט, געשעצטער אַרדאַליאָן באָריסיטש! כאַ־כאַ־כאַ! זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, אויף וואָס איז עס זיך סומך אייער פאַרדאַכט? אויב, געוויינט־לעך, אייערע אויסשפּירונגען און השערות שטעלן מיט זיך נישט פאָר אייערס קיין פאַרטרויליכן סוד! כאַ־כאַ־כאַ!

פערעדאָנאָוו האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פון וואַרוואַרא, און במילא זיך שוין צעלאָזט אין איינוועגס און אויסגע־רעדט אַלדאָס בייז אויף קאָקאָווקינאַן. כריפּאַטש האָט עס אויסגעהערט און יעדעס מאָל אים איבערגעשלאָגן מיט אַ טרוקן, דייטלעך געלעכטער.

— ביי אייך, ליבער ארדאַליאָן באָריסיטש, האָט זיך די פאַנ־טאַזיע צעשפּילט, — האָט ער באַמערקט, זיך אויפגעהויבן און אַ קלאַפּ געגעבן פערעדאָנאָוון איבערן אַרבל — אַ סך פון מיינע געאַכטע חברים, ווי אויך איך, האָבן קינדער, מיר לעבן שוין נישט דאָס ערשטע יאָר, און מיינט־זשע נישט אינדערמתן, אַז מיר וואָלטן אָנ־גענומען אַן איבערגעטון מיידל פאַר אַ ייִנגל.

— נו, באַציט איר זיך צו דעם אַנדערש, און אַז פון דעם וועט עפּעס אַרויס, איז וואָס־זשע וועט וועט דעמאָלט זיין שולדיק? — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך כריפּאַטש פונאַנדער געלאַכט. — איז פאַרוואָס־זשע האָט איר עס מורא?

— עס וועט זיך אָנהויבן אַ סדרה זנות אין גימנאַזיע. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט.

כריפּאַטש האָט זיך אָנגעשטורעמט אין באַמערקט:

— איר זייט שוין צו ווייט פאַרקנ... זאָגט אַלץ, וואָס איר האָט מיר ביז איצט דערציילט, גיט מיר נישט די מינדסטע מעגלעכקייט, כ'זאָל זיין מיט אייך איינשטימיק.

אינם זעלביקן אויפדערנאַכט איז פערעדאָנאָוו געווען ביי אַלע זיינע קאָלעגעס, פונם אינספּעקטאָר ביז די געהילפן פון די קלאַס־דערציער, און זיי אַלעמען דערציילט, אַז פּילניקאָוו איז אַן איבערגעטון מיידל. אַלע האָבן געלאַכט און אים נישט געגלייבט, נאָר אייניקע פון זיי האָבן נאָך זיין אַוועקגיין אָנגעהויבן צווייפלען. די פרויען פון די לערער, האָבן אַלע, אָן אויסנאַם, געגלייבט.

דעם אַנדערן טאָג זענען שוין אַ סך געקומען אויף די לעקציעס מיטן געדאַנק, אַז מעגלעך אפשר איז פערעדאָנאָוו גערעכט. אָפן האָט מען עס נישט אַרויסגעזאָגט, אָבער געטאַנצערט זיך מיט פערעדאָנאָוו האָט מען זיך שוין נישט, און בלויז זיך באַגרענעצט מיט אומזיכערע און צווייידייטיקע ענטפערס: יעדערער פון זיי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים האַלטן פאַר אַ נאַר, אַז ער וועט זיך אָנהויבן אַמפּערן, און וואָס וועט זיין אַז עס איז הלילה אמת. אייניקע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס עס זאָגט דערצו דער דירעקטאָר — דער דירעקטאָר אָבער איז, נישט ווי געוויינטלעך, היינט נישט אַרויס פון זיין שטוב. ער איז בלויז דורכגעגאַנגען, מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, אויף זיין איינציקער לעקציע, וואָס ער האָט גראָד דעם טאָג געהאַט אין זעקסטן קלאַס, איז דאָרט אָפּגעזעסן איבעריקע פינף מינוט, און גלייך אַוועק צו זיך און פאַר קיינעם זיך נישט באַוויזן.

לסוף, פאַר דער פערטער לעקציע, איז דער אַלטער, גרויער רעליגיע־לערער און נאָך צוויי לערער מיט עפּעס אַן אויסרייד אַריין צום דירעקטאָר אין קאַבינעט, און דער גלח האָט זייער פאַרזיכטיק אָנגעהויבן צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן פּילניקאָוון. דער דירעקטאָר האָט זיך אָבער צעלאַכט אַזוי זיכער און גוטהאַרציק, אַז אַלע דריי האָבן שוין נישט געצווייפלט מער, אַז דאָס אַלץ איז אַ בבא־מעשה. און דער דירעקטאָר איז באַלד אַריבער צו אַן אַנדער געשפּרעך, ער האָט דערציילט אַ פרישע שטאָט־נייעס, זיך געקלאָגט אויף אַ פיינלעכן קאָפּווייטיק און באַמערקט, אַז מסתמא וועט ער מוזן באַאומרויקן

דעם זייער געאַלפֿאַרטן [illegible] איוואַנאָוויטשן — דעם גימנאַזיע־דאָקטאָר. נאָכדעם האָט ער נאָר נישט מער פשטות דערציילט, אַז די היינטיקע לעקציע האָט אים נאָכמער פאַרשאַרפט דעם קאָפּ־ווייטיק, ווייל פונקט אין [illegible] קלאַס איז גראָד געווען פערעדאָנאָוו, און די גימנאַזיסטן האָבן עפּעס זייער אָפּט און אומגעווײנטלעך הויך געלאַכט, און צעלאָזנדיק זיך מיט זיין טרוקן געלעכטער, האָט כריפּאַטש צוגעגעבן:

— היי־יאָר האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט, — דריי מאָל אין וואָך קומט מיר אויס צו זיצן בשכנות מיטן קלאַס, וווּ אַרדאַליאָן באָריסיטש לערנט און, שטעלט זיך פאָר, אַלעמאָל לאַכט מען דאָרט, און נאָך ווי אַזוי: דאַכט זיך, אַז אַרדאַליאָן באָריסיטש איז גאָרנישט פון די פריילעכע מענטשן, און ס'אַראַ פריילעכקייט ער רופט דאָס דאָרטן אַרויס!

און נישט דערלאָזנדיק קיינעם אַרויסזאָגן זיך וועגן דעם, איז כריפּאַטש שנעל איבערגעגאַנגען אויף גאָר אַן אַנדער טעמע.

און ביי פערעדאָנאָוון אויף די לעקציעס איז טאַקע אין די לעצטע צייט געווען זייער פריילעך, און מ'האָט אַ סך געלאַכט, — און נישט דערפאַר, וואָס דאָס איז אים שטאַרק געפעלן, פאַרקערט, פערעדאָנאָוו האָט גאָרנישט ניט געקאָנט ליידן דאָס קינדישע געלעכטער, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און נישט דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צום ענין, עפּעס אַ נישט פּאַסיקע זאַך: אָט נעמט ער און דערציילט עפּעס אַ נאַרישן אַנעקדאָט, אָדער ער הויבט זיך גאָר אָן רייצן מיט איינעם פון די שטילסטע שילער. אין קלאַס האָבן זיך שטענדיק געפונען אַזעלכע בעלנים, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען אויסצונוצן יעדע קלייניקייט און מאַכן אַ טומל, און ביי יעדער נישט פּאַסיקער באַמערקונג, וואָס פערעדאָנאָוו פלעגט מאַכן, האָבן זיי גענומען שטאַרק צו לאַכן.

ביים סוף פון די לעקציעס האָט כריפּאַטש געשיקט צו זיך רופן דעם דאָקטאָר, און אַליין האָט ער גענומען דעם הוט און איז אַרויס אין סאָד, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער גימנאַזיע און דעם ברעג פון טייך. דער סאָד איז געווען אַ גרויסער און אַ שאָט־

דיקער. די קלײנע גימנאַזיסטן האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. בשעת די הפסקות פֿלעגן זײ ליב האָבן דאָרטן אַרומצולױפֿן. פֿאַרקערט אָבער די געהילפֿן פֿון די קלאַס־דערציער האָבן פֿײנט געהאַט דעמדאָזיקן סאָד. זײ האָבן מורא געהאַט, אַז מיט די קינדער קאָן זיך דאָרט חלילה וואָס טרעפֿן. און כריפּאַטש האָט געפֿאָדערט, אַז בשעת די הפסקות זאָלן די קינדער דוקא דאָרט פֿאַרברענגען. ער האָט עס גע־דאַרפֿט האָבן, כּדי די באַריכטן זײַנע זאָלן זײַן שענער און אימפּאָ־זאַנטער.

דורכגײענדיק איבערן קאָרידאָר, האָט זיך כריפּאַטש אָפּגעשטעלט בײַ דער אָפֿענער טיר פֿון גימנאַזיע־זאַל, געשטאַנען אַ ווײַל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נאָכדעם אַרײַן אַהין. פֿון זײַן אומעטיק פּנים און פֿאַמעלעכדיקן גענגל האָבן שױן אַלע געוווּסט, אַז דער קאָפּ טוט אים װײ.

דער פֿינפֿטער קלאַס האָט זיך געגרײט צו גימנאַסטישע איבונגען. די שילער האָבן זיך אױסגעשטעלט אין אײן רײ, און דער לערער פֿון גימנאַסטיק, אַ פֿאָרוטשיק פֿון אָרטיקן רעזערװ באַטאַליאָן, האָט זיך שױן געקליבן אַ קאָמאַנדעװע צוטון. ער האָט אָבער דערזען דעם דירעקטאָר און איז אים געגאַנגען אַנטקעגן. דער דירעקטאָר האָט אים געדריקט די האַנט, צעשטרײט אַ קוק געטון אױף די גימנאַ־זיסטן און איבערגעפֿרעגט:

— איר זענט צופֿרידן מיט זײ? װי פֿילן זײ זיך עפּעס? גוט?

דער פֿאָרוטשיק האָט שרעקלעך פֿײַנט געהאַט די גימנאַזיסטן, װעלכע האָבן, לױט זײַן מײנונג, נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן קײן מיליטערישע אױסדרעסירונג. װען דאָס װאָלטן זײַן קאַ־דעטן, װאָלט ער אָפֿן אַרױסגעזאָגט זײַן מײנונג װעגן זײ. אָבער װעגן די דאָזיקע לעפּישע יונגען האָט גאָרנישט געלוינט צו זאָגן דעם אמת אַ מענטשן, פֿון װעמען עס הענגט אָפּ דער גורל פֿון זײַן שטעל. און קוקנדיק דעם דירעקטאָר פֿרײלעך אין די אױגן, האָט ער גע־זאָגט מיט אַ ליב שמײכעלע אױף די דינע ליפּן:

— אָהאָ, טײַערע קינדער.

דער דירעקטאָר האָט געמאַכט עטלעכע טריט פֿאַזע דעם

פּראָנט, זיך אויסגעקערעוועט צום אַרויסגאַנג און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— און מיט אונזער נייעם שילער זייט איר צופרידן? ווי האַלט ער זיך עפּעס? ער ווערט נישט מיד? — האָט ער פויל און כמורנע איבערגעפרעגט און זיך געכאַפּט מיט דער האַנט פאַרן שטערן.

דער פּאָרוטשיק האָט צוליב פאַרשידנאַרטיקייט, טראַכטנדיק, אַז דער דאָזיקער גימנאַזיסט איז אַ פרעמדער, נישט קיין היגער, זיך אָנגערופן:

— ער איז אַן אָפּגעלאָזטער, און ווערט באַלד מיד.

נאָר דער דירעקטאָר האָט אים שוין נישט געהערט און איז אַרויס פון זאַל. די דרויסן-לופט האָט אים, אַפּנים, זייער ווייניק אָפּגעפרישט. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער צוריק געקומען און זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, אָפּגעשטאַנען אַ פינף מינוט און איז אַריין אויף דער לעקציע. צוויי דריי שילער, וואָס זענען גראָד נישט געווען פאַרנומען, זענען, נישט באַמערקנדיק דעם דירעקטאָר, געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, אויסנוצנדיק די וויילע, וואָס דער פּאָרוטשיק האָט אויף זיי נישט געקוקט, כריפּאַטש איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— אַ, פּילניקאָוו, — האָט ער אַ זאָג געטון — פאַר וואָס עפּעס האָט איר זיך דאָס צעלייגט אויף דער וואַנט?

סאַשאַ איז שטאַרק רויט געוואָרן, זיך אויסגעצויגן און געשוויגן.

— אויב אייך איז שווער, דאַרפט איר זיך, אפשר, נישט פאַרנעמען מיט גימנאַסטיק? — האָט כריפּאַטש שטרענג איבערגעפרעגט.

— איך בין שולדיק, מיר איז נישט שווער. — האָט סאַשאַ דערשראָקן דערקלערט.

— איינס פון די ביידע, — האָט כריפּאַטש געטענהט — אָדער מען קומט גאָר אינגאַנצן נישט אויף דער לעקציעס, אָדער... אגב, קומט אַריין צו מיר נאָך די לעקציעס.

ער איז אייליק אַוועק, און סאַשאַ איז געבליבן שטיין, א פאַרלוירענער, אַ דערשראָקענער.

— אַריינגעכאַפּט, — האָבן די חברים אים צו וויסן געטון — ער וועט דיך שוין ביז פֿאַר נאַכט אָפּהאַלטן...

כריפּאַטש האָט ליב געהאַט צו לייענען לאַנגע נאָטאַציעס, און די גימנאַזיסטן האָבן זיך מער פֿון אַלץ געשראָקן פֿאַר זיינע איינלאַדונגען.

נאָך די לעקציעס איז סאַשאַ אַ צעשראָקענער אַוועק צום דירעקטאָר. כריפּאַטש האָט אים תּיכּף אויפֿגענומען, ער איז שנעל צוגעגאַנגען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעקאַטשעט אויף זיינע קורצע פֿיסלעך, צו סאַשאַן, אים צוגערוקט אַ שטול, און גלייך קוקנדיק אים אויפֿמערקזאַם אין די אויגן אַריין, אַ זאָג געטון:

— די לעקציע פֿון גימנאַסטיק איז שווער פֿאַר אייך? לויטן אָנבליק זייט איר זייער אַ געזונט יינגל, נאָר „דער אויסערלעכער אָנבליק נאַרט אָפּט אָפּ“. אפשר זענט איר קראַנק, אפשר איז פֿאַר אייך שעדלעך זיך צו פֿאַרנעמען מיט גימנאַסטיק?

— ניין, ניקאָלאַי וואַסילעוויטש, איך בין געזונט. — האָט סאַשאַ געענטפֿערט און איז געוואָרן שטאַרק רויט.

— און דאָך, — האָט כריפּאַטש אונטערגעזאָגט — קלאָגט זיך אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, אַז איר זייט שלאַבעריק און איר ווערט שנעל מיד, און היינט בשעת דער לעקציע האָב איך אויך באַמערקט, אַז איר זייט מיד.

סאַשאַ האָט נישט געוווּסט, וווּ אַהינצוטון זיינע אויגן פֿון כריפּאַטשס דורכדרינגלעכן בליק, ער האָט פֿאַרלוירן געשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט, איך וועל מער נישט. איך האָב זיך פּשוט געפֿוילט צו שטיין. אויף מיין וואָרט, אַז איך בין געזונט. איך וועל עס שוין מער קיינמאָל נישט טון. איך וועל שוין פֿלייסיק און ערנסט אַלץ פֿאָלגן.

און פּלוצים גאָר אינגאַנצן אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין האָט ער זיך צעוויינט.

— איר זעט, — האָט כריפּאַטש באַמערקט — איר זייט, אַ פּנים, איבערגעמאַטערט: איר וויינט גלייך, ווי כ'וואָלט אייך איצט געמאַכט אַ שטרענגן אויסרייד. באַרויקט זיך.

ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף סאַשאַס אַקסל און צוגעגעבן:

— כ׳האָב אייך אַהערגערופֿן נישט, כּדי איך צו לייענען נאָטאַציעס, נאָר כּדי קלאָר צו מאַכן... זעצט זיך, פּילניקאָוו, איך זע, אַז איר זייט מיד...

סאַשאַ האָט שנעל אויסגעווישט מיט אַ טיכל די אויגן און באַמערקט:

— איך בין גאָרנישט ניט מיד.

— זעצט זיך, זעצט זיך. — האָט כריפּאַטש איבערגעחזרט, און נעענטער נאָך צוגערוקט די שטול.

— אויף מיין וואָרט, ניקאָלאַי וואַסילעוויטש, אַז איך בין נישט מיד. — האָט סאַשאַ פֿאַרזיכערט.

כריפּאַטש האָט אים גענומען פֿאַר די אַקסל, אים אַוועקגעזעצט, און אַליין זיך אויך צוגעזעצט אַנטקעגן אים און צערעדט זיך:

— לאָמיר שמועסן רויק. איר, פּילניקאָוו, קאָנט אַליין נישט וויסן דעםווירקלעכן צושטאַנד פֿון אייער געזונט: איר זענט זייער אַ ווייל און געהאָרכזאַם יינגל, איר פֿירט זיך זייער גוט אויף, און דעריבער איז פֿאַר מיר גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס איר האָט נישט געוואָלט בעטן, מען זאָל אייך באַפֿרייען פֿון די לעקציעס פֿון גימנאַסטיק. אגב, איך האָב היינט געבעטן יעווגעני איוואַנאָוויטשן, ער זאָל היינט אַריינגיין צו מיר, ווייל איך אַליין פֿיל מיך היינט נישט גוט, וועט ער שוין אין איינוועגס אייך אויך באַטראַכטן. איך האָף, אַז איר וועט גאָרנישט ניט האָבן דערגעגן?

כריפּאַטש האָט אַ קוק געטון אויפֿן זייגער און, נישט דערוואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, גענומען אויספֿרעגן סאַשאַן, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרבראַכט דעם זומער.

באַלד איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר, יעווגעני איוואַנאָוויטש סוראָווצעוו, אַ קליין, שוואַרץ, רירעוודיק מענטשל, וואָס האָט זייער גערן געהאַט צו ריידן וועגן פּאָליטיק, וועגן נייעס, קיין גרויס וויסן האָט ער נישט פֿאַרמאָגט, נאָר ער האָט זיך זייער אויפֿמערקזאַם באַצויגן צו זיינע פּאַציענטן, ער האָט מער געהאַלטן פֿון דיעט און הונגערן — איידער פֿון די פֿאַרשידנערליי רפֿואות, און דעריבער טאַקע זייער גוט געהיילט.

מ׳האָט געחייסן סאַשאַן זיך אויסטון. סוראָווצעוו האָט אים זיי-

ער גוט באַטראַכט און איינגעפונען, אַז ער איז פולקאָם געזונט, און כריפּאַטש האָט זיך דערוויל איבערצייגט, אַז סאַשאַ איז נישט קיין מיידל. הגם ער איז לכתחילה אויך געווען זיכער אין דעם, דאָך האָט ער איינגעפונען, אַז גלייכער איז זיך איבערצוציייגן אויף אַ רעכטן אמת, כדי נאָכדעם, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, זאָל דער דאָקטאָר פון גימנאַזיע האָבן די מעגלעכקייט דאָס צו באַשטעטיקן.

באַפרייענדיק סאַשאַן, האָט כריפּאַטש אים ווייך אַ זאָג געטון:

— איצט, אַז מיר ווייסן שוין, אַז איר זייט געזונט, וועל איך זאָגן אַלעקסיי אַלעקסייעוויטשן, ער זאָל זיך אַ נעם טון צו אייך גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

פּערעדאָנאָוו האָט גאָרנישט געצווייפלט, אַז די אַנטדעקונג, אַז צווישן די גימנאַזיסטן געפינט זיך אַן איבערגעטון מיידל, וועט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער נאַטשאַלסטווע, און חוצדעם וואָס מען וועט אים איבערפירן אויף אַ העכערן פּאָסטן, וועט מען אים נאָך דערפאַר באַשענקען מיט אַן אָרדן. דאָס האָט אים צוגעגעבן קוראַזש, און ער האָט זיך מיט נאָך מער התמדה גענומען אַכטונג געבן אויף די גימנאַזיסטן, דערצו נאָך איז דער דרויסן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געווען אַ וואָלקנדיקער און אַ קאַלטער, אין ביליאַרד פלעגט זעלטן ווער קומען שפּילן, — איז אים געבליבן נאָר איינס: גיין איבער דער שטאָט און באַזוכן די גימנאַזיסטן אין זייערע דירות און אפילו די, וואָס וווינען ביי זייערע עלטערן.

פּערעדאָנאָוו האָט אויסגעקליבן די פּשוטערע עלטערן: ער קומט אַריין, דערציילט אַן מעשיות אויפן יינגל, יענע נעמען און שמייסן אים אָפּ, — און ער, פּערעדאָנאָוו, איז צופרידן. אַזוי האָט ער זיך גענומען און קודם-כל פאַרמטרט דעם גימנאַזיסט יוסף קאַרמארענקאָ פאַרן פאָטער זיינעם, וואָס האָט אין שטאָט געהאַלטן אַ ביר־האַלע, — געזאָגט, אַז יוסף האַלט זיך נישט גוט און שטיפט אין קלויסטער. דער פאָטער האָט געגלויבט און באַשטראָפט דעם זון, נאָכדעם איז דער אייגענער גורל אויסגעפאַלן נאָך אויף עטלעכע גימנאַזיסטן. צו יענע, וואָס פּערעדאָנאָוו האָט געוווסט, אַז זיי וועלן זיך אָננעמען פאַר זייערע קינדער, איז ער נישט געגאַנגען: זיי קאָנען זיך נאָך פאַרקלאָגן פאַרן קרייז-אַמט.

יעדן טאָג פלעגט ער לכל־הפחות באַזוכן איין דירה. דאָרטן זיך האַלטן מעשה־שרה: געמוסרט, געבאַלעבאַטעוועט, געדראָט, די גימנאַזיסטן האָבן זיך אָבער דאָרט געשפּירט זעלבסשטענדיק און טיילמאָל נאָך אָפּגעזוכט פון פערעדאָנאָוון. אגב, האָט איין באַלעבאָסטע, פלאַוויצקאַיאַ, אַן ענערגישע, הויכגעוואַקסענע, שרייענדיקע דאַמע, לויט פּערעדאָנאָווס פאָדערונג אָפּגעשמיסן איר קליינעם קוואַרטיראַנט וולאַדימיר בולטיאַקאָוון.

אויפצומאָרגנס ביי די לעקציעס האָט פּערעדאָנאָוו דערציילט דעם גאַנצן קלאַס וועגן זיינע אויפטוען. ער האָט נישט אָנגערופן קיין נעמען, נאָר די קרבנות האָבן זיך שוין אַליין אויסגעגעבן מיט דעם, וואָס זיי זענען געוואָרן רויט און טויט פון בושה.

שנא

די קלאַנגען, אַז פּילניקאָוו איז אַן איבערגעטוען פריילין, האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. די ערשטע האָבן זיך דאָס דערוווסט די רוטילאָווס. ליודמילאַ, אַ נייגיריקע, האָט זיך שטענדיק באַמיט צו זען יעדעס נייעס מיט אירע אייגענע אויגן. זי איז געווען אויסער זיך פון נייגיר אָנצוקוקן פּילניקאָוון. זי מוז דורכויס זען אָט די איבערגעטוענע מויד, זי איז דאָך עפּעס באַקאַנט מיט דער באַלעבאָסטע, מיט דער קאָקאָווקינאַ. און אָט, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, האָט ליודמילאַ דערקלערט איר שוועסטער:

— איך גיי אַ קוק טון אויף דער פריילין.

— באַקוקערין! — האָט דאַריאַ מיט כעס אויסגעשריען.

— האָט זיך אויסגעסטראָצלט! — האָט וואַלעריאַ מיט אַן איינגעהאַלטן שמייכעלע באַמערקט.

זיי האָט פאַרדראָסן, הלמאי זיי האָבן זיך די ערשטע נישט געכאַפּט: אין דרייען גיין איז עפּעס נישט גאָר פיין, ליודמילאַ האָט זיך אָנגעטון שענער ווי אַלעמאָל, — צוליב וואָס האָט זי אַליין נישט געוווסט. אגב, האָט זי אַלעמאָל ליב געהאַט זיך צו פּוצן און געקליידט זיך אַ סך עלעגאַנטער פאַר איר שוועסטער: די הענט און די פּלייצעס פריי, דעם ראָק קורצער, די שיך לייכטע, די זאָקן דין און

דורכזיכטיק, לייב קאָלירענע. אין שטוב האָט זי גערן געהאַט צו גיין אין איין אונטער־ראָק און באָרוועס און אָנטון די שיך אויף די באָרוועסע פיסלעך, — דערביי האָט זי געטראָגן זייער שיינע אונטער־רעק און העמדער.

דער דרויסן איז געווען אַ קאַלטער, אַ ווינטיקער, די אַראָפּגע־פאַלענע בלעטער זענען אַרומגעשווומען איבער די געקנייטשטע קאַ־לוזשעס. ליודמילא איז געגאַנגען שנעל און אפילו נישט געפילט די קעלט אונטער איר לייכטער פעלערין.

קאָקאָווקינאַ מיט סאַשאַן האָבן געטרונקען טיי. ליודמילאַ האָט אויף זיי געקוקט מיט דורשטיקע אויגן, — גאָרנישט, זיי זיצן זיך, טרינקען טיי, פאַרבייסן מיט בולקעס און שמועסן. ליודמילאַ האָט זיך צעקושט מיט דער באַלעבאָסטע און צערעדט זיך:

— איך בין צו אייך אַריין, ליבע אָלגאַ וואַסילעווגאַ, מיט אַן ענין, נאָר דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער איבעררעדן, און דערווייל דערקוויקט מיך מיט אַ גלעזל וואַרעמס. אַי, ס׳אַראַ אַ בחור זיצט עס ביי אייך!

סאַשאַ איז רויט געוואָרן און זיך געשיקט פאַרנייגט, קאָקאָוו־קינא האָט אים אָנגערופן ביים פאַמיליע נאָמען. ליודמילאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און זיך לעבעדיק גענומען צו דערציילן בייעס. די שטאָט־איינוווינער האָבן זי זייער גערן אויפגענומען, ווייל זי האָט פון אַלץ געוווסט און דאָס געקאָנט זייער פיין און באַשיידן איבערגעבן. קאָקאָווקינאַ, וואָס פלעגט זיין אַ שטובזיצערן, איז גע־ווען זייער צופרידן מיט איר באַזוך און איר מכבד געווען מיט דער פולער האַנט. ליודמילאַ האָט פריילעך געפּלאַפּלט, געלאַכט, אַלע ווייל אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און נאָכגעמאַכט איטלעכן באַזונדער, זיך געריצט מיט סאַשאַן. זי האָט באַמערקט:

— אייך איז אומעטיק, טייערינקע, — וואָס זיצט איר עפּעס גאַנצע טעג אָפּ מיט אָט דעם זויערן גימנאַזיסטל, אָט, וואָלט איר כאָטש אַמאָל צו אונז אַריין.

— אַי, וואָס רעדט איר, צו וואָס, — האָט קאָקאָווקינאַ געענט־פערט — כ׳בין שוין צו אַלט צו געסטלען זיך.

— וואָס פאַר אַ גאַסט! — האָט ליודמילאַ מיט ווייכקייט זיך

פאַרענטפערט. — קומט און פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים, און גאָר. און דעמדאָזיקן ייִנגל באַדאַרף מען דאָך שוין נישט וויקלען.

סאַשאַ האָט געמאַכט אַ באַליידיקט געזיכט און איז רויט געוואָרן.

— ס'אַר אַ שעמעוודיקער! — האָט לודמילאַ מיט גאווה באַמערקט און גענומען צו טאָרען סאַשאַן. — אָט דערציילט בעסער עפּעס פאַרן גאַסט.

— ער איז נאָך אַ קליינינקער — האָט קאָקאָווקינאַ אים פאַר־ענטפערט — ער איז ביי אונז אַ שטילינקער.

לודמילאַ האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ געלעכטערל און צוגעגעבן:

— איך בין אויך אַ שטילינקע.

סאַשאַ האָט זיך צעלאַכט און נאַיוו באַמערקט:

— שוין איינמאָל, איר זייט דען אַ שטילינקע?

לודמילאַ האָט זיך צעכיכעט. איר געלעכטער איז, ווי אַלעמאָל, פאַרפלאָכטן געווען מיט זיסינקער און ליידנשאַפטלעכער פרייד. לאַכנ־דיק, פלעגט זי שטאַרק רויט ווערן, די אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט שטיפערישע, שולדיקע, און איר בליק פלעגט אַנטלויפן פון בעל־דבר. סאַשאַ האָט זיך צעטומלט און זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן.

— ניין, נישט דאָס, כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז איר זייט אַ לעבעדיקע און נישט אַזאַ שטילינקע, נישט אַזאַ, ווי זאָגט מען עס, באַשיידענע.

אָבער דערפילנדיק, אַז מיט ווערטער איז אים שווער דאָס קלאָר צו מאַכן, אַזוי ווי אין אַ בריוו, האָט ער זיך פאַרלוירן און איז רויט געוואָרן.

— ס'אַר אַן עזותקייטן ער רעדט עס! — האָט לודמילאַ אויס־געשריען לאַכנדיק און צערויטלט. — טאַקע פשוט נאָר צו באַ־וווּנדערן!

— איר האָט זיך דאָך מיט אַן אמת גענומען צו מיין סאַ־שענקען. — האָט קאָקאָווקינאַ באַמערקט און מיט איין און דער זעל־בער ווייכקייט אַ קוק געטון אויף לודמילאַן און סאַשאַן.

לודמילאַ האָט זיך אויסגעבויגן מיט אַ קעצישער באַוועגונג און אַ גלעט געגעבן סאַשאַן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך צעלאַכט פאַר־

שעמט און הילכיק, זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער איר האַנט און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער אַריין.

— טייערינקע, רעדט מיר אַ שידוך, — האָט ליודמילאַ תּיכּף, אָן שום איבערגאַנג, גענומען ריידן.

— נו, וואָס נאָך? וואָס פֿאַר אַ שדכנטע בין איך עס אייך? — האָט קאָקאָווקינאַ מיט אַ שמייכל געענטפֿערט, אָבער אויף איר געזיכט האָט זיך אָנגעזען, אַז זי וואָלט זיך מיט גרויס פֿאַרגעניגן גענומען צו שדכנות.

— פֿאַרוואָס עפּעס קאָנט איר קיין שדכנטע נישט זיין? — האָט ליודמילאַ איבערגעפֿרעגט. — און וואָס, כ׳בין דען קיין כּלה-מיידל נישט? בישטקשה, אייך מעג אָנשטיין מיר צו רעדן אַ שידוך.

ליודמילאַ האָט זיך גענומען פֿאַד־באָקאָם און געלאָזט זיך מיט אַ טענצל אַרום דער באַלעבאָסטע.

— גייט שוין, גייט! — האָט קאָקאָווקינאַ איר איבערגעשלאָגן. — סאַר אַ צעלאָזענע איר זענט עס.

ליודמילאַ האָט מיט אַ געלעכטער באַמערקט:

— אָט נעמט פּשוט פֿון לײדיקגייערישקייט און טוט עס.

— טאָ וואָס פֿאַר אַ חתן וואָלט איר וועלן? — האָט קאָקאָווקינאַ אַ צעשמייכלטע איבערגעפֿרעגט.

— זיין, זאָל ער זיין, אַ ברונעט, טייערינקע. דורכויס אַ ברונעט, — האָט ליודמילאַ גענומען שנעל שיטן — אַ פּעך־שוואַרצער ברונעט. אַ טיפֿער אַזוי ווי אַ גרוב, און אָט באַט אייך אַ מוסטער, — אַזאַ ווי אייער גימנאַזיסט, — ער זאָל האָבן גראָד אַזעלכע ברעמען און פֿאַרנעפּלטע אויגן, און האָר שוואַרצע מיט אַ בלוילעכן אָפּשיין, און די ווימפּערן געדיכטע, געדיכטע, בלוילעך־שוואַרצע ווימפּערן. ער איז ביי אייך אַ שיינער, — באמת אַ שיינער! אָט אַזעלכן זאָלט איר מיר רעדן.

אינגיכן האָט זיך ליודמילא גענומען קלויבן אַוועקצוגיין. ס׳האָט שוין גענומען פֿינסטער ווערן. סאַשאַ איז אַרויס איר באַגלייטן.

— נאָר ביז אַ דראָזשקע! — האָט ליודמילאַ זיך מילד געבעטן און געקוקט אויף סאַשאַן, אַ שולדיק צערויטלטע מיט צאַרטע אויגן.

אינדרויסן איז ליודמילאַ ווידער געוואָרן לעבעדיק און זיך גענומען ביי סאַשאַן אויספרעגן:

— נו, וואָס־זשע, איר גרייט צו אַלע לעקציעס? און ביכלעך לייענט איר עפּעס?

— איך לייען אויך ביכלעך, — האָט סאַשאַ געענטפערט — איך האָב גערן צו לייענען.

— אַנדערסענס מעשהלעך?

— נישט בלויז מעשהלעך, אַנדערע ביכלעך, כ׳האָב גערן געשיכטע און לידער.

— אָט אָ לידער, און ווער איז אייער געליבטער דיכטער? — האָט ליודמילאַ ערנסט איבערגעפרעגט.

— נאַדסאָן, געוויינטלעך. — האָט סאַשאַ געענטפערט מיט טיפער איבערצייגונג, אַז קיין אַנדער ענטפער קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין.

— געוויס! — האָט ליודמילאַ אים צוגעשאָקלט. — כ׳האָב אויך גערן נאַדסאָנען, אָבער בלויז אינדערפרי, אָוונטס האָב איך מיך גערן אויסצופוצן. און וואָס האָט איר גערן צו טון?

סאַשאַ האָט אויף איר אַ קוק געגעבן מיט די צאַרטע, שוואַרצע אויגן, — און זיי זענען מיטאַמאָל געוואָרן פייכט, — און שטיל דערקלערט:

— איך האָב גערן זיך צו צערטלען.

— אָט וואָס פאַר אַ האַרציקער איר זייט! — האָט ליודמילאַ אַ זאָג געטון און אים אַרומגענומען פאַרן האַלז. — צערטלען זיך האָסטו גערן. און שטיפן און שפּריצן זיך האָט איר גערן?

סאַשאַ האָט אַ כיכע געטון. ליודמילאַ האָט אים אויסגעפאָרשט:

— אין וואַרעם וואַסער?

— אין וואַרעמס, אין קאַלטס. — האָט דאָס ייִנגל פאַרשעמט באַמערקט.

— און וואָס פאַר אַ זייף האָט איר גערן?

— גליצערין.

— און ווייַנטרויבן האָט איר גערן?

סאַשאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— אָט ס׳אַראַ איר זייט! ס׳איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש, און איר זאָגט עס מיטן זעלבן טאָן. מיך אָבער וועט איר נישט פֿאַרנאַרן.

— וואָס עפּעס, נאַט אייך גאָר אַ פֿאַרנאַרן? — האָט ליודמילאַ מיט אַ הויך געלעכטערל באַמערקט.

— אָט, איך ווייס שוין — איר האָט גערן חוזק מאַכן און אי־בערקרומען.

— פֿון וואַנען נעמט איר עס?

— אַלע זאָגן עס. — האָט סאַשאַ באַשטעטיקט.

— וואָס זאָגט איר, ס׳אַר אַ רכילותניק! — האָט ליודמילאַ כּלומרשט שטרענג אויסגערופֿן.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן.

— אָט איז אַ דראָזשקע. דראָזשקאַרזש! — האָט ליודמילאַ אַ געשריי געטון.

— דראָזשקאַרזש! — האָט סאַשאַ אויך אויסגעשריען.

דער דראָזשקאַרזש איז הילכנדיק מיט זיין צעפּאָרענע דראָזשקע צוגעפֿאָרן, ליודמילא האָט אים דערקלערט, וווהין זי דאַרף האָבן, ער האָט אַ טראַכט נעגעבן און געבעטן פּערציק קאָפּיקעס. ליודמילאַ האָט זיך געפּרוווט:

— וואָס רעדסטו עפּעס, טייערער, ס׳איז דען וויט? דו קענסט, אַפּנים, נישט דעם וועג.

— טאָ וויפֿיל מיינט איר? — האָט דער דראָזשקאַרזש איבער־געפֿרעגט.

— אַ העלפֿט איז דיר ווייניק.

סאַשאַ האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— אַ פֿריילעכע פֿריילין — האָט דער דראָזשקאַרזש מיט אַ הייטע־רער מינע באַמערקט — נו, גיט צו כאָטש אַ פֿינפֿער.

— אַ דאַנק פֿאַרן באַגלייט, טייערינקער — האָט ליודמילא א זאָג געטון און שטארק געדריקט סאשאן די האנט און אָריינגעזעצט זיך אין דראָזשקע.

סאשא איז אהיימגעלאָפֿן, ער האָט פֿריילעך געטראַכט וועגן דעם פֿריילעכן מיידל.

ליודמילא איז אַהיימגעקומען אַ פֿריילעכע, זי האָט געשמייכלט

און געחלומט פון עפּעס וואָס אָנגענעמס. די שוועסטער האָבן זי אָפּגעוואַרט. זײ זענען זיך געזעסן אין עס־צימער, ביים קײלעכדיקן טיש, וואָס איז געווען באַלויכטן פון דעם ־הענגלאָמפּ. אויפן ווייסן טישטוך האָט לוסטיק געבלאַנקט אַ ברוין פלעשל מיט קאָפּנהאַגענער שערי־ברענדי, און העל האָט צעשפּיגלט די ראַנד ביים סאַמע העלזל, וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט סאָק. אויפן טיש זענען געשטאַנען טעלערלעך מיט עפּל, מיט ניס און מיט כאַלווע.

דאַריאַ איז שוין געווען שיכּורלעך, רויט, צעשויבערט, האַלב אָנגעטון, זי האָט אונטערגעזונגען הויך אויף אַ קול. ליודמילאַ האָט שוין קוים געכאַפּט דעם פאָרלעצטן סטראָף פונם באַקאַנטן לידל.

דאָס קליידל אָפּ, דאָס פּייפל אויס,
אויף גראָזבאַנקביידע נאַקעט, בלויז;
פון שרעק פאַרשעמט, פון בושה דול,
צעזינגט די הירטין, טרערן פול,
פאַרגעס, מיין שאַנד, פאַרגעס!

לאַריסאַ איז דאָ אויך געווען, — אַן אויסגעפּוצטע, אַ רויק־פרײלעכע, זי האָט געגעסן אַן עפּל, אָפּשניידנדיק מיט אַ מעסערל קײלעכדיקע פּענעצלעך, און אונטערגעלאַכט.

— נו, וואָס, — האָט זי איבערגעפרעגט — האָסט געזען?

דאַריאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קוק געטון אויף ליודמילאַן. וואַלעריאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, אַרויסגעשטעלט דאָס קליינע פינגערל און אָנגעבויגן דעם קאָפּ, נאָכקרימענדיק לאַריסאַס שמייכעלע. אָבער זי, אַ שמאָלינקע אַ שלאַבריקע, איז דער שמייכל אירער אַן אומרויִקער. ליודמילא האָט זיך אָנגעגאָסן אַ קעליշקל ווײנשלרויטן ליקער און באַמערקט:

— נאַרישקייטן! אַ ייִנגל, ווי אַלע ייִנגלעך, — גאָר אַ סימפּאַטישער. אַ טיפער ברונעט, די אויגן ברענען, און אַליין איז עס אַ קליינטשיקס און אַן אומשולדיקס.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט. און אויף איר קוקנדיק האָבן זיך אויך די שוועסטער צעקייכלט.

— אַי, וואָס איז פאַראַן וואָס צו ריידן. אַלץ איז פערעדאָנאָווס טפּשות. — האָט דאַריאַ באַמערקט און זיך פאַרטראַכט אויף אַ מינוט,

אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויפן טיש און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. — בעסער לאָמיר עפּעס אונטערזינגען, — האָט זי צוגעגעבן און גענומען שאַרף און שרייענדיק זינגען.

אין איר קוויטשעריי האָט אָפּגעהילכט עפּעס אַן אָנגעשטרענגט ברוגזעוואַטע אויפגעלעבטקייט. אַז מען זאָל אַ טויטן אַרויסלאָזן פון קבר מיטן תנאי, ער זאָל די גאַנצע צייט האַלטן אין איין זינגען, וואָלט ער אויך אַזוי געקוויטשעט. און די שוועסטער זענען שוין פון לאַנג געוווינט געווען מיט דאריאַס שיכּורע קוויטשערייען און אָפּטער איר אונטערגעהאָלפן פּונקט מיט אַזוינע בכיוונדיקע קוויטשע-דיקע קולות.

— אָט, דאָס הייסט זיך אַביסל צעוואָיעוועט. — האָט ליודמילאַ מיט אַ געלעכטערל באַמערקט.

נישט דערפאַר, וואָס עס האָט זי געאַרט, חלילה, האָט זי דאָס אַרויסגעזאָגט, נאָר פּשוט, איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אי-בערדערציילן, אַבי די שוועסטער זאָלן הערן. דאריאַ האָט דאָס גע-זאַנג איבערגעריסן אינמיטן און מיט כּעס אויסגעשריען:

— וואָס איז דיין עסק, איך שטער דיר דען, חלילה.

און האָט זיך גלייך ווידער גענומען צום זינגען, אָנהויבנדיק ביים מיטן, ווו זי האָט געהאַט איבערגעריסן. לאַריסאַ האָט ווייך באַ-מערקט:

— זאָל זי זיך זינגען.

— מיר איז פּייכּט אַ יונגינקע,

קאָן געפינען מיר קיין אָרט. —

האָט דאריא שרייענדיק געקוויטשעט, פאַרדרייענדיק די טענער און צושטעלנדיק איבעריקע ווערטער, ווי דאָס טון די הויף-זינגער, כּדי עס זאָל זיין מער האַרצרייסנדיקער. ס'האָט געקלונגען אָט אַזוי למשל:

— מי—ער—איז—פּיי—ייכט—אַ יו—גענ—קע—ע

דערביי האָבן זיך זייער אומאָנגענעם פונאַנדערגעצויגן יענע קלאַנגען, אויף וועלכע דער טראָפּ האָט געוויינטלעך נישט געדאַרפט זיין, באַקומען האָט זיך עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעך-שטאַרקער איינ-

דרוק: אָט אַזאַ מין זינגען וואָלט אויף אַ פרישן מענטשן זיכער אָנגעוואָרפן אַ טויט-אומעט...

אָך, די טויט-אומעט, וואָס דו פאַרהילעכסט די פעלדער און וועלדער, די ברייטע היימישע פליינען! אומעט, מגולגל געוואָרענער אין ווילדן געפילדער, אומעט, פרעכער פלאַם-פאַרצערער פון לעבעדיקן וואָרט, פאַרוואַנדלער פונם אַמאָל־קלינגענדיקן און לעבעדיקן געזאַנג אין אַ דערנידעריקט אומעטיק וואָיען! אָ, ליב, אַלט רוסיש לידל, צי שוין אויף אַן אמת און אויף אייביק שטאַרבסטו טאַקע?

פלוצים איז דאַריא אויפגעשפרונגען, זיך גענומען פאַר די באַקעס, און אָנגעהויבן אויסקוויטשן אַ פריילעך שטאָט-לידל, מיט אַ טענצל און אַ צוקנאַקן מיט די פינגער:

אַרויס דו בחורעץ, אַוועק, —
איך בין אַ גזלנס מויד, אַ שרעק.
מעגסט זיין אַ כוואַט, אַ בריה אויך, —
איך זעץ אַ מעסער דיר אין בויך.
איך באַדאַרף קיין פויער-קאָפּ —
כ'גיב מיך באַלד אַ באָסיאַק אָפּ.

דאַריא האָט געזונגען און געטאַנצט, און אירע אויגן, שטייענדיקע, האָבן זיך געקערעוועט נאָך אירע באַוועגונגען, אָט גראָד ווי די האַלב-רייפן פון דער טויטער לבנה. ליודמילא האָט געכיכעט הויך, אויף אַ קול, — און דאָס האַרץ אירס איז פאַמעלעך אָפּגעשטאָרבן און פאַרענגט געוואָרן, אפשר פון פרייד, און אפשר גאָר פונם ווייגשלזיסן און שרעקלעכן שערי-ברענדי, וואַלעריאַ האָט שטיל געלאַכט, מיט אַ גלעזערן-קלינגענדיק געלעכטער, און מיט קנאה געקוקט אויף די שוועסטער: זי וואָלט אויך אַ בעלן געווען איר זאָל זיין פריילעך, און איר איז עפּעס נישט געווען היימלעך, — זי האָט געמיינט, אַז זי איז די קלענסטע, די מוזינקע, און דעריבער איז זי אַזאַ שוואַכלעכע און אומגליקלעכע. און זי האָט געלאַכט אָט פונקט אַזוי ווי אָט באַלד צעווייגט זי זיך.

לאַריסא האָט אַ קוק געטון אויף איר, און צוגעווונקען, — און וואַלעריאַ איז גלייך געוואָרן פריילעך און לעבעדיק. לאַריסא האָט זיך אויפגעהויבן, אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען, — און אין איין אויגנ-

בליק האָבן זיך אַלע פיר שוועסטער גענומען דרייען אין אַ ווילדן עקסטאַז, אלע מיטאַמאָל דורכגענומען מיט אַ שטיפערישער צעוויעוועטקייט, קוויטשענדיק נאָך דאריאס נאַרישע פראַזן פון די אַלץ נייע און נייע לידלעך, איינס פונם אַנדערן נאַרישער און אומגעלומפּערט־לעבעדיקער. די שוועסטער זענען געווען יונג, שיין, און זייערע שטימען האָבן געקלונגען הילכיק און ווילד, — די מכשפות אויפן ליסע באַרג וואָלטן באמת מקנא געווען אָט דעם קאַראַהאָד.

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָט זיך ליודמילאַן געחלומט אַזעלכע היציקע, אַפריקאַנישע חלומות!

אָט האָט זיך איר געפּלאָנטערט, אַז זי ליגט אין אַ שטאַרק איינגעהייצט צימער, און די קאָלדרע גליטשט זיך אַראָפּ פון איר, און עס אַנטפּלעקט זיך איר הייס לייב, — און אָט איז אַ שיפּענדיקע, שטעכיקע שלאַנג אַריין אין איר צימער, איז הויבט זיך אויף, קייכט איבערן בוים, איבער די צווייגן פון אירע נאַקעטע, ווונדערשיינע פּיסלעך...

נאָכדעם האָט זיך איר געחלומט עפּעס אַ טייכל אין אַ הייסן זומער פאַרנאַכט, אונטער אַ שווער זיך אָנרוקנדיקן געוויטער־וואָלקן, — און זי ליגט עפּעס נעבן ברעג, אַ נאַקעטע, מיט אַ גאָלדענעם, גלאַטן קראַנץ אויפן שטערן. געשמעקט האָט מיט וואַרעם, פאַרגליווערט וואַסער און זומפּ, און מיט פאַרחלשט גראָז אין אַ היץ, — און איבערן וואַסער, איבערן טונקל פּחדימדיק־רויקן וואַסער, איז אַ ווייסער שוואַן געשווומען, אַ שטאַרקער, אַ מלכות־ריזיקער. ער האָט רוישיק געפּאַטשט מיט די פליגל איבערן וואַסער און שיפּנדיק זיך גענענטערט, זי אַרומגענומען, — איר איז געוואָרן זיסלעך, מאַט און אימהדיק...

און סיי ביי דער שלאַנג, און סיי ביי דעם שוואַן האָט זיך איבער ליודמילאַן אַריבערגעבויגן סאַשאַס געזיכט, אַ בלייכס, מיט טונקל מאָדנע טרויעריקע אויגן, — און די בלוילעך שוואַרצע ווימפּערן, אייפעריק פאַרדעקנדיק זייער צויבער בליק, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט שווער, שרעקלעך.

נאָכדעם האָט זיך ליודמילאַן געחלומט עפּעס אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ מיט נידריקע, שווערע געוועלבן, — און געווימלט האָט אינוויי־

ביק מיט נאַקעטע, שטאַרקע, פּרעכטיק שיינע בחורים, — און שענער פון אַלעמען איז סאַשאַ געווען. זי איז געזעסן ערגעץ אינדערהויך, און די נאַקעטע בחורים אַרום איר האָבן זיך געאַמפּערט איינער מיטן אַנדערן נאָך דער ריי. און ווען מ'האָט סאַשאַן געבראַכט און אים אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, מיטן קאָפּ צו ליודמילאַן אַנטקעגן, און אים געפּייניקט, און ער האָט הילכיק געלאַכט און געוויינט, — האָט זי מיטגעכיכיקעט, ווי מען לאַכט אַמאָל אין חלום, בעת דאָס האַרץ צאַפּלט מיטאַמאָל פונאַנדער אין אַ שטאַרק געטרייסל, — מען כיכיקעט לאַנג, נישט איינצוהאַלטן זיך, מיט אַ געלעכטער פון אַ זעלבסט-פאַרגעסעניש און טויט...

אינדערפרי, נאָך די אַלע חלומות האָט ליודמילאַ דערפילט, אַז זי איז ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין סאַשאַן, דער אומגעדולדיקער חשק אים צו זען האָט אַרומגענומען ליודמילאַן, — נאָר איר איז אַ שאַד געווען, וואָס זי וועט אים זען אָן אָנגעטוענעם. ווי נאַריש עפּעס, וואָס די בחורים גייען נישט אַנטבלויזט. זאָלן זיי כאָטש גיין באָרוועס, אַזוי ווי זומער די גאַסן-יינגלעך, אויף וועלכע ליודמילאַ פלעגט אַזוי גערן האָבן צו קוקן, דערפאַר, ווייל זיי גייען באָרוועס, צומאָל נאָך פאַרקאַטשעט די הייזלעך ביז איבער די שענקלען.

עפּעס ווי עס וואָלט גראָד זיין אַ בזיון צו האָבן אַ לייב, — האָט ליודמילאַ אַ טראַכט געטון — אַז אפילו יינגלעך באַהאַלטן עס שוין.

XV

וואָלאָדין האָט זאָרגעוודיק באַזוכט אַדאַמענקאָס לעקציעס. דער חלום, אַז די פריילין וועט אים מכבד זיין מיט קאַווע, איז נישט מקוים געוואָרן. יעדעס מאָל פלעגט מען אים אַריינפירן גלייך אין צימערל, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר האַנט-אַרבעט. מישאַ איז געוויינטלעך שוין געשטאַנען אינם פאַרטוך ביים וואַרשטאַט, און געהאַט שוין צוגעגרייט אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט צו דער אַרבעט, אַלץ, וואָס וואָלאָדין האָט געהייסן, פלעגט ער גענוי, אָבער אָן חשק אויספאָלגן. אַבי וויניקער צו אַרבעטן, פלעגט מישאַ אַריינציען

וואָלאָדינען אין אַ געשפּרעך, וואָלאָדין האָט אָבער געוואָלט טריי זיין און זיך נישט אונטערגעבן. ער פלעגט טענהן:

— פריער, מישינקע, זעט אָפּצואַרבעטן אַ שעה, צוויי, און נאָכדעם אַז איר וועט וועלן, וועט מען קאָנען שמועסן אַ ביסל. נאָכדעם וויפיל איר וועט וועלן, און איצט קיין איין וואָרט נישט אפילו, וואָרום פריער פון אַלץ דאַרף מען אַרבעטן.

מישא פלעגט לייכט אָפּזיפצן און זיך נעמען צו דער אַרבעט, אָבער נאָך דער אַרבעט האָט ער אָנגעוווירן דעם חשק צו שמועסן: ער פלעגט זאָגן, אַז ער האָט קיין צייט נישט, ער האָט אַ סך לעקציעס צוצוגרייטן.

טיילמאָל פלעגט נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַ אַריינקומען בשעת דער לעקציע, אַ קוק טון ווי מישאַ לערנט זיך. מישאַ האָט עס באַמערקט — און אויסגענוצט — אַז ווען זי קומט אַריין, קאָן מען וואָלאָדינען לייכטער אַריינציען אין אַ געשפּרעך, נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַ, ווי זי פלעגט נאָר באַמערקן, אַז מישאַ אַרבעט נישט, פלעגט אים גלייך מוסרן:

— מישאַ, פּראָווע נישט קיין שטיק!

און אַליין פלעגט זי אַוועק, באַטאָנענדיק וואָלאָדינען:

— אַנטשולדיק, כ'האָב אייך געשטערט. ער איז שוין אַזאַ, וואָס האָט נישט פיינט זיך אונטערצופוילן אַביסל, זאָל מען אים נאָר לאָזן.

וואָלאָדין האָט זיך לכתחילה נישט גוט געשפּירט פון נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַס אויפפירונג, נאָכדעם האָט ער זיך געטראַכט, אַז זי שעמט זיך אים מכבד צו זיין מיט קאַווע, — זי האָט מורא, מען זאָל נישט נעמען אין שטאָט רעדן. נאָכדעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זי וואָלט דאָך גאָר אינגאַנצן נישט געקאָנט אַריינגיין צו אים בשעת דער לעקציע, און דאָך קומט זי יאָ אַריין, — צי איז עס נישט אפשר דערפאַר, ווייל איר איז אָנגענעם זיך אָנצוטרעפן מיט וואָלאָדינען? און וואָלאָדין האָט דאָס, וואָס זי האָט באַלד מסכים געווען אויף דער לעקציע און זיך נישט געדונגען פאַרן פּרייז, אויסגעטייטשט גלייך, אַז זי האָט עס געטון, ווייל ער געפעלט איר. די דאָזיקע געדאַנקען זיינע האָבן נאָכמער געשטאַרקט די אויספירן, וואָס פערעדאָנאָוו און וואַרוואַראַ האָבן געמאַכט.

— קלאָר איז, אַז זי איז אין דיר פֿאַרליבט. — האָט פּערעדאָנאָוו באַטאָנט.

— אַן אַנדערן חתן דאַרף זי, וואָס? — האָט וואַרוואַראַ צוגעגעבן.

וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ באַשיידענע מינע און געפֿרייט זיך מיטן דערפֿאָלג זיינעם.

איינמאָל האָט אים פּערעדאָנאָוו באַמערקט:

— אַ חתן און טראָגט אַ צעטריפּלטן שניפּס.

— כ'בין נאָך קיין חתן נישט, אַרדאַשאַ, — האָט וואָלאָדין באַטראַכט געענטפֿערט, ציטערנדיק פֿון פֿרייד אינגאַנצן — נאָר אַ שניפּס קאָן איך גריילעך קויפֿן אַ נייעם.

— קויף דיר אַ געפּאַסטן, — האָט פּערעדאָנאָוו געעצהט — זאָל מען זען אַז דו ביסט פֿאַרליבט.

— אַ רויטן שניפּס, — האָט וואַרוואַראַ באַמערקט — און אַ גבירישן, מיט אַ שפּילקע. מען קאָן קריגן אַ שפּילקע פֿאַר ביליק, און מיט אַ שטיינדל, — ס'וועט זיין עלעגאַנט.

פּערעדאָנאָוו האָט געטראַכט, אַז וואָלאָדין קער גאָר אַזויפֿיל געלט ניט האָבן, אָדער ער וועט גאָר קאַרגן און זיך קויפֿן אַ פּשוטן שוואַרצן שניפּס. און דאָס וועט זיין זייער נישט פֿיין, האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט: אַדאַמענקאַ איז זייער אַ רייך מיידל, און אַז מען וועט צו איר קומען זיך שדכנען אין אַ פּשוטן שניפּס, קאָן זי זיך נאָך באַליידיקן און אָפּזאָגן. פּערעדאָנאָוו האָט באַמערקט:

— צו וואָס-זשע עפּעס קויפֿן אַ ביליקן? דו, פּאַוולושאַ, האָסט ביי מיר דאָך געוווּנען אויף אַ שניפּס. וויפֿיל בין איך דיר שולדיק אַ רובל מיט פּערציק?

— פּערציק קאָפּיקעס, — דאָס שוין — האָט וואָלאָדין זיך איבערגעקרומט און מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן — אָבער איין רובל נישט, נאָר צוויי רובל.

פּערעדאָנאָוו האָט אויך געוווּסט, אַז צוויי רובל, נאָר אים איז אַ סך אָנגענעמער געווען צו צאָלן בלויז איין רובל, ער האָט דערקלערט:

— דו לייגסט, וואָס פֿאַר אַ צוויי רובל?

— אָט איז וואַרוואַרא דמיטרעווונא, אַן עדות. — האָט וואָלאָדין פאַרזיכערט.

וואַרוואַראַ האָט מיט אַ שמייכעלע געעצהט:

— באַצאָל שוין בעסער, אַרדאַליאָן באָריסיטש, אַז מען פאַרשפּילט באַצאָלט מען, — און איך געדענק אויך, אַז צוויי מיט פערציק.

פּערעדאָנאָוו האָט געמיינט, אַז וואַרוואַראַ נעמט זיך אָן פאַר וואָלאָדינען, הייסט עס, אַז זי איז פון זיין צד. ער האָט זיך אָנגעברוגזט, אַרויסגענומען פון טייסטער דאָס געלט און אַ זאָג געטון:

— נו, זאָל זיין צוויי מיט פערציק, כ׳וועל דערפון נישט אָרעמער ווערן. דו ביסט אַן אָרעמאַן, נעבעך, פּאַוולושקאַ, טאָ אָט נאַדיר, נעם.

וואָלאדין האָט צוגענומען דאָס געלט, עס איבערגעציילט, און נאָכדעם געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע, אַראָפּגעלאָזט דעם גלייכן שטערן, אַרויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ און אַ מורמל געטון מיט אַ מעקעדיק ציטערדיק קול:

— איר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, דערלויבט, איר זענט מיר געווען שולדיק, טאָ דאַרפט איר באַצאָלן, און דאָס, וואָס איך בין נעבעך אַן אָרעמאַן, קער זיך לחלוטין צו דעם נישט אָן, און איך בעטל נאָך ביי קיינעם, חלילה, קיין ברויט נישט. און איר ווייסט דאָך, אַז אָרעם איז בלויז דער שד, וואָס עסט קיין ברויט נישט גערן, און אַזוי ווי איך עס נאָך ברויט, און אפילו מיט פּוטער, הייסט עס, אַז איך בין נאָך קיין אָרעמאַן נישט, חלילה.

און ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, איז אפילו רויט געוואָרן פון פרייד, וואָס ער האָט אַזוי געלונגען אָפּגעענטפערט, און גענומען לאַכן אויף אַ קול, אויסדרייענדיק די ליפּן.

לסוף האָבן וואלאדין און פּערעדאָנאָוו באַשלאָסן אַוועקגיין זיך שדכנען. ביידע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע מלבושים און באַקומען אַ פייערלעכן און נאָכמער נאַרישן אָנבליק, ווי אַלעמאָל. פּערעדאָנאָוו האָט אָנגעטון אַ ווייסן שניפּס, וואָלאָדין — אַ בונטן, אַ רויטן מיט גרינע פּאַסעקלעך. פּערעדאָנאָוו האָט געהאַלטן:

— איך גיי ווערן אַ שדכן. מיין ראָל איז אַ סאָלידע, און דער

ענין איז אַן אויסערסט וויכטיקער, דאַרף איך טאַקע טראָגן אַ ווייסן שניפּס; און דו אַלס חתן, דאַרפסט באַווייזן דיינע פלאַמענדיקע געפילן.

אָנגעשטרענגט פייערלעכע האָבן זיך פערעדאָנאָוו און וואָלאָדין אַוועקגעזעצט ביי דער אַדאַמענקאָ אין זאַל. פערעדאָנאָוו אויפן דיוואַן, וואָלאָדין אין אַ שטול. נאַדעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף די געסט. זיי האָבן געשמועסט, די געסט, וועגן דעם דרויסן און וועגן נייעס מיט אַ מינע פון מענטשן, וואָס זענען געקומען צוליב אַן אויסערסט וויכטיקן ענין און ווייסן נישט, ווי אַזוי עפּעס צוצוטרעטן צו אים. ענדלעך האָט זיך פערעדאָנאָוו אויסגעהוסט, אָנגעכמורעט און אַ זאָג געטון:

— נאַדעזשדאַ וואַסילעוונאַ, מיר זענען אַריין צוליב עפּעס אַן ענין.

— צוליב עפּעס אַן עסק, — האָט וואָלאָדין אויך אונטערגעזאָגט, געמאַכט אַ וואַזשנע מינע און ארויסגעשטעלט די ליפּן.

— אָט וועגן אים, — האָט פערעדאָנאָוו באַמערקט און אָנגעוויזן מיטן גראָבן פינגער אויף וואָלאָדינען.

— אָט וועגן מיר טאַקע, — האָט וואָלאָדין אונטערגעהאַלטן און אויך געוויזן מיטן גראָבן פינגער אויף זיך, אויפן מיטן ברוסט.

נאַדעזשדאַ וואַסילעוונאַ האָט אַ שמייכל געטון.

— כ׳בעט אייך, — האָט זי באַמערקט.

— רעדן פאַר אים וועל איך, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט — ער איז צו אַ באַשיידענער, ער קאָן זיך אליין נישט אנטשליסן. און ער איז זייער א פיינער, נישט קיין טרינקער, א גוטער, ער פארדינט ווייניק, אָבער דאָס איז א קלייניקייט. וואָרום, ווער וואָס עס דארף, איינער — געלט, און דער אנדערער — א מענטשן. נו, וואָס שווייגסטו, — האָט ער זיך געווענדט צו וואָלאָדינען — זאָג עפּעס א וואָרט.

וואָלאָדין האָט פארבויגן דעם קאָפּ און ארויסגעמורמלט מיט א ציטערדיק קול, ווי א שאָפּבאָק צעמעקעט זיך:

— געוויס, קיין גרויס געהאלט באקום איך נישט, — אָבער אויף א שטיקל ברויט וועל איך שטענדיק האָבן. געוויס, אין דער אוניווערסיטעט בין איך קיינמאָל נישט געווען, אָבער לעבן, לעב איך,

הלוואי אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן, און ווייס, דאַנקען גאָט, קיין שום שלעכטס נישט, וואָס מען קאָן מיר פאָרוואַרפן, — און, אייגנטלעך, ווער קאָן וועמען אַ דעה זאָגן. און איך, וואָס דאַרף איך לייקענען, איך בין מיט זיך צופרידן.

ער האָט צעפירט די הענט, אַראָפּגעבויגן דעם שטערן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַ בוצקע צו טון, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— איז אָט, — האָט פערעדאָנאָוו צוגעגעבן — ער איז אַ יונגערמאַן און דאַרף נישט אַזוי פאַרברענגען די יאָרן. ער דאַרף חתונה האָבן. אוודאי איז אַ באַווייבטן אַ סך בעסער.

— און אַז דאָס ווייב איז נאָך אַ גוטע, וואָס דאַרף מען בעסער. — האָט וואָלאָדין אונטערגעהאָלפן.

— און איר, — האָט פערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט — זענט אַ מיידל. איר דאַרפט אויך חתונה האָבן.

אונטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַ שטילער שאָרך, פאַרטויבט, קורצע קלאַנגען, — גלייך ווי עמעצער וואָלט אָפּגעזיפצט אָדער געלאַכט מיט אַ פאַרמאַכט מויל. נאַדעזשדא וואַסילעוונאַ האָט שטרענג אַ קוק געטון אויף דער טיר און קאַלט באַמערקט:

— איר זאָרגט זיך צופיל פאַר מיינעט וועגן. — מיט אַ פאַרדראָסיקן טראָפּ אויפן וואָרט „צופיל“.

— איר דאַרפט נישט האָבן דווקא קיין רייכן מאַן, — האָט פערעדאָנאָוו גערעדט — איר זענט אַליין גענוג רייך. איר דאַרפט אַזעלכן, וואָס זאָל אייך ליבן און אַלץ צוליב טון. און איר קענט אים, איר דאַרפט פאַרשטיין, ער איז צו אייך נישט גלייכגילטיק, און איר צו אים, מעגלעך, אויך נישט. איז אָט, איך האָב דעם סוחר און איר די סחורה. דאָס הייסט, איר אַליין זענט די סחורה.

נאַדעזשדא וואַסילעוונא איז רויט געוואָרן, זי האָט אירע ליפּן געביסן, אַבי זיך איינצוהאַלטן פון געלעכטער. אונטער דער טיר האָבן זיך געהערט אַלץ די זעלבע קלאַנגען. וואָלאָדין האָט באַשיידן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס האַלט שוין אויף אַ דרך.

— וואָס פאַר אַ סחורה? — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא פאָרזיכטיק איבערגעפרעגט. — אַנטשולדיקט איך פאַרשטיי נישט...

— נו, וואָס הייסט, איר פאַרשטייט נישט! — האָט פערעדאָנאָווו מיט אומצוטרוי באַמערקט — אָט, איך וועל אייך אָפן דערקלערן: פּאַוועל וואַסילעוויטש בעט אייער האַרץ און האַנט. און איך בעט דאָס פאַר אים אין זיין נאָמען.

הינטער דער טיר איז עפּעס אומגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און זיך אַוועקגעקאַטשעט ניסנדיק און קרעכצנדיק. נאַדעזשדאַ וואַסילעווגא האָט איינגעהאַלטנדיק זיך קוים פון געלעכטער, געקוקט אויף די געסט. וואָלאָדינס פּאָרשלאַג האָט איר געשיינט צו זיין קאָמיש־העזהדיק.

— אמת, — האָט וואָלאָדין דערקלערט — איך בעט אייער האַרץ און האַנט.

ער איז רויט געוואָרן, אויפגעשטאַנען, שטאַרק אַ שערווע געטון מיטן פוס איבערן טעפּיך, זיך פאַרנייגט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט. נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אויפגעשטעלט, צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ און, קוקנדיק מיט תחנונים־בליקן אויף איר, באַמערקט:

— נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַ, דערלויבט מיר זיך דערקלערן! אַזוי ווי כ׳האָב אייך באמת זייער ליב, איז נישט זשע וועט איר מיר נישט וועלן אַנטקעגנקומען?

ער האָט זיך אַ לאָז געטון אויף פּאָרויס, זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַן אויף איין קני און איר אַ קוש געגעבן אין דער האַנט.

— נאַדעזשדאַ וואַסילעווגא, גלויבט מיר! איך שווער! — האָט ער אויסגעשריגן, אויפגעהויבן די האַנט אינדערהויך און מיטן גאַנצן אימפּעט זיך אַ קלאַפּ געטון אין האַרצן, אַזוי אַז עס האָט ווייט אָפּגעהילכט.

— וואָס טוט איר, שטייט אויף, איך בעט אייך! — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעווגאַ זיך פאַרשעמט. — צו וואָס נוצט עס אינגאַנצן?

וואָלאָדין האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ באַליידיקטער מינע צוריק זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט. דאָרט האָט ער צוגעפּרעסט זיינע ביידע הענט צום האַרצן און אויסגעשריגן:

— נאַדעזשדא וואַסילעווגאַ, גלויבט מיר! ביזן טויט, פון גאַנצן האַרצן.

— אַנטשולדיקט, — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונאַ באַמערקט — גלויבט מיר, אַז מיר איז עס נישט מעגלעך, איך דאַרף מיין ברודער דערציען — אָט שטייט ער און וויינט הינטער דער טיר.

— טאָ וואָס־זשע, אַז מען דאַרף דעם ברודער דערציען, — האָט וואָלאָדין באַליידיקט זיך אָפּגערופן — דאָס קאָן דאָך נישט שטערן, חלילה, דאַכט זיך.

— חלילה, פונדעסטוועגן אַ שייכות צו אים האָט עס, — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונאַ, אויפהויבנדיק זיך שנעל דערקלערט — מען דאַרף אים איבערפרעגן, וואַרט.

זי איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון זאַל, שאָרכנדיק מיט איר פריש, העל־געלן קליידל, הינטער דער טיר האָט זי אַ כאַפּ געטון מישאַן פאַר די אַקסל, צוגעלאָפן מיט אים ביז אין זיין צימערל אַריין, און דאָרטן, שטייענדיק ביי דער טיר, סאָפּענדיק פון געלויף און איינגעהאַלטענעם געלעכטער, האָט זי מיט אַ פאַרשטיקט קול געזייעט דורך די ליפּן:

— איז דען אינגאַנצן שוין, אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן דאָס בעטן זיך ביי דיר, אַז דו זאָלסט דיך נישט אונטערהערן. צי ניט־זשע מוז מען דען דורכויס אננעמען האַרבע מיטלען?

מישא האָט זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע און זיך צוגעפּרעסט מיטן קאָפּ צו איר און געהאַלטן אין איין שטיקן זיך פון געלעכטער; ער האָט שוין זיך אפילו אָנגעהויבן קאָנוולסיוו צו טרייסלען פון קייכן און פון וועלן זיך איינהאַלטן. די שוועסטער האָט אַריינגעשטופּט מישאַן אין זיין צימערל אַריין. זיך אַליין אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ביי דער טיר און זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— האָסטו געהערט, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט, דיין פּאַוועל וואַסילעוויטש? — האָט זי אַ פרעג געטון. — קום מיט מיר אין זאַל אַריין און זאָלסט נישט וואַגן צו לאַכן. איך וועל דיך אָנפרעגן וועגן זיי, און דו זאָלסט נישט וואַגן מסכּים צו זיין. האָסט פאַרשטאַנען?

— אָהאָ! — האָט מישא אַ ברום געטון און אַריינגערוקט אין מויל אַן עק פון א טיכל, נישט צו קאָנען לאַכן, אָבער עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן.

— אַז דיר וועט זיך וועלן לאַכן, זאָלסטו די אויגן פאַרדעקן

מיטן טיכל — האָט אים די שוועסטער געעצהט און אים ווידער גענומען פֿאַרן אַקסל און אַריינגעפֿירט אין זאַל.

דאָרט האָט זי אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, און אַליין זיך צוגעזעצט נעבן אים אויף אַ בענקל. וואָלאָדין האָט צוגעקוקט באַליידיקט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַזוי ווי אַ שאָפּבאָק.

— אָט, — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק אויפֿן ברודער — האָב איך אים קוים איינגענומען פֿון געוויין, אָרעם יינגל מיינס! כ׳בין אים אָנשטאָט אַ מוטער, און דאָ מיינט ער שוין, אַז איך וואַרף אים אַוועק.

מישא האָט פֿאַרדעקט זיין געזיכט מיטן טיכל. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסלט, און כּדי מען זאָל נישט זען, ווי ער לאַכט, האָט ער גענומען לאַנגזאַם וואָיען:

— או, או, או...

נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא האָט אים אַרומגענומען, אומבאַמערקט אים אַ קניפּ געטון אין דער האַנט און באַמערקט:

— שאַ, טייערינקער, וויין נישט, וויין נישט.

מישא האָט אומדערוואַרט דערשפּירט אַזאַ שטאַרקן ווייטיק, אַז אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל און בייז אַ קוק געטון אויף דער שוועסטער.

און וואָס וועט זיין, — האָט פּערעדאָנאָוו זיך באַטראַכט — אַז דאָס יינגל וועט זיך באמת צעבייזערן און זיך נעמען די לעבער, די סלינע פֿון אַ מענטש, זאָגט מען, איז סם.

ער האָט זיך צוגערוקט צו וואָלאָדינען, כּדי, חלילה, בשעת אַ סכּנה, זיך צו קאָנען הינטער אים באַהאַלטן.

נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא האָט דעם ברודער איבערגעגעבן:

— פּאַוועל וואַסילעוויטש בעט מיין האַנט.

— די האַנט און דאָס האַרץ. — האָט פּערעדאָנאָוו פֿאַריכֿט.

— און דאָס האַרץ. — האָט וואָלאָדין באַשיידן, גאָר וואַזשנע צוגעגעבן.

מישא האָט דאָס געזיכט פֿאַרדעקט מיטן טיכל און כליפּענדיק פֿון איינגעהאַלטענעם געלעכטער אַ זאָג געטון:

— ניין, האָב מיט אים נישט חתונה, וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיר.

וואָלאָדין האָט מיט אַ ציטערדיק קול פון באַליידיקונג און אויפ־רעגונג אַ זאָג געטון :

— נאַדעזשדא וואַסילעוונא, מיר איז אַ גרויס חידוש, וואָס איר פרעגט עס ביי אייער ברודערל, וואָס איז נאָך אַ קליין ייִנגל. ווען אפילו ער וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער, אַ בחור, וואָלט איר עס דאַן באַדאַרפט אַליין באַשליסן. און איצט ווי קאָנט איר עס אים פרעגן. נאַדעזשדא וואַסילעוונא, דאָס איז פאַר מיר אַ גרויס וווּנדער און איבערראַשונג.

— זיך צו האַלטן אַן עצה מיט ייִנגלעך, זיך אָנצופרעגן ביי זיי — ס'איז זייער קאָמיש. — האָט פערעראָנאָוו ברוגז אַ וואָרטשע געטון.

— ביי וועמען דען זאָל איך אָנפרעגן? דער מומען איז עס אַלצאיינס, און אים מוז איך דאָך דערציען, איז ווי־זשע קאָן איך עס מיט אייך חתונה האָבן? מעגלעך, אַז איר וועט זיך מיט אים אכזריות־דיק באַגיין? נישט אפשר, מישינקע, אַז דו האָסט דערפאַר מורא?

— חלילה, נאַדיאַ, — האָט מישא באַמערקט, אַפירקוקנדיק מיט איין אייגל פון הינטערן טיכל אַרויס — כ'האָב פאַר אים קיין מורא נישט, — ווי קומט עס צו אים! — איך האָב נאָר מורא צו האָבן, דאַכט זיך, אַז פאַוועל וואַסילעוויטש וועט מיך גאָר צעבאַלעווען און נישט דערלאָזן דו זאָלסט מיך שטעלן אין ווינקל.

— גלויבט מיר, נאַדעזשדא וואַסילעוונא, — האָט וואָלאָדין באַ־מערקט, צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן — איך וועל אים, מישינ־קען, נישט צעבאַלעווען. בכלל האַלט איך, אַז אַ ייִנגל טאָר מען נישט צעבאַלעווען! זאַט מאַכן, באַקליידן, באַשיכן, — אָבער צעבאַלעווען אים דאָס נישט! איך קאָן אים אויך אַוועקשטעלן אין ווינקל, אָבער נישט נאָך אים צעבאַלעווען. איך קאָן נאָכמער באַווייזן. איר זענט אַ מיידל, ס'הייסט אַ פריילין, איז עס אייך אוודאי פריקרע, אָבער איך קאָן מיר פאַרגינען אים מכבד צו זיין מיט אַ רוט אויך.

— איר וועט מיך ביידע אַוועקשטעלן אין ווינקל, — האָט מישא זיך וויינענדיק צעכליפעט און ווידער פאַרדעקט דאָס געזיכט מיטן

טיכל, — אָט וואָס פאַר אַ מענטש איר זענט, און איר וועט מיך נאָך שלאָגן מיט אַ רוט אויך — ניין, ס׳לוינט מיר נישט, ניין, נאַדיאַ, זאָלסט נישט וואַגן חתונה צו האָבן מיט אַזאַ מענטשן.

— נו, אָט איר הערט. ניין, איך וועל עס אין קיין פאַל נישט טון. — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא פאַרענדיקט.

— מיר קומט אויס זייער מאָדנע, נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא, ווי איר האַנדלט עפּעס, — האָט וואָלאָדין באַמערקט — איך בין צו אייך געקומען אויפריכטיק, מיטן גאַנצן האַרצן. און, מ׳קאָן אפילו זאָגן, מיטן פלאַמענדיקסטן געפיל, און איר רעכנט זיך דאָרט מיט אייער ברודערל גאָר. אויב איר טוט עס אייער ברודערל צוליב, קאָן אַ צווייטע זיך רעכנען מיט איר שוועסטער, אַ דריטע מיט איר פלימעניק, און אַנדערע סתּם מיט זייערע קרובים, און קיינער וועט נישט קאָנען חתונה האָבן, אויף אַזאַ אופן קאָן גאָר ווערן אויס וועלט.

— איר דאַרפט עס זיך נישט נעמען צום האַרצן, פּאַוועל וואַסילעוויטש, — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא באַמערקט — דערווייל זע איך נאָך נישט די סכּנה. איך וויל נישט חתונה האָבן אָן מישאַס הסכּמה, און ער, איר האָט דאָך געהערט, באַשטייט נישט. און פאַרשטענדלעך, איר האָט אים פון ערשטן מאָל שוין צוגעזאָגט צו שמייסן. ווער ווייסט, איר קאָנט מיך נאָך אויך שלאָגן.

— וואָס רעדט איר, נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא, צי נישט־זשע מיינט איר טאַקע, אַז איך וועל מיר עס דערלויבן. — האָט וואָלאָדין פאַרצווייפלט אויסגעשריגן.

נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא האָט אַ שמייכל געטון.

— איך פיל ביי זיך אַליין אויך נאָך נישט קיין באַדערפעניש חתונה צו האָבן. — האָט זי באַמערקט.

— אפשר מיינט איר גאָר צו ווערן אַ מאָנאַשקע? — האָט וואָלאָדין מיט אַ באַליידיקטער שטים איבערגעפרעגט.

— צו די טאָלסטאָווצעס, אפשר, אין זייער סעקטע, — האָט פערעדאָנאָוו פאַריכט — ערד צו פירן.

— צו וואָס דאַרפט איר עס דען האָבן? — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא שטרענג איבערגעפרעגט און זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט, — מיר איז דאָך אויך נישט שלעכט.

וואַלאָדין האָט זיך אויך אויפגעהויבן, אָנגעבלאָזן די אונטער־שטע ליפּ און באַליידיקט אַ זאָג געטון:

— נאָכדעם, ווי מישינקע האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַזעלכע געפילן, און איר ווייזט אים אַרויס, מיטן נאָכפרעגן אייערס, הייסט עס, אַז איך דאַרף זיך אויך אָפּזאָגן פון די לעקציעס דאָ. וואָרום, באמת, ווי אַזוי קאָן איך עס מיט אים לערנען, אַז מישינקע באַציט זיך אַזוי צו מיר.

— חלילה, צוליב וואָס דען? — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא דערקלערט. — וואָס קער זיך איינס צום אַנדערן.

פּערעדאָנאָוו האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף נאָכאַמאָל פּרוּוון אי־בעררעדן מיט דער פריילין, אפשר וועט זי פּאָרט איינגיין. און ער האָט איר אומקלאָר אָנגעמערקט:

— איר, נאַדעזשדא וואַסילעוונא, לייגט זיך די זאַך נאָך איבער. צו וואָס דאַרף מען עס דען אַזוי שנעל, פון דער העלער הויט? ער איז זייער אַ פיינער יונגערמאַן. מיינער אַ פריינט.

— ניין, — האָט נאַדעזשדאַ וואַסילעוונא באַמערקט — וואָס איז פאַראַן דאָ זיך איבערצולייגן! כ'בין זייער גערירט, וואָס פּאַוועל וואַ־סילעוויטש האָט זיך באַמיט מיר אַזויפיל כבוד אַרויסצווייזן, אָבער מיר איז נישט מעגלעך.

פּערעדאָנאָוו האָט בייז אַ קוק געטון אויף וואָלאָדינען און זיך אויפגעהויבן. ער האָט געהאַלטן, אַז וואָלאָדין איז אַ נאַר: ער האָט נישט געקאָנט איינליבן אין זיך דאָס פריילין.

וואָלאָדין איז געשטאַנען נעבן זיין שטול מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט מיט אַ פאָרוורף איבערגעפרעגט:

— הייסט עס, ענטגילטיק, נאַדעזשדא וואַסיליעוונא? עך! אויב אָט אַזוי, — האָט ער באַמערקט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — טאָ זאָל אייך גאָט העלפן, נאַדעזשדא וואַסילעוונא. הייסט עס, אַז אַזאַ ביטער מזל האָב איך שוין. עך! אַ בחור געליבט אַ מיידל, און זי אים נישט. גאָט איז אַן עדות! טאָ וואָס-זשע, וועל איך מיך אויס־וויינען, און אַ סוף.

— איר וואַרפט זיך מיט אַזאַ טייערן מענטשן, און ווער ווייסט, אויף ווען איר קאָנט נאָך אָנטרעפן. — האָט פּערעדאָנאָוו צוגעגעבן.

— עך! — האָט וואָלאָדין נאָכאַמאָל אויסגעשריגן און געלאָזט זיך שוין גיין צו דער טיר. נאָר מיטאַמאָל האָט ער באַשלאָסן זיך צו האַלטן מעשה־מאַנסביל און זיך אומגעקערט — דערלאַנגט די האַנט דער פרייַלין און אפילו דעם קינד מישאַן.

אויף דער גאַס האָט פערעדאָנאָוו בייז געוואָרטשעט. וואָלאָדין איז אים נאָכגעגאַנגען און דעם גאַנצן וועג הויך אויף אַ קול גע־טענהט מיט אַ באַליידיקט־סקריפּעדיק קול, פּונקט ווי אַ שאָפּבאָק, בשעת ער מעקעט:

— פאַרוואָס עפּעס האָסטו זיך אָפּגעזאָגט פון דער לעקציע? — האָט פערעדאָנאָוו געוואָרטשעט. — ס'אַראַ גביר!

— איך, אַרדאַליאָן באָריסיטש, האָב נאָר געזאָגט, אַז אויב אַזוי, וועל איך מוזן זיך אָפּזאָגן פון דער לעקציע, און זי האָט מיר באַ־וויליקט צו זאָגן, אַז מען דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן. און אַזוי ווי כ'האָב אויף דעם גאָרנישט נישט געענטפערט, הייסט עס, אַז זי האָט ביי מיר געפּועלט. און איצט הענגט עס שוין אינגאַנצן אָפּ פון מיר, — וויל איך — זאָג איך זיך אָפּ, — וויל איך — וועל איך ווייטער גיין.

— צו וואָס זיך עפּעס אָפּזאָגן? — האָט פערעדאָנאָוו געטענהט. — גיי אַהין, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געווען.

זאָל ער כאָטש דאָ הנאה האָבן, — האָט פערעדאָנאָוו געטראַכט — וועט ער ווייניקער מקנא זיין.

אומעטיק איז פערעדאָנאָוו געווען אויפן האַרץ. וואָלאָדין איז נאָך אַלץ נישט איינגעאָרדנט, דאַרף מען אים פון אויג נישט אָפּלאָזן, ער זאָל נאָר, חלילה, נישט ווערן צופיל פאַן-בראַט מיט וואַרוואַראַן. מעגלעך נאָך, אַז אַדאַמענקאָ וועט אים ווערן אַ דם־שונא, פאַרוואָס ער האָט איר געשדכנט וואָלאָדינען. זי האָט קרובים אין פעטערבורג: זי קאָן זיי נאָך אָנשרייבן און אים געוויס קאַליע מאַכן.

און דער דרויסן איז אויך געווען אַ מיאוסער. דער הימל אַ פאַרוואָלקנטער, ראָבן זענען געפלויגן און געקראַקעט. געקראַקעט האָבן זיי איבער פערעדאָנאָווס קאָפּ, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט מיט אים און פאָרויסגעזאָגט אים נאָך פרישע, נאָך ערגערע אומאָנ־גענעמלעכקייטן. פערעדאָנאָוו האָט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיטן

שאַרף און געטראַכט, אַז אין אַזאַ דרויסן איז זיך זייער לייכט צו פאַרקילן.

— וואָס איז עס פאַר אַ בלומען, פּאַוולושאַ? — האָט ער איבערגעפרעגט וואָלאָדינען, אָנווייזנדיק אים אויף די געלע בלימלעך ביים פאַרקן פון עמעצנס סאָד.

— דאָס זענען רייסערלעך, אַרדאַשאַ. — האָט וואָלאָדין טרויעריק געענטפערט.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי זיי אינם סאָד וואַקסן אַ סך אַזעלכע בלומען. און ס׳אַראַ שרעקלעכן נאָמען זיי האָבן עס! אפשר זענען זיי גאָר גיפטיקע? אָט קאָן נאָך וואַרוואַרא זיי בעמען און אָנרייסן אַ גאַנצן פּאַק, פאַרקאָכן עס אָנשטאָט טיי, און אים אָפּסמען, — נאָכדעם, אַז דאָס פּאַפּיר וועט שוין אָנקומען, — אָפּסמען אים, כדי אים צו פאַרבייטן מיט וואָלאָדינען. מעגלעך, אַז דאָס איז שוין ביי זיי אָפּגערעדט. אַנדערש, ווי קומט דאָס צו אים צו וויסן, ווי אַזוי דאָס בלימל הייסט.

און וואָלאָדין האָט געטענהט:

— זאָל זי גאָט משפטן! פאַרוואָס האָט זי מיך עפּעס באַליידיקט? זי וואַרט אויף אַן אַריסטאָקראַט, און זי ווייסט גאָרנישט, אַז צווישן די אַריסטאָקראַטן זענען אויך פאַראַן פאַרשידענע מענטשן, — זי קאָן נאָך אַריינפאַלן צו אַזעלכן, וואָס זי וועט נאָכדעם האָבן צו קלאָגן און צו וויינען; און אַ פּשוטער, גאָר געווייגלעכער בשר־ודם וואָלט איר געקאָנט גליקלעך מאַכן, און איך אָט וועל גאָר אַוועקגיין אין קלויסטער און שטעלן אַ ליכטל פאַר איר געזונט. איך וועל מתפלל זיין: גאָט זאָל איר העלפן, אַז דער מאַן זאָל זיין אַ שיכור, און זי שלאָגן מכת-רצח, ער זאָל איר געלט צעטרענצלען און זי איבערלאָזן איבער די הייזער גיין. אָט, דעמאָלט אפשר וועט זי זיך ערשט דערמאָנען אָן מיר, נאָר עס וועט שוין זיין צו שפּעט. זי וועט זיך מיטן קולאַק די אויגן ווישן, זאָגן: אַ נאַר בין איך געווען, וואָס כ׳האָב פּאַוועל וואַסילעוויטשן אָפּגעזאָגט, בישט פאַראַן עמעצער, וואָס זאָל מיך שלאָגן דערפאַר, אַ זעלטענער מענטש געווען.

און גערירט פון זיינע אייגענע רייד, האָבן זיך ביי וואָלאָדינען אין די אויגן געשטעלט טרערן, און ער האָט מיט אַ קולאַק גענומען

די טרערן ווישן פון זיינע שאָפּבאָקישע, בולטע אויגן.

— און דו זעץ איר אַרויס ביינאַכט אַלע שויבן. — האָט פּערע־דאָנאָוו געעצהט.

— עט, זאָל איר גאָט העלפן, — האָט וואָלאָדין טרויעריק באַ־מערקט — מען קאָן מיך נאָך כאַפּן. ניין, און וואָס זאָגסטו צום יונגאַטש! גאָט מיינער, וואָס האָב איך אים אַזוינס געטון, וואָס האָט ער צו מיר? צי האָב איך נישט מיט אַלע כוחות מיך באַמיט אים אַנט־קעגנצוקומען, אים לערנען, און ער האָט מיר מיט שלעכטס באַצאָלט. וואָס פאַר אַ קינד איז עס עפּעס, וואָס קאָן פון אים אויסוואַקסן, ווער ווייסט, די שעה זאָל נישט זיין?

— עך, — האָט פּערעדאָנאָוו בייז אונטערגעברומט — זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיט אַ יינגל, אַ שנעק, עט, שוין איינמאָל אַ חתן!

— איז וואָס, — האָט וואָלאָדין אָפּגעענטפערט — אוודאי בין איך אַ חתן. כ׳וועל מיר אָפּזוכן אַ צווייטע. זאָל זי נישט מיינען, אַז איך וועל נאָך איר קלאָגן.

— עט, אויך מיר אַ חתן! — האָט זיך פּערעדאָנאָוו מיט אים געריצט. — ער האָט נאָך אַ שניפּס אָנגעטון. ווי קומסטו מיט דיין געוואַנטן פּרצוף אויפן ברויט מאַרק. אַ חתן!

— נו, אַ חתן, און דו, אַרדאַשאַ, ביסט דער שדכן, — האָט וואָ־לאָדין מיושב באַמערקט — דו אַליין האָסט מיך גענומען אויף זיכער און גאָרנישט נישט אויסגעפירט, אַי דו שדכן, טפש...

און זיי האָבן זיך ביידע גענומען איינס מיטן אַנדערן רייצן, און אַ לאַנגע צייט זיך איבערגעווערטלט און איבערגעשפּארט, ווי זיי וואָלטן זיך באַראָטן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

אַרויסבאַגלייט די געסט, האָט זיך נאַדעזשדא וואַסילעווונא אומ־געקערט צוריק אין זאַל. מישא איז געלעגן אויפן דיוואַן און האָט געלאַכט. די שוועסטער האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פאַר די אַקסל פונם דיוואַן און אַ זאָג געטון:

— און דו האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז מען טאָר זיך נישט אונ־טערהערן.

זי האָט די הענט אויפגעהויבן און שוין געוואָלט די קליינע

פינגערלעך צונויפלייגן, נאָר מיטאַמאָל האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט, און די קלײנע פינגערלעך זענען געבליבן נישט צונויפגעלייגט. מישא איז צו איר צוגעפאַלן. — זיי האָבן זיך אַרומגענומען און לאַנג געקיילט פון געלעכטער.

— אין פונדעסטוועגן, — האָט זי דערקלערט — פאַרן אונטערהערן זיך מאַרש אין ווינקל.

— נו, נישט דאָס, — האָט מישא באַמערקט — כ׳האָב דיך פון חתן אָפּגעראַטעוועט, דאַרפסטו מיר נאָך דאַנקען דערפאַר.

— אַ פראַגע איז נאָך, ווער וועמען ס׳האָט געראַטעוועט! האָסט געהערט, ווי ער האָט צוגעזאָגט דיך אָפּצושמייסן מיט אַ רוט. נו, מאַרש אין ווינקל.

— טאָ, וועל איך מיך שוין דאָ אַוועקשטעלן. — האָט מישא זיך געבעטן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני ביי דער שוועסטערס פיס און אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר שויס. זי האָט אים געגלעט און געקיצלט. מישא האָט געלאַכט, קריכנדיק אויף די קני איבער דער פאָדלאָגע. פלוצים האָט אים די שוועסטער אָפּגעשטופּט פון זיך און איבערגעזעצט זיך אויפן דיוואַן. מישא איז געבליבן איינער אַליין. ער איז אַ ווײַלע נאָך געשטאַנען אויף די קני און פאַרפרעגט געקוקט אויף די שוועסטער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט באַקוועמער, גענומען פון דער עטאַזשערקע אַ בוך — ווי זי וואָלט זיך קלויבן צו לייענען — און נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן ברודער.

— נו, איך בין שוין מיד. — האָט ער תּחנונימדיק באַמערקט.

— איך האַלט דיך נישט, האָסט זיך אַליין געשטעלט. — האָט די שוועסטער דערקלערט און געשמייכלט פון הינטערן בוך אַפּער.

— נו, אָט בין איך שוין באַשטראָפט, טאָ באַפריי מיך. — האָט מישא געבעטן.

— כ׳האָב דיך דען געשטעלט אויף די קני? — האָט נאַדעזשדא וואַסילעוונאַ מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט איבערגעפרעגט. — וואָס־זשע ווילסטו פון מיר?

— כ׳וועל נישט אויפשטיין, ביז דו וועסט מיר נישט מוחל זיין. נאַדעזשדא וואַסילעוונא האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, זי האָט

אַוועקגעלייגט דאָס בוך און אים צוגעצויגן צו זיך. ער האָט אַ קוויטש געטון און גענומען זי אַרומכאַפּן, שרייענדיק:

— פּאַוולושאַס כּלה!

XVI

דאָס שוואַרצאויגיק ייִנגל האָט אָנגעפּולט ליודמילאַס גאַנץ וועזן. זי פלעגט אָפט זיך דורכשמועסן וועגן אים, מיט די אייגענע און מיט באַקאַנטע, — און אָפטמאָל, נישט גראָד ווען מ׳האָט געדאַרפט. כמעט נאַכט ביי נאַכט האָט זי אים געזען אין חלום, אַמאָל אַ באַשיידענעם און אַ געוויינלעכן, אָבער אָפטער אין אַ ווילדער און פאַרכּישופטער סביבה. דאָס איבערדערציילן אָט די דאָזיקע חלומות אירע איז ביי איר געוואָרן אַ צווייטע נאַטור, און די שוועסטער אידע האָבן שוין אַליין אָנגעהויבן זי איבערפרעגן יעדן פרימאָרגן, ווי אַזוי האָט זיך איר היינט סאַשאַ געחלומט.

דאָס חלומען זיך וועגן אים האָט ביי איר צוגענומען איר גאַנצע פרייע צייט.

זונטיק האָט ליודמילאַ איינגערעדט אירע שוועסטער, זיי זאָלן נאָך דער פרימאָרגן-תּפילה פאַרבעטן קאָקאָווקינאַן צו זיך און זי לענגער פאַרהאַלטן. זי האָט געוואָלט טרעפן סאַשאַן איינעם אַליין. און זי אַליין איז נישט געגאַנגען אין קלויסטער.

— איר זאָלט איר זאָגן, אַז איך בין זיך פאַרשלאָפן. — האָט זי געלערנט די שוועסטער.

די שוועסטער האָבן געלאַכט פון איר איינפאַל, נאָר זיי האָבן איר דאָך געפאָלגט. און זיי האָט עס פּשוט געלוינט, — ליודמילאַ וועט זיך פאַרנעמען מיטן ייִנגל, און די חתנים וועלן בלייבן פאַר זיי.

און זיי האָבן עס דורכגעפירט, ווי זיי האָבן איר צוגעזאָגט. — זיי האָבן די קאָקאָווקינאַ פאַרבעטן צו זיך.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ליודמילאַ שוין געקליבן אַוועקצוגיין, זי האָט זיך אָנגעטון שענער, זיך אַרומגעפּאַרפומירט מיט טוייכן, איידעלן אַטקינסאָנאָווס מאַי-פלאַקאָן, אַריינגעלייגט אין קעשענע

צו זיך אַ נאָך נישט געעפנטן פלאַקאָן מיט פאַרפום, און אין דער אַנדערער אַ קליינעם פולווערריזאַטאָר, זיך שטיל אַוועקגעשטעלט אין זאַל ביים פענסטער הינטער די גאַרדינען, כדי בעסער צו זען, אויב קאָקאָווקינאַ גייט. זי האָט נאָך פריער געטראַכט, אַז מען דאַרף מיט זיך מיטנעמען פאַרפום, — זי האָט געהאַט חשק צו פאַרפומירן דעם גימנאַזיסט, ער זאָל נישט שמעקן מיט זיין פאַרשאָלטענעם לאַטיין, מיט טינט און מיט זיין יינגלישקייט. ליודמילא האָט זייער גערן געהאַט פאַרפומען, זי פלעגט זיי אויסשרייבן פון פעטערבורג. זי האָט שטאַרק גערן געהאַט בלומען. איר צימער האָט שטענדיק געשמעקט מיט עפעס, — מיט בלומען, מיט פאַרפום, מיט נאָדלען, פרילינג מיט פרישע בערעזענע צווייגלעך.

און אָט גייען די שוועסטער און קאָקאָווקינאַ מיט זיי.

ליודמילא האָט זיך מיט פרייד געלאָזט לויפן דורך דער קיךטיר, דורכן גאָרטן און דורכן שמאָלן געסל, כדי קאָקאָווקינא זאָל זי נישט באַמערקן. זי האָט פריילעך געשמייכלט, שנעל געשפאַנט צו דער קאָקאָווקינאס שטוב און שטיפעריש געפאָכעט מיט איר ווייסן שירעם. דער וואַרעמער האַרבסט-טאָג האָט איר פאַרשאַפט פאַרגניגן, און געדאַכט האָט זיך, אַז זי טראָגט מיט זיך און פאַרשפרייט אַרום זיך פרייד.

ביי דער קאָקאָווקינא האָט איר די דינסט געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע איז נישט אינדערהיים. ליודמילא האָט זיך הילכיק צעלאַכט און גענומען שפאַסן מיט דער רויט-באַקיקער מויד, וואָס האָט איר געעפנט די טיר.

— און אפשר נאַרסטו מיך גאָר אָפּ, — האָט זי געטענהט — און אפשר באַהאַלט זיך גאָר דיין באַלעבאָסטע פאַר מיר.

— כי, כי! צו וואָס דאַרף זי זיך עס באַהאַלטן! — האָט די דינסט מיט געלעכטער אָפּגעענטפערט. — אָט גייט אַליין אַריין אין שטוב און גיט אַ קוק, אויב איר גלויבט נישט.

ליודמילא האָט אַריינגעקוקט אין זאַל אַריין און שטיפעריש באַמערקט:

— און ווער וווינט נאָך דאָ? אָ, דער גימנאַזיסט!

סאַשאַ האָט אַרויסגעקוקט פון זיין צימער, ער האָט דערזען

ליודמילאן, זיך דערפרייט,—און פון זיינע פריידעוודיקע אויגן איז ליודמילאן געוואָרן נאָך פריילעכער. זי האָט איבערגעפרעגט:

— און ווו איז אָלגאַ וואַסילעוונא?

סאַשאַ האָט געענטפערט:

— זי איז נישטאָ אינדערהיים. זי איז פון קלויסטער ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. אָט בין איך שוין געקומען און זי נאָך נישט.

ליודמילא האָט זיך געמאַכט, ווי זי איז פאַרוווּנדערט. זי האָט געפּאָכעט מיטן שירעם און מיט פאַרדרוס געטענהט:

— ווי איז עס מעגלעך, אַלע זענען שוין פון קלויסטער אַוועק. אַלע זענען שוין אינדערהיים, און דאָ נאַדיר גאָר, אַ נישטאָ. דאָס מוזט איר יונגער קלאַסניק אַזוי וויוועו, אַז די אַלטע, נעבעך, קאָן שוין אפילו אין שטוב נישט איינזיצן?

סאַשאַ האָט שווייגנדיק געשמייכלט. ליודמילאס קול, ליודמילאס הילכיק געלעכטער האָבן אים פריילעך געמאַכט. ער האָט איבערגעטראַכט, ווי צו מאַכן עס געשיקטער, אַז ער זאָל זי קאָנען באַגלייטן, — פאַרברענגען מיט איר נאָך עטלעכע מינוט, זי זען, זי הערן.

אָבער ליודמילא האָט גאָרנישט געטראַכט אַוועקצוגיין. זי האָט אַ קוק געטון אויף סאַשאַן מיט אַ הינטערליסטיק געלעכטערל און אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס בעט איר מיך עפּעס נישט זיצן, דערצויגענער יונגערמאַנטשיק? אפשר בין איך גאָר מיד! לאָזט מיך דאָ אַ ווייל אָפּרוען.

און זי איז אַריין אין זאַל, מיט אַ געלעכטער, גלעטנדיק סאַשאַן מיט אירע פלינקע, צאַרטע אויגן. סאַשאַ האָט זיך פאַרשעמט, זיך פאַררויטלט, זיך דערפרייט, — זי וועט דאָ בלייבן מיט אים!

— איר ווילט, וועל איך אייך אָנפּאַרפומירן? — האָט ליודמילא לעבעדיק איבערגעפרעגט. — איר ווילט?

— אָט וואָס פאַרא איר זענט עס! — האָט סאַשאַ אויסגעשריגן. — שוין אויפן אָרט און שוין פאַרשמירן מיך! אָט סאַראַ שלעכטע איר זענט עס!

ליודמילא האָט זיך הילכיק צעלאַכט און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל פון שטול.

— פאַרפומירן! — האָט זי געלאַכט. — נאַרל! ער האָט מיך אסור

פֿאַרשטאַנען. איך וויל אײַך חלילה נישט פֿאַרשמירן מיט די הענט נאָר מיט פּאַרפֿומען.

סאַשאַ האָט שפּאָטיש באַמערקט:

— אַ, מיט פּאַרפֿומען! נו, דאָס איז דווקא נישט אַזוי שלעכט.

ליודמילאַ האָט פֿון קעשענע אַרויסגענומען דעם פּולווערזאַטאָר, אַ דרײַ געטון פֿאַר סאַשאַס אויגן אַ שײַנטשיק פֿלעשעלע פֿון טונקל-רויט מיט גאָלדענע גלאָז-אויזערן, מיט אַ גומעלע און אַ בראָנזן שפּריצערל און האָט באַמערקט:

— איר זעט, כ'האָב געקויפֿט אַ נײַעם פּולווערזאַטאָר.

נאָכדעם האָט זי פֿון דער צווייטער קעשענע אַרויסגענומען אַ גרויסן פֿלאַקאָן פּאַרפֿום מיט אַ טונקל-פֿאַרביקן קאַפּסל, — פּאַריזער גערלעאַנאָווס פּאַ-ראָזאַ. סאַשאַ האָט באַמערקט:

— סאַראַ טיפּע קעשענעס!

ליודמילאַ האָט פֿריילעך געענטפֿערט:

— נו, מער איז דאָרט שוין גאָרנישט נישט פֿאַראַן, קיין לעקעך האָב איך אײַך נישט געבראַכט.

— לעקעך. — האָט סאַשאַ שפּאָטיש איבערגעחזרט.

ער האָט מיט נײַגיר צוגעקוקט זיך, ווי אַזוי ליודמילאַ האָט אויפֿגעמאַכט דאָס פֿלעשל פּאַרפֿום, און אַ פֿרעג געטון:

— ווי אַזוי-זשע וועט איר עס איבערגיסן אָן אַ ליעקל?

ליודמילאַ האָט פֿריילעך דערקלערט:

— נו, אַ ליעקל, דאָס זעט איר, וועט איר שוין מיר מוזן דערלאַנגען.

— אַז איך האָב נישט. — האָט סאַשאַ באַמערקט אַ שעמעוודיקער.

— ווי אײַך ווילט זיך, נאָר אַ ליעקל מוזט איר מיר שאַפֿן. — איז ליודמילאַ מיט אַ געלעכטער, באַשטאַנען.

— כ'וואָלט געקאָנט נעמען בײַ מאַלאַניאַן, איז עס אָבער פֿון נאַפֿט. — האָט סאַשאַ באַמערקט

ליודמילאַ האָט זיך פֿריילעך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— אָך, איר אומפֿאַרשטענדיקער יונגערמאַנטשיק! גיט אַהער אַ שטיקל פּאַפּיר, אויב אײַך איז נישט קיין שאָד, — און אָט וועט מען מאַכן אַ ליעקל.

— אָך, בנאמנות! — האָט סאַשאַ פרייִדעוודיק אויסגעשריגן — מען קאָן עס דאָך טאַקע מאַכן פון פּאַפּיר. אָט באַלד ברענג איך אַריין.

סאַשאַ איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער.

— פון אַ העפט אַרויס מעג מען? — האָט ער פון דאָרט אַרויסגעשריגן.

— אַלציינס, — האָט ליודמילאַ פריילעך אָפּגעענטפערט — פון מייַנעטוועגן קאָנסט איר אפילו פון אַ ביכל אַרויסרייסן, פון דער לאַטייַנישער גראַמאַטיק, — מיך אַרט עס נישט.

סאַשאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און אויסגעשריגן:

— חלילה, כ'וועל שוין בעסער אויסרייסן פון אַ העפט...

ער האָט אויסגעזוכט אַ ריין העפט, אויסגעריסן פון דער מיט אַ בלעטל פּאַפּיר און זיך געקליבן דערמיט אַריינצולויפן אינם זאַל, — נאָר ליודמילאַ איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל.

— באַלעבאָס, מען קאָן אַריין צו דיר? — האָט זי שטיפעריש איבערגעפרעגט.

— ביטע, מיך פרייט עס זייער! — האָט סאַשאַ פריילעך געענטפערט.

ליודמילאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טיש, געמאַכט פון פּאַפּיר אַ ליעקל און מיט אַ באַשעפטיקט-זאָרגעוודיקער מינע זיך גענומען איבערצוגיסן די פּאַרפומען פון פלעשעלע אינם פּולווערויזאַטאָר אַריין. דאָס פּאַפּירל איז פון אונטן און ביי דער זייט, ווו דער שטראָם איז געפלאָסן, געוואָרן דורכגענעצט און טונקל. די פיין-שמעקעוודיקע פליסיקייט האָט זיך פאַרהאַלטן און איז גערונען זייער פּאַמעלעך. דער פּילט האָט זיך אַ האַרציקער און זיסער ריח פון רויזן, צונויפגעמישט מיט אַ שאַרפן גערוך פון שפּירט.

ליודמילאַ האָט איבערגעגאָסן אַ האַלבן פלאַקאָן אין פּולווערויזאַטאָר אַריין און זיך אָפּגערופן:

— נו, אָט און אַ סוף.

און זיך גענומען צו פאַרשרויפן דעם פּולווערויזאַטאָר. נאָכדעם האָט זי צונויפגעקנוילט דאָס פּאַפּירל און גענומען זיך רייבן איין דלאָניע אין דער אַנדערער.

— גיב אַ שמעק.—האָט זי געזאָגט צו סאַשאַן און אים צוגעטראָגן צו דער נאָז איר דלאָניע.

סאַשאַ האָט זיך אָנגעבויגן, צוגעמאַכט די אויגן און אַ שמעק געטון. ליודמילא האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, אים דערלאַנגט אַ פּעטשל מיט דער דלאָניע איבער די ליפּן און פאַרהאַלטן איר האַנט אויף זיין מויל. סאַשאַ איז רויט געוואָרן און אַ קוש געטון איר וואַרעמע, שמעקעדיקע דלאָניע מיט אַ צאַרטער באַרירונג פון זיינע ציטערנדיקע ליפּן. ליודמילא האָט אַ זיפץ געטון, אַ צאַרטער צוק איז דורכגעלאָפן איבער איר חנעוודיק געזיכט און האָט זיך ווידער פאַרביטן אויפן געוויינלעכן אויסדרוק פון גליקלעכער פריידעוודיקייט.

— נו, און איצט האַלט זיך, וועל איך דיך נעמען באַשפּריצן.— האָט זי אים באַפוילן און אַ קוועטש געטון דאָס גומענע קניילעכל.

אַ פיינשמעקעוודיקער שטויב האָט אַ שפּריץ געטון, זיך צעדרויבלט און פונאַנדערגעשפּרייט אין דער לופט אויף סאַשאַס בלוזע. סאַשאַ האָט געלאַכט און זיך אויסגעדרייט, ווהין ליודמילא האָט אים געקערעוועט.

—עס שמעקט עפּעס גוט? האַ? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— זייער פיין, — האָט סאַשאַ פריילעך געענטפערט — און ווי אַזוי הייסט דער פאַרפום?

— ס'אַר אַ פיצל קינד: אָט לייען איבער דעם עטיקעט, וועסטו וויסן. — האָט זי מיט אַ שפּאָטישער שטים דערקלערט.

סאַשאַ האָט איבערגעלייענט און באַמערקט:

— אָט דערפאַר פילט זיך עס מיט רויזנאייל.

— מיט אייל! — האָט ליודמילא מיט אַ פאָרוורף לייכט אַ קלאַפּ געטון סאַשאַן איבער דער פּלייצע.

סאַשאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ קוויטשל און אַרויסגעשטעקט אַ שפּיץ-צינגל.

ליודמילא האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען איבערקוקן סאַשאַס לערנביכער און העפטן.

— מען קאָן אַ קוק טון? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— פאַרוואָס נישט. — האָט סאַשאַ באַמערקט.

— ווו זענען דיינע איינס און נולן, ווייז.

סאַשאַ האָט אַ באַליידיקטער געענטפערט:

— דערווייל האָט איך נאָך נישט זוכה געווען צו אַזעלכע צאַצקעס.

— נו, מאָל דיר, אַז דו ליגסט, — האָט ליודמילא זיכער צוגעגעבן — ביי איך איז שוין אַזוי איינגעפירט, — אַ שטעקעלע מוז יעדערער האָבן. האָסט עס, אפנים, פאַרבאַהאַלטן.

— סאַשאַ האָט שווייגנדיק געשמייכלט.

— לאַטיין און גריכיש, — האָט ליודמילא דערקלערט — זיי שטייען איך ווי אַ ביין אין האַלז.

— ניין, פאַרוואָס עפּעס. — האָט סאַשאַ אָפּגעענטפערט, אָבער באַמערקט האָט זיך, אַז דער בלויזער געשפּרעך וועגן לערנביכער וואַרפט שוין אויף אים אָן דעם געוויינלעכן אומעט. — אמת, אומעטיקלעך אַ ביסל צו חזרן, — האָט ער זיך מודה געווען — נאָר גאָרנישט, כ'האָב אַ ווילן זכרון. נאָר אָט, מאַטעמאַטיק — דאָס האָב איך גאָר גערן.

— קום אַ ביסל צו מיר מאָרגן נאָך מיטאָג. — האָט ליודמילא אים פאַרבעטן.

— איך דאַנק, איך וועל קומען. — האָט סאַשאַ דערקלערט און זיך צערויטלט.

אים האָט הנאה געטון, וואָס ליודמילא האָט אים פאַרבעטן צו זיך.

— ווייסט, ווו איך וווין? וועסט קומען? — האָט ליודמילא איבערגעפרעגט.

— איך ווייס. גוט, איך וועל קומען. — האָט סאַשאַ פריילעך באַמערקט.

— זאָלסטו טאַקע קומען, — האָט ליודמילא שטרענג איבערגעחזרט — איך וועל וואַרטן, הערסט!

— און אַז מען וועט אונז אויפגעבן אַ סך לעקציעס? — האָט סאַשאַ איבערגעפרעגט, מער פון ערלעכקייט וועגן, איידער אין דער אמתן, אַז די לעקציעס קאָנען אים צוריקהאַלטן נישט צו קומען.

— נו, נאַרישקייטן, פונדעסטוועגן קום, — האָט ליודמילא באַשטאַנען אויף אירס — מען וועט דיך דערפאַר נישט הרגענען, חלילה.

— און צוליב וואָס? — האָט סאַשאַ מיט אַ געלעכטער איבער־געפרעגט.

— אַזוי דאַרף מען עס. קום איך וועל דיר עפעס דערציילן, עפעס ווייזן, — האָט ליודמילא דערקלערט און דערביי אונטערגע־שפרונגען, צוגעזונגען, אונטערהויבנדיק דאָס קליידל און אויסשטרעקנ־דיק אירע רויזע פינגערלעך — קום, ליבינקער, זילבערינקער, גאָלדינקער.

סאַשא האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— און איר זאָגט עס מיר בעסער היינט. — האָט ער געבעטן.

— היינט טאָר מען נישט. און פאַרוואָס עפעס דיר היינט זאָגן? — וועסט שוין דעמאָלט נישט קומען צו מיר מאָרגן, וועסט טענהן: צוואָס?

— נו, גוט, כ׳וועל קומען, זיכער, אויב נאָר מען וועט מיך לאָזן!

— נאָך וואָס, געוויס וועט מען לאָזן! מען האַלט אייך דען צו־געבונדן אויף אַ שטריקל, וואָס?

אָפגעזעגנענדיק זיך, האָט ליודמילא אַ קוש געטון סאַשאַן אין שטערן און אויפגעהויבן איר האַנט צו סאַשאַס ליפן, — ער האָט איר געמוזט אַ קוש־טון. און סאַשאַן איז אָנגענעם געווען נאָכאַמאָל אַ קוש צו טון די ווייסע, צאַרטע האַנט, — און עפעס אַזוי שעמעוודיק. ווי אַזוי־זשע זאָל ער עס נישט רויט ווערן!

און ליודמילא האָט אַוועקגייענדיק אונטערגעשמייכלט עפעס אַזוי שפּאָטיש און צאַרט.

און עטלעכע מאָל האָט זי זיך אומגעקוקט.

„ס׳אַראַ ליבלעכע!״ — האָט סאַשאַ געטראַכט.

ער איז איבערגעבליבן איינער אַליין.

„ווי גיך עפעס זי איז עס אַוועק! — האָט ער איבערגע־טראַכט. — זי האָט זיך מיטאַמאָל אָפגעטראָגן און נישט דערלאָזט זיך אומצוקוקן צומאָל און שוין איז זי נישט פאַראַן. וואָלט זי כאָטש נאָך אַ ווײַלע געבליבן!״ — האָט סאַשאַ געטראַכט, און אים האָט באַנג גע־טון, פאַרוואָס ער האָט איר נישט פאָרגעלייגט זי צו באַגלייטן.

„כ׳וואָלט מיך נאָך אַביסל דורכגעגאַנגען מיט איר?״ — האָט

סאַשאַ געחלומט. — „און אפשר איר גאָר אַניאָגן? איז זי דען שוין אַזוי ווייט אַוועק? מען גיט אַ לויף אונטער, קאָן מען זי גלייך דעריאָגן".

„זי וועט זיכער פון מיר לאַכן? — האָט סאַשאַ איבערלייגט. — און ווער ווייסט, אפשר וועל איך איר גאָר שטערן?"

און אָט אַזוי האָט ער באַשלאָסן נישט נאָכצולויפן. אים איז עפּעס געוואָרן אומעטיק און נישט היימלעך. אויף די ליפּן האָט שוין דער צאַרטער געפיל פונם קוש אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, און אויפן שטערן האָט נאָך איר קוש קוים געטליעט.

„ווי צאַרט זי קושט עס!" — האָט סאַשאַ פאַרחלומט איבער־געקלערט. — „עפּעס אַזוי ווי אַ ליבלעכע שוועסטער".

סאַשאַס באַקן האָבן געפלאַמט. אים איז געווען אַ בזיון און זיס. אומקלאָרע חלומות האָבן זיך צעבליט.

„ווען זי וואָלט געווען מיין שוועסטער!" — האָט סאַשאַ צאַרט געחלומט. — „און מען וואָלט געקאָנט קומען צו איר, זי אַרומנעמען, זאָגן אַ ליב וואָרט, רופן זי: ליודמילאטשקע, טייערינקע! אָדער עפּעס גאָר מיט אַן אַנדערן, באַזונדערן, צאַרטלעכן נאָמען, — בובוש אָדער גאָר בובושל. און זי זאָל זיך אָפּרופן דערויף. אָט ווי גוט וואָלט עס געווען."

נאָר עט, — האָט סאַשאַ טרויעריק געטראַכט — זי איז אַ פרעמדע. אַ ליבע, אָבער פאָרט אַ פרעמדע. זי איז אַריין און אַוועק, און זי טראַכט שוין אוודאי נישט מער פון אים. זי האָט בלויז אי־בערגעלאָזן אַ זיסן גערוך פון מאַי און רויזן, און אַ געפיל פון צוויי צאַרטע קושן, — און אַן אומקלאָרע אויפרעגונג אין דער נשמה, וואָס וועקט צום לעבן אַ זיסן חלום, אָט ווי די כוואַליע פון אַפראָדיטאַן.

אינגיכן איז קאָקאָווקינא צוריקגעקומען.

— אוף, ווי שאַרף עס שמעקט דאָ! — האָט זי באַלד באַמערקט.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן.

— ליודמילאטשקע איז דאָ געווען, — האָט ער דערקלערט — און אייך נישט געטראָפן, זי איז דאָ געזעסן אַביסל, מיך אָנגעפּאַר־פומירט און איז אַוועק.

— ווי צאַרט! — האָט די אַלטיטשקע מיט פאַרוווּנדערונג אַ

זאָג געטון. — שוין ליודמילאטשקע גאָר!

סאַשאַ האָט זיך פאַרשעמט צעלאַכט און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער. און קאָקאָווקינא האָט זיך געטראַכט, אַז די שוועסטער רוטילאָוו זענען שוין איינמאָל פריילעכע און ליבלעכע פריילינס, — זיי קאָנען אויסנעמען ביי יונג און אַלט.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי איז סאַשאַן זייער פריילעך געווען פונם אייניקן געדאַנק, אַז מ׳האָט אים פאַרבעטן. אינדערהיים האָט ער שוין מיט אומגעדולט געוואַרט אויפן מיטאָג. נאָכן עסן איז ער אַ רויטער צוגעגאַנגען צו דער קאָקאָווקינא און איר געבעטן, זי זאָל אים דערלויבן צו גיין ביז זייגער זיבן צו די רוטילאָווס. קאָקאָווקינא האָט זיך פאַרחידושט, נאָר זי האָט עס אים דערלויבט.

סאַשאַ איז אַוועקגעלאָפן אַ פריילעכער, — ער האָט זיך גלייך געקעמט און אפילו אָנגעשמירט זיך מיט פאָמאַדע די האָר. ער האָט זיך דערפרייט און עטוואָס זיך געקאָכט, גראָד ווי פאַר עפּעס אַ געשעניש, אַ ווילדטיקע און אַ ליבע. און אים איז אָנגענעם געווען צו טראַכטן, אַז אָט וועט ער אַריין, אַ קוש טון די האַנט ביי ליודמילאַן, און זי וועט אים אַ קוש טון אין שטערן, — און נאָכדעם, בשעתן אַוועקגיין, וועט מען זיך נאָכאַמאָל קושן. אים האָט זיך געחלומט וועגן ליודמילאַס ווייסע, צאַרטע האַנט.

אינם פאָרצימער האָבן אים באַגעגנט אַלע דריי שוועסטער. זיי האָבן דאָך עפּעס גערן געהאַט צו זיצן ביים פענסטער און אַרויסקוקן, און דערפאַר האָבן זיי נאָך געהאַט באַמערקט פונדערווייטנס. פריילעכע, אויסגעפּוצטע, הילכדיק־פלאַפלענדיקע, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט מיט אַ צעווילדעוועטן שטורעמווינט פון פרייד, — און אים איז מיטאַמאָל געוואָרן מיט זיי עפּעס לייכט און אָנגענעם.

— אָט איז ער דער געהיימניספולער יונגערמאַנטשיק! — האָט ליודמילא פריידעווודיק אויסגעשריגן.

סאַשאַ האָט איר אַ קוש געטון אין דער האַנט און געטון האָט ער עס בריהש און מיט גרויס פאַרגניגן. ער האָט שוין אויך אַ קוש געטון דאַריאַן און וואַלעריאַן אין די הענט, — מען טאָר זיי דאָך נישט פאַרטיילן, — און ער האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז אויך זייער אָנגענעם. ווער שמועסט נאָך, אַז זיי אַלע דריי האָבן אים

געקושט אין באַק, — דאַריא הילכיק, נאָר גלייכגילטיק, פונקט ווי אַ ברעט, וואלעריא צאַרט, — מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, — קלוגיטשקע אויגן. — לייכט אַ ריר געטון און שטילינקערהייט זיך צוגערירט מיט די לייכט פריידעווודיקע ליפּן — עפּעס אַזוי ווי די צאַרטע בליטן פון אַן עפּלבוים, אַ שמעקעוודיקער איז ער געפאַלן אויף סאַשאַס באַק, — און ליודמילא האָט אַ טשמאָק געטון פריילעך, פריידעוודיק און שטאַרק.

— ס׳איז מיין גאַסט. — האָט זי זיכער דערקלערט, גענומען סאַשאַן פאַרן אַקסל און אַריין מיט אים צו זיך.

דאַריא איז גלייך בייז געוואָרן.

— אָ, דיינער, פּאָ קוש זיך מיט אים! — האָט זי מיט כּעס אַ געשריי געטון. — געפונען זיך אַן אוצר! קיינער וועט אים נישט אויסכאַפּן ביי דיר, חלילה.

וואלעריא האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. זי האָט בלויז אַ שמייכל געטון, — אַ מציאה אַביסל צו רעדן מיט אַ ייִנגל! וואָס פאַרשטייט ער דען, מ׳שטיינס געזאָגט?

און ליודמילאס צימער איז געווען גענוג גרויס, פריילעך און ליכטיק פון די צוויי גרויסע פענסטער צום סאָד אַרויס, וואָס זענען געווען פאַרהאָנגען מיט געלבלעך-דורכזיכטיקע פאָרהאַנגלעך. געשמעקט האָט מיט זיסקייט. אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין צימער, זענען געווען העל און אויסגעפּוצט. די שטולן און בענקלעך באַדעקט מיט העלן גאָלד-געלן שטאָף מיט ווייסע אויזערן. מערקן האָבן זיך געלאָזט כּלערליי פלעשלעך מיט פּאַרפום און אָדעקאָלאָן, ביינקעלעך, פודעלעך, פּעכערס, און עטלעכע פראַנצויזישע און רוסישע ביכער.

— און איך האָב דיך היינט ביינאַכט געזען אין חלום, — האָט ליודמילא לאַכנדיק דערציילט — דו ביסט כּלומרשט געשווומען נעבן דער שטאָטבריק, און איך בין אויף דער בריק געזעסן און דיך מיט אַ ווענטקע געכאַפּט.

— און איר האָט מיך אַריינגעלייגט אין אַ סלאָי, וואָס? — האָט סאַשאַ שפּאָטיש איבערגעפרעגט.

— צוואָס עפּעס אין אַ סלאָי?

— וווּ דען?

— וווּ? כ׳האָב דיר אָנגעדרייט גוט די אויערן און דיך צוריק אין טייך אַרײַנגעוואָרפֿן.

און ליודמילאַ האָט הילכיק און לאַנג געלאַכט.

— אַזוי גאָר! — האָט סאַשאַ באַמערקט. — און וואָס האָט איר מיר עפּעס היינט געוואָלט דערציילן?

ליודמילאַ האָט געלאַכט און אים נישט אָפּגעענטפֿערט.

— איר האָט מיך אָפּגענאַרט, — האָט זיך סאַשאַ אָנגעשטויסן — און איר האָט מיר צוגעזאָגט נאָך עפּעס צו ווייזן אויך. — האָט ער מיט אַ פֿאָרוווּרף באַמערקט.

— איך וועל דיר ווייזן! ווילסט עסן? — האָט ליודמילאַ איבערגעפֿרעגט.

— כ׳האָב שוין געגעסן, — האָט סאַשאַ דערקלערט — אָט ווי איר קאָנט אָפּנאַרן!

— נויטיק מיר אַוודאי דיך אָפּצונאַרן. עפּעס פֿילט זיך פֿון דיר פּאָמאַדע? — האָט ליודמילאַ פּלוצים איבערגעפֿרעגט.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן.

— איך קאָן נישט פֿאַרליידן קיין פּאָמאַדע! — האָט ליודמילאַ מיט פֿאַרדרוס דערווידערט. — אָנגעפּאָמאַדעוועטע פֿריילין!

זי האָט מיט איר האַנט אַ פֿיר געטון איבער זיינע האָר, איינגעפּעצט די האַנט און לייכט אים דערלאַנגט אַ פּעטשל איבער דער באַק.

— זאָלסט עס מער נישט וואַגן צו טון! — האָט זי אים קלאָר געמאַכט.

סאַשאַ האָט זיך פֿאַרלוירן.

— נו, גוט, כ׳וועל עס שוין מער נישט מאַכן — האָט ער צוגעגעבן — ס׳אַראַ שטרענגע איר זענט עס! אָט באַשמירט איר זיך דאָך מיט פּאַרפֿומען!

— פּאַרפֿום איז נישט קיין פּאָמאַדע. נאַריש ייִנגל וואָס דו ביסט! געפֿונען אַ פֿאַרגלייכעניש, — האָט ליודמילאַ מיט אַן איבערצייגנדיק קול דערקלערט — איך פּאָמאַדע זיך קיינמאָל נישט. צוואָס עפּעס די האָר פֿאַרפּאַכן! פּאַרפֿום איז עפּעס אַנדערש. קום,

ווער איך דיך אָנפאַרפומירן. ווילסט? מיט מאַי דיך אָנפאַרפומירן — ווילסט?

— איך וויל גערן. — האָט סאַשאַ מיט אַ שמייכל באַטאָנט.

אים איז אָנגענעם געווען צו טראַכטן, אַז ער וועט אַהיימ־ברענגען אַן אַראָמאַט און וועט דערמיט נאָכמער פאַרחידושן קאָקאָווקינאַן.

— ווער וויל? — האָט ליודמילא איבערגעפרעגט און גענומען אין האַנט אַ פלעשל מיט מאַי, קוקנדיק אויף סאַשאַן מיט אַ פארפרעגטן, קלוגיטשקן בליק.

— איך וויל. — האָט סאַשא איבערגעחזרט.

— דו ווילסט? בילסט? אָט אַזוי! בילסט? — האָט זיך ליודמילא פריילעך געררייצט.

סאַשאַ און ליודמילא האָבן פריילעך געלאַכט.

— האָסט שוין נישט מורא, אַז איך וועל דיך פאַרשמירן? — האָט ליודמילא איבעגעפרעגט. — געדענקסט ווי דו האָסט נעכטן מורא געהאַט?

— כ׳האָב גאָרנישט מורא געהאַט. — איז סאַשאַ רויט געוואָרן און מיט מוט געענטפערט.

ליודמילא האָט געלאַכט און אָפגעשפעט פונם יינגל און גענו־מען אים באַשפריצן מיט מאַי. סאַשאַ האָט געדאַנקט און איר ווידער אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— און שער זין אָפּ! — האָט ליודמילא באַפוילן, — צו וואָס דאַרף מען דען טראָגן אַזעלכע לאַנגע לאָקן! שרעקן פערד אין די גאַסן.

— נו, גוט, כ׳וועל זיך אַרומשערן, — האָט סאַשאַ איינגעשטימט — סאַראַ שטרענגע דאָס איז! כ׳האָב נאָך קורצינקע האָר, קוים נומער איינס, דער אינספעקטאָר אפילו האָט נאָך גאָרנישט באַמערקט.

— כ׳האָב גערן יונגע לייט, וואָס טראָגן קורץ די האָר, נעם עס דיר אין זינען אַריין, — האָט ליודמילאַ וואַזשנע דערקלערט און אים אַ מאַך געטון מיטן פינגער — און איך בין דיר נישט קיין אינספעקטאָר, מיך דאַרף מען פאָלגן.

פון דעמאָלט אָן האָט ליודמילא אָנגעהויבן אָפטער אַריינצוקו־מען צו קאָקאָווינאַן, כדי צו טרעפן זיך מיט סאַשאַן. זי האָט זיך

באַמיט, דערהויפּט אין דער ערשטער צייט, צו קומען אַהין דעמאָלט, ווען קאַקאָווקינא איז אינדערהיים נישט געווען. צומאָל פלעגט זי אפילו זיך לאָזן אויף פאַרשידענע שפּיצלעך, — אַרויסנאַרן די אַלטע פון דער שטוב.

איינמאָל האָט איר דאַריאַ אַ זאָג געטון:

— עך, דו, שרעקעוודיקע, אַזוינע! האָסט מורא פאַר דער אַלטער. אַט לאָמיר זען, גיי אַריין, ווען די אַלטע איז אינדערהיים, און פיר אים אַוועק שפּאַצירן.

ליודמילא האָט געפאָלגט. און אָנגעהויבן שוין צו גיין, ווען נאָר איר האָט זיך פאַרוואָלט. אַז זי פלעגט אָנטרעפן קאָקאָווינאַן אינדערהיים, פלעגט זי דאָרטן זיך זאמען אַ ווײַלע און אַוועקפירן סאַשאַן מיט זיך שפּאַצירן, — זי פלעגט אים אָבער דעמאָלט זייער ווייניק אויפהאַלטן.

אינגיכן זענען ליודמילא און סאַשאַ געוואָרן גוטע פריינט,—זיך פאַרבונדן מיט עפּעס אַ צאַרטער, נאָר אומרויקער פריינטשאַפט. פאַר זיך אַליין נישט באַמערקט, האָט ליודמילא דערוועקט אין סאַשאַן פריי־צייטיקע, דערווייל נאָך אומדייטלעכע תשוקות און תאוות.

סאַשאַ פלעגט אָפט קושן ליודמילאַן אין די הענט, — דינע, בייגעוודיקע, באַדעקט מיט אַ צאַרטער, שטייפער הויט, — דורך איר געלבלעך־ראָזע געוועב האָבן זיך דורכגעלויכטן צעשלענגלטע בלויע אָדערלעך. און העכער, — לאַנגע, שלאַנקע,—ביזן עלנבויגן איז לייכט געווען צו קושן, עטוואָס פאַרקאַטשנדיק די ברייטע אַרבל.

סאַשאַ פלעגט צומאָל פאַרהוילן פון קאָקאָווקינאַן, אַז ליודמילא איז דאָ געווען. ער האָט נישט געלייקנט, — ער פלעגט עס נאָר פאַרשוויגן. און ווי אַזוי האָט ער דען געקאָנט פאַרלייקענען — די דינסט וואָלט עס דאָך געקאָנט דערציילן. און אינגאַנצן פאַרשוויגן ליודמילאַס באַזוכן איז סאַשאַן געווען זייער שווער: — ליודמילאַס געלעכטער האָט אַזוי האַרציק געקלונגען אין זיינע אויערן. עפּעס האָט זיך געוואָלט וועגן איר רעדן און רעדן — און דערציילן איז עפּעס פאָרט נישט געווען צום האַרצן.

סאַשאַ האָט זיך שנעל באַפריינטלט אויך מיט די איבריקע

שוועסטער, זיי אַלעמען געקושט אין דער האַנט און אין גיכן האָט ער זיי אפילו אָנגעהויבן צו רופן: — דאשענקא, לידמילאשקא און וואַלעריאָטשקא.

XVII

לידמילא האָט באַגעגנט סאַשאַן אין דער גאַס און אים באַמערקט:

— מאָרגן איז דער דירעקטאָרשערס עלטערע טאָכטערס געבורטס־טאָג — דיין אַלטיטשקע וועט אַהינגיין?

— כ׳ווייס נישט. — האָט סאַשאַ דערקלערט.

און אַ פריידעוודיקע האָפנונג האָט שוין זיך אַ ריר געטון אין זיין נשמה, און נישט בלויז אַ האָפנונג, נאָר אַ ווילן. קאָקאָווינא וועט אַוועקגיין, און לידמילא וועט דעמאָלט אַריין צו אים און פאַרברענגען מיט אים.

אָוונט האָט ער דערמאָנט קאָקאָווקינאַן וועגן דעם מאָרגנדיקן געבורטסטאָג.

— כ׳האָב שיר נישט פאַרגעסן. — האָט קאָקאָווקינאַ באַדאַנקט. — כ׳וועל אוודאי גיין. ס׳אַראַ טייער, ליב קינד.

און באמת, ווי סאַשאַ איז נאָר צוריקגעקומען פון דער גימנאַזיע, איז קאָקאָווינא גלייך אַוועק צו כריפאַטשן. סאשאַ האָט זיך געפרייט ביים איינציקן געדאַנק, אַז דאָס מאָל האָט זיך אים איינגעגעבן אַוועקצושיקן קאָקאָווקינאַן פון דערהיים. ער איז שוין געווען זיכער, אַז לידמילא וועט שוין געפינען צייט אַריינצוגיין צו אים.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען — לידמילא איז געקומען. זי האָט אַ קוש געטון סאַשאַן אין באַק. אים דערלאַנגט אַ קוש צו טון די האַנט און זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט. און ער איז שטאַרק רויט געוואָרן. פון לידמילאס קליידער האָט זיך געפילט אַ פייכטלעכער, זיסער בלומען־אַראָמאַט—ראָזיריס—אַ לייבלעכער און תאוודיקער איריס דורכגעמישט מיט זיס־חלומדיקע רויזן.

לידמילא האָט מיט זיך געבראַכט אַ שמאָל פידעלע אין אַ דין פאַפירל, דורך וועלכן עס האָט זיך געזען אַ געלבלעך געמעל. זי האָט זיך צוגעזעצט. אַוועקגעלייגט דאָס פודעלע צו זיך אויף דער

שויס און הינטערליסטיק אַ קוק געטון אויף סאַשאַן.

— טייטלען האָסטו גערן? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— זייער גערן. — האָט סאַשאַ אָפּגעענטפערט מיט אַ שפּאָטישן גרימאַס.

— אויב אַזוי וועל איך דיך מכבד זיין. — האָט לִיודמילא וואַזשנע באַמערקט.

זי האָט אויפגעבונדן דאָס פּודעלע און זיך אָנגערופן:

— עס!

און אַליין האָט זי אַרויסגענומען פון פּודעלע אַ פּרי, זי אַרייַנגעלייגט סאַשאַן אין מויל, און נאָך יעדער פּרי האָט זי אים געבייט, ער זאָל איר קושן אין דער האַנט. סאַשאַ האָט אַ זאָג געטון:

— די ליפּן זענען דאָך זיס!

— איז וואָס־זשע, אַז זיי זענען זיס, — קוש דיר געזונטינקערהייט, — האָט לִיודמילא פרייַלעך געענטפערט — איך האָב נישט קיין פאַריבל.

— וועל איך שוין אייך נאָכדעם מיטאַמאָל אָפּקושן. — האָט סאַשאַ באַמערקט מיט אַ געלעכטערל.

— וועסט מיך אָפּנאַרן! אָפּנאַרן! — האָט לִיודמילא אויסגעשריגן און בריהש צוגעמאַכט דאָס פּודעלע און אַ קלאַפּ געטון סאַשאַן איבער די פינגער.

— נו, וואָס נאָך — איך בין אַן ערלעכער, און איך וועל אויך נישט אָפּנאַרן. — האָט סאַשאַ פאַרזיכערט.

— ניין, ניין, איך גלויב נישט. — האָט לִיודמילא איבערגעחזרט.

— נו, אויב אַזוי, וועל איך עס פאָרויס טון. — האָט סאַשאַ פאָרגעלייגט.

— אָ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, — האָט לִיודמילא זיך פרייַלעך געכאַפּט — נאַ, קוש.

זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט. סאַשאַ האָט אָנגענומען די לאַנגע, דינע פינגער אירע, איינמאָל איר אַ קוש געטון און איבערגעפרעגט מיט אַ קליגטשיק שמייכעלע, נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט:

— און איר וועט מיך נישט אָפּנאַרן, לִיודמילאָטשקא?

— וואָס עפּעס, בין איך אפשר נישט קיין ערלעכע? — האָט זי

פרייליך געענטפערט. — האָט קיין מורא נישט, כ'וועל דיך נישט אָפּנאַרן, קוש און צווייפל נישט.

סאַשאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו איר האַנט און זי אָנגעהויבן שנעל צו קושן; ער האָט גלייך באַדעקט איר האַנט מיט קושן און הילכיק געשמאָטשקעט מיט ברייט־צעעפנטע ליפן, און אים איז אָנגענעם געווען, וואָס מען קאָן אַזאַ סך קושן. ליודמילא האָט אויפמערקזאַם געציילט די קושן. זי האָט אָפּגעציילט צען און באַמערקט:

— דיר איז דאָך נישט באַקוועם צו שטיין אויף די פיס און זיך אָנצובויגן.

— טאָ וועל איך עס באַקוועמער מאַכן. — האָט סאַשאַ דערקלערט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און פלייסיק זיך גענומען ווייטער קושן.

סאַשאַ האָט גערן געהאַט צו אַכלען. אים איז שטאַרק געפעלן, וואָס ליודמילא איז אים מכבד מיט זיסע זאַכן. און ער האָט זי דערפאַר נאָך צאַרטער ליב באַקומען.

ליודמילא האָט סאַשאַן באַשפּריצט מיט פּריקרע־שמעקעדיקן פּאַרפום. און סאַשאַן האָט איבערראַשט דער אַראָמאַט, אַ זיסער, נאָר אַ מאָדנער, אַ פאַרשיכורנדיקער, נעפּלדיק־העלער, גראָד ווי אַן אינדערפריעדיקע גאָלדיקע, נאָר זינדיקע זריחה, נאָך אַ ווייסן נעפּל. סאַשאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ס'אַראַ מאָדנע פּאַרפומען!

— און דו פּרווו עס נאָר אויף דער האַנט. — האָט ליודמילא אים געעצהט.

און זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּירעקיק מיאוס סלאָיִקל מיט פּאַרקייליכדיקע ראַנדן. סאַשאַ האָט אַ קוק געטון דערויף אינם ליכט, — אַ העל־געלע, פרייליכע פליסיקייט. אַ גרויסער, מיאוסער עטיקעט, מיט אַ פראַנצויזישע אויפשריפט — ציקלאַמען פון פּיווער. סאַשאַ האָט זיך גענומען פאַרן פּלאַטשיקן גלעזערנעם פאַרשטעקער, אים אַרויסגעשלעפּט און אַ שמעק געגעבן. נאָכדעם האָט ער געטון דערמיט אָט ווי ליודמילא האָט עס גערן געהאַט, — ער האָט אַרויפגעלייגט די דלאָניע אויפן העלדזל, עס שנעל איבערגעקערט, און עס צוריק אַוועקגעשטעלט גלייך אויפן דעק, ער האָט צעריבן אויף דער דלאָניע די עטלעכע

טראָפּן ציקלעמען און אויפמערקזאַם אַ שמעק געטון די דלאָניע, — דער ריח פון שפּירט האָט זיך אויסגעלופטערט, געבליבן איז דער ריי־נער אַראָמאַט. ליודמילא האָט אויף אים געקוקט מיט אויפגערעגטער אויפמערקזאַמקייט. סאַשאַ האָט באַמערקט:

— עפּעס פילט זיך אַזוי ווי אַ פאַרצוקערטע וואַנץ.

— נו, נו, וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן. — האָט ליודמילא מיט פאַרדרוס אַ זאָג געטון.

זי האָט אויך גענומען דעם פאַרפום אויף דער דלאָניע און אַ שמעק געטון, סאַשאַ האָט איבערגעחזרט:

— אמת, אַזוי ווי אַ וואַנץ.

ליודמילא איז מיטאַמאָל געוואָרן אָנגעצונדן, אַזוי אַז טרערן האָבן ביי איר אַ גלאַנץ געטון אין די אויגן. זי האָט אַ פּאַטש געטון סאַשאַן אין דער באַק און זיך אָנגערופן:

— אָך, דו שנעק איינער, דו! נאַ דיר, וועסטו וויסן — אַ וואַנץ גאָר!

— אַ פיינעם פלעם געטון! — האָט זיך סאַשאַ צעלאַכט און אַ קוש געטון ליודמילאן אין דער האַנט. — וואָס זענט איר אַזוי אין כעס, ליודמילאטשקא, ליבינקע. נו, זאָגט איר אַליין, מיט וואָס דען פילט זיך עס?

ער איז נישט אין כעס געוואָרן פאַרן פּאַטש, — ער איז אינ־גאַנצן געווען באַצויבערט פון ליודמילאן.

— מיט וואָס? — האָט ליודמילא איבערגעפרעגט און אָנגעכאַפּט סאַשאַן פאַרן אויער. — אָט מיט וואָס, כ'וועל דיר באַלד צוווייסן געבן, נאָר פריער מוז איך דיר גוט אָנדרייען אַן אויער.

— אוי, אוי, אוי, ליודמילאָטשקאַ, טייערינקע, כ'וועל שוין מער נישט! — האָט סאַשאַ געשריגן, פאַרקרימענדיק און בייגנדיק זיך פון ווייטיק.

ליודמילא האָט אָפּגעלאָזן זיין רויט־צעפייערט אויער, צאַרט צו־געצויגן סאַשאַן צו זיך, אים אַוועקגעזעצט צו זיך אויפן שויס און אים אויפגעקלערט:

— האָרך, — דריי ריחות זענען פאַראַן אין ציקלאַמען — מיט זיסער אמבריאָזע שמעקט דאָס אָרעמע בלימל, — דאָס געהער פאַר די

אַרבעטנדיקע בינען. ווייסט עס אוודאי, אויף רוסיש הייסט עס דריאַקווע.

— דריאַקווע, — האָט סאַשאַ שפּאָטיש איבערגעחזרט — ס׳אַראַ קאָמישער נאָמען.

— לאָך נישט, שגץ, — האָט ליודמילאַ אויסגעשריגן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַנדערן אויער און ווייטער גערעדט: — די זיסע אמבראָזיע, — און אַ דאַנק איר זשומען די בינען, דאָס איז איר פרייד. און ווייטער שמעקט ער נאָך מיט וואַנילע, און דאָס געהער שוין נישט פאַר די אַרבעטנדיקע בינען, נאָר פאַר יענעם, וועגן וועמען מען חלומט, און דאָס איז זיין באַגער, — דאָס בלימל און די גאָלדענע זון איבער אים. און דער דריטער ריח זיינער, ער שמעקט מיט צאַרטן זיסן לייב, פאַר יענעם, וואָס ליבט, און דאָס, — זיין ליבע שטאַמט פון אָרעמען בלימל און די האַלב־טאָגיקע ברענענדיקע זון. די בין, די היץ און די זון — פאַרשטייסטו, טייערינקער מיינער.

סאַשאַ האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זיין שוואַרצלעך געזיכט האָט געפלאַמט, און די לאַנגע, טונקעלע ווימפּערן האָבן געפלאַטערט, ליודמילאַ האָט פאַרחלומט געקוקט ווייט, אַ צעפלאַמטע און באַטאָנט:

— ער דערפרייט, דער צאַרטער און זוניקער ציקלאַמען, ער ציט צו תשוקה, פון וואָס עס נעמט דורך אַ זיסקייט און אַ שעמעוודיקייט, ער רעגט אויף דאָס בלוט. דו פאַרשטייסט, זונעלע מיינס, אַז עס ווערט זיס און פריידעוודיק, און עס ווילט זיך וויינען? פאַרשטייסט? אָט וואָס ער איז.

און מיט אַ לאַנגן קוש האָט זי זיך צוגעפּרעסט צו סאַשאַס ליפּן...

ליודמילאַ האָט אַ פאַרטראַכטע געקוקט פאַר זיך, מיטאַמאָל האָט אַ הינטערליסטיקער שמייכל אַ שפּיל געטון אויף אירע ליפּן. זי האָט לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך סאַשאַן און אים אַ פרעג געטון:

— רויזן האָסטו גערן?

סאַשאַ האָט אָפּגעזיפצט, אויפגעמאַכט די אויגן, זיס אַ שמייכל געטון און שטיל געשעפּטשעט:

— אוודאי האָב איך גערן.

— גרויסע? — האָט ליודמילאַ איבערגעפרעגט.

— אַן אונטערשיד, גרויסע, קליינע. — האָט סאַשאַ לעבעדיק געענטפערט און אויפגעשטאַנען פון איר שויס מיט אַ לייכט יינגלי־שער באַוועגונג.

— און רויזעלעך*) האָסטו אויך גערן? — האָט ליודמילאַ צאַרט איבערגעפרעגט, און איר הילכיקע שטים האָט געציטערט פון איינגע־האַלטענעם געלעכטער.

— איך האָב גערן. — האָט סאַשאַ זשוואַוועס געענטפערט.

ליודמילאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און צערויטלט.

— נאַריש אייגער, רויזעלעך האָסטו גערן, און נישט פאַראַן קיי־נעם צו שמייסן. — האָט זי אויסגעשריגן.

ביידע האָבן געלאַכט און זיך פונאַנדערגערויטלט.

אומשולדיקע, נאָך נישט צייטיקע אויפרעגונגען — דאָס האָט ליודמילאַן פאַרשאַפט דעם הויפט פאַרגניגן פון זייערע טרעפעענישן. זיי האָבן זיך אויפגערעגט — און דאָך זייער ווייט געווען פון די מגושמדיקע, עקלדיקע דערגרייכונגען...

זיי האָבן זיך צעאַמפערט, ווער פון זיי איז שטאַרקער. ליודמילאַ האָט באַמערקט:

— נו, מעגלעך, אַז דו ביסט געזונטער, טאָ וואָס־זשע? די הויפטזאַך איז געשיקטקייט.

— איך בין אַ וויכער! — האָט סאַשאַ זיך באַרימט.

— וואָס נאָך גאָר, אַ וויכער! — האָט אים איבערגעשפּאָרט ליודמילאַ מיט חוזק.

זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געאַמפערט. ענדלעך, האָט ליודמילאַ פאַרגעלייגט:

— נו, טאָ לאָמיר זיך ראַנגלען.

סאַשאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און מיט גאווה באַמערקט:

— עט, ווי קומט איר צו מיר!

ליודמילאַ האָט אים אָנגעהויבן קיצלען.

— אָ, איר טוט גאָר אַזוי! — האָט ער ליכענדיק אויסגעשריגן, זיך אַרויסגעריסן און זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע.

---

*) רויזעלעך — розочки

ס'איז געוואָרן אַ געראַנגל. ליודמילא האָט באַלד דערשפּירט, אַז סאַשאַ איז שטאַרקער. מיט כּוח וועט זי אים נישט בייקומען, האָט זי, אַ קליגיטשקע, אויסגענוצט אַ געלונגענעם מאָמענט, און אונטערגעשטעלט אים אַ פיסל, — ער איז אומגעפאַלן און מיטגעשלעפּט ליודמילאַן אויך מיט זיך. אגב, האָט זיך ליודמילא זייער קונציק אויסגעדרייט און אים צוגעדריקט צו דער פּאָדלאָגע. סאַשאַ האָט פאַרצווייפלט געשריגן:

— אַזוי איז נישט אָרנטלעך!

ליודמילא האָט זיך געשטעלט מיט די קני ביי סאַשאַן אויפן בויך און מיט די הענט אים צוגעדריקט צו דער פּאָדלאָגע, סאַשאַ האָט זיך פאַרצווייפלט אַפּירגעהויבן. ליודמילא האָט זיך ווידער גענומען סאַשאַן צו קיצלען. זיין הילכיק געכיכען האָט זיך אויסגעמישט מיט איר געלעכטער, דאָס לאַכן האָט זי געצווונגען אַרויסצולאָזן סאַשאַן, זי איז אַ לאַכנדיקע אומגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. סאַשאַ איז אויפגעשפּרונגען. ער איז געווען רויט און צעקאָכט.

— נימפע! — האָט ער אַ געשריי געטון.

און די נימפע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און געלאַכט.

ליודמילא האָט אַוועקגעזעצט סאַשאַ ביי זיך אויפן שויס. מיד ביידע נאָכן געראַנגל, האָבן זיי פריילעך און נאָענט זיך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און געשמייכלט.

— איך בין פאַר אייך צו שווערלעך, — האָט סאַשאַ באַמערקט,

— עס וועט אייך אָנקוועטשן די קני, לאָזט מיך בעסער אַראָפּ.

— ס'מאַכט נישט אויס, זיך, — האָט ליודמילא צאַרט געענטפערט — האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דו האָסט זיך גערן צו טוליען.

זי האָט אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ. ער האָט זיך צאַרט צוגעטוליעט צו איר, זי האָט באַמערקט:

— אוי, ביסטו שיין, סאַשאַ.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן און זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן! — האָט ער געמורמלט.

אַלע געשפּרעכן און געדאַנקען וועגן שיינקייט, וואָס שייך צו אים, האָבן שטענדיק אַרויסגערופן ביי אים אַ מין שאַם-געפיל: ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפּרווט דערגיין ביי וועמען נישט איז,

צי ער איז שיין, צי מיאוס.

ליודמילא האָט אים אַ קניפּ געטון אין באַק. סאַשאַ האָט אַ שמייכל געטון. די באַק איז רויט געוואָרן. ליודמילא האָט אים אַ קניפּ געטון די אַנדערע. סאַשאַ האָט זיך געלאָזן. ער האָט בלויז איר גענומען ביי דער האַנט, זי אַ קוש געטון און באַמערקט:

— גענוג אייך קנייפּן, מיר טוט דאָך וויי, און אייערע פינגער זענען אויך אַ שאָד, איר קאָנט זיך נאָך אָנקוועטשן מאָזאָלעס.

— וואָס נאָך, — האָט ליודמילא אויסגעצויגן — ווייטיקלעך, און צוליין סאַראַ קאָמפּלימענטנמאַכער ס'איז.

— מיר מאַכט נישט אויס, כ'דאַרף די לעקציעס צוגרייטן, קעלט מיך נאָך אַ ביסל אונטער, צום גליק, אויף גריכיש צו פּאַקן אַ פינף.

— טרייבסט מיך שוין אַרויס! — האָט ליודמילא זיך צעבייזערט.

זי האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, פאַרקאַשערט די אַרבל ביז איבערן עלנבויגן.

— איר ווילט מיך שלאָגן? — האָט סאַשאַ איבערגעפרעגט, ווערנדיק רויט פון בושה.

נאָר ליודמילא האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין האַנט, זי עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אַהין און אַהער.

— ס'אַר אַ שיינע האַנט ביי דיר איז! — האָט זי פריידעוודיק הויך אויף אַ קול אויסגעשריען און אים פּלוצים אַ קוש געטון אין עלנבויגן.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן און די האַנט פון איר אַרויסגעריסן, — נאָר ליודמילא האָט זי ווידער געכאַפּט און נאָך עטלעכע מאָל זי אַ קוש געטון. סאַשאַ איז שטיל געוואָרן. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן, און אַ מאָדנער אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אַרום זיינע בלאַנקע, האַלבשמייכלדיקע ליפּן, — און אונטערן צודעק פון די געדיכטע ווימפּערן האָבן די פלאַמענדיקע באַקן אָנגעהויבן בלייך ווערן.

זיי האָבן זיך געזעגנט. סאַשאַ האָט באַגלייט ליודמילאן ביז צום טירל. ער וואָלט געגאַנגען ווייטער, נאָר זי האָט נישט געהייסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טירל און זיך געבעטן:

— קום, טייערינקע אָפּטער און ברענג לעקעכלעך זיסינקע.

דער ערשטער „דו“, וואָס ליודמילא האָט דערהערט, האָט איר

פֿאַרשאַפט מער פֿאַרגניגן פֿון אַלע צערטלעכקייטן. זי האָט אים האַסטיק אַרומגענומען, אַ קוש געטון און אַנטלאָפן. סאַשאַ איז געשטאַנען, ווי אַ געפּלעפטער.

סאַשאַ האָט צוגעזאָגט צו קומען. די באַשטימטע שעה איז אַריבער, — און סאַשאַ איז נאָך אַלץ נישט געווען. ליודמילא האָט אומגעדולדיק געוואַרט, — זיך געטומלט. געמאַטערט, געקוקט אין פֿענסטער. דערהערן זיך טריט אויף דער גאַס — רוקט זי גלייך דעם קאָפּ אַרויס אַהין. די שוועסטער האָבן אָפּגעלאַכט. זי האָט בייז און אויפגערעגט געכּעסט זיך:

— גאָט! וואָס ווילט איר האָבן! לאָזט געמאַך.

נאָכדעם האָט זי זיך שטורעמדיק אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט אַ פֿאָרוווּרף, למאַי זיי לאַכן גאָר. און ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז סאַשאַ וועט נישט קומען. ליודמילא האָט זיך פֿון פֿאַרדרוס און האַרצווייטיק צעוויינט.

— אוי, אוי, אוי-לעך! ווײַ-ווײַ ווײַ-עלעך! — האָט דאַריאַ זיך גערייצט.

ליודמילא האָט כליפּענדיק שטיל גערעדט און פֿון גרויס עגמת-נפש אינגאַנצן זיך פֿאַרגעסן צו בייזערן אויף די שוועסטער, וואָס רייצן זיך מיט איר.

— די אַלטע תּרחטע, די מיאוסקייט, דערלאָזט אים נישט, האַלט אים אונטערן קליידל, גריכיש צו בראָקן.

דאַריאַ האָט מיט אַ מגושמדיק מיטגעפיל זיך אָנגערופן:

— ער מוז אויך זיין אַ גוטער לעקיש, אַנישט קאָן ער אַליין נישט אַוועקגיין.

— זיך פֿאַרבינדן מיט אַ שנעק. — האָט וואַלעריאַ מיט ביטול אַ זאָג געטון.

און ביידע שוועסטער, הגם זיי האָבן חוזק געמאַכט, האָבן דאָך מיטגעפילט ליודמילאַן. זיי האָבן איינס דאָס אַנדערע דאָך גינציק געהאַט, צערטלעך, אָבער נישט שטאַרק: צאַרטע ליבע איז אויבנאויפיק! דאַריאַ האָט באַמערקט:

— כּדאַי טאַקע צו וויינען צוליב אַזאַ שנעק און זיך קאַליע

מאַכֿן די אויגן. מען קאָן נאָך באַרעדן, אַ טייוול האָט מיט אַ קינד זיך פאַרבונדן.

— ווער איז עס אַ טייוול? — האָט ליודמילא אויפגעבראַכֿט זיך צעשריגן און איז געוואָרן רויט ווי ציגעל.

— טאַקע דו, שוועסטערל, — האָט דאַריאַ רויק געענטפערט — מעגסט טאַקע זיין יונג, אָבער...

דאַריאַ האָט נישט דערזאָגט און בלויז אַ שאַרפן פייף געטון.

— נאַרישקייטן! — האָט ליודמילא מיט אַ מאָדנעם-קלינגענדיקן קול זיך אָפגערופן.

אַ משונהדיקער, אכֿזריותדיקער שמייכל פון אונטער טרערן אַרויס האָט מיטאַמאָל באַלויכֿטן איר געזיכֿט, גראָד ווי אַ בלענדנדיק-שטעכֿיקער שטראַל בשעת שקיעה דורכֿן לעצטן פאַלן פון אַ מידן רעגן.

דאַריא האָט מיט פאַרדרוס איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו עס אין אים דערזען אַזוינס, — זאָג מיר, איך בעט דיך?

ליודמילא האָט מיטן זעלביקן וווּנדערלעכן שמייכל פאַרטראַכט און לאַנגזאַם דערקלערט:

— ס'אַר אַ שיינינקער ער איז! און וויפל נישט אויסגעבראַכֿטע מעגלעכֿקייטן ער פאַרמאָגט עס!

— נו, דאָס איז נישט טייער, — האָט דאַריאַ פאַרזיכֿערט אַנט-שלאָסן — אַלע יינגלעך פאַרמאָגן עס.

— עס הויבט זיך נישט אָן, — האָט ליודמילא מיט פאַרדרוס זיך אַקעגנגעשטעלט — פאַראַן אַ סך פאַסקודניקעס צווישן זיי.

— און ער איז דען אַ ריינער? — האָט וואַלעריא איבערגעפרעגט, און כמעט ווי פויל צעצויגן דאָס וואָרט „אַ ריינער".

— פאַרשטייסט אַ סך! — האָט ליודמילא אַ געשריי געטון, און באַלד גענומען ווידער רעדן שטיל און פאַרחלומט. — ס'אַר אַן אומ-שולדיקער.

— מסתמא! — האָט דאַריא חוזקעוואַטע באַמערקט.

— די בעסטע עלטער פאַר אַ יינגל, — האָט ליודמילא דערקלערט, — ערשט פערצן-פופצן יאָר. ער קען נאָך גאָרנישט און פאַרשטייט נאָך גאָרנישט בפועל ממש, — אָבער ער האָט שוין עפּעס אַזעלכֿע

פֿאָרגעפֿילן צו אַלץ, צו אַלץ. און נאָך נישט מיטן פֿאַסקודנעם באַוואַקסעכץ.

— אַ שיינער פֿאַרגניגן! — האָט וואַלעריא מיט אַ פֿאַראַכטלעכער מינע אַ זאָג געטון.

עפּעס איז זי געווען אומעטיק, איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַ קליינע, אַ שוואַכע, אַ שלאַפֿע. — און זי האָט מקנא געווען אירע שוועסטער, — דאַריאַס פֿריילעך געלעכטער און אפֿילו ליודמילאַס געוויין. ליודמילא האָט ווידער באַמערקט:

— אַז איר הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין. כ׳האָב אים גאָרנישט נישט אַזוי ליב, ווי איר מיינט. ליב האָבן אַ ייִנגל איז אַ סך בעסער, איידער פֿאַרליבן זיך אין אַן אומסימפּאַטיש פּרצוף־פּנים מיט וואָנסעלעך. כ׳האָב אים ליב אומשולדיק. איך דאַרף פֿון אים גאָרנישט נישט.

— דאַרפֿסט גאָרנישט נישט, טאָ פּאַרוואָס־זשע טשעפּעסטו זיך צו אים! — האָט דאַריא גראָב דערווידערט.

ליודמילא איז רויט געוואָרן, און אַ שולדיקער אויסדרוק האָט זיך שווער געלייגט אויף איר געזיכט. דאַריא האָט חרטה געקראָגן. זי איז צוגעגאַנגען צו ליודמילאַן, איר אַרומגענומען און איבערגעבעטן:

— נו, גענוג זיך געבלאָזן, מיר האָבן עס דאָך חלילה נישט פֿון בייזקייט געמיינט.

ליודמילא האָט זיך ווייטער צעוויינט, אַרויפֿגעפֿאַלן דאַריאַן אויפֿן אַקסל און מיט ביטערקייט זיך געקלאָגט:

— כ׳ווייס, אַז כ׳האָב דאָ שוין אויף גאָרנישט נישט צו האָפֿן, נאָר ווען ער וואָלט מיך נאָך אַ ביסל געקעכלט, נו, כאָטש אַ טראָפּעלע.

— נו, וואָס, אומעטיקלעך! — האָט דאַריא מיט פֿאַרדרוס אַ זאָג געטון, איז אַוועק פֿון ליודמילאַן, זיך אונטערגעשפּאַרט די באָקעס און הילכיק אָנגעהויבן צו זינגען:

— איך בין אַ נאַכט, אַ ליבינקע,
געבליבן נעכטיקן אַליין.

וואַלעריא האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט מיט איר הילכיק־שלאַבעריקן געלעכטער. און ליודמילאַס אויגן זענען געוואָרן פֿריילעך און פֿאַרשייט. זי איז האַסטיק אַריין צו זיך אין צימער, זיך באַשפּריצט מיט קאָראָליפּסיס — און דער לאַקרעצדיק־זיסער, פֿרעכער ריח האָט איר פֿאַר־

כאַפּט מיט אַ פאַרפירערישן יצר-הרע.

זי איז אַרויס אין דער גאַס אַן אויסגעפּוצטע, אַן אויפגערעגטע, און פון איר האָט זיך געטראָגן מיט חוצפּהדיקער יצר-הרע-פראַכט.—מעגלעך, אַז איך וועל אים באַגעגנען—האָט זי געטראַכט. און אים אָנגעטראָפן.

— פיינער מענטש! — האָט זי מיט פאָרוווּרף און פריידעוודיק אויסגערופן.

סאַשאַ האָט זיך צעטומלט און דערפרייט.

— כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט, — האָט ער פאַרשעמט זיך פאַרענטפערט — אַזויפיל לעקציעס, און מען מוז קענען. באמת, קיין צייט נישט געהאַט.

— דו ליגסט, טייערינקער, — קום אַט שוין.

ער האָט זיך מיט אַ געלעכטערל געפרווט אָפּזאָגן, נאָר קענטיק געווען, אַז ער איז צופרידן, וואָס ליודמילא פירט אים מיט זיך. און ליודמילא האָט אים געבראַכט אַהיים צו איר אין צימער.

— געבראַכט אים! — האָט זי יום-טובדיק אַ געשריי געטון צו די שוועסטער, גענומען סאַשאַן פאַרן אַקסל און אים אַוועקגעפירט צו זיך אין צימער.

— וואַרט, אָט באַלד וועל איך דיר באַצאָלן, — האָט זי אים גע- דראָט מיט דער האַנט אין פנים און פאַרקייטלט די טיר אויפן קייטל — יעצט וועט זיך שוין קיינער נישט אָננעמען פאַר דיר.

סאַשאַ האָט אַריינגעשטעקט די הענט אונטער פאַסיק, און זיך אומגעלומפּערט אַוועקגעשטעלט אינמיטן צימער, — ער האָט זיך גע- שראָקן און אים איז ניחא געווען. עפּעס האָט געשמעקט מיט נייעם פאַרפום, יום-טובדיק, זיסלעך, נאָר דערביי האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ ריח און גערעגט די נערוון, גראָד ווי אַ באַרירונג פון פריידעוודיק- זשוואַווע און געגרינצלטע שלענגלעך.

XVIII

פערעדאָנאָוו האָט זיך אומגעקערט פון איינע פון די דירות, ווו די שילער זענען איינגעשטאַנען. אומגעריכט איז אים באַפאַלן אַ דריבנער רעגן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, ווהין אַריינצוגיין, כדי

נישט צו פֿאַרגעצן דעם נייעם שירעם. איבערן וועג, איגם קעגנאיבער־דיקן צווייגאָרנדיקן הויז, האָט ער דערזען אַ שילדל: דאָס קאַנטאָר פֿון נאָטאַריוס גודאַיעווסקי. דעם נאָטאַריוס זון איז געווען אַ גימנאַזיסט פֿון צווייטן קלאַס. פּערעדאָנאָוו האָט באַשלאָסן אַרייַנגיין. דרך־אגב וועט ער שוין פֿאַרקלאָגן דעם גימנאַזיסט פּ׳ די עלטערן.

פֿאָטער און מוטער איז געווען ינדערהיים. אים האָט מען באַגעגנט מיט איבעררעשונג. אַזאַ מנהג איז שוין געווען דאָ אין דעם הויז.

ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש גודאַיעווסקי איז געווען אַ נישט הויך געוואַקסענער פֿאַרשוין, אַ דיקער, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד און מיט אַ פּליך. זיינע אַלע באַוועגונגען זענען שטענדיק געווען האַסטיק און אומגעריכט: ער איז כמעט נישט געגאַנגען, נאָר זיך געטראָגן אַ קורצינקער, גראָד ווי אַ שפּערל. און קיינמאָל האָט מען נישט געקאָנט פֿון זיין מינע דערקענען, וואָס וועט ער טון מיט אַ מינוט שפּעטער. אין סאַמע מיטן פֿון אַ זאַכלעך־וויכטיקן געשפּרעך קאָן ער עפּעס אומגעריכט אַריינבראָקן אַזאַ ווערטל, וואָס קאָן ביי יענעם נישט נאָר אַרויסרופֿן קיין געלעכטער, נאָר אים ברענגען אין פֿאַרלעגנהייט מיט זיין אומגעלומפּערטקייט. אינדערהיים, אָדער צו גאַסט קאָן ער אַזוי זיצן און מיטאַמאָל, אָט אַזוי זיך פֿון דער העלער הויט געבן אַ שפּרינג אויף און זיך נעמען שנעל אַרומשפּאַנען איבערן צימער, געבן אַ געשריי, אַ קלאַפּ. ער גייט שפּאַצירן אינדערגאַס, גייט ער זיך אַזוי און גייט, און אינמיטן פּלוצים קאָן ער זיך געבן אַ שטעל אַוועק, זיך צוזעצן ערגעץ, אָדער סתם מאַכן עפּעס אַ תּנועה, צי אַן אַנדער גימנאַסטישע איבונג און נאָכדעם ווייטער אַוועקגיין ווי געוויינלעך. גודאַיעווסקי האָט גערן געהאַט צו מאַכן אויף די אַקטן, וואָס מען פֿלעגט ביי אים צוגרייטן אָדער באַשטעטיקן, פֿאַרשידענע קאָמישע באַמערקונגען: למשל, אָנשטאָט צו שרייבן וועגן איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, וואָס וווינט אויף מאָסקווער פּלאַץ אין יערעמילאָווס הויז, — פֿלעגט ער שרייבן וועגן איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, וואָס וווינט אויפֿן מאַרקפּלאַץ, אין יענעם קוואַרטל, וווּ מען קאָן פּשוט נישט אָטעמען פֿונם עיפּוש א. אַ. וו., ער פֿלעגט צומאָל דערמאָנען אפֿילו וויפֿל הינער און גענז דער בעל־דבר פֿאַרמאָגט, בעת יענער האָט

עס באַשטעטיקט מיטן אונטערשריפט.

יוליאַ פּעטראָוונאַ גודאַיעווסקאַיאַ, אַ ליידנשאַפטלעכע שטרענג־סענטימענטאַלע, לאַנגע, שמאָלע, טרוקענע און עפּעס מאָדנע — אומגעשיקטע פיגור — האָט מיט אַ טייל מאַניערן זיך געענדלט צום מאַן: פּונקט אַזעלכע האַסטיקע באַוועגונגען, פּונקט אַזעלכע מיני־תּנועות, וואָס האָבן לחלוטין נישט געפּאַסט מיט דער סביבה. געקליידט האָט זי זיך פאַרביק און יונג, און ביי אירע שנעלע באַוועגונגען האָבן די פאַרשידנפאַרביקע, לאַנגע לענטעס, מיט וואָס זי האָט גערן געהאַט צו באַפּוצן אירע קליידער אין איבערפלוס, געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן.

אַנטאָשאַ, אַן איידל, זשוואַווע יינגל, האָט צערטלעך זיך פאַרנייגט, פּערעדאָנאָוון האָט מען אַוועקגעזעצט אין זאַל, און ער האָט גלייך אָנגעהויבן פאַרקלאָגן זיך אויף אַנטאָשאַן: ער איז פויל, נישט אויפמערקזאַם, אין קלאַס הערט ער זיך נישט צו, רעדט און לאַכט, בשעת די הפסקות שטיפט ער אַרום. אַנטאָשאַ האָט זיך געחידושט, — ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז ער איז אַזאַ שלעכטער שילער, — און ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן. די עלטערן זענען געוואָרן אויפגערעגט:

— דערלויבט, — האָט דער פאָטער געשריגן — אין וואָס באַשטייט דען זיין שטיפעריי?

— ניקאַ, פאַרטיידיק אים נישט, — האָט די מוטער געשריגן — ער דאַרף נישט אַרומשטיפן.

— אין וואָס באַשטייט דען זיין שטיפעריי? — האָט דער פאָטער, אַרומלויפנדיק, כמעט קאַטשענדיק זיך אויף זיינע קורצינקע פיס, איבערגעחזרט.

— אָט, ער שטיפט זיך, שלאָגט זיך, וויוועט אַרום, — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געענטפערט — ער האַלט אין איין אַרומשטיפן.

— איך שלאָג זיך נישט, — האָט אַנטאָשאַ אויסגערופן — איר מעגט פרעגן וועמען איר ווילט. כ׳האָב זיך נאָך מיט קיינעם נישט געשלאָגן.

— ער לאָזט גאָר קיינעם נישט רויק פאַרביי. — האָט פּערעדאָנאָוו געטענהט.

— גוט, כ׳וועל אַליין גיין אין גימנאַזיע, און פרעגן דעם אינספעקטאָר. — האָט גודאיעווסקי באַשלאָסן צוגעגעבן.

— ניקא, ניקא, וואָס גלויבסטו עס נישט! — האָט יוליאַ פעטראָוונא געשריגן. — דו ווילסט, אפנים, אַז אַנטאָשאַ זאָל אויסוואַקסן אַ נישטל? מען דאַרף אים אָנשמייסן, דאַרף מען אים.

— נאַרישקייטן! נאַרישקייטן! — האָט דער פאָטער געשריגן.

— איך וועל אים אָפּשמייסן, אָפּשמייסן! — האָט די מוטער געשריגן, אַ כאַפּ געטון אַנטאָשאַן פאַרן אַקסל און אים אָנגעהויבן צו שלעפּן. — קום אין קיך אַריין, — האָט זי געשריגן — קום, טייערינקער, וועל איך דיך אָפּשמייסן.

— איך וועל עס נישט דערלאָזן! — האָט דער פאָטער אויסגעשריגן און אַרויסגעריסן דעם זון.

די מוטער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. אַנטאָשאַ האָט יאָמערלעך געשריגן און די עלטערן האָבן זיך אַרומגעריסן.

— ארדאַליאָן באָריסיטש, העלפט מיר, — האָט יוליאַ פעטראָוונא געשריגן — האַלט מיר צו אָט דעם גזלן, ביז איך וועל אים אָפּשמייסן.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך געאײַלט איר צו הילף צו קומען. גודאַיעווסקי האָט אָבער אַרויסגעריסן דעם זון, שטאַרק אַ שטויס געטון די פרוי, צוגעשפּרונגען צו פּערעדאָנאָוון און גיך זעשריגן:

— קריכט נישט! אַז צוויי הינט רייסן זיך, דאַרף דער דריטער נישט קריכן! איך וועל אייך אָנלערנען!

אינגאַנצן אַ רויטער, אַ צעשויבערטער, אַ פאַרשוויצטער, האָט ער געפאָכעט מיט די קולאַקעס אין לופטן. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָפּגערוקט הינטערוויילעכץ און געמורמלט עפּעס הינטער דער נאָז. יוליאַ פעטראָוונאַ איז אַרומגעלאָפן אַרום מאַן און זיך באַמיט צו כאַפּן אַנטאָשאַן; דער פאָטער האָט אים פאַרשטעלט מיט זיך, שלעפּנדיק אים פאַר דער האַנט אויף רעכטס און אויף לינקס; יוליאַס פּעטראָוונאַס אויגן האָבן געגלאַנצט, און זי האָט געשריגן:

— אַ רוצח וועט עס אויסוואַקסן! אַ תּפיסה־זיצער! אויף קאַטאָרגע פאַרפאַלן!

— בייס דיר די צונג אָפּ פריער! — האָז גודאַיעווסקי גע-

שריגן. — שווייג, נאַרישע מרשעת!

— אָך, טיראַן! — האָט יוליאַ פּעטראָוונאַ געקוויטשעט; איז צוגעשפּרונגען צום מאַן און אַ קלאַפּ געטון אים מיטן קולאַק איבער דער פּלייצע און האַסטיק אַנטלאָפן פון זאַל.

גודאַיעווסקי האָט צונויפגעביילט די קולאַקעס און זיך אַ לאָז געטון צו פּערעדאָנאָוון.

— איר זענט אַהערגעקומען אַ טומל מאַכן, — האָט ער זיך צעשריגן — אַנטאָשאַ שטיפט אַרום? איר לייגט, עס הויבט זיך גאָרנישט ביישט אָן. ווען ער זאָל שטיפן, וואָלט איך עס שוין אַליין געוווסט, און מיט אייך וויל איך מער נישט רעדן. איר גייט אַרום איבער דער שטאָט, נאַרט אָפּ די טפשים, שמייסט די קינדער, אַ דיפּלאָם ווילט איר באַקומען, אַלס שמייסער. גוט, אָבער דאָ האָט איר נישט אָנגעטראָפן. חשובער הער, איך בעט אייך זיך דערווייטערן!

און דאָס זאָגנדיק, איז ער צוגעשפּרונגען צו פּערעדאָנאָוון און אים אָפּגעשטופּט אין ווינקל אַריין. פּערעדאָנאָוו האָט זיך דערשראָקן און וואָלט זייער צופרידן געווען צו קאָנען אַנטלויפן. נאָר גודאַיעווסקי האָט פון אויפרעגונג נישט באַמערקט גאָר, אַז ער האָט פאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג. אַנטאָשאַ האָט אָנגעכאַפּט דעם פאָטער פון הינטן פאַר די פאַלדן פון סורדוט און אים געצויגן צו זיך. דער פאָטער האָט מיט כעס אַ צוק געטון אויף אים און אַ שטויס געטון אים מיטן פוס. אַנטאָשאַ איז געשיקט אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, אָבער דעם פאָטערס סורדוט דאָך נישט אָפּגעלאָזן.

— שווייג! — האָט גודאַיעווסקי אויסגעשריגן. — אַנטאָשאַ, פאַרגעס זיך נישט!

— פּאַפּאַ, — האָט אַנטאָשאַ זיך געבעטן און ווייטער געשלעפּט דעם פאָטער — דו לאָזסט דאָך אורדאַליאָן באָריסיטשן נישט אַרויס.

גודאַיעווסקי איז שנעל אָפּגעשפּרונגען, — אַנטאָשאַ האָט קוים באַוויזן אָפּצוטרעטן.

— אַנטשולדיקט, — האָט גודאַיעווסקי געזאָגט און אָנגעוויזן אויף דער טיר — אָט איז דער אַרויסגאַנג. און איך האָב גאָרנישט די העזה, חלילה, אייך צו פאַרהאַלטן.

פּערעדאָנאָוו איז שנעל אַרויסגעגאַנגען פון זאַל. גודאַיעווסקי

האָט אים נאָכגעמאַכט אַ לאַנגע נאָז און נאָכדעם געגעבן אַ שטויס מיטן פוס אין לופטן, גראָד ווי ער וואָלט דעם גאַסט אַרויסגעשטויסן. אַנטאָשאַ האָט זיך צעכיכעט. גודאיעווסקי האָט זיך אויף אים צעבייזערט:

— אַנטאָשאַ, פאַרגעס זיך נישט! זע, מאָרגן קום איך אין גימנאַזיע, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס איז אמת, וועל איך דיך איבערגעבן די מאַמען אין די הענט.

— כ'האָב נישט אַרומגעשטיפט, ער ליגט. — האָט אַנטאָשאַ זיך פאַרענטפערט מיט אַ וויינענדיק־קוויטשיק קול.

דערווייל איז פערעדאָנאָוו אַריין אינם האַלב־טונקעלן פאָרצימער, קוים אָפּגעזוכט זיין מאַנטל און הוט, און זיך גענומען אָנטון. פון שרעק און אויפרעגונג האָט ער נישט געקאָנט אַריינטרעפן מיט דער האַנט אין אַרבל. קיינער איז אים נישט געקומען צו הילף.

פּלוצים איז פון ערגעץ אַ זייטיקער טיר אַרויסגעלאָפן יוליאַ פעטראָוונאַ, רוישנדיק מיט אירע צעפלאָסענע לענטעס, און גיך גענומען עפּעס פליסטערן און אונטערשפּרונגען. פערעדאָנאָוו האָט זיך נישט גלייך געכאַפּט, וואָס זי וויל.

— איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר, — האָט ער ענדלעך דערהערט — דאָס איז אַזוי פיין פון אייער זייט, אַזוי פיין, אַזוי איבערגעגעבן. אַלע מענטשן זענען אַזעלכע גלייכגילטיקע, און איר האָט זיך גערעכנט מיט מיר, מיט דער אומגליקלעכער מוטער. שווערלעך אַזוי צו דערציען קינדער, שווערלעך אַזוי, איר קאָנט עס זיך גאָר נישט פאָרשטעלן. כ'האָב נאָר צוויי, און דער קאָפּ גייט מיר כאָדאָראָם. מיין מאַן איז אַ טיראַן, ער איז אַ שרעקלעכער, אַ שרעקלעכער מענטש, נישט אמת? איר האָט דאָך דאָס אַליין צוגעזען.

— יאָ, — האָט פערעדאָנאָוו אַ בורטשע געטון — אייער מאַן, ווי אַזוי קאָן ער עס, מען טאָר דאָך נישט, איך באַמי זיך, און ער...

— אָך, רעדט נישט בעסער, — האָט יוליאַ פעטראָוונאַ געענטפערט — ער איז אַ געפערלעכער מענטש. אין קבר אַריין טרייבט ער מיך, און ער איז נאָך צופרידן, און נאָכדעם וועט ער צעבאַלעווען די קינדער, מיין טייערינקן אַנטאָשאַן. איך אָבער — איך בין די מו־

טער, איך וועל עס נישט דערלאָזן. איך — איך וועל, איך וועל אים שמייסן.

— ער וועט עס נישט דערלאָזן. — האָט פערעדאָנאָוו באַמערקט און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער ריכטונג צום זאַל.

— ווען ער וועט אַוועקגיין אין קלוב אַריין. מיט זיך וועט ער דאָך אנטאָשאַן נישט מיטנעמען! ער וועט אַוועקגיין, וועל איך אים אָפּשמייסן, און איר וועט מיר העלפן. איר וועט דאָך מיר צוהעלפן, נישט אמת?

פערעדאָנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און באַמערקט:

— גוט, אָבער ווי אַזוי וועל איך עס זיך דערוויסן?

— איך וועל נאָך אייך שיקן, כ׳וועל שיקן, — האָט יוליאַ פּע־טראָוונאַ מיט פרייד געשעפּטשעט — איר וואַרט אונטער, ווי נאָר ער וועט אַוועק אינם קלוב, וועל איך באַלד אַריבערשיקן נאָך אייך.

אָוונטס האָט מען פערעדאָנאָוו געבראַכט אַ צעטעלע פון דער גודאַיעווסקאַ. ער האָט איבערגעלייענט:

„זייער געאַכפּערטער אַרדאַליאָן באָריסיטש!

דער מאַן איז אַוועק אין קלוב אַריין. און איצט בין איך פריי פון זיין באַרבאַריזם ביז אַ זייגער איינס ביינאַכט. טוט אַ טובה און קומט וואָס גיכער צו מיר, צוהעלפן מיר מקיים-פּסק זיין מיין פאַר־ברעכער, מיין זון. איך בין מסכּים, אַז מען מוז פון אים אויס־וואָרצלען זיינע שלעכטע מידות. און דאָס באַדאַרף מען טון, כּל־זמן ער איז נאָך קליין, נאָכדעם וועט שוין זיין צו שפּעט.

מיט טיפער אַכטונג צו אייך יוליאַ גודאַיעווסקאַ.״

„פּ. ס. איך בעט אייך, קומט וואָס גיכער, אַנישט וועט זיך אנטאָשא לייגן שלאָפן און מען וועט אים מוזן אויפוועקן״.

פערעדאָנאָוו האָט זיך גלייך אָנגעטון, אַרומגעוויקלט דעם האַלז מיט אַ שאַרף און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— וווהין עפּעס, ארדאַליאָן באָריסיטש, אַזוי שפּעט ביינאַכט? — האָט וואַרוואַראַ איבערגעפרעגט.

— פאַרנומען. — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז געענטפערט און איז אַוועק.

וואַרוואַראַ האָט מיט שרעק געטראַכט, אַז היינט איז איר שוין

ווידער נישט באַשערט צו שלאָפן אַ נאַכט. ווי אַזוי צווינגט מען אים שוין אַמאָל, וואָס גיכער חתונה צו האָבן! אַי, וואָלט זי עס דעמאָלט געשמאַק געשלאָפן, בייטאָג און ביינאַכט. אָט ווי וויל עס ווערט דערמאָלט זיין. ס׳אַראַ פאַרגעניגן!

דרויסן האָבן פערעדאָנאָוון גענומען פייניקן פאַרשידענע ספקות. און וואָס איז, אַז עס איז נאָר אַ פאַסטקע? און מיטאַמאָל וועט זיך אַרויסווייזן, אַז גודאַיעווסקי איז גאָר אינדערהיים, אים וועט מען כאַפּן און צעברעכן גוט די ביינער... אפשר איז גאָר אַ פּלאַן אומקערן זיך צוריק?

„ניין, מען דאַרף צוגיין ביז צו זייער שטוב, און דאָרטן וועט מען שוין זען".

די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ קילע און אַ פינסטערע, און פון אַלע זייטן האָט געשפּאַרט און געצווּנגען צו פאַרפאַמעלעכערן די טריט. און די נישט ווייטע פעלדער האָבן זיך געטראָגן פרישע ריחות. אינם גראָז נעבן די פּאַרקנס האָבן זיך געהערט פאַרשידענע שאָרכן און גערוישן, און אַלץ אַרום האָט אויסגעוויזן פאַרדעכטיק און מאָדנע. מעגלעך, אַז עמעצער האָט זיך געגנבעט הינטער אים און נאָכגעשפּירט. אַלץ האָט אין דער פינסטערניש אויסגעוויזן מאָדנע און עפּעס אומגעריכט זיך פאַרטאַיעט, אָט עפּעס ווי אין אַלעמען וואָלט אויפגעוואַכט גאָר אַן אַנדער לעבן, אַ נאַכטיש עפּעס, וואָס איז לחלוטין פרעמד און פיינטלעך לגבי מענטשן.

פערעדאָנאָוו איז פּאַמעלעך געגאַנגען איבער די גאַסן און געמורמלט:

„וועסט גאָרנישט נישט אויסשפּירן. כ׳גיי נישט צוליב אַ ביזן ענין. איך, ברודערקע, באַמי מיך וועגן אַמט־אינטערעסן, אָט צוליב וואָס".

ענדלעך איז ער אָנגעקומען ביז גודאַיעווסקיס שטוב. דאָרט האָט זיך געלויכטן בלויז אין איין פענסטער, די איבעריקע פיר זענען געווען טונקל. פערעדאָנאָוו האָט זיך שטילינקערהייט אַרויפגעקליבן אויפן גאַניקל, זיך אָפּגעשטעלט, צוגעפּאַלן מיטן אויער צו דער טיר און זיך אונטערגעהערט. ס׳איז געווען שאַ, שטיל. ער האָט לייכט אַ צי געטון ביים מעשענעם הענטל פון גלעקל, דערהערט האָט זיך

אַ ווייטער און שוואַכער ציטערנדיקער קלינג. נאָר ווי ווייט און שוואַך ער איז נישט געווען, האָט זיך דאָך פערעדאָנאָוו שטאַרק דערשראָקן, וואָרום פון אָט דעם שוואַכן קלינג האָבן זיך געקאָנט אויפכאַפן און אַ לאָז טון זיך צו דער טיר אַלע פיינטלעכע כוחות. פערעדאָנאָוו איז שנעל אַראָפגעלאָפן פון גאַניקל און זיך צוגעשאַרט צו דער וואַנט, טוליענדיק זיך הינטערן סלופ.

עטלעכע רגעס זענען פאַרביי. פערעדאָנאָווס האַרץ האָט פאַרחלשט און שטאַרק געקלאַפט.

פאַרנומען האָט מען לייכטע טריט, אַ קלאַפ פון אַן אויפגעמאַכטער טיר, יוליאַ פעטראָוונאַ האָט אַרויסגעקוקט דרויסן, גלאַנצנדיק אין דער פינסטער מיט אירע שוואַרצע, ליידנשאַפטלעכע אויגן.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי מיט אַ הויך שעפטשען איבערגעפרעגט.

פערעדאָנאָוו האָט זיך עטוואָס אָפגערוקט פון דער וואַנט און, אַרויפקוקנדיק פון אונטן אינם שמאָלן חלל פון דער טיר, ווו ס'איז געווען פינסטער און שטיל, האָט ער אַ פרעג געטון פונקט מיט אַזאַ הויך שעפטשען, און זיין קול האָט געציטערט:

— ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש איז אַוועק?

— אַוועקגעגאַנגען, אַוועק! — האָט יוליאַ פעטראָוונאַ פריידעוודיק געשעפטשעט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפ.

פערעדאָנאָוו האָט זיך שרעקעוודיק אומגעקוקט און איז נאָך איר אַריין אין פינסטערן קאָרידאָר.

— אַנטשולדיקט, — האָט יוליאַ פעטראָוונאַ געשעפטשעט — איך צינד נישט אָן קיין פייער, מען קאָן נאָך באַמערקן, וועט מען נעמען רעדן.

זי איז געגאַנגען אויף די טרעפ פאַר פערעדאָנאָוון. אינם קאָרידאָר האָט געברענט אַ קליין לעמפל, וואַרפנדיק אַ טונקעלע שיין איבער די אויבערשטע טרעפ. יוליאַ פעטראָוונאַ האָט פריידעוודיק און שטיל געלאַכט, און אירע לענטעס האָבן כוואַלעדיק געציטערט פון איר געלעכטער.

— ער איז אַוועק, — האָט זי פריידעוודיק געשעפטשעט, זיך אומגעקוקט און אַ וואָרף געטון אויף פערעדאָנאָוון אַ ליידנשאַפטלעך־

ברענענדיקן בליק. — איך האָב שוין געמיינט, אַז היינט וועט ער גאָרנישט נישט אַוועק. אויף אַזוי פיל האָט ער זיך עס צעאַמפּערט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן און געמוזט אַוועק כאַפּן אַ „ווינט". די דינסט האָב איך אויך טראַנספּאָרטירט. איין ליזאַס גיאַנקע איז איבערגעבליבן, אַנישט קאָן מען אונז נאָך, חלילה, שטערן. איר ווייסט דאָך מיט וועמען מען דאַרף זיך היינט רעכענען.

און יוליאַ פּעטראָוונאַ האָט געווייעט מיט היץ, און אַליין האָט זי געגליט ווי אַ הייסע קויל, ווי אַ טרוקן קינעלע. זי האָט אָפּט אָנ-געכאַפּט פּערעדאָנאָוון פאַרן אַרבל, און פון אָט די שנעלע, טרוקענע באַרירונגען זענען איבער פּערעדאָנאָווס לייב דורכגעפלויגן שנעלע, טרוקענע פונקען.

שטיל, אויף די שפּיץ פינגער זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, פאַרביי עטלעכע פאַרמאַכטע טירן און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער לעצטער...

פּערעדאָנאָוו האָט זי פאַרלאָזט אַרום האַלב-נאַכט, דאַן, ווען זי האָט שוין אָפּגעוואַרט, אַז באַלד קאָן דער מאַן אָנקומען. ער איז גע-גאַנגען איבער די פינסטערע גאַסן, אַן אָנגעברוגזטער און אַ פאַרמרה-שחורהטער. אים האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן, אַז עמעצער איז גע-שטאַנען נעבן ראָג און קוקט אים איצט נאָך. ער האָט געמורמלט:

— כ'בין צוליב אַמט-דינסט געגאַנגען. כ'בין נישט שולדיק. זי האָט עס אַליין געוואָלט. וועסט מיך נישט פּאַקן, האָסט נישט אָנגע-טראָפן.

וואַרוואַראַ איז נאָך נישט געשלאָפן. בשעת ער איז אַריין, זע-נען די קאָרטן געלעגן נאָך אויפן טיש.

פּערעדאָנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דורך דער צייט, וואָס ער איז אַרויס, האָט עמעצער געקאָנט אַריין אין שטוב... מעגלעך, אַז וואַרוואַראַ האָט בכיוון אַריינגעלאָזט אַ שונא... פּערעדאָנאָוו האָט באַ-מערקט:

— איך וועל שלאָפן, און דו וועסט קאָרטן לייגן. גיב אַהער די קאָרטן, אַנישט וועסטו מיך נאָך פאַרכּישופן.

ער האָט צוגענומען די קאָרטן און זיי באַהאַלטן אונטערן קישן. וואַרוואַראַ האָט געשמייכלט און דערקלערט:

— ער האַקט שוין אַ טשייניק. איך קאָן אסור נישט כּישופן, אַ דאגה מיר...

אים האָט זייער געאַרט און געשראָקן, פאַרוואָס זי לאַכט: הייסט עס, אַז זי קאָן עס אָן קאָרטן אויך. אָט טוליעט זיך דער קאָטער אונטערן בעט און גלאַנצט מיט די גרינע אויגן אַפּער, מ׳קאָן נאָך אָפּטון אַ כּישוף מיט זיינע האָר, מען קאָן אים גלעטן אין דער פינסטער, וועלן זיך נעמען שיטן פונקען. אָט רירט זיך שוין ווידער אונטער דער קאַמאָד דאָס גרויע אומבאַרירל, אפשר רייצט עס וואַרוואַראַ אָן מיט אַ כּיוון און פייפט דערצו ביינאַכט מיט אַזאַ שטיל פייפן, וואָס איז כּמעט ענלעך צו אַ כראַפּען?

אַ מיאוסער און אַ שרעקלעכער חלום האָט פערעדאָנאָוון געפּייניקט: פּילניקאָוו איז געקומען, זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל, געווונקען צו אים און געשמייכלט, אָט ווי עמעצער וואָלט פערעדאָנאָוון געצויגן צו זיך, און פּילניקאָוו האָט אים אַרומגעפירט איבער פינסטערע און קויטיקע געסלעך. און דער קאָטער לויפט נאָך נעבן זיי פון הינטן און לייכט זיי צו מיט זיינע גרינע שוואַרצאַפּלען...

XIX

אָט די אַלע משוגעדיקע געגנג פערעדאָנאָווס האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער באַאומרויקט כריפּאַטשן. ער האָט זיך שואל-עצה געווען מיטן גימנאַזיע-דאָקטאָר, אפשר איז ער, פערעדאָנאָוו, גאָר אין דער אמתן אַראָפּ פון זינען. דער דאָקטאָר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געענטפערט, אַז פערעדאָנאָוו דאַרף גאָרנישט נישט זיין משוגע, ער פּראַוועט סתם נאַרישע שטיק אויס טפּשות. אַ שיט געטון האָבן זיך פאַרשידענע אָנקלאָגעס. אָנגעהויבן האָט עס אדאמענקא: זי האָט צוגעשיקט דעם דירעקטאָר איר ברודערס אַ העפט מיט אַן איינס פאַר אַ גוט אָנגעשריבענער אַרבעט.

דער דירעקטאָר האָט בשעת איינער פון די הפסקות געשיקט צו זיך רופן פערעדאָנאָוון.

„ער זעט טאַקע אויס ווי אַ געריר־טער״, — האָט כריפּאַטש געטראַכט, באַמערקנדיק סמנים פון פאַרלוירנקייט און שרעק אויף

פּערעדאָנאָווס טעמפּן, פינסטערן געזיכט.

— איך האָב צו אייך אַ תּביעה, — האָט כריפּאַטש זיך פונאַנדערגערעדט פלינק און טרוקן — יעדעס מאָל ווען מיר קומט אויס צו לערנען בשכנות מיט אייער קלאַס, שפּאַלט זיך מיר ממש שיר נישט דער קאָפּ, — אַזאַ געלעכטער איז דאָרט ביי אייך. קאָן איך אייך אפשר בעטן, איר זאָלט אויף ווייטער געבן אייערע לעקציעס נישט אין אַזאַ פריילעכן טאָן? „שפּאַסן און שפּאַסן, — ווי ווערט עס אייך גאָרנישט מיאוס?"

— איך בין נישט שולדיק, — האָט פּערעדאָנאָוו בייז געענטפערט — זיי לאַכן אַליין. און מען קאָן דאָך נישט די גאַנצע צייט רעדן וועגן רוסישן יאַט און קאָנטעמירס סאַטירעס, טאָ זאָגט מען אַמאָל עפּעס אַזוינס, און זיי שטשירען באַלד מיט די ציינער. זיי זענען זייער צעלאָזט. מען באַדאַרף זיי נעמען אין די הענט.

— זייער געוווּנשן איז און דורכאויס נויטיק, אַז די אַרבעט אין קלאַס זאָל טראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער, — האָט כריפּאַטש טרוקן דערקלערט — און נאָך אַ זאַך.

כריפּאַטש האָט פּערעדאָנאָוון באַוויזן צוויי העפטן.

— אָט זענען צוויי העפטן פון אייער לימוד.ביידע פון שילערס פון איין קלאַס, — אַדאַמענקאָס און מיין זונס. מיר איז אויסגעקומען זיי צו פאַרגלייכן און כ'בין גענויטיקט צו מאַכן אַן אויספיר וועגן אייער נישט איבעריק אויפמערקזאַמער באַציִונג צו אייער אַרבעט. אַדאַמענקאָס לעצטע אַרבעט איז אָנגעשריבן נאָכמער ווי נישט שלעכט, האָט איר אים געשטעלט אַן איינס, און מיין זונס אַרבעט איז אָנגעשריבן אַ סך ערגער, און איר האָט אים געשטעלט אַ פיר. אפנים, איר האָט דאָ געהאַט אַ טעות, איר האָט פאַרביטן די באַלן, אָנשטאָט איינעם האָט איר געשטעלט אַ צווייטן. און הגם ס'איז זייער שכיח, אַז אַ מענטש זאָל אַ טעות האָבן, בעט איך אייך, אַז אַזעלכע טעותן זאָלן ביי אייך מער נישט זיין. זיי רעגן אויף, און גאַנץ ריכטיק די עלטערן און אויך די שילער גופא.

פּערעדאָנאָוו האָט עפּעס אַ בורטשע געטון.

פון כעס האָט ער זיך גענומען אין דער קלאַס רייצן מיטן קליינוואַרג, וואָס מ'האָט אנומלטן, אַ דאַנק אים, אין די היימען אָפּגע-

שמיסן. דערהויפּט איז ער שטאַרק אָנגעפּאַדן אויף קראמארענקאן. יענער האָט געשוויגן, איז געוואָרן בלייך אונטער זיין טונקעלער פּאַרברוינטקייט, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט.

אַרויסגייענדיק פון דער גימנאַזיע האָט זיך קראַמאַרענקא אין יענעם טאָג נישט געאיילט אַהיים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער און זיך צוגעקוקט אויפן אַרויסגאַנג. און אַז פּערעדאָנאָוו איז אַרויס, איז אים קראמארענקא אויף אַ געוויסן מרחק נאָכגעגאַנגען, איבערוואַרטנדיק די זעלטענע דורכגייער.

פּערעדאָנאָוו איז געגאַנגען פּאַמעלעך. דער פּאַרכמאַרעטער דרויסן האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אומעט. זיין געזיכט האָט פּאַר די לעצטע טעג באַקומען נאָך אַ מער טעמפּן אויסדרוק. דער בליק זיינער, אָדער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עפּעס זייער אַ ווייטע זאַך, אָדער ער האָט גאָר אינגאַנצן געבלאָנדזשעט. געדוכט האָט זיך, אַז ער קוקט זיך איין שטענדיק אין יעדער זאך און וואָס עס טוט זיך הינטער איר. פון דעם האָבן זיך פאַר זיין בליק אַלע זאַכן כסדר געשפּאָלטן, פּאַרטאָפּלט און ווי געשווינדלט.

ווען-זשע האָט ער עס אויסגעקוקט?

די מוסרים. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַלע זאַכן, זיך געשושקעט און געלאַכט. די שונאים האָבן אויף אים, אויף פּערעדאָנאָוון, אָנגעשיקט אַ גאַנצע מחנה מוסרים. צומאָל האָט זיך פּערעדאָנאָוון געוואָלט זיי איבערפּאַלן און אַנטפּלעקן. נאָר זיי האָבן שטענדיק באַוויזן ציַיטלעך צו אַנטלויפן, — זיי פלעגן פּשוט ווי אין דער ערד אַריין...

פּערעדאָנאָוו האָט הינטער זיך פאַרנומען שנעלע און זיכערע טריט אויפן טראָטואַר, און זיך צעשראָקן אומגעקוקט, — קראמארענקא האָט זיך מיט אים אויסגעגלייכט און אויף אים אַ קוק געטון מיט ברענענדיקע אויגן, זיכער און בייז, אַ בלייכער, אַן איידעלער, אַזוי ווי עפּעס אַ יונגער ווילדער מענטש, וואָס איז גרייט אַרויפצוואַרפן זיך אויף זיין שונא.

פּערעדאָנאָוון האָט דער דאָזיקער בליק שטאַרק איבערגעשראָקן.

„און אַז ער וועט מיך אַ ביס טון?" — האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין שנעלער, — קראמארענקא איז ניש

אָפּגעשטאַנען; ער האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, — און קראַמאַרענקאָ אויך פּאַמעלעכער. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט כּעס אַ זאָג געטון:

— וואָס פּלאָנטערסטו זיך פאַר די פיס, שוואַרץ-יאָר איינער! אָט וועל איך דיך באַלד צום פּאָטער שלעפּן.

קראַמאַרענקאָ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און אַלץ געקוקט אויף פּערעדאָנאָוון. איצט זענען זיי געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, אויף אַ צעפּאָרענעם טראָטואַר אינמיטן אַ פּוסטער גאַס, נעבן אַ גרויסן גלייכגילטיקן פּאַרקן צו אַלץ און אַלעם. קראַמאַרענקאַ אינגאַנצן אַ פּאַרציטערטער האָט מיט אַ צישענדיקער שטים פאַרביסן אַ זאָג געטון:

— ליידאַק!

ער האָט אַ שמייכל געטון, זיך אָפּגעקערט און געוואָלט שוין אַוועק. געמאַכט דריי שפּאַן, זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך און איבערגעחזרט שוין העכער אַ ביסל:

— אַזאַ ליידאַק! פּאַסקודניאַק!

ער האָט אויסגעשפּיגן און איז אַוועק. פּערעדאָנאָוו האָט אים ברוגז נאָכגעקוקט און זיך אויך געלאָזט אַהיימגיין. אומקלאָרע, פּחדנישע געדאַנקען האָבן זיך פּאַמעלעך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ.

ווערשינאַ האָט אים אַ רוף געטון, זי איז געשטאַנען הינטער די שטאַכעטן פון איר סאָד, ביים טירל, איינגעהילט אין אַ גרויסן שוואַרצן שאַל און גערויכערט. פּערעדאָנאָוו האָט זי נישט גלייך דערקענט, אין איר פיגור האָט ער געזען עפּעס אַ בייז-נבֿואהדיקס, אַ באַצויבערנדיקס, — אַ שוואַרצע כּשופמאַכערין איז געשטאַנען, האָט אַרויסגעלאָזט אַ צויבערנדיקן רויך, און געכּישופט. ער האָט אויסגעשפּיגן, זיך אָפּגעשפּראָכן. ווערשינאַ, האָט זיך צעלאַכט און אַ פרעג געטון:

— וואָס איז עס עפּעס מיט אייך, אַרדאַליאָן באָריסיטש.

פּערעדאָנאָוו האָט טעמפּ אַ קוק געטון אויף איר, און ענדלעך באַמערקט:

— אַ, דאָס זענט איר גאָר! און איך האָב אייך נישט דערקענט.

— אַ גוטער סימן, הייסט עס, איך וועל אינגיכן רייך ווערן. — האָט ווערשינאַ דערקלערט.

פערעדאָנאָוון איז דאָס נישט געפעלן. ער וואָלט אַליין אַ בעלן געווען רייך צו ווערן.

— נו, אוודאי, — האָט ער מיט כעס זיך אָנגערופן — צו וואָס עפעס דאַרפט איר עס רייך ווערן? גענוג פאַר אייך דאָס, וואָס איר פאַרמאָגט.

— און אָט וועל איך דווקא די צוויי הונדערט טויזנט געווי־נען. — האָט ווערשעניאַ מיט אַ קרום שמייכעלע זיך געבייצט.

— ניין, דאָס וועל איך דווקא געווינען די צווייהונדערטטויזנט.

— האָט זיך פערעדאָנאָוו איינגעשפּאַרט.

— איך אין איין ציונג, איר אין צווייטער. — האָט ווערשינאַ צוגעגעבן.

— נו, מאָלט אייך איר לייגט, — האָט פערעדאָנאָוו גראָב באַטאָנט — אין איין שטאָט צוויי געווינסן איז גאָר קיינמאָל נישט מעגלעך, מען זאָגט דאָך אייך, אַז איך וועל געווינען.

ווערשינא האָט באַמערקט, אַז ער בייזערט זיך, האָט זי אויפ־געהערט זיך שפּאַרן, צעעפנט דאָס טירל און אַריינגעלאָזט פערעדאָ־נאָוון צו זיך:

— וואָס־זשע שטייען מיר דאָ, — האָט זי זיך געכאַפּט — קומט אַריין. אויך מורין איז פאַראַן ביי אונז.

מורינס נאָמען האָט פערעדאָנאָוון דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס אים איז געווען זייער נאָענט, — מ׳האָט געקאָנט אויסטרינקען און צובייסן.

ער איז אַריינגעגאַנגען.

אין זאַל, וואָס איז געווען פינסטערלעך פון די בוימער, זענען געזעסן מאַרטאַ מיט אַ רויט פאַרשלייפט טיכל אַרום האַלז, און מיט פריילעך געוואָרענע אויגן. — מורין איז עפּעס געווען מער ווי אַלע־מאָל צעשויבערט און פון וואָס אַזוינס כמעט דערפרייט, — און דער דערוואַקסענער גימנאַזיסט וויטקעוויטש: ער פלעגט אָפט אַריינגיין צו דער ווערשינא, געמיינט, אַז זי איז אין אים שטאַרק פאַרליבט און געחלומט צו פאַרלאָזן די גימנאַזיע, חתונה האָבן מיט איר און פאַר־נעמען זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט אין איר קליינעם גוט.

מורין האָט זיך אויפגעהויבן מקבל־פּנים צו זיין פערעדאָנאָוון מיט איבערגעטריבן-פריידעוודיקע אויסרופן, זיין געזיכט האָט געשיינט

נאָך זיסער, די אויגן פוטערדיקער, — און דאָס אַלץ האָט אַזוי נישט געפּאַסט צו זיין פעסט־געבויטער פיגור און די צעפּאַטלטע האָר, אין וועלכע ס'האָבן זיך געוויזן וו־נישט־ווו גרעזעלעך היי.

— מכּוח אַן עניו געקומען, — האָט ער הויך און הייזעריקלעך געשריגן — אומעטום מאַכט זיך מיר עפּעס אַן עניו, און אָט האָט מיך די באַלעבאָסטע מכבד געווען מיט אַ גלעזל וואַרעמס.

— נו, אוודאי, עניוים, — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז געענטפערט— וואָס פאַר אַן עניוים קאָנט איר עס האָבן. איר דינט נישט אין ערגעץ, איר מאַכט סתם די קאָפּיקע. אָט איך — איך בין פאַרנומען.

— געוויס, עניוים — פרעמד געלט איז עס. — האָט מורין מיט אַ הילכיק געלעכטער געענטפערט.

ווערשינאַ האָט קרום געשמייכלט און אַוועקגעזעצט פערעדאָנאָוו צום טיש, אויפן קיילעכדיקן טיש פאַרן דיוואַן זענען ענג אָנגעשטעלט געווען גלעזער און טעפלעך מיט טיי, ראָם, איינגעמאַכטס פון קי־ זשאַניקעס, אַ זילבער־געפלאָכטן קיישל פאַרדעקט מיט אַ סאַלפעטקע פול מיט זיסע בולקעלעך און היימיש־געבאַקענע מאַנדל־ברייטלעך.

פון מורינס גלאָז האָט זיך שטאַרק געפילט מיט ראָם, און וויטקעוויטש האָט זיך אָנגעלייגט אויף זיין גלעזערן טעצל אַ גאַנצן באַרג איינגעמאַכטס. מאַרטאַ האָט מיט באַשיינפערלעכן פאַרגניגן גע־ קייט ביסלעכווייז אַ זיס בולקעלע. ווערשינאַ האָט אויך מכבד געווען פערעדאָנאָוון, — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טיי.

מען קאָן נאָך סמען, — האָט ער געטראַכט — כמען זיך איז גאָר גרינג — טרינקסט און באַמערקסט אַליין נישט, סם איז זיסלעך, און קומסטו אַהיים ציסטו אויס די פיס און פּטור.

און אים האָט פאַרדראָסן, למאַי מ'האָט פון מורינס וועגן אַוועק־ געשטעלט איינגעמאַכטס, און אַז ער איז אַריין, ווילט מען זיך אפילו אַהערצוברענגען אַ פרישן סלאָי מיט עפּעס בעסערס. נישט נאָר קי־ זשאַניקעס האָבן זיי, — אַ סך איינגעמאַכטסן האָבן זיי אָנגעפּרעגלט איבערן זומער.

און ווערשינאַ האָט טאַקע מער צוגעזען אָט דעם מורינען, זעענדיק, אַז אויף פערעדאָנאָוון קאָן זי ווייניק וואָס אויסשטעלן, האָט זי זיך גענומען צו זוכן אַנדערע חתנים פאַר מאַרטאַן. איצט האָט זי זיך

געפוצט צו מורינען. דער האַלב-ווילד געוואָרענער, פונם שטענדיק יאָגן זיך נאָך אַ פאַרדינסטל, וואָס האָט זיך אים שווערלעך איינגעגעבן, גוטבאַזיצער, האָט זיך זייער לייכט געלאָזט בייגן אונטער איר השפּעה: מאַרטאַ איז אים געפעלן.

מאַרטאַ איז געווען צופרידן. — דאָס אייגנטלעך איז געווען איר באַשטענדיקער חלום, אַז וועט זיך אָפּזוכן אַ חתן פאַר איר, און זי וועט חתונה האָבן, זיך איינאָרדנען אַ פיינע באַלעבאַטישקייט, אַ הויז פול מיט שפע. און זי האָט געקוקט אויף מורינען מיט פאַרליבטע אויגן. דער פערציק-יאָריקער אומגעהויער-גרויסער מאַנסביל מיטן גראָבן קול און מיטן פשוטן אויסדרוק אויפן געזיכט האָט מיט יעדער תנועה זיינער איר אויסגעוויזן אַלס מוסטער פון מענערישקייט, יוגנטלעכקייט, שיינקייט און גרויסקייט.

פערעדאָנאָוו האָט באַמערקט די פאַרליבטע בליקן, מיט וועלכע מאַרטא און מורין קוקן איינער אויפן אַנדערן, — ער האָט עס באַמערקט, ווייל ער האָט זיך געריכט, אַז מאַרטא וועט בלויז אים אַליין שענקען איר אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט זיך בייז געווענדט צו מורינען:

— עפּעס זיצטו מיר אַזוי ווי אַ חתן, דאָס גאַנצע פּנים שיינט ביי דיר.

— דאָס בין איך פריילעך אַזוי, — האָט מורין מיט אַן אויפגערעגטער און פריילעכער שטים באַטאָנט — וואָס מיין ענין האָט זיך מיר אַזוי גוט איינגעגעבן.

ער האָט אַ ווונק געטון צו די באַלעבאָסטעס. זיי האָבן זיך ביידע פריידעוודיק צעשמייכלט. פערעדאָנאָוו האָט מיט עקל פאַרזשמורעט די אויגן און מיט שנאה אַ פרעג געטון:

— וואָס, אַ כלה געפּאַקט? נדן עפּעס אַ סך?

מורין האָט געטענהט, גלייך ווי ער וואָלט נישט פאַרנומען אינגאַנצן זיינע פראַגן:

— אָט האָט נאַטאַליאַ אַפאַנאַסיעוונאַ, זאָל איר גאָט געבן אַלדאָסגוטס, איינגעשטימט צו נעמען צו זיך מיין וואַניושאַן אויף קוואַרטיר. ער וועט דאָ וווינען, ווי גאָט אין אָדעס, און איך וועל מיר קאָנען רויק זיין, אַז ער וועט נישט ווערן צעלאָזן.

— ער וועט שטיפן צוזאַמען מיט וואָלאַדיאַן, — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז באַמערקט — זיי וועלן נאָך די שטוב אונטערצינדן.

— ער וועט עס נישט טון! — האָט מורין זיכער אויסגעשריגן. — איר, נאַטאַליאַ אַפאַנאַסיעוונאַ, מוטערל, דאַרפט זיך נישט באַאומרויקן: ער וועט זיך ביי אייך האַלטן מעשה-מענטש.

ווילנדיק איבערבייטן דעמדאָזיקן שמועס, האָט ווערשינאַ זיך אָפּגערופן מיט אַ קרום שמייכעלע:

— עפּעס האָט זיך מיר פאַרוואָלט וויערלעכס.

— אפשר ווילט איר ברוסניצעס מיט עפּל? אָט וועל איך ברענגען. — האָט מאַרטאַ אַ זאָג געטון און זיך שנעל אויפגעהויבן פון אָרט.

— ביטע, ברענגט.

מאַרטאַ איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. ווערשינאַ האָט אפילו נישט אַ קוק געטון נאָך איר, — זי איז שוין געוווינט געווען רויק אויפצונעמען מאַרטאַס וועלן צוליב טון, ווי עפּעס נאַטירלעכס. זי איז זיך געזעסן במנוחה, טיף אויפן דיוואַן, געלאָזט בלויע קנוילן רויך און פאַרגלייכט די מענער, וואָס זענען געזעסן און געשמועסט, פּערעדאָנאָוו — בייז און פויל, מורין — פריילעך און אויפגעלעבט.

מורין איז איר געפעלן אַ סך בעסער. ער האָט זייער אַ גוטהערציק געזיכט, און פּערעדאָנאָוו קאָן אפילו קיין שמייכל נישט טון. מורין איז איר געפעלן מיט אַלץ, — אַ גרויסער, אַ דיקער, אַ ליבער. ער רעדט מיט אַן אָנגענעמער נידעריקער שטים און באַציט זיך צו איר מיט גרויס יראת-הכבוד. ווערשינאַ האָט אפילו נישט איינמאָל אַ טראַכט געטון, צי וואָלט נישט געווען קיין פּלאַן, מאַכן עס אַזוי, אַז מורין זאָל זיך גאָר שדכנען נישט צו מאַרטאַן, נאָר צו איר. נאָר אירע געדאַנקען פלעגן זי דאָך שטענדיק פאַרענדיקן מיט דעם, אַז זי האָט אים פון גאַנצן האַרצן באַוויליקט אָפּצוטרעטן מאַרטאַן.

צו מיר, — פלעגט זי טראַכטן — וועט זיך יעדערער שדכנען, ווייל איך בין רייך, — קאָן איך מיר אויסקלויבן ווען, וואָס איך וועל וועלן, אָט ווייל איך, קאָן איך אפילו אָט דעם יונגנמאַנטשיק נעמען — האָט זי געטראַכט און נישט אָן פאַרגניגן אָפּגעשטעלט איר בליק אויפן גרין-בלייכן, בלאָנדיקן, נאָר דאָך שיינעם געזיכט פונם גימנאַ-

זיסט וויטקעוויטש, וועלכער האָט זייער ווייניק גערעדט, אַ סך געגעסן, געקוקט אויף ווערשינאַן און דערביי זייער חוצפּהדיק געשמייכלט.

מאַרטאַ האָט געבראַכט אין אַ ליימן טעפּעלע ברוסניצעס מיט עפּל און אָנגעהויבן דערציילן, וואָס איר האָט זיך היינט ביינאַכט געחלומט, זי איז געווען אויף אַ חתונה און האָט געגעסן אַנאַנאַסן און לאַטקעס מיט האָניק, אין איין לאַטקע האָט זי געפונען הונדערט רובל און אָט די הונדערט רובל האָט מען ביי איר אויסגעכאַפּט, און ווי זי האָט בשעת־מעשה געוויינט. און אינמיטן וויינען האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

— שטילערהייט האָט מען עס באַדאַרפט פאַרבאַהאַלטן, קיינער זאָל עס נישט זען, — האָט פערעדאָנאָוו בייז באַמערקט — אַנישט האָט איר אפילו אין חלום נישט געקאָנט דאָס געלט איינהאַלטן, איז וואָס פאַראַ באַלעבאָסטע זענט איר!

— נו, אַזאַ געלט איז גאָר קיין שאָד נישט, — האָט ווערשינאַ באַטאָנט — מאַלע וואָס מען קאָן אין חלום זען!

— און מיר איז אַזאַ שאָד אָט דאָס געלט, — האָט מאַרטאַ פּשוט פון האַרץ זיך אָפּגערעדט — גאַנצע הונדערט רובל!

ביי איר אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, און זי האָט זיך גענויט אַ שמייכל צו טון, אַבי זיך נישט צו צעכליפּען. מורין האָט אומרויק אַ גראַבל געטון אין קעשענע און זיך אָפּגערופן:

— מאַרטאַ סטאַניסלאַוואָוונאַ, איר דאַרפט זיך עס נישט נעמען אַזוי צום האַרצן, מיר וועלן דאָס באַלד קאָנען פאַרריכטן.

ער האָט אַרויסגענומען פון טייסטער אַ הונדערטער, אים אַוועקגעלייגט פאַר מאַרטאַן אויפן טיש, אַ קלאַפּ געגעבן אויף אים מיט דער דלאָניע און אַ זאָג געטון:

— ביטע, דאָס וועט שוין קיינער ביי אייך נישט צונעמען.

— מאַרטאַ האָט זיך געוועסט דערפרייט, נאָר באַלד איז זי שטאַרק רויט געוואָרן און פאַרשעמט דערקלערט:

— אָך, וואָס טוט איר; וולאַדימיר איוואַנאָוויטש, כ׳האָב דאָך דאָס נישט געמיינט! איך וועל נישט נעמען, צו וואָס טוט איר דאָס!

— ניין, איר טאָרט מיך נישט באַליידיקן, — האָט מורין זיך

אָפּגערופן מיט אַ שמייכעלע און נישט צוריקגענומען דאָס געלט. — אָט זאָל עס זיין אַ חלום אויפן וואָר.

— אָך, ניין, וואָס הייסט עס, מיר איז אַ חרפה, כ׳וועל עס באין־אופן נישט נעמען. — האָט מאַרטאַ זיך געבעטן און מיט זשעדנע אויגן געקוקט אויפן פּאַפּירל.

— וואָס קווענקלט איר זיך נאָך, אַז מען גיט אייך, — האָט וויטקעוויטש באַטאָנט — אַז אַ מענטשן גייט עס ממש פונם הימל גלייך אין די הענט אַריין. — האָט ער באַמערקט מיט אַ קנאהדיקן זיפץ.

מורין איז צוגעגאַנגען צו מאַרטאַן און גענומען צו איר רעדן מיט אַן איבערצייגנדיק קול:

— טייערע מאַרטאַ סטאַניסלאַוואָוונאַ, גלויבט מיר אויף נאמנות, אַז איך טו עס פון גאַנצן האַרצן. נעמט, איך בעט אייך! און אויב איר ווילט עס נישט אומזיסט, וועט עס זיין דערפאַר, וואָס איר וועט אַכטונג געבן אויף וואַניושאַן מיינעם. דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגערעדט מיט נאַטאַליאַ אַפאַנאַסיעוונאַן וועט בלייבן ווי געווען, קיין האָר נישט געמינערט, און דאָס, הייסט עס, איז פאַר אייך; פאַר דעם, אַז איר זאָלט אויף אים אַכטונג געבן, הייסט עס.

— וואָס הייסט עס עפּעס, ס׳איז דאָך צופיל. — האָט מאַרטאַ אומבאַשלאָסן באַמערקט.

— פאַרן ערשטן האַלב־יאָר, — האָט מורין באַשטעטיקט און זיך טיף פאַרנייגט פאַר מאַרטאַן—טוט מיר אַ טובה און נעמט צו און זייט פאַר מיין וואַניושאַן אָנשטאָט אַן עלטערע שוועסטער.

— נו, וואָס־זשע, מאַרטאַ, נעמט, — האָט ווערשינאַ געהייסן — דאַנקט וולאַדימיר איוואַניטשן.

מאַרטאַ האָט פאַרשעמט און מלא־שמחה צוגענומען דאָס געלט און איז שטאַרק רויט געוואָרן..

מורין האָט איר אָנגעהויבן שטאַרק דאַנקען.

— שדכן זיך שוין פאַר איין וועגס, ס׳וועט ביליקער קאָסטן,— האָט פּערעדאָנאָוו מיט רציחה זיך אַריינגעמישט — זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס צעלאָזן.

וויטקעוויטש האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און די איבעריקע האָבן

זיך געמאַכט כלומרשט געפּגרט. ווערשינאַ האָט סתּם גענומען דערציילן אירס אַ חלום. פערעדאָנאָוו האָט נישט צוגעהערט ביזן סוף און זיך גענומען געזעגענען. מורין האָט אים פאַרבעטן צו זיך אָוונט-צו.

— איך דאַרף גיין צו דער אָוונט־תּפילה. — האָט פערעדאָנאָוו זיך פאַרענטפערט.

— עפּעס האָט אַרדאַליאָן באָריסיטש אָנגעהויבן שטאַרק מקפּיד זיין און באַזוכט אָפט דעם קלויסטער. — האָט ווערשינאַ מיט אַ שנעל און טרוקן געלעכטערל געגעבן אָנצוהערן.

— איך טו עס שטענדיק, — האָט ער געענטפערט — כ׳גלויב אין גאָט, נישט ווי אַנדערע. מעגלעך, אַז איך בין איינער אין דער גאַנצער גימנאַזיע, דערפאַר פאַרפאָלגט מען מיך טאַקע. דער דירעקטאָר איז אַן אַטעיִסט.

— ווען־זשע קאָנט איר זיין פריי, באַשטימט אַליין. — האָט מורין באַמערקט.

פערעדאָנאָוו האָט בייז געקנייטשט דאָס היטל און בייז געענטפערט.

— איך האָב נישט קיין צייט צו שלעפּן זיך צו גאַסט.

אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מורין איז זייער פיין מכבד און מען קאָן ביי אים מאַכן אַ פיינעם שנאַפּס, און ער האָט צוגעגעבן:

— נו, אַרום מאָנטיק וועל איך קאָנען קומען.

מורין איז אַריין אין התפּעלות און אָנגעהויבן בעטן ווערשינאַן און מאַרטאַן זיי זאָלן אויך קומען. נאָר פערעדאָנאָוו האָט זיך אָפּגערופן:

— ניין, קיין דאַמעס דאַרף מען נישט. מען קאָן זיך נאָך אָנטרונקען און זיך אַרויסכאַפּן מיט עפּעס אַ וואָרט אָן פאָרצענזור. אין געזעלשאַפט פון דאַמען פּאַסט עס עפּעס נישט.

אַז פערעדאָנאָוו איז אַוועק, האָט ווערשינאַ מיט אַ געלעכטערל באַמערקט:

— אַ מאָדנער מענטש אָט דער אַרדאַליאָן באָריסיטש. אים ווילט זיך זייער ווערן אַן אינספּעקטאָר. און וואַרוואַראַ מוז אים, אפּנים, פאַר דער נאָז פירן. דרייט ער אַ ספּאָדעק.

וואָלאָדיא, בשעת פערעדאָנאָוו איז געווען, האָט ער זיך באַהאַלטן, איז אַריינגעקומען, און האָט מיט אַ בייז־פריידעוודיק שמייכעלע צו וויסן געגעבן:

— די שלאָסעריוקעס האָבן זיך פון עמעצן דערוווּסט, אַז פע־רעדאָנאָוו האָט זיי אַרויסגעגעבן.

— זיי וועלן אים די שויבן אויסזעצן! — האָט וויטקעוויטש זיך אָנגערופן מיט אַ פריילעך געכיכע.

דרויסן האָט זיך פערעדאָנאָוו אויסגעוויזן, אַז אַלץ קוקט אויף אים פיינטלעך און מיט אַ בייזער כּוונה. אינמיטן גאַס איז געשטאַנען אַ שאָפּבאָק און טעמפּ געקוקט אויף פערעדאָנאָוון. דער שאָפּבאָק איז כּמעט געווען ענלעך אויף וואָלאָדינען, אַז פערעדאָנאָוו האָט זיך אַשז איבערגעשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז, מעגלעך, וואָלאָדין איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שאָפּבאָק, כּדי אים בעסער נאָכצושפּירן.

„פונוואַנען ווייסט מען, — האָט ער געטראַכט — מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. די וויסנשאַפט האָט נאָך נישט דערוויזן. און אפשר ווייסט עס טאַקע עמעצער. אָט, לאָמיר נעמען די פּראַנצויזן — אַ געבילדעט פאָלק, און ביי זיי אין דער הויפּט־שטאָט, אין פּאַריז, האָבן זיך באַוויזן מכשפים און מאַגיקער". — האָט פערעדאָנאָוו גע־טראַכט.

און אים איז איבערגעפאַלן אַן אימה.

„ער קאָן זיך נאָך אָנהייבן צו בריקעווען, דער דאָזיקער שאָפּ־באָק", — האָט ער געטראַכט.

דער שאָפּבאָק האָט זיך צעמעקעט, און דאָס מעקען איז ענלעך געווען כּמעט צו וואָלאָדינס געלעכטער, אַ שאַרפער, אַ האַסטיקער, און אומאָנגענעמער.

ער האָט ווידער באַגעגנט דעם זשאַנדאַרם־אָפיציר. פערעדאָנאָוו איז צו אים צוגעגאַנגען און שטילערהייט אים אַ שעפּטשע געטון:

— שפּירט נאָך די אדאמענקא. זי קאָרעספּאָנדירט מיט די סאָ־ציאַליסטן, זי איז אויך אַ סאָציאַליסטקע.

ריבאָווסקי האָט שווייגנדיק פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף אים.

פערעדאָנאָוו איז ווייטער געגאַנגען און מיט אומעט געטראַכט:

„וואָס עפּעס קומט ער מיר שטענדיק אַקעגן? רק ער שפּירט מיר־

נאָך, — און אומעטום פונאַנדערגעשטעלט פּאָליציאַנטן".

די שמוציקע גאַסן, דער פאַרכמאַרעטער הימל, די נעבעכדיקע הײַזלעך, די אַרומגעריסענע פוילע קינדער, — פון אַלץ האָט זיך געטראָגן אַן אומעט, אַ ווילדקייט, אַן אומאויסשעפּלעכער טרויער.

„דאָס איז ממש סדום, — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — און די מענטשן זענען דאָ שלעכטע, בייזע; מען דאַרף וואָס גיכער אַוועק פון דאַנעט, אַוועקפאָרן ערגעץ אַנדערש, ווו אַלע לערער וועלן זיך בּיקן בּידעריק פאַר דיר, און אַלע שילער וועלן מורא האָבּן און שעפּטשען מיט אימה: דער אינספּעקטאָר גייט. יאָ, אַ שררה לעבּט זיך גאָר אַנדערש אויף גאָטס וועלט".

„הער אינספּעקטאָר פון צווייטן ראַיאָן פון רובּאַנער גובּערניע, — האָט ער געבּורטשעט צו זיך אונטער דער נאָז — זײַן וווילגעבּוירן, הער שטאָטראַט פּערעדאָנאָוו" — אָט אַזוי! ווייסט, ווער מיר זענען! און עקסעלענץ, הער דירעקטאָר פון די פאָלקסשולן פון רובּאַנער גובּערניע ווירקלעכער שטאָטראַט פּערעדאָנאָוו. דאָס היטל אַראָפּ! גיט זיך אָן אין דימיסיע! כ'וועל אײַך ווײַזן!

פּערעדאָנאָווס געזיכט איז געוואָרן גאַווהדיק, אין זײַן נעבּעכדיקן כּוח־הדמיון האָט ער שוין בּאַקומען אַ קאַפּעלע ממשלה.

אַז פּערעדאָנאָוו איז געקומען אַהיים, האָט ער, נאָך אויסטוענדיק דעם מאַנטל, דערהערט שאַרפע קלאַנגען, וואָס האָבּן זיך דערטראָגן פונם עסצימער, — דאָס האָט וואָלאָדין געלאַכט. פּערעדאָנאָווס האַרץ איז אין חלשות געבּליבּן.

„ער האָט שוין בּאַוויזן אַהערצוקומען, — האָט ער געטראַכט, — מעגלעך, אַז ער רעדט עס זיך אָפּ מיט וואַרוואַראַן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון מיר. דערפאַר טאַקע לאַכט ער, — ער פרייט זיך, וואָס וואַרוואַרא איז מסכּים".

אַן אומעטיקער, אַ בייזער איז ער אַריין אין עסצימער. ס'איז שוין געווען געגרייט צום טיש. וואַרוואַראַ האָט אים בּאַגעגנט מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע.

— אַרדאַליאָן בּאָריסיטש! — האָט זי אויסגערופן. — בּיי אונז האָט זיך אַ פאָרפאַל פאַרלאָפן! — דער קאָטער איז אַנטלאָפן.

— נו! — האָט פּערעדאָנאָוו מיט שרעק אויפן געזיכט אויסגע-

שריגן — פאַרוואָס־זשע האָט איר אים געלאָזט אַנטלויפן?

— וואָס־זשע, אפשר האָב איך אים נאָך געדאַרפט פאַרן עק צובינדן צו מיין קליידל? — האָט וואַרוואַראַ מיט פאַרדראָס איבערגעפרעגט.

וואָלאָדין האָט אַ כיכע געטון. פערעדאָנאָוו האָט געמיינט, אַז דער קאָטער איז, מעגלעך, אַוועק צום זשאַנדאַרם־אָפיצער, און וועט דאָרט אויסמורקען אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן פערעדאָנאָוון, און וועגן דעם וווהין און צוליב וואָס פערעדאָנאָוו פלעגט גיין אַלע נאַכט, — ער וועט אַלץ אויפדעקן און נאָך צעמיאָקען דאָס, וואָס איז אפילו נישט געווען. אַן אומגליק! פערעדאָנאָוו האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און קנייטשנדיק דעם ברעג טישטוך, זיך פאַרטיפט אין אומעטיקע רעיונות.

— דאָס האָבן שוין קאָטערס שטענדיק אַזאַ טבע, זיי מוזן צוריק אַנטלויפן אויף דער אַלטער דירה, — האָט וואָלאָדין צו פאַרשטיין געגעבן—דערפאַר, ווייל קעץ ווערן געוווינט צו זייער אַלטער דירה, און נישט צום באַלעבאָס. אַ קאַץ דאַרף מען עטלעכע מאָל אַ דריי טון, אַז מען ברענגט זי אויף דער נייער דירה, און איר דעם וועג נישט ווייזן, אַז נישט וועט זי געוויס אַנטלויפן.

פערעדאָנאָוו האָט עס דערהערט און זיך געטרייסט.

— האַלסטו טאַקע, פּאַוולושאַ, אַז ער איז אַנטלאָפן אויף דער אַלטער דירה? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— געוויס אַזוי, אַרדאַשאַ. — האָט וואָלאָדין געענטפערט.

פערעדאָנאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און אויסגעשריגן:

— נו, אויב אַזוי, טאָ לאָמיר אויסטרינקען, פּאַוולושקאַ!

וואָלאָדין האָט זיך צעכיכעט.

— דאָס קאָן מען, אַרדאַשאַ, — האָט ער דערקלערט — אויסטרינקען קאָן מען אפילו אַלעמאָל און באַשטענדיק.

— און דעם קאָטער דאַרף מען פון דאָרטן צוריק אַרויסבאַקומען! — האָט פערעדאָנאָוו באַשלאָסן.

— אַן אוצר! — האָט וואַרוואַראַ מיט אַ שמייכל געענטפערט — אָט נאָכמיטאָג וועל איך אַהינשיקן קלאַוודושקאַן, און זאָל זי אים ברענגען.

מען האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן. וואָלאָדין איז געווען פריילעך, ער האָט געפּלוידערט און געלאַכט, זיין געלעכטער האָט געקלינגען אין פערעדאָנאָווס אויערן, פּונקט אַזוי ווי דאָס מעקען פונם שאָפּבאָק, וואָס ער האָט אין דער גאַס געטראָפן.

„און וואָס טראַכט ער זיך? — האָט פערעדאָנאָוו געקלערט — ער דאַרף דען עפּעס אַ סך האָבן?"

און פערעדאָנאָוו האָט גערעכנט, אַז מעגלעך אים וועט זיך איינגעבן גוט צו ווערן מיט וואָלאָדינען.

— הער נאָר, פּאַוולושאַ, — האָט ער געטענהט — אויב דו וועסט נישט פּראַווען קעגן מיר קיין שטיק און מיר נישט קאַליע מאַכן, וועל איך דיר אַלע וואָך קויפן אַ פונט לעקעכלעך, פון ערשטן סאָרט, — עס דיר געזונטינקערהייט און זאָל דיר ווויל באַקומען, עס דיר אונז צום געזונט.

וואָלאָדין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, נאָר באַלד האָט ער געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע און באַמערקט:

—איך, אַרדאַליאָן באָריסיטש, וויל אייך נישט קיין שום שלעכטס טון, אָבער קיין לעקעכלעך דאַרף איך נישט, מחמת, איך האָב זיי נישט גערן קיין לעקעכלעך.

פערעדאָנאָוו איז ביי זיך געפאַלן. וואַרוואַראַ האָט מיט אַ שמייכעלע באַטאָנט:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, גענוג געהאַקט אַ טשייניק. מיט וואָס עפּעס קאָן ער דיר דען קאַליע מאַכן?

— אַ קאָץ קאָן אויך קאַליע מאַכן. — האָט פערעדאָנאָוו אומעטיק באַמערקט.

וואָלאָדין האָט באַליידיקט אַרויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און דערקלערט:

— אויב איר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, נעמט מיך אָן פאַר אַזעלכן, קאָן איך נאָר זאָגן איינס: אַ גרויסן דאַנק. אויב איר האַלט וועגן מיר אַזוי, טאָ וואָס־זשע בלייבט מיר נאָך צו טון? ווי דאַרף איך עס פאַרשטיין? וואָס מיינט איר מיט דעם?

— טרינק אויס אַ לחיים, פּאַוולושאַ, און גיס מיר אויך אָן — האָט פערעדאָנאָוו אים איבערגעבעטן

— קוקט אויף אים נישט, פּאַווע́ל וואַסיליעוויטש, — האָט וואַרוואַרא געטרייסט וואָלאָדינען, — ער פּלאַפּלט עס כּתּם אַזוי, — די נשמה צאַפּלט, און דאָס מויל פּלאַפּלט.

וואָלאָדין איז אַנטשוויגן געבליבן און, איינהיטנדיק די באַליידיקטע מינע, האָט ער גענומען פון פלאַש אָנגיסן אין די גלעזלעך. וואַרוואַרא האָט אַ זאָג געטון:

— ווי אַזוי־זשע עפּעס, ארדאַליאָן באָריסיטש, האָסטו קיין מורא נישט דעם בראָנפן צו טרינקען, וואָס ער גיסט דיר אָן? ער האָט דאָך אים, די שעה זאָל נישט זיין, געקאָנט געבן אַ גוט אויג, — אָט מאַכט ער עפּעס מיט די ליפּן.

פּערעדאָנאָוו אויפן געזיכט האָט אַרומגעכאַפּט אַן אימה. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס גלעזל, וואָס וואָלאָדין האָט אָנגעגאָסן, איבערגעקערט אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן שרייען:

— באַהיט מיך, זיי שומר ומציל! אַן עין־הרע. דער עין־הרע. די שלעכטע צונג זאָל אָפּדאַרן. דאָס שלעכטע אויג זאָל אויסרינען. יענעם אַ בלאָטער און מיך באַהיט, זיי שומר־ומציל.

נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו וואָלאָדינען מיט אַ בייז געזיכט, אים באַוויזן אַ פייג און באַטאָנט:

— נאַ, אָט האָסטו דיר! ביסט קלוג, אָבער איך בין נאָך קליגער,

וואַרוואַרא האָט געלאַכט. וואָלאָדין האָט מיט אַ באַליידיקט, ציטענדק קול גערעדט, כּמעט ווי אונטערגעמעקעט:

— דאָס, ארדאַליאָן באָריסיטש, קענט איר און ווייסט די אַלע כּישוף־שפּרוכן, און איך האָב מיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט מאַגיע. כ'וויל גאָרנישט נישט, מיר איז אפילו אויף דער דעה נישט געקומען כ'זאָל דעם בראָנפן פאַרשפּרעכן, אָדער עפּעס ענלעכס, און גיכער פון אַלץ מוזט איר, אפנים, אָפּטון כּישוף מיינע כּלות, זיי זאָלן מיך נישט וועלן.

— אַן איינפאַל! — האָט פּערעדאָנאָוו בייז באַמערקט. — זיינע כּלות דאַרף איך גאָר, וואָס, איך קאָן מיר גאָר קיין בעסערע נישט פאַרגינען.

— איר האָט געזאָגט, אַז מיין אויג זאָל אויסרינען, — האָט

וואָלאָדין ווייטער גערעדט — זעט נאָר, אַז אייערע ברילן זאָלן זיך פריער נישט צעברעקלען.

פערעדאָנאָוו האָט זיך דערשראָקן אַ כאַפּ געטון פאַר די ברילן.

— וואָס באַלעבעסטע, — האָט ער בייז באַמערקט — האָט אַ צונג און באַלבעס.

וואַרוואַראַ האָט מיט מורא אַ קוק געטון אויף וואָלאָדיגען און מיט כעס איבערגעריסן:

— וואָס קליגלט איר זיך, פּאַוועל וואַסילעוויטש, עסט בעסער די זופּ, עס ווערט קאַלט, זע נאָר, ס׳ארא קלוגיטשקער!

זי האָט געמיינט, אַז אַרדאַליאָן באָריסיטש האָט זייער גלייך געטון, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּראָכן. וואָלאָדין איז אַנטשוויגן געוואָרן און גענומען עסן זופּ. אַלע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, און נאָכ־דעם האָט וואָלאָדין מיט אַ באַליידיקט קול אויסגערעדט:

— נישט אומזיסט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מ׳האָט מיך אויסגעשמירט מיט האָניק. אויסגעשמירט האָט איר מיך, אַרדאַליאָן באָריסיטש.

— און נאָך ווי האָט מען אייך געדאַרפט אויסשמירן? — האָט וואַרוואַראַ בייז באַמערקט.

— פאַרוואָס־זשע עפּעס? דערלויבט מיר אייך איבערפרעגן, כ׳האָב דאָך גאָרנישט נישט געטון, — האָט וואָלאָדין געטענהט.

— דעריבער, וואָס אייער צונג ווייסט נישט, וואָס זי רעדט, — האָט וואַרוואַראַ געגעבן צו פאַרשטיין — מען טאָר נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין פּלאַפּלען, די שעה זאָל נישט געשען, וואָס פון אַ וואָרט קאָן אַמאָל ווערן.

XX

אָוונטס איז פערעדאָנאָוו אַוועק אין קלוב, מ׳האָט אים גערופן אַהין שפּילן אין קאָרטן. דאָרטן איז אויך געווען דער נאָטאַריוס גודאַיעווסקי, מיט וועלכן פערעדאָנאָוו האָט אַנומלטן געהאַט אַ שאַרפן שמועס צוליב זיין זון, דעם גימנאַזיסט. אַז פערעדאָנאָוו האָט אים דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן. נאָר גודאַיעווסקי האָט זיך צומאָל

אויף אים נישט אומגעקוקט, און פּערעדאָנאָוו האָט זיך באַרויקט.

מ'האָט געשפּילט לאַנג, אַ סך געטרונקען. שפּעט ביינאַכט, אין בופעט־צימער, איז גודאַיעווסקי אומגעריכט צוגעשפּרונגען צו פּערעדאָנאָוון, און אָן שום דערקלערונגען אים עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ געטון איבערן פּנים, צעבראָכן אים די ברילן און שנעל אַוועק פון קלוב. פּערעדאָנאָוו האָט זיך אפילו נישט געפּרוווט אַנטקעגנשטעלן, זיך געמאַכט שיכור, אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן כראָפּען. מ'האָט אים אויפגעמונטערט און אָפּגעפירט אַהיים.

אויפצומאָרגנס האָט די גאַנצע שטאָט שוין גערעדט וועגן דעם געשלעג.

אין יענעם אויפדערנאַכט האָט וואַרוואַראַ אויסגענוצט די געלעגנהייט אַרויסצוגנבענען ביי פּערעדאָנאָוון די ערשטע געפעלשטע בריוו, זי האָט עס געמוזט טון, ווייל גרושינא האָט עס געפאָדערט, זי האָט זיך באַוואָרנט, אַז ווי די זאַך מאַכט זיך און מען וועט וועלן פאַרגלייכןביידע בריוו זאָל מען נישט קאָנען זען דעם צווישנשייד. פּערעדאָנאָוו האָט שטענדיק געטראָגן די דאָזיקע בריוו מיט זיך, נאָר היינט האָט ער זיי צופעליק פאַרגעסן מיטצונעמען: איבערטוענדיק דעם וויצמונדיר, האָט ער זיי אַרויסגענומען פון קעשענע, אַוועקגעלייגט אויפן קאָמאָד אונטער אַ בוך, און דאָרט זיי שוין פאַרגעסן.

וואַרוואַראַ האָט אים געפּאַקט און פאַרברענט ביי גרושינאן פאַר אַ ליכט.

און אַז פּערעדאָנאָוו האָט זיך אומגעקערט שפּעט ביינאַכט אַהיים, און וואַרוואַראַ האָט דערזען זיינע צעבראָכענע ברילן, האָט ער איר געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אַליין צעבראָכן. זי האָט אים געגלויבט און באַשלאָסן, אַז אין דעם איז שולדיק וואָלאָדינס בייזע צונג. און פּערעדאָנאָוו אַליין האָט אויך געגלויבט אין דעם.

אויפן אַנדערן טאָג האָט גרושינא, אגב, דערציילט וואַרוואַראַן די גאַנצע מעשה, וועגן דעם געשלעג אין קלוב.

אינדערפרי, אַז פּערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגעטון, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער בריוו איז נישטאָ, ער האָט אים גענומען זוכן און אין ערגעץ נישט געפונען. ער האָט זיך דערשראָקן און גענומען ווילד שרייען:

— וואַרוואַראַ, ווו איז דער בריוו?
וואַרוואַרא האָט זיך פאַרלוירן.

— וואָס־פאַר אַ בריוו? — האָט זי איבערגעפרעגט און געקוקט אויף פערעדאָנאָוון מיט צעשראָקענע און בייזע אויגן.

— דער פירשטנס! — האָט פערעדאָנאָוו געשריגן.

וואַרוואַראַ האָט זיך ווי־נישט־איז אָנגענומען מיט מוט און מיט אַ חוצפּהדיק שמייכעלע אַ זאָג געטון:

— און פון וואַנען זאָל איך וויסן, ווו דער בריוו איז? האָסט אים, מסתמא, אַריינגעוואָרפן צווישן די פּאַפּירן, און קלאַוודושקא האָט אים געוויס פאַרברענט. גיי, זוך דיר אים צווישן דיינע פּאַפּירן, אויב ער איז נאָך גאַנץ.

פערעדאָנאָוו איז אַוועק אין גימנאַזיע מיט אַ פינסטערער שטימונג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די גאַכטיקע אומאָנגענעמלעכקייטן. ער האָט געקלערט וועגן קראַמאַרענקאָן: ווי עפּעס האָט זיך דער שנעק אָנגענומען מיט מוט און אים אָנגערופן ליידאַק? הייסט עס, אַז ער האָט גאָרנישט ניט קיין מורא פאַר פערעדאָנאָוון. און אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן אים, וועגן פערעדאָנאָוון! ער ווייסט און וויל אים מסרן.

אין קלאַס האָט קראַמאַרענקא געקוקט די גאַנצע צייט אויף פערעדאָנאָוון און געשמייכלט, און דאָס האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט די מורא פאַר אים.

בשעת דער דריטער הפסקה האָט מען פערעדאָנאָוון ווידער פאַרבעטן צום דירעקטאָר, ער איז אַהין אַוועק און אומקלאָר געפילט עפּעס, אַז דאָרט דערוואַרט אים שוין ווידער אַן אומאָנגענעמלעכקייט.

פון אַלע זייטן האָבן זיך צו כריפּאַטשן דערטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען וועגן פערעדאָנאָווס מעשים. היינט אינדערפרי האָט מען אים דערציילט וועגן די געשעענישן אין קלוב, נעכטן ווידער, באַלד נאָך די לעקציעס, איז צו אים אַריין וולאַדיאַ בולטיאַקאָוו, וועמען די באַלעבאָסטע האָט אַנומלטן געשמיסן אַ דאַנק פערעדאָנאָווס אָנקלאָג. און מורא האָבנדיק פאַר זיין צווייטן באַזוך, ביי וועלכן עס קאָן זיך איבערחזרן די זעלבע מעשה, האָט דאָס ייִנגל באַשלאָסן זיך מעלדן צום דירעקטאָר.

מיט אַ טרוקן און שאַרף קול האָט דער דירעקטאָר איבערגע-

געבן פערעדאָנאָוון וועגן די קלאַנגען, וואָס זענען צו אים אָנגעקומען,—פון זיכערע קוועלן, האָט ער דערקלערט—וועגן דעם, אַז פערעדאָנאָוו גייט צו די גימנאַזיסטן איבער די קוואַרטירן. גיט איבער די עלטערן אָדער די דערציערס נישט געשטויגענע ידיעות וועגן זייער הנהגה און לימוד און פאָדערט, אַז מען זאָל די קינדער שמייסן. פון דעם אַנטשטייען אָפט גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן מיט די עלטערן, אָט ווי, למשל, דער פאַל אין קלוב מיטן נאָטאַריוס גודאַיעווסקי.

פערעדאָנאָוו האָט מיט פאַרביסנקייט און מיט פחדנות אויסגעהערט. כריפּאַטש איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— טאָ וואָס זשע איז, — האָט פערעדאָנאָוו מיט כּעס אָנגעמערקט — ער שלאָגט זיך, מעג מען דען אַזוינס? ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט מיר צו פאַרפאָרן אין באַק. ער גייט קיינמאָל נישט אין קלויסטער, ער גלויבט אין אַ מאַלפּע און שלעפּט דעם זון אויך אין דער דאָזיקער סעקטע, מען דאַרף גאָר אים מסרן, ער איז אַ סאָציאַליסט.

כריפּאַטש האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף פערעדאָנאָוון און אים באַפעלעריש באַטאָנט:

— דאָס איז נישט אונזער עסק, און איך פאַרשטיי לחלוטין נישט, וואָס איר מיינט עס מיטן אָריגינעלן וואָרט אייערן „ער גלויבט אין אַ מאַלפּע”. לויט מיין מיינונג וואָלט מען גאָרנישט געדאַרפט באַרירן די געשיכטע פון רעליגיעס מיט די ניי-דערפונדענע קולטן. און וואָס שייך דאָס, וואָס ער האָט אייך אַזוי באַליידיקט, האָט איר אים געדאַרפט אין געריכט אָנקלאָגן. און ס׳גלייכסטע וואָלט זיין, ווען איר פאַרלאָזט אונזער גימנאַזיע. דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג אי פאַר אייך, אי פאר דער גימנאַזיע.

— איך ווער אַן אינספּעקטאָר. — האָט פערעדאָנאָוו בייז געענטפערט.

— טאָ ביז דעמאָלט, — האָט כריפּאַטש ווייטער גערעדט — דאַרפט איר זיך אָפּהאַלטן פון אָט די מאָדנע שפּאַציר-גענג אייערע. זאָגט אַליין, אַזאַ מין אויפפירונג פאַסט לחלוטין נישט פאַר אַ פּעדאַגאָג און פאַרמינערט דעם יראת-הכּבוד פון די שילער צו די לערער, גיין איבער די הייזער, שמייסן קינדער, דאָס איז, איר מוזט מיר מודה זיין...

כריפּאַטש האָט נישט געענדיקט און אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— טאָ וואָס־זשע איז! — האָט פּערעדאָנאָוו ווידער אָפּגעענט־פערט. — איך טו עס פון זייער טובה וועגן.

— כ׳בעט אייך, לאָמיר זיך נישט שפּאַרן, — האָט אים כרי־פּאַטש שאַרף איבערגעריסן — איך פאָדער עס פון אייך אויפן שטרענגסטן אופן, אַז מער זאָלן אַזעלכע זאַכן נישט פאָרקומען.

פּערעדאָנאָוו האָט מיט כּעס געקוקט אויפן דירעקטאָר.

היינט אָוונטס האָט מען באַשלאָסן צו פּראַוועון דעם חנוכּת־הבית, מ׳האָט גערופן אַלע זייערע באַקאַנטע. פּערעדאָנאָוו איז אַרומ־געגאַנגען איבער די צימערן און באַטראַכט, צי אַלץ איז אין אָרדנונג, צי דאָ געפינט זיך נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן באַמערקן און וועגן דעם מסרן.

נו, אַלץ, דאַכט זיך, איז אין אָרדנונג, — האָט ער געטראַכט — קיין פאַרבאָטענע ביכער מערקן זיך נישט, די לעמפּלעך פאַר די בילדער ברענען, די קיסרלעכע פּאָרטרעטן הענגען אויף דער וואַנט, אויף אַ בּכבודיקן אָרט.

פּלוצים האָט מיצקעוויטש אַ ווונק געטון פּערעדאָנאָוון פון דער וואַנט אַראָפּ.

„ער וועט מיך פאַרפירן", — האָט פּערעדאָנאָוו דערשראָקן אַ טראַכט געטון, ער האָט שנעל אַראָפּגענומען דעם פּאָרטרעט און אים אַוועקגעטראָגן אין אָפּטרעט, כּדי מיט אים צו פאַרבייטן פּושקינען, אויפהענגען פּושקינען אויף זיין אָרט.

„דאָך איז פּושקין אַ קרוב־למלכות געווען", — האָט ער גע־טראַכט, אויפהענגנדיק זיין פּאָרטרעט אין עס־צימער אויף דער וואַנט.

נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אָוונטס וועט מען שפּילן אין קאָרטן, און ער האָט באַשלאָסן איבערצוקוקן די קאָרטן. ער האָט גענומען אַן אָפּן טעשל קאָרטן, מיט וואָס מ׳האָט מער נישט ווי איין מאָל געשפּילט, און גענומען באַטראַכטן די קאָרטן, גלייך ווי ער וואָלט אין זיי וועלן עפּעס וואָס געפינען.

די פּנימער פון די פיגורן זענען אים נישט געפעלן געוואָרן

עפּעס, זיי קוקן עפּעס אַלע מיט אַזעלכע גרויסע אויגן.

פֿאַר דער לעצטער צייט האָט זיך אים בשעתן שפּילן אין קאָרטן אַלץ אויסגעדאַכט, אַז די קאָרטן שמייכלען כמעט פּונקט ווי וואַרוואַראַ. און אפֿילו עפּעס אַ זעקסטל פּיק האָט אַ חוצפּהדיקע מינע געמאַכט און זיך מגונהדיק געהנדלט.

פֿערעדאָנאָוו האָט גענומען אַלע קאָרטן, וואָס זענען נאָר אין שטוב געווען, און מיט אַ שפּיץ פֿון אַ שערל אויסגעשטאָכן ביי אַלע פֿיגורן די אויגן, זיי זאָלן נישט קאָנען קוקן. פֿריער האָט ער דאָס געטון מיט די אָפּגעשפּילטע קאָרטן, און נאָכדעם האָט ער שוין געעפֿנט די איבעריקע פֿאַרמאַכטע טעשלעך קאָרטן. דאָס אַלץ האָט ער געטון פֿאָרזיכטיק, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, עמעצער זאָל עס נישט באַמערקן.

צו זיין גליק איז וואַרוואַראַ געווען שטאַרק פֿאַרנומען אין קיך און זי האָט אַפֿילו נישט אַריינגעשמעקט אין די צימערן, און טאַקע, ווי האָט זי עס געקאָנט אַוועק פֿון אַזאַ שלל עסנוואַרג: קלאַוודיא קאָן נאָך, חלילה, עפּעס צוכאַפּן. אַז זי האָט עפּעס געדאַרפֿט צו האָבן אין שטוב, פֿלעגט זי אַהינשיקן קלאַוודיאן. און אַלע מאָל, בשעת קלאַוודיא פֿלעגט אַריינקומען, פֿלעגט פֿערעדאָנאָוו אויפֿציטערן, פֿאַרבאַהאַלטן דאָס שערל אין קעשענע און זיך מאַכן, גלייך ווי ער לייגט אויס אַ פּאַסיאַנס.

אין דער צייט, וואָס פֿערעדאָנאָוו האָט מיט גרויס התמדה צוגענומען די מעגלעכקייט ביי די קעניגין און דאַמען צו קוקן אויף אים, האָט זיך אויף אים אָנגערוקט אַ צרה גאָר פֿון אַן אַנדער זייט.

יערשאָווא האָט געפֿונען דעם קאַפּעלוש, וואָס פֿערעדאָנאָוו האָט אויף יענער קוואַרטיר פֿאַרשטעקט אין אויוון, ער זאָל אים מער פֿאַר די אויגן נישט קומען. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז די מעשה איז עפּעס נישט גלאַט, אַז סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין וועט פֿערעדאָנאָוו נישט איבערלאָזן קיין הוט, און אירע פֿאַרהאַסטע שכנים, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון איר, האָבן געוויס מיט דעם עפּעס געמייגט; מעגלעך, — האָט זי געקלערט — אַז זיי האָבן דאָס פֿון כעס אויף איר פֿאַרכישופֿט דעם קאַפּעלוש, און קיינער וועט דערפֿאַר נישט וועלן דינגען די דירה. פֿון פֿאַרדראָס און שרעק האָט זי זיך באַשלאָסן

צו ווענדן צו אַ טרעפּערקע. יענע האָט באַטראַכט דעם קאַפּעלוש, עפּעס בייז און סודותפֿול געשעפּטשעט איבער אים, אויסגעשפּיגן אויף אַלע פיר זייטן און זיך אָנגערופן צו יערשאָוואַן:

— זיי האָבן דיר אָפּגעטון און דו טו זיי אָפּ, אַ שטאַרקער כּישופֿמאַכער האָט געצויבערט, אָבער איך בין קליגער. — איך וועל דיר אַזוינס באַצויבערן, אַז ער וועט באַקומען די פּלאַץ.

און זי האָט נאָך לאַנג עפּעס געשעפּטשעט איבערן קאַפּעלוש און, באַקומענדיק פון יערשאָוואַן באַצאָלט מיט דער ברייטער האַנט, האָט זי איר געהייסן געבן דעם קאַפּעלוש אַ רויטן יונג, ער זאָל דעם קאַפּעלוש אָפּטראָגן צו פּערעדאָנאָוון, אים אָפּגעבן דעם ערשטן מענטשן, וואָס ער וועט דאָרט אָנטרעפן, און זאָל באַלד אַנטלויפן און זיך אַפילו נישט אומקוקן.

מאַכט זיך גראָד, אַז דער ערשטער רויטער יונג, וואָס יער־שאָווא האָט באַגעגנט, איז געווען איינער פון די שלאָסעריוקעס, וואָס זענען גראָד געווען אויף פּערעדאָנאָוון אויפגעבראַכט, ווייל ער האָט זיי פאַרמסרט. ער האָט זיך מיט גרויס פאַרגניגן, פאַר אַ פינפערל, גענומען אויסצופירן דאָס שליחות און אויפן וועג פון אייגענער אי־ניציאַטיוו נאָך בעסער באַשפּיגן דעם קאַפּעלוש. ביי פּערעדאָנאָוון אין דירה האָט ער אין פינסטערן פאָרהויז געטראָפן וואַרוואַראַן, איר אַריינגערוקט דעם קאַפּעלוש און איז געשיקט אַנטלאָפן, אַז וואַרוואַראַ האָט נישט באַוויזן צו זען ווער דאָס איז.

און אָט: ווי נאָר פּערעדאָנאָוו האָט באַוויזן בלינד צו מאַכן דעם לעצטן וואַלעט, איז וואַרוואַראַ אַריין אין צימער, אַ פאַרוווּנ־דערטע און אַפילו אַ צעשראָקענע און באַמערקט מיט אַ ציטערדיק קול, פון גרויס אויפרעגונג:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, גיב נאָר אַ קוק, וואָס איז דאָס?

פּערעדאָנאָוו האָט אַ קוק געטון און איז פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. אָט דער זעלבער קאַפּעלוש, פון וועלכן ער איז קוים פּטור געוואָרן, האָט וואַרוואַראַ איצט געהאַלטן אין אירע הענט, אַ צעקנייטשטן, אַ פאַרשפּיגענעם, מיט קלאָגעדיקע סמנים פון זיין אַמאָ־ליקער פּראַכט, און שטאַמלענדיק פון פּחד האָט ער איבערגעפרעגט:

— פון וואַנעט, פון וואַנעט האָסטו אים?

וואַרוואַראַ האָט מיט אַן איבערגעשראָקן קול גענומען צו דערציילן, ווי אַזוי זי האָט דעם דאָזיקן קאַפּעלוש באַקומען פֿון אַ זשוואַוון בחורעץ, וואָס איז אַזוי ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן און איז ווידער אַזוי ווי אין דער ערד אַריין צוריק פֿאַרשוווּנדן.

זי האָט דערקלערט:

— נישט אַנדערש — נאָר יערשאָווא האָט דאָס אָפּגעטון. אָט דאָס האָט זי דיך פֿאַרכּישופֿט מיטן קאַפּעלוש, וועסט זען.

פּערעדאָנאָוו האָט עפּעס געבורטשעט, און די ציינער האָבן אים געקלאַפּט פֿון שרעק. פֿינסטערע געדאַנקען און פֿאָרגעפֿילן האָבן אים געפּייניקט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער, אַ פֿאַרמרה־שחורהטער, און דאָס גרויע אומבאַרירל האָט אַרומגעשמאַיעט אונטער די שטולן און געכיכעט.

די געסט זענען זיך צונויפֿגעקומען גאָר פֿרי. זיי האָבן געבראַכט אַ סך גוטע זאַכן: טאָרטן, עפּל, באַרן. וואַרוואַראַ האָט דאָס אַלץ צוגענומען מיט גרויס פֿרייד, און בלויז פֿון דרך־ארץ וועגן האָט זי געטענהט:

— נו, צוואָס האָט איר עס געדאַרפֿט? צוואָס האָט איר זיך באַמיט?

איר אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט געבראַכט ביליקע אָדער נישטיקע זאַכן. איז זי געווען זייער אין כּעס. איר איז אויך נישט געפֿעלן, אויב צוויי געסט האָבן געבראַכט איינס און דאָס זעלביקע.

נישט ווענדיק פּטרן צייט, האָט מען זיך באַלד געזעצט שפּילן אין קאָרטן. מ׳האָט געשפּילט אין סטוקעלקע ביי צוויי טישן.

— אַך, טאַטעלע מיינער! — האָט גרושינא אויסגעשריגן: — וואָס איז דאָס, דער קעניג ביי מיר איז אַ בלינדער.

— און ביי מיר איז די דאַמע אָן אויגן, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ, איינקוקנדיק זיך אין די קאָרטן באַטאָנט — און דער וואַלעט אויך.

די געסט האָבן מיט אַ געלעכטער זיך גענומען באַטראַכטן די קאָרטן. פּרעפּאָלאָווענסקי האָט זיך אָנגערופֿן:

— אָט דאָס קוק איך דאָך, וואָס איז עס עפּעס? די קאָרטן

זענען נישט גלאַט. אָט פאַרוואָס דאָס איז. איך דערטאַפּ אַלץ,—וואָס־זשע איז עס — קלער איך מיר — עפּעס נישט קיין פּשוטע קאָרטן, און דאָ גאַט אייך געלעכערטע קאָרטן נאָך. אָט פאַרוואָס די קאָרטן זענען נישט פּשוט.

אַלע האָבן געלאַכט, איין פּערעדאָנאָוו גאָר איז געזעסן אָנגע־בלאָזן, וואַרוואַראַ האָט מיט אַ שמייכעלע באַמערקט:

— איר ווייסט דאָך, אַז מיין אַרדאַליאָן באָריסיטש, האָט גערן אַזעלכע שטיק. ער האָט רק ליב אָפּצוטון עפּעס וואָס...

— צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט דען? — האָט רוטילאָוו מיט אַ הילכיק געלעכטער איבערגעפרעגט.

— צו וואָס דאַרפן זיי דען די אויגן? — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געטענהט. — זיי האָבן נישט וואָס צו קוקן.

אַלע האָבן געלאַכט. און פּערעדאָנאָוו איז געווען אָנגעבלאָזן און געשוויגן. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז די בלינדע פיגורן קרומען זיך, שמייכלען אונטער און ווינקען צו אים מיט די לעכלעך אין זייערע אויגן.

„מעגלעך, — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט — אַז זיי האָבן זיך אַן עצה געגעבן און קוקן איצט מיט די נעזער.“

און כמעט פּונקט ווי אַלעמאָל איז אים אויך דאָסמאָל נישט געגאַנגען, און ביי די קעניגן, ביי די דאַמען און וואַלעטן אויף די פּנימער האָט ער כלומרשט באַמערקט שמייכלעך, בייזע, פאַרביסענע; די דאַמע פּיק האָט אפילו געקריצט מיט די ציינער, אפּנים, זי איז געווען שטאַרק אין כעס, פאַרוואָס ער האָט זי בלינד געמאַכט.

ענדלעך, נאָך אַ גרויסן רעמיז, האָט פּערעדאָנאָוו אַ כאַפּ געטון די טאַליע קאָרטן און זי גענומען ווילד צעפּליקן און צעררייסן אויף שטיקלעך. די געסט האָבן געלאַכט, וואַרוואַראַ האָט מיט אַ שמייכל דערקלערט:

— אַז ער איז שוין ביי מיר שטענדיק אַזעלכער.—ער טרינקט זיך אָן און נעמט באַלד פּראַווען זיינע שטיק.

— שיכורערהייט, הייסט עס? — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ מיט אַ שפּילקעלע באַטאָנט. — איר הערט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, וואָס פאַר אַ מיינונג אייער שוועסטערל האָט פון אייך?

װאַרװאַראַ איז רויט געװאָרן און בייז געענטפערט:

— װאָס טשעפּעט איר זיך סתּם צו אַ װאָרט?

פּרעפּאָלאָװענסקאַיאַ האָט אַ שמייכל געטון און גאָרנישט געענטפערט.

אָנשטאָט דער צעריסענער טאַליע קאָרטן האָט מען גענומען אַן אַנדערע און זיך אַװעקגעזעצט װייטער שפּילן. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קנאַל — אַ שויב האָט געפּלאַצט, דער שטיין איז אַריינגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, נעבן טיש, װו פּעדעראָנאָװ איז געזעסן און געשפּילט.

אונטערן פענסטער האָט זיך געהערט אַ שטילער געשפּרעך, אַ געלעכטער, נאָכדעם אַ שנעלע, זיך דערװייטערנדיקע געשעפּטשעריי. אַלע האָבן זיך אין איין שרעק אויפגעהויבן פון זייערע ערטער; די פרויען האָבן, כּנהוג, אָנגעהויבן קװיטשען, מ׳האָט אויפגעהויבן דעם שטיין, מיט שרעק אים באַטראַכט, צום פענסטער האָט קיינער נישט געװאַגט צוצוגיין, פריער האָט מען קלאַװדיאַן אַרויסגעשיקט אויף דער גאַס, און ערשט נאָכדעם, װי זי האָט דערציילט, אַז דרויסן איז קיינער נישט פאַראַן מער, האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אויסגעזעצטע שויב.

װאָלאָדין האָט זיך משער געװען, אַז דאָס האָבן זיכער די גימנאַזיסטן אַריינגעװאָרפן דעם שטיין. זיין המצאה האָט זיך געלייגט אויפן שׂכל, און אַלע האָבן מיט חשובֿות אַ קוק געטון אויף פּערעדאָנאָװן. פּערעדאָנאָװ האָט זיך געבלאָזן און געמורמלט עפּעס אונטער דער נאָז. די געסט האָבן זיך גענומען פונאַנדעררעדן, װי אַזוי דאָס יונגװאַרג איז איצט צעלאָזן און חוצפּהדיק.

— דאָס האָט זיי דער דירעקטאָר אָנגערעדט, — האָט פּערעדאָנאָװ פּלוצים דערקלערט — ער טשעפּעט זיך אַלץ צו מיר, ער װייסט שוין נישט, מיט װאָס מיך צו דערצערנען, איז אָט װאָס ער האָט צוגעטראַכט.

— אָט, װאָס פאַראַ שפּיצל ער האָט דאָס פאַרטראַכט. — האָט זיך רוטילאָװו צעלאַכט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און איין גרושינאַ האָט באַמערקט:

— װאָס־זשע מיינט איר, ער איז אַזאַ פאַרביסענער פאַרשוין, פון

אים קאָן מען אַלץ דערוואַרטן. ער טוט דאָך נישט אַליין, ער האַלט זיך שטענדיק אין דער זייט, דורך די זינדלעך אַרבעט ער די שטיק.

אַ סך פון די געסט האָבן געמיינט, מעגלעך, אַז דאָס איז אמת, און האָבן אויפגעהערט צו לאַכן.

— עפּעס גליקט דיר נישט מיטן גלאָז, אַרדאַליאָן באָריסיטש,— האָט רוטילאָוו באַמערקט — אָט צעבראָכט מען דיר די ברילן, אָט האָט מען דיר אַ שויב אויסגעזעצט.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פריש געלעכטער.

— אַז מען צעבראָכט אַ גלאָז, איז סימן מזל־טוב. — האָט פּרע־פּאָלאָווענסקאַיאַ מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל באַטאָנט.

אַז פּערעדאָנאָוו מיט וואַרוואַראַן זענען אַריין שלאָפן, האָט זיך פּערעדאָנאָוון אויסגעדאַכט, אַז וואַרוואַרא האָט עפּעס אַ בייזע כּוונה אויפן געדאַנק; ער האָט ביי איר צוגענומען די גאָפּל, מעסער און זיי באַהאַלטן הינטערן בעטגעוואַנט. ער האָט געשטאַמלט מיט אַ פאַר־לייגטער צונג:

— איך קען דיך, ווי נאָר דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן, וועסטו באַלד מיך מסרן, כּדי פון מיר פּטור צו ווערן. דו וועסט באַקומען פּענסיע, און מיך וועט מען אין פּעטראָפּאַוולאָווקע אין מיל צעמאָלן.

ביינאַכט האָט פּערעדאָנאָוו גערעדט פון שלאָף. אומקלאָרע און שרעקלעכע פיגורן זענען אַרומגעגאַנגען, — קעניגן, וואַלעטן, און גע־פּאַכט מיט זייערע שווערדן. זיי האָבן זיך געשעפּטשעט, זיך געהיט, פּערעדאָנאָוו זאָל זיי נישט באַמערקן, און זענען געקראָכן בגנבה צו אים אונטערן קישן.

נאָר באַלד זענען זיי געוואָרן דרייסטער און האָבן גענומען אַרומגיין, אַרומלויפן און אַרומשמאַיען אַרום אים, אומעטום, איבער דער פּאָדלאָגע, איבערן בעט, איבער די קישנס. זיי האָבן זיך גע־קייקלט, געשושקעט, זיך גערייצט מיט פּערעדאָנאָוון, אים געוויזן די צונג, געמאַכט שרעקלעכע העוויות, שרעקלעך פונאַנדערגעצויגן די מיילער. פּערעדאָנאָוו האָט באַמערקט, אַז זיי זענען אַלע קליינינקע און צולהכעיסניקעס, זיי ווילן אים נישט דערהרגענען, חלילה, זיי פּייניקן אים אָבער און יאָגן אים פאָרויס. עפּעס גאָרנישט נישט קיין

גוטע זאַכן. ער האָט זיך געשראָקן, אָט האָט ער גענומען מורמלען השבעות, שטיקלעך פון שפּרוכן, וואָס ער האָט געהערט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן. אָט האָט ער זיי גאָר אָנגעהויבן צו זידלען און טרייבן פון זיך, געפּאָכעט מיט די הענט און געשריגן מיט אַ פאַרדומפּט קול.

וואַרוואַ'אַ האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט כּעס איבערגעפרעגט:

— וואָס גוואַלדעווערסטו עפּעס, אַרדאַליאָן באָריסיטש? לאָזסט נישט שלאָפן.

— די דאַמע פּיק קריכט עפּעס צו מיר אין אַ קליידל פון טוך, — האָט פערעדאָנאָוו געמורמלט.

וואַרוואַראַ איז אויפגעשטאַנען און וואָרטשנדיק און סיקענדיק אַלץ צום טייוול, גענומען אַ פלעשל מיט עפּעס אַזעלכע טראָפּנס און געגעבן פערעדאָנאָוון צו טרינקען.

אינם אָרטיקן גובערניאַלן בּלעטל האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקעלע וועגן דעם, אַז אין אונזער שטאָט שמייסט איינע אַ פרוי ק. כּלומרשט אירע קוואַרטיראַנטן, די קליינע גימנאַזיסטן, קינדער פון די פּאָרנעמסטע אַדעליקע פאַמיליעס. דער נאָטאַריוס גודאַיעווסקי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער דאָזיקער ידיעה איבער דער גאַנצער שטאָט און איז שטאַרק געווען אויפגעבראַכט.

און פאַרשפּרייט האָבן זיך אין שטאָט וועגן דער היגער גימנאַזיע נאָך אַנדערע נישט שיינע און נישט געשטויגענע קלאַנגען: מ'האָט גערעדט וועגן איינער אַ פריילין, וואָס האָט זיך איבערגעטון אין מאַנסבּילשע קליידער און געוואָרן אַ גימנאַזיסט, נאָכדעם האָט מען פּילניקאָווס נאָמען ביסלעכווייז גענומען פאַרבּונדן מיט ליודמילאַן.

די חברים האָבן אָנגעהויבן אויסוואַרפן סאַשאַן זיין ליבע צו ליודמילאַן. צום אָנהויב האָט ער זיך זייער לייכט באַצויגן צו אָט די שטיפעריִען, נאָר נאָכדעם איז ער אָפטמאָל אין כּעס געוואָרן און זיך אָנגענומען פאַר ליודמילאַן, פאַרזיכערנדיק, אַז ס'איז גאָר קיינמאָל נישט געווען און ס'הויבט זיך כּלל נישט אָן.

און פון דעם איז פּאָרט עפּעס פריקרע געוואָרן צו גיין צו ליודמילאַן, און אים האָט נאָכמער אָנגעהויבן צו ציען צו איר: געמישטע און ברענענדיקע געפילן פון בושה און תשוקה האָבן אים

אויפגערייצט און אָנגעפּולט זיין נשמה מיט נעפּלדיק־לײדנשאַפטלעכע ניגונגען.

XXI

זונטיק, בשעת פּערעדאָנאָוו מיט וואַרוואַראַן זענען געזעסן ביים פרישטיק, איז עמעצער אַריין אין פאָרהויז. וואַרוואַראַ האָט זיך, לויט איר געוווינהייט, אויף די שפּיצפינגער צוגעשאַרט צו דער טיר און אַ קוק געטון דורכן שליסל־לאָך. און כמעט אַזוי שטיל זיך אומגעקערט צוריק צום טיש און אַ שעפּטשע געטון:

— דער בריווטרעגער. מען דאַרף אים געבן אַ גלעזל בראָנפן. — ער האָט ווידער געבראַכט אַ בריוו.

פּערעדאָנאָוו האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, — מהיכא־תיתא, ער זשאַלעוועט נישט קיין גלעזל בראָנפן. וואַרוואַראַ האָט אַ געשריי געטון:

— פּאָטשטער, קומט אַריין.

דער בריווטרעגער איז אַריין אין צימער. ער האָט אַ נישטער געטון אין ראַניעץ און זיך געמאַכט כלומרשט זוכנדיק דעם בריוו. וואַרוואַראַ האָט אים אָנגעגאָסן אַ גרויסן קעלישעק בראָנפן און אָפּגעשניטן אַ שטיק לעקעך. דער בריווטרעגער האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויס פאַרגניגן צו איר אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט פּערעדאָנאָוו נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונם בריווטרעגער און אַלץ געטראַכט אויף וועמען ער איז ענלעך. ענדלעך האָט ער זיך דערמאָנט, — ס'איז דאָך יענער רויטער פרישטשעוואַטער פויער, וואָס האָט אים אַנומלטן געבראַכט צו אַ רעמיז, צו אַזאַ גרויסן רעמיז.

„ער וועט מיר געוויס, ווידער עפּעס אָפּטון.” — האָט פּערעדאָנאָוו מיט האַרצווייטיק געטראַכט און געוויזן דעם בריווטרעגער אַ פייג אין דער קעשענע.

דער רויטער פויער האָט דערלאַנגט וואַרוואַראַן אַ בריוו.

— צו איין׳. — האָט ער מיט דרך־ארץ געזאָגט, געזאָגט אַ דאַנק פאַרן בראָנפן, איבערגעקערט דאָס גלעזל, אַ קייך געטון, גענומען אַ שטיק לעקעך און אַוועק.

וואַרוואַרא האָט אַ דריי געטון דעם בריוו אין די הענט און בישט אויפֿמאַכנדיק אים, דערלאַנגט אים פּערעדאָנאָוון.

— נאַ, לייען איבער. דאַכט זיך ווידער פֿון דער פירשטן, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכעלע — זיך צעשריבן און זען זעט מען גאָרנישט. ווער דאַרף איר שרייבן, בעסער וואָלט זי שוין עפּעס געטון.

ביי פּערעדאָנאָוון האָבן די הענט אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט און שנעל איבערגעלייענט דעם בריוו. נאָכדעם איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט, אַ פּאָך געטון מיטן בריוו און זיך צעשריגן אויף קולי־קולות:

— הוראַ! דריי וואַקאַנסיעס אויף אינספּעקטאָר, וועלכע שטאָט דו ווילסט קאָנסטו זיך אויסקלויבן. הוראַ, וואַרוואַרא, מיר האָבן גובר געווען!

ער האָט אָנגעהויבן זיך דרייען און טאַנצן איבערן צימער. מיט זיין אומבאַוועגלעך-רויט פּנים און טעמפּע אויגן האָט ער אויסגעוויזן כמעט ווי עפּעס אַן אומגעהויער־גרויסע ליאַלקע, וואָס מען האָט אָנגעדרייט צום טאַנצן. וואַרוואַרא האָט געשמייכלט און מיט פֿרייד געקוקט אויף אים. ער האָט אַ געשריי געטון:

— נו, איצט איז עס געמאַכט, וואַרוואַרא, מיר האָבן חתונה.

ער האָט אַ כאַפּ געטון וואַרוואַראַן פֿאַר די אַקסל און טופּענדיק מיט די פיס זי גענומען דרייען אַרום טיש.

— אַ רוסיש, וואַרוואַרא! — האָט ער געשריגן.

וואַרוואַרא האָט זיך גענומען פֿאַר די באָקעס און זיך געלאָזט אַ טענצל. פּערעדאָנאָוו האָט געטענצלט פֿאַר איר האַלב אויף די קני.

וואָלאָדין איז אַריין און זיך פֿריידעוודיק צעמעקעט:

— דער צוקונפטיקער אינספּעקטאָר טאַנצט אַ האָפּקע!

— טאַנצט, פּאַוולושאַ! — האָט פּערעדאָנאָוו געשריגן.

קלאַוודיא האָט אַריינגעקוקט דורך דער טיר. וואָלאָדין האָט מיט אַ געפֿיכע און אַ קרומען זיך גערופֿן:

— קלאַוודושקאַ, קום אויך אַהער, טאַנצן! אַלע אינאיינעם! לאָמיר פֿריילעך מאַכן דעם צוקונפטיקן אינספּעקטאָר.

קלאַוודיא האָט אַ קוויטש געטון און זיך געלאָזט טאַנצן, הויבנדיק

מיט די אַקסל. וואָלאָדין האָט זיך ווילעריש געדרייט אַרום איר, — צוגעטענצלט האַלב אויף די קני, געדרייט זיך, אונטערגעשפרונגען, געפּאַטשט מיט די הענט. דערהויפּט האָט זיך דאָס ווילעריש אַרויס־באַקומען, בשעת ער פלעגט אויפהויבן די קני און אונטער זיי אַ פּאַטש טון מיט די הענט, די פּאָדלאָגע האָט זיך געטרייסלט אונטער זייערע האָפּסנדיקע אָפּצאַסן. קלאַוודיא האָט זיך געפרייט, וואָס זי האָט אַזאַ ווילערישן קאַוואַליר.

זיי האָבן זיך איינגעמידט, זיך צוגעזעצט צום טיש, און קלאַוודיא איז מיט אַ פריילעך געלעכטער אַוועקגעלאָפן אין זומער־גאָרטן, — פערעדאָנאָוו האָט זי געאײַלט. ער האָט זיך געוואָלט באַ־רימען מיט זיין בריוו.

אינם ביליאַרד האָט ער געטראָפן דעם באַשטענדיקן עולם. פּע־רעדאָנאָוו האָט זיי באַוויזן דעם בריוו. דער בריוו האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אַלע האָבן אים מיט צוטרוי באַטראַכט. רוטילאָוו איז געוואָרן בלייך, ער האָט עפּעס געבורטשעט און געשפּריצט מיט סלינע.

— דער פּאָטשטער האָט מיר אים אין די הענט געגעבן? — האָט פּערעדאָנאָוו געשריגן. — איך האָב אים אַליין געעפנט! איצט קאָן שוין קיין חשד נישט זיין!

און זיינע פריינט האָבן אויף אים געקוקט מיט רעספּעקט. אַ בריוו פון דער פירשטן!

פון זומער־גאָרטן איז פּערעדאָנאָוו גלייך אַוועק צו ווערשינאַן. ער איז געגאַנגען שנעל און גלייך, גלייכמעסיק געפאָכעט מיט די הענט, געבורטשעט עפּעס אונטער דער נאָז; געדאַכט האָט זיך, אַז אויף זיין געזיכט זעט זיך נישט קיין שום אויסדרוק — כמעט ווי ביי אַן אָנגעדרייטער ליאַלקע, איז עס געווען אומבאַוועגלעך, — און בלויז אין די אויגן האָט האַלב טויט געפינקלט עפּעס אַ מין זשעדנע פייערל.

דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַ הייסער. מאַרטאַ איז גע־זעסן אין דער אַלטאַנקע. זי האָט געאַרבעט אַ זאָק. אירע געדאַנקען זענען געווען אומקלאָר און פרום. צום אָנהויב האָט זי געטראַכט וועגן זינד, און נאָכדעם האָט זי שוין אָנגעהויבן קלערן וועגן מער־

אָנגענעמערע זאַכֿן, וועגן מצוות און מידות־טובֿות, אירע געדאַנקען האָבן זיך גענומען איינהילן אין אַ מין האַלבּ־דרימל און זענען־געוואָרן בילדעריש, און אויף וויפֿל זיי האָבן פֿאַרלוירן זייער צוזאַמענגעבינדנקייט מיטן אויסדריקלעכן וואָרט, אויף אַזויפֿיל האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די קלאָרקייט פֿון זייערע טרוימערישע ליניעס. די מצוות האָבן זיך פֿאַר איר אַוועקגעשטעלט, כּמעט ווי גרויסע שיינע ליאַלקעס אין ווייסע קליידער, העלע און ווויל שמעקעוודיקע. זיי האָבן איר צוגעזאָגט שׂכר — אין זייערע הענט האָבן געקלונגען שליסלען, אויף זייערע קעפּ האָבן זיך צעווייעט חתונהשלייערס.

צווישן זיי איז איינע געווען אַ מאָדנע און גאָרנישט ניט ענלעך צו אַלע איבעריקע. זי האָט גאָרנישט צוגעזאָגט, זי האָט נאָר געקוקט מיט אַ פֿאָרוואורף, און אירע ליפּן האָבן געפּליסטערט מיט אַ צווייטיק דראָען, געדוכֿט האָט זיך עפּעס, אַז ווען זי רעדט אַרויס אַ וואָרט, וואָלט באַפֿאַלן אַן אימה, אַ שרעק. מאַרטאַ האָט זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס איז דאָס געווויסן. זי איז געווען אָנגעטון אינגאַנצן אין שוואַרצן. אָט די מאָדנע און שוידערלעכע ליאַלקע, מיט שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע האָר, — און אָט האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס שנעל. אָפּט און דייטלעך.

זי איז אינגאַנצן געוואָרן ענלעך צו ווערשינאַן. מאַרטאַ האָט אויפֿגעציטערט, געענטפֿערט איר עפּעס אויף איר פֿראַגע, עפּעס כּמעט ווי אומבאַוווסטזיניק. — און דער האַלבּ־דרימל האָט ווידער באַוועלטיקט מאַרטאַן.

צי איז דאָס געווויסן, אָדער ווערשינא געזעסן איר אַנטקעגן און דייטלעך, נאָר ניט פֿאַרשטענדלעך, און גערויכֿערט עפּעס אַזוינס מיט גאָר אַ פֿרעמדן גרוך, — אַן אַנטשלאָסענע, אַ שטילע, אַ פֿאָדערנדיקע, אַז אַלץ זאָל זיין, ווי זי וויל. מאַרטאַ האָט געוואָלט אַ קוק טון אָט דער מאָדערנער ליאַלקע גלייך אין די אויגן אַריין, און ניט געקאָנט, — יענע האָט מאָדנע געשמייכֿלט, געוואָרטשעט און אירע אויגן זענען ערגעץ וויט אַרומגעלאָפֿן און זיך אָפּגעשטעלט עפּעס אויף אַזעלכֿע ווייטע זאַכֿן, אויף וועלכֿע מאַרטאַ האָט זיך געשראָקן אַ קוק צו טון...

אַ הויך געשפּרעך האָט אויפֿגעוועקט מאַרטאַן פֿון איר האַלבּ־דרימל.

אין אַלטאַנקע איז געשטאַנען פּערעדאָנאָוו און גערעדט הויך אויף אַ קול, באַגריסנדיק זיך מיט ווערשינאַן, מאַרטאַ האָט זיך דערשראָקן

אומגעקוקט. איר האַרץ האָט געקלאַפּט, און די אויגן האָבן זיך נאָך געקלעפּט, און די געדאַנקען האָבן זיך נאָך געפּלאָנטערט. ווו-זשע איז דאָס געוויסן? און אפשר איז עס דאָ גאָרנישט נישט געווען? און עס האָט דאָ גאָרנישט נישט געדאַרפט זיין?

— און איר האָט גאָר דאָ געכאַפּט אַ דרימל, — האָט איר פּערע-דאָנאָוו באַמערקט — געכראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט. איר זענט איצט אַ סאָסנע *).

מאַרטאַ האָט נישט פאַרשטאַנען זיין קאלאמבור. זי האָט אָבער געשמייכלט, אָנשטויסנדיק זיך פון ווערשינאַס געלעכטערל אויף די ליפּן, אַז מ׳האָט דאָ געזאָגט אַזוינס, וואָס איז זייער קאָמיש.

— כ׳וואָלט אייך גאָר געדאַרפט רופן סאָפּיע, — האָט פּערעדאָנאָוו ווייטער גערעדט,

— פאַר וואָס עפּעס? — האָט מאַרטאַ איבערגעפרעגט.

— דערפאַר, וואָס איר זענט אַ סאָניע**) און נישט קיין מאַרטאַ.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק נעבן מאַרטאַן און געזאָגט:

— און ביי מיר איז פאַראַן נייס, זייער וויכטיקע נייס.

— וואָס-זשע פאַר אַ נייס האָט איר עס, דערציילט אונז אויך, אדרבה. — האָט ווערשינא פאַרלאַנגט, און מאַרטאַ האָט איר מקנא גע-ווען, וואָס זי האָט געקאָנט מיט אַזויפיל ווערטער אויסדריקן אַ פּשוטע פראַגע: וואָס פאַר אַ נייס?

— טרעפט. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט אַ ברוגזער פייערלעכקייט געפאָדערט.

— ווי קאָן איך עס דען טרעפן, וואָס פאַר אַ נייס איר האָט,— האָט ווערשינא געענטפערט — אָט דערציילט אונז, וועלן מיר וויסן, וואָס פאַר אַ נייס איר האָט.

פּערעדאָנאָוון איז געווען נישט אַנגענעם, וואָס מען וויל נישט טרעפן, וואָס פאַראַ נייס ער האָט. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און גע-זעסן איינגעהויקערט, אַ טעמפּער און אַ שווערער, און אומבאַוועגלעך

*) So-sna — פון שלאָף, אַ שפּיל פון ווערטער.

**) סאָניאַ — אַ מענטש וואָס האַלט אין איין שלאָפן.

געקוקט פאַר זיך. ווערשינאַ האָט געריוויכּערט און קרום געשמייכלט, באַווייזנדיק אירע טונקל־געלע ציין.

— וואָס, אַ שטייגער, זאָל איך אייך גלאַט אין דער וועלט אַריין טרעפן, — האָט זי נאָך אַ קורצן שווייגן באַמערקט — אָט וועל איך עס אייך בעסער אין קאָרטן טרעפן, מאַרטאַ, ברענגט אַהער די קאָרטן, זיי ליגן אין שטוב.

מאַרטאַ האָט זיך אויפגעהויבן, נאָר פערעדאָנאָוו האָט זי ביי אָפּגעשטעלט.

— מען דאַרף נישט, זיצט, איך וויל נישט. טרעפט אייך אַליין, און מיך לאָזט צורו. איר וועט מיך שוין אויף אייער קאָפּיטע נישט אַרויפציען. אָט וועל איך אייך באַלד באַווייזן אַ זאַך, ווערט איר עפע-
גען מויל און אויערן.

פערעדאָנאָוו האָט געשיקט אַרויסגענומען דעם בריוועלאַש פון בי-
כער קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם בריוועלאַש אינם קאָנ-
ווערט און אים געוויזן ווערשינאַן, נישט אַרויסלאָזנדיק אים פון דער האַנט.

— איר זעט, — האָט ער אָנגעוויזן — אָט איז דער קאָנווערט, און אָט איז דער בריוו.

ער האָט דעם בריוו אַרויסגעשלעפּט פון קאָנווערט און אים איבערגעלייענט, פּאַמעלעך, מיט אַ טעמפּן אויסדרוק פון צופרידענער ביייזקייט אין די אויגן. ווערשינאַ האָט זיך פאַרלוירן. זי האָט ביז דער לעצטער מינוט נישט געגלויבט אין דער פירשטין, נאָר איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דער ענין מיט מאַרטאַן איז פאַרשפּילט. זי האָט פאַרדראָסיק קרום אַ שמייכל געטון און באַמערקט:

— נו, וואָס-זשע, איז אייער גליק.

מאַרטאַ איז געזעסן מיט אַ פאַרוווּנדערט און דערשראָקן געזיכט און פאַרלוירן געשמייכלט.

— נו, וואָס, איר האָט טאַקע אויסגעפירט? — האָט פערעדאָנאָוו בייז־פריידעוודיק געטענהט — איר האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ נאַר, און איך בין קלוגער פאַר אייך. איר האָט געמאָנט אַ קאָנווערט, נאַט אייך אַ קאָנווערט. ניין, מיין ענין איז אַ זיכערער.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן קולאַק איבערן טיש, נישט שטאַרק און נישט הויך, און זיין באַוועגונג, און דער קלאַנג פון זיינע ווער-

טער, זענען געבליבן עפּעס אַזוי גלייכגילטיק, כמעט ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער און אַ ווייטער און זיך כּלל נישט אָנגעקערט מיט דעם, וועגן וואָס ער האָט גערעדט.

ווערשינאַ און מאַרטאַ האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ זיך מיאוסנדיקן און פאַרגאַפטן בליק.

— וואָס קוקט איר זיך אַזוי איבער! — האָט פּערעדאָנאָוו גראָב באַמערקט — נישט פאַראַן זיך וואָס איבערצוקוקן. איצט איז שוין אַלץ געענדיקט. איך האָב חתונה מיט וואַרוואַראַן. אַ סך פריילינס האָבן מיך דאָ געוואָלט אָנקריגן.

ווערשינאַ האָט מאַרטאַן געשיקט נאָך פּאַפּיראָסן. און מאַרטאַ איז מיט פרייד אַרויסגעלאָפן אויס דער אַלטאַנקע. אויף די זאַמדיקע סטעזשקעס, וואָס זענען געווען באַפאַרבט מיט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, איז איר געוואָרן לייכט און פריי. נעבן שטוב האָט זי באַגעגנט דעם באָרוועסן וולאַדיאַן און איר איז געוואָרן נאָך פריילעכער און פריידעוודיקער.

— ער האָט חתונה מיט וואַרוואַראַן, שוין באַשלאָסן. — האָט זי אויפגעלייגט אַ זאָג געטון מיט אַ שטיל קול און אַריינגעשלעפּט דעם ברודער אין שטוב אַריין.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך פּערעדאָנאָוו נישט דערוואַרט אויף מאַרטאַן, זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און גענומען זיך געזעגענען.

— איך האָב קיין צייט נישט, — האָט ער זיך פאַרענטפערט — חתונה האָבן איז נישט קיין שפּילעכל.

ווערשינאַ האָט אים נישט פאַרהאַלטן און זיך מיט אים זייער קאַלט געזעגנט. זי האָט געהאַט אַ שרעקלעכן פאַרדראָס. ביז איצט האָט זי נאָך געהאַט אַ שוואַכע האָפנונג איינצואָרדענען מאַרטאַן, זי זאָל חתונה האָבן מיט פּערעדאָנאָוון, און זי אַליין—מיט מורינען און איצט איז די לעצטע האָפנונג געפּלאַצט.

און מאַרטאַ האָט היינט אַריינגעכאַפּט דערפאַר ווי ס'געהער צו זיין! מאַרטאַ האָט זיך געמוזט גוט אויסוויינען.

פּערעדאָנאָוו איז אַרויס פון ווערשינאַן און געגרייט זיך פאַררויכערן. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ פּאָליציאַנט. יענער איז זיך געשטאַנען אויפן ראָג און רויק געקנאַקט באַניקערן. פּערעדאָנאָוון איז באַפאַלן אַן אומעט.

„ווידער אַ שפּיאָן—האָט ער אַ קלער געטון—ער קוקט, צו וואָס זיך קאָנען צוטשעפּען”.

ער האָט די העזה נישט געהאַט דעם פּאַפּיראָס צו פאַררויכערן, צוגעגאַנגען צום פּאָליציאַנט און מיט שרעק אים אַ פרעג געטון:

— הער גאָראָדאָווּאָי, מען מעג דאָ רויכערן?

דער פּאָליציאַנט האָט די האַנט אויפגעהויבן צום דאַשעק און מיט דרך-ארץ איבערגעפרעגט:

— וואָס הייסט, אייער הויכגעבוירן, וועגן וואָס פרעגט איר?

— אַ פּאַפּיראָסל, — האָט אים פערעדאָנאָוו דערקלערט — איין פּאַפּיראָסל מעג מען אויסרויכערן?

— וועגן דעם איז קיין פאַראָרדענונג נישט געווען. — האָט דער פּאָליציאַנט געענטפערט מיט אַ פאַרנייג.

— נישט געווען? — האָט פערעדאָנאָוו מיט טרויער אין קול איבערגעפרעגט.

— זיכער נישט, נישט געווען. אי די הערן, וואָס רויכערן, האָט מען נישט געהייסן דערפאַר אָפּשטעלן, און וועגן אַ דערלויבעניש בנוגע דעם, הויב איך נישט אָן צו וויסן.

— אויב ס'איז נישט געווען, וועל איך מיך באַגיין אָן דעם,— האָט פערעדאָנאָוו אונטערטעניק באַמערקט — איך, איך בין אַ מענטש אַ בעל-מידות. כ'קאָן אַפילו דאָס פּאַפּיראָסל אַוועקוואַרפן. עפּעס בין איך דאָך אַ שטאָט-ראַט.

פערעדאָנאָוו האָט צעקוועטשט דעם פּאַפּיראָס, אים אַ שליידער געטון אויף דער ערד, און מורא האָבנדיק, צי ער האָט זיך נישט, חלילה, אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט, האָט ער זיך שנעל געאיילט אַהיים. דער פּאָליציאַנט האָט אים פאַרוואונדערט נאָכגעקוקט, באָכדעם האָט ער באַשלאָסן, אַז ביים דאָזיקן הער „זענען די נעכטיקע הייוון פאַרגאָסן”... און באַרויקט זיך ווידער גענומען קאַלטבלוטיק צו קנאַקן באַניקערלעך.

— די גאַס האָט זיך געשטעלט קאַפּויר. — האָט פערעדאָנאָוו אַ בורטשע געטון.

די גאַס האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ נישט הויכער משופּע, און פון יענער זייט איז ווידער געווען אַן אַראָפּפאַרג, און איבערן

איבערברוך צווישן ביידע הייזלעך דאָרט האָט זיך געבליעט אין בין־השמשות דער פינסטערער הימל. די שטילע סביבה פונם אָרעמען לעבן האָט, פאַרשלאָסן אין זיך, שווער געטרויערט און זיך געפּייניקט.

די בוימער האָבן אַראָפּגעהאָנגען זייערע צווייגן איבער די פּאַרקנס, יעדן פאַרהאַלטן און נישט געלאָזט גיין ווייטער, און זייער שאָרכן איז עפּעס געווען שפּעטעוודיק און דראָענדיק. דער שאָפּבאָק איז געשטאַנען אינמיטן דער גאַס און טעמפּ געקוקט אויף פּערעדאָנאָוון.

פּלוצים האָט זיך פון פינסטערן ראָג דערהערט אַ מעקעדיק געלעכטער. וואָלאָדין איז אַרויסגעקראָכן פון דאָרט און גענומען זיך באַגריסן. פּערעדאָנאָוו האָט פינסטער געקוקט אויף אים און געטראַכט וועגן דעם שאָפּבאָק, וואָס איז אָקאָרשט געשטאַנען און מיטאַמאָל נעלם געוואָרן.

„אָט דאָס, — האָט ער געטראַכט, — איז וואָלאָדין מסתמא מגולגל געוואָרן אינעם שאָפּבאָק, נישט אומזיסט איז ער אַזוי ענלעך אויף אַ שאָפּבאָק און מ'קאָן קיינמאָל נישט אונטערשיידן, צי ער לאַכט אָדער ער מעקעט.״

די געדאַנקען האָבן אים אויף אַזוי פיל פאַרנומען, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט, וואָס וואָלאָדין האָט אים געזאָגט ביים באַגריסן זיך.

— וואָס בריקעווסטו זיך, פּאַוולושא, — האָט ער מיט טרויער באַטאָנט.

וואָלאָדין האָט געשטשירעט די ציינער, זיך צעמעקעט און געענטפערט:

— איך בריקעווע זיך נישט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, איך באַגריס זיך מיט אייך, דערלאַנגט די האַנט. מעגלעך, אַז אין אייערע קאַנטן בריקעוועט מען זיך מיט די הענט, אין אונזער קאַנט בריקעוועט מען זיך בלויז מיט די פיס, און דאָס נישט קיין מענטשלעכע ברואים, נאָר, מחילה, פערד.

— וועסט מיך נאָך אַ שטויס טון, זיי מוחל, — האָט פּערעדאָנאָוו אַ וואָרטשע געטון.

וואָלאָדין האָט זיך באַליידיקט און אַ מורמל געטון מיט אַ ציטערדיק קול:

— ביי מיר זענען נאָך, אַרדאַליאָן באָריסיטש, קיין הערנער נישט אויסגעוואַקסן, און מעגלעך, אַז ביי אייך וועלן גיכער אויסוואַקסן הערנער, ווי ביי מיר...

— דיין צונג איז צולאַנג אַביסל, און מאָלט וואָס מען דאַרף נישט — האָט פערעדאָנאָוו בייז באַמערקט.

— אויב אויף אַן אמת געמיינט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, — האָט וואָלאָדין גלייך אויפן אָרט געענטפערט, — טאָ קאָן איך שווייגן.

און זיין געזיכט איז געוואָרן טרויעריק, און זיינע ליפן האָבן זיך אינגאַנצן אָנגעבלאָזן; דאָך איז ער געגאַנגען נעבן פערעדאָנאָוון, — ער האָט נאָך נישט געהאַט געמיטאָגט און גערעכנט היינט עסן מיטאָג ביי פערעדאָנאָוון: אינדערפרי, בשעת דער שמחה, האָט מען אים געהאַט פאַרבעטן.

— אינדערהיים האָט פערעדאָנאָוון דערוואַרט אַ וויכטיק נייס. אין פאָרהויז נאָך האָט מען זיך שוין געקאָנט אָנשטויסן, אַז עפעס איז געשען אויסערגעוויינלעכעס, — אין די צימערן האָט זיך עפעס געטון, געהערט האָבן זיך צעשראָקענע אויסגעשרייען. פערעדאָנאָוו האָט געמיינט, אַז דאָס מיטאָג איז נאָך נישט פאַרטיק; מ׳האָט אים דערזען, האָט מען זיך דערשראָקן און זיך גענומען צואיילן. אים איז עס געווען אָנגענעם — מ׳האָט מורא פאַר אים! אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז עפעס אַנדערש איז געשען. וואַרוואַראַ איז אַרויסגעלאָפן אין פאָרהויז און אויסגעשריען:

— מ׳האָט געבראַכט דעם קאָטער!

פון שרעק האָט זי לכתחילה ניט באַמערקט וואָלאָדינען. זי איז כמעט ווי שטענדיק געווען אָנגעטון קויטיק, אַ פאַרפּעצטע בלוזע אויף אַ גרוי, שמוציק קליידל, אָפגעקלאַפטע טופלעס אויף די באָרוועסע פיס, די האָר ניט פאַרקעמט, צעפאַטלט. אַ צעקאָכטע האָט זי דערציילט פערעדאָנאָוון:

— אירישקא! פון כעס האָט זי נאָך אַ שפיצל אָפגעטון. עפעס איז ווידער געקומען צולויפן אַ יונג און אַריינגעוואָרפן דעם קאָטער, און ביים קאָטער אויפן עק איז עפעס צוגעבונדן — גרעגערט עס. דער

קאָטער איז אַרונטער אונטערן דיוואַן און וויל נישט אַרויס.

פערעדאָנאָוו האָט זיך איבערגעשראָקן.

— וואָס זשע זאָל מען איצט טון? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— פאַוועל וואַסילעוויטש, — האָט וואַרוואַרא געבעטן — איר זענט יונגער, טאָרעט איר אים אַרויס פון אונטערן דיוואַן.

— מיר וועלן אים אַ טאָרע טון, אַ טאָרע טון. — האָט וואָלאָדין מיט אַ כיכען אויסגערופן און אַריין אין זאַל.

קוים מיט צרות האָט מען דעם קאָטער אַפּערגעשלעפּט פון אונטערן דיוואַן און אַראָפּגענומען פונם עק דאָס גרעגערל. פערעדאָנאָוו האָט ווידער דערטאַפּט ערגעץ בערעלעך און זיי גענומען אָנשטעקן אויפן קאָטערס פעל. דער קאָטער האָט זיך שטאַרק צעניסט און איז אַנטלאָפן אין קיך אַריין.

פערעדאָנאָוו איז שטאַרק מיד געוואָרן פון דער אַרבעט ביים קאָטער און זיך אַוועקגעזעצט אין זיין געווייגלעכער פאָזע — די עלנבויגנס אויפן אָנלען פון שטול, די פינגער פאַרבראָכן, אַ פוס איבער אַ פוס, דאָס געזיכט אומבאַוועגלעך און ברוגז.

דער פירשטינס צווייטן בריוו האָט פערעדאָנאָוו שוין געהיט, כמעט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ער האָט אים שטענדיק געטראָגן ביי זיך אין בריוטאַש, אים יעדן באַוויזן און דערביי באַקומען אַ מין סודותפולן אָנבליק. ער האָט גוט אַכטונג געגעבן, צי וויל נישט עמעצער אויסכאַפּן ביי אים דעם בריוו, אים קיינעם נישט געטרויט אין די הענט און אים באַלד נאָכן איבערלייענען באַהאַלטן אינם בריוטאַש, דעם בריוטאַש אין דער בוזים-קעשענע פון סורדוט, דעם סורדוט פאַרקנעפּלט, און שטרענג, מיט באַדייטונג אָפּגעהיט דעם בעלדבר.

— וואָס צאַצקעסטו זיך אַזוי מיט אים? — האָט רוטילאָוו מיט אַ געלעכטער אים איינמאָל איבערגעפרעגט.

— מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, — האָט פערעדאָנאָוו ברוגז געגעבן צו פאַרשטיין — ווער ווייסט אייך. איר קאָנט אים נאָך אויסכאַפּן.

— ס'שמעקט מיט סיביר רפאַ אַזעלכעס, — האָט רוטילאָוו דער-

קלערט מיט געלעכטער און געפּאַטשט פּערעדאָנאָװן איבער דער פּלייצע.

נאָר פּערעדאָנאָװ האָט זיך אָבער געהאַלטן װאַזשנע. בכלל האָט ער זיך די לעצטע טעג געהאַלטן גדלותדיק. ער פּלעגט זיך אָפּט באַרימען:

— אָט באַלד װער איך אַן אינספּעקטאָר. איר װעט דאָ פאַרשימלט װערן. און איך װעל מיר זיין אַ שררה איבער צוויי פּאָוויאַטן. און אפשר נאָך איבער דריי. אָהאָ!

ער איז אַליין געװען שוין זיכער, אַז גאָר אינגיכן װעט ער באַשטימט װערן פאַר אַן אינספּעקטאָר. נישט איינמאָל האָט ער שוין צוגעזאָגט דעם לערער פּאַלאַסטאָװ:

— איך, ברודערקע, װעל אויך דיך שוין אַרויסשלעפּן.

און דער לערער פּאַלאַסטאָװ האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציִען מיט גרויס רעספּעקט צו פּערעדאָנאָװן.

XXII

פּערעדאָנאָװ האָט אָנגעהויבן אָפּט צו גיין אין קלויסטער. ער האָט זיך געשטעלט אויף אַן אָנגעזען אָרט, זיך געצלמט אָפּטער, װי מ'האָט געדאַרפט. און מיטאַמאָל געבליבן גאָר שטיין, פאַרגלומט געקוקט פאַר זיך. אים האָט זיך רק אויסגעוויזן, אַז שפּיאָנעס באַהאַלטן זיך הינטער די זיילן, קוקן פון דאָרטן אַפּער און װילן אים לאַכעדיק מאַכן. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזן.

אַ געלעכטער, — אַ שטיל געלעכטערל, אַ כיכיקען און אַ איבערשעפּטשען זיך פון די פּריילינס רוטילאָװ האָבן אין פּערעדאָנאָװס אויערן אָפּגעקלונגען, גרייכנדיק צומאָל ביז אַ גוזמאדיקער גרויס, — אָט, כמעט װי די דאָזיקע הינטערליסטיקע מוידן װאָלטן אים גלייך אין אויער אַריינגעלאַכט, כדי אים לאַכעדיק צו מאַכן — און אים אומברענגען. פּערעדאָנאָװ האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן.

צומאָל, פון צװישן קנויל פונם װיירויך-נעפּל האָט זיך באַװיזן דאָס אומבאַרירל, אַ רויכיקס, אַ בלוילעכס; די אויגעלעך צעגלאַנצט מיט פייערלעך, האָט עס זיך מיט אַ לייכט גרילצן געטראָגן אין לופטן, נאָכמער פון אַלץ האָט זיך עס געקייקלט אונטער די פיס פון די מתפללים, זיך געררייצט מיט פּערעדאָנאָװן און אים אומדערטרעגלעך געמאַטערט. דאָס אומבאַרירל האָט זיכער געװאָלט איבערשרעקן

פערעדאָנאָוון, אַבי ער זאָל אַוועק פון קלויסטער איידער די תפילה נאָך איז פאַרענדיקט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען איר בייזע כּוונה און זיך נישט אונטערגעגעבן.

די עבודה אין קלויסטער—נישט די ווערטער און די צערעמאָניע, נאָר דער עצם פון דער אינערלעכער הנהגה, וואָס איז אַזוי נאָענט ס'רוב מענטשן, איז פאַר פערעדאָנאָוון געווען אומפאַרשטענדלעך, און דערפאַר האָט עס אים געשראָקן. דאָס רויכערן פון ווייַרויך האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַן אימה, כּמעט ווי פון אַן אומבאַוווסטן צויבער.

— וואָס האָט ער זיך צעפּאָכעט דאָרטן. — האָט ער געטראַכט.

די גלחישע בגדים האָבן אים זיך אויסגעוויזן כּמעט ווי גראָבע, פאַר,דריסלעך־פאַרביקע שמאַטעס, — און בשעת ער האָט געקוקט אויפן גלח אָנגעטון אין זיינע עבודה־בגדים, האָט ער זיך געכעסט, אים האָט זיך געוואָלט צעפליקן די ריזעס, צעברעכן די הייליקע כּלים. די קלויסטער צערעמאָניעס און סודות־פולקייטן האָבן אין זיינע אויגן אויסגעזען כּמעט ווי אַ מין כּישוף, וואָס איז בלויז אויסגערעכנט צו פאַרקנעכטן דעם פשוטן עולם.

ער האָט זיך אָנגעבראָקט דאָס ברויט אין וויין אַריין, — האָט ער מיט כּעס געטראַכט וועגן גלח,—דער וויין איז אַ ביליקער, און דולט דעם המון דעם קאָפּ, עס זאָל אים וואָס מער געלט ברענגען, פאַר אָט דער עובדה.

דער סוד פון דער אייביקער פאַרוואַנדלונג פונם קראַכטלאָזן עפּעס אינם כּוח, וואָס צערייסט די קייטן פון טויט, איז פאַר אים געווען אויף תּמיד פאַרהוילן. אַ גייענדיקער בר-מינן! אַן אומגעלומפערט צונויפמישן פונם נישט גלויבן אינם לעבעדיקן גאָט און זיין זון קריסטוס מיטן גלויבן אין כּישוף!

מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון קלויסטער. דער דאָרפסלערער מאַטשיגין, אַ איינפאַכער יונגערמאַן, איז צוגעשטאַנען צו די פריילינס, געשמייכלט און לעבעדיק גערעדט מיט זיי. פערעדאָנאָוו האָט געטראַכט, אַז עס פּאַסט נישט, ער זאָל זיך האַלטן אַזוי פריי אינם געגנוואַרט פון אַ צוקונפטיקן אינספּעקטאָר. מאַטשיגין האָט געטראָגן אַ שטרויענעם קאַפּעליוש, נאָר פערעדאָנאָוו האָט זיך דערמאָנט, ווי

איינמאָל האָט ער אים געטראָפן זומער אונטערן שטאָט מיט אַן אוניפאָרם־היטל מיט אַ קאָקאַרדע. פערעדאָנאָוו האָט באַשלאָסן אים צו פאַרקלאָגן, גראָד איז דער אינספעקטאָר באָגדאַנאָוו אויך געווען אינעם קלויסטער. פערעדאָנאָוו איז צו אים צוגעגאַנגען און געמאָלדן:

— און אייער מאַטשיגין טראָגט אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע גאָר מעשה־פּריץ.

באָגדאַנאָוו האָט זיך דערשראָקן, האָט אָנגעהויבן ציטערן און געטרייסלט מיט זיין גרויער בראָדאַווקע.

— ער האָט נישט קיין רעכט, קיין רעכט נישט. — האָט ער פאַרזאָרגט איבערגעחזרט, פינטלענדיק מיט די רויטע אויגן.

— ער האָט קיין רעכט נישט און טראָגט דאָך, — האָט זיך פערעדאָנאָוו געקלאָגט — מען דאַרף אים נעמען אין די הענט, איך האָב עס אייך שוין לאַנג געזאָגט. אַנישט וועט יעדער פויער אין לאַפּטשעס אָנטון אַ קאָקאַרדע, טאָ וואָס פאַראַ פּנים וועט עס האָבן.

באָגדאַנאָוו, וואָס איז נאָך פון פריער געווען אָנגעשראָקן פון פערעדאָנאָווס מעשים, האָט זיך גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן.

— ווי וואָגט ער עס עפּעס? האַ? — האָט ער קלאָגנדיק זיך באַמערקט. — איך וועל אים באַלד רופן, אים אָהעררופן און אים פאַרזאָגן ביז אַ צענטן, ער זאָל עס מער נישט טון.

ער האָט זיך געזעגנט מיט פערעדאָנאָוון און אָנגעהויבן איילן אַהיים.

וואָלאָדין איז געגאַנגען נעבן פערעדאָנאָוון און גערעדט צו אים מיט אַ פאָרוואורפיק מעקעדיק קול:

— ער טראָגט אַ קאָקאַרדע. וואָס זאָגט איר צו אים! ער איז דען אַ באַאַמטער! ווי מעג מען עס עפּעס.

— דו טאָרסט אויך נישט טראָגן קיין קאָקאַרדע. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט.

— אַז מען טאָר נישט, דאַרף מען נישט, — האָט וואָלאָדין געענטפערט — איך טראָג אפילו אַמאָל אויך אַ קאָקאַרדע, — אָבער איך ווייס ווו און ווען. איך גיי אַרויס הינטער דער שטאָט טו איך עס אָן. כ'האָב פאַרגניגן און קיינער קאָן עס מיר נישט פאַרביטן, און באַגעגנט מיך אַ פויער, האָט ער דרך־ארץ.

— צו דיין צורה פּאַסט גאָר קיין קאָקאַרדע נישט, פּאַוולושאַ, — האָט פּערעדאָנאָוו באַמערקט — און דו רוק זיך פון מיר וואָס ווייטער, האָסט מיר פאַרפּראָשעט די אויגן מיט דיינע קאָפּיטעס.

וואָלאָדין האָט זיך באַליידיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז אָבער נישט אַוועק. פּערעדאָנאָוו האָט באַמערקט:

— אָט, מ׳האָט נאָך געדאַרפט פאַרמסרן רוטילאָווס מוידן. זיי קומען אין קלויסטער אַריין לאַכן און שושקען זיך. שמירן זיך אָן, פּוצן זיך אויס, און קומען. זיי גנבענען ווייררויך און מאַכן פון אים פּאַרפומען, — ס׳שטינקט פון זיי שטענדיק מיט פּאַרפומען.

— גאָט מיינער, וואָס רעדט איר! — האָט וואָלאָדין שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אויסטאַרטשענדיק די אויגן אויסגערופן.

איבער דער ערד האָט זיך שנעל דורכגעטראָגן אַ שאָטן פון אַ וואָלקן און האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף פּערעדאָנאָוון, אין די שטויב-זיילן דערהויבן פון ווינט האָט טיילמאָל דורכגעפלאַטערט דאָס גרויע אומבאַרירל. האָט זיך דאָס גראָז געוויגט פון ווינט, באַלד האָט זיך פּערעדאָנאָוון געדאַכט, אַז דאָס גרויע אומבאַרירל פלאַטערט אַרום, ציפּט עס אָפּ און שטילט דעם הונגער.

נאָך וואָס דאַרף מען עפּעס דאָס גראָז אין שטאָט, — האָט ער געטראַכט — ס׳אַר-אַן אומאָרדנונג! מען דאַרף עס אויסיעטן!

אַ צווייגל אויף אַ בוים ערגעץ האָט זיך אַ וואַקל געטון, זיך צונויפגעקאָרטשעט, שוואַרץ געוואָרן, זיך צעקרעכצט און אַראָפּגעפאַלן. פּערעדאָנאָוו האָט אויפגעציטערט, ווילד אויסגעשריגן און געלאָזט זיך לויפן אַהיים. וואָלאָדין האָט זיך געאײַלט נאָך אים, פאַרזאָרגט, מיט אַ פאַרגאַפטן אויסדרוק אין די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט דעם הוט אויפן קאָפּ און פאָכענדיק מיטן ים-רער-שטעקל.

באָגדאַנאָוו האָט נאָך אין זעלביקן טאָג געשיקט צו זיך רופן מאַטשיגינען. פריער איידער מאַטשיגין איז אַריין צום אינספּעקטאָר אין ביוראָ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט דרויסן מיטן רוקן צו דער זון, אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, און זיך פאַרקאַמט די האָר אין שאָטן מיט אַלע פינף פינגער זיינע.

— וואָס איז עס מיט אייך, יונגערמאַן, האַ. וואָס טראַכט איר

זיך עפּעס, האַ? — האָט זיך באָגדאַנאָוו אַ לאָז געטון צו מאַטשיגינען.

— וואָס? — האָט מאַטשיגין פריי איבערגעפרעגט, שפּילנדיק זיך מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש אין די הענט און שערווענדיק מיטן לינקן פיסל.

באָגדאַנאָוו האָט אים אפילו נישט געבעטן זיך זעצן, ווייל ער האָט זיך געקליבן אים מקיים־פּסקזיין.

— ווי אַזוי־זשע עפּעס, ווי אַזוי־זשע דערלויבט איר זיך עס, יונגערמאַן, צו טראָגן אַ קאָקאַרדע, האַ? ווי האָט איר עס זיך באַשלאָסן צו טון, האַ? — האָט ער איבערגעפרעגט, מאַכנדיק אַ שטרענגע מינע און טרייסלענדיק מיט דער גרויער בראָדאַווקע זיינער.

מאַטשיגין איז רויט געוואָרן, ער האָט אָבער לעבעדיק געענטפערט:

— וואָס איז, כ׳האָב דען קיין רעכט נישט דערויף?

— איר זענט דען אַ באַאַמטער, וואָס? אַ באַאַמטער, האַ? — האָט זיך באָגדאַנאָוו געקאָכט. — וואָס פאַראַ באַאַמטער זענט איר, האַ? אַן אלף־בית רעגיסטראַטאָר, וואָס?

— אַ צייכן אַז כ׳בין אַ לערער. — האָט מאַטשיגין לעבעדיק געענטפערט און אומגעריכט זיך צעשמייכלט זיס, דערמאָנענדיק זיך אין דער וויכטיקייט פון זיין לערער־פּראָפעסיע.

— טראָגט מיט זיך אַ שטעקל אינדערהאַנט, אַ שטעקל, און אָט וועט איר האָבן אַ צייכן פון אייער פּראָפעסיע אַלס לערער. — האָט באָגדאַנאָוו שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געעצהט.

— וואָס פאַלט אייך איין, סערגעי פּאָטאַפּיטש, — האָט מאַטשיגין מיט אַ באַליידיקטער שטים באַטאָנט — וואָס הייסט סתם אַ שטעקל! אַ שטעקל טראָגט יעדער, און אַ קאָקאַרדע ווייזט אָן אויף רעספּעקט.

— וואָס פאַראַ רעספּעקט? צו וואָס עפּעס? וואָס פאַראַ רעספּעקט עפּעס? — איז באָגדאַנאָוו צוגעשטאַנען צום יונגנמאַן. — וואָס פאַראַ רעספּעקט האָט איר נויטיק, האַ? איר זענט עפּעס אַ שררה, וואָס?

— וואָס פאַלט אייך איין, סערגעי פּאָטאַפּיטש, — האָט מאַטשיגין מיט ישוב־הדעת געפּרוווט דערקלערן — אין דער פויערישער קנאַפּ־קולטורעלער סביבה רופט עס אַרויס מיטאַמאָל דעם געהעריקן מאָס

דרך־ארץ. היי־יאָר באַגריסן זיי מיך מיט מער רעספּעקט.

מאַטשיגין האָט מיט צופֿרידנקייט אַ גלעט געטון זיינע געלע וואָנסעלעך.

— אָבער מען טאָר נישט, יונגערמאַן, בשום אופן נישט. — האָט באָגדאַנאָוו דערקלערט און טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס פֿאַלט אייך איין, סערגעי פּאָטאַפּיטש, אַ לערער אָן אַ קאָקאַרדע, איז ווי אַ בריטישער לייב אָן אַן עק, — האָט מאַטשיגין פֿאַרזיכערט — פּשוט אַ קאַריקאַטור.

— ווער דאַרף עס דעם עק דאָ? וואָס פֿאַר אַן עק, האַ? — האָט באָגדאַנאָוו גערעדט אַ צעקאָכטער, — וואָס זענט איר עס אין פּאָליטיק פֿאַרקראָכן, האַ? איז עס דען אייער זאַך צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק, האַ? ניין, יונגערמאַן, טוט אַ טובה און נעמט אַראָפּ די קאָקאַרדע. מען טאָר נישט, ווי קאָן מען עס עפּעס, עמעצער גאָט באַהיט, וועט חלילה עס באַמערקן.

מאַטשיגין האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר באָגדאַנאָוו האָט איבערגעשלאָגן, אין זיין קאָפּ איז אויפֿגעשווומען, לויט זיין מיינונג, אַ גלענצנדיקער געדאַנק.

— אָט זענט איר געקומען צו מיר אָן אַ קאָקאַרדע, האַ, אָן אַ קאָקאַרדע? איר פֿילט עס אַליין, אַז מען טאָר עס נישט?

מאַטשיגין האָט זיך לכתחילה פֿאַרלוירן, נאָר ער האָט באַלד געפֿונען, ווי עס צו פֿאַרענטפֿערן:

— אַזוי ווי מיר זענען דאָרפֿס־לערער, דאַרף מען האָבן אַ פֿריי־ווילעגיע אין דאָרף, און אין שטאָט זענען מיר בלויז רעזערוו־אינטעליגענטן.

— ניין, יונגערמאַן, דאָס מעגט איר שוין וויסן, — האָט באָגדאַנאָוו בייז באַמערקט — אַז דאָס טאָר מען נישט, און אויב איך וועל עס נאָכאַמאָל פֿאַרנעמען, וועלן מיר אייך אָפּזאָגן פֿון אייער שטעל.

גרושינאַ פֿלעגט פֿון צייט צו צייט איינאָרדנען ביי זיך קערמעשלעך פֿאַר יונגעלייט, צווישן וועלכע זי האָט גערעכנט צו פּאַקן אַ מאַן פֿאַר זיך, און כּדי עס זאָל זיך נישט וואַרפֿן אַזוי אין די

אויגן פלעגט זי אויך פֿאַרבעטן איניקע באַוויבטע באַקאַנטע.

און אָט איז בײַ איר פֿאָרגעקומען אײנמאָל אַזאַ קערמעשל. די געסט האָבן זיך צונויפגעקליבן פֿרי.

בײַ גרושינאַן אין זאַל זענען אויף די ווענט געהאָנגען בילדער, אַרומגעהילט מיט געדיכטע קיסײ. אַגב, זענען זײ גאָרנישט נישט געווען אומבאַשוידן, בשעת גרושינאַ פֿלעגט מיט אַ היניטערליסטיק שמייכעלע אויפֿהײבן דעם קיסײ, פֿלעגן די געסט אָנקוועלן פֿון די נאַקעטע ווײַבער־פֿיגורן, שלעכט אויפֿגעצייכנט.

— פֿאַרוואָס־זשע איז עפּעס די פֿרוי אַ קרומע? — האָט פֿערעדאָנאָוו ברוגז איבערגעפֿרעגט.

— זי איז גאָרנישט אַזוי קרום, — האָט זיך גרושינאַ הייס אײַנגעשטעלט — זי האָט זיך בלויז אָנגעבויגן אַביסל.

— זי איז אַ קרומע, — האָט פֿערעדאָנאָוו איבערגעחזרט — און אויגן האָט זי אויך משונהדיקע, אָט ווי בײַ אײַך.

— נו, איר פֿאַרשטייט אַ סך! — האָט גרושינאַ זיך באַליידיקט — די דאָזיקע בילדער זענען זעלטענע און קאָסטן אַסך געלט. אַ מאָלער, אויב ער מאָלט נישט אַזעלכע בילדער, איז קיין מאָלער נישט.

פֿערעדאָנאָוו האָט זיך פּלוצים צעלאַכט: ער האָט זיך דערמאָנט אין דער עצה, וואָס ער האָט אַנומלטן געגעבן וואָלאָדינען.

— וואָס האָט איר זיך עפּעס צעהירזשעט? — האָט גרושינא איבערגעפֿרעגט.

— באַרטאַנאָוויטש, דער גימנאַזיסט, וועט פֿאַרברענען זײַן שוועסטער מאַרטעס קליידל, — האָט ער דערקלערט — איך האָב עס אים געעצהט צו טון.

— אָט נעמט ער שוין און פֿאַרברענט, געפֿונען אַ נאַר! — האָט גרושינאַ זיך געשפּאַרט.

— געוויס וועט ער עס טון, — האָט פֿערעדאָנאָוו פֿאַרזיכערט געטענהט — ברידער און שוועסטער קריגן זיך שטענדיק. ווען איך בין געווען אַ קליינער, בין איך שטענדיק מײַנע שוועסטער דערגאַנגען די יאָרן, — די קליינע פֿלעג איך שלאָגן, און די עלטערע איבערפֿירן די קליידלעך.

— נישט אַלע קריגן זיך אָבער אַרום, — האָט רוטילאָוו באַמערקט — אָט נעמט מיך, אַ שטייגער, איך קריג זיך קיינמאָל נישט מיט מיין שוועסטער.

— וואָס־זשע, קושט זיך מיט זיי, וואָס? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפּרעגט.

— נו, אַרדאַליאָן באָריסיטש, ביסט אַ חזיר און אַ לײדאַק, און איך וועל דיר צעפּראַסקען די מאָרדע. — האָט רוטילאָוו זייער רויק באַטאָנט.

— נו, איך האַלט נישט פון אַזעלכע שפּאַסן. — האָט פּערעדאָנאָוו באַמערקט און זיך אָפּגערוקט פון רוטילאָוון.

ווער ווייסט, — האָט ער געטראַכט — ער קאָן עס טאַקע טון, — עפּעס געפעלט מיר נישט זיין פּרצוף־פּנים.

— נו, — האָט ער ווייטער דערציילט וועגן מאַרטאַן, — מער ווי איין קליידל, אַ שוואַרצס, האָט זי נישט.

— ווערשינאַ וועט איר מסתמא אויפנייען אַן אַנדער קליידל, — האָט וואַרוואַראַ מיט קנאהדיקער בייזקייט באַטאָנט — צו דער חתונה וועט זי איר דעם גאַנצן אויסשטייער צוגרייטן. אַ שיינהייט, די פערד שרעקן זיך אַזש. — האָט זי שטיל און בייז־פריידעוודיק באַמערקט און אַ קוק געטון אויף מורינען.

— שוין צייט, איר זאָלט אויך חתונה האָבן. — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ געעצהט. — אויף וואָס נאָך וואַרט איר דען, אַרדאַליאָן באָריסיטש?

די פּרעפּאָלאָווענסקיס האָבן שוין געזען, אַז נאָכן צווייטן בריוו, האָט פּערעדאָנאָוו באַשלאָסן אויף זיכער חתונה האָבן מיט וואַרוואַראַן. זיי האָבן אַליין אויך געגלויבט אינעם בריוו. זיי האָבן באַטאָנט, אַז זיי זענען שטענדיק געווען פאַר דעם, אַז פּערעדאָנאָוו דאַרף חתונה האָבן מיט וואַרוואַראַן. קריגן זיך מיט פּערעדאָנאָוון האָט זיי סתם נישט געלוינט, — מיט אים איז זייער גוט צו שפּילן אין קאָרטן. אַ, געניע, וואָס קאָן מען, נעבעך, טון? וועט זי נאָך אַביסל אונטערוואַרטן, — מען וועט מוזן איר זוכן אַן אַנדער חתן.

— געוויס, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקי צוגעגעבן — איר דאַרפט חתונה האָבן: אי איר וועט טון אַ גוטע זאַך, אי איר וועט יוצא־זיין

פֿאַר דער פֿירשטין; איר וועט עס זיין זייער אָנגענעם, וואָס איר האָט חתונה, אַזוי אַז איר וועט איר צוליב טון און דערביי אויך טון זייער אַ גוטע זאַך. אָט וועט גוט זיין, וואָרום אַ איר וועט טון אַ גוטע זאַך, און דער פֿירשטין וועט עס זיין אָנגענעם.

— דאָס טענה איך דאָך.—האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ באַשטעטיקט.

און פּרעפּאָלאָווענסקי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און, זעענדיק, אַז אַלע מיידן אים אויס, האָט ער זיך צוגעזעצט נעבן דעם יונגן באַאַמטן און אים אָנגעהויבן געבן צו פֿאַרשטיין דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט אָקאָרשט געבריייעט.

— איך האָב באַשלאָסן חתונה האָבן, — האָט פּערעדאָנאָוו באַטאָנט — נאָר מיר, איך מיט וואַרוואַראַן, הייסט עס, וויסן נאָך נישט, ווי אַזוי מען דאַרף חתונה האָבן. עפּעס דאַרף מען טון, אָבער איך וייס נישט וואָס.

— ס׳איז נישט אַזאַ שווערע זאַך. — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ באַמערקט. — און אויב איר ווילט, קאָנען מיר, איך מיט מיין מאַן, פֿאַר אייך אַלץ איינאָרדנען. איר קאָנט זיך רויק זיצן און גאָרנישט נישט טון.

— גוט, — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט — איך בין מסכים. אַלץ זאָל אָבער זיין גוט און פֿיין. קיין געלט זשאַלעווע איך נישט.

— באַאומרויקט זיך נישט, אַלץ וועט זיין אויסגעצייכנט. — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ פֿאַרזיכערט.

פּערעדאָנאָוו האָט ווייטער געשטעלט זיינע פֿאָדערונגען:

— אַנדערע זענען זיך נוהג צו קאַרגן און קויפֿן דינע קדושין־רינגלעך, זילבערנע, באַגילדטע, און איך וויל עס נישט, איך וויל דווקא אמתע, גאָלדענע, און איך וויל אפֿילו אָנשטאָט קדושין־פֿינגער־לעך באַשטעלן קדושין בראַנזלעטן, — אַ עס קאָסט טייערער, אַ עס איז פֿיינער.

אַלע האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— מען טאָר נישט קיין בראָנזלעטן, — האָט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ מיט אַ לייכט שמייכעלע אָפּגעווענדט — מען דאַרף פֿינגערלעך.

— פֿאַרוואָס עפּעס טאָר מען נישט? — האָט פּערעדאָנאָוו מיט פֿאַרדרוס איבערגעפֿרעגט.

— אַזוי, קיינער טאָר עס נישט.

— און אפשר טוט מען עס יאָ, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט אומ־צוטרוי באַטאָנט, — איך וועל עס נאָך ביים גלח איבערפרעגן, ער ווייסט בעסער.

רוטילאָוו האָט מיט אַ כיכיקען געעצהט:

— אַרדאַליאָן באָריסיטש, פאָלגט מיך און באַשטעלט שוין בעסער קדושין־גאַרטלען.

— נו, אויף דעם האָב איך שוין אַזויפיל געלט נישט, — האָט פּערעדאָנאָוו געענטפערט, נישט באַמערקנדיק דעם חוזק — כ'בין נישט קיין באַנקיר. נאָר מיר האָט זיך אַנומלטן געחלומט, אַז כ'האָב חתונה, גיי אַנגעטון אין אַן אַטלעסענעם פראַק און איך מיט וואַרוואַראַן טראָגן גאָלדענע בראַנזלעטן. און הינטער אונז שטייען צוויי דירעקטאָרן און האַלטן איבער אונזערע קעפ די קריינדלעך און זינגען הללויה.

— מיר האָט זיך היינט אויך געחלומט אַן אינטערעסאַנטער חלום, — האָט וואָלאָדין דערקלערט — און וואָס ער באַטייט, ווייס איך אַליין נישט. זיץ איך מיר, כלומרשט, אויפן טראָן, אין אַ גאָל־דענער קרוין. און פאַר מיר אַ גרינע לאָנקע, און אויף דער לאָנקע פול מיט שאָפּבעק, שאָפּבעק, שאָפּבעק, בע־בע־בע, אָט שלעפּן זיך אַזוי די שאָפּבעק, וואַרפן אָט מיט די קעפּ און מעקען בע־בע־בע.

וואָלאָדין האָט געגומען אַרומגיין איבערן צימער, טרייסלען מיטן שטערן, אויסגעשפּיצט די ליפּן און געבעקעט. די געסט האָבן געלאַכט. וואָלאָדין האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, תמעוואַטע געקוקט אויף אַלעמען, געזשמורעט די אויגן פון פאַרגעניגן און געלאַכט מיט אַ שאָפּבאָקיש בעקעדיק געלעכטער.

— נו, און וואָס ווייטער? — האָט גרושינאַ איבערגעפרעגט און צוגעווונקען די געסט.

— נו, אַרום און אַרום שאָפּבעק, שאָפּבעק און שאָפּבעק און כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט. — האָט וואָלאָדין געענדיקט.

— אַ שאָפּבאָק חלומען זיך שאָפּבאָקישע חלומות, — האָט פּע־רעדאָנאָוו געוואָרטשעט — אַ וואַזשנע מציאה — אַ קיסר פון שאָפּבעק!

— און מיר האָט זיך געחלומט,—האָט וואַרוואַראַ מיט אַ חוצפּה־דיקן שמייכל דערקלערט — נישט פאַר קיין מאַנסביל צו דערציילן,—

װעל עס אײך שױן שפּעטער אַלײן איבערגעבן.

— אַך, װאַרװאַראַ דמיטרעװנאַ, מוטערל, אָט כּמעט װי מיר װאָלטן זיך אָפּגערעדט, מיר האָט זיך אױך עפּעס אַזױנס געחלומט — האָט גרושינאַ, מיט אַ כיכיקען און צװינקענדיק אַלעמען, געענטפערט.

— דערצײלט, מיר זענען זײער באַשײדן, אָט כּמעט װי דאַמען. — האָט רוטילאָװ באַמערקט.

און די איבריקע מענער האָבן אױך געבעטן װאַרװאַראַן מיט גרושינאַן צו דערצײלן זײערע חלומות. יענע האָבן זיך אָבער איבערגעקוקט, מיאוס געלאַכט און נישט געװאָלט דערצײלן.

מ'האָט זיך אַװעקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן. רוטילאָװ האָט פּאַרזיכערט, אַז פּערעדאָנאָװ שפּילט אױסגעצײכנט גוט. פּערעדאָנאָװ האָט געגלױבט, נאָר הײנט האָט ער, װי אַלעמאָל, געהאַלטן אין אײן פאַרשפּילן. רוטילאָװ האָט געװוּנען. ער איז פון דעם געװען זײער אױפגעלײגט און גערעדט לעבעדיקער װי אַלעמאָל.

פּערעדאָנאָװ איז שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן דאָס אומבאַרירל. דאָס האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן גאָר נאָענט, — גיט זיך צומאָל אַ באַװײז, רוקט זיך אַרױס פון אונטערן טיש, אָדער פון הינטער עמעצנס פּלײצע און װערט װידער פאַרשװוּנדן, געדאַכט האָט זיך, אַז עס װאַרט עפּעס אָפּ. אַ שרעק האָט אַרומגענומען.

און די קאָרטן מיט זײער אָנבליק האָבן עפּעס אױך געשראָקן פּערעדאָנאָװן. דאַמען — און צװײ מיטאַמאָל.

—און װוּ איז די דריטע? — האָט פּערעדאָנאָװ געקלערט

ער האָט טעטפּ באַטראַכט די דאַמע פּיק, נאָכדעם איבערגעקערט איר אױף דער אַנדערער זײט, — מעגלעך, אַז די דריטע האָט זיך באַהאַלטן אינװײניק, אונטערן העמדל.

רוטילאָװ האָט באַמערקט:

— צרדאַליאָן באָריסיטש קוקט זײן דאַמע אונטערן העמדל אַרונטער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

אינדערזעלבער צײט האָבן זיך צװײ יונגע פּאָליצײ-באַאַמטע צוגעזעצט אָן אַ זײט שפּילן אין „נאַרעלעך". געשפּילט האָבן זײ זײער לעבעדיק און געפּאַקט אַ קאָן נאָך אַ קאָן. דער, װאָס האָט

געווונען, האָט געפּלאַצט הויך אויף אַ קול און דעם צווייטן געוויזן אַ נאַר. דער, וואָס האָט פאַרשפּילט, האָט זיך געבייזערט.

ס'האָט זיך דערפילט אַ ריח פון עסגוואַרג. גרושינאַ האָט די געסט פאַרבעטן אין עסצימער אַריין. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן און אַריין שטופּנדיק איינער, דעם אַנדערן. מ'האָט זיך ווי נישט איז אויסגעזעצט.

— עסט, מיינע הערן, — האָט גרושינאַ מכבד געווען, — עסט, מיינע טייערע, פולט אָן די בייכלעך ביז די אויערן אייערע.

— פּירישקעס עס, און די באַלעבאָסטע נישט פאַרגעס. — האָט מורין מיט פרייד געשריגן.

אים איז געווען פריילעך צו קוקן אויפן בראָנפן און טראַכטן, אַז ער האָט היינט געווונען.

מער פון אַלעמען האָבן זיך מכבד געווען וואָלאָדין און די צוויי יונגיטשקע באַאַמטע,—זיי האָבן זיך גענומען די בעסערע שטיק־לעך און מיט זשעדנעקייט געגעסן רויג. גרושינאַ האָט מיט אַ גע־צוווּנגען שמייכעלע באַמערקט:

— פּאַוועל איוואַניטש איז שיכור נאָר האַלט קאָפּ, ער קוקט אויפן ברויט און לאָזט די פּירעשקעס נישט אָפּ.

נישט פאַר אים דאָך דעם רויג געשטעלט! און מיטן אויסרייד כלומרשט, אַז זי וויל מכבד זיין די דאַמען, האָט זי אַוועקגענומען פון אים אַלע גוטע זאַכן. וואָלאָדין האָט זיך אָבער געמאַכט כלא־ידע און זיך גלייך גענומען צו די איבריקע זאַכן: ער האָט שוין געהאַט באַוויזן נהנה צו זיין פון די גוטע זאַכן באַלד ביים אָנהויב, און איצט איז אים שוין געווען אַלצאיינס.

פּערעדאָנאָוו האָט געקוקט אויף די אַכלער, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע לאַכן פון אים. פון וואָס? צוליב וועמען? ער האָט מיט ווילדקייט און צערייצטקייט אַלץ געגעסן, וואָס אים איז איינ־דערהאַנט געקומען, געגעסן מיאוס און זשעדנע.

נאָכן נאַכטעסן האָט מען ווידער געשפּילט אין קאָרטן. נאָר באַלד איז עס פּערעדאָנאָוון נמאס געוואָרן. ער האָט אַ שמיץ געטון די קאָרטן און צעשריגן זיך:

— כאַפּט אייך דער רוח! — ס׳גייט נישט, ס׳האָט מיר דערעסן! וואַרוואַראַ, קום אַהיים!

און די איבעריקע געסט האָבן זיך אויך אויפגעהויבן.

אינם פאָרהויז האָט וואָלאָדין דערזען, אַז פּערעדאָנאָוו האָט אַ נײַ שטעקל. ער האָט געשטשירעט מיט די ציין, געדרייט עס אין די הענט און אַ פרעג געטון:

— אַרדאַשאַ, פאַרוואָס זענען דאָ פינגערלעך צונויפגעלייגט? וואָס באַדייט עס?

פּערעדאָנאָוו האָט מיט כעס אַרויסגעריסן דאָס שטעקל פון וואָלאָדינס הענט, אונטערגערוקט דאָס הענטל מיט דער „פייג“ פון שוואַרץ־האָלץ ביזן סאַמע נאָז און אַ מורמל געטון:

— אָט, נאַדיר אַ פייג אין פוטער.

וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע.

— דערלויבט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, — האָט ער דערקלערט — איך עס שטענדיק ברויט מיט פוטער, און אַ פייג מיט פוטער בין איך מוחל.

פּערעדאָנאָוו האָט אים נישט געהערט און זיך זאָרגעוודיק גענומען גוט אַרומוויקלען דעם האַלז מיטן שאַליק און פאַרקנעפּלען דעם מאַנטל אויף אַלע קנעפּ. רוטילאָוו האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ געלעכטער:

— וואָס הילסטו זיך עפּעס אַזוי, אַרדאַליאָן באָריסיטש? ס׳איז דאָך וואַרעם דרויסן.

— דער עיקר איז דאָס געזונט. — האָט פּערעדאָנאָוו געענטפערט.

דרויסן איז געווען שטיל, די גאַס האָט זיך אויסגעצויגן אין דער פינסטער און שטיל צוגעכראָפּעט. געווען איז פינסטער, אומעטיק און פייכט. אויפן הימל האָבן אַרומגעבלאָנקעט שווערע וואָלקנס. פּערעדאָנאָוו האָט געוואָרטשעט:

— געמאַכט אַ חושך, טאָמער ווייסטו וואָס?

ער האָט איצט קיין מורא נישט געהאַט, ער איז געגאַנגען מיט וואַרוואַראַן, נישט אַליין.

אינגיכן האָט אָנגעהויבן שפּריצן אַ דריבנער, שנעלער, דיערנ־

דיקער רעגן. אַלץ איז געוואָרן שאַ־שטיל, און נאָר דער רעגן האָט עפּעס געפּלוידערט אַזוי איינגעגעסן און שנעל, זופּנדיק אומפאַרשטענדלעכע, אומעטיקע און טרויעריקע רייד.

פערעדאָנאָוו האָט אין דער נאַטור געשפּירט אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אומעט, פון זיין פּחד אונטערן הייטל פון איר פיינטלעכקייט צו אים. — פון דער זעלביקער אינערלעכער און נישט צוטריטלעכער פאַר דער אויסערלעכער באַשטימונג פונם לעבן אין דער גאַנצער נאַטור, פונם לעבן, וואָס איז ביכולת צו שאַפן אמתע באַציונגען, טיפע און אימצווייפלהאַפטע, צווישן מענטש און נאַטור, אָט דאָס דאָזיקע לעבן האָט ער נישט געשפּירט. און דערפאַר טאַקע האָט די נאַטור אויסגעזען אין זיינע אויגן, ווי זי וואָלט איבערגעפּילט געווען מיט קלייניקלעכע מענטשלעכע געפילן. פאַרבלענדט פון די געשמייכלטע מיינונגען וועגן פּערזענלעכקייט און פּערזענלעכן קיום, האָט ער נישט פאַרשטאַנען די דיאָניסטישע, סטיכישע ווונדער, וואָס פרייען זיך און זיפצן קולי־קולותדיק אין דער נאַטור אַרום. ער איז כמעט ווי אַ סך פון אונז געווען בלינד און נישטיק.

XXIII

די פּרעפּאָלאָווענסקיס האָבן אויף זיך גענומען איינצואָרדנען די חתונה. מ׳האָט באַשלאָסן צו פּראַווען די חתונה אין אַ דאָרף, זעקס וויאָרסט ווייט פון שטאָט: וואַרוואַראַן איז אומאָנגענעם געווען צו דער חתונה צו זיין אין שטאָט, נאָכדעם ווי זי האָט עטלעכע יאָר אָפּגעלעבט אַלס פערעדאָנאָווס אַ קרובה. מ׳האָט קיינעם נישט געזאָגט דעם טאָג, ווען די חתונה וועט זיין. די פּרעפּאָלאָווענסקיס האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די חתונה וועט זיין פרייטיק, און אין דער אמתן איז די חתונה פאָרגעקומען מיטוואָך בייטאָג. מ׳האָט עס אומישנע געטון, כדי עס זאָלן נישט אָנלויפן קיין נייגיריקע פון שטאָט. וואַרוואַראַ האָט נישט איינמאָל געטענהט צו פערעדאָנאָוון:

— דו, זע נאָר, אַרדאַליאָן באָריסיטש, זאָלסט זיך חלילה נישט אַרויסכאַפּן, ווען די חתונה וועט זיין, מען קאָן אונז נאָך שטערן.

געלט אויף חתונה־הוצאות האָט פערעדאָנאָוו נישט גערן געגעבן.

מיט אַ קרומען זיך איבער וואַרוואַראַן. אָפטמאָל פלעגט ער ברענגען זיין שטעקל מיטן הענטל פון אַ „פייג" און באַמערקן וואַרוואַראַן:

— גיב אַ קוש מיין פייג וועל איך געבן געלט, וועסטו נישט קושן—איז לאַ פידאָלטי.

וואַרוואַראַ האָט די פייג געקושט.

— וואָס־זשע איז, די ליפן וועלן נישט פלאַצן. — האָט זי דערקלערט.

דעם באַשטימטן טאָג פון דער חתונה האָט מען אפילו פאַרהוילן פאַר די אונטערפירערס, כדי זיי זאָלן עס נישט אויספלאַפלען. פריער האָט מען פאַרבעטן אַלס אונטערפירערס רוטילאָוון און וואָלאָדינען—ביידע האָבן זייער גערן איינגעשטימט: רוטילאָוו האָט סתם דערוואַרט אַ פריילעכן אַנעקדאָט, וואָלאָדינען האָט הנאה געטון צו שפילן אַזאַ וויכטיקע ראָל ביי אַזאַ זעלטענער געשעעניש אינם לעבן פון אַזאַ באַדייטנדיקער פערזאָן. נאָכדעם האָט זיך פערעדאָנאָוו געכאַפט, אַז פאַר אים איז צו ווייניק איין אונטערפירער. ער האָט געטענהט:

— דו, וואַרוואַראַ, קאָנסט זיך באַגנוגענען מיט איינעם, און איך דאַרף צוויי, פאַר מיר איז איינער ווייניק, איבער מיר איז זייער שווער צו האַלטן די קרוין, איך בין זייער אַ גרויסער מענטש.

און פערעדאָנאָוו האָט אַלס צווייטן אונטערפירער פאַרבעטן דעם לערער פאַלאַסטאָוו, וואַרוואַראַ האָט געוואָרטשעט:

— צו וועלכע שוואַרץ־יאָר דאַרפסטו אים האָבן, פאַראַן צוויי, וואָס דאַרף מען נאָך?

— ער טראָגט גאָלדענע ברילן, איז פיינער צו האָבן אַזעלכן.— האָט פערעדאָנאָוו צו פאַרשטיין געגעבן.

אינדערפרי, אינם טאָג פון דער חתונה האָט זיך פערעדאָנאָוו אָפגעוואַשן מיט וואַרעם וואַסער, כמעט ווי אַלע, כדי זיך נישט צו פאַרקילן. און נאָכדעם האָט ער געפאָדערט שמירעכצער, דערקלערנדיק:

— פון היינט אָן דאַרף איך זיך שוין אַלע טאָג אָנפאַרבן, אַ נישט וועט מען נאָך מיינען, אַ שלאַבעריקער, אַן אַלטער, און מען וועט מיך נישט וועלן באַשטימען פאַר קיין אינספעקטאָר.

וואַרוואַראַ האָט לכתחילה געזשאַלעוועט איר שמירעכץ. זי האָט אָבער סוף־כּל־סוף געמוזט געבן, און פערעדאָנאָוו האָט זיך אָנגע־פאַרבט די באַקן. ער האָט געוואָרטשעט:

— וועריגאַ אַליין פאַרבט זיך אונטער, כּדי אויסצוזען יונגער. כ'קאָן דאָך נישט גיין חתונה האָבן מיט בלייכע באַקן.

נאָכדעם האָט ער זיך פאַרמאַכט אינם שלאָפצימער און באַ־שלאָסן זיך אָפּצוצייכענען, אַז וואָלאָדין זאָל נישט קאָנען אים פאַר־בייטן מיט זיך. אויף דער ברוסט, אויפן בויך, אויף עלנבויגנס, און נאָך אויף עטלעכע ערטער האָט ער אָנגעצייכנט מיט טינט דעם אות „פּ".

„מען וואָלט אויך באַדאַרפט אָפּצוצייכענען וואָלאָדינען, נאָר ווי אַזוי צייכנט מען עס אָפּ? ער וועט עס דערזען און אָפּמעקן". — האָט פערעדאָנאָוו טרויעריק געקלערט.

נאָכדעם איז אים אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז שאַדטן וואָלט נישט אָנצוטון אַ גאָרסעט. אַ נישט קאָן מען אים נאָך אָננעמען פאַר אַן אַלטן. ער האָט געפאָדערט ביי וואַרוואַראַן, זי זאָל אים געבן אַ גאָרסעט. נאָר וואַרוואַראַס גאָרסעטן זענען אויף אים געווען צו ענג, קיין איינע איז זיך נישט צונויפגעגאַנגען.

— מ'האָט פריער געדאַרפט צו קויפן, — האָט ער בייז געוואָר־טשעט — קיינער וועט זיך נישט כאַפּן.

— ווער פון מאַנסביל טראָגט עס עפּעס אַ גאָרסעט, — האָט וואַרוואַראַ געטענהט — קיינער טראָגט נישט.

— וועריגאַ טראָגט. — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט.

— איז דאָך וועריגאַ אַן אַלטער, און דו, אַרדאַליאָן באָריסיטש, ביסט נאָך, דאַנקען גאָט, אַ יונגערמאַנטשיק.

פערעדאָנאָוו האָט זעלבסטצופרידן אַ שמייכל געטון, געוואָרפן אַ קוק אין שפּיגל און באַמערקט:

— געוויס, איך וועל נאָך לעבן הונדערט מיט פופציק יאָר.

דער קאָטער האָט אַ ניס געטון אונטערן בעט. וואַרוואַראַ האָט מיט אַ שמייכל דערקלערט:

— אָט ניסט טאַקע דער קאָטער אויף וואָר

נאָר פערעדאָנאָוו האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעכמורעט. ער האָט

זיך שוין אָנגעהויבן צו שרעקן פֿאַרן קאָטער, און זיין ניסן האָט ער אָנגענומען פֿאַר אַ שלעכטן סימן.

„ער קאָן נאָך דאָ אָנניסן וואָס מען דאַרף נישט. — האָט ער געטראַכט און אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט אַרויסצוטרייבן דעם קאָטער. דער קאָטער האָט ווילד געמיאַוקעט, זיך געדריקט צו דער וואַנט און מיטאַמאָל מיט אַ הילכיק און שאַרפֿן מיאַוקען אַ שפּרונג געטון צווישן פּערעדאָנאָווס הענט און מיט אימפּעט אַרויס פֿון צימער.

— האָלענדישער טייוול! — האָט פּערעדאָנאָוו אים בייז אויסגעזידלט.

— טאַקע אַן אמתער טייוול! — האָט וואַרוואַראַ מסכּים געווען. — עפּעס איז ער ווילד געוואָרן, מען טאָר אים אפילו קיין גלעט נישט טון, אָט ווי אַ טייוול וואָלט אין אים געזעסן.

די פּרעפּאָלאָווענסקיס האָבן געשיקט נאָך די אונטערפֿירערס גאַנץ פֿרי, אַרום אַ זייגער צען זענען שוין אַלע געווען פֿאַרזאַמלט ביי פּערעדאָנאָוון. געקומען זענען גרושינאַ און סאָפֿיאַ מיטן מאַן. מ'האָט דערלאַנגט בראָנפֿן און צובייסן. פּערעדאָנאָוו האָט זייער ווייניק געגעסן און וויסט געטראַכט, מיט וואָס נאָך ער קאָן זיך אָפּצייכענען אַקעגן וואָלאָדינען.

„ער האָט זיך אַרומגעקרייזלט ווי אַ שאָפּבאָק“, — האָט ער מיט כעס געטראַכט און זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז ער קאָן זיך דאָך אויך פֿאַרקעמען נישט גראָד ווי אַלע. ער איז אַפּער פֿון טיש און דערקלערט:

— איר עסט זיך דאָ און טרינקט, איך זשאַלעווע אייך נישט, און איך וועל נאָך גיין צום פֿריזירער, זיך פֿאַרקעמען שפּאַניש.

— וואָס עפּעס שפּאַניש? — האָט רוטילאָוו איבערגעפֿרעגט.

— אָט ווּעסטו זען.

אַז פּערעדאָנאָוו איז אַוועק, האָט וואַרוואַראַ באַמערקט:

— אַז אַ מענטש האַלט אין איין צוקלערן עפּעס. אים דאַכט זיך אַלץ אויס רוחות. בעסער וואָלט ער ווייניקער בראָנפֿן געזויפֿן, אַ פֿאַרפֿלוכטער שיכּור!

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט מיט אַ הינטערליסטיק שמייכעלע באַמערקט:

— אָט וועט איר חתונה האָבן, אַרדאַליאָן באָריסיטש וועט אַ פּאָסטן באַקומען און זיך באַרויקן.

גרושינאַ האָט געלאַכט. איר האָט הנאה געטון די געהיימקייט פון דער חתונה און איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט עפּעס אָפּטון אַ שפּיצל, אָבער אַזוינס, אַז זי אַליין זאָל זיך אין דעם נישט מישן. זי האָט בעכטן גענומען איייניקע פון אירע באַקאַנטע אונטערן אָרעם און זיי איינגערוימט אין אויער די שעה און דאָס אָרט, ווו די חתונה וועט זיין. היינט אינדערפרי האָט זי אַריינגערופן צו זיך דעם יינגערן שלאָטעריוק, אים געגעבן אַ פינף קאָפּיקענע און אים אָנגערעדט ער זאָל פאַרנאַכט אָפּוואַרטן די פור מיטן יונגן פּאָר און זיי באַוואַרפן מיט מיסט און פּאַפּירלעך. דער שלאָסעריוק האָט מיט פרייד מסכים געווען און צוגעזאָגט איר נישט אויסצוגעבן. גרושינאַ האָט אים דערמאָנט:

— און טשערעפּנינען האָט איר אויסגעגעבן, בשעת מ'האָט אייך אָנגעהויבן שמייסן.

— מיר זענען נאַראָנים געווען, — האָט דער שלאָסעריוק באַדויערט — איצט, מען זאָל אונז אפילו אויפהענגען וועט מען אויך נישט אויסזאָגן.

דער שלאָסעריוק האָט זיך געשוווירן, און כדי צו באַווייזן, אַז ער מיינט עס אינדערעמתן, האָט ער אַראָפּגעשלונגען אַ הויפן ערד. דערפאַר האָט גרושינאַ אים מוסיף געווען נאָך דריי קאָפּיקעס.

אין ראַזירע האָט פּערעדאָנאָוו געפּאָדערט דעם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס, אַ יונגערמאַן, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געענדיקט די שטאָט שול און געלייענט ביכער אויס דער זעמסקער ביבליאָטעק, האָט גראָד געענדיקט שערן עפּעס אַ גוטבאַזיצער, ווען פּערעדאָנאָוו האָט נישט געקענט. אייליק האָט ער געענדיקט און איז צו צו פּערעדאָנאָוון.

— פריער דערליידיק אים. — האָט פּערעדאָנאָוו בייז באַמערקט.

דער גוטבאַזיצער האָט באַצאָלט און איז אַרויס.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך צוגעזעצט פאַרן שפּיגל.

— איך וויל זיך אַרומשערן און מאַכן אַ פריזור, — האָט ער דערקלערט — כ׳דאַרף היינט גיין צוליב אַ וואַזשנעם ענין, זייער אַ וויכטיקער אינטערעס, — טאָ מאַך מיר אַ שפּאַנישע פריזור.

דאָס לערנייגל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט זיך חוזקדיק צעלאַכט. דער באַלעבאָס האָט אויף אים שטרענג אַ קוק געטון. שערן שפּאַניש איז אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען, און ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי מען מאַכט עס אַ שפּאַנישע פריזור, און צי בכלל איז פאַראַן אַזאַ פריזור, נאָר אויב אַ מענטש פאָדערט, טאָ דאַרף מען זיך משער זיין, אַז ער ווייסט, וואָס ער וויל. דער יונגער פריזירער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין עמי־הארצות אינם ענין. ער האָט מיט דרך־ארץ באַמערקט:

— מיט אייערע האָר, מיין האַר, איז עס נישט מעגלעך.

— פאַרוואָס נישט מעגלעך? — האָט פערעדאָנאָוו באַליידיקט איבערגעפרעגט.

— אייערע האָר זענען זייער שלעכט געפלעגט. — האָט דער פריזירער דערקלערט.

— וואָס־זשע, אפשר וואָלט איך זיי באַדאַרפט מיט ביר באַגיסן, וואָס? — האָט פערעדאָנאָוו אַ וואָרטשע געטון.

— ווער זאָגט דען מיט ביר! — האָט דער פריזירער מיט אַ ליב שמייכעלע געענטפערט. — נאָר נעמט אין באטראַכט, אַז מען זאָל אייך נאָך אַביסל אָפּשערן, און דערביי נאָך, וואָס ביי אייך אויפן קאָפּ באַווייזן זיך שוין סימנים פון סאָלידקייט, וועט בשום־אופן נישט קלעקן אויף אַ שפּאַנישער פריזור.

פערעדאָנאָוו האָט זיך דערפילט אַ דערשלאָגענער, וואָס ער קאָן זיך נישט מאַכן קיין שפּאַנישע פריזור. ער האָט מיט אומעט זיך אונטערגעגעבן:

— נו, שער ווי דו ווילסט.

צי האָט עס ווער נישט איז אָנגערעדט אָט דעם פריזירער, — האָט ער געקלערט — ער זאָל מיך נישט אָפּשערן ווי געוויינלעך. מען דאַרף עס נישט דערמאָנען אין דערהיים. אפנים, בשעת פערעדאָנאָוו איז זיך געלאַסן און סאָליד געגאַנגען איבער די גאַסן, האָט זיך וואָלאָדין מגלגל געווען אין אַ שאָפּבאָק און דורכגעלאָפן די

הינטער געסלעך און זיך שוין צענויפגערעדט מיטן פריזירער.

— איר וועט זיך הייסן באַשפּריצן? — האָט דער פריזירער איבערגעפרעגט, ענדיקנדיק זיין אַרבעט.

— באַשפּריץ מיך מיט רעזעדאַ, און וואָס מער, — האָט פערעדאָנאָוו געפאָדערט — אָפּגעפידלט אַבי אַזוי זיך, טאָ, זשאַלעווע נישט און באַשפּריץ מיט רעזעדא, אָבער גוט, גוט.

— אַנטשולדיקט, קיין רעזעדא האַלטן מיר נישט, — האָט דער פריזירער פארשעמט באַמערקט — אפשר ווילט איר מיט אָפּאָפּאָנאקס?

— קיין זאַך קענסטו נישט, — האָט פערעדאָנאָוו ביטער באַטאָנט, — טאָ באַשפּריץ שוין מיט וואָס דו האָסט.

ער איז אַוועק אַהיים מיט גרויס פאַרדרוס, דער טאָג איז געווען אַ ווינטיקער, די טויערן האָבן פונם ווינט געקלאַפּט, געגענעצט און געלאַכט. פערעדאָנאָוו האָט מיט קלעמעניש געקוקט אויף זיי. ווי אַזוי עפּעס קאָן מען עס פאָרן? נאָר אַלץ האָט זיך שוין געטון פון זיך אַליין.

געקומען זענען דריי פאַעטאָנס, — מ'האָט זיך געדאַרפט זעצן און פאָרן, אַנישט קאָנען נאָך די פאַעטאָנס צוציען די אויפמערקזאַמקייט, — בייגיריקע וועלן זיך אָנלויפן, און מען וועט נעמען נאָכפאָרן און נאָכלויפן אויף דער חתונה. מ'האָט זיך גיך אויסגעזעצט און אַוועקגעפאָרן: פערעדאָנאָוו מיט וואַרוואַראַן, די פרעפּאָלאָווענסקיס מיט רוטילאָוון, און גרושינאַ מיט די איבריקע אונטערפירערס.

אויפן פלאַץ איז געוואָרן אַ שטויב, פערעדאָנאָוו האָט געהערט, ווי עס קלאַפּן העק. פון צווישן שטויב האָט זיך דערהויבן און איז געוואַקסן אַ קוים געזעענע הילצערנע וואַנט. מ'האָט געהאַמערט אַ פעסטונג. פויערים האָבן געשמאַיעט אין רויטע העמדלעך, ווילדע און שווייגנדיקע.

די פאַעטאָנען זענען פאַרבייגעפאָרן, — דאָס שרעקלעכע געשפּענסט האָט אַ שווינדל געטון און איז פאַרשוווּנדן. פערעדאָנאָוו האָט זיך אין איין שרעק אומגעקוקט, נאָר ס'האָט זיך שוין קיין זאַך נישט געזען, — און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן עמעצן צו דערציילן וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען.

דעם גאַנצן וועג האָט פערעדאָנאָוון געפּייניקט אַ שרעקלעכער

אומעט, אַלץ האָט אויף אים געקוקט פֿײַנטלעך, אַלץ האָט אויף אים געוויַיעט מיט שרעקלעכע סימנים! דער הימל האָט זיך אָנגעכמורעט, דער ווינט האָט אַקעגן פּנים געבלאָזן און געזיפּצט וועגן עפּעס. די בוימער האָבן נישט געוואָלט וואַרפֿן קיין שאָטן, — דעם גאַנצן שאָטן האָבן זיי זיך צוגענומען, דערפֿאַר האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטויב כּמעט ווי אַ לאַנגע, האַלב־דורכזיכטיקע גרויע שלאַנג. די זון האָט זיך אינמיטן דרינען גאָר באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס, — משמעות, אַז זי האָט אים נאָכגעקוקט.

דער וועג איז געווען דורך אַ וואַלד, — אומדערוואַרט האָבן זיך פֿון הינטער די נישט־הויכע בערגלעך באַוויזן קוסטעס, יונגע בוימלעך, שטיקער לאָנקעס, ריטשקעלעך אונטער הוידנדיקע הילצערנע בריקלעך.

— אַן אויג־פֿויגל איז דורכגעפֿלויגן, — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז באַמערקט, אײַנקוקנדיק זיך אינם בלאַסלעך־פֿאַרנעפּלטן הימל־ווײַט, — איין אויג און צוויי פֿליגל, און מער האָט ער גאָרנישט נישט.

וואַרוואַראַ האָט געשמייכלט, זי האָט געמיינט, אַז פּערעדאָנאָוו איז שיכּור נאָך פֿון אינדערפֿרי. זי האָט זיך אָבער נישט געשפּאַרט מיט אים, — אַנישט, — האָט זי געטראַכט, — קאָן ער נאָך אין כּעס ווערן און נישט וועלן חתונה האָבן.

אין קלויסטער, אין אַ ווינקל, באַהאַלטנדיק זיך הינטער זײַלן, זענען שוין געשטאַנען אַלע פֿיר שוועסטער רוטילאָוו. פּערעדאָנאָוו האָט זיי לכתּחילה נישט געזען, נאָר נאָכדעם, שוין בשעת דער חתונה־צערעמאָניע, ווען זיי זענען אַרויס פֿון זייער באַהעלטעניש און זיך דערנענטערט, — האָט ער זיי דערזען און זיך דערשראָקן. אַגבֿ, האָבן זיי קיין שום שלעכטס נישט געטון, זיי האָבן נישט געפּאָדערט, — וואָס ער האָט לכתּחילה מורא געהאַט — אַז ער זאָל דורכטרײַבן וואַרוואַראַן, און בעסער נעמען איינע פֿון זיי, — זיי האָבן נאָר די גאַנצע צײַט געלאַכט. און זייער געלעכטער, צום אָנהויב אַ שטילס, האָט אַלץ הילכיקער און בייזער אָפּגעקלונגען אין זײַנע אויערן, ווי אַ געלעכטער פֿון נישט אײַנגעצוימטע פֿוריעס.

קיין זײַטיקע זענען אין קלויסטער כּמעט נישט געווען, בלויז צוויי, דריי זקנות זענען פֿון ערגעץ געקומען. און בעסער טאַקע: פּערעדאָנאָוו האָט זיך געהאַלטן מאָדנע און נאַריש, ער האָט געגענעצט,

געוואָרטשעט, געשטופּט וואַרוואַראַן, זיך געקלאָגט, אַז עס שטינקט מיט ווייִרויך, מיט וואַקס, מיט פֿויער.

— דײַנע שוועסטער האַלטן אין איין לאַכן, — האָט ער געבורטשעט, אויסדרייענדיק זיך צו רוטילאָוון, — זיי וועלן באַקומען אַ צעלעכערטע לעבער פֿון געלעכטער.

חוצדעם, האָט אים שטאַרק באַאומרויקט דאָס אומבאַרירל. געווען איז עס שמוציק און פֿאַרשטויבט און זיך אַלץ באַהאַלטן בײַם גלח אונטער דער ריזע.

וואַרוואַראַן און גרושינאַן זענען די קלויסטער־צערעמאָניעס אויך אויסגעקומען גענוג קאָמיש. זיי האָבן געהאַלטן אין איין כיכיקען. די ווערטער וועגן דעם, אַז די פֿרוי דאַרף זיך צוקלעפּן צו איר מאַן, האָבן בײַ זיי אַרויסגערופֿן אַ באַזונדער פֿרײלעכקייט. רוטילאָוו האָט אויך געכיכעט, — ער האָט שטענדיק געהאַלטן פֿאַר אַ באַזונדערן חוב אומעטום צו מאַכן די דאַמען לאַכן. וואָלאָדין האָט זיך ווידער געהאַלטן סאָליד און זיך געצלמט מיט אַ טיפֿדענקענדיקער מינע. ער האָט מיט די קלויסטער־צערעמאָניעס נישט פֿאַרבונדן קיין שום אַנדער פֿאָרשטעלונג, חוץ דאָס, אַז אַלץ וואָס איז אַ מנהג, דאַרף מען אויספֿולן, און אַז דאָס אויספֿולן פֿון די אַלע מנהגים פֿירט צו אַ געוויסער אײַנערלעכער באַקוועמלעכקייט: אַרײַן יום־טובֿ אין קלויסטער, מתפּלל געווען — און ביסט שוין גערעכט, געטון אַן עבֿירה, תּשובֿה געטון,— און ביסט שוין ווידער גערעכט. ס'איז גוט און באַקוועם, — באַקוועם אויף אַזויפֿיל, אַז אַרויסגייענדיק פֿון קלויסטער, דאַרף מען וועגן דעם אַלעם שוין נישט טראַכטן און קלערן, און באַנוצן זיך דאַרף מען מיט אַנדערע כּללים, — כּללים פֿון לעבן.

מ'האָט אָקאָרשט געהאַט פֿאַרענדיקט די חתונה־צערעמאָניעס, מ'האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פֿון קלויסטער, — מיטאַמאָל אַן אומדערוואַרטע זאַך. אין קלויסטער האָט זיך מיט אַ טומל אַרײַנגעריסן אַ שיכּורע קאָמפּאַניע, — מורין מיט זײַנע פֿרײַנט.

מורין — אַ צעפּאַטלטער און אַ גרויער, כּמעט ווי אַלעמאָל, האָט אַרומגענומען פֿערעדאָנאָוון און אויסגעשריגן:

— פֿון אונז, ברודערל, וועסטו זיך נישט באַהאַלטן! מיר זענען אַזוינע פֿרײַנט, אַז מיט קיין וואַסער וועסטו אונז נישט איבערשווענקען,

און ער, אָט אַ קונדס, באַהאַלט זיך גאָר!
ס'האָבן זיך געהערט אויסרופן:
— גזלן, נישט פאַרבעטן!
— און מיר זענען דאָ!
— יאָ, מיר האָבן גאָר פאַרגעסן!

די ניי־אַריינגעקומענע האָבן אַרומגענומען באַגריסט פערעדאָנאָוון. מורין האָט באַמערקט:

— מיר האָבן פאַרבלאָנדזעט ערגעץ אַ שיכּור טון, אַנישט וואָלט מען נאָך פונקט צום אָנהויב באַוויזן.

פערעדאָנאָוו האָט זיך כּמורנע צוגעקוקט און גאָרנישט נישט אָפּגעענטפערט אויף די באַגריסונגען. פאַרדראָס און שרעק האָבן אים געפּייניקט.

אומעטום שפּירט מען אים נאָך, — האָט ער מיט אומעט געטראַכט.

— איר וואָלט בעסער איבערגעצלמט אייערע שטערנס, — האָט ער בייז געקרומט זיך — אַנישט ווער ווייסט אייך, וואָס פאַרא בייז איר האָט פאַרטראַכט.

די געסט האָבן זיך געצלמט, געלאַכט, געלעסטערט. דערהויפּט האָבן זיך אויסגעצייכנט די יונגע באַאַמטע. דער דיאַקאָן האָט זיי קוים מיט פאָרוואורף איינגענומען.

צווישן די געסט איז געווען איינער מיט רויטע וואָנסן, וועלכן פערעדאָנאָוו האָט אפילו נישט געקענט. ער איז געווען ווונדערלעך ענלעך אויפן קאָטער. אפשר האָט זיך דאָס זייער קאָטער פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש? נישט אומזיסט האַלט דער יונגערמאַן אין איין פורקען, ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן די קעצישע הנהגות.

— ווער האָט אייך געזאָגט? — האָט וואַרוואַראַ בייז איבערגעפרעגט.

— גוטע מענטשן, ווייבעלע, — האָט מורין געענטפערט — און ווער האָבן מיר שוין אויך פאַרגעסן.

גרושינא האָט זיך אַרומגעדרייט און צוגעווונקען. די נייע געסט האָבן צוגעשמייכלט. אָבער איר נישט אַרויסגעגעבן. מורין האָט באַמערקט.

—איז ווי דו ווילסט זיך, אַרדאַליאָן באָריסיטש, און מיר גייען אַלע צו דיר, און דו זיי נישט קיין חזיר און שטעל שאַמפּאַניער, ווי קאָן מען עס אַזעלכע פריינט איבערשווענקען מיט וואַסער. און דו מאַכסט עס נאָך אין דער שטיל, האַ?

בשעת די פּערעדאָנאָווס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער חתונה, האָט זיך שוין די זון געזעצט. און דער גאַנצער הימל איז געווען אין פייער און אין גאָלד. פּערעדאָנאָוון איז עס אָבער נישט געפעלן. ער האָט געוואָרטשעט:

— אָנגעבראָקט גאָלד, גאַנצע שטיקער, אַז עס פאַלט אַזש אַראָפּ, ווו האָט מען עס געזען מען זאָל זיך אַזוי־פיל אויסברענגען.

די שלאָסעריוקעס האָבן זיי באַגעגנט הינטער דער שטאָט מיט נאָך אַ גאַנצע כאָפּטע גאַסניינגלעך. זיי זענען זיי נאָכגעלאָפן און גע־הוקעט. פּערעדאָנאָוו האָט געציטערט פון שרעק. וואַרוואַראַ האָט זיך געזידלט. געשפּיגן אויף די יינגלעך, געוויזן זיי פייגן. די געסט און די אונטערפירערס האָבן געלאַכט.

געקומען צופאָרן. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט זיך אַריינגעריסן צו פּערעדאָנאָוון אין שטוב מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ גוואַלט און אַ פיי־פעריי. מ'האָט געטרונקען שאַמפּאַניער און נאָכדעם זיך גענומען צום פּשוטן בראָנפן און זיך אַוועקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן. געשיכורט אַ גאַנצע נאַכט. וואַרוואַראַ האָט זיך אָנגעטרונקען, צעטאַנצט זיך און משמח געווען. פּערעדאָנאָוו איז אויך געוואָרן מלא שמחה, — מ'האָט אים פאָרט נישט פאַרביטן. די געסט האָבן זיך, ווי אַלעמאָל, מיט וואַרוואַראַן אויפגעפירט ציניש און אָן אַכטונג; זי האָט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין.

נאָך דער חתונה האָט זיך אינם לעבן פון די פּערעדאָנאָווס ווייניק וואָס געביטן. נאָר וואַרוואַראַס באַציונג בנוגע צום מאַן איז געוואָרן זיכערער און זעלבסטשטענדיקער. זי האָט שוין כמעט ווייני־קער געפאָרעט זיך אַרום מאַן, — נאָר אַ דאַנק דער איינגעוואָרצלטער געוואוינטקייט האָט זי נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר אים. פּערעדאָנאָוו, אויך פון געוואוינטקייט האָט כמעט ווי פריער געשריגן אויף איר, און אַמאָל זי אפילו געשלאָגן. נאָר ער האָט שוין אויך געשפּירט די זיכערקייט פון זיין לאַגע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויב זי האָט

שוין נישט קיין מורא פאַר אים כמעט ווי פריער, איז עס דערפאַר ווייל זי איז פעסטער געוואָרן אין איר פאַרברעכערישן געדאַנק, פטור צו ווערן פון אים און פאַרבייטן אים מיט וואָלאָדינען.

„מען באַדאַרף זיך היטן". — האָט ער געטראַכט.

און וואַרוואַראַ האָט געפייערט איר נצחון. זי האָט צוזאַמען מיט איר מאַן אָפּגעשטאַט וויזיטן די שטאָטישע דאַמען, אפילו יענע, וואָס זיי האָבן ווייניק געקענט. דערביי האָט זי אַרויסגעוויזן אַ קאָמישן שטאָלץ און אומגעניטקייט. אומעטום האָט מען זי אויפגענומען, הגם אין אַ סך הייזער מיט פאַרוואונדערונג.

צוליב די וויזיטן האָט זי נאָך פריער געהאַט באַשטעלט אַ הוט ביי דער בעסטער אָרטיקער מאָדיסטן, פון דער הויפּטשטאָט. בונטע בלומען, גרויסע, אַ סך — און וואַרוואַראַ איז געווען מלא־שמחה.

זייערע וויזיטן האָבן די פּערעדאָנאָווס אָנגעהויבן פונם דירעקטאָר, נאָכדעם זענען זיי געפאָרן צו דער פרוי פונם אָנפירער פון די אדעליקע.

אין יענעם טאָג, ווען די פּערעדאָנאָווס האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן זייערע וויזיטן, — פון וואָס ביי די רוטילאָווס האָט מען נאָך פריער געוווסט, — זענען די שוועסטער אַוועק צו וואַרוואַראַן ביקאָלאַיעוונאַ כריפּאַטש, פון נייגיר אַ קוק צו טון, ווי אַזוי וואַרוואַראַ וועט זיך דאָ האַלטן.

איינגיכן זענען אַריין די פּערעדאָנאָווס, וואַרוואַראַ האָט געמאַכט אַ רעווערענס דער דירעקטאָרין און מיט אַ נאָכמער ציטערנדיקער שטים ווי אַלעמאָל באַמערקט:

— אָט זענען מיר אַריין צו אייך, כ'בעט ליבן און קומען.

— עס פרייט מיך זייער, — האָט די דירעקטאָרין מיט געצוווּנגענקייט געענטפערט און געבעטן זיי זיך זעצן אויפן דיוואַן.

וואַרוואַראַ האָט זיך מיט אַ באַשיינפערלעך פאַרגעניגן צוגעזעצט אויפן אָנגעוויזענעם אָרט. ברייט פונאַנדערגענומען איר רוישיק גרין קליידל און אָנגעהויבן רעדן, באַמיענדיק זיך מיט דעם צו פאַרטושן איר פאַרלעגנהייט.

— אַלץ אַ מאַמזעל געווען און איצט שוין געוואָרן אַ מאַדאַם. מיר הייסן, דוכט זיך, ביידע איין נאָמען. — איר—וואַרוואַראַ און איך

אויך—וואַרוואַראַ.—און דאָך קיינמאָל נישט געווען באַקאַנט. אַז כ׳בין געווען אַ מאַמזעל, בין איך זיך אין שטוב געזעסן,—און טאַקע ביז ווי־לאַנג איז דער שיעור צו זיצן אונטערן אויוון? איצט וועלן מיר שוין מיט אַרדאַליאָן באָריסיטשן פירן אַן אָפן לעבן. כ׳בעט אייך זייער, מיר צו אייך, איר צו אונז, אַ מוסיעי צו אַ מוסיעי, אַ מאַדאַם צו אַ מאַדאַם.

— איר וועט אָבער, דוכט זיך, דאָ לאַנג נישט בלייבן, — האָט די דירעקטאָרין באַמערקט — כ׳האָב געהערט, אַז אייער מאַן באַקומט אַן אַנדער פּאָסטן.

— יאָ, אינגיכן דאַרף אָנקומען אַ פּאַפּיר, וועלן מיר פאָרן, — האָט וואַרוואַראַ געענטפערט — און ביז דאָס פּאַפּיר וועט אָנקומען דאַרף מען דאָ דערווייל אַ לעב טון, אַביסל געניסן פון לעבן.

וואַרוואַראַ האָט אַליין אויך געפילט, אַז פּערעדאָנאָוו וועט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס אינספּעקטאָר. נאָך דער חתונה האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער פירשטין, קיין ענטפער האָט זי נאָך נישט באַקומען. זי האָט באַשלאָסן נאָכאַמאָל אָנשרייבן צו ניי־יאָר.

ליודמילא האָט באַמערקט:

— און מיר האָבן שוין געמיינט אַרדאַליאָן באָריסיטש האָט חתונה מיט פרייילין פּילניקאָוו.

— נו, אוודאי, — האָט פּערעדאָנאָוו בייז געטענהט — אָט דאַרף איך חתונה האָבן מיט אַבי וועמען,—איך דאַרף האָבן פּראָטעקציע.

—און פונדעסטוועגן, ווי אַזוי זייט איר זיך עס צוגאַנגען מיט דער פרייילין פּילניקאָוו,—האָט זיך ליודמילא געריצט—איר האָט זיך דאָך געשדכנט צו איר? זי האָט אייך אָפּגעזאָגט?

— איך וועל זי נאָך אַנטפּלעקן, ווי בוימל אויפן וואַסער—האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געוואָרטשעט.

— דאָס איז אַן אידעעפיקס, אַרדאַליאָן באָריסיטש. — האָט דער דירעקטאָר מיט אַ טרוקן געלעכטערל געוואָרנט.

XXIV

פּערעדאָנאָווס קאָטער איז אַלץ געוואָרן ווילדער, ער האָט

געפּירקעט, נישט אָפּגערופן זיך, — איז אינגאַנצן געוואָרן ווילד. פּערעדאָנאָוו האָט זיך פאַר אים געשראָקן, אָפּטמאָל פלעגט ער זיך אָפּשפּרעכן פון אים.

„ווען עס אָבער דען העלפן?"—האָט ער געטראַכט. אַ שטאַרקער שטראָם עלעקטרי געפינט זיך אינם קאָטערס פעל. אָט דאָס איז דער אומגליק.

איינמאָל האָט ער איבערגעלייגט זיך :—מען וואָלט גאָר באַדאַרפט דעם קאָטער אָפּשערן.

געטראַכט און געטון. ווארוואַרא איז אינדערהיים נישט געווען,— זי איז אַוועק צו גרושינאַן, אַריינלייגנדיק אין דער קעשענע אַ פלאַש ווײַנשלבראָנפן, — קיינער נישט געווען צו שטערן. פּערעדאָנאָוו האָט דעם קאָטער צוגעבונדן צו אַ שטריקל, געמאַלט אַ האַלז-באַנד פונם נאָזטיכל, און אַוועקגעפירט אים צום פריזירער.

דער קאָטער האָט ווילד געמיאָקעט, זיך געוואָרפן, נישט געלאָזט. אָפּטמאָל פון פאַרצווייפלונג זיך געוואָרפן אויף פּערעדאָנאָוון, — נאָר פּערעדאָנאָוו האָט אים אָפּגעשטויסן מיטן שטעקן. קונדסים מחנותווייז זענען אים נאָכגעלאָפן און געהוקעט, געלאַכט. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. פון די פענסטער אַרום האָט מען אַרויסגעקוקט. פּערעדאָנאָוו האָט ברוגז געשלעפט דעם קאָטער פאַרן שטריקל און אים האָט קיין זאַך נישט געאַרט.

ער האָט אים טאַקע אַהינגעבראַכט, — און זיך געווענדט צום פריזירער :

— באַלעבאָס, גאָל מיר אָפּ דעם קאָטער, אָבער גלאַט.

די קונדסים האָבן זיך אַרומגעשטעלט נעבן דער טיר דרויסן, האָבן געכיכעט, זיך געקרומט. דער פריזירער האָט זיך באַליידיקט און איז רויט געוואָרן. מיט אַ לייכט ציטערדיקער שטים האָט ער זיך געבעטן :

— אַנטשולדיקט, הער מיינער, מיר פאַרנעמען זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן. און אונז איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זען געגאָלטע קעץ, ווייזט אויס, אַז דאָס איז די לעצטע מאָדע, צו אונז איז עס נאָך נישט דערגאַנגען

פּערעדאָנאָוו האָט אים געהערט מיט אַ טעמפּער פאַרוווּנדערונג. ער האָט אויסגעשריגן:

— זאָג, — איך קאָן נישט, שאַרלאַטאַן!

און איז אַרויס שלעפּנדיק דעם שרעקלעך מיאָקענדיקן קאָטער. דעם גאַנצן וועג האָבן אים געפּייניקט וויסטע מחשבות, אַז אומעטום, שטענדיק, לאַכן אַלע פון אים. קיינער וויל אים נישט צוהעלפן. אַן אומעט האָט זיין האַרץ געפּרעסט.

פּערעדאָנאָוו, וואָלאָדין און רוטילאָוו זענען געקומען אין גאָרטן אַריין שפּילן אין ביליאַרד. דער מאַרקער האָט מיט פאַרלעגנהייט דערקלערט:

— היינט קאָן מען נישט שפּילן, מיינע הערן.

— פאַרוואָס־זשע? — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס איבערגע־פרעגט, — אונז, און מען קאָן נישט.

— מאַלע, איר מוזט אונז אַנטשולדיקן, נאָר די קוילן זענען נישטאָ, — האָט דער מארקער דערקלערט.

— זיך צעקראַקעט, דער ראָב! — האָט זיך פון יענער זייט ווענטל דערהערט אַ בייז געשריי פונם בופעטשיק.

דער מארקער האָט אויפגעציטערט, אַ שאָקל געטון פלוצים מיט די רויטע אויערן, — עפּעס אַ מין האָזן־תּנועה, — און צעשעפּטשעט זיך:

— זיי צוגעגנבעט!

פּערעדאָנאָוו האָט דערשראָקן אויסגעשריגן:

— נו! ווער האָט צוגעגנבעט?

— נישט באַוווּסט ווער, — האָט דער מארקער דערציילט, — קיינער איז נישט געווען, און גיט מען אַ קוק — נישטאָ די קוילן.

רוטילאָוו האָט געכיכעט און באַמערקט:

— אָט דאָס איז אַן אַנעקדאָט!

וואָלאָדין האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע און אויסגערעדט דעם מארקער:

— אויב מען קאָן ביי אייך גנבענען די קוילן, און איר באַ־וויליקט דעמאָלט צו זיין גאָר ערגעץ אַנדערש, און לאָזט די קוילן אויף הפקר, האָט איר געדאַרפט אַנדערע קוילן באַזאָרגן, מען זאָל

האָבן מיט וואָס צו שפּילן. מיר האָבן אָנגעלייגט וועג, געגרייט זיך שפּילן, און אויב קיין קוילן איז נישטאָ, מיט וואָס־זשע וועלן מיר שפּילן?

— רעד נישט, פּאַוולושאַ, — האָט פּערעדאָנאָוו באַטאָנט — אָן דיר איז אויך נישט גוט. גיב נאָר אַ זוג, מאַרקער, די קוילן, מיר מוזן דורכויס שפּילן, און דערווייל ברענג אַהער אַ פּאָר פלעשער ביר.

מ׳האָט זיך גענומען ביר טרינקען. געווען אָבער אומעטיק. די קוילן האָט מען נישט געפונען. האָט מען זיך צעזידלט איינער מיטן אַנדערן געזידלט דעם מאַרקער. יענער האָט זיך געפילט שולדיק און גע־שוויגן.

אין דער דאָזיקער גנבה האָט פּערעדאָנאָוו געזען אַ שפּיצל פון זיינע שונאים.

— צו וואָס? — האָט ער מיט אומעט געטראַכט און נישט פאַרשטאַנען.

ער איז אַוועק אין גאָרטן, זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל נעבן טייכל, — דאָ איז ער נאָך קיינמאָל נישט געזעסן, — און טעמפּ אָנ־געשטעלט זיינע אויגן אויפן גרינעם שליים איבערן וואַסער. וואָלאָדין האָט זיך צוגעזעצט האַרט נעבן אים, מיטגעפילט זיין טרויער און מיט זיינע שאָפּבאָק־אויגן געגלאָצט אויפן וואַסער.

— נאָך וואָס עפּעס דאַרף מען דאָ אָט דעם קויטיקן שפּיגל, פּאַוולושאַ? — האָט פּערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט און אָנגעוויזן מיטן שטעקל אויפן וואַסער.

— ס׳איז נישט קיין שפּיגל, אַרדאַשאַ, דאָס איז אַ טייכל. און אַזוי ווי קיין ווינט איז איצט נישט פאַראַן, שפּיגלען זיך אין דעם אָפּ די בוימער אַרום, אָט דערפאַר, ווייזט זיך אויס, אַז עס איז אַ שפּיגל.

פּערעדאָנאָוו האָט אויפגעהויבן די אויגן. הינטערן טייכל איז געווען אַ פּאַרקן, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם גאָרטן פון דער גאַס. פּערעדאָנאָוו האָט ווידער אַ פרעג געטון:

— און פאַרוואָס עפּעס איז דער קאָטער אויפן פּאַרקן?

וואָלאָדין האָט אַ קוק געטון אַהין און געענטפערט מיט אַ כיכיקען:

— ער איז געווען, אָבער ער איז נעלם געוואָרן אינגאַנצן.

נישט געווען גאָר קיין קאָטער, — פֿערעדאָנאָוון האָט זיך עס אויסגעוויזן, אַז אַ קאָטער שטייט מיט ברייטע גרינע אויגן, אַ לעסטי־קער, אומדערמידלעכער שונא.

פֿערעדאָנאָוו האָט ווידער גענומען טראַכטן וועגן די קוילן.

ווער האָט זיי געדאַרפֿט? אפשר האָט זיי גאָר דאָס אומבאַ־רירל אויפֿגעפֿרעסן? אָט פֿאַרוואָס זעט מען עס היינט עפּעס נישט, — האָט פֿערעדאָנאָוו זיך געטראַכט — אָנגעפֿרעסן זיך און וואַלגערט זיך ערגעץ־ווו, שלאָפֿט אוודאי ערגעץ.

פֿערעדאָנאָוו האָט זיך טרויעריק געלאָזט אַהיימגיין.

דער מערב האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ וואָלקנדל האָט געבלאָנ־קעט איבערן הימל, געבלאָנקעט, געגנבעט זיך, — ווייכע שיך ביי די וואָלקנס, — און שפּירן נאָך. אויף זייערע טונקעלע ברעגעס האָט עפּעס סודותדיק זיך געשוואַרצט אַ טונקעלער אָפּשיין. איבערן טייכל, וואָס האָט געפֿלאָסן צווישן גאָרטן און שטאָט, האָבן זיך די שאָטנס פֿון די הייזער און ביימער געוויגט, זיך געשושקעט און עמעצן געזוכט.

אויף דער ערד, אין אָט דער פֿינסטערער און אייביק־פֿײַנטלע־כער שטאָט, זענען אַלע מענטשן, וואָס טרעפֿן זיך צונויף, שלעכטע, חוזק מאַכערס. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַן אַלגעמיינער פֿײַנטשאַפֿט צו פֿערעדאָנאָוון, — די הינט האָבן געלאַכט, די מענטשן — געבילט.

די שטאָט־דאַמען האָבן אָנגעהויבן אָפּצוגעבן וואַרוואַראַן וויזיטן. אייניקע האָבן מיט אַ פֿריידעוודיקן נייגיר דעם צווייטן טאָג, דעם דריטן, זיך געאײַלט אַ קוק טון, ווי אַזוי עפּעס זעט אויס וואַרוואַראַ ביי זיך אינדערהיים. אַנדערע האָבן איבערגעוואַרט אַ וואָך און מער. אַנדערע זענען גאָר אינגאַנצן נישט געקומען, — נישט געקומען, למשל, איז ווערשינאַ.

די פֿערעדאָנאָווס האָבן יעדן טאָג דערוואַרט אָט די וויזיטן מיט אַ שרעקלעכן אומגעדולד און יעדעס מאָל אויסגערעכנט, יענע, וואָס זענען נאָך נישט געווען. מיט אַ באַזונדערן אומגעדולד האָבן זיי אָפּ־געוואַרט אויפֿן דירעקטאָר מיט זיין פֿרוי. אָפּגעוואַרט און אויסער־

געווײנטלעך זיך געקאָכט, — און מיטאָמאָל — די כּריפּאַטשעס קומען נישט.

אַ וואָך איז אַוועק, און די כּריפּאַטשעס זעט מען נישט. וואַרוואַראַ האָט זיך אָנגעהויבן בייזערן און זידלען. פּערעדאָנאָוו ווידער האָט דאָס דאָזיקע וואַרטן אַרייַנגעבראַכט אין אַן אויסגעשפּראָכן־באַדריקטן צושטאַנד.

פּערעדאָנאָווס אויגן זענען אינגאַנצן געוואָרן אומזיניק; אָט גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעלאָשן און צומאָל האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי אויגן ביי אַ בר־מנן. אומגעלומפּערטע פּחדים האָבן אים געמאַטערט. אָט אַזוי זיך, פון דער העלער הויט, האָט ער מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר דעם אָדער יענעם. עפּעס מיטאָמאָל איז אים אַריין אין קאָפּ און עטלעכע טעג דורכאַנאַנד אים געמאַטערט אַ געדאַנק, אַז מען וועט אים קוילען; ער האָט זיך געשראָקן פאַר יעדער שאַרפער זאַך, באַהאַלטן מעסער־גאָפּל.

מעגלעך, — האָט ער געטראַכט, — אַז זיי זענען פאַררעדט און אָפּגעשפּראָכן. טרעפן קאָן זיך, אַז דו וועסט זיך נאָך אַליין קוילען.

— צו וואָס־זשע דאַרף מען עפּעס מעסערס, — האָט ער גערעדט מיט וואַרוואַראַן, — עסן דאָך די כינעזער מיט שטעקעלעך.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען צוליב דעם נישט געבראָטן קיין פלייש, — מ׳האָט זיך באַגנוגנט מיט באָרשט און קאַשע.

וואַרוואַראַ האָט, נעמענדיק נקמה פון פּערעדאָנאָוון פאַר די פּחדים, וואָס זי האָט פאַר דער חתונה איבערגעלעבט, אים אונטערגעהאַלטן און צומאָל אפילו פאַרזיכערט זיינע איבערצייגונגען, אַז ער איז גערעכט, אַז אַלץ איז אמת. זי פלעגט אים איינרעדן, אַז ער האָט אַ סך שונאים, און פאַרוואָס טאַקע זאָל מען אים נישט מקנא זיין? נישט איינמאָל פלעגט זי, רייצנדיק זיך מיט אים, פאַרזיכערן אים, אַז מען האָט שוין זיכער געמסרט, אויף אים אָנגערעדט, פאַר באַטשאַלסטווע און אפילו פאַר דער פירשטן. און געפרייט זיך, וואָס ער איז אַזאַ בעל־פּחדן.

פּערעדאָנאָוו האָט אויסגעוויזן, אַז קלאָר איז, אַז די פירשטן איז מיט אים נישט צופרידן. האָט זי אים דען נישט צו דער חתונה געקאָנט צושיקן אַ הייליק בילד, אָדער אַ טאָרט? ער האָט געטראַכט:

מען דאַרף אַכטונג געבן, זי זאָל זיין צופרידן מיט מיר. נאָר ווי אַזוי? מיט פֿאַלשקייט אפשר? עמעצן באַרעדן, מאַכן אַ פּליאָטקע, פֿאַר־מסרן. אַלע דאַמען האַלטן פֿון רכילות, — דאַרף מען עפּעס אָנרעדן אויף וואַרוואַראַן אַ פּריילעכס און אומבאַשיידנס און עס אָנשרייבן צו דער פּירשטין.

נאָר פּערעדאָנאָוו האָט נישט געקאָנט יענעם אָנשרייבן אַזאַ בריוו און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן דערפֿאַר, — שרייבן צו דער פּירשטין אַליין. און נאָכדעם, האָט ער שוין גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן אינדעם.

זיינע געוויינטלעכע געסט פֿלעגט פּערעדאָנאָוו מכבד זיין מיט פּשוטן בראָנפֿן, און מיטן ביליקסטן סאָרט וויין. און פֿאַרן דירעק־טאָרס וועגן האָט ער געקויפֿט אַ פֿלאַש מאַדערע פֿאַר דריי רובל. אָט דעם דאָזיקן וויין האָט פּערעדאָנאָוו געהאַלטן פֿאַרן טייערסטן, אָפּ־היטנדיק אים אינם שלאָפֿצימער, און די געסט פֿלעגט ער אים בלויז באַווייזן און באַמערקן:

— פֿאַרן דירעקטאָרס וועגן.

איינמאָל זענען ביי פּערעדאָנאָוון געזעסן רוטילאָוו און וואָלאָ־דין. פּערעדאָנאָוו האָט זיי געוויזן די פֿלאַש מאַדערע.

— וואָס קומט אָבער אויס, אַז מען קוקט אויף דער פֿלאַש — נישט געשמאַק! — האָט רוטילאָוו געוויצלט זיך און געכיכעט. — דו זיי אונדז בעסער מכבד מיט אָט דער טייערער מאַדערקע!

— זעסט, וואָס אים האָט זיך פֿאַרוואָלט! — האָט פּערעדאָנאָוו בייז געענטפֿערט, — און מיט וואָס וועל איך דעם דירעקטאָר מכבד זיין?

— דער דירעקטאָר קאָן אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפֿן. — האָט רוטילאָוו זיך געחכמהט.

— דער דירעקטאָר טאָר קיין בראָנפֿן נישט טרינקען, דעם די־רעקטאָר קומט מאַדערע. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט ישוב־הדעת דער־קלערט.

— און אויב ער האָט גערן בראָנפֿן? — איז רוטילאָוו באַשטאַנען.

— נו, וואָס באָך, אַ גענעראַל זאָל נישט גערן האָבן קיין בראָנפֿן. — האָט פּערעדאָנאָוו זיכער באַמערקט.

— און אונז מעגסטו טאַקע יאָ מכבד זיין. — איז רוטילאָוו צוגעשטאַנען.

פּערעדאָנאָוו האָט אָבער באַלד אַוועקגעטראָגן די פֿלאַש, און זיך צוגעהערט, ווי ס'האָט אַ קלונג געטון דאָס שלעסל אין שענקל, וווּ ער האָט געהאַלטן די פֿלאַש ווײַן. קומענדיק צוריק צו די געסט האָט ער, כּדי איבערצובײַטן דעם שמועס, אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער פּירשטן. ער האָט ברוגז באַמערקט:

— אַ פּירשטן! געשטאַנען אין מאַרק מיט צעפּוילטע עפּל און אַרײַנגענאַרט דאָרט אַ פּירשט און אַ פּירשטן געוואָרן!

רוטילאָוו האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און אויסגעשריגן:

— האָסט שוין געזען אַמאָל אַ פּירשט אויפֿן מאַרק?

— אַז זי האָט אים, מאָל זיך, שוין פֿאַרנאַרט. — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט.

— דערציילסט אַ בבא־מעשה, אַרדאַליאָן־באָריסיטש, — האָט זיך רוטילאָוו געשפּאַרט — אַ פּירשטן איז אַ בכבודע, יחוסדיקע דאַמע.

פּערעדאָנאָוו האָט אויף אים געקוקט מיט פֿאַרדרוס און געטראַכט: — ער נעמט זיך אָן, — ווײַזט אויס, אַז ער איז פֿון דער פּירשטנס צד. די פּירשטן האָט אים אפֿנים פֿאַרכּישופֿט, הגם זי וווינט אַזוי ווײַטלעך.

און דאָס אומבאַרירל האָט זיך געקײַקלט אַרום אים, נישט הויך געלאַכט און אײַנגאַנצן זיך געטרייסלט פֿון געלעכטער. דערמאָנט פּערעדאָנאָוו אַ סך געפֿערלעכע זאַכן. ער האָט זיך אומגעקוקט מיט שרעק אין אַלע זײַטן און געשעפּטשעט:

— אין יעדער שטאָט איז פֿאַראַן אַ געהיימער זשאַנדאַרם־אונטעראָפֿיציר. ער טראָגט ציווילע קליידער, דינט ערגעץ אָדער האַנדלט, צי ער פֿאַרנעמט זיך גאָר מיט אַנדערע זאַכן, און בײַנאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן שוין, טוט ער אָן דעם העל־בלויען מונדיר, און כאַפּט זיך אַרײַן צום זשאַנדאַרם־אָפֿיציר.

— און צוואָס עפּעס דאַרף ער דעם מונדיר? — האָט וואָלאָדין איבערגעפֿרעגט.

— צו אַ שררה טאָר מען נישט קומען אָן אַ מונדיר, מען קאָן שמײַסן דערפֿאַר. — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט.

וואָלאָדין האָט זיך צעכליפּעט, פּערעדאָנאָוו האָט זיך איבערגעבויגן נענטער צו אים און אונטערגעשעפּטשעט:

— אַמאָל לעבט ער אפילו אַזוי ווי אַ גלגול. קאָנסט מיינען, האָסט צו טון מיט אַ קאָטער, הויבט זיך גאָרנישט אָן! עס לויפט גאָר אָרום אַ זשאַנדאַרם. גיי, ווייס, אַז דאָס איז אַ קאָטער, און ער הערט זיך דערווייל צו אַלעם צו.

ענדלעך, מיט אַנדערטאַלבן וואָכן שפּעטער, איז די דירעקטאָרין געקומען מיט אַ וויזיט צו וואַרוואַראַן. זי איז געקומען צו פאָרן מיטן מאַן, אין אַ וואַרעמען טאָג, פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, אַן אויסגעפּוצטע, אַ ליבע, באַשמעקט מיט זיסע פּיאָלן, — און גאָר אומגעריכט פאַר די פּערעדאָנאָווס: יענע האָבן אַלץ געוואַרט, אַז די כריפּאַטשעס וועלן קומען אין אַ יום־טובדיקן טאָג און אַ סך פריער. זיי זענען איבערראַשט געוואָרן. וואַרוואַרא איז געווען אין קיך, אַ האַלב נאַקעטע, אַ שמוציקע. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אָנקליידן זיך. און פּערעדאָנאָוו האָט אויפגענומען די געסט און האָט אויסגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט ערשט באָרוואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

— וואַרוואַרא קומט באַלד אַריין, — האָט ער געמורמלט, — זי טוט זיך אָן. זי האָט געקאָכט. מיר האָבן איצט אַ נייע דינסט, קען זי נאָך נישט אונזער געשמאַק, אַן אָפּגעריסענער נאַר.

באַלד איז וואַרוואַרא אַריין, מיט אַ רויט צעשראָקן פּנים און זייער אָפּגעלאָזן אָנגעטון. זי האָט די געסט דערלאַנגט אַ פאַרשווייסיקטע, קויטיקע האַנט און גענומען רעדן מיט ציטערדיק אויפגערעגטער שטים:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס כ'האָב אייך געלאָזט וואַרטן, — מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז איר וועט אין אַ מיטנוואָך־טאָג אַריין.

— איך פאָר זעלטן אַרויס אין יום-טוב, — האָט פרוי כריפּאַטש זיך פאַרענטפערט — די גאַס איז פול מיט שיכורים. לאָז איך פאַר דער דינערשאַפט אָפּ די יום־טובדיקע טעג.

דאָס געשפּרעך האָט זיך ווי נישט איז פאַרבונדן, און דער ליבער טאָן פון דער דירעקטאָרין האָט וואַרוואַראַן צוגעגעבן מוט. די דירעקטאָרין האָט זיך צו וואַרוואַראַן באַצויגן עטוואָס פיינטלעך, נאָר

גערן, — כמעט ווי צו אַ זינדיקערן, וואָס טוט תשובה, וועלכע מען דאַרף מקרב זיין, אָבער מען קאָן זיך פאָרט מיט איר מטמא זיין. זי האָט איר געגעבן אייניקע אָנווייזונגען, אָט סתם אַזוי, כלאחר־יד, — וועגן קאָסטיום, וועגן דער ווירטשאַפט.

וואַרוואַרא האָט זיך באַמיט יוצא צו זיין פאַר דער דירעקטאָרין, און דער ציטער פון שרעק איז נישט אַראָפּ פון אירע רויטע הענט און פון די געפלאַצטע ליפּן. די דירעקטאָרין האָט זיך פון דעם שלעכט געפילט. זי האָט זיך באַמיט צו זיין נאָכמער ליבלעך, אָבער נישט ווילנדיק האָט איר באַהערשט אַ שרעקלעך ווידערגעפיל צו איר. מיט איר גאַנצער באַנעמונג האָט זי געגעבן וואַרוואַראַן צו פאַרשטיין, אַז נאָענט וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט ווערן. נאָר אַזוי ווי זי האָט עס אַרויסגעוויזן זייער אין אַ ליבלעכער פאָרם, האָט עס וואַרוואַרא נישט פאַרשטאַנען, און געהאָפט, אַז זיי וועלן מיט דער דירעקטאָרין ווערן גאָר הייסע גוטע פריינט.

כריפּאַטש האָט אויסגעזען כמעט ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט אויף זיין אָרט, ער האָט עס אָבער זייער מוטיק און בריהש פאַרמאַסקירט. פון מאַדערע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט: ער איז נישט געוווינט אין דער צייט צו טרינקען וויין. ער האָט גערעדט וועגן פאַרשידענע שטאָט־נייעסן, וועגן די ענדערונגען, וואָס דאַרפן אין קרייז־געריכט פאָרקומען. נאָר מ׳האָט עס געקאָנט זייער בולט באַמערקן, אַז ער און פערעדאָנאָוו פאַרקערן גאָר אין פאַרשידענע קרייזן פון דער היגער געזעלשאַפט.

זיי זענען נישט לאַנג געזעסן.

וואַרוואַרא האָט זיך דערפרייט, וואָס זיי זענען גיך אַוועק: אי זיי זענען געווען, אי זיי זענען באַלד אַרויס. זי האָט זיך שנעל אויסגעטון און פריידעוודיק גערעדט:

— נו, דאַנקען גאָט, אַוועק. אַז כ׳האָב גאָרנישט נישט געוווּסט פון וואָס מען רעדט דאָס מיט זיי. אָט וואָס עס הייסט, אַז מען טרעפט זיך צונויף מיט ווייניק באַקאַנטע מענטשן, הויבסטו שוין נישט אָן צו וויסן פון וואָס אָנצוהויבן און ווי אַזוי מיט זיי צו רעדן.

פלוצים האָט זי זיך געכאַפּט, אַז די כריפּאַטשעס האָבן ביים געזעגענען זיך זיי נישט פאַרבעטן אַהין צו זיי. דאָס האָט איר

צרייגעבראַכט אַביסל אין אַ פאַרלעגנהייט, נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט:

— זיי וועלן מסתמא שיקן אַ קאַרטל, מיט אַ גענויער אָנווייזונג, ווען זיי נעמען אויף. ביי אָט די לייט האָט יעדער זיין באַשטימטע צייט. אָט איצט וואָלט איך מיך גאָר געדאַרפט אָנהויבן לערנען פראַנצויזיש, אַז עס קומט צו פראַנצויזיש בין איך גאָר אַ נישט דאָ געדאַכטע.

אומקערנדיק זיך אַהיים האָט די דירעקטאָרן געזאָגט צום מאַן:

— זי איז אַ נישטיקע און אַ האָפנונגלאָז־נידעריק באַשעפעניש, מען קאָן בשום־אופן נישט זיין מיט איר אין גלייכע באַציונגען. קיין זאַך אין איר קלערט איר נישט אויף איר לאַגע.

כריפּאַטש האָט געענטפערט:

— דערפאַר אָבער איר מאַן קלערט זי מיט זיך שוין צופיל. כ׳וואַרט שוין מיט אומגעדולד אָפּ, מען זאָל אים פון אונז צונעמען.

נאָך דער חתונה האָט זיך וואַרוואַראַ פון גרויס פרייד צוגעכאַפּט צום פלעשל, — זי פלעגט זייער אָפּט טרינקען און דערהויפּט מיט גרושינאַן. איינמאָל, ווען וואַרוואַראַ איז שוין געווען בגלופינדיק, האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ, וואָס איז ביי איר דעמאָלט גראָד געווען, וועגן דעם בריוו. זי האָט נישט אַלץ דערציילט, נאָר זי האָט עס זייער קלאָר געגעבן אָנצוהערן. די קלוגיטשקע סאָפיע האָט מער נישט געדאַרפט האָבן, — זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. — און גלייך האָט מען עס דאָך אויך געקאָנט באַלד כאַפּן! — האָט זי זיך אַליין אין געדאַנק געמוסרט.

זי האָט עס בסוד דערציילט ווערשינאַן, — און פון יענער האָט עס זיך פאַרשפרייט איבער דער גאַנצער שטאָט.

אַז פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ פלעגט באַגעגענען פּערעדאָנאָוון פלעגט זי זיך נישט קאָנען איינהאַלטן נישט אָפּצולאַכן פון זיין צוטרוי צו וואַרוואַראַן. זי האָט באַמערקט:

— איר זענט שוין אַ צו גרויסער פּשטן, אַרדאַליאָן באָריסיטש.

— כ׳בין גאָרנישט אַזאַ פּשטן, ווי איר מיינט, — האָט ער געענטפערט, — כ׳בין אַ קאַנדידאַט אין אוניווערזיטעט אַריין.

— איר מעגט זיך זיין אַ קאַנדידאַט, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, קאָן אייך אָפּנאַרן.

— איך אַליין קאָן אַלעמען אָפּנאַרן. — האָט זיך פּערעדאָנאָוו געשפּאַרט.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט שעלמיש געשמייכלט און אים אָפּגעלאָזט. פּערעדאָנאָוו האָט טעמפּ געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — וואָס מיינט זי דערמיט? פון שלעכטס! — האָט ער געטראַכט, — אַלע זענען אים שונאים.

און ער האָט איר פון הינטן נאָכגעוויזן אַ פייג.

וועסט גאָרנישט נישט אויספירן. — האָט ער געטראַכט און זיך געטרייסט.

נאָר די שרעק האָט אים געמאַטערט..

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט די אָנצוהערענישן. און אים זאָגן פּראָסט און פּשוט דעם גאַנצן אמת האָט זי דאָך נישט געוואָלט. צו וואָס דאַרף זי זיך קריגן מיט וואַרוואַראַן? פון צייט צו צייט פלעגט זי שרייבן פּערעדאָנאָוון אַנאָנימע בריוו, אין וועלכע די אָנצוהערענישן זענען שוין געווען דייטלעכער. פּערעדאָנאָוו אָבער האָט זיי פאַרשטאַנען קאַפּויר.

סאָפיא האָט אים איינמאָל געשריבן:

„די פירשטן, וואָס האָט אייך געשריבן די בריוו, גיט זי אָקאָרשט אַ זוך, צי וווינט זי נישט דאָ, אָט די פירשטן.״

פּערעדאָנאָוו האָט געמיינט, אַז די פירשטן איז בכבודה־ובעצמה אַליין געקומען אַהער אים נאָכשפּירן. זי האָט זיך, אפנים, שטאַרק פאַרליבט אין מיר, און וויל מיך אָפּשלאָגן פון וואַרוואַראַן.

און די דאָזיקע בריוו האָבן אים פאַרשאַפט עגמת־נפש און פאַרדרוס. ער פלעגט צושטיין צו וואַרוואַראַן:

— ווו איז די פירשטן?—מען זאָגט, אַז זי איז איצט הי.

וואַרוואַראַ, נעמענדיק נקמה פאַר פריער, האָט אים געמאַטערט מיט אָנצוהערענישן, מיט חוזקלעך, מיט פּחדניש־בייזע פּניותלעך. זי האָט חוצפּהדיק געשמייכלט און גערעדט מיט אַן אומזיכערער שטים, כמעט ווי מען רעדט, בשעת מען ווייסט, אַז מען זאָגט אַ ליגן, אָן שום האָפענונג, אַז מען וועט אין דעם גלויבן:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, ווו די פירשטן וווינט איצט!

— דו לייגסט, דו ווייסט! — האָט פערעדאָנאָוו מיט שרעק געשריגן.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען אין וואָס דאַרף מען גלויבן, — צי די באַדייטונג פון אירע ווערטער, אָדער דעם קלאַנג פון איר שטים, וואָס האָט באַשיינפערלעך עדות געזאָגט, אַז זי זאָגט ליגן, — און דאָס, ווי אַלץ וואָס איז אים נישט געווען פאַרשטענדלעך, האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ שרעק. וואַרוואַרא האָט אָפּגעענטפערט:

— נו, וואָס נאָך! מעגלעך אוודאי, אַז זי איז אַוועק פון פיטער, — זי פרעגט דאָך ביי מיר קיין עצות נישט.

— און אפשר איז זי טאַקע אַהערגעקומען? — האָט פערעדאָנאָוו שרעקעוודיק איבערגעפרעגט.

— מעגלעך, אַז זי איז אַהערגעקומען, — האָט וואַרוואַרא זיך רייצנדיק צעשריגן — זי האָט זיך פאַרלאַפּעט אין דיר, איז זי געקומען דיך באַקוקן.

פערעדאָנאָוו האָט געשריגן:

— לייגסט! נישט-זשע האָט זי זיך אין מיר פאַרליבט?

וואַרוואַרא האָט ביייזפריידעוודיק געלאַכט.

פון יענעם טאָג אָן האָט פערעדאָנאָוו אָנגעהויבן שטאַרק נאָכקוקן, צי וועט ער נישט ערגעץ אָנטרעפן די פירשטן. צומאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי קוקט אַריין דורכן פענסטער, דורך דער טיר! — קוקט אים נאָך, הערט זיך אונטער, שושקעט זיך מיט וואַרוואַרן.

די צייט איז נישט געשטאַנען, און דאָס פּאַפּיר, וועגן באַשטימען פערעדאָנאָוון אַלס אינספּעקטאָר, אויף וועלכן ער האָט יעדן טאָג געוואַרט, איז נאָך אַלץ נישט געקומען, און קיין זייטיקע ידיעות זענען אויך נישט געווען. זיך אָנפרעגן מיט אַ בריוו ביי דער פירשטן גופא, האָט פערעדאָנאָוו נישט געוואַגט, — וואַרוואַרא האָט אים אָנגעשראָקן, אַז די פירשטן איז זייער אַן אָנגעזעענע פערזאָן. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל זיך אַליין באַשליסן איר אָנצושרייבן, וואָלט פאַר אים אַרויס נאָכדעם אַ גרויסע רעה. ער האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס, אַ שטייגער, מען וואָלט מיט אים געקאָנט טון, נאָר

אָט דערפאַר טאַקע, פאַרן אומבאַוווסטן האָט ער זיך אַזוי געשראָקן. וואַרוואַראַ האָט געטענהט:

— קענסט דען נישט די אַריסטאָקראַטן? וואַרט. — זיי וועלן שוין אַליין טון, ווען זיי וועט זיך וועלן. און וועסטו זיי דערמאָנען, קאָנען זיי נאָך ברוגז ווערן, וועט ערגער זיין. זיי האָבן זייער אַ סך האָנאָר! זיי זענען שטאָלצע, האָבן גערן, אַז מען גלויבט זיי.

און פערעדאָנאָוו האָט נאָך דערווייל געגלויבט. ער איז בלויז אין כעס געווען אויף דער פירשטן. צומאָל פלעגט ער אפילו טראַכטן, אַז די פירשטן קאָן אים אפילו אויך מסרן, כדי זיך צו באַפרייען פון איר הבטחה. אָבער זי וועט אים גאָר מסרן דערפאַר, וואָס זי טראָגט אויף אים אַ בייזן האַס: ער האָט חתונה געהאַט מיט וואַרוואַראַן, און די פירשטן אַליין איז אין אים פאַרליבט. אָט דערפאַר טאַקע, האָט ער געקלערט, האָט זי אים אַרומגערינגלט מיט שפיאָנעס, וואָס שפירן אים נאָך אומעטום, זיי האָבן אים אויף אַזויפיל אַרומגערינגלט, אַז ער האָט שוין אפילו נישט ווו צו אָטעמען. נישט אומזיסט איז זי אַזאַ שררהטע. זי קאָן זיך אַלץ דערלויבן.

פון בייזקייט האָט ער אָנגעהויבן אַלדאָס שלעכטס רעדן אויף דער פירשטן, ער האָט דערציילט רוטילאָוון און וואָלאָדינען, אַז ער איז אַמאָל געווען איר געליבטער, און זי האָט אים געצאָלט זייער אַ סך געלט:

— איך האָב עס אָבער פאַרטרונקען. צו וועלכע שוואַרץ-יאָר האָב איך עס געדאַרפט! זי האָט מיר אפילו צוגעזאָגט צו צאָלן פענסיע ביזן טויט, און האָט מיך אָפּגענאַרט.

— און דו וואָלסט דען גענומען? — האָט רוטילאָוו מיט אַ כי-כיקען איבערגעפרעגט.

פערעדאָנאָוו האָט שטיל געשוויגן, ער האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע, און וואָלאָדין האָט פאַר אים מיושבדיק און סאָליד גע-ענטפערט:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל ער עס נישט נעמען, אויב זי איז אַ רייכע? זי האָט געהאַט פאַרגניגן, טאָ באַדאַרף זי אים באַצאָלן דער-פאַר.

— וואָלט זי כאָטש געווען אַ שיינע! — האָט פערעדאָנאָוו אומעטיק

באַמערקט, — אַ געשטופּלטע, אַ קורצנאָזיקע. גוט נאָך, וואָס זי האָט גוט געצאָלט, ווען נישט דאָס, וואָלט אפילו שפּייען אויף איר זיך נישט געגלוסט. זי מוז איצט דערפילן מיין ביטע.

— דו לייגסט, אַרדאַליאָן באָריסיטש. — האָט רוטילאָוו געמורמלט.

— נו. אָט, פּיין, איך לייג. און פאַרוואָס האָט זי מיר געלט געגעבן, בחנם, וואָס? זי איז איפּערזיכטיק צו וואַרוואַראַן, און דערפאַר טאַקע וויל זי מיר אַזוי לאַנג נישט באַשטימען אויפן פּאָסטן.

פּערעדאָנאָוו האָט גאָרנישט נישט געפילט קיין בושה, בשעת ער האָט דערציילט, אַז די פירשטן האָט אים כּלומרשט געצאָלט. וואָלאָדין איז געווען אַ צוטרוילעכער צוהערער און גאָרנישט נישט באַמערקט די לעכערלעכקייט און דעם נאַנסענס פון זיינע מעשות. רוטילאָוו האָט זיך אפילו געשפּאַרט, ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז גאָר אָן פייער קאָן רויך נישט זיין; עפּעס וואָס, האָט ער געטראַכט, איז פאָרט געווען צווישן אָט דעם פּערעדאָנאָוון מיט דער פירשטן.

— זי איז עלטער נאָך פונם גלחס הונט, — האָט פּערעדאָנאָוו מיט איבערצייגונג דערציילט, אָט כמעט ווי עס וואָלט אמת געווען, — נאָר, איך בעט אייך, דערציילט עס קיינעם נישט, — זי קאָן זיך נאָך דערוויסן, וועט זיין שלעכט. זי שמירט זיך, און לאָזט זיך אַריין אין די אָדערן אָפּט איינשפּריצונגען פון יוגנטלעכקייט און שווער צו מערקן, אַז זי איז אַזאַ אַלטע, שוין באַלד אַ הונדערט־יאָריקע.

וואָלאָדין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטשמאָקעט. ער האָט אין אַלץ געגלויבט.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז אויפן אַנדערן טאָג, נאָך אַזאַ מין שמועס, האָט פּערעדאָנאָוו אין איין קלאַס פאָרגעלייענט קרילאָווס פאַבל „דער ליגנער". און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט ער שוין מורא געהאַט צו גיין איבער דער בריק. — ער פלעגט נעמען אַ שיפל און זיך איבערשיפן, — מעגלעך, אַז די בריק וועט נאָך איינפאַלן. וואָלאָדינען האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין:

— דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט וועגן דער פירשטן, איז אמת, נאָר די בריק, ווער ווייסט, אפשר גלויבט זי נישט און וועט נאָך איינפאַלן צו אַלדי רוחות.

XXV

דער קלאַנג וועגן די געפעלשטע בריוו האָט זיך פאַרשפרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַלץ האָט וועגן דעם געהאַלטן אין איין רעדן, און יעדן האָט עס געפרייט. כמעט אַלע האָבן וואַרוואַראַן גע־גלויבט און הנאה געהאַט, וואָס פערעדאָנאָוו איז אַזוי מיאוס אַריינגע־פאַלן. און די אַלע, וואָס האָבן די בריוו געזען, האָבן אין איין קול געטענהט, אַז זיי האָבן דאָס גלייך באַמערקט.

דערהויפט האָט מען זיך שטאַרק געפרייט ביי דער ווערשינאַ: הגם מאַרטאַ האָט געדאַרפט חתונה האָבן מיט מורינען, האָט זי דאָך פערעדאָנאָוון נישט געוואָלט; ווערשינאַ האָט אפילו געוואָלט אַליין חתונה האָבן מיט מורינען, און איז געווען געצוווּנגען אים אָפּצוטרעטן מאַרטאַן: וולאַדיא האָט ווידער געהאַט זיינע אורזאַכן, פאַרוואָס פיינט צו האָבן פערעדאָנאָוון און זיך פרייען צוליב זיין מפּלה, און הגם אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס פערעדאָנאָוו בלייבט נאָך אַלץ אין גימנאַזיע, האָט אָבער דעם דאָזיקן פאַרדרוס איבערגעוויגן די פרייד, וואָס פערעדאָנאָוו האָט באַקומען אַזאַ „נאָז". דערצו נאָך האָט זיך צווישן די גימנאַזיסטן פאַרשפרייט אַ זיכערער קלאַנג, אַז דער דירעק־טאָר האָט אָנגעשריבן דעם קרייז־קוראַטאָר, אַז פערעדאָנאָוו איז נישט ביים פולן זינען, און אַז אינגיכן דאַרף ווער קומען אים באַטראַכטן און נאָכדעם וועט מען אים באַזייטיקן אינגאַנצן פון דער גימנאַזיע.

בשעת באַקאַנטע פלעגן זיך טרעפן מיט וואַרוואַראַן, פלעגן זיי מיט גראָבע שפּאַסן, מיט חוצפּהדיקע אָנצוהערענישן מער־ווייניקער אָפן רעדן וועגן איר אויפטו. זי האָט אונטערגעשמייכלט, חוצפּהדיק, נישט מודה געווען זיך, אָבער אויך נישט אָפּגעלייקנט.

אַנדערע האָבן געגעבן אָנצוהערן גרושינאַן, אַז זיי ווייסן פון איר אָנטייל אין דער פעלשונג. זי האָט זיך געשראָקן און געקומען צולויפן צו וואַרוואַראַן מיט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס זי האָט עס עפּעס צעפּויקט. וואַרוואַראַ האָט איר מיט אַ שמייכעלע געענטפערט:

— וואָס דולט איר אַ קאָפּ. מיר איז אפילו אויף דער מחשבה נישט געקומען דאָס עמעצן צו דערציילן.

— פון וועמען־זשע ווייסן עס אַלע? — האָט גרושינאַ אַן אויסגעבראַכטע איבערגעפרעגט. — אויף מיר מעגט איר זיך פאַרלאָזן, אַז איך וועל עס נישט טון. נישט אַזאַ נאַר בין איך.

— איך האָב פאַר קיינעם נישט איבערן מויל געבראַכט. — האָט וואַרוואַראַ מיט חוצפּה געטענהט.

— איר גיט מיר אָפּ דעם בריוו, — האָט גרושינאַ געפאָדערט — אַנישט קאָן ער זיך נאָך מיט דעם פאַראינטערעסירן און ער וועט זיך באַלד כאַפּן, אַז ער איז אַ געפעלשטער.

— זאָל ער זיך כאַפּן! — האָט וואַרוואַראַ מיט פאַרדרוס באַמערקט, — נאָך ערגערן זיך, וואָס אַ נאַר קאָן איינפאַלן.

גרושינאַ האָט געבליצט מיט אירע משונהדיקע אויגעלעך און געשריגן:

— אייך איז גוט צו רעדן, איר האָט אייערס באַקומען, און מיך וועט מען צוליב אייך אין טורמע איינזעצן. נו, ווי איר ווילט זיך, די בריוו מוזט איר מיר אומקערן, ווען נישט קאָן עס נאָך ברענגען צו אַ גט אויך.

— עט, דאָס מאָלט אייך, קאָן שוין קיינמאָל נישט זיין! לאָזט צורו, — האָט וואַרוואַראַ געענטפערט און זיך חוצפּהדיק גענומען פאַר די באָקעס — איצט קאָנט איר עס שוין אפילו נעמען פונאַנדערפּויקן אינמיטן מאַרק און חתונה בלייבט חתונה.

— ס'הויבט זיך נישט אָן! — האָט גרושינאַ געשריגן. — נישט פאַראַן גאָר אַזאַ געזעץ, אַז דורך ליגן זאָל מען חתונה האָבן. ווען אַרדאַליאָן באָריסיטש זאָל נאָר וועלן דעם גאַנצן ענין איבערגעבן ביזן סענאַט. קאָן מען אייך געוויס אָפּגטן.

וואַרוואַראַ האָט זיך דערשראָקן און דערקלערט:

— וואָס בייזערט איר זיך עס אַזוי, כ'וועל אייך אָפּגעבן דעם בריוו. נישט פאַראַן וואָס מורא צו האָבן, — איך וועל אייך נישט אַרויסגעבן. צי בין איך דען אַזאַ נידעריקע בריאה? אַ נשמה האָב איך נאָך.

— נו, וואָס פאַראַ נשמה נאָך! — האָט גרושינאַ גראָב באַמערקט. — אַ הונט און אַ מענטש זענען אַ פּאָר,ביידע האָבן קיין נשמות נישט. כּל־זמן מען לעבט, לעבט מען און נאָכדעם...

וואַרוואַראַ האָט באַשלאָסן צוצוגנבענען די בריוו, הגם דאָס איז געווען זייער שווער. גרושינאַ האָט אונטערגעיאָגט. איין האָפנונג איז געבליבן, — אַרויסשלעפּן פון פערעדאָנאָוון די בריוו, ווען ער וועט זיין שיכור. און געטרונקען האָט ער זייער אַ סך. זייער אָפט פלעגט ער קומען אין גימנאַזיע בגלופינדיק און גערעדט זייער מיאוסע רייד, וואָס האָבן אַן עקל אַרויסגערופן אפילו ביי די ערגסטע און פאַרדאָרבנסטע שילער.

איינמאָל איז פערעדאָנאָוו צוריקגעקומען פון ביליאַרד שיכורער פון אַלעמאָל. מ'האָט באַנעצט די נייע קוילן. מיטן בריוואַש האָט ער זיך דאָך נישט צעשיידט, — ער האָט זיך ווי נישט איז אויסגעטון און אים אַרונטערגערוקט צוריק אונטערן קישן.

ער איז געשלאָפן אומרויק, נאָר שטאַרק, און גערעדט פון שלאָף, — און די רייד זענען געווען עפעס וועגן אימהדיקס און העסלעכס. אויף וואַרוואַראַן האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן אַן אימה און אַ פחד.

— עט, גאָרנישט נישט, — האָט זי זיך געמוטיקט, — ער זאָל זיך נאָר נישט אויפכאַפן.

זי האָט אים געפרוווט פונאַנדערוועקן, אים אַ טאָרע געטון, — ער האָט זיך צעבורטשעט, זיך אויסגעזידלט הויך, אויפן קול, און נישט אויפגעכאַפט זיך.

וואַרוואַראַ האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און עס אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז דער שיין זאָל נישט פאַלן אין פערעדאָנאָווס אויגן. גליווערנדיק פון שרעק, איז זי אַראָפּ פון בעט און פאָרזיכטיק אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטער פערעדאָנאָווס קישן. דער בריוואַש איז געלעגן נאָענט, ער האָט זיך אָבער לאַנג געגליטשט פון אירע פינגער. דאָס ליכט האָט געברענט טונקל. דער פלאַם האָט זיך געוויגט. איבער די ווענט, איבערן בעט, זענען אַרומגעלאָפן שרעקלעכע שאָטנס, — ס'האָבן אַרומגעשמאַיעט בייזע שדימלעך. די לופט איז געווען דעמפיק, אומבאַוועגלעך. עפעס האָט געשמעקט מיט איבערגעברענטן בראָנפן. דאָס כראָפען און די שווערע רייד האָבן אָנגעפולט דאָס גאַנצע שלאָפצימער. די גאַנצע דירה איז געווען עפעס ווי פאַרכאַפט פון היץ-רייד.

מיט ציטערדיקע הענט האָט וואַרוואַראַ אַפּערגעשלעפּט די בריוו און אַרונטערגערוקט צוריק דעם בריוואַש אויפן פריערדיקן אָרט.

אינדערפֿרי האָט פּערעדאָנאָוו זיך געכאַפּט צום בריוו, דער בריוו איז נישט געווען, ער האָט זיך דערשראָקן און גענומען שרייען:

— וואַריאַ, וווּ איז דער בריוו?

וואַרוואַראַ האָט זיך זייער דערשראָקן, נאָר זי האָט עס פֿאַרבאָרגן און זיך אָנגערופֿן:

— פֿון וואַנען זאָל איך עס וויסן, אַרדאַליאָן באָריסיטש? האָסט אים יעדערן געוויזן, איז אָט, האָסטו אים, אפֿנים, ערגעץ פֿאַרלוירן, אָדער מ׳האָט אים צוגעשלעפּט — חברים און פֿריינט, מיט וועמען דו שיכּורסט גאַנצענע נעכט, האָסטו דאָך, קיין עין־הרע...

פּערעדאָנאָוו האָט נאָכגעקלערט, אַז דעם בריוו האָבן, מסתּמא, צוגעגנבֿעט זיינע שונאים, און גיכער פֿון אַלץ וואָלאָדין. איצט האָט וואָלאָדין נאָך דעם בריוו, און נאָכדעם וועט ער שוין ווערן בעל־באָס פֿון אַלע זיינע פּאַפּירן, פֿון דער באַשטימונג אויך, און וועט אַהינפֿאָרן און ווערן אַן אינספּעקטאָר, און פּערעדאָנאָוו וועט דאָ בלייבן אַ פֿינסטערער באָסיאַק.

פּערעדאָנאָוו האָט באַשלאָסן זיך צו פֿאַרטיידיקן. אַלע טאָג האָט ער צונויפֿגעשטעלט אַ מסירה אויף זיינע שונאים: אויף ווערשינאַן, אויף די רוטילאָווס, וואָלאָדינען, זיינע חברים, וואָס האָבן לויט זיין מיינונג אויך געצילט צו אַזאַ פּאָסטן. אָוונטס פֿלעגט ער אָט די מסירות אָוועקטראָגן צו רובאָווסקין.

דער זשאַנדאַרם־אָפֿיצער האָט געוווינט אינמיטן שטאָט אויפֿן פּלאַץ, נעבן דער גימנאַזיע. פֿון זייערע פֿענסטער אַרום האָבן אַ סך מענטשן באַמערקט, ווי פּערעדאָנאָוו גייט אַריין צום זשאַנדאַרם דורכן טויער. און פּערעדאָנאָוו האָט געמיינט, — קיינעם פֿאַלט עס אַפֿילו נישט איין. ער טוט עס דאָך אומישנע פֿאַרנאַכט, און דורך דער הינטער־טיר, דורך דער קיך. דאָס פּאַפּיר האָט ער געהאַלטן אונטער דער פּאָלע, מ׳האָט גלייך געקאָנט זען, אַז ער טראָגט דאָרט עפּעס. ווי נאָר אים איז אויסגעקומען אַרויסצונעמען די האַנט זיך צו באַגריסן מיט עמעצן, האָט ער אונטערגעכאַפּט דאָס פּאַפּיר אונטערן פּאַלטן מיט דער לינקער האַנט און געמיינט, אַז קיינער קאָן זיך דערויף נישט אָנשטויסן. אויב מען האָט אים אַ פֿרעג געטון, וווהין גייט ער עס, האָט ער אויסגעטראַכט אַ ליגן, — און גאַנץ אומגעלומפּערט, נאָר ער

אַליין איז שטאַרק געווען צופרידן מיט זיינע אומגעלומפּערטע איינ־פאַלן.

רובאָווסקין האָט ער דערקלערט:

— אַלע זענען זיי פאַררעטער. זיי מאַכן זיך כּלומרשט פאַר פריינט און ווילן אויף אַזאַ אופן פאַרראַטן. און זיי ווייסן נישט, אַז מיר איז באַקאַנט וועגן זיי אַזוינס, וואָס סיביר אַליין איז פאַר זיי קאַרג.

רובאָווסקי האָט זיך אים שווייגנדיק צוגעהערט. די ערשטע מסירה, אַן אומגעלומפּערטע, האָט ער איבערגעשיקט צום דירעקטאָר. דאָס זעלביקע האָט ער אויך געטון מיט די ווייטערדיקע. דער דירעקטאָר האָט אַהינגעשריבן אינם קרייז, אַז דער לערער פּערעדאָנאָוו איז גייסטיק נישט מיט אַלעמען.

אינדערהיים ביי זיך האָט פּערעדאָנאָוו געהערט שטענדיק עפּעס אַ שאָרך, אַן אומאויפהערלעכן, אַ דערעסנדיקן, אַ חוזקדיקן. ער האָט מיט אומעט געטענהט צו וואַרוואַראַן:

— עמעצער גייט דאָרט אַרום אויף די שפּיצפינגער, — אַ פולע שטוב מיט שפּיאָנעס. דו, וואַרקאַ, היטסט מיך נישט אָפּ.

וואַרוואַראַ האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט. זי פלעגט פון אים אָפּחוזקן, און צומאָל זיך שרעקן דערפאַר. זי פלעגט אים ענטפערן בייז און צעשראָקן:

— וואָס איז, דעם שיכּור, קאָן גאָר איינפאַלן.

דערהויפּט איז פּערעדאָנאָוון פאַרדעכטיק געווען די טיר אין פּאָרהויז אַריין. זי פלעגט זיך נישט גוט צומאַכן. דער שפּאַלט צווישןביידע טירן האָט עפּעס געוואָרפן אַ חשד, אַז פון יענער זייט באַהאַלט זיך וואָס. אפשר אַ וואַ ל ע ט גאָר. עמעצנס אַן אויג האָט פון דאָרטן אַרויסגעבליצט, אַן אויג אַ שלעכטס און אַ שאַרפס.

דער קאָטער איז אומעטום נאָכגעקראָכן און נאָכגעשפּירט פּערע־דאָנאָוון מיט זיינע ברייטע גרינע אויגן. צומאָל פלעגט ער אונטער־ווינקען, און אַמאָל נאָך שרעקלעך מיאָקען. קענטיק איז געווען, אַז ער וויל אים ביי עפּעס פּאַקן, פּערעדאָנאָוון, נאָר עס גיט זיך אים נישט איין. און דערפאַר איז ער אַזוי אין כּעס. פּערעדאָנאָוו פלעגט זיך אָפּשפּייען פון אים, נאָר דער קאָטער האָט אים נישט צורו געלאָזט.

דאָס אומבאַרירל איז אַרומגעלאָפן אונטער די שטולן און איבער די ווינקלען און האָט געפּישטשעט. געווען איז עס שמוציק, געשטינקען, עקלדיק און שרעקלעך. קלאָר איז שוין געווען, אַז ס'איז פּײַנטלעך צו פּערעדאָנאָוון און איז אַהערגעקומען נאָר צוליב אים, און אַז פריער איז עס גאָר קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געווען. מ'האָט דאָס באַשאַפן — און אָנגערעדט. און אָט לעבט עס, כּדי אים צו פּײַניקן און פאַרטיליקן, אַ פאַרכּישופטס, אַ פילפּנימדיקס, — שפּירט אים נאָך, נאַרט אים, און שפּאָט פון אים אָפּ. — אָט קאַטשעט עס זיך איבער דער ערד, אָט ווערט עס מגולגל אין אַ שמאַטע, אין אַ לענטע, אין אַ צווייגל, אין אַ פאָן, אין אַ וואָלקנדל, אין אַ הינטל, אין אַ זייל שטויב אויפן גאַס, און אומעטום קריכט עס און לויפט נאָך הינטער פּערעדאָנאָוון, — עס האָט אים שוין פאַרמוטשעט, פאַרפּײַניקט מיטן הוידנדיקן געטענצל. וואָלט זיך כאָטש ווער מרחם געווען און אים באַפרײַט דערפון, מיט אַ וואָרט אַזאַס, אָדער מיט אַ בריקע פון זיך. האָט ער אָבער דאָ קיין שום פרײַנט נישט, קיינער וויל נישט קומען צו הילף, אַליין דאַרף מען אַן עצה געפינען, איידער דאָס דאָזיקע שאלקהאַפטיקע בריאהלע האָט אים נאָך נישט אומגעבראַכט.

פּערעדאָנאָוו האָט צוגעטראַכט אַ מיטל: ער האָט אַרומגעשמירט די גאַנצע פּאָדלאָגע מיט קליי, כּדי דאָס אומבאַרירל זאָל זיך צוקלעפּן. צוגעקלעפּט האָבן זיך די זוילן פון די שיך, און די ברעגעס פון וואַרוואַראַס קליידלעך. און דאָס אומבאַרירל האָט זיך ווייטער פראַנק און פריי געקייקלט און געלאַכט אויף אַ קוויטשיק קולעכל. וואַרוואַראַ האָט זיך בייז געזידלט.

איבער פּערעדאָנאָוון האָבן אומאויפהערלעך געוועלטיקט על־כּרחודיקע פאָרשטעלונגען וועגן פאַרפאָלגונגען און האָבן אים געשראָקן. וואָס ווייטער איז ער אַלץ מער געזונקען אין אַ וועלט פון די סאַמע ווילדסטע דמיונות. דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אפילו אויף זיין צורה: ס'איז געוואָרן אַן אומבאַוועגלעכע מאַסקע פון שרעק.

איצט איז פּערעדאָנאָוו אָוונטס שוין מער נישט געגאַנגען שפּילן אין ביליאַרד. נאָכמיטאָג פלעגט ער זיך פאַרשפּאַרן ביי זיך אין שלאָפצימער, די טיר פאַרשטעלן מיט זאַכן, — אַ שטול אויפן טיש, — זאָרגעוודיק זיך אָפּצוימען מיט צלמען זיך, מיט אָפּשפּרעכענישן, און זיך

צוזעצן שרייבן, — מסירות אויף יעדן איינציקן, אויף וועמען ער האָט זיך נאָר דערמאָנט. ער פלעגט שרייבן מסירות נישט נאָר אויף מענטשן, נאָר אויך אויף די קאָרטן-דאַמען. אָנגעשריבן — און גלייך אַוועקגעטראָגן צום זשאַנדאַרם. און אָט אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין יעדן אָוונט.

אומעטום האָבן פאַר פערעדאָנאָווס אויגן זיך אַרומגעטראָגן קאָרטן, כמעט ווי עפּעס לעבעדיקע, — קעניגן, דאַמען, וואַלעטן, אפילו די קלענערע קאָרטן אויך. דאָס זענען עפּעס געווען מענטשן מיט העלע קנעפּ: גימנאַזיסטן, פּאָליציאַנטן. די טויז — עפּעס אַ גראָבער, מיט אַ גרויסן בויך, כמעט נאָר אַ בויך אַליין. אָפטמאָל זענען די קאָרטן מגולגל געוואָרן אין באַקאַנטע מענטשן. די לעבעדיקע מענטשן האָבן זיך אויסגעמישט מיט אָט די מאָדנע גלגולים.

פערעדאָנאָוו איז זיכער געווען, אַז הינטער דער טיר שטייט און וואַרט אַ וואַלעט, און אַז דער דאָזיקער וואַלעט פאַרמאָגט אַ גוואַלטיקע קראַפט און מאַכט, — אָט פונקט כמעט ווי אַ פּאָליציאַנט — ער קאָן ערגעץ אַוועקפירן אין עפּעס אַ שרעקלעכער טורמע. און אונטערן טיש זיצט דאָס אומבאַרירל. פערעדאָנאָוו האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף דער טיר און אונטערן טיש.

די זשוואַווע קונדסים, די אַכטלעך האָבן גערייצט פערעדאָנאָוון, — דאָס זענען געווען גלגולים — גימנאַזיסטן. זיי האָבן געהויבן די פיס מיט אַ מאָדנער בר-מנן-באַוועגונג, כמעט ווי די פיסלעך פון אַ צייכנצערקל, — נאָר זייערע פיס זענען געווען באַוואַקסענע מיט קאָפּיטעס. אָנשטאָט ווײַדלען זענען ביי זיי געוואַקסן קאַנטשיקעס, די קונדסים האָבן מיט זיי געפּאָכעט מיט געפייף און ביי יעדן פּאָך האָבן זיי מוראדיק געקוויטשעט. דאָס אומבאַרירל האָט פון אונטערן טיש געבריקעט, געלאַכט פון די קונצן, וואָס די דאָזיקע אַכטלעך האָבן געפּראַוועט.

פערעדאָנאָוו האָט מיט כעס געטראַכט, אַז אָט דאָס אומבאַרירל וואָלט גאָר קיין העזה נישט געהאַט אַריינצוקלויבן זיך צו וועלכן נישט איז שררה.

„מען וועט עס געוויס נישט אַריינלאָזן, — האָט ער מיט קנאה

געטראַכֿט. — די לאָקייען וואָלטן עס מיט די בעזעמער אויסגעבעזעמט אַרויס.״

ענדלעך האָט שוין פערעדאָנאָוו מער נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם אומבאַרירלס בייז און חוצפהדיק-קוויטשעדיק געלעכֿטער. ער האָט אַהערגעבראַכֿט פון דער קיך אַ האַק און צעהאַקט דעם טיש, אונטער וועלכֿן דאָס אומבאַרירל האָט זיך באַהאַלטן. דאָס אומבאַרירל האָט וויינענדיק און בייז אַ קוויטשע געטון און זיך אַ וואַקל געטון אָן אַ זייט. פערעדאָנאָוו האָט אויפגעציטערט.

„עס קאָן אַ ביס טון!״ — האָט ער אַ קלער געטון, ער האָט זיך צעקוויטשעט און אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול. דאָס אומבאַרירל איז אָבער שטיל פאַרשוווּנדן, נאָר נישט אויף לאַנג...

אַמאָל האָט פערעדאָנאָוו גענומען די קאָרטן און מיט אַ חיהש געזיכֿט גענומען צעשניידן מיט אַ מעסערל די פנימער פון די פיגורן. דערהויפט די דאַמען. שניידנדיק די מלכֿים, האָט ער זיך אומגעקוקט, צי מען זעט נישט, כֿדי צו באַשולדיקן אים אין אַ פאָליטישן פאַרברעכן. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן אויף לאַנג. קומען פלעגן געסט, פלעגט מען קויפן פרישע קאָרטן, און צווישן די פרישע קאָרטן פלעגן זיך באַווייזן די זעלביקע שפיאָנעס.

פערעדאָנאָוו האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ געהיימען פאַרברעכֿער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז פון יענע צייטן נאָך, ווען ער איז געווען אַ סטודענט, געפינט ער זיך אַלץ אונטער פאָליציייִשער השגחה. „אָט פאַר דערפאַר טאַקע שפירט מען אים נאָך.״ — אָט דאָס האָט אים אי געשראָקן אי געגעבן שטאָף זיך גרויסצוהאַלטן.

דער ווינט האָט אַ בלאָז געטון די טאַפעטן. זיי האָבן געשורשעט מיט אַ שטילן בייז-בשורהדיקן אָנזאָג. און לייכֿטע האַלב-שאָטנס האָבן זיך דורכֿגעגליטשט איבער זייערע פאַרביקע אויזאָרן... „אַ שפיאָן באַהאַלט זיך דאָרט, הינטער די דאָזיקע טאַפעטן,״ — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעטראַכֿט.

„שלעכֿטע מענטשן! — האָט ער געקלערט אין אומעט, — זיי האָבן בכֿיוון אַזוי געמאַכֿט, אַהין זאָל קאָנען אַריינקריכֿן און פאַרבאַהאַלטן זיך אַ גזלן אַ רירעוודיקער, אַ פלאַכֿער און אַ געדולדיקער.

אַמאָל זענען דאָך שוין געווען אַזעלכע פֿאַלן."

אומקלאָרע זכרונות האָבן זיך אַ וואַקל געטון אין זיין קאָפּ. עמעצער באַהאַלט זיך הינטער די טאַפּעטן, עמעצן האָט מען געשטאָכן מיט אַ קינזשאל אָדער מיט אַן אָל.

פּערעדאָנאָוו האָט געקויפֿט אַן אָל. און אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָבן זיך די טאַפּעטן עטוואס און שרעקעוודיק אַ ריר געגעבן, — דער שפּיאָן האָט דערשפּירט די סכנה און וואָלט אוודאי אַ בעלן געווען זיך אָפּצוטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט. די פֿינסטערניש האָט זיך אַ וואָרף געטון, אַ שפּרונג געגעבן איבערן באַלקן און פֿון דאָרט געדראָט און געקרומט זיך.

פּערעדאָנאָוו איז געוואָרן מלא-חימה. ער האָט האַסטיק אַ זעץ געגעבן מיטן אָל אין דער וואַנט. איבער דער וואַנט איז אַריבער אַ ציטער. פּערעדאָנאָוו האָט פֿון פֿרייד אַ וואָיע געטון און זיך גענומען טאַנצן, פֿאָכענדיק מיט דער אָל. ווארוואַראַ איז אַריינגעקומען.

— וואָס עפּעס האָפּקעסטו איינער אַליין, אַרדאַליאָן באָריסיטש? — האָט זי, שמייכלענדיק ווי אַלעמאָל, טעמפּ און חוצפּהדיק איבערגעפֿרעגט.

איך האָב אַ וואַנץ דערהרגעט. — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז געענטפֿערט.

זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט ווילדער פֿרייד. איינס נאָר איז נישט גוט געווען: געפֿילט האָט זיך, ווי הינטער די טאַפּעטן האָט געפֿוילט און געשטינקען דער דערשטאָכענער שפּיאָן. אַ שרעק און אַ פֿרייד האָבן אויפֿגעטרייסלט פּערעדאָנאָוון, — ער האָט דערהרגעט אַ שונא!

און מיט דער דאָזיקער רציחה איז זיין האַרץ געוואָרן אכזריותדיק. אַ נישט באַגאַנגענער מאָרד, — נאָר פֿאַר פּערעדאָנאָוון איז עס געווען אַ פֿאַררעכנטער מאָרד. די אומזיניקע שרעק האָט אין אים אויסגעשמידט אַ גרייטקייט צו פֿאַרברעכן, — און אַן אומבאַוווסטזיניקע, באַהאַלטנדיקע זיך אין די נידריקסטע קאַמערן פֿון זיין נשמה-פֿאַרשטעלונג פֿון אַ מאָרד, וואָס ער וועט באַגיין, אַ מאַטערנדיקער שווידער צו אַ מאָרד, אַ צושטאַנד פֿון אורשפּרינגלעכער פֿאַרביטערטקייט האָט געדריקט זיין דעפּעקטיוון ווילן. נאָך אַ געשמידטס אין קייטן, —פֿיל דורות

האָבן זיך שיכטנווייז אָנגעוואַלעט אויף קין׳ען,—האָט דאָס האַרץ אין זיך געפונען אַ באַפרידיקונג מיט דעם, וואָס ער האָט צעבראָכן און איבערגעפירט פאַרשידענע כּלים, צעשטשערבעט די האַק, געשניטן מיטן מעסער, אויסגעהאַקט בוימער אין סאָד, שפּיאָנעס זאָלן זיך דאָרטן נישט קאָנען באַהאַלטן און אים נאָכשפּירן. און אין די חרוב־געוואָרענע זאַכן האָט זיך געפרייט אַן אוראַלטער דעמאָן, דער גייסט פונם דור־הפלגה, דער שלאַבעריקער כאַאָס, אין זעלביקער צייט, ווען די ווילדע אויגן פונם אומזיניקן מענטשן האָבן אויסגעקוקט מיט גרויל, ענלעך צו יענעם, וואָס ביי אומגעהויערע ליידן פון גסיסה.

און אַלץ אייגנע און די זעלביקע, אַלץ אייגנע און די זעלביקע אילוזיעס האָבן זיך איבערגעחזרט און אים געפּייניקט.

וואַרוואַרא, זיך נוקם זייענדיק אין פערעדאָנאָוון, פלעגט זיך אונטערגנבענען אונטער דער טיר פונם צימער, ווו ער פלעגט זיך פאַרשפּאַרן, און פון דאָרטן אַרויסרעדן מיט פרעמדע קולות. אַ פּחד פלעגט אָנפאַלן אויף פערעדאָנאָוון און ער פלעגט זיך צושאַרן אויף די שפּיצפינגער צו דער טיר, כּדי צו פּאַקן דעם שונא, — און ער פלעגט אָנטרעפן אויף וואַרוואַראַן.

— מיט וועמען האָסטו זיך דאָ געשושקעט? — האָט ער פאַראומערט איבערגעפרעגט.

וואַרוואַרא האָט געשמייכלט און געענטפערט:

— אַז דיר דוכט זיך אַלץ, אַרדאַליאָן באָריסיטש.

— נישט אַלץ דוכט זיך, — האָט פערעדאָנאָוו מיט אומעט געבורטשעט — דאָך איז פאַראַן אויך אמתע זאַכן אויף גאָטס וועלטל.

און פערעדאָנאָוו האָט דאָך געשטרעבט צו דעם אמת, לויטן אַלגעמיינעם געזעץ פון איטלעך באַוווּסטזיניק לעבן, און אָט דאָס דאָזיקע שטרעבן האָט אים געמאַטערט. ער האָט גאָר אַליין נישט געוווּסט, אַז ער שטרעבט, פונקט כּמעט ווי אַלע, צו דעם אמת, און דעריבער איז זיין אומרויקייט געווען נישט קלאָר. ער האָט נישט געקאָנט פאַר זיך געפונען דעם אמת און זיך פאַרפּלאָנטערט און אונטערגעגאַנגען.

די באַקאַנטע האָבן שוין אָנגעהויבן אויך אויפרייצן פערעדאָנאָוון מיטן געפעלשטן בריוו. מיט דער געוויינלעכער גראָבקייט צו אַ שוואַכן, וואָס איז אַזוי שכיח אין אונזער שטאַט, האָט מען אין זיין געגנוואַרט

זיך דורכגעשמועסט וועגן דער פֿעלשונג.

פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַ האָט מיט אַ שאַלקהאַפֿטיק שמייכעלע אַ פֿרעג געטון:

— וואָס-זשע, אַרדאַליאָן באָריסיטש, איר פֿאָרט נאָך אַלץ נישט אויף אייער נייעם פּאָסטן?

וואַרוואַרא האָט פֿאַר אים געענטפֿערט פּרעפּאָלאָווענסקאַיאַן מיט אַ באַהאַלטענער בייזקייט:

— מיר וועלן דעם פּאַפּיר באַקומען, וועלן מיר שוין פֿאָרן.

אויף פּערעדאָנאָוון האָבן אָט די געשפּרעכן אַרויסגעוואָרפֿן אַן אומעט.

„ווי אַזוי-זשע קאָן איך דאָס לעבן, אַז מען גיט מיר קיין פּאָסטן נישט?" — האָט ער געטראַכט.

ער האָט אַלץ צוגעקלערט נייע פּלענער פֿון פֿאַרטיידיקונג קעגן זיינע שונאים. ער האָט אין דער קיך צוגעגנבעט די האַק און זי פֿאַרבאַהאַלטן אונטערן בעט. ער האָט געקויפֿט אַ שוועדיש מעסער און עס שטענדיק געטראָגן מיט זיך אין קעשענע. ער פֿלעגט זיך שטענדיק פֿאַרשליסן. אויף ביינאַכט פֿלעגט ער אוועקשטעלן פּאַסטקעס אַרום דער שטוב און אין די צימערן, און שפּעטער זיי גוט באַקוקט.

די דאָזיקע פּאַסטקעס זענען געוויינלעך געווען אַזוי געמאַכט, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט אַריינפֿאַלן, זיי האָבן פֿאַרקלעמט, אָבער נישט פֿאַרהאַלטן, און מ'האָט מיט זיי געקאָנט אַוועקגיין. פּערעדאָנאָוו האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין ברעקל וויסן און פּראַקטיק. און זעענדיק יעדן אינדערפֿרי, אַז קיינער איז נישט אַריינגעפֿאַלן, האָט פּערעדאָנאָוו געמיינט, אַז די שונאים האָבן איבערגעפֿירט די פּאַסטקעס. דאָס האָט אים נאָכמער געשראָקן.

דערהויפּט האָט ער מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט נאָכגעשפּירט נאָך וואָלאָדינען. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער אַריין צו וואָלאָדינען, בשעת ער האָט באַמערקט, אַז יענער איז אינדערהיים נישטאָ. — און אַרומגעבישטערט, אַרומגעזוכט, צי האָט ער נישט פֿאַרכאַפּט וועלכע נישט איז פֿון זיינע פּאַפּירן.

פּערעדאָנאָוו האָט אָנגעהויבן אָנצושטויסן זיך, וואָס די פֿירשטן וויל, — ער זאָל זי ווידער ליב האָבן. און ער קאָן זי בשום-אופֿן

נישט דערליידן, אַזאַ אַלטע.

„זי איז דאָך שוין אַלט הונדערט פופציק יאָר". — האָט ער מיט בייזקייט געטראַכט.

„יאָ, זי איז אַלט, — האָט ער געקלערט — דערפאַר איז זי אָבער אַ קראַפט". און דער עקל האָט זיך ביי אים צונויפגעפלאָכטן מיט גלוסטונג. אַ קוים וואַרעמלעכע, אַ ריח פון אַ בר־מנן, האָט זיך פערעדאָנאָוו פאָרגעשטעלט און איז אויסגעגאַנגען פון ווילדער תאווה.

„מעגלעך, אַז מען קאָן זיך מיט איר צונויפגיין, און זי וועט ווידער גוט ווערן. אפשר איר גאָר אָנשרייבן אַ בריוו?"

און דאָס מאָל האָט פערעדאָנאָוו נישט לאַנג געטראַכט, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער פירשטן. ער האָט איר געשריבן:

„איך האָב אייך גערן דערפאַר, וואָס איר זענט אַ קאַלטע און אַ ווייטע. וואַרוואַרא שוויצט, מיט איר איז צו הייס צו שלאָפן, פון איר שפאַרט ווי פון אַן אויוון, כ'וויל האָבן אַ געליבטע — אַ קאַלטע און אַ ווייטע. קומט צו פאָרן און זייט אַזאַ".

אָנגעשריבן, אַוועקגעשיקט, און — חרטה געקריגן. „וואָס וועט פון דעם זיין? מעגלעך, אַז מען טאָר איר גאָרנישט נישט שרייבן, — האָט ער געקלערט, — מען וואָלט בעסער געדאַרפט אָפּוואַרטן, זי זאָל אַליין קומען".

אָט דער בריוו איז אַרויס גראָד צופעליק, ווי אַ סך זאַכן, וואָס פערעדאָנאָוו פלעגט צופעליק אָפּטון, — ווי אַ בר־מנן, וואָס ווערט באַוועגט דורך אויסערלעכע קרעפטן, און כמעט ווי די דאָזיקע קרעפטן האָבן גאָר קיין חשק נישט לאַנג זיך צו עוסקן מיט אים: איינע שפּילט זיך אָפּ און גיט אים איבער צו אַן אַנדערע.

אינגיכן האָט זיך דאָס אומבאַרירל ווידער באַוויזן, — זייער לאַנג פלעגט עס זיך אַרומקאָלערן אַרום פערעדאָנאָוון, כמעט ווי דאָס וואָלט געווען געכאַפּט אויף אַ שטריק, און זיך געהאַלטן אין איין רייצן מיט אים. און קיין קלאַנג האָט זיך שוין פון דעם נישט געהערט, עס פלעגט לאַכן אין זיך און איפּטרייסלען מיטן גאַנצן גופל. און עס פלעגט זיך אָנצינדן מיט טונקל־גאָלדענע פונקען, אַ שלעכטס,

אַן אומפּאַרשעמטס, — עס האָט געדראָט און געברענט מיט אַ וווג־דערלעכער פרייד. און דער קאָטער האָט געדראָט פּערעדאָנאָוון, גע־בליצט מיט די אויגן און געמיאָקעט, חוצפּהדיק און גרויזאַם.

„פון וואָס פרייען זיי זיך דאָס?” — האָט פּערעדאָנאָוו מיט אומעט געקלערט און מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף, אַז די פירשטן איז שוין צו נאָענט, גאָר נאָענט.

מעגלעך זייער, אַז אָט אין דעם טעשל קאָרטן.

יאָ, גאָר קיין ספק נישט, אַז זי איז די דאַמע פּיק אָדער רויט, מעגלעך, אַז זי באַהאַלט זיך גאָר אין אַן אַנדער טעשל ק...ן, אָדער גאָר הינטער אַנדערע קאָרטן, און ווי זי זעט אין דער אמתן אויס — איז אומבאַוווסט. דער גאַנצער אומגליק איז באַשטאַנען, וואָס פּערעדאָ־נאָוו האָט זי גאָר קיינמאָל נישט געזען. פרעגן וואַרוואַראן איז נישט כדאי — זי וועט געוויס ליגן.

סוף־כל־סוף האָט פּערעדאָנאָוו באַשלאָסן צו פאַרברענען דאָס גאַנצע טעשל קאָרטן. זאָלן אַלע ברענען, אויב זיי זענען אַזעלכע צו־להכעיסניקעס און קריכן אומישנע אין די קאָרטן אַריין, זיי זענען זיך אַליין שולדיק.

פּערעדאָנאָוו האָט אָפּגעוואַרט אַ צייט, ווען וואַרוואַרא איז אין דערהיים נישט געווען, און דער אויוון אין זאַל האָט זיך געהייצט, — און אַריינגעוואָרפן די קאָרטן, אַ גאַנצע טאַליע, אין אויוון אַריין.

מיט אַ טראַסק האָבן זיך אַ צעלאָז געטון נאָך נישט געזעענע, בלאַס־רויטע בלומען, — און געפלאַקערט, ווערנדיק צעדרייט ביי די בריגעס. פּערעדאָנאָוו האָט אין איין שרעק געקוקט אויף אָט די פלאַמיקע בלומען.

די קאָרטן האָבן זיך געקנייטשט, איבערגעבויגן, באַוועגט, אָט גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסשפּרינגען פון אויוון. פּערעדאָנאָוו האָט געכאַפּט דאָס שאַראייזן און געקלאַפּט מיט דעם איבער די קאָרטן. אַ שאָט געטון האָבן זיך פון אַלע זייטן דריבנע, העלע פונקען, — און פלוצים, אינם העלן און בייזן געדריידל פון פונקען איז פונם פייער אויפגעשטיגן די פירשטן, אַ קליינינקע, אַן אַש־גרויע פרוי, אינגאַנצן באַשאָטן מיט אויסלעשנדיקע פייערלעך: זי האָט שרעקלעך געיאָמערט אויף אַ דין קולעכל, געשיפּעט און געשפּיגן אויפן פייער.

פּערעדאָנאָוו איז אומגעפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ און אָנגעהויבן וואָיען פון שרעק. די פינסטערניש האָט אים אַרומגענומען, געקיצלט און געלאַכט מיט וואָרקענדיקע קולות.

XXVI

סאַשאַ איז געווען באַצויבערט פון ליודמילאַן. נאָר עפּעס האָט אים געשטערט צו רעדן וועגן איר מיט קאָקאָווקינאַן. אָט כּמעט ווי ער וואָלט זיך געשעמט.

און ער פלעגט זיך שוין אַמאָל שרעקן אפילו פאַר איר קומען. דאָס האַרץ איז ביי אים אָפּגעשטאָרבן, און די ברעמען האָבן זיך נישט ווילנדיק געכמורעט, ווי נאָר ער פלעגט אין פענסטער באַמערקן איר רויז־געלן הוט, וואָס האָט שנעל אַ פינקל געטון. און דאָך האָט ער אויף איר צוגעוואַרט מיט מורא און מיט אומגעדולד, — געבענקט, אויב זי איז אַזוי גיך נישט געקומען. די ווידערשפּרעכלעכע געפילן האָבן זיך אויסגעמישט אין זיין נשמה, געפילן פינסטערע, אומקלאָרע,—איבערגעפירטע, מחמת זיי זענען נאָך געווען פאַר דער צייט, — און זיסע, מחמת זיי זענען געווען איבערגעפירטע.

ליודמילאַ איז נישט געווען, נישט היינט, נישט נעכטן. סאַשאַ איז שוין געווען אויסער זיך פון אָפּוואַרטן און אפילו שוין אויפגעהערט צו וואַרטן. און פלוצים איז זי אַריין. ער האָט אויפגעשיינט און גענומען קושן אירע הענט.

— נו, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, — האָט ער מיט אַ וואָרטשען איר אויסגערעדט — צוויי מעת־לעת אייך נישט צו זען.

זי האָט געלאַכט און זיך געפרייט, און אַ זיסער, מידער און לאַקרעצדיקער ריח פון יאַפּאַנישע פונקיעס האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט פון איר, אָט כּמעט ווי ער וואָלט געפלאָסן פון אירע טונקל־בלאָנדע לאָקן.

ליודמילאַ און סאַשאַ זענען אַוועק שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. זיי האָבן מיטגערופן קאָקאָווקינאַן — נאָר זי איז נישט געגאַנגען:

— ווי קום איך, צו אַלטע, צו גיין שפּאַצירן, — האָט זי דער־

קלערט, — כ׳וועל מיך נאָך פלאָנטערן אייך פאַר די פיס. שפּאַצירט אייך אַליין געזונטערהייט.

— און מיר וועלן גאָר שטיפן. — האָט ליודמילא געלאַכט.

די וואַרעמע לופט, די אומעטיקע, אומבאַוועגלעכע האָט גע־צערטלט און דערמאָנט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיך שוין נישט אומקערן. די זון ־האָט כמעט ווי אַ קראַנקע שוואַך געברענט און רויט געוואָרן אויפן בלאַסן, מידן הימל. די טרוקענע בלעטער אויף דער טונקעלער ערד זענען געלעגן אונטערגעגעבענע, טויטע...

ליודמילא און סאַשאַ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן טאָלוועג. דאָרטן איז געווען קיל, פריש, כמעט פייכט, — אַ צעפּיעשטשעטע האַרבסט־מידקייט האָט געהערשט צווישן זיינע באַשאָטנטע משופּעס.

ליודמילא איז געגאַנגען פאָרויס, זי האָט אונטערגעהויבן דאָס קליידל, אַנטפּלעקט האָבן זיך קליינע שיכלעך און לייב־קאָלירענע זאָקן, סאַשאַ האָט אַראָפּגעקוקט, כדי זיך נישט צו פאַרטשעפּען אין אַ וואָרצל און האָט דערזען די זאָקן, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שיך זענען אָנגעטון אויף די הוילע פיס. אַ שעם־געפיל און אַ ליידנשאַפט האָט אויפגעוואַכט אין אים, ער האָט זיך אָנגעצונדן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

אומפאַלן, אָט כמעט ווי נישט אומישנע, צו אירע פיס, — האָט ער געטראַכט — אַראָפּשלעפן אירע שיך און אַ קוש טון איר צאַרטן פוס.

ליודמילא האָט כמעט ווי דערפילט אויף זיך סאַשאַס היציקן בליק, זיין אומגעדולדיקן ווילן. זי האָט זיך מיט אַ געלעכטער אומ־געקערט צו סאַשאַן.

— קוקסט אויף מיינע זאָקן? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— ניין, סתם אַזוי זיך. — האָט סאַשאַ פאַרשעמט אַ מורמל געטון.

— אָך, איך האָב אַזעלכע זאָקן, — האָט ליודמילא מיט אַ גע־לעכטער באַמערקט און נישט געהערט, וואָס ער רעדט, — אַ שרעק וואָס פאַר אַ זאָקן איך האָב! מען קאָן נאָך מיינען, אַז כ׳האָב די שיך אָנגעטון אויף די הוילע פיס, — זיי זענען אמתע לייב־קאָלירענע. נישט וואָר, סאַשאַ, ס׳איז אַ שרעקלעך קאָמישע זאָקן.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן געזיכט צו סאַשאַן און אונטער־געהויבן דאָס קליידל.

— קאָמישע? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— ניין. שיינע. — האָט סאַשאַ באַטאָנט און איז רויט געוואָרן.

ליודמילא האָט מיט אַ געמאַכטער פאַרוווּנדערונג אויפגעהויבן די ברעגעס און האָט אויסגעשריגן:

— זאָגט נאָר, כ'בעט אייך, נאַט אייך נאָך אַ מבין אויף שיינ־קייט!

ליודמילא האָט זיך צעלאַכט און איז ווייטער געגאַנגען. סאַשאַ האָט געברענט פון חרפה און איז איר אומגעלומפערט נאָכגעגאַנגען און אַלע מינוט זיך פאַרטשעפעט אין אַן אַנדער וואָרצל.

זיי זענען אריבער דעם טאָלוועג. האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ שטאָם פון אַ בערעזע, וואָס דער ווינט האָט איבערגעבראָכן. ליוד־מילא האָט באַמערקט:

— אָ, וויפל זאַמד מיר האָט זיך עס אָנגעשאָטן אין די שיך, — כ'קאָן פשוט נישט גיין.

זי האָט אויסגעטון די שיך, אויסגעטרייסלט דעם זאַמד, און שאלקהאַפטיק אַ קוק געטון אויף סאַשאַן.

— אַ שיין פיסל? — האָט זי איבערגעפרעגט.

סאַשאַ איז נאָכמער רויט געוואָרן און שוין גאָרנישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

ליודמילא האָט אַראָפגעשלעפט דעם זאָק.

— אַ ווייס פיסל? — האָט זי ווידער איבערגעפרעגט און דערביי מאָדנע און שאלקהאַפטיק געשמייכלט, — אויף די קני! קוש! — האָט זי שטרענג באַפוילן, און אַ נצחונותדיקע אכזריותדיקייט האָט זיך אויף איר געזיכט צעשטראַלט.

סאַשאַ האָט זיך רירעוודיק אַראָפגעלאָזן אויף די קני און אַ קוש געגעבן ליודמילאַן אין פוס.

— אָן זאָקן איז אַ סך אָנגענעמער, — האָט ליודמילא געטענהט, באַהאַלטן די זאָקן אין קעשענע און אַריינגעשטעקט די פיס אין די שיך.

און איר געזיכט איז ווידער געוואָרן רויק און פריילעך, אָט

גלייך ווי סאַשאַ וואָלט ערשט גאָרנישט אַראָפּגעלאָזן זיך פֿאַר איר אויף די קני, קושנדיק די נאַקעטע פֿיס אירע.

סאַשאַ האָט אַ פֿרעג געטון:

— טייערינקע, וועסט זיך, חלילה, נישט צוקילן?

זיין קול האָט געקלונגען צאַרט און ציטערנדיק. ליודמילא האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס נאָך, כ'בין געוווינט שוין, כ'בין נישט אַזאַ צעפּיעשטשעטע.

איינמאָל, פֿאַרנאַכטלעך, איז ליודמילא אַריין צו קאָקאָווניקאַן און אַרויסגערופֿן סאַשאַן.

— קום צו מיר וועסטו מיר אויפֿהענגען אַ ניי פּאָלעטשקעלע.

סאַשאַ האָט שטאַרק גערן געהאַט צו קלאַפּן טשוועקעס אין די ווענט און איינמאָל צוגעזאָגט ליודמילאַן, אַז ער וועט איר העלפֿן איינאָרדנען איר צימער. און איצט האָט ער איינגעשטימט, פֿרייענדיק זיך, וואָס עס איז פֿאַראַן אַזאַ לייכטער תירוץ צו גיין מיט ליודמילאַן און צו ליודמילאַן. און דער אומשולדיקער, זויערער ריח פֿון עקסטראַ־מיגע, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון ליודמילאַס גרינלעך קליידל, האָט אים צאַרט באַרויקט.

צו דער אַרבעט האָט זיך ליודמילא איבערגעטון הינטערן פּאַראַוואַן, און איז פֿון דאָרט אַפּער צו סאַשאַן שוין אין אַ קורץ, הגם פֿאַרפּוצט קליידל, מיט אַנטבלויזטע הענט ביז צו די עלנבויגנס, מיט שיך אָנגעטון אויף די באָרוועסע פֿיס, און אַרומגעפּאַרפֿומירט מיט זיסער, מידער און לאַקרעצדיקער יאַפּאַנישער פֿונקיע.

— זע נאָר, ווי ס'האָט זיך אויסגעפּוצט! — האָט סאַשאַ באַמערקט.

— נו, אוודאי אויסגעפּוצט. זעסט, — האָט ליודמילא באַטאָנט מיט אַ שמייכל און געוויזן אויף אירע שיך — באָרוועסע פֿיס. — און אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער מיט אַ שעמעוודיק־גאַוודיקער אויסגעצויגנקייט.

סאַשאַ האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און באַמערקט:

— ביסט שטענדיק פֿאַרפּוצט. נו, וואָס־זשע, מיר וועלן זיך נע־

מען צו דער אַרבעט. ווו זענען די טשוועקעס? — האָט ער פֿאַרזאָרגט איבערגעפֿרעגט.

— וואַרט צו אַ ביסל, — האָט ליודמילאַ געענטפֿערט — זײַ נאָך כּאָטש אַ ביסל מיט מיר, אַ נישט באַקומט זיך, אַז דו קומסט צו מיר נאָר צוליב אַן ענין, און מיט מיר ווילסטו אפֿילו אַ וואָרט נישט אויסרעדן.

סאַשאַ איז רויט געוואָרן.

— טײַערע ליודמילאָטשקאַ, — האָט ער צאַרט באַטאָנט — כ׳וואָלט מיט אײַך געזעסן וויפֿל אירווילט, ביז איר וואָלט מיך אַליין נישט אַרויסגעיאָגט, נאָר די לעקציעס דאַרף מען צוגרייטן, די לעקציעס.

ליודמילאַ האָט לײַכט אָפּגעזיפֿצט און פּאַמעלעך אַרויסגערעדט:

— דו ווערסט אַלץ שענער, סאַשאַ!

סאַשאַ איז רויט געוואָרן, ער האָט זיך צעלאַכט און אַרויסגעשטעקט דעם שפּיץ צונג.

— וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן, — האָט ער באַמערקט — כ׳בין דען אַ פּרײַלן, צו וואָס דאַרף איך שענער ווערן.

— דאָס געזיכט איז זעלטן שיין, און הײַנט דאָס לײַב, באַווײַז עס מיר, נו, כּאָטש ביזן גאַרטל. — האָט זיך ליודמילאַ טוליענדיק צו סאַשאַן געבעטן און אים אַרומגענומען אַרום פּלײצע.

— נו, וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן? — האָט סאַשאַ פֿאַרשעמט און מיט פֿאַרדרוס באַטאָנט.

— וואָס שאַדט דען? — האָט ליודמילאַ איבערגעפֿרעגט מיט אַ זאָרגלאָז קול, — וואָס איז עס בײַ דיר אַ פֿאַרהוילעניש, וואָס?

— עמעצער קאָן נאָך אַרײַנקומען. — האָט סאַשאַ דערקלערט.

— ווער וועט אַרײַן? — האָט ליודמילאַ פּונקט אַזוי לײַכט און זאָרגלאָז באַמערקט. — און מיר קאָנען גאָר פֿאַרשליסן די טיר, וועט שוין זיכער קיינער נישט אַרײַן.

ליודמילאַ איז רירעוודיר צוגעלאָפֿן צו דער טיר און זי פֿאַרמאַכט אויפֿן ריגל. סאַשאַ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ליודמילאַ שפּאַסט נישט. ער איז רויט געוואָרן, כּמעט אַז טראָפּנס שווייס זענען אים אויפֿן שטערן אַרויסגעטראָטן און באַמערקט:

— נו, מען דאַרף נישט, ליודמילאָטשקאַ.

— נאַרעלע, פֿאַרוואָס דאַרף מען עפּעס נישט? — האָט ליודמי־

לאַ מיט אַן איבערצייגנדיק קול איבערגעפרעגט.

זי האָט צו זיך צוגעצויגן סאַשאַן און גענומען אים אָפּקנעפּלען זיין בלוזע. סאַשאַ האָט זיך נישט געלאָזן, זיך געקלאַמערט אין אירע הענט. זיין פּנים איז געוואָרן צעשראָקן. — און אַ שעם־געפיל, וואָס איז געווען ענלעך צו שרעק, האָט אים אינגאַנצן באַוועלטיקט. און פון דעם איז ער מיט אַמאָל אינגאַנצן שוואַך געוואָרן. ליודמילאַ האָט צונויפגערוקט די ברעמען און אים אַנטשלאָסן אויסגעטון. אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק, ווי נישט איז זיך אַן עצה געגעבן מיט דער בלוזע. סאַשאַ האָט זיך געפערלעך געווערט. זיי האָבן זיך געפּאָרעט, געדרייט איבערן צימער, זיך פאַרטשעפּעט אין טיש, אין די שטולן, דער לאַקרעצדיקער ריח, וואָס האָט זיך געפילט פון ליודמילאַן, האָט סאַשאַן פאַרשיכורט און אָפּגעשוואַכט.

מיט אַ שנעלן שטויס אין דער ברוסט האָט ליודמילאַ אומגעוואָרפן סאַשאַן אויפן דיוואַן. פונם העמד, וואָס זי האָט אַ ריס געטון, איז אַראָפּגעפאַלן אַ קנעפּל. ליודמילאַ האָט שנעל אַנטבלויזט סאַשאַס אַקסל, און גענומען אַרויסשלעפּן די הענט פונם אַרבל

ווערנדיק זיך, האָט סאַשאַ נישט אומישנע אַ קלאַפּ געטון ליודמילאַן איבער דער באַק. ער האָט זיכער נישט געוואָלט איר אַ פּאַטש טון, חלילה, נאָר דער קלאַפּ איז גראָד אויסגעפאַלן אויף ליודמילאַס באַק מיט דער גאַנצער האַנט, אַ שטאַרקער און הילכעדיקער. ליודמילאַ האָט אַ ציטער געטון, זיך אַ שאָקל געגעבן, זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלישער רויטקייט, אָבער סאַשאַס הענט נישט אָפּגעלאָזן.

— דו שלעכט יינגל, דו, שלאָגן זיך גאָר! — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטער שטים אויסגעשריגן.

סאַשאַ האָט זיך שרעקלעך פאַרלוירן, ער האָט די הענט אַראָפּגעלאָזן און שולדיק געקוקט אויף די בלייכע פּאַסיקלעך, די שפּורן פון זיינע פינגער, וואָס האָבן זיך אָפּגעפּרעסט אויף ליודמילאַס באַק. ליודמילאַ האָט אויסגענוצט זיין פאַרלוירנקייט. זי האָט שנעל אַראָפּגעלאָזט זיין העמד פון ביידע אַקסל ביז די עלנבויגנס. סאַשאַ האָט זיך געכאַפּט, זיך אַ ריס געטון. נאָר באַקומען האָט זיך נאָך ערגערס, — ליודמילאַ האָט געשווינט אַראָפּגעשלעפּט די אַרבל פון זיינע הענט, — דאָס העמד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן גאַרטל. סאַשאַ האָט דער־

פילט אַ קעלט און אַ נייעם צופלוס פון בושה, פון קלאָרער און אומ־ברחמנותדיקער, וואָס פאַרדרייט ממש דעם קאָפּ. איצט איז סאַשאַ געווען נאַקעט ביזן גאַרטל.

ליודמילא האָט אים געהאַלטן פעסט פאַר דער האַנט און מיט אַ ציטערדיקער האַנט אים געפּעטשלט איבער זיין נאַקעטער פּלייצע, אַריינקוקנדיק אין זיינע אַראָפּגעלאָזטע, משונה־פינקלדיקע אויגן אונ־טער די בלוילעך־שוואַרצע ווימפּערן.

און מיטאַמאָל האָבן די ווימפּערן אַ ציטער געטון, דאָס געזיכט האָט זיך אויסגעקרומט מיט אַ נעבעכדיקער קינדישער גרימאַסע, — און ער האָט זיך צעוויינט אומגעריכט הויך, אויפן קול.

— שטיפערין! — האָט ער מיט אַ יללהדיק קול אויסגעשריגן. — לאָכט אָפּ!

— זיך צעניאַניעט! שנעק! — האָט ליודמילא בייז און פאַר־שעמט געמורמלט און אים אָפּגעשטויסן.

סאַשאַ האָט זיך אָפּגעקערט, אויסגעווישט מיט די דלאָניעס די טרערן. ער האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט געוויינט. ער האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן.

ליודמילא האָט זשעדנע געקוקט אויף זיין נאַקעטער פּלייצע.

וויפל שיינקייט איז פאַראַן אויף דער וועלט! — האָט זי גע־טראַכט, — מענטשן פאַרדעקן פון זיך אַזויפיל שיינקייט, — צו וואָס?

סאַשאַ האָט זיך פאַרשעמט געגנורעט אין די נאַקעטע אַקסל. ער האָט געפּרוווט אָנטון דאָס העמד, אָבער עס האָט זיך בלויז געקנייטשט, געשאָרכעט אונטער זיינע ציטערדיקע הענט, און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט די הענט אַריינרוקן אין די אַרבל. סאַשאַ האָט זיך גע־כאַפּט צו דער בלוזע, — זאָל שוין דאָס העמד אַזוי בלייבן.

— אָך, איר האָט זיך דערשראָקן פאַר אייער אייגנטום, איך וועל עס נישט צוגנבענען! — האָט ליודמילא באַמערקט מיט אַ בייז־לעכער שטים, וואָס האָט געציטערט פון טרערן.

זי האָט אים האַסטיק אַ וואָרף געטון דעם פּאַס און זיך אויס־געדרייט צום פענסטער. איינגעוויקלט אין דער גרויער בלוזע, ווער דאַרף אים, דעם שנעק, דעם דערווידערלעכן חנדלער!

סאַשאַ האָט שנעל אָנגעטון די בלוזע, ווי נישט איז צורעכט

געמאַכט דאָס העמד, און אַ קוק געטון אויף לודמילאַן, פאָרזיכטיק, נישט באַשלאָסן און פאַרשעמט. ער האָט געזען, ווי זי ווישט אויס די באַקן מיט די הענט, ער איז פאַרשעמט צוגעגאַנגען צו איר און איר אַריינגעקוקט אין געזיכט, — און די טרערן, וואָס האָבן גערונען איבער אירע באַקן, האָבן אים מיטאַמאָל פאַרסמט מיט אַ רחמנות צו איר, — און ער האָט זיך שוין נישט געשעמט און ס'האָט אים שוין גאָרנישט נישט פאַרדראָסן.

— וואָס־זשע וויינט איר, ליבע לודמילאָטשקע? — האָט ער איר שטיל געפרעגט.

און איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, — ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם קלאַפּ.

— איך האָב אייך אַ קלאַפּ געטון, אַנטשולדיקט. איך האָב עס דאָך נישט אומישנע. — האָט ער שרעקיק געזאָגט.

— וועסט צוגענומען ווערן, וואָס, נאַרישער שנעק, אַז דו וועסט אַ ווײַלע זיצן מיט נאַקעטע פּלייצעס, — האָט לודמילא געזאָגט מיט אַ קלאָגעדיק קול, — האָסט מורא, וועסט פאַרברענט ווערן. די שיינקייט און די אומשולד וועלן אָפּגעבלאַקעוועט ווערן.

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס, לודמילאָטשקע? — האָט סאַשאַ מיט אַ פאַרשעמטער גרימאַסע געפרעגט.

— צו וואָס? — האָט לודמילא ליידנשאַפטלעך גענומען רעדן.— איך האָב ליב שיינקייט. אַ געצנדינערין בין איך, אַ זינדיקע. איך וואָלט גאָר אין אוראַלטן אַטען געדאַרפט געבוירן ווערן. איך האָב ליב בלומען, פאַרפומען, בונטע קליידער, נאַקעטע לייב. מ'זאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ נשמה. איך ווייס נישט, איך האָב זי נישט געזען. און צו וואָס דאַרף איך זי? אָט לאָמיך בעסער שטאַרבן, ווי אַ רוסאַלקע, ווי אַ וואָלקנדל אויף דעם הימל ווערט אונטער דער זון צעגאַנגען. איך האָב ליב לייב, — שטאַרקס, לופטיקס, נאַקעטס, וואָס קאָן הנאה האָבן.

— און עס קאָן דאָך אויך ליידן, — האָט סאַשאַ שטיל געזאָגט.

— און ליידן און דאָס איז אויך גוט, — האָט לודמילא ליידנשאַפטלעך אַ שעפּטשע געטון, — ס'איז זיס אַפילו דעמאָלט ווען עס טוט וויי, — אַבי מ'פילט דאָס לייב, אַבי נאָר צו זען די נאַקעטקייט און די שיינקייט פון לייב.

— אָן קליידער איז דאָך אָבער אַ בזיון? — האָט סאַשאַ שרעקעוודיק באַטאָנט.

ליודמילא האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטון פאַר אים אויף די קני.

— טייערינקער אָפּגאָט שיינער, ייִנגל, גאָט-ענגלעכער, — האָט זי קוים אָטעמענדיק געקושט זיינע הענט און געשעפּטשעט — איין מינוט, נאָר איין מינוט לאָמיך אַ קוק טון אויף דיינע נאַקעטע אַקסלען.

סאַשאַ האָט אַ זיפץ געטון, אַראָפּגעלאָזן די אויגן, רויט געוואָרן און אומגעשיקט אויסגעטון די בלוזע. ליודמילא האָט אים אַ כאַפּ געגעבן מיט אירע הייסע הענט און באַשאָטן מיט קושן זיינע נאַקעטע אַקסלען, וואָס האָבן געציטערט פון בושה.

— אָט ווי איך פאָלג! — האָט סאַשאַ באַמערקט מיט אַ געצוויטן שמייכל, כדי מיט דעם צו פאַרטרייבן זיין פאַרלוירנקייט.

ליודמילא האָט אייליק געקושט סאַשאַס הענט, פונם אַקסל ביז צו די פינגער, — און סאַשאַ האָט זיי נישט צוגענומען. ער איז געווען אויפגערעגט, פאַרזונקען אין ליידנשאַפטלעכע און אכזריותדיקע דמיונות. ליודמילאס קושן זענען אָנגעוואַרעמט געווען מיט פאַרגעטערונג, — און שוין נישט קיין ייִנגל, — נאָר אַ בחור אַ גאָט האָבן אירע ליפּן געקושט אין אַ פלאַטערדיקער און סודותפולער עבודה צום אויפבליענדיקן לייב.

און דאַריאַ און וואַלעריאַ זענען געשטאַנען הינטער דער טיר און נאָך דער ריי נאָך, שטופנדיק איינס די אַנדערע פון אומגעדולד, צוגעקוקט דורכן שליסל-לאָך און אויסגעגאַנגען שיר פון ליידנשאַפטלעכער און ברענענדיקער אויפרעגונג.

— צייט שוין זיך אָנצוטון — האָט סאַשאַ ענדלעך זיך אָנגערופן.

ליודמילא האָט אָפּגעזיפצט, — און מיט דער זעלביקער פאַרגעטערונג אין די אויגן אים אָנגעטון דאָס העמד און די בלוזע, באַדינענדיק אים מיט אַן אויסדרוק פון יראת-הכבוד און פאָרזיכט.

— טאָ ביסטו טאַקע אַ געצנדינערן? — האָט סאַשאַ מיט פאַרלעגנהייט איבערגעפרעגט.

ליודמילא האָט זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט.

— און דו? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— נו, וואָס נאָך! — האָט סאַשאַ זיכער געענטפערט. — איך

קען דעם גאַנצן קאַטעכיזם אויסנווייניק.

ליודמילא האָט געלאַכט. סאַשאַ האָט, קוקנדיק אויף איר, אַ שמייכל געטון און איבערגעפרעגט:

— אַז דו ביסט אַ געצנדינערן, טאָ פאַרוואָס-זשע גייסטו אין קלויסטער אַריין?

ליודמילא האָט אויפגעהערט צו לאַכן און זיך פאַרטראַכט.

— טאָ וואָס, — האָט זי באַמערקט, — מען דאַרף דאָך מתפלל זיין, מתפלל זיין, זיך אויסוויינען, אַ ליכטל שטעלן, זיך דערמאָנען אָן עמעצן און איך האָב דאָס אַלץ גערן, — די ליכט, די לעמפלעך, דעם ווייַרויך, די הייליקע בגדים, דאָס געזאַנג, — אויב די משוררים זענען גוטע, — די הייליקע בילדער זענען באַפוצט מיט לענטעס. יאָ, דאָס אַלץ איז וווּנדערלעך-שיין. און נאָך האָב איך גערן... דו ווייסט... דעם געקרייציקטן...

ליודמילא האָט ארויסגערעדט די לעצטע ווערטער גאַנץ שטיל, כמעט מיט אַ שעפּטשען, זי האָט זיך פאַררויטלט כמעט ווי א שולדיקע און האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ווייסט, ער חלומט זיך מיר אַמאָל. — ער הענגט אויפן צלם און אויפן לייב — טראָפּנס בלוט.

פון דעמאָלט אָן פלעגט שוין ליודמילא נישט איינמאָל, אַוועקפירנדיק סאַשאַן צו זיך אין צימער, אים אָפּשפּילען באַלד די קורטקע. צום אָנהויב פלעגט ער זיך שעמען ביז טרערן, נאָר אינגיכן איז ער צו דעם געוווינט געוואָרן, און ער האָט שוין געקוקט קלאָר און רויק, ווי ליודמילא האָט אים אַראָפּגעלאָזט זיין העמד, אָפּגעדעקט זיינע אַקסלען, געגלעט און געפּעטשלט אים איבער דער פּלייצע. און לסוף האָט ער זיך שוין אַליין אָנגעהויבן אויסטון.

און ליודמילאן איז געווען אָנגענעם אים צו האַלטן אַ האַלבנאַקעטן ביי זיך אויף די קני, אַרומנעמען, און אים קושן.

סאַשאַ איז געווען איינער אַליין אין שטוב. ער האָט זיך דערמאָנט אין ליודמילאן, אין אירע הייסע בליקן אויף זיינע נאַקעטע אַקסל.

און וואָס וויל זי? — האָט ער איבערגעטראַכט.

און פּלוצים איז ער רויט געוואָרן ווי ציגעטער און דאָס האַרץ האָט שרעקלעך אָנגעהויבן קלאַפּן. אַ צעווילדעוועטע פרייערלעכקייט האָט

אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט אַ שליידער געטון זיין שטול, עטלעכע מאָל זיך איבערגעקוליעט, אַ וואָרף געטון זיך אויף דער ערד, געשפּרונגען אויפן מעבל, — טויזנטער אומזיניקע באַוועגונגען האָבן אים געשליידערט פון איין ווינקל צום אַנדערן, און זיין פריילעכער, העלער, קלאָרער געלעכטער האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב.

גראָד דעמאָלט האָט זיך קאָקאָווקינא אומגעקערט צוריק אַהיים, דערהערט דעם שרעקלעכן טומל און איז אַריין צו סאַשאַן אין צימער. אַ פאַרבליפטע איז זי געבליבן שטיין אויף דער שוועל און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס האָסטו זיך עס משוגענערווייז צעהוליעט, סאַשענקע! — האָט זי באַטאָנט. — כ'וואָלט זאָגן, מיט חברים. און דאָ, נאַדיר גאָר איינער אַליין מיט זיך. שעם זיך, טאַטעלע, — ביסט דאָך שוין נישט קיין קלייניקער.

סאַשאַ איז געשטאַנען, — און פון בזיון האָבן זיך ביי אים כמעט די הענט אָפּגענומען, — שווערע, אומגעלומפּערטע, — און זיין גאַנצער קערפּער האָט נאָך געציטערט פון אויפרעגונג.

איינמאָל האָט קאָקאָווקינא געטראָפן ליודמילאַן ביי זיך, — זי האָט געקאָרמעט סאַשאַן מיט קאָנפעקטן.

— איר קעכלט אים, — האָט קאָקאָווקינא צאַרט באַמערקט — ער האָט ביי מיר גערן זיסע זאַכן.

— יאָ, און אָט דערפאַר טאַקע רופט ער מיך שטיפערין. — האָט זיך ליודמילא געקלאָגט.

— אַי, סאַשענקע, מען מעג דען אַזוי! — האָט קאָקאָווקינא מיט אַ צאַרטן פאָרוואורף באַטאָנט. — פאַרוואָס־זשע רופסטו זי אַזוי?

— אַז זי טרייסלט מיך. — האָט סאַשאַ שטאַמלענדיק דערקלערט.

ער האָט בייז אַ קוק געטון אויף ליודמילאַן און איז פייער־רויט געוואָרן. ליודמילא האָט געלאַכט.

— רכילותניצע. — האָט איר סאַשאַ אונטערגעשעפּטשעט.

— ווי מעג מען זיך עס זידלען, סאַשענקע! — האָט אים קאָקאָווקינא אויסגערעדט. — מען טאָר זיך נישט זידלען.

סאַשאַ האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף ליודמילאַן און שטיל דערקלערט:

— נו, כ'וועל שוין מער נישט.

איצט, אַז סאַשאַ פלעגט קומען, פלעגט זיך שוין ליודמילאַ מיט אים פאַרשליסן, אים באַלד אויסטון און גענומען אויספוצן אין פאַרשידענע קליידער. זייער זיסע בושה פלעגט זיך באַקליידן מיט געלעכטער און שפּאַסן.

צומאָל פלעגט ליודמילאַ אײַנציִען סאַשאַן אין אַ קאָרסעט, און אים אָנטון איר קליידל, ביים דעקאָלטירטן לייבל האָבן סאַשאַס נאַקעטע הענט, פולע און צאַרט־פאַררונדיקטע, און זײַנע קײַלעכדיקע אַקסלען, אויסגעזען זייער שיין. די הויט איז בײַ אים געווען אַ געלבלעכע, נאָר, ווי ס'טרעפט זייער זעלטן, אַ גלאַטע און אַ צאַרטע. ליודמילאַס קליידל, אירע זאָקן, אירע שיך, אַלץ איז געווען כמעט ווי אויף זײַן מאָס, און אַלץ האָט אים געפּאַסט. אָנגעטון זיך אין די ווײַבערשע קליידער, האָט זיך סאַשאַ צוגעזעצט און זיך געפאָכעט מיט אַ פעכער. אין אָט די קליידער איז ער באמת געווען ענלעך צו אַ מיידל און זיך באַמיט צו האַלטן ווי אַ מיידל.

איין זאַך נאָר איז געווען אומבאַקוועם, — סאַשאַס געשוירענע האָר. אָנטון אים אַ פּאַרוק, אָדער אים צובינדן אַ פאַלשן צאָפּ, האָט ליודמילאַ נישט געוואָלט, — ס'איז עקלדיק.

ליודמילאַ האָט סאַשאַן געלערנט מאַכן רעוועראַנסן. לכתחילה פלעגט ער עס מאַכן אומגעשיקט. נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַ סך גראַציע, הגם ס'איז געווען אויסגעמישט מיט ייִנגלשער אומגעלומפּערטקייט. פאַררויטלענדיק זיך און לאַכנדיק, האָט ער זיך פלייסיק געלערנט צו מאַכן רעוועראַנסן און צו קאָקעטירן אויף וואָס די וועלט שטייט.

צומאָל פלעגט ליודמילאַ נעמען זײַנע הענט, די נאַקעטע, די שלאַנקע, און זיי קושן. סאַשאַ האָט זיך נישט געווערט און מיט אַ שמייכל געקוקט אויף ליודמילאַן, אָפּטמאָל פלעגט ער אַליין אונטערטראָגן זײַנע הענט צו ליודמילאַס ליפּן און בעטן:

— קוש!

נאָר מער פון אַלץ זענען, סײַ אים, סײַ איר, געפעלן אייניקע קליידלעך, וואָס ליודמילאַ האָט אַליין אויפגענייט: אַ קליידל פון אַ פישער מיט נאַקעטע פיס, און אַ לייבראָק פון אַן אַטענער באָרוועסן ייִנגל.

לודמילאַ פּוצט אים אויס און קאָן זיך ממש פון אים נישט אָפּרייסן. און אַליין ווערט זי בלאַס און טרויעריק.

* * *

סאַשאַ איז געווען אויף לודמילאַס בעט, איבערגעקליבן די פאַלדן פון דעם ליטאָן און געשאָקלט מיט זיינע נאַקעטע פיס. לודמילא איז געשטאַנען פאַר אים און געקוקט אויף אים מיט אַן אויסדרוק פון גליק און פאַרוואונדערונג.

— ס׳אַראַ נאַרעלע דו ביסט דאָס! — האָט סאַשאַ געזאָגט.

— אין מיין נאַרישקייט איז דאָ אַזויפיל גליק! — האָט ד בלאַסע לודמילא געפּליסטערט, און האָט געוויינט און געקושט סאַשאַסיהענט.

— פאַרוואָס-זשע וויינסטו? — האָט סאַשאַ געפרעגט מיט אַ שמייכעלע.

— מיין האַרץ איז צעביסן פון פרייד. מיין ברוסט האָבן געטראָפן זיבן שפּיזן פון גליק, — פאַרוואָס זשע זאָל איך נישט וויינען?

— ביסט אַ נאַרעלע, אויף מיין וואָרט, אַ נאַרעלע! — האָט סאַשאַ מיט אַ געלעכטערל געזאָגט.

— און דו ביסט אַ חכם! — האָט לודמילא מיט אַן אומגעריכטן פאַרדראָס געזאָגט, אויסגעווישט די טרערן, און אָפּגעזיפצט, — פאַרשטיי, נאַרעלע, — האָט זי גענומען רעדן מיט אַ שטילן איבערלייגנדיקן קול, — בלויז אין דעם אומזין איז דאָס גליק און די חכמה.

— נו, אַוודאי! — האָט סאַשאַ מיט אומצוטרוי געזאָגט.

— מ׳דאַרף פאַרגעסן, מ׳דאַרף זיך פאַרגעסן, און דעמאָלט ווערסטו אַלץ פאַרשטיין, — האָט לודמילא געשעפּטשעט. — ווי מיינסטו, ווי אַזוי דערזען דאָס קלוגע מענטשן?

— ווי אַזוי זשע?

— זיי ווייסן דאָס. זיי קאָנען דאָס גלייך; ער גיט נאָר אַ קוק, און אַלץ איז שוין פאַר אים אָפן און קלאָר.

דער האַרבסטיקער אָוונט האָט זיך לאַנג געצויגן. דורך די פענצטער האָט זיך צומאָל קוים געהערט אַ לייכטער שאָרכען, בשעת דער ווינט האָט אַ וויג געטון די צווייגן פון דיביימער.

סאַשאַ און לודמילא זענען געווען איינער אַליין. לודמילא האָט אים אָנגעטון אין קאָסטיום פון אַ באָרוויסן פישער — אַ רויזער זיידענער קאָסטיום, — אים אַוועקגעלייגט אויף אַ נידעריק געלעגער און

זיך צוגעזעצט ביי אים צופוסנס, — אַ באָרוועסע, אין איין העמד. דעם קאָסטיום און סאַשאַס לייב האָט זי באַגאָסן מיט פּאַרפום, — אַ געדיכטער גראָזיקער שאַרפער ריח איז עס געווען, כמעט ווי אַן אומבאַוועגלעכער געריך, אַ פאַרשלאָסענער אין די בערג און אין משונה־בליענדיקע טאָלן.

אויף איר האַלז האָבן געבלאַנקט העלע, גרויסע קאָראַלן, גאָלדענע בראַנסלעטן מיט אוזאָרן האָבן געקלונגען אויף די הענט. איר לייב האָט געשמעקט מיט איריס, — אַ ריח אַ געדיכטער, אַ שטיקנדיקער, אַ לייביקער, אַן אויפרעגנדיקער, וואָס וואַרפט אָן אַ דרימל און אַ פוילקייט, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט דאַמף פון פּאַמעלעך פליסנדיק וואַסער.

זי האָט זיך געמאַטערט און געזיפצט און געקוקט אויף זיין שוואַרצלעך געזיכט, אויף זיינע בלוילעך־שוואַרצע ווימפּערן און נאַכט־שוואַרצע אויגן. זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיינע נאַקעטע קני, און אירע העלע לאָקן האָבן געצערטלט זיין שוואַרצלעכע הויט. זי האָט געקושט סאַשעס לייב, און פון דעם אַראָמאַט, אַ מאָדנעם און אַ שטאַרקן, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט אַראָמאַט פון יונגן לייב, האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט.

סאַשאַ איז געלעגן און געשמייכלט מיט אַ שטילן, אומקלאָרן שמייכל. אין אים האָט זיך דערוועקט אַן אומקלאָרע תשוקה און אים זיס געמאַטערט. און בשעת לודמילא האָט געקושט זיינע קני און זוילן, האָבן די צאַרטע קושן געוועקט אין אים מידע, האַלב־וואַכנדיקע חלומות. עפּעס האָט זיך אים געוואָלט טון, עפּעס אַ ליבס און אַ שמערצלעכס, אַ צאַרטס און אַ מיאוס, — נאָר וואָס? קושן אירע פיס? אָדער זי גאָר שלאָגן, לאַנג, שטאַרק, מיט לאַנגע בייגעוודיקע ריטער זאָל זי לאַכן פון פרייד, אָדער שרייען פון ווייטיק?

מעגלעך, אַז אי דאָס, אי יענץ וואָלט איר אָנגעלייגט געווען, נאָר אַלץ איז איר נאָך קאַרג, טאָ וואָס־זשע דאַרף זי? אָט זענען זיי ביידע האַלב־נאַקעטע, און מיט זייער באַפרייט לייב איז פאַרבונדן אַ תשוקה און אַ פאַרבאַהאַלטענע בושה, — אָבער אין וואָס־זשע באַשטייט דער סוד פון לייב? און ווי אַזוי קאָן מען ברענגען דאָס

אייגענע בלוט און לייב אַלס מתיקותדיקן קרבן פאַר איר תשוקה צו זיין שעם־געפיל?

און לידמילא האָט זיך געמאַטערט און זיך געוואָרפן ביי זיינע פיס, אַ בלאַסע פון אוממעגלעכע פאַרלאַנגען, דערהיצנדיק זיך און ווערנדיק באַלד אָפגעקילט. זי האָט ליידנשאַפטלעך געשעפטשעט:

— בין איך דען נישט קיין שיינע! זענען דען די אויגן מיינע נישט שיין! זענען דען די האָר מיינע נישט פרעכטיק! גלעט־זשע מיך! טוליע מיך! רייס אַראָפ מיינע בראַנסלעטן, שפיליע אָפ מיין צירונג!

סאַשאַ האָט זיך געשראָקן און עפעס אוממעגלעכע פאַרלאַנגען האָבן אים פיינלעך געמאַטערט.

VII

פערעדאָנאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג. עמעצער האָט אויף אים געקוקט מיט אומגעהויערע, קאַלעמוטנע, פירעקעכדיקע אויגן. איז עס אפשר פילניקאָוו? פערעדאָנאָוו איז צו צום פענסטער און באַגאָסן דעם בייז־בשורהדיקן טייוול.

אויף אַלץ איז געלעגן אַ כישוף און אַ פלא. דאָס ווילדע אומבאַרירל האָט געקוויטשעט. בהמות און מענטשן, אַלץ האָט אויף פערעדאָנאָוון געקוקט מיט בייזקייט און שאַלקהאַפטיקייט. אַלץ איז קעגן אים געווען פיינטלעך, ער איז געווען איינער אַנטקעגן אַלעמען.

אין דער גימנאַזיע אויף די לעקציעס פלעגט פערעדאָנאָוו אויסרעדן אַלדאָס בייז אויף זיינע חברים, לערער, אויפן דירעקטאָר, אויף די עלטערן פון די שילער. די גימנאַזיסטן פלעגן ממש שטויבען. אייניקע, די מגושמדיקערע, האָבן אויסגעפונען, אַז צובאָמקענדיק פערעדאָנאָוון, וועלן זיי ביי אים נושא־חן זיין. אַנדערע ווידער האָבן בייז געשוויגן, אָדער בשעת פערעדאָנאָוו פלעגט פוגע־בכבוד זיין זייערע עלטערן, זיך הייס אַנטקעגנשטעלן. אויף אַזעלכע פלעגט פערעדאָנאָוו קוקן בייז און מיט שרעק אַוועקגיין פון זיי, בורטשענדיק עפעס אונטער דער נאָז.

אויף אייניקע לעקציעס פלעגט פערעדאָנאָוו פריילעך מאַכן די גימנאַזיסטן מיט זיינע אומגעלומפערטע אויסטייטשן.

איינמאָל האָט מען געלייענט פּושקינס אַ ליד:

„בלאַנקט דער מאָרגן אויף אַ קאַלטער,
הערט דער אַרבעטס-ליאַרעם אויף,
הונגעריק מיט זיין וועלפין, אַלטער
שפרייזט דער וואָלף צום וועג אַרויף.״

— וואַרט, — האָט פערעדאָנאָוו דערקלערט — מען דאַרף דאָס גוט פאַרשטיין. דאָ ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ געוויסער מיין, אַן אַלעגאָריע, די וועלף גייען פאָרוויינ אַרויס! דער וואָלף מיט זיין הונגעריקער וועלפין. דער וואָלף איז זאַט, און זי איז הונגעריק. די פרוי דאַרף שטענדיק עסן נאָכן מאַן. די פרוי דאַרף זיך שטענדיק אונטערגעבן איר מאַן.

פּילניקאָוו איז געווען אַ פריילעכער, ער פלעגט שמייכלען און קוקן אויף פערעדאָנאָוון מיט זיינע פאַלש-לויטערע, שוואַרצע, טיפע אויגן. סאַשאַס געזיכט פלעגט פייניקן און פאַרפירן פערעדאָנאָוון. דער פאַרשאָלטענער יונג פלעגט אים באַליידיקן מיט זיין בייז־בכיוונדיקן שמייכל.

און צי איז ער טאַקע אַ ייִנגל? און אפשר זענען זיי גאָר צוויי: אַ ברודער און אַ שוועסטער. און שווערלעך צו וויסן, ווער וואָס עס איז. אָדער אפשר גאָר, קאָן ער זיך פאַרוואַנדלען פון אַ ייִנגל אין אַ מיידל. נישט אומזיסט איז ער שטענדיק אַזאַ ריינינקער, — פאַרוואַנדלענדיק זיך אַלעמאָל אַנדערש דאַרף ער זיך טובל זיין אין פאַרשידענע כישוף-וואַסערן, — אַנדערש איז דאָך נישט מעגלעך, וועסט זיך נישט פאַרוואַנדלען. און שטענדיק שמעקט פון אים מיט פאַרפום.

— מיט וואָס האָט איר זיך עס באַשמעקט פּילניקאָוו, — האָט פערעדאָנאָוו איבערגעפרעגט — מיט שמיר זייף, וואָס?

די ייִנגלעך האָבן זיך צעלאַכט. סאַשאַ האָט זיך באַליידיקט און גאָרנישט געענטפערט.

דעם ריינעם פאַרלאַנג צו געפעלן, צו זיין נישט דערווידער, האָט פערעדאָנאָוו נישט פאַרשטאַנען. יעדע אַזאַ דערשיינונג, מעג זיין אפילו ביי אַ ייִנגל, האָט ער באַטראַכט אַלס אַ געיעג אויף זיך.

ווער עס טוט זיך אָן ריין און שיין, יענער, הייסט עס, איז אויסן אַריינצוכאַפּן אין זיינע הענט, אַ נישט צו וואָס דאַרף ער זיך עס אויספּוצן? פּערעדאָנאָוו האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן ריינקייט און שיינקייט. פאַרפומען האָבן אים געריסן די נאָז; ער האָט געהאַלטן, אַז דער בעסטער ריח, אפילו פונם בעסטן פאַרפום, איז דער ריח פון אַ באַמיסטיקט פעלד, וואָס איז זייער נוצלעך, לויט זיין מיינונג, פאַרן געזונט. שיין אָנטון זיך, רייניקן זיך, וואַשן זיך, — אויף דעם אַלעמען דאַרף מען פטרן צייט און אַרבעט; און דער איינער געדאַנק וועגן אַרבעט האָט שוין ארויפגעוואָרפן אויף פּערעדאָנאָוון אַן אומעט און אַ שרעק. גוט וואָלט געווען, ווען מען דאַרף גאָרנישט נישט טון! נאָר עסן, טרינקען, שלאָפן, מער גאָרנישט!

די חברים האָבן זיך געריצט מיט סאַשאַן, אַז ער האָט זיך באַשמעקט מיט שמיר זייף, און אַז ליודמילאָטשקאַ איז אין אים פאַרליבט. ער פלעגט ווערן אַן אָנגעצונדענער און הייס אָפּענטפערן: ס'הויבט זיך נישט אָן אפילו, זי איז גאָרנישט פאַרליבט, — דאָס אַלץ האָט פּערעדאָנאָוו אויסגעטראַכט: ער האָט זיך דאָך געשדכנט צו ליודמילאַן, און ליודמילא האָט אים אַ נאָז געוויזן, אָט דערפאַר איז ער עס אויף איר אָנגעדרודלט און פאַרשפּרייט וועגן איר מיאוסע קלאַנגען. די חברים האָבן אים געגלויבט. — אַלע האָבן געוווּסט, ווער פּערעדאָנאָוו איז, — אָבער רייצן זיך מיט אים האָבן זיי נישט אויפגעהערט; רייצן זיך איז דאָך אַזוי אָנגענעם.

פּערעדאָנאָוו האָט מיט אַן עקשנות יעדערן דערציילט וועגן פּילניקאָווס אויסגעלאַסנקייט.

— ער האָט זיך מיט ליודמילאַן פאַרפלאָנטערט, — פלעגט ער דערציילן. — מען קושט זיך מיט אַזאַ פלייס, אַז זי האָט שוין איינעם געבוירן, און איצט טראָגט זי אַ צווייטס.

אין שטאָט האָט מען שוין גענומען רעדן וועגן ליודמילאַס ליבע מיטן גימנאַזיסט, און פאַרשטייט זיך שוין אַ ביסל איבערגעטריבן, מיט גארישע און נישט באַשיידענע פּרטים. נאָר זעלטן ווער עס האָט געגלויבט: פּערעדאָנאָוו האָט איבערגעזאַלצן. און דאָך, האָבן זיך געפונען אַזעלכע ליבהאָבערס, — און ביי אונז אין שטאָט זענען זיי פאַראַן איבערגענוג, — וואָס האָבן אָנגעפרעגט ליודמילאַן:

— וואָס האָט איר זיך עס פאַרקאָכעט אינם ייִנגעלע? פאַר דערוואַקסענע קאַוואַלערן איז עס אַ באַליידיקונג.

ליודמילא האָט נאַריש געענטפערט:

— נאַרישקייטן!

די שטאָטישע האָבן אויף סאַשאַן געקוקט מיט אַ פאַסקודנעם בייגיר. דעם גענעראַל פאָלויאַנאָווס אלמנה, אַ רייכע דאַמע פון סוחרים־שטאַנד, וואָס זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין עלטער און איינגעפונען, אַז ער איז נאָך צו קליין, נאָר אין אַ פאָר יאָר אַרום קאָן מען אים שוין פאַרבעטן און פאַרנעמען זיך מיט זיין אַנטוויקלונג.

סאַשאַ האָט שוין צומאָל אָנגעהויבן פאָרוואַרפן ליודמילאַן, אַז צוליב איר רייצט מען זיך מיט אים. און צומאָל פלעגט ער זי אפילו אָנהויבן שלאָגן, אויף וואָס ליודמילא האָט געענטפערט מיט אַ הילכיק געלעכטער.

און דאָך, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די נאַרישע פלאָטקעס און צו באַפרייען ליודמילאַן פון דער נישט אָנגענעמער געשיכטע, האָבן די רוטילאָווס, זייערע פיל באַקאַנטע, פריינט און קרובים זיך גענומען צו פערעדאָנאָוון, — זיי האָבן אָנגעהויבן צו דערווייזן, אַז אָט די אַלע מעשיות זענען אַ פאַנטאַזיע פון אַן אומזיניקן מענטשן. פערעדאָנאָווס ווילדע גענג האָבן אַ סך געצוווּנגען צו גלויבן אָט די דערקלערונגען.

גראָד דעמאָלט האָט זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטון צום קוראַטאָר פונם קרייז אַ פאַק מסירות אויף פערעדאָנאָוון. פונם קרייז האָט מען אַראָפּגעשיקט אַן אָנפראַגע צו כריפאַטשן. דער דירעקטאָר האָט זיך פאַררופן אויף זיינע פריערדיקע ראַפּאָרטן און מוסיף געווען, אַז דאָס ווייטערע זיין פון פערעדאָנאָוון אין גימנאַזיע האַלט ער פשוט פאַר געפערלעך, ווייל זיין גייסטיקע קראַנקהייט פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער.

פערעדאָנאָוו איז שוין אינגאַנצן געווען אין רשות פון זיינע ווילדע פאַנטאַזיעס. די גייסטער האָבן פון אים פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט. זיינע אויגן, אומזיניקע און טעמפע, האָבן געבלאָנדזשעט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין שום זאַך, אָט גלייך ווי עס וואָלט זיך אים געוואָלט אַריינקוקן נאָך ווייטער, אויף יענער זייט פון אָט די זאַכן-

וועלט, און ער האָט אַרומגעזוכט וועלכעס נישט איז שפּעלטל אַהין.

בלייבנדיק איינער אַליין, פּלעגט ער צו זיך רעדן, אויסרופן פאַרשידענע שרעק־ווערטער:

— איך וועל דיך הרגענען! קוילן! ממיתן!

און וואַרוואַרא פּלעגט עס הערן און שמייכלען.

מאַך זיך משוגע! — האָט זי בייז־פריידעוודיק געטראַכט.

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס נעמט זיך פון בייזקייט; ער שטויסט זיך אָן, אַז מ׳האָט אים אָפּגענאַרט, און בייזערט זיך. פון זינען וועט ער, חלילה, נישט אַראָפּ, — אַ נאַר האָט נישט וואָס צו פאַרלירן, און אַז אפילו יאָ, — איז וואָס־זשע, משוגעת דערפרייט שטענדיק נאַראָנים.

— איר ווייסט. אַרדאַליאָן באָריסיטש, — האָט איינמאָל כריפּאַטש באַמערקט, — איר זעט זייער שלעכט אויס.

— דער קאָפּ טוט מיר וויי. — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז דערקלערט.

— איר ווייסט וואָס, חשובער, — האָט דער דירעקטאָר מיט זייער אַ פאָרזיכטיקן טאָן ווייטער גערעדט. — כ׳וואָלט אייך געעצהט, נישט צו גיין דערווייל אין גימנאַזיע, איר דאַרפט זיך קורירן, באַרויקן אייערע נערוון, וואָס זענען, אפּנים, ביי אייך זייער אָפּגעשוואַכט.

נישט לערנען אין גימנאַזיע! געוויס. — האָט פּערעדאָנאָוו געטראַכט, — ס׳איז דאָס גלייכסטע, ווי אַזוי האָט ער זיך עס פריער נישט געכאַפּט! זיך מאַכן קראַנק, זיצן אינדערהיים, צוקוקן זיך, וואָס פון דעם וועט אַרויס.

— אמת, טאַקע, איך וועל נישט גיין, כ׳בין קראַנק. — האָט ער מיט פרייד געענטפערט כריפּאַטשן.

דער דירעקטאָר האָט, אגב, נאָכאַמאָל אָנגעשריבן אין קרייז און יעדן טאָג געוואַרט אויף אַ באַשטימונג פון אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע, וואָס דאַרף אונטערזוכן פּערעדאָנאָווס נאָרמאַלן באַוווסטזיין. די באַאַמטע האָבן זיך אָבער נישט געאיילט. אויף דערויף זענען זיי באַאַמטע.

פּערעדאָנאָוו איז נישט געגאַנגען אין גימנאַזיע און אויך געוואַרט אויף עפּעס

די לעצטע צייט האָט אים עפּעס שטאַרק געצויגן צו וואָלאָדיבען. אים איז אַ שרעק באַפאַלן יענעם אָפּצולאָזן פון די אויגן, — ער זאָל אים עפּעס נישט אָפּטון. אינדערפרי נאָך, ווי נאָר ער פלעגט זיך אויפכאַפּן, האָט פּערעדאָנאָוו שוין געטראַכט וועגן וואָלאָדינען: ווו איז ער איצט? וואָס טוט ער?

אָפטמאָל פלעגט זיך אים וואָלאָדין חלומען: די וואָלקנס שווימען איבערן הימל, — כמעט ווי אַ טשערעדע שאָפּבעק, און צווישן זיי לויפט אַרום וואָלאָדין, מיט אַ קעסעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ מעקעדיק געלעכטער; אינם רויך, וואָס שפּאַרט אַרויס פון די קוימענס, פלעגט ער זיך אויך אַמאָל אַרויפשרויפן, מיט שרעקלעכע העוויות און שפּרינגענדיק אין דער לופטן.

וואָלאָדין האָט געמיינט און מיט שטאָלץ עס אַלעמען דערציילט, אַז פּערעדאָנאָוו האָט אים שטאַרק ליב באַקומען, — ער קאָן פּשוט אָן אים נישט לעבן.

וואַרוואַרא האָט אים אָפּגענאַרט, — פלעגט וואָלאָדין דערציילן, — און ער זעט, אַז נאָר איך בין אים דער איינציקער גוטער פריינט, איז ער צו מיר אַזוי צוגעבונדן.

פּערעדאָנאָוו גייט אַרויס פון שטוב, זיך זען מיט וואָלאָדינען, און יענער גייט אים שוין אַנטקעגן, אין קאַפּעלושל, מיטן שטעקל, גייט אים אַנטקעגן מיט אַ פריילעך טענצל און מיט אַ מעקעדיק געלעכטערל.

— וואָס האָסטו אָנגעטון עפּעס דאָס קאַפּעלושל? — האָט אים טיילמאָל איבערגעפרעגט פּערעדאָנאָוו.

— פאַרוואָס, אַרדאַליאָן באָריסיטש, זאָל איך נישט אָנטון דאָס קאַפּעלושל? — האָט וואָלאָדין פריילעך און מיט ישוב-הדעת געענטפערט. — ס'איז באַשיידן און פיין. אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע טאָר איך נישט טראָגן, און אָנטון אַ צילינדער, — זאָלן אים בעסער די אַריסטאָקראַטן אָנטון, פאַר אונזער שטאַנד פּאַסט עס נישט.

— אין דעם „קעסעלע" קאָנסטו זיך נאָך אָפּקאָכן. — האָט פּערעדאָנאָוו ברוגז באַמערקט.

וואָלאָדין האָט זיך צעכיכעט.

זיי זענען אַוועק צו פּערעדאָנאָוון.

— וויפיל דאַרף מען עס שפּאַנען. — האָט פּערעדאָנאָוו מיט כּעס באַטאָנט.

— פאַרן געזונט איז עס זייער גוט, אַרדאַליאָן באָריסיטש, מען מאַכט מאָציאָן, — האָט וואָלאָדין פאַרזיכערט, — אַרבעט, מאָציאָן, עסן, ווּעסטו זיין געזונט.

— נו, טאַקע, — האָט פּערעדאָנאָוו אָפּגעפרעגט — דו מיינסט אוודאי, אַז אין צוויי הונדערט, אָדער דריי הונדערט יאָר אַרום וועלן מענטשן אַרבעטן?

— ווי דען? ווּעסט נישט אַרבעטן, ווּעסטו נישט האָבן וואָס צו עסן. ברויט גיט מען פאַר געלט, און געלט דאַרף מען פאַרדינען.

— אַז איך וויל גאָר קיין ברויט נישט.

— און קיין בילקעלעך, און קיין פּירישקעס וועלן אויך נישט זיין, — האָט וואָלאָדין מיט אַ כיכיקען באַטאָנט — און קיין בראָנפן וועט אויך נישט זיין פאַרוואָס צו קויפן, און קיין משקה וועט אויך נישט זיין פון וואָס צו מאַכן.

— ניין, מענטשן וועלן אַליין נישט דאַרפן אַרבעטן, — האָט פּערעדאָנאָוו דערקלערט — אויף אַלץ וועלן זיין מאַשינעס, — אַ דריי געטון פאַרן הענטל, כמעט ווי אַריסטאָן, און פאַרטיק... נאָר דרייען לאַנג איז אויך אומעטיק.

וואָלאָדין האָט זיך פאַרטראַכט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און די אונטערשטע ליפּ אַרויסגעשטעלט.

— יאָ — האָט ער פאַרטראַכט באַמערקט, — דעמאָלט וועט זייער גוט זיין, נאָר מיר וועלן שוין דעמאָלט זיין העט, העט...

פּערעדאָנאָוו האָט אויף אים בייז אַ קוק געטון און דערקלערט:

— דאָס, מסתמא, ווּעסטו שוין נישט דערלעבן, און איך וועל עס דווקא דערלעבן.

— זאָל אייך גאָט העלפן. — האָט וואָלאָדין פריילעך באַמערקט.

— איר זאָלט מיר לעבן צוויי הונדערט יאָר און דריי הונדערט קריכן אויף אַלע פיר.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך שוין אפילו אָפּגעשפּראָכן, — זאָל זיין, וואָס עס זאָל זיין. ער וועט נאָך אַלעמען בייקומען. מען דאַרף נאָר גוט אַכטונג געבן און זיך נישט לאָזן.

אינדערהיים האָבן זיי זיך ביידע געזעצט טרינקען און פּערעדאָנאָוו האָט בשעת מעשה גענומען דערציילן וועגן דער פּירשטין.

די פּירשטין איז, אין פּערעדאָנאָווס פאַנטאַזיע, מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ עלטער און שרעקלעכער: אַ געלע, אַ צעקנוידערטע, אַן איינגעהויקערטע, מיט לאַנגע ציין, אַ שלעכטס, — אָט אַזוי האָט זי זיך די גאַנצע צייט פאָרגעשטעלט פּערעדאָנאָוון אין זיין דמיון.

— זי איז שוין צוויי הונדערט יאָר אַלט, — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט און עפּעס מאָדנע אומעטיק געקוקט פאַר זיך, — און זי וויל איך זאָל זיך ווידער אין איר פאַרליבן. ביז דעמאָלט וויל זי פאַר מיר גאָרנישט טון.

— זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס עס האָט זיך איר פאַרוואָלט!— האָט וואָלאָדין געזאָגט און געשאָקלט דערביי מיט דעם קאָפּ. — אַזאַ אַלטער תרח!

* * *

פּערעדאָנאָוו האָט די גאַנצע צייט גערעדט וועגן טויטן עמעצן. ער האָט ווילד געכמורעט די ברעמען און גערעדט צו וואלאדינען:

— דאָרט, הינטער די טאַפּעטן ליגט שוין עמעצער ביי מיר. דעם אַנדערן וועל איך שוין אונטער דער פּאָדלאָגע באַהאַלטן.

וואָלאָדין האָט זיך אָבער נישט געשראָקן און געלאַכעט.

— אָט, דו הערסט עפּעס פון הינטער די טאַפּעטן? — האָט פּערעדאָנאָוו געפרעגט.

— ניין, איך הער נישט, — האָט וואָלאָדין מיט אַ לאַכן געענטפערט.

— האָסט אַ פאַרלייגטע נאָז, — האָט פּערעדאָנאָוו געזאָגט, — נישט אומזיסט איז זי ביי דיר רויט געוואָרן. ס'פוילט דאָרט הינטער די טאַפּעטן.

— אַ וואַנץ! — האָט וואַרוואַרא אויסגעשריגן און זיך צעלאַכט.

פּערעדאָנאָוו האָט געקוקט טעמפּ און וואַזשנע.

וואָס ווייטער איז פּערעדאָנאָוו אַלץ מער פאַרזונקען געוואָרן אין זיין אומזין. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו שרייבן מסירות אויף די קאָרטן-פיגורן, אויף דעם אַלסבאַרירל, אויף דעם שאָפּבאָק, — אַז ער, דער שאָפּבאָק, איז אַן אוזורפּאַטאָר, און זיך אַרויסגעגעבן פאַר וואָלאָדינען וויל פאַרשאַפן אַ וויכטיקן פּאָסטן, און אַליין איז ער גאָר אַ גאַנץ געווינלע-

כֿער שאָפּבאָק, — אויף די האַלצהעקער, — זיי האָבן אויסגעהאַקט אַלע בערעזעס, און נישטאָ מיט וואָס זיך צו וואַרעמען, מיט וואָס די קינדער צו דערציען, און די אָסינעס האָבן זיי איבערגעלאָזן, ווער דאַרף זיי האָבן, די אָסינעס?

באַגעגנדיק זיך אין גאַס מיט די גימנאַזיסטן, פֿלעגט פּערעדאָנאָוו אַנוואַרפֿן אַן אימה אויף די קלענערע און ברענגען צום לאַכן די גרעסערע מיט זיינע אומפֿאַרשעמטע און אומגעלומפּערטע ווערטער, די עלטערע פֿלעגן אים נאָכגיין און אַנטלויפֿן, בשעת זיי פֿלעגן באַמערקן עמעצן פֿון די לערער, און די ייִנגערע פֿלעגן באַלד פֿון אים אַנטלויפֿן.

אין אַלץ האָט פּערעדאָנאָוו געזען כּישוף און ווונדער, האַלוציגאַציעס האָבן אים געשראָקן, אַרויספּרעסנדיק פֿון זיין ברוסט אַ שרעקלעכן אימהדיקן געיאָמער און געוואָיע. דאָס אומבאַרירל האָט זיך אים באַוויזן פֿון אונטערן בעט אַפֿער, צומאָל אַ פֿלאַמענדיקס, עס האָט געקרעכצט און געזשוועט, און דאָס רעווען האָט פּשוט געהאַמערט אין פּערעדאָנאָווס קאָפּ מיט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק. דער קאָטער איז אויסגעוואַקסן אומגעהויער גרויס, געקלאַפּט מיט די שטיוואַלעס און מגולגל געוואָרן אין אַ ריזיקן רויטן יונג מיט וואָנסעס.

XXVIII

סאַשאַ איז אַרויס גלייך נאָכמיטאָג און נישט צוריקגעקומען אין דער באַשטימטער צייט, בערך זיבן אַ זייגער פֿאַרנאַכט. קאָקאָווקינא האָט זיך באַאומרויקט: ער קאָן נאָך, חלילה, באַגעגענען עמעצן פֿון די לערער אין דער פֿאַרבאָטענער צייט. מען וועט אים באַשטראָפֿן, און איר אַליין וועט אויך זיין נישט אָנגענעם. ביי איר האָבן זיך כּסדר אויפֿגעהאַלטן שטילע, באַשיידענע ייִנגלעך, אָוונטס פֿלעגן זיי זיך נישט אַרומשלעפֿן.

קאָקאָווקינא איז אַוועק אויפֿזוכן סאַשאַן, און וווּ־זשע זאָל זי אים אָפּזוכן, אַז נישט ביי די רוטילאָווס.

און ווי אויף צו להכעיס האָט היינט ליודמילא פֿאַרגעסן צו

פֿאַרשליסן די טיר, קאָקאָווקינא איז אַריין און וואָס האָט זי דערזען עפּעס?

סאַשאַ איז געשטאַנען פֿאַרן שפּיגל אין אַ פֿרויענקליידל און זיך געפּאָכעט מיט אַ פֿעכער. לודמילא שטייט און כאָכעט און מאַכט אים צורעכט די לענטעס ביי זיין בונט-קאָלירנדיקן גאַרטל.

— אָך, גאָט, מיין גאָט! — האָט קאָקאָווקינא אין איין שרעק אויסגעשריגן. — וואָס איז עס עפּעס אַזוינס! איך באַאומרויק זיך, לויף אַרום, זוך, און ער שפּילט דאָ אַ קאָמעדיע. אַ חרפּה און אַ בושה, אין אַ קליידל זיך אָנגעטון! און איר, לודמילא פּלאַטאָנאָוונאַ, שעמען מעגט איר זיך!

לודמילא האָט זיך אין דער ערשטער מינוט פֿאַרלוירן, נאָר באַלד איז זי געקומען צו זיך. מיט אַ פֿריילעך געלעכטער האָט זי אַרומגענומען און אַוועקגעזעצט קאָקאָווקינאַן און גענומען איר דערציילן אַ מעשה, וואָס איז נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן:

— מיר ווילן מאַכן אַ היימישן ספּעקטאַקל, — איך וועל זיין אַ יינגל און ער אַ מיידל, און דאָס וועט זיין, זאָג איך אייך, אויסגעצייכנט.

סאַשאַ איז געשטאַנען אַ רויטער, אַ דערשראָקענער, מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס נאָך פֿאַר אַ נאַרישקייטן! — האָט קאָקאָווקינא בייז גערעדט. — ער דאַרף זיך לערנען, נישט נאַריש זיך מאַכן מיט ספּעקטאַקלען. וואָס נאָך וועט איר אויסטראַכטן! טו זיך שוין איבער, אַלעקסאַנדער, און מאַרש מיט מיר אַהיים!

לודמילא האָט געלאַכט הילכיק און פֿריילעך, געקושט קאָקאָווקינאַן, — און די אַלטיטשקע האָט געמיינט, אַז דאָס פֿריילעכע מיידל שפּילט זיך, ווי אַ קינד, און סאַשאַ איז גרייט מחמת נאַרישקייט צו דערפֿילן אַלע אירע קאַפּריזן. לודמילאס פֿריילעך געלעכטער האָט עדות געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פֿאַל איז נישט מער ווי אַ קינדישער קאַפּריז, פֿאַר וועלכן מען דאַרף בלויז אויסרעדן אַ ביסל. און זי האָט געוואָרטשעט, מאַכנדיק דערביי אַ בייזע און אומצופֿרידענע מינע, נאָר אין האַרצן איז זי שוין געווען אינגאַנצן רויק.

סאַשאַ האָט זיך זייער געשווינט איבערגעטון הינטערן פֿאַראַוואַן,

ווי ס'איז געשטאַנען לודמילאַס בעט. קאָקאָווקינאַ האָט אים אַוועקגעפירט און אַ גאַנצן וועג שטאַרק געזידלט. סאַשאַ איז געווען פאַרשעמט און דערשראָקן און האָט זיך אַפילו נישט געפּרוווט פאַרענטפערן. „וואָס וועט נאָך אינדערהיים זיין?״ — האָט ער צעשראָקן געטראַכט.

און אינדערהיים איז זיך קאָקאָווקינאַ דאָס ערשטע מאָל מיט אים באַגאַנגען זייער שטרענג: זי האָט אים געהייסן זיך שטעלן אויף די קני. נאָר סאַשאַ איז נאָך נישט אָפּגעשטאַנען קיין גאַנצע פינף מינוט, אַז זי האָט גערירט פון זיין שולדיק אויסזען און שטילע טרערן, איר גלייך מוחל געווען.

— ס'אַראַ פראַנט, אַ וויאָרסט ווייט פילט זיך פון אים מיט פּאַרפום. — האָט זי געוואָרטשעט.

סאַשאַ האָט בריהש אַ שעררווע געטון מיט דעם פוס און איר אַ קוש געטון די האַנט, — און אָט די העפלעכקייט פון דעם באַשטאָפטן יינגל האָט איר נאָך מער גערירט.

*   *   *

און בינו לבינו האָט זיך אויף סאַשאַן אָנגערוקט אַ כמאַרע. וואַרוואַרא און גרושינאַ האָבן צונויפגעשטעלט און אַוועקגעשיקט צו כריפּאַטשן אַן אַנאָנימען בריוו וועגן דעם, ווי אַזוי דער גימנאַזיסט פּילניקאָוו איז פאַרפירט געוואָרן דורך דער פריילין רוטילאָוו, ווי אַזוי ער פאַרברענגט ביי איר גאַנצע אָוונטן און ווערט אויסגעלאַסן.

כריפּאַטש האָט זיך דערמאָנט אין אַ געשפּרעך, וואָס ס'איז אים אַנומלטן אויסגעקומען צוהערן. די טעג, ביי דעם אָנפירער פון די אַדעליקע, האָט עמעצער כלאחר יד געגעבן אָנצוהערן וועגן עפּעס אַ פריילין, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין אַ יינגל. — דאָס געשפּרעך איז באַלד אַריבער אויף אַנדערע זאַכן: אין כריפּאַטשס געזעלשאַפט האָבן אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן, אַז זיי געהערן צו דער פיינער געזעלשאַפט, געהאַלטן פאַר נישט פּאַסיק צו רעדן וועגן אַזעלכע זאכן, און זיך געמאַכט, אַז אין געזעלשאַפט פון פרויען איז נישט באַקוועם וועגן דעם צו רעדן, און אַז דער פאַקט אַליין איז אַ נישטיקער און אַן אוממעגלעכער. כריפּאַטש האָט דאָס, געוויינלעך, באַמערקט; נאָר ער איז געוועזן אויף אַזויפיל פראָסט, אַז ער האָט גאָרנישט געפונען פאַר נויטיק עמעצן איבערצופרעגן. ער איז געווען גאַנץ זיכער, אַז ער וועט זיך דאָס גאָר בקרוב דערוויסן, אַז אַלע פּאַטשן דערגיין צו אים

אליין, דורך אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, נאָר שטענדיק פונקט צו דער צייט. און אָט דער בריוו איז דאָס געווען די דערוואַרטע ידיעה.

כריפּאַטש האָט אפילו אַ רגע נישט געגלויבט אין פילניקאָווס אויסגעלאַסנקייט און אין דעם, אַז די באַקאַנטשאַפט זיינע מיט ליודמילאַן טראָגט א שענדלעכן כאַראַקטער.

דאָס, — האָט ער געטראַכט, — נעמט זיך אַלץ פון פערעדאָנאָווס נאַרישער פאַנטאַזיע און שפּרייט זיך פונאַנדער אַ דאַנק גרושינאַס בכיוונדיקער קנאה... אָבער דער דאָזיקער בריוו איז אַ באַווייז, — האָט ער געטראַכט, — אַז אין שטאָט גייען אַרום אַזעלכע קלאַנגען, וואָס קאָנען וואַרפן אַ שאָטן אויפן כבוד פון דער גימנאַזיע, וואָס געפינט זיך אונטער מיין רשות. און דעריבער דאַרף מען אָננעמען מיטלען.

פריער פון אַלץ האָט ער צו זיך פאַרבעטן קאָקאָווקינאַן, כדי מיט איר איבערצורעדן וועגן יענע באַדינגונגען, וואָס האָבן געקאָנט גורם זיין, אַז אַזעלכע נישט געווונשענע קלאַנגען זאָלן זיך פאַרשפּרייטן.

קאָקאָווקינא האָט שוין געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, איר האָט מען עס געגעבן צו וויסן איינפאַכער, איידער דעם דירעקטאָר. גרושינא האָט זי איינמאָל אָפּגעוואַרט אויף דער גאַס, און מיט איר פאַרפירט אַ שמועס און דערציילט איר, אַז ליודמילא האָט שוין גאָר אינגאַנצן איבערגעפירט איר קוואַרטיראַנט, סאַשאַן.

קאָקאָווקינא איז געווען איבעראַשט. אין דער היים איז זי אָנגעפאַלן אויף סאַשאַן, איר האָט נאָכמער פאַרדראָסן, וואָס דאָס אַלץ איז געשען פאַר איר אין די אויגן. און סאַשאַ פלעגט גיין צו די רוטילאָווס מיט איר אייגענער הסכמה. סאַשא האָט זיך געמאַכט, ווי ער פאַרשטייט גאָרנישט, און איבערגעפרעגט:

— מיט וואָס האָב איך זיך עס דען פאַרזינדיקט?

קאָקאָווקינא האָט זיך פאַרכאַפּט:

— וואָס הייסט וואָס? און אַליין ווייסטו נישט? ווי לאַנג איז ערשט דען, אַז איך האָב דיך געטראָפן אָנגעטון אין א קליידל? האָסט פאַרגעסן, שקץ איינער!

— האָט איר מיך געטראָפן איז וואָס־זשע איז? איר האָט דאָך

מיך באַשטראָפט דערפאַר! און פאַרוואָס, אָט גלייך ווי כ'וואָלט אַ געגנבעט קליידל אָנגעטון!

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי רעדט איר עפּעס? — האָט קאָקאָווקינאַ פאַרלוירן באַמערקט. — כ'האָב דיך בעשטראָפט, נאָר אפּנים זייער ווייניק.

— נו. באַשטראָפט נאָך, — האָט סאַשאַ געפּאָדערט מיט אַ טאָן פון אַן אומזיסט און אומגישט באַשולדיקטן — איר האָט דאָך מיר אַליין דעמאָלט מוחל געווען. און איצט איז אייך ווייניק. און כ'האָב דאָך אייך דעמאָלט נישט געבעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, — כ'וואָלט מיר געשטאַנען אויף די קני כאָטש אַ גאַנצן אָוונט. און פאַר-שפּאָרט איר זאָלט מיר נאָכדעם רק אויסרעדן.

— אַז די גאַנצע שטאָט רעדט שוין, טאַטעלע, וועגן דיר און דיין ליודמילאָטשקאַן. — האָט קאָקאָווקינא באַטאָנט.

— און וועגן וואָס רעדט מען עס? — האָט סאַשאַ מיט אַן אומ-שולדיק נייגיריק קול איבערגעפרעגט.

קאָקאָווקינאַ האָט זיך ווייטער פאַרכאַפּט.

— וואָס מען רעדט — מי ידוע וואָס! ווייסט אַליין, וואָס מען קאָן וועגן אייך רעדן. קיין גוטס וועט מען געוויס נישט דערציילן. דו וויעוועסט שוין צופיל מיט דיין ליודמילאָטשקאַן, אָט וואָס מען רעדט.

— נו, כ'וועל שוין מער נישט וויעווען. — האָט סאַשאַ צוגע-זאָגט, אַזוי רויק, אָט כמעט ווי דאָס וואָלט זיך רעדן וועגן אַ שפּיל אין אָדלער-רעשעטע.

ער האָט געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע. אָבער אויפן האַרצן איז אים געווען שווער. ער האָט אויסגעפרעגט קאָקאָווקינאַן וועגן וואָס מען רעדט, און אין האַרצן האָט ער זיך געשראָקן צו הערן גראָבע ווערטער. וואָס קאָן מען רעדן וועגן מיר? ליודמילאָטשקאַס צימער גייט אַרויס מיט די פענסטער אין סאָד אַריין, פון דער גאַס זעט מען עס נישט, און דערצו נאָך פאַררוקט ליודמילאָטשקאַ די פאָר-הענגלעך. און אויב עמעצער אפילו האָט אונטערגעקוקט, טאָ וואָס אַזוינס קאָן מען עס וועגן דעם רעדן? מעגלעך ס'איז פאַרדראָסיקע

באַליידיקנדיקע ווערטער? אָדער אפשר רעדט מען נאָר וועגן דעם, וואָס ער גייט אַזוי אָפּט צו איר?

און אַז אויפן צווייטן טאָג האָט קאָקאָווקינאַ באַקומען די איינלאַדונג צום דירעקטאָר, האָט די אַלטיטשקע זיך שוין אינגאַנצן איבערגעשראָקן. זי האָט שוין גאָרנישט נישט דערציילט סאַשאַן, אין דער באַשטימטער שעה האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט און איז אַוועק צום דירעקטאָר. כריפּאַטש האָט איר העפלעך און ווייך דערציילט וועגן בריוו. זי האָט זיך צעוויינט.

— באַרויק זיך. מיר באַשולדיקן אייך נישט, — האָט כריפּאַטש באַמערקט — מיר קענען אייך זייער גוט. געוויס וועט איר דאַרפן אויף אים שטרענגער אַכטונג געבן. און איצט דערציילט מיר, וואָס איז דאָרטן באמת פאָרגעקומען.

פון דירעקטאָר איז קאָקאָווקינאַ געקומען מיט אַ ניי בינטל טענות צו סאַשאַן.

— איך וועל אָנשרייבן דער מומען. — האָט זי געדראָט און זיך צעוויינט.

— איך בין אין גאָרנישט נישט שולדיק, זאָל די מומע קומען, כ׳האָב קיין מורא נישט. — האָט סאַשאַ דערקלערט און זיך אויך צעוויינט.

אויפן אַנדערן טאָג האָט כריפּאַטש פאַרבעטן צו זיך סאַשאַן און אים טרוקן און שטרענג איבערגעפרעגט:

— איך וויל וויסן, וואָס פאַר אַ באַקאַנטשאַפטן האָט איר עס דאָ פאַרפירט אין שטאָט.

סאַשאַ האָט געקוקט אויפן דירעקטאָר מיט פאַלש־אומשולדיקע און רויקע אויגן.

— וואָס פאַר אַ באַקאַנטשאַפטן! — האָט ער דערקלערט. — אָלגאַ וואַסיליעוונאַ ווייסט, איך גיי בלויז צו די חברים, און צו די רוטילאָווס.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע, — האָט כריפּאַטש ווייטער געפירט זיין אויספאָרשונג — וואָס טוט איר ביי די רוטילאָווס?

— גאָרנישט נישט, אַזוי זיך, — האָט סאַשאַ מיט דערזעלביקער אומשולדיקער מינע געענטפערט, — דערהויפּט לייענען מיר, די פריילנס

רוטילאָוו האָבן זייער גערן לידער. און זיבן אַ זייגער בין איך שוין שטענדיק אינדערהיים.

— און אפשר נישט שטענדיק? — האָט כריפּאַטש געפרעגט און אָנגעשטעלט אויף סאַשאַן אַ בליק, וועלכן ער האָט געוואָלט, ער זאָל זיין וואָס דורכדרינגלעכער.

— יאָ, איינמאָל האָב איך עפּעס פאַרשפּעטיקט, — האָט סאַשאַ געענטפערט מיט אַ רויקער אָפנהאַרציקייט פון אַן אומשולדיק יינגל, — און האָב טאַקע באַקומען אַ שטראָף פון אָלגאַ וואַסיליעוונאַ, און נאָכדעם האָב איך שוין קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט.

כריפּאַטש איז אַנטשוויגן געוואָרן. סאַשאַס רויקע ענטפערס האָבן אים צעמישט. אַלנפאַלס דאַרף מען אים אויסרעדן, אָנווייזן. אָבער ווי אַזוי און צוליב וואָס? אַז עס זאָל זיך נישט איינפלאַנצן אינם יינגל קיין שלעכטע געדאַנקען, וואָס ער האָט פריער (ווי כריפּאַטש האָט געגלויבט) נישט געהאַט, — און ס'זאָל אים נישט באַליידיקן, — און ווירקן דערביי צו באַזייטיקן יענע אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס קאָנען זיך טרעפן שפּעטער אַ דאַנק אָט דער באַקאַנטשאַפט.

כריפּאַטש האָט געקלערט, אַז צו זיין אַ פּעדאַגאָג איז זייער אַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער ענין, אַ גאָר באַזונדערער, אויב דו האָסט נאָך דעם כבוד צו שטיין בראש פון אַ לערן־אַנשטאַלט. אַ שווערער, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער עסק צו זיין אַ פּעדאַגאָג! אָט די באַנאַלע באַהויפּטונג האָט מיט אַמאָל באַפליגלט כריפּאַטשס פאַרגליווערט געוואָרענע געדאַנקען. ער האָט גענומען רעדן, שנעל און דייטלעך און נישט אינטערעסאַנט. סאַשאַ האָט געכאַפּט אַ וואָרט איבער צען.

— ...די ערשטע פליכט אייערע, אַלס שילער, איז לערנען זיך... מען טאָר זיך נישט אַריינלאָזן מיט קיין געזעלשאַפט, מעג זי זיין ווי אינטערעסאַנט און אָרנטלעך... אַלנפאַלס קאָן מען זאָגן, אַז די געזעלשאַפט פון יינגלעך אין אייער עלטער זענען פאַר אייך פּאַסיקער... מען דאַרף טייער האַלטן די רעפּוטאַציע, סיי די אייגענע, סיי פונם לערן־אַנשטאַלט... און ענדלעך, — כ'וועל עס אייך אָפן באַקענען — אייערע באַציונגען צו די פריילנס טראָגט שוין אַ צו פרייען כאַראַקטער, וואָס ביי אייער עלטער טאָר מען עס גאָרנישט נישט דערלאָזן און עס שטימט בכלל נישט מיט די אַלגעמיין־אָנגענומענע כללים פון פיינקייט.

סאַשאַ האָט זיך צעוויינט. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס וועגן דער ליבער ליודמילאָטשקאַן קאָן מען טראַכטן און רעדן גראָד כמעט ווי וועגן איינער, צו וועלכער מען קאָן זיך האַלטן פריי און נישט פיין.

— בנאמנות, אַז ס'איז קיין שום שלעכטס נישט געווען האָט ער פאַרזיכערט, — מיר האָבן בלויז געלייענט, שפּאַצירט, געשפּילט זיך, — נו, אַרומגעלאָפן, — מער האָבן מיר זיך גאָרנישט נישט דערלויבט.

כריפּאַטש האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און באַמערקט מיט אַ קול, וואָס ער האָט געוואָלט צוגעבן אַ טאָן פון האַרציקייט, אָבער דאָך אַ טרוקענעם:

— הערט זיך צו, פּילניקאָוו...

(אָנרופן אים אַמאָל סאַשאַ! איז עפּעס נישט לויט די איינגעשטעלטע כללים, און נישט געווען נאָך וועגן דעם קיין צירקולאַר פון מיניסטעריום.)

— איך גלויב אייך, אַז קיין עוולה, חלילה, זענט איר נישט באַגאַנגען, אָבער דאָך שטעלט אָפּ אָט די אָפטע וויזיטן. גלויבט מיר, אַז אַזוי וועט זיין בעסער. דאָס זאָגט אייך נישט נאָר אייער דערציער און שררה, נאָר אויך אייער פריינט.

סאַשאַן איז נאָר געבליבן איינס, זיך פאַרנייגן, דאַנקען, און נאָכדעם געהאָרכן אַלץ, וואָס מען האָט אים פאַרזאָגט. און סאַשאַ האָט אָנגעהויבן אַריינצוכאַפּן זיך צו ליודמילאַן אויף אַ מינוט פינף אָדער צען, — און דאָך איז עס ביי אים געווען אַ מוז זאַך — זיין ביי איר אַלע טאָג. אים איז געווען פאַרדראָסיק, וואָס ער איז געצוווּנגען געווען זיך אַזוי זעלטן צו זען מיט איר, — און סאַשאַ האָט זיין גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צו ליודמילאַן גופא. ער האָט זי שוין אָפט אָנגעהויבן רופן: ליודמילקע, נאַר, בלעמס אייזל, זי געגנומען שלאָגן. און ליודמילא האָט אויף דעם אַלעם געענטפערט מיט אַ הילכיק געלעכטער.

אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אַקטיאָרן פון אָרטיקן טעאַטער מאַכן אין קלוב אַ מאַסקנבאַל מיט פּריזן פאַרן שענסטן קאָסטיום, — סיי מענערשע, סיי ווייבערשע. וועגן די פּריזן

האָבן זיך שוין פֿאַרשפּרייט פֿאַרשידענע גוזמאות. מ׳האָט געזאָגט, אַז די דאַמע וועט באַקומען אַ קו, און דער מאַנסביל — אַ וועלאָסיפּעד. די גאַנצע שטאָט איז געווען אויף פֿון די דאָזיקע קלאַנגען. יעדערער האָט השק געהאַט צו געווינען: אַזעלכע פֿײַנע זאַכן. מ׳האָט זיך מיט אַזאַרט גענומען נײַען קאָסטיומען, מ׳האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט. מ׳האָט פֿאַרהוילן די פֿאַרטראַכטע קאָסטיומען אַפֿילו פֿון די נאָענטסטע און אינטימסטע פֿרײַנט, כּדי קיינער זאָל נישט אויסכאַפּן די גלאַנצנדיקע אידעע.

און אַז עס האָט זיך באַוויזן דער געדרוקטער אַפֿיש וועגן דעם מאַסקנבאַל, — גרויסע אַפֿישן אויסגעקלעבט אויף די פּאַרקנס און צעשיקט צו מער בכּבֿודיקע אײַנוווינער, — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען וועט גאָרנישט נישט געבן נישט קיין קו און נישט קיין וועלאָסיפּעד, נאָר אַ פּעכער דער דאַמע און אַן אַלבום — דעם הער. אָט די דאָזיקע ידיעה האָט אַלעמען אַנטוישט. מ׳האָט אָנגעהויבן פֿאַריבל האָבן. מ׳האָט געשמועסט:

— כּדאַי געווען זיך אויסצובערענגען.

— אַ חוזק פּשוט אַזעלכע פּריזן.

– מען וואָלט עס געדאַרפֿט באַלד געבן צו וויסן.

— בלויז בײַ אונז קאָן מען זיך באַגיין אַזוי מיטן פּובליקום.

און דאָך האָט מען זיך ווײַטער געגרייט צום מאַסקנבאַל: זאָל זײַן וואָס פֿאַר אַ נישט איז פּריז — אַבי אים באַקומען.

דאַריאַן און ליודמילאַן האָט דער פּריז פֿון סאַמע אָנהויב אָן נישט אינטערעסירט. ער האָט זיי אויך נאָכדעם נישט פֿאַראינטערעסירט. ווער דאַרף אַ קו האָבן! אַ פּעכער — אויך מיר אַ זאַך! און ווער וועט עס זײַן אין זשורי, וואָס וועט באַשטימען די פּריזן? און וואָס פֿאַר אַ געשמאַק, מ׳שטײַנסגעזאָגט, זיי האָבן, די ריכטער! נאָר ביידע שוועסטער האָבן זיך שטאַרק אַרײַנגעטון אין ליודמילאַס אידעע צוצושיקעווען סאַשאַן אויפֿן באַל אין אַ פּרויען־קליידל, אויף אַזאַ אופֿן אָפּנאַרן די גאַנצע שטאָט און מאַכן עס אַזוי קונציק, אַז דווקא ער זאָל דעם פּריז באַקומען. און וואַלעריאַ האָט געמאַכט אַ מינע, אַז זי איז אויך מסכּים. אַ בעל־קנאהצע און אַ שוואַכע, כּמעט ווי אַ קינד, האָט עס איר געאַרט, — ליודמילאַס חבֿר, ער קומט דאָך נישט צו

איר, — אָבער אָפּפּערן זיך וועגן דעם מיט די צוויי עלטערע שוועסטער האָט זי זיך פּאָרט נישט באַשלאָסן. זי האָט בלויז באַמערקט מיט אַ חוזק־געלעכטערל:

— ער וועט עס נישט וואַגן.

— נו, וואָס נאָך, — האָט דאַריאַ פעסט באַשטימט — מיר וועלן עס צושיקעווען אַזוי, אַז קיינער וועט זיך נישט דערוויסן.

און אַז די שוועסטער האָבן דערציילט סאַשאַן וועגן זייער אידייע, האָט אים ליודמילאָטשקאַ באַטאָנט:

— מיר וועלן דיך אָנטון פאַר אַ יאַפּאַנערין.

סאַשאַ האָט אָנגעהויבן שפּרינגען און קוויטשען פון התפעלות. זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, — און די הויפּטזאַך, קיינער זאָל זיך עס נישט דערוויסן, — אָבער ער איז מסכים, — און פאַרוואָס נישט מסכים זיין! — עס וועט זיין אַ העצע, — אַלעמען פירן פאַרן נאָז.

מ׳האָט באַלד באַשלאָסן, אַז מען דאַרף סאַשאַן אָנטון ווי אַ גיישע. די שוועסטער האָבן זייער איינפאַל געהאַלטן בסודי־סודות, — זיי האָבן עס אפילו נישט דערציילט לאַריסאַן, נישט דעם ברודער. דעם קאָסטיום פון אַ גיישע האָט ליודמילאַ אַליין געמאַכט לויטן עטיקעט פון קאָרילאָפּסיס: אַ קליידל פון געלן זייד אויף אַ רויטן אַטלאַס, אַ לאַנגס און אַ ברייטס, כמעט ווי אַ כאַלאַט; אויפן קליידל אַן אויסגענייטער פאַרביקער אוזאָר, — גרויסע בלומען פון אויסטערלישע ליניעס.

די מיידלעך האָבן אויך אַליין צוגעשיקעוועט אַ פעכער מיט אַ שירעם, — דעם פעכער פון יאַפּאַניש פאַפּיר מיט געמעלן, אויף באַמבוס־שטעקעלעך, דעם שירעם פון דין רויט זיידנס אויף אַ באַמבוס־הענטל. אויף די פיס — רויזע זאָקן מיט הילצערנע שיכלעך — ווי בענקלעך.

און די מאַסקע פאַר דער גיישע האָט די בריהטע ליודמילאַ אויסגעצאַצקעט: אַ געלבלעך, נאָר זייער חנוודיק מאָגער פּנימל מיט אַן אומבאַוועגלעך לייכט שמייכעלע, קרום אויסגעשניטענע אויגן און אַ קליין מויל. בלויז אַ פּאַרוק האָט מען געמוזט אויסשרייבן פון פעטערבורג, — אַ שוואַרצן, מיט גלאַטע, צוגעקאַמטע האָר.

כדי צוצופּאַסן דעם קאָסטיום האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך

צייט, און סאַשאַ האָט בלויז געקאָנט זיך צוריינכאַפּן קוים פון ווייל צו וויל, אי דאָס נישט אַלע טאָג. אָבער מען איז געפאַלן אויף אַן עצה: סאַשאַ איז אַנטלאָפן ביינאַכט, בשעת קאָקאָווקינאַ איז שוין געשלאָפן, דורכן פענסטער. אַראָפּ איז דאָס כשורה.

וואַרוואַרא האָט זיך אויך געקליבן אויפן מאַסקנבאַל. זי האָט זיך געקויפט אַ מאַסקע מיט אַ נאַרישער צורה, און וועגן קאָסטיום האָט זי ווייניק-וואָס געזאָרגט, — זי האָט זיך אָנגעטון אַלס קעכן, אויפגעהאָנגען ביים גאַרטל אַ שוימלעפל, אויפן קאָפּ האָט זי אַרומגעשלייפלט אַ ווייסן טשיפּעק, די הענט אַנטבלויזט ביז איבער די עלנבויגנס און זיי שטאַרק אָנגעפאַרבט מיט רויטן — אַ קעכן גלייך פונם אויוון — און דער קאָסטיום איז פאַרטיק. וועט מען געבן אַ פּריז — איז מה־טוב, אויב נישט, — איז נישט.

גרושינאַן איז איינגעפאַלן זיך צו פאַרשטעלן פאַר דיאַנען. וואַרוואַרא האָט זיך צעלאַכט און איבערגעפרעגט:

— וואָס-זשע, איר וועט אָנטון אַ האַלדזבאַנד?

— צו וואָס עפּעס דאַרף איך עס אַ האַלדזבאַנד? — האָט גרושינא מיט פאַרווונדערונג געפרעגט.

— ווי דען, — האָט וואַרוואַרא דערקלערט — איר ווילט זיך דאָך פאַרשטעלן פאַרן הינטל דיאַנקע.

— עט, וואָס אייך עפּעס קאָן אַלץ איינפאַלן! — האָט גרושינא זיך צעלאַכט. — נישט פאַר דיאַנקען, נאָר אַלס די געטין דיאַנע.

אָנגעטון צום מאַסקאַראַד האָט זיך וואַרוואַרא צוזאַמען מיט גרושינאַן, טאַקע ביי גרושינאַן אינדערהיים. גרושינאַס קאָסטיום איז אַרויס אַ ביסעלע צו פריי: נאַקעטע הענט און אַקסל, אַ נאַקעטע פּלייצע, א נאַקעטע ברוסט, די פיס אין לייכטע לעטשלעך, אָן זאָקן, נאַקעט ביז די קני, אין א לייכט קליידל פון ווייסע לייוונט מיט א רויט קענטל ארום, גלייך אויפן נאַקעטן לייב, — א קורץ קליידל, נאָר דערפאר א ברייטס, מיט א גוזמא פעלדלעך. ווארווארא האָט באמערקט מיט א שמייכל:

— נאַקעטלעך, דאַכט זיך.

גרושינא האָט געענטפערט מיט א חוצפהדיק צווינקען:

— דערפאר וועלן אלע מאַנסבילן צו מיר צוגעזאָפּן ווערן.

— און צו וואָס האָט איר עס געדאַרפט אַזוי פיל פעלדלעך? האָט וואַרוואַרא איבערגעפרעגט.

— אָנצושטופּן זיי מיט אַ סך קאָנפּעקטן פאַר מיינע שדימלעך, זאָלן מיר געזונט זיין. — האָט גרושינא דערקלערט.

אַלץ וואָס גרושינא האָט אַזוי נאַקעטלעך אַנטפּלעקט איז געווען נישקשה — אָבער פול מיט ווידערשפּרוכן! די הויט צעביסן פון פליי, די מאַניערן גראָב, מגושם, די רייד — ניבול־פּהיק — אַ גרויל! ווייטער אַמאָל אַ פאַרשוועכטע לייב-שיינקייט.

פּערעדאָנאָוו האָט געמיינט, אַז דעם מאַסקנבאַל האָט מען צו־געקלערט נאָר צוליב דעם, כדי אים ביי עפּעס צו פּאַקן. און דאָך איז ער אַהין אַוועק, — ער האָט זיך אָבער נישט פאַרשטעלט — פּשוט אינם סורדוט. כדי ער זאָל אַליין קאָנען זען, וואָס מען וויל עס מיט אים טון.

דער געדאַנק וועגן מאַסקנבאַל האָט סאַשאַן עטלעכע טעג דורכ־אַנאַנד זייער דערפרייט. נאָר נאָכדעם האָבן די ספקות גענומען אין אים גובר זיין. ווי אַזוי וועט ער זיך עס אַרויסרייסן פון שטוב? און דערהויפּט איצט, נאָך די אומאָנגענעמלעכקייטן. אָן אומגליק, חלילה, אויב מען וועט זיך עס דערוויסן אין גימנאַזיע: מען וועט אים גע־וויס אויסשליסן.

אַנומעלט האָט אים דער קלאַס־דערציער — אַ יונגערמאַן, אַ לי־בעראַל, אויף אַזויפיל, אַז ער האָט נישט געקאָנט דעם קאָטער אָנ־רופן מיטן נאָמען „וואַטקע” נאָר „קאָטער וואַסילי”, — זייער אויפ־מערקזאַם באַמערקט, בשעת ער האָט אים געשטעלט שטופּן:

— זעט, פּילניקאָוו, מען דאַרף זיך לערנען, לערנען, לערנען.

— איך האָב דאָך נישט קיין צווייען, חלילה. — האָט סאַשאַ זאָרגלאָז געענטפערט.

און דאָס האַרץ האָט אים אַ טיאָכקע געטון. וואָס וועט ער נאָך אָנמערקן? ניין, מער האָט ער גאָרנישט נישט גערעדט, ער האָט גע־שוויגן, נאָר שטרענג בלויז געקוקט אויף אים.

אינם טאָג פון מאַסקנבאַל האָט זיך סאשאַן געדוכט, אַז ער וועט זיך נישט באַשליסן צו גיין אויף אים. ער האָט אַ קליין ביסל געציטערט.

אָט, נאָר דאָס אײנע, — דער פּאַרטיקער קאָסטיום בײ די רוטילאָווס, — זאָל ער דען פֿאַרפֿאַלן װערן אומזיסט און אומנישט? און די אַלע חלומות, און די גאַנצע האָרעװאַניע זאָל זײן גאָר אַרויסגעװאָרפן? ליודמילאָטשקאַ װעט דאָך װײנען. נײן, מען דאַרף יאָ גײן.

און נאָר די געװוינהײט, װאָס ער האָט זיך געמאַכט די לעצטע װאָכן, נישט אַרויסצװײזן גאָרנישט, האָט אים געהאָלפן, אַז קאָװקינא זאָל נישט זײן באַמערקן זײן אויפרעגונג. צום גליק, לײגט זיך נאָך די אַלטיטשקע זײער פרי שלאָפן. און סאַשאַ האָט זיך אויך פרי צוגעלײגט — מען זאָל גאָרנישט נישט באַמערקן, האָט ער זיך אויסגעטון, אַװעקגעלײגט די אויבערשטע בגדים אויף אַ שטול בײ דער טיר און אַרויסגעשטעלט אויף יענער זײט טיר די שטיװול.

געבליבן איז נאָר אײנס — אַװעקצוגײן, — דאָס סאַמע שװערסטע. דער מאַרשרוט איז געװען פון פריער אָנגעמערקט, דורכן פענסטער, אָט כמעט װי דעמאָלט, װען ער האָט געדאַרפט פּאַסן דאָס קלײדל.

סאַשאַ האָט אָנגעטון אַ העלע זומערדיקע בלוזע, — זי איז געהאָנגען אינם אַלמער אין זײן צימער, — לײכטע שטוב-לאַטשן, און פאָרזיכטיק אַרויסגעקראָכן דורכן פענסטער אויף דער גאַס, אויסװאַרטנדיק אַ מינוט, װען אין דער נאָענט האָט מען נישט פארנומען קײן שום טריט פון פאַרבײגײער.

געזופט האָט אַ דריבנע רעגנדל. געװען איז בלאָטיק, קאַלט, פינסטער. נאָר סאַשאַן האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז מען װעט אים דערקענען. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, די קאַמאַשן, זײ אַרײנגעװאָרפן צו זיך אין צימער, פאַרקאַטשעט די קלײדער און גענומען שפּרינגענדיק לויפן מיט די באָרװעסע פיס איבער די גליטשיקע פון רעגן און צעפּאָרענע בריקלעך. אין דער פינסטער איז שװער צו זען דאָס געזיכט, דערהויפּט נאָך פון אײנעם, װאָס לויפט, און אַז מען װעט אים באַגעגענען, װעט מען אים אָננעמען פאַר עפּעס אַ פּשוט ײנגל, װאָס פאָלגט אַ גאַנג אין קלײטל אַרײן.

װאַלעריאַ און ליודמילא האָבן זיך אויפגעגײט פּשוטע, נאָר פאַרביקע קלײדלעך. װאַלעריאַ האָט זיך אָנגעטון װי אַ שפּאַנערין, און ליודמילא — װי אַ ציגײנערין. אויף ליודמילאַן — פאַרביקע שטיקלעך

זיידנס און סאַמעט, אויף וואַלעריאַן, דער איידעלער און שלאַבעריקער, — שוואַרצזיידנס געקרויזלטס, אין דער האַנט — אַ שוואַרצער פּעכער מיט שפּיצן. דאַריאַ האָט זיך קיין ניי קאָסטיום נישט אויפגענייט — איר איז פון פאַראַיאָרן איבערגעבליבן אַ קאָסטיום פון אַ טורקמענערין, האָט זי אים אויך דאָס מאָל אָנגעטון.

ס'לוינט זיך נישט דעם קאָפּ קאַליע צו מאַכן דערויף. — האָט זי פּעסט באַשלאָסן.

אַז סאַשאַ איז געקומען צולויפן, האָבן אַלע דריי פרייליגס גענומען אים אָנטון. מער פון אַלץ האָט אים באַאומרויקט דער פּאַרוק.

— און וואָס וועט זיין אַז ער וועט אַראָפּפאַלן, — האָט ער אַלעמאָל איבערגעחזרט.

ענדלעך האָט מען דעם פּאַרוק פאַרפעסטיקט מיט בענדלעך, וואָס זענען געווען פאַרבינדן אונטער דער גאָמבע.

XXIX

דער מאַסקנבאַל איז פאָרגעקומען אין קלוב — אַ שטיינערנער בנין מיט צוויי דירות. דער בנין האָט אויסגעקוקט כמעט ווי אַ קאַזאַרמע, העל־רויט געפאַרבט, און איז געשטאַנען אינמיטן מאַרקפּלאַץ. איינגעאָרדנט דעם מאַסקנבאַל האָט גראָמאָוו-טשיסטאָפּאָלסקי, דער אַנטרעפּרענער און אַקטיאָר פון שטאָט־טעאַטער.

איבערן צופיר, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ דאַך פון קאַלעקאָר־טוך, האָבן געברענט גלעזערנע לאַמטערלעך. דער המון אויף דער גאַס האָט באַגעגנט די אָנגעפּאָרענע און אָנקומענדיקע מאַסקעס מיט קריטישע באַמערקונגען, ס'רוב נישט קיין פּאַסיקע, ווער שמועסט גאָר, אויף דער גאַס, ווו מען האָט צוליב די אויבערשטע בגדים נישט געקאָנט געניו באַמערקן די קאָסטיומען, האָט דער עולם פּשוט אָפּגעפּסקנט גלאַט אין דער וועלט אַריין. די פּאָליציאַנטן האָבן אויף דער גאַס געהיט די אָרדנונג מיטן גאַנצן ברען, און אינם זאַל האָבן זיך געפונען אַלס געסט דער איספּראַווניק און דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו.

יעדער גאַסט האָט ביים אַריינגאַנג באַקומען צוויי צעטעלעך:

אייגס אַ ראָזע, פֿאַרן שענסטן פֿרויען־קאָסטיום און אַ צווייטס, אַ גרינס — פֿאַרן בעסטן מענער־קאָסטיום. מ׳האָט זיי געדאַרפֿט אָפּגעבן פֿאַר דעם, וואָס האָט זיי פֿאַרדינט. אייניקע האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט:

— און פֿאַר זיך אַליין מעג מען אָפּגעבן?

לכתחילה האָט דער קאַסיר מיט פֿאַרוווּנדערונג איבערגעפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס עפּעס פֿאַר זיך?

— און אַז איך האַלט, אַז מיין קאָסטיום איז דער שענסטער.— האָט דער גאַסט געענטפֿערט.

נאָכדעם האָט זיך שוין דער קאַסיר מער נישט געוווּנדערט אי־בער אַזעלכע פֿראַגן, און גערעדט מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע (אַ מאָדנער חברה-מאַן געווען?)

— מיטן שענסטן כבוד, איר קאָנט אַפֿילו ביידע אָפּגעבן

אינגם זאָל איז געווען שמוציקלעך, און פֿון סאַמע אָנהויב האָט דער גרעסטער טייל פֿון עולם אויסגעקוקט שוין שיכורלעך.

אין די ענגע זאַלן מיט די פֿאַררויכערטע ווענט און באַלקנס, האָבן געברענט וואַנט-לייכטערס; זיי האָבן אויסגעקוקט אומגעהויער גרויס און שווער, ווי זיי נעמען צו אַ סך לופֿט. די אָפּגעקראָכענע פֿאָרטיערן אַרום די טירן האָבן געהאַט אַזאַ מין אויסזען, אַז מיאוס איז פּשוט געווען זיך אָנצורירן אין זיי.

אומעטום זענען געשטאַנען רעדלעך מענטשן, מ׳האָט פֿאַרנומען פֿאַרשידענע אויסרופֿן און געלעכטערס, — דאָס האָט מען געקוקט אויף די פֿאַרמאַסקירטע, וואָס האָבן צו זיך צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט מיט זייערע קאָסטיומען.

דער נאָטאַריוס גודאַיעווסקי האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ווילדן אַמעריקאַנער; אין די האָר פֿעדערן פֿון אַ האָן, די מאַסקע אַ קופּער־רויטע מיט גרין-מגושמדיקע אויזערן, אַ לעדערן יאַקל, אַ געקעסטלטער פּלעד איבער די פּלייצעס פֿאַרוואָרפֿן און לעדערנע הויכע שטיוול מיט גרינע באָמבעלעך. ער האָט געפֿאָכעט מיט די הענט, געשפּרונ־גען מיט אַ גימנאַסטישן גאַנג, פֿאַרוואָרפֿן אין דער הויך זיין שטאַרק איבערגעבויגענע נאַקעטע קני.

זיין פֿרוי האָט זיך אָנגעטון, ווי אַ זאַנג. זי האָט געטראָגן אַ פֿאַרביק קליידל פֿון גרינע און געלע שטיקער שטאָף; פֿון אַלע זייטן

האָבן געשטאַרצט אַרײַנגעשטעקטע זאַנגען. זײ האָבן אַלעמען פאַרטשעפעט און געשטאָכן. מ׳האָט זײ געטשעפעט און געצופט. זי האָט זיך בײז געזידלט.

— איך װעל זיך גראַבלען! — האָט זי געקװיטשעט.

אַלע האָבן געלאַכט.

— װוּ האָט זי עס אַזױפיל זאַנגען געפּאַקט? — האָט עמעצער געפרעגט.

— פון זומער זײ אװדאי נאָך באַהאַלטן, — האָט מען אים געענטפערט, — טאָג בײ טאָג אַװעק אין פעלד זײ גנבענען.

עטלעכע יונגיטשקע באַאַמטע, װאָס זענען שטאַרק געװען פאַרליבט אין דער גודאַיעװסקאַ, און װעלכע זי האָט פון פריער נאָך געגעבן צו װיסן, װי אַזױ זי װעט זײַן אָנגעטון, האָבן זיך די גאַנצע צײַט געדרײט אַרום איר און האָבן פאַר אירעטװעגן געזאַמלט קװיטעלעך — כמעט מיט געװאַלט, מיט גראָבקײַטן. בײ אײניקע נישט קײן דרײסטע, האָבן זײ פשוט אַרױסגעריסן די צעטעלעך פון די הענט.

— אַנדערע זענען נאָך געװען פאַרשטעלטע דאַמען, װאָס האָבן זײער פלײסיק צונױפגענומען צעטעלעך דורך זײערע קאַװאַלערן. אײניקע האָבן זשעדנע געקוקט אױף די נאָך נישט אָפּגעגעבענע צעטעלעך און זײ פשוט געשנאָרעט. מ׳האָט זײ חוצפהדיק געטריבן.

אַן אומעטיקע דאַמע, פאַרשטעלט אַלס נאַכט, — אין אַ בלױ קאָסטיום מיט אַ גלעזערן שטערנדל און אַ פּאַפּירענער לבנה אױפן שטערן, — האָט פאַרשעמט באַמערקט מורינען:

— גיט מיר אײַער צעטעלע.

מורין האָט גראָב געענטפערט:

— װאָס פאַר אַ דו! אַ צעטעלע דיר געבן אַזאַ פּאַסקודנע צורה!

די נאַכט האָט עפּעס בײז אַ װאָרטשע געטון און איז אַװעק. איר האָט זיך זײער געװאָלט, כאָטש אינדערהײם קאָנען באַװײַזן אַ צװײ־דרײ צעטעלעך, װאָס זי האָט באַקומען. אפילו אַזאַ באַשײדענער חלום איז אױך אומזיסט!

די לערערין סקאָבאָטשקינא האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בערין;

דאָס הייסט, גאָר פּשוט, אַרויפגעוואָרפן איבער די אַקסלען, און דעם בערנקאָפּ האָט זי אַרויפגעזעצט איבער איר קאָפּ, ווי אַ העלם, איבער דער גאַנץ געוויינטלעכער האַלבער מאַסקע. אין אַלגעמיין איז עס געווען זייער העסלעך, אָבער עס האָט דאָך זייער געפּאַסט צו איר געשטעל און גראָבן קול. די בערין איז אַרומגעגאַנגען מיט שווערע טריט און געבּרעווועט איבערן גאַנצן זאַל, אַזוי אַז די פּלעמלעך אין די לייכטער האָבן געציטערט.

אַסאַך איז די בערין געפעלן. מ'האָט איר געגעבן אַסך צעטעלעך, נאָר זי האָט זיי אַליין נישט געקאָנט האַלטן, און האָבן נעבן זיך אַ באַגלייטער, וואָס זאָל זיי אויפהיטן, האָט זי נישט געהאַט. די סוחרים־לעך האָבן זי אַלעמאָל מכבד געווען מיט בראָנפן, דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי געלונגען נאָכגעמאַכט אַלע גענג פון אַ בערין. דער עולם האָט געגוואַלטעוועט.

— זעט נאָר, די בערין זשלאָקעט בראָנפן!

סקאָבאָטשקינאַ האָט זיך נישט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן און נישט טרינקען קיין בראָנפן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ בערין מוז טרינקען בראָנפן, אויב מען איז זי נאָר מכבד, זי איז גיך געוואָרן שיכור: נאָכדעם, האָבן ליודמילאַ און דאַריאַ ביי איר צוגענבעט מער פון אַ העלפט בילעטן און זיי אַוועקגעגעבן סאַשאַן.

אויסגעצייכנט האָט זיך אויך מיט זיין אומגעהויערער גרויס און באַלייבטקייט איינער, וואָס איז געווען פאַרמאַסקירט אַלס אַן אוראַלטער גערמאַנער, אַסאַך איז געפעלן געוואָרן, וואָס ער איז אַזאַ באַלייבטער און וואָס די הענט ביי אים זענען אָנזעעוודיקע, מעכטיקע אַזעלכע, מיט זעלטן אַנטוויקלטע מוסקולן. נאָך אים זענען דערהויפּט נאָכגעגאַנגען דאַמען, און אַרום אים האָט זיך געהערט אַ צאַרטער ליבּגעפליסטער, אינם אוראַלטן גערמאַנער האָט מען דערקענט דעם אַקטיאָר בענגאַלסקי. בענגאַלסקי איז געווען באַליבט, דערפאַר האָבן אַסך אָפּגעגעבן זייערע צעטעלעך. אַסך האָבן געהאַלטן כמעט פון דעם:

— אויב איך וועל אים נישט באַקומען, טאָ זאָל אים שוין באַקומען אַן אַרטיסט, (אָדער אַן אַרטיסטין). אַניט, אויב אים וועט באַקומען אַ היימישער, וועט ער מיט זיין באַרימעריי אַלעמען דערגיין די יאָרן.

דערפֿאָלג האָט אויך געהאַט גרושינאַס קאָסטיום, — אַ סקאַנדאַליעזן דערפֿאָלג. די מענער זענען איר נאָכגעלאָפֿן ווי אַ סטאַדע בהמות. זיי האָבן געכיכעט, געמאַכט מיאוסע באַמערקונגען. די דאַמען האָבן זיך אָפּגעקערט, זיך אויפֿגערעגט. ענדלעך איז דער איספּראַווניק צוגעגאַנגען צו גרושינאַן און, באַלעקנדיק זיך, באַמערקט:

— מאַדאַם, מען דאַרף זיך צודעקן.

— וואָס איז דען? מען זעט דאָך בײַ מיר גאָרנישט נישט. — האָט גרושינאַ לעבעדיק געענטפֿערט.

— מאַדאַם, די פֿרויען באַליידיקן זיך. — האָט מינטשוקאָוו דערקלערט.

— איך שפּײַ אויף אונזערע דאַמען. — האָט גרושינאַ אויסגעשריגן.

— ניין, מאַדאַם, — האָט מינטשוקאָוו געבעטן. — זײַט אַזוי גוט און פֿאַרדעקט מיט אַ נאָזטיכל די ברוסט און די פּלייצע.

— און אַז דאָס טיכל איז אַ פֿאַרסמאַרקעטס? — האָט גרושינאַ מיט אַ חוצפּהדיק געלעכטער אָפּגעפֿרעגט.

— איז ווי איר ווילט זיך, מאַדאַם, נאָר אויב איר וועט זיך נישט צודעקן, וועל איך געצווונגען זײַן אײַך צו דערווייטערן פֿון זאַל.

גרושינאַ האָט זיך געזידלט און געשפּיגן און איז אַזוי אַוועק אינעם טואַלעט־צימער און מיט דער הילף פֿונם דינסטמיידל צעלאָזט די פֿעלדלעך פֿון איר קליידל און באַדעקט ווי נישט איז די ברוסט מיט דער פּלייצע. — און אומקערנדיק זיך צוריק אינעם זאַל, הגם שוין אין אַ מער באַשיידענעם אויסזען, האָט זי דאָך געהאַלטן אין איין אַרומשטיפֿן מיט קאַוואַלערין. זי האָט זייער גראָב זיך געהאַנדלט מיט אַלע מענער. נאָכדעם ווי זייער אויפֿמערקזאַמקייט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדערער, איז זי אַוועק אין בופֿעט גנבענען זיסע זאַכן.

באַלד האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אין זאַל, געוויזן וואָלאָדינען אַ פּאָר פּירעשקעס, חוצפּהדיק אַ שמייכל געגעבן און באַטאָנט:

— אַליין געפּאַקט...

און באַלד זענען די פּירעשקעס פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין די פֿעלדלעך פֿון איר קליידל. וואָלאָדין האָט זיך פֿריידעוודיק צעלאַכט:

— נו! — האָט ער גערעדט. — איך וועל אויך פּרוּוון, אויב עס גייט.

אינגיכן האָט זיך גרושינאַ אָנגעטרונקען און אָנגעהויבן גוואַלטעווען, פאָכען מיט די הענט, שפּייען.

— אַ פריילעכע דאַמע, די דיאַנקע. — האָט מען וועגן איר גערעדט.

אָט אַזאַ איז ער געווען דער מאַסקנבאַל, וווהין די צעלאָזטע מיידלעך האָבן פאַרשלעפּט דעם לייטזיניקן גימנאַזיסט. די דריי שוועסטער מיט סאַשאַן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי דראָזשקעס און זענען אָנגעקומען זייער שפּעט, — זיי האָבן צוליב אים פאַרשפּעטיקט.

זייער אָנקומען האָט מען גלייך באַמערקט אויפן באַל. דערהויפּט איז די גיישע אַ סך געפעלן געוואָרן. אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז די אַקטריסע קאַטשאַנאָווא האָט זיך עס פאַרשטעלט פאַר אַ גיישע, די אַקטריסע איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די אָרטיקע מענער. און דערפאַר האָט מען סאַשאַן אָפּגעגעבן אַ סך צעטעלעך.

און קאַטשאַנאָווא איז גאָרנישט געווען אויפן מאַסקנבאַל, — ביי איר איז מיט אַ טאָג פריער אַ קינד געפערלעך קראַנק געוואָרן.

סאַשא איז געווען פאַרשיכּורט און האָט קאָקעטירט אויף וואָס די וועלט שטייט. און וואָס מער צעטעלעך מ'האָט געשטופּט אינם קליינעם הענטל פון דער גיישע, האָבן אַלץ פריילעכער און גדלותדיקער געגלאַנצט די אויגעלעך פון דער קאָקעטישער יאַפּאַנערין פון הינטער די שמאָלע שפּעלטלעך פון דער מאַסקע.

די גיישע האָט געמאַכט רעווערענסן, אויפגעהויבן די דינע פינגערלעך, געכיכעט מיט אַ האַרציק קול, געפאָכעט מיטן פעכער, געפּאַטשט מיט אים איבער דער פּלייצע פון דעם אָדער יענעם מאַן, און נאָכדעם פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטן פעכער, און אַלע ווייל צעפּנט און צוגעמאַכט דעם רויזנשירעם. גאַנץ איינפאַכע מאַניערן, — דאָך איז עס גענוג געווען, כּדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון יענע אַלע, וואָס האָבן געמיינט צו געפעלן אַזוי דער אַקטריסע קאַטשאַנאָווא.

— מיין צעטעלע וועל איך אָפּגעבן דער שענסטער פון אַלע דאַמען. — האָט טישקאָוו דערקלערט, און מיט אַ ווילערישער פאַרביגונג דערלאַנגט זיין צעטעלע דער גיישע.

האָט ער שוין געהאַט אַ סך אויסגעטרונקען און איז רויט געווען; זיין אומבאַוועגלעך שמייכלענדיק געזיכט און פאַרגליווערטע פיגור האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ ליאַלקע.

וואַלעריאַ האָט צוגעזען סאַשאַס דערפאָלג און אים שטאַרק מקנא געווען. איצט האָט זיך איר אויך שוין פאַרוואָלט, אַז מען זאָל זי אָנערקענען, אַז איר קאָסטיום און איר דינע און שלאַנקע פיגור זאָל געפעלן דעם עולם. און מען זאָל איר אָפּגעבן דעם פּריז. באַלד אָבער האָט זי זיך מיט פּאַרדרוס געכאַפּט, אַז ס׳איז נישט מעגלעך: אַלע דריי שוועסטער האָבן געהאַט אָפּגערעדט, צו זען באַקומען צעטעלן פאַר דער גיישאַס וועגן בלויז, און אויב מען וועט אפילו אַליין פּאַקן אַ צעטעלע, זאָל מען עס אויך אַוועקגעבן דער יאַפּאַנערין.

איך זאָל האָט מען געטאַנצט, וואָלאָדין איז גיך געוואָרן שיכור און זיך געלאָזט טאַנצן אַ האָפּקע. די פּאָליציי-לייט האָבן אים אָפּגעשטעלט. ער האָט באַמערקט, פריילעך, פאָלגנדיק:

— נו, אויב מען טאָר נישט, איז נישט.

גלייך נאָך אים האָבן זיך געלאָזט אַ האָפּקע צוויי אָרטיקע איינווינער און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן.

— וועמעס עסק איז עס? פאַר מיינע פופציק קאָפּיקעס? — האָבן זיי געליאַרעמט און מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט.

וואָלאָדין האָט זיי באַגלייט, קרומענדיק זיך, שטשירענדיק די ציינער, און צוטאַנצנדיק צום טאַקט.

די פריילינס רוטילאָוו האָבן אין דער גיך גענומען זוכן פערעדאָנאָוון, כדי אַ ביסל אָפּהוזקן פון אים. ער איז איינער אַליין געזעסן פאַרן פענסטער, און געקוקט אויפן עולם מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן. אַלע מענטשן און זאַכן האָבן אים אויסגעוויזן עפּעס מטושטשע און אָפּגעזונדערטע, אָבער אַלע פיינטלעכע.

לידמילאַ, אַנגעטון ווי אַ ציגיינערין איז צו צו אים און זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרענדערטער האַלז-שטים:

— פריץ מיינער, טייערינקער, לאָז, וועל איך דיר טרעפן.

— טראָג זיך אָפּ צו אַלדי רוחות! — האָט פערעדאָנאָוו אַ געשריי געטון.

די אומגעריכטע דערשיינונג פון אַ ציגיינערין האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַן אימה.

— פריץ טייערער, גאָלדענער פריץ מיינער, גיב מיר דיין האַנט. פון געזיכט זע איך, וועסט זיין אַ גביר, אַ גרויסער שררה. — האָט לידמילאַ געגודיעט און פאָרט גענומען פערעדאָנאָווס האַנט.

— נו, זע־זשע, זאָלסט מיר אָקאָרשט גוט טרעפן. — האָט פע־רעדאָנאָוו אַ וואָרטשע געטון.

— אָ, פריץ בריליאַנטענער מיינער, — האָט לידמילאַ דערקלערט — האָסט אַ סך שונאים, זיי וועלן אויף דיר מסרן, וועסט האָבן צו זינגען און צו זאָגן, וועסט שטאַרבן ערגעץ הינטער אַ פּלויט.

— אָך, דו נבלה, דו! — האָט פערעדאָנאָוו אַ געשריי געטון און אַרויסגעריסן די האַנט.

לידמילאַ האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן און אויסגעמישט זיך צווישן עולם. אויף איר אָרט האָט זיך תיכף באַוויזן וואַלעריאַ, — זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן פערעדאָנאָוון און צאַרט אים גענומען שעפּ־טשען:

כ׳בין אַ שפּאַניערין אַ יונגע
ליב אַזעלכע מאַנסביל גראָד,
דאר דיין ווייבל ווי אַ גרינגע
ביסט אַ שיינער האַר מיט גבאָד.

— לייגסט, בהמה. — האָט פערעדאָנאָוו געוואָרטשעט.

וואַלעריאַ האָט געפּליסטערט:

הייסער טאָג און זיסער אָוונט,
איז דער קוש סעווילער מיין, —
און דיין ווייבל נאַריש שלאָפט,
שפּיי אין פּנים גלייך אַריין.
הייסט דיין ווייבל דאָך — וואַרוואַרא,
דו מיין שיינער אַרדאַליאָן.
ביסט קיין פּאָר נישט מיט דער דאַרע־
קלוג ווי שלמה אויבן־אָן.

— דאָס ביסטו גערעכט, — האָט פערעדאָנאָוו באַמערקט — אָבער ווי קאָן איך איר אָנשפּייען אַ פולע צורה? זי קאָן עס נאָך אָנ־

שרייבן דער פירשטין, און זי וועט מיר דעם פאָסטן נישט געבן.

— און צו וואָס באַדאַרפסטו דעם פאָסטן? ביסט אָן אים אויך נישקשה. — האָט וואַלעריא דערקלערט.

— נו, אוודאי, ווי קאָן איך עס לעבן אָן אַ פאָסטן, — האָט פערעדאָנאָוו טרויעריק מיטן קאָפ געשאָקלט.

דאַריא האָט וואָלאָדינען אַריינגעשטופט אין דער האַנט אַ בריוועלע אין אַ רויז קאָנווערטל. מיט אַ פריידעווודיק בעקען האָט ער עס אויפגעריסן, איבערגעלייענט און זיך פאַרטראַכט, — און איז שטאָלץ געוואָרן ביי זיך, הגם ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט. געווען איז דאָרט קורץ און שאַרף אָנגעשריבן:

—„קום, טייערינקער, צו מיר אויף אַ ראַנדע-ווו מאָרגן עלף אַ זייגער ביינאַכט אינם סאָלדאַטנבאָד. לגמרי אַ פרעמדע זש.”

וואָלאָדין האָט גלייך געגלויבט אינם אינהאַלט פונם בריוול, נאָר ער האָט נישט געוווסט, — צי לוינט אַהינצו גיין? און ווער איז עס די זש.? עפעס אַ זשענע דאָרטן? אָדער אפשר איז עס דער אָנהויב פון פאַמיליענאָמען?

וואָלאָדין האָט דעם בריוו באַוויזן רוטילאָוון.

— גיי, אוודאי דאַרפסטו גיין! — האָט אים רוטילאָוו צוגערעדט, — וועסט זען, וואָס פון דעם וועט אַרויס. אפשר איז עס אַ רייכע כלה, זי האָט זיך איינגעליבט אין דיר, און די עלטערן לאָזן איר נישט, טאָ וויל זי אָט מיט דיר זיך איבעררעדן.

נאָר וואָלאָדין האָט געטראַכט און איבערגעטראַכט, און סוף־כל־סוף באַשלאָסן, אַז עס לוינט זיך נישט אַהינצו גיין. ער האָט וואַזשנע באַמערקט:

— זיי הענגען זיך מיר אויפן האַלז! איך וויל אָבער נישט אַזעלכע צעלאָזענע.

ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים דאָרט נישט אָנברעכן די ביינער: די סאָלדאַטנבאָד איז געשטאַנען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, אין עק שטאָט.

און בשעת דער גאַנצער עולם האָט זיך שוין אין אַלע צימערן געשטופט, געדיכט, שרייענדיק און גוזמהדיק־פריילעך, האָט זיך אין זאַל ביי דער אַריינגאַנג־טיר געמאַכט אַ טומל, אַ כליעריי, מיט פריי־

דעוודיקע קולות. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון אַהין. איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז עס איז אָנגעקומען אַ מסוכן־אָריגינעלע מאַסקע.

אַ דאַרער מאַן, אַ לאַנגער, אין אַ געלאַטעטן, פאַרשמאָלצעוועטן כאַלאַט, מיט אַ בעזעמל אונטערן אָרעם, מיט אַ שעפּעלע אין האַנט, האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן עולם. ער האָט געטראָגן אַ טאָוולנע מאַסקע — אַ נאַרישע צורה מיט אַ שמאָל בערדל, מיט באָטשקעס, און אויפן קאָפּ אַ היטל מיט אַ קיילעכדיק־ציווילער קאָקאַרדע. ער האָט אַלע ווייל איבערגעחזרט מיט אַ פאַרוווּנדערטער שטים:

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז אַ מאַסקנבאַל, און ערשט מען באָדט זיך דאָ גאָרנישט נישט.

און טרויעריק געפאָכעט מיטן שעפל. דער עולם איז אים נאָכ־געגאַנגען, געגאַפט און גאַנץ אויפריכטיק זיך געפרייט מיט זיין חידושימדיקער המצאה.

— ער וועט נאָך דעם פּריז באַקומען. — האָט וואָלאָדין מיט קנאה באַמערקט.

און מקנא געווען אים איז ער, פּונקט כּמעט ווי ס'רוב געסט, אָט סתם אַזוי, אָן שום מיין דערביי, — ער איז דאָך נישט געווען פאַרמאַסקירט, טאָ וואָס־זשע האָט ער געדאַרפט מקנא זיין? און אָט מאַטשיגין, ער איז פשוט געווען אויפן זיבעטן הימל: דערהויפּט האָט ער געכאַפּט התפעלות פון דער קאָקאַרדע. ער האָט פריידעוודיק גע־כיכעט, געפּאַטשט מיט די דלאָניעס און געטענהט צו באַקאַנטע און ווילד־פרעמדע:

— זעלטענע קריטיק! די אַלע באַאַמטע האָבן זיך גערן זייער גרויס צו מאַכן, זיי האָבן גערן צו טראָגן קאָקאַרדעס, מונדירן, טאָ האָט מען זיי אָט דערלאַנגט אַ ביסל, — זייער ווויל.

און אַז עס איז געוואָרן הייס, האָט זיך דער באַאַמטער אין כאַלאַט גענומען פאָכען מיט אַ בעזעמל און געשריגן בשעת־מעשה:

— אָט דאָס איז שוין איינמאָל אַ בעדל!

די אַרומיקע האָבן פריילעך געלאַכט. אינם שעפל האָבן זיך אַ שאָט געטון צעטעלעך.

פערעדאָנאָוו האָט געקוקט אויפן בעזעמל, וואָס האָט געפאָכעט

איבער אַלעמענס קעפּ. עפּעס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז דאָס אומבאַרירל.

— ס׳איז גרין געוואָרן, די שעלמע, — האָט ער אין איין שרעק אַ טראַכט געטון.

XXX

ענדלעך האָט מען אָנגעהויבן איבערצוציילן די צעטעלעך, וואָס מ׳האָט באַקומען פאַר די קאָסטיומען. די עלטסטע פון קלוב האָבן צו־נויפגעשטעלט דעם קאָמיטעט. ביי דער טיר אַרום זשורי־צימער האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן אָנגעשטרענגט וואַרטנדיקער עולם. אין קלוב איז אויף אַ קורצער צייט געוואָרן שטיל און אומעטיק, די מוזיק האָט געשוויגן — די געסט זענען שטיל געוואָרן. פּערעדאָנאָוון האָט אַרום־געכאַפּט אַ גרויל.

נאָר באַלד האָט דער עולם אָנגעהויבן ווידער צו רעדן; ס׳האָבן זיך דערהערט אומצופרידענע קולות. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. עמעצער האָט פאַרזיכערט, אַז ביידע פּריזן וועלן באַקומען די אַקטיאָרן.

— אָט וועט איר זען, — האָט זיך געהערט וועמענס אַן אויפ־געדעגט־שיפּענדיק קול.

אַ סך האָבן געגלויבט. דער עולם האָט זיך דענערווירט. די, וואָס האָבן באַקומען ווייניק צעטעלעך, זענען שוין געווען אויפגעבראַכט דערפון. די, וואָס האָבן אַ סך באַקומען, האָבן זיך אויפגערעגט פון דער מעגלעכער אומגערעכטיקייט.

פּלוצים האָט דין און נערוועז אַ קלונג געטון אַ קליין גלעקל. אַרויס איז דער זשורי: וועריגאַ יאַווינאָוויצקי, קירילאָוו און די איבעריקע עלטסטע פון קלוב. אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל, — נאָר באַלד זענען אַלע ווידער שטיל געוואָרן.

אווינאָוויצקי האָט מיט אַ הילכיקער שטים דערקלערט פאַרן זאַלז דעם פּריז, דעם אַלבום, פאַרן בעסטן מענערישן קאָסטיום, האָט, לויט דער גרעסטער צאָל, באַקומענע צעטעלעך, געפּאַקט דער הער אינם קאָסטיום פון אַן אוראַלטן גערמאַנער.

אווינאָוויצקי האָט הויך אויפגעהויבן דעם אַלבום און בייז גע־

קוקט אויפֿן עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אַרום אים. דער געזדיק-סיקער גערמאַנער האָט זיך גענומען אַ וועג מאַכן צווישן עולם. מ׳האָט אויף אים געקוקט פֿיינטלעך. מ׳האָט אים אפֿילו נישט אָפּגעטראָטן אַזוי גיך דעם וועג.

— שטופּט זיך נישט. — האָט מיט אַ וויינענדיק קול אויסגעשריגן די טרויעריקע דאַמע אינעם בלויען קאָסטיום, מיטן גלעזערנעם שטערנדל און מיט דער פּאַפּירענער לבֿנה אויפֿן שטערן, — די נאַכט.

— באַקומען דעם פּריז, מיינט ער שוין, אַז ער איז מי-יודע ווער, אַז אַלע דאַמען דאַרפֿן זיך פֿאַר אים אויסשטרעקן. — האָט זיך פֿון עולם דערהערט אַ בייז-שיפּענדיק קול.

— אַז איר לאָזט אַליין נישט, — האָט דער גערמאַנער מיט אַן איינגעהאַלטענעם פֿאַרדרוס באַמערקט.

ענדלעך האָט ער זיך ווי ס׳איז דורכגעשלאָגן צום זשורי און צוגענומען דעם אַלבום פֿון ווערינאַס הענט, דער אָרקעסטער האָט אויפֿגעשפּילט אַ טוש. נאָר די קלאַנגען פֿון דער מוזיק זענען פֿאַרטריבט געוואָרן פֿון אומגעהויערן רעש.

עס האָבן זיך דערהערט זידלערייען. מ׳האָט אַרומגערינגלט דעם גערמאַנער, מ׳האָט אים געצופּט, געריסן און געשריגן:

— נעמט אַראָפּ די מאַסקע!

דער גערמאַנער האָט געשוויגן. דורכרייסן זיך דורכן עולם האָט ער זייער לייכט געקאָנט, — נאָר ער האָט נישט געוואָלט באַנוצן זיך מיט זיין קראַפט. גודאַיעווסקי האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם אַלבום, און אין דער זעלבער צייט האָט עמעצער אַראָפּגעריסן פֿונעם גערמאַנער די מאַסקע. צווישן עולם האָבן זיך געהערט געשרייען:

— אוודאי אַן אקטיאָר!

די השערות זענען געווען ריכטיקע: דאָס איז געווען דער אקטיאָר בענגאַלסקי. ער האָט מיט כּעס אויסגעשריגן:

— נו, און אַז אַן אקטיאָר איז וואָס! איר האָט דאָך אַליין געגעבן די צעטעלעך!

אַלס ענטפֿער האָבן זיך אַ שאָט געטון בייזע קולות:

— צופֿאַלשעווען קאָן מען.

— איר האָט דאָך זיי אַליין געדרוקט.

— נישט פאַראַן גאָר אַזוי פיל מענטשן, וויפל צעטעלעך מען האָט צעטיילט.

— ער האָט מיט זיך געבראַכט פופציק צעטעלעך אוודאי!

בענגאַלסקי איז רויט געוואָרן און אויסגעשריגן:

— דאָס קאָנען נאָר ליידזקעס אַזוי רעדן. ווער עס וויל קאָן קאָנטראָלירן, — לויט דער צאָל געסט קאָן מען קאָנטראָלירן.

אינדערזעלבער צייט האָט ווערינגא איבערגערעדט מיט די נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט:

— מיינע הערן, באַרויקט זיך, קיין שום שווינדל איז דאָ נישט געווען, איך האַפט פאַר דעם: מ'האָט קאָנטראָלירט די צעטעלעך לויטן צאָל פון די אַריינגאַנג־בילעטן.

די עלטסטע האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן מיט דער הילף פון די מער סאָלידע געסט אַביסל צו באַרויקן דעם עולם. און דערצו נאָך זענען אַ סך נייגעריק געווען צו וויסן, ווער עס וועט פאַקן דעם צווייטן פריז. ווערינגא האָט דערקלערט:

— מיינע הערן, די גרעסטע צאָל צעטעלעך פאַרן שענסטן דאַמען־קאָסטיום האָט באַקומען די דאַמע אינם קאָסטיום פון אַ גיישא, און איר האָט מען צוגעפסקנט צו באַקומען דעם פעכער, גיישא, איך בעט אייך צוגיין אַהער. דער פעכער געהער אייך. מיינע הערן, איך בעט אייך זייער, זייט אַזוי גוט און לאָזט דורכגיין די גיישא.

דער אָרקעסטער האָט ווידער גענומען אויפשפילן אַ טוש. די דערשראָקענע גיישא וואָלט מיט גרויס פאַרגניגן געוואָלט בעסער אַנטלויפן. נאָר מ'האָט זי אַ כאַפּ געטון, גענומען אונטערשטופן. און זי אַריבערגעשטויסן פאָרויס.

ווערינגא האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל איר דערלאַנגט דעם פעכער. עפּעס אַ מין פאַרביקס און איבערגעצירטס האָט אַ שווינדל געטון אין סאַשאַס צעשראָקענע און פאַרשעמטע אויגן. מען באַדאַרף באַדאַנקען, — האָט ער אַ טראַכט געטון. ס'איז אַרויסגעשווומען די איינגעניטע העפלעכקייט פון אַן איידל דערצויגן ייִנגל.

די גיישא האָט געמאַכט אַ רעווערעַנס, עפּעס אַ זאָג געטון, אויפגעהויבן די פינגערלעך, — און אין זאַל איז ווידער געוואָרן אַ

שרעקלעכער געוואַלט, ס'האָט זיך דערהערט אַ פּייפעריי, זיד-לערייען:

— פאַרנויג זיך, ליידאַטשקע! — האָט געשריגן די צעווילדעוועטע צעשויבערטע „זאַנג“, — פּאַרנויג זיך!

די גיישע האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר, מ'האָט זי אָבער פאַרהאַלטן. צווישן עולם, וואָס האָט זיך אויפגערעגט געווימלט אַרום איר, האָבן זיך געהערט ווילדע קולות:

— הייסט איר אַראָפּנעמען די מאַסקע!

— די מאַסקע אַראָפּ!

— כאַפּט זי!

— האַלט זי!

— רייסט זי אַראָפּ פון איר!

— נעמט ביי איר אָפּ דעם פעכער!

די „זאנג“ האָט געשריגן

— איר ווייסט וועמען איר האָט דעם פריז געגעבן? דער אַק-טריסע קאַשטאַנאָווא. זי האָט אַ פרעמדן מאַן אָפּגעשלאָגן, און איר — גיט איר אַ פריז! אָרנטלעכע דאַמען גיט איר נישט, און איר, אָט דער ליידאַטשקע גיט איר!

און זי האָט זיך געוואָרפן אויף דער גיישא מיט אַ קוויטשעריי און צונויפגעפרעסטע טרוקענע קולאַקעס. נאָך איר האָבן זיך אַ לאָז געטון אַנדערע, — ס'רוב אירע קאַוואַלערן.

די גיישא האָט זיך מוראדיק אָפּגעשלאָגן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געפּערלעך געיעג. דעם פעכער האָט מען צעבראָכן, אים אַרויסגע-ריסן פון דער האַנט און אַ שמיץ געטון אויף דער ערד און גענומען טרעטן מיט די פיס. דער עולם מיט דער גיישע אינדערמיט האָט זיך ווילד געטראָגן איבערן זאַל, אומוואָרפנדיק אַלעווייל אַן אַנדערן פון די צוקוקער. נישט די רוטילאָווס, נישט די עלטסטע פון קלוב האָבן נישט געקאָנט צוקומען צו דער גיישא. די גיישא, אַ זשוואַווע, אַ שטאַרקע, האָט שטאַרק געקוויטשעט, זיך געדראַפּעט, געביסן. די מאַס-קע האָט זי פעסט צוגעהאַלטן, אַמאָל מיט דער רעכטער, און אַמאָל מיט דער לינקער האַנט.

— הרגענען דאַרף מען זיי, אַלע. — האָט עפּעס אַן אויפגעבראַכט דאַמעלע געליאַרעמט.

די שיכּורע גרושינא האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַנדערע און אָנגעריצט וואָלאָדינען און אַנדערע פון אירע באַקאַנטע.

— קנייפּט איר, גיט איר אַ קניפּ, די ליידאַטשקע! — האָט זי געקוויטשעט.

מאַטשיגין האַלטנדיק זיך פאַרן נאָז, פון וואַנען ס׳האָט גערונען בלוט, — איז אַרויסגעשפּרונגען פונם עולם און זיך געקלאָגט:

— גלייך אין דער נאָז אַריין מיטן קולאַק פאַרפאָרן!

און עפּעס אַ צעווילדעוועטער יונגערמאַן האָט זיך איינגעגעסן מיט זיינע ציינער אין דער גיישאס אַרבל און אים צעריסן ביז דער העלפט. די גיישא האָט געשריגן

— ראַטעוועט!

און די איבעריקע האָבן אויך אָנגעהויבן צו רייסן אירע קליי־דער. אויף איינִיקע ערטער האָט זיך אַנטבלויזט איר לייב. דאַריאַ און לּיודמילא האָבן זיך געפּערלעך געשטופּט און געוואָלט צו איר צוקו־מען, אָבער ס׳איז געווען אומעגלעך. וואָלאָדין האָט מיט אַזאַ פלייס געצופּט און באַריסן די גיישא, געקוויטשעט און געקרומט זיך עפּעס, אַז ער האָט אפילו געשטערט די איבעריקע, די ווייניקער שיכּורע און מער אויפגעבראַכטע: און געטון האָט ער עס חלילה נישט מחמת בייזקייט, נאָר פון פריילעכקייט וועגן. פאָרשטעלנדיק זיך, אַז דאָ ווערט עפּעס אָפּגעשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך פריילעכער ספּעקטאַקל. ער האָט אָפּגעריסן אַן אַרבל פון דער גיישאס קליידל, און מיט אים אַרומ־געבונדן דעם קאָפּ.

— עס קאָן צונוץ קומען! — האָט ער מיט אַ קוויטשל געשריגן, געמאַכט העוויות און געכיכעט.

ער האָט זיך אַרויסגעריסן פונם סאַמע געדיכטעניש פון עולם, ווו אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אים איז ענג, און זיך גענומען נאַ־ריש מאַכן אין דער פריי און מיט אַ ווילד ריטשען זיך צעהאָפּעט איבער די שערבלעך פון פעכער.

נישט פאַראַן געווען ווער עס זאָל אים איינעמען.

פערעדאָנאָוו האָט אויף אים געקוקט מיט הוילע שרעק און געטראַכט:

ער טאַנצט און פרייט זיך. אָט אַזוי וועט ער מסתמא טאַנצן אויך אויף מיין קבר.

ענדלעך האָט זיך די גיישא אַרויסגעריסן, — די מענער, וואָס האָבן זי געהאַט אַרומגערינגלט, זענען בייגעשטאַנען קעגן אירע קולאַקעס און שאַרפע ציינער. די גיישא האָט זיך אַ לאָז געטון אַרויס פון זאַל.

אין קאָרידאָר האָט זיך די „זאַנג" ווידער אַרויפגעוואָרפן אויף איר און זי אָנגעכאַפּט פאַרן קליידל. די גיישא האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעריסן, נאָר מ'האָט זי ווידער אַרומגערינגלט. ס'איז געוואָרן אַ פריש געיעג.

— מען רייסט די אויערן, די אויערן רייסט מען! — האָט עמעצער געשריגן.

עפּעס איינע אַ דאַמעטשקע האָט די גיישא געכאַפּט ביי אַן אויער, און אים גענומען רייסן, ריטשענדיק דערביי פון פאַרגעניגן און נצחון. די גיישא האָט אָנגעהויבן קוויטשען און זיך ווי נישט איז אַרויסגעריסן, אַ קלאַפּ טוענדיק מיטן קולאַק איבער דער בייזער דאַמעטשקעס האַנט.

ענדלעך, האָט זיך בענגאַלסקי, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט באַוויזן איבערצוטון אין זיינע געוויינטלעכע קליידער, דורכגעשלאָגן דורכן עולם גלייך צו דער גיישא. ער האָט די ציטערנדיקע גיישא גענומען אויף זיינע הענט, זי פאַרדעקט מיט זיין אומגעהוירן קערפּער און מיט די הענט, אויף וויפיל נאָר ער האָט געקאָנט, און זי שנעל אַרויסגעטראָגן, מאַכנדיק איר געשיקט אַ וועג, אָפּשטויסנדיק דעם עולם מיט זיינע עלנבויגנס פון הענט און פיס. אינם עולם האָט מען געשריגן:

— ליידאַק, פּאַסקודניאַק!

בענגאַלסקין האָט מען געצופּט, געריסן, געקלאַפּט אינם רוקן. ער האָט געשריגן:

— איך וועל נישט דערלויבן אַראָפּרייסן די מאַסקע פון דער פרוי; וואָס איר ווילט קאָנט איר טון, אָבער איך וועל נישט דערלויבן.

אָט אַזוי האָט ער דורכן גאַנצן קאָרידאָר דורכגעטראָגן די יאַפאַנערין. דער קאָרידאָר האָט זיך געענדיקט מיט אַ שמאָלער טיר אינם עסצימער אַריין. דאָ האָט זיך וועריגאַן אויף אַ קורצער ווייל איינגעגעבן איינצוהאַלטן דעם עולם. מיט דער באַשלאָסנקייט פון אַ מיליטערמאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר, זי פאַרשטעלט מיט זיך און באַטאָנט:

— מיינע הערן, איר וועט ווייט נישט גיין!

גודאַיעווסקאַיאַ, שאָרכענדיק מיטן רעשט פון די צעמזיקטע זאַנגען, איז אָנגעפאַלן אויף וועריגאַן, זיך געוואָרפן אויף אים מיט אירע טרוקענע קולאַקעס, און יאָמערלעך געריטשעט:

אַוועקט, לאָזט דורכגיין!

אָבער דעם גענעראַלס באַדייטנדיק געזיכט און זיינע באַשליסנדיקע גרויע אויגן האָבן איר אָפגעהאַלטן זיך אַקעגנצושטעלן. מיט אַן אומאַכטיקן כעס האָט זי געשריגן אויפן מאַן:

— מען נעמט און מען פאַרפאָרט איר גלייך אין דער צורה אַריין — וואָס האָסטו געשוויגן, גולם.

— ס׳איז געווען אומבאַקוועם צוצוגיין, — האָט זיך דער אינדיאַנער פאַרטיידיקט, פאָכענדיק מיט די הענט, — פאַוולושקע האָט זיך אַלץ אונטער די הענט געדרייט.

— גיט מען פאַוולושקען אין די ציינער אַריין, און איר אין דער באַק, וואָס איז זיך דאָ צו צערעמאָניען! — האָט גודאַיעווסקאַיאַ געשריגן.

דער עולם האָט געפראַלט גלייך אויף וועריגאַן. געהערט האָט זיך אַ מאַרק-זידלעריי. וועריגא איז זיך רויק געשטאַנען פאַר דער טיר און איינגעטענהט מיט יענע, וואָס זענען געשטאַנען נענטער, זיי זאָלן אויפהערן טומלען.

דאָס יינגל פון דער קיך האָט אויפגעמאַכט די טיר הינטער וועריגאַן און אַ שעפטשע געטון:

— זיי זענען אַוועקגעפאָרן, עקסעלענץ.

— וועריגא האָט אָפגעטרעטן. דער עולם האָט זיך אַריינגעריסן אין עסצימער, נאָכדעם אין קיך אַריין, — מ׳האָט געזוכט די גיישא, באָר זי איז שוין נישט געווען.

בענגאַלסקי האָט מיט אימפּעט דורכגעטראָגן די גיישאַ דורכן עסצימער אין קיך אַריין. זי איז רויק געלעגן אויף זיינע הענט און געשוויגן. בענגאַלסקין האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דאָס שטאַרקע קלאַפּן פֿון דער גיישאַס האַרץ. אויף אירע נאַקעטע הענט האָט ער באַמערקט עטלעכע ראַצן, און נעבן עלנבויגן — אַ בלוי-געלן פֿלעק פֿון אַ קלאַפּ.

בענגאַלסקי האָט מיט אַן אויפגערעגט קול זיך געווענדט צו דער קיך-דינערשאַפֿט:

— שנעלער אַ מאַנטל, אַ ליילעך, אַ כאַלאַט, עפּעס וואָס, — מען דאַרף די האַרנטע ראַטעווען.

עמעצער האָט אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַ מאַנטל איבער סאַשאַס אַקסלען, בענגאַלסקי האָט ווי ס'איז אַרומגעוויקלט מיט אים די יאַפּאַנערין, — און איבערן שמאָלן, קוים-באַלויכטן קאָרידאָר האָט ער זי אַרויסגעטראָגן אינעם הויף אַרויס, און דורכן טירל אין געסל אַריין.

— נעמט אַראָפּ די מאַסקע, — אין דער מאַסקע איז ערגער. מען וועט דערקענען, איצט איז סיי-ווי-סיי פֿינסטער, — האָט ער גאַנץ אומלאָגיש געטענהט. — כ'וועל עס קיינעם נישט אויסזאָגן.

אים איז עס ניייגעריק געווען צו וויסן. ער האָט דאָך אויף זיכער געוווּסט, אַז עס איז נישט קאַשטאַנאָוואַ, — אָבער ווער-זשע דען איז עס?

די יאַפּאַנערין האָט געפֿאָלגט. בענגאַלסקי האָט פֿאַר זיך דערזען אַן אומבאַקאַנט שוואַרצלעך געזיכט, אויף וועלכן די שרעק האָט זיך געביטן אויף אַן אויסדרוק פֿון פֿרייד צוליבן אויסגעמיטענעם געפֿאַר. די גאַוואַהדיקע און שוין פֿריידעוודיקע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן אַקטיאָרס געזיכט.

— ווי אַזוי זאָל איך עס אייך אָפּדאַנקען! — האָט די גיישאַ געזאָגט מיט אַ קלינגענדיקער שטים, — וואָס וואָלט מיט מיר געווען, ווען איר וואָלט מיך נישט אַרויסגעראַטעוועט.

גאָר קיין פּחדן נישט פֿון אַ ווייבל, אַן אינטערעסאַנט ווייבל, — האָט דער אַקטיאָר אַ טראַכט געטון — אָבער ווער איז זי? אפֿנים, נישט קיין היגע: די היגע דאַמען האָט בענגאַלסקי געקענט. ער האָט שטיל באַמערקט סאַשאַן:

— מען דאַרף אייך וואָס שנעלער אָפּפירן אַהיים. זאָגט מיר אייער אַדרעס, וועל איך נעמען אַ דראָזשקע.

דער יאַפּאַנערינס פּנים איז ווידער באַדעקט געוואָרן מיט שרעק.

— אומעגלעך, בשום-אופן נישט! — האָט זי גענומען פּליסטערן.
— איך וועל שוין אַליין גיין, לאָזט מיך.

— נו, מאָלט אייך, ווי אַזוי וועט איר עס גיין אויף אייערע טרעפּעס אין אַזאַ בלאָטע. — מען דאַרף אַ דראָזשקע. — האָט דער אַקטיאָר מיט זיכערקייט באַמערקט.

— ניין, איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן, — ביי גאָט, לאָזט מיך אָפּ. — האָט זיך די גיישא געבעטן.

— כ'גיב אייך מיין ערנוואָרט, אַז כ'וועל קיינעם נישט דערציילן, — האָט בענגאַלסקי פאַרזיכערט. — איך קאָן אייך נישט אָפּלאָזן. איר קאָנט זיך נאָך פאַרקילן. כ'האָב אייך גענומען אויף מיין אחריות און קאָן נישט אַנדערש. און גיכער זאָגט, — זיי קאָנען אייך נאָך דאָ אויך פּאַקן און אָנברעכן די ביינער. איר האָט דאָך געזען, זיי זענען דאָך פּראַים. זיי זענען אויף אַלץ פעיק.

די גיישא האָט אַ ציטער געטון. שנעלע טרערן האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען קייקלען פון אירע אויגן.

— געפערלעך, שרעקלעך שלעכטע מענטשן! — האָט זי כליפּענדיק באַטאָנט. — פירט מיך דערווייל אָפּ צו די רוטילאָווס, איך וועל שוין ביי זיי איבערנעכטיקן.

בענגאַלסקי האָט אַ רוף געטון אַ דראָזשקע. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט און אַוועקגעפאָרן. דער אַקטיאָר האָט זיך איינגעקוקט אין דער גיישאס שוואַרצלעכן געזיכט, אים האָט עס אויסגעוויזן מאָדנע. די גיישא האָט עס אָפּגעקערט. אַן אומקלאָרע מחשבה האָט אים גענומען עקבערן דעם מוח. ער האָט זיך דערמאָנט אין די קלאַנגען, וואָס עס האָבן זיך געטראָגן אין שטאָט וועגן די רוטילאָווס, וועגן ליודמילאַן און איר גימנאַזיסט.

— אָהאָ, דו ביסט דאָך גאָר אַ ייִנגל! — האָט ער איר אַ שושקע געטון, דער דראָזשקאַזש זאָל נישט הערן.

— ביי גאָט, — האָט זיך סאַשאַ, אַ בלייכער פאַר שרעק, אָנגעהויבן בעטן.

אַך זײַנע שוואַרצלעכע הענט האָבן זיך מיט אַ תּחנונימדיקער באַוועגונג אויסגעצויגן פון אונטערן קלובס אַריבערגעוואָרפענעם מאַנטל צו בענגאַלסקין.

בענגאַלסקי האָט זיך שטיל צעלאַכט און פונקט אַזוי שטיל באַמערקט:

— כ'וועל עס קײנעם נישט דערצײלן, שרעק זיך נישט. מײַן פליכט איז דיך צו ברענגען אַהײם, און מער ווײס איך גאָרנישט. און דאָך ביסטו אַ געוואַגטער יונג, און אינדערהײם וועט מען זיך נישט דערוויסן?

— אויב איר וועט זיך נישט אַרויסכאַפּן, וועט עס קײנער נישט וויסן. — האָט סאַשאַ מיט אַ תּחנונימדיק צאַרט קול באַמערקט.

— אויף מיר קאָנסטו זיך פאַרלאָזן, אָט גלײַך ווי אין קבר געלעגן, — האָט דער אַקטיאָר געענטפערט — איך בין אַלײן געווען אַ ייִנגל, און פלעג אויך פראַווען שטיק.

דער סקאַנדאַל אין קלוב האָט זיך שוין געהאַלטן בײַם אײַנשטילן, — נאָר דער אָוונט האָט זיך געענדיקט מיט אַ פרישן אומגליק.

אין דער צײַט ווען מען האָט זיך געיאָגט אין קאָרידאָר נאָך דער גײַשאַ, האָט דאָס פלאַמיקע אומבאַרירל, האָפענדיק אַרום די לײַכטערס, געלאַכט און חוזקוואַטע צוגעשטאַנען צו פערעדאָנאָוון, אַז מען דאַרף אַ שוועבעלע אָנצינדן, עס אַ וואָרף טון אויפן אומבאַרירל, דעם פלאַמענדיקן, נאָר נישט פרײַען, אויף אָט די טונקעלע און שמוציקע ווענט, און דעמאָלט, נאָכדעם ווי עס וועט זיך אָנזעטיקן מיט דער פאַרניכטונג, אויפפרעסנדיק דעם גאַנצן בנין, ווו עס קומען פאָר אַזעלכע שרעקלעכע און אומפאַרשטענדלעכע מעשים, וועט עס אים פערעדאָנאָוון לאָזן געמאַך. און פערעדאָנאָוו האָט נישט געקאָנט עס בײַשטײַן און נישט האָרכן.

ער איז אַרײַן אינם קלײנעם זאַל, וואָס נעבן דעם טאַנץ-זאַל. קײנער איז דאָרט נישט געווען. פערעדאָנאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, עס צוגעטראָגן צו דער פאָרהאַנג פון פענסטער, אונטן, בײַ דער פאָדלאָגע און אויסגעוואַרט ביז דער פאָרהאַנג האָט אויפגעפלאַקערט. דאָס פײַערדיקע אומבאַרירל האָט זיך, ווי אַ שלענגל אַרויפגעדראַפּעט אויפן פאָרהאַנג און שטיל-פרײדעוודיק גע-

קוויטשעט. פערעדאָנאָוו איז אַרויס פון זאַל און פאַרמאַכט די טיר הינ־טער זיך. קיינער האָט עס נישט באַמערקט.

די שרפה האָט מען דערזען פון גאַס, ווען דאָס גאַנצע צימער איז שוין געווען אין פלאַמען. דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. די מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט — אָבער דאָס הויז האָט אָפּגע־ברענט.

אויפצומאָרגנס האָט די גאַנצע שטאָט געקלונגען פונם נאַכטיקן סקאַנדאַל מיט דער גיישע און פון דער שרפה. בענגאַלסקי האָט וואָרט געהאַלטן און קיינעם נישט אויסגעזאָגט, אַז אַ יינגל האָט זיך דאָס פאַרשטעלט אינם קאָסטיום פון דער גיישא.

און סאַשאַ האָט זיך נאָך ביינאַכט איבערגעטון ביי די רוטילאָווס און ווידער אַלס פּשוט באָרוועס יינגל צוריק אַנטלאָפן אַהיים, אַריינ־געקראָכן דורכן פענסטער און רויק אַנטשלאָפן געוואָרן. אין דער שטאָט, וואָס האָט ממש געווימלט מיט פליאָטקעס, אין דער שטאָט, וווּ אַלע האָבן פון אַלץ געניי געוווּסט, איז סאַשאַס נאַכטיקע אַוואַנ־טורע געבליבן אַ סוד. אויף לאַנג, אָבער נישט אויף שטענדיק.

XXXI

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ פילניקאָוואַ, סאַשאַס מומע און דערצי־ערן, האָט מיטאַמאָל באַקומען צוויי בריוו וועגן סאַשאַן, — פונם די־רעקטאָר און פון קאָקאָווקינאַן. די דאָזיקע בריוו האָבן זי שטאַרק באַ־אומרויִקט. זי האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע אירע עסקים מיט איר גאַנצע באַלעבאַטישקייט און אין דער הערבסטיקער בלאָטע זיך געלאָזט אין וועג אַריין פון איר דאָרף צו אונדז אין שטאָט אַהער.

סאַשאַ האָט זי באַגעגנט מיט גרויס פרייד, — ער האָט זי ליב געהאַט. די מומע האָט געבראַכט צופירן אין איר האַרצן אַ שטאַרקן פאַרדרוס אויף אים. נאָר ער האָט זיך אַזוי פריידעוודיק אַ וואָרף גע־טון איר אויפן האַלז, אַזוי צעקושט אירע הענט, אַז זי האָט שוין פון דער ערשטער מינוט נישט געקאָנט געפינען דעם שטרענגן טאָן.

— טייערינקע, מומינקע, ביסט אַזאַ ווילע, וואָס דו ביסט גע־קומען. — האָט סאַשאַ געטענהט און מלא־שמחה געקוקט אויף איר פול

רויט געזיכט מיט די גוטע חן־גריבעלעך אויף די באַקן און מיט די זאַפּלעך־שטרענגע, קאַרע אויגן.

— וואַרט, האָסט זיך נאָך נישט וואָס צו פרייען, כ׳וועל זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען. — האָט די מומע דערקלערט מיט אַן אומבאַשטימטער שטים.

— ס׳איז גאָרנישט, — האָט סאַשאַ זאָרגלאָז באַמערקט — מעגסט זיך אָפּרעכענען, אויב ס׳איז נאָר פאַראַן פאַרוואָס, און דאָך האָסטו מיך זייער דערפרייט מיט דיין אַהערקומען.

— זייער! — האָט די מומע איבערגעחזרט מיט אַן אומצופרידן קול, — אָט וועגן דיר טאַקע איז אַ שרעק, וואָס מען הערט זיך אָן.

סאַשאַ האָט אויפגעהויבן די ברעמען און אַ קוק געטון אויף דער מומען מיט אומשולדיקע, גאָרנישט־פאַרשטייענדיקע אויגן. ער האָט זיך געקלאָגט:

— פאַראַן דאָ אַ לערער איינער, פּערעדאָנאָוו, האָט ער אויסגעטראַכט, אַז כ׳בין כלומרשט אַ מיידל, זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, — און נאָכדעם האָט מיך דער דירעקטאָר גוט אויסגעשטראָפט דערפאַר, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט די פריילינס רוטילאָוו. אָט ווי כ׳וואָלט צו זיי געגאַנגען עפּעס גנבענען. און וואָס איז זייער עסק?

„נאָך גאָר דאָס אייגענע קינד, וואָס געווען, — האָט די מומע געטראַכט מיט פאַרלעגנהייט — און צי איז ער שוין זשע אויף אַזוי־פיל איבערגעפירט, אַז ער קאָן שוין אָפּנאַרן אפילו מיטן אויסערלעכן אָנבליק?”

זי האָט זיך פאַרמאַכט מיט קאָקאָווקינאַן און אַ לאַנגע צייט מיט איר זיך דורכגעשמועסט. זי איז פון איר אַרויס אַ טרויעריקע. נאָכדעם איז זי אַוועק צום דירעקטאָר. צוריקגעקומען פון דאָרט שטאַרק צערודערט.

אויף סאַשאַן האָבן זיך אַ שאָט געטון דער מומעס פאָרווורפן. סאַשאַ האָט געוויינט, נאָר מיט היץ פאַרזיכערט, אַז עס הויבט זיך גאָרנישט אָן, עפּעס אויסגעקלערטע מעשיות, אַז ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט דערלויבט צו האַלטן זיך פריי מיט די פריילינס. די מומע האָט נישט געגלויבט. זי האָט זיך געזידלט, זיך צעוויינט, געדראָט, אַז זי וועט אים אָפּשמייסן, גוט אָפּשמייסן, אָט טאַקע באַלד,—

היינט נאָך, אָט ווי זי וועט נאָר צוריקקומען פון די מיידלעך. זי מוז זיי אַליין אָנקוקן. סאַשאַ האָט געוויינט און פאַרזיכערט, אַז קיין שום חטא איז ער דאָ נישט באַגאַנגען, אַז דאָס אַלץ זענען געפערלעכע גוזמאות און אויסגעטראַכטע זאַכן.

די מומע איז אַ בייזע און אַ פאַרוויינטע אַוועק צו די רוטילאָווס.

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז געזעסן ביי די רוטילאָווס אין זאַל, אונטערגעוואָרט אויף די פרייליכס און זיך שטאַרק געקאָכט. איר האָט זיך באַלד געוואָלט אָנפאַלן אויף די שוועסטער מיט די שרעקלעכסטע פאָרווורפן, און די אַלע קויטיקע בייזע ווערטער זענען איר שוין געלעגן אויף דער צונג, — אָבער דער פרידלעכער און פרעכטיקער זאַל האָט איר, להיפוך, געבראַכט צו רויקערע געדאַנקען און איינגעשטילט איר פאַרדרוס.

דאָס אָנגעהויבענע און איבערגעלאָזענע געניי, די גיפספיגורן, די גראַוויורן אַרום די ווענט, די זאָרגעוודיק-אויסגעהאָדעוועטע בלומענטעפ פאַר די פענסטער, און מען זאָל אַ שטויבעלע ערגעץ אָנזען, און עפּעס נאָך די באַזונדערע שטימונג פון היימלעכקייט, עפּעס אַזוינס, וואָס זעלטן ווען מען טרעפט עס אָן אפילו אין אָנשטענדיקע הייזער, און וואָס באַלעבאָסטעס ווייסן עס שטענדיק אָפּצושאַצן, — צי האָט־זשע דען אין אָט דער סביבה געקאָנט טרעפן אַזאַ זאַך, ווי איבערצופירן איר באַשיידן ייִנגל און נאָך דווקא דורך אַזעלכע זאָרגעוודיקע יונגע באַלעבאָסטעס פון אָט דעם זאַל? אָט די אַלע השערות וועגן מעשיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעלייענט און אָנגעהערט וועגן סאַשאַן, האָבן אין יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס אויגן אויסגעזען נאַריש און אומגעלומפערט, — און להיפוך, איר האָט זיך געדוכט, אַז סאַשאַס ווערטער און זיינע דערקלערונגען זענען אַסך קרוב-לאמת, וואָרן אָט דאָ, ביי די רוטילאָווס, האָט ער דאָך טאַקע געקאָנט לייענען, שמועסן, שפּאַסן, לאַכן, שפּילן, — און אפילו איינאָרדנען אַ שטוביקן ספּעקטאַקל, וואָס אָלגאַ וואַסיליעוונאַ האָט נישט דערלויבט.

און די דריי שוועסטער האָבן זיך טאַקע איינדראַמתן דערשראָקן. זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, צי איז סאַשאַס אָנטיילנעמען אינם מאַסקנבאַל פאַרבליבן אַ סוד. נאָר זיי זענען דאָך געווען דריי, און זיי זענען דאָך געווען איינס דעם אַנדערן איבערגעגעבן. און

דאָס האָט זיי צוגעגעבן מוט. זיי האָבן זיך אַלע דריי פֿאַרזאַמלט בײַ ליודמילאַן אין צימער און דאָרטן זיך שטיל באַראָטן. וואַלעריאַ האָט דערקלערט:

— סוף־כּל־סוף דאַרף מען דאָך אַרײַנגיין צו איר, — פּשוט ניט העפֿלעך. זי וואַרט דאָך.

— עס מאַכט נישט אויס, זאָל זי זיך אַביסל אויסקילן, — האָט דאַריאַ זאָרגלאָז באַמערקט — אַזוי וועט זי נאָך מיטן גאַנצן אימפּעט אָנפֿאַלן אויף אונז.

אַלע דריי שוועסטער האָבן זיך אָנגעפּאַרפֿומירט מיטן זיס־פּייכטלעכן קלעמאַטיט, — זעגען אַרויס רויִקע, פֿרײַלעכע, הנעוודיקע, אויסגעצאַצקעטע, ווי אַלעמאָל, — האָבן אָנגעפּילט דעם גאַנצן זאַל מיט זייער ליב פּלוידערן, הכנסת־אורחימדיקייט און פֿרײַלעכקייט.

יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ איז פֿון דער ערשטער רגע שוין גע־ווען באַצויבערט פֿון זייער ליבן און אָרנטלעכן אָנבליק.

„אָנגעטראָפֿן אויסגעלאַסענע מיידלעך!” — האָט זי מיט פֿאַרדרוס אַ טראַכט געטון וועגן די פּעדאַגאָגן פֿון דער גימנאַזיע. און נאָכדעם האָט זי געקלערט, אפֿשר מאַכן זיי זיך אַזוי באַשיידן. זי האָט באַשלאָסן נישט אונטערצוגעבן זיך זייער צויבער.

— אַנטשולדיקט מיר, מאַדמואַזעלן, כ׳דאַרף מיט אייך איבער־רעדן וועגן עפּעס ערנסטס. — האָט זי דערקלערט, באַמיענדיק זיך איר שטים צוגעבן אַ זאַכלעכע טרוקנקייט.

די שוועסטער האָבן איר געבעטן זיצן און פֿרײַנטלעך מיט איר געפּלאַפּלט.

— וועלכע זשע איז פֿון אייך...? — האָט יעקאַטערינאַ איוואַ־נאָוונאַ אומבאַשלאָסן אָנגעהויבן.

ליודמילאַ האָט פֿרײַלעך און עפּעס מיט אַ מינע, ווי כּמעט זי וואָלט געווען די באַלעבאָסטע, וואָס דאַרף אַרויסהעלפֿן דעם גאַסט, באַטאָנט:

— דאָס האָב איך זיך מער פֿון אַלע פֿאַרנומען מיט אייער פּלימעניק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר ביידע האָבן אין אַ פֿולע זאַכן איין געשמאַק און מיינונג.

— ער איז זייער אַ ליב קינד, אייער פּלימעניק. — האָט דאַריאַ

צוגעגעבן, ווי זי וואָלט זיכער זיין, אַז איר קאָמפּלימענט וועט פאַרשאַפן דעם גאַסט פאַרגניגן.

— באמת אַ ליבער, און אַזאַ פריילעכער. — האָט ליודמילאַ דערקלערט.

יעקאַטערינא איוואַנאָוונא האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ ערגער געפילט. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי האָט לחלוטין קיין שום טעמים נישט, זיי צו מאַכן וועלכן נישט איז פאָרוווּרף. און זי איז שוין דעריבער געוואָרן אויפגעבראַכט, — און ליודמילאַס לעצטע ווערטער האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן איר פאַרדרוס. זי האָט מיט כעס באַטאָנט:

— אייך איז פריילעך, און אים...

נאָר דאַריאַ האָט איר איבערגעשלאָגן:

— אָך, מיר זעען שוין, אַז צו אייך זענען שוין דערגאַנגען אָט די נאַרישעוואַטע פערעדאָנאָווישע שקרים, — האָט זי מיט אַ רחמנותדיק קול באַמערקט — נאָר איר ווייסט דאָך, — ער איז אַ משוגענער. דער דירעקטאָר לאָזט אים אפילו איבער דער שוועל פון גימנאַזיע נישט מער אַרויף. מען וואַרט בלויז אָפּ אויף אַ פּסיכיאַטאָר, ער זאָל אים באַטראַכטן, און דעמאָלט וועט מען אים אינגאַנצן דערווייטערן פון גימנאַזיע.

— דערלויבט נאָר, — האָט איר יעקאַטערינא איוואַנאָוונא אויך איבערגעשלאָגן, און איז געוואָרן נאָכמער צעקאָכט — מיך אינטערעסירט לגמרי נישט אָט דער לערער, נאָר מיין פּלימעניק. כ'האָב געהערט, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן — אַז איר פירט אים איבער.

און וואַרפנדיק פון צעהיצטקייט אָט דאָס באַשלאָסענע וואָרט, האָט זיך יעקאַטערינא איוואַנאָוונא גלייך געכאַפּט, אַז זי איז מיט דעם צו ווייט אַוועק. די שוועסטער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ גוט־געשפּילטער פאַרוווּנדערונג און אויפגעבראַכטקייט, אַז נישט נאָר איין יעקאַטערינא איוואַנאָוונא וואָלט דורך דעם פאַרפירט געוואָרן, — זיי זענען רויט געוואָרן און אין איין קול אויסגעשריגן:

— זייער פיין!

— שרעקלעך!

— נאַדיר אַ נייס!

— מאַדאַם, — האָט דאַריאַ קאַלט דערקלערט, — איר קלויבט זיך גאָרנישט פונאַנדער אין אייערע אויסדרוקן. איידער מען רעדט אַרויס אַ גראָב וואָרט, מוז מען וויסן, צי עס פּאַסט זיך אַהער.

— אַך, ס'איז אַזוי פאַרשטענדלעך! — האָט ליודמילא לעבעדיק באַמערקט, מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקט פריילן, וואָס האָט שוין מוחל געווען פאַר דער באַליידיקונג, — ער איז דאָך אייך נישט קיין פרעמדער. געוויס, אייך קאָנען נישט אויפרעגן אָט די אַלע נאַרישע פּליאָטקעס. און אין אונזער שטאָט מאַכט מען פון יעדער קלייניקייט אַ פאַרברעכן. ווען איר וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ געפּער־לעכע, געפּערלעכע ברואים ס'איז פאַראַן דאָ אין שטאָט!

— געפּערלעכע ברואים! — האָט וואַלעריאַ שטיל איבערגעחזרט מיט איר קלינגענדיק־שלאַבעריקער שטים און אויפגעציטערט אינגאַנצן, אָט גלייך ווי זי וואָלט זיך אָנגערירט אָן אַן אומרייִנער זאַך.

— אָט, פרעגט אים בעסער אַליין, — האָט דאַריאַ באַטאָנט, — אָט גיט בעסער אַ קוק אויף אים אַליין, ער איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד. אפשר זענט איר עס צוגעוויינט צו זיין פשטות, נאָר מן־הצד מערקט זיך עס בעסער, אַז ער איז נאָך אינגאַנצן, טאַקע לחלוטין נישט קיין איבערגעפּירט ייִנגל.

די שוועסטער האָבן געלייגט אַזוי זיכער און רויק, אַז מ'האָט נישט געקאָנט זיי נישט גלויבן. און טאַקע, אַ ליגן איז דאָך אָפט־מאָל אמתדיקער פונעם אמת אַליין, כמעט אַלעמאָל. דער אמת אָבער, ווידער, איז נישט אמתדיק.

— געוויס, טאַקע אמת, אַז ער פלעגט צו אונז קומען גאַנץ אָפט, — האָט דאַריאַ דערקלערט — נאָר אויב איר ווילט עס, וועלן מיר אים אויף דער שוועל נישט לאָזן אפילו.

— און איך וועל נאָך היינט גיין צו כריפּאַטשן. — האָט ליוד־מילא באַטאָנט — וואָס האָט ער עפּעס אויסגעקלערט? און צי נישט־זשע גלויבט ער טאַקע אין אָט די בבא־מעשיות?

— ניין, מיר דוכט זיך, אַז ער אַליין גלויבט נישט. — האָט זיך יעקאַטערינא איוואַנאָוונא מודה געווען. — ער האָט נאָר געזאָגט, אַז אין שטאָט גייען אַרום פאַרשידענע מיאוסע קלאַנגען.

— נו, אָט, איר זעט! האָט ליודמילא מיט פרייד אויסגעשריגן, —

ער גלייבט אַליין, מן־הסתּם, נישט אין דעם, טאָ צו וואָס־זשע איז דער גאַנצער טומל?

ליודמילאַס פֿריילעך קול האָט זייער אויסגענומען ביי יעקאַטערינא איוואַנאָוונאַן, זי האָט געטראַכט:

„וואָס איז אינדערעמתן טאַקע געשען? דער דירעקטאָר אַליין זאָגט דאָך, אַז ער גלייבט נישט אין דעם".

די שוועסטער האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט געפּלאַפּלט, פֿאַרזיכערנדיק יעקאַטערינא איוואַנאָוונאַן אין דער אומשולדיקייט פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט מיט סאַשאַן. און כּדי נאָכמער איר צו איבערצייגן, האָבן זיי גענומען דערציילן אָט די אַלע פּרטים, וואָס און ווי און ווען זיי האָבן פֿאַרבראַכט מיט סאַשאַן. — נאָר אָט ביי דעם צעטל זענען זיי אינגיכן געבליבן שטיין, — דאָס אַלץ זענען דאָך בלויז אַזעלכע אומשולדיקע און פּשוטע זאַכן, אַז מען קאָן זיי אַפֿילו נישט געדענקען. און יעקאַטערינא איוואַנאָוונא האָט ענדלעך אָנגעהויבן מיט אַן אמת גלייבן, אַז איר סאַשאַ און אָט די ליבע פֿריילינס רוטילאָוו זענען נישט מער ווי אַ קרבן פֿון אַ נאַרישער פּליאָטקע.

געזעגנענדיק זיך האָט יעקאַטערינא איוואַנאָוונא האַרציק צעקושט זיך מיט די שוועסטער און זיי פֿאַרזיכערט:

— איר זענט ליבע, איינפֿאַכע מיידלעך. כ'האָב פֿריער געמיינט, אַז איר זענט, אַנטשולדיקט מיר פֿאַרן גראָבן אויסדרוק, כאַכאַלקעס.

די שוועסטער האָבן פֿריילעך געלאַכט.

— ניין, — האָט ליודמילא דערקלערט — מיר זענען בלויז פֿריילעכע און האָבן זייער שאַרפֿע צינגלעך, און דערפֿאַר טאַקע האָבן אונז אַסאַך פֿון די אָרטיקע העכט נישט גערן.

קומענדיק צוריק פֿון די רוטילאָווס האָט די מומע גאָרנישט געזאָגט סאַשאַן. און ער האָט זי באַגעגנט אַן איבערגעשראָקענער, אַ פֿאַרלוירענער, און די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר פֿאַרזיכטיק און אויפֿמערקזאַם. די מומע איז אַריין צו קאָקאָווקינאַן. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט גערעדט. ענדלעך האָט די מומע באַשלאָסן:

„כ'וועל נאָך אַריינגיין צום דירעקטאָר."

און נאָך אינם זעלבן טאָג איז ליודמילא אַריין צו כריפּאַטשן. זי איז געזעסן אין זאַל מיט וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונאַן, נאָכדעם האָט

זי דערקלערט, אַז זי איז געקומען צו ניקאָלאַי וואַסיליעוויטשן וועגן עפּעס אַן ענין.

אין קאַבינעט ביי כּריפּאַטשן איז פאָרגעקומען אַ באַלעבאַט גע־שפּרעך, — נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געדאַרפט אַ סך זאָגן איינס דעם אַנדערן, נאָר דערפאַר, ווייל ביידע האָבן גערן געהאַט אַסך צו רעדן. און זיי האָבן איינס דעם צווייטן באַשאָטן מיט שנעלע רייד: כּריפּאַטש — מיט זיין טרוקן, טראַסקענדיק גיכן ווערטער־שטראָם, ליודמילא — מיט איר קלינגענדיק צאַרט געפּלוידער. פּליסיק, מיט אַ באַשיינפּערלעכער איבערצייגונג פון נישט אמת, האָט זיך אויף כּרי־פּאַטשן אַ גאָס געטון איר האַלב־שקרדיקע דערציילונג וועגן אירע באַ־ציונגען צו סאַשאַ פּילניקאָוו. די הויפּט כוונה אירע איז, געוויינלעך, געווען דער מיטגעפיל צום ייִנגל, וואָס איז באַליידיקט געוואָרן דורך אַזאַ גראָבן פאַרדאַכט, — אַ ווילן אים צו פאַרבייטן זיין פאַמיליע, — און ענדלעך, ער איז דאָך אַליין אַזאַ ווילינקער, אַ פריילעכער, אַ פּשוטער.

ליודמילא האָט זיך אפילו צעוויינט, און שנעלע קליינינקע טרע־רעלעך האָבן זיך וווּנדערלעך־שיין אַ קייקל געטון איבער אירע רויזע בעקלעך, אויף אירע פאַרשעמט־שמייכלענדיקע ליפּן.

— אמת, כ׳האָב אים גערן באַקומען, ווי אַ ברודער. ער איז אַ ווילער און אַ גוטער, ער שאַצט אַזוי אָפּ די גוטסקייט צו אים, ער האָט געקושט מיינע הענט.

— דאָס איז אוודאי זייער ליב פון אייער זייט. — האָט כּרי־פּאַטש עטוואָס פאַרלעגן באַמערקט — און עס פאַרשאַפט זייער אַסאַך כּבוד אייערע גוטע געפילן, נאָר איר נעמט זיך אומזיסט אַזוי צום האַרצן אַזאַ פּשוטן פאַקט, וואָס איך האָב געפונען פאַר נויטיק מודיע צו זיין די קרובים פונם ייִנגל וועגן אָט די קלאַנגען, וואָס זענען צו מיר אָנגעקומען.

ליודמילא האָט אים נישט געהערט און ווייטער געפּלוידערט, איבערגייענדיק אויף אַ טאָן פון אַ לייכטן פאָרוואורף:

— וואָס פאַרא שלעכטס איז פאַראַן אין דעם, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס מיר האָבן אַן אָנטייל גענומען אין אָט דעם ייִנגל, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעפאַלן אָט דער גראָבער, משוגענער פאַרדאַ־

נאָוו אייערע, — און ווען וועלן מיר שוין אים פּטור ווערן פון אונזער שטאָט! און צי דען זעט איר אַליין נישט, אַז אָט דער פּילניקאָוו אונזערער איז נאָך גאָר אַ קינד, — נו, טאַקע באמת, נאָך גאָר אַ קינד!

זי האָט אַ פּלעסקע געטון מיט אירע קליינע הענטלעך, אַ קלונג געטון מיט איר גאָלדן בראַסלעטל, זיך צאַרט צעלאַכט, אָט כמעט ווי זי וואָלט זיך צעוויינט. אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל, — אויסצווישן די אויגן, — און מיט אַ צאַרטן אַראָמאַט אַ הויך געטון אויף כריפּאַטשן. און כריפּאַטשן האָט זיך מיטאַמאָל געוואָלט זאָגן, אַז זי איז „שיין ווי אַ מלאך פון הימל", און אַז דער גאַנצער באַדויערלעכער אינצידענט „איז נישט ווערט קיין איין אויגנבליק טרויער פון איר זייט". נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן.

און ליודמילאַס צאַרטער און שנעלער פּלוידער האָט געמורמלט, געמורמלט, און מיטן רויך ווי צעזייט דעם כימערישן געביי פון פּערעדאָנאָווס ליגן. מ'האָט נאָר געדאַרפט פאַרגלייכן, — דעם אומזיניקן, גראָבן שמוציקן פּערעדאָנאָוו און די פריילעכע, ליכטיקע, אויסגעפּוצטע און וווילשמעקנדיקע ליודמילאָטשקאַ.

צי האָט ליודמילאַ דערציילט דעם גאַנצן אמת, אָדער זי ליגט אַביסל אונטער, — דאָס איז פאַר כריפּאַטשן געווען אַלצאיינס, — נאָר ער האָט געפילט, אַז נישט גלויבן ליודמילאָטשקאַן, זיך אַמפּערן מיט איר, איינגיין דערויף, אַז פּילניקאָוו מוז לפּחות מיט עפּעס וואָס באַשטראָפט ווערן, — האָט גאַנץ פּשוט געהייסן אַריינפאַלן און פאַרלירן דעם חן אינעם גאַנצן בילדונגס-קרייז. און ווער שמועסט נאָך, אויב ס'איז פאַרבונדן מיט דער מעשה פּערעדאָנאָוו, וועלכן מען וועט, געוויס, אָנערקענען פאַר אַן אומנאָרמאַלן, און כריפּאַטש האָט מיט אַ ליב שמייכעלע באַטאָגט ליודמילאַן:

— מיר טוט באמת לייד, וואָס דאָס האָט אייך אַזוי אויפגערעגט. כ'האָב מיר אפילו אויף איין מינוט נישט דערלויבט צו האָבן וועלכע נישט איז שלעכטע מחשבות וועגן אייער באַקאַנטשאַפט מיט פּילניקאָוון. איך שאַץ זייער הויך אָט די גוטע און ליבע כוונות, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט אייער באַנעמען זיך אַקעגן אים, — און אפילו קיין איין מינוט איז מיר נישט געקומען אויף דער מחשבה

אַרויף, כ׳זאָל, חלילה, באַטראַכטן אָט די אַלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט און זענען צו מיר אָנגעקומען, אַנדערש, ווי אַלס נאַרישע און אומזיניקע רכילותן, וואָס האָבן מיך שרעקלעך אויפגעבראַכט. כ׳בין געניוט געווען וועגן דעם צו מעלדן דער פרוי־פילניקאָווא, ווייל צו איר וואָלטן געקאָנט אָנקומען שפּעטער נאָכמער פאַרדרייטערע ידיעות, — אָבער כ׳האָב נישט בדעה געהאַט אײַך צו באַאומרויקן, און נישט געקלערט גאָר, אַז פרוי פילניקאָווא וועט זיך ווענדן צו אײַך מיט וועלכע נישט איז פאָרוווּרפן.

— נו, מיט פרוי פילניקאָווא האָבן מיר זיך פרידלעך צונויפגערעדט, — האָט ליודמילאַ פרײַלעך דערקלערט. — נאָר אָט איר, איר דאַרפט נישט אָנפאַלן אויף סאַשאַן צוליב אונז. אויב אונזער הויז איז שוין אַזוי געפערלעך פאַר גימנאַזיסטן, טאָ אויב איר ווילט, וועלן מיר אים מער נישט אַרײַנלאָזן צו אונז.

— איר זענט צו אים זייער גוט, — האָט כריפּאַטש אומבאַשטימט באַטאָנט, — מיר קאָנען גאָרנישט האָבן אַנטקעגן דעם, אַז ער זאָל אין דער פרייער צייט, מיט דער דערלויבעניש פון זיין מומען, באַזוכן זיינע באַקאַנטע. מיר זענען לחלוטין ווייט פון דער כוונה צו פאַרוואַנדלען די קוואַרטירן פון די גימנאַזיסטן אין אַ מין תפיסה־אַבשטאַלט. און איבעריקנס, ביז די געשיכטע וועט זיך נישט דערליידיקן מיטן הער פערעדאָנאָוו, וואָלט אַסך גלייכער געווען, אַז פילניקאָוו זאָל בעסער זיצן אין שטוב.

בקרוב איז די רוטילאָווס און סאַשאַס ליגן אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך אַ שרעקלעך געשעעניש, וואָס האָט פּאַסירט ביי פערעדאָנאָוון אין שטוב. דאָס האָט ענדגילטיק איבערצייגט די שטאָט־איינוווינער, אַז אָט די אַלע מעשיות וועגן סאַשאַן און די פרייליינס רוטילאָוו איז אַ פוסטע פּלאַפּלעריי פון אַ משוגענעם.

XXII

געווען איז אַ וואָלקנדיקער, קאַלטער טאָג. פערעדאָנאָוו איז צוריקגעגאַנגען פון וואָלאָדינען. אַן אומעט האָט געפרעסט זיין געמיט.

ווערשינאַ האָט פֿאַרנאַרט פֿערעדאָנאָוון צו זיך אין סאָד אַריין. ער האָט זיך ווידער אונטערגעגעבן איר באַצויבערנדיקן רוף. זאַלבעבאַנד זענען זיי אַוועק אין דער אַלטאַנקע, דורך די פֿייכטע שטעגלעך, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַראָפּגעפֿאַלענע, צעפּוילטע, טונקעלע בלעטער. אין אַלטאַנקע האָט געשמעקט מיט מידער פֿייכטקייט. פֿון הינטער די נאַקעטע בוימער האָט זיך געזען דאָס הויז מיט די צוגעמאַכטע פֿענסטער.

— איך וויל אייך אויסזאָגן דעם אמת. — האָט ווערשינאַ געמורמלט און בשעת־מעשה שנעל אַ קוק געטון אויף פֿערעדאָנאָוון און ווידער אָפּגעקערט אירע שוואַרצע אויגן אָן אַ זייט.

זי איז געווען איינגעהילט אין אַ שוואַרצער קאָפּטע, פֿאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ טיכל, און די בלוי־געוואָרענע ליפּן פֿון קעלט האָט זי צונויפֿגעפּרעסט דעם שוואַרצן מונדשטיק און געלאָזט געדיכטע וואָלקנס שוואַרצן רויך.

— איך שפּיי אויף אייער אמת, — האָט פֿערעדאָנאָוו געענטפֿערט, — פֿון העכסטן גראַד שפּיי איך.

ווערשינאַ האָט קרום אַ שמייכל געטון און אָפּגעענטפֿערט:

— זאָגט עס נישט! כ׳האָב זייער רחמנות אויף אייך — מ׳האָט אייך אָפּגענאַרט!

אין איר קול האָט זיך געהערט אַ פֿרייד איבער יענעמס אומגליק. בייזע ווערטער האָבן זיך געשאָטן פֿון איר צונג. זי האָט גערעדט:

— איר האָט געהאָפֿט און געוואַרט אויף פּראָטעקציע, נאָר איר האָט זיך שוין צופֿיל פֿאַרלאָזט אויף יענעם. מ׳האָט אייך אָפּגענאַרט, און איר האָט געגלויבט. יעדער קאָן לייכט אָנשרייבן אַ בריוו. איר האָט געדאַרפֿט וויסן מיט וועמען איר האָט צו טון. אייער פֿרוי — איז אַ פֿאַרשוין, וואָס איז אויף אַלץ גרייט.

פֿערעדאָנאָוו האָט קוים פֿאַרשטאַנען ווערשינאַן. מורמלענדיקע רייד: דורך אירע פֿאַרשטעלטע ווערטער האָט ער קוים געכאַפּט זייער מיין. ווערשינאַ האָט מורא געהאַט צו רעדן הויך און קלאָר; רעדן הויך — קאָן עס נאָך עמעצער דערהערן און איבערדערציילן וואַרוואַראַן, קאָן עס איר נאָכדעם געוויס פֿאַרשאַפֿן אומאָנגענעמלעכקייטן.

וואַרוואַרא קאָן איר נאָך מאַכן אַ סקאַנדאַל; זאָגן עס קלאָר, — קאָן נאָך פֿערעדאָנאָוו אַליין אין כּעס ווערן; ער קאָן איר נאָך, חלילה, אָנברעכן די ביינער. איז גלייכער צו רעדן מיט אַן אָנצוהערעניש, זאָל ער זיך אַליין כאַפּן. אָבער פֿערעדאָנאָוו האָט זיך נישט געכאַפּט.

ענדלעך האָט גרושינאַ אָפּן אַרויסגערעדט:

— איר מיינט, אפֿנים, אַז די בריוו האָט די פֿירשטן אַליין געשריבן? איצט ווייסט שוין די גאַנצע שטאָט, אַז גרושינאַ האָט זיי פֿאַבריצירט; אייער פֿרוי האָט זיי באַשטעלט, און זי האָט זיי אָנגעשריבן, און די פֿירשטן ווייסט פֿון גאָרנישט. ווען איר ווילט קאָנט איר פֿרעגן, אַלע ווייסן עס, — זיי האָבן עס אַליין צעפּויקט. און נאָכדעם האָט וואַרוואַרא דמיטריעווונאַ ביי אייך די בריוו אַרויסגעשלעפּט און פֿאַרברענט. כּדי קיין באַווייזן זאָל נישט זיין.

שווערע, פֿינסטערע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט ביי פֿערעדאָנאָוון אין מוח. ער האָט פֿאַרשטאַנען איינס, אַז מ׳האָט אים אָפּגענאַרט — נאָר אַז די פֿירשטין ווייסט עס נישט, — ניין, זי ווייסט עס, נישט אומזיסט איז זי אַ לעבעדיקע פֿונם פֿייער אַרויס.

— דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט וועגן דער פֿירשטן, איז אַ ליגן, — האָט ער באַטאָנט — כ׳האָב זי פֿאַרשרפֿעט, די פֿירשטן, און זי איז נישט פֿאַרשרפֿעט געוואָרן: זי האָט זיך אָפּגעשפּיגן.

פּלוצים האָט אַ ווילדע רציחה אַרומגעכאַפּט פֿערעדאָנאָוון. מ׳האָט אים אָפּגענאַרט! ער האָט ווילד אַ קלאַפּ געטון מיטן קולאַק איבערן טיש, אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט, און נישט געזעגנדיק זיך מיט ווערשינאַן, שנעל אַוועק אַהיים. ווערשינאַ האָט מיט פֿרייד אים נאָכגעקוקט, אויף שוואַרצע רויקע וואָלקנס זענען שנעל אַרויסגעפֿלויגן פֿון איר פֿינסטערן מויל און זיך געטראָגן און געריסן אויפֿן ווינט.

פֿערעדאָנאָוו האָט געברענט פֿון רציחה, נאָר אַז ער האָט דערזען וואַרוואַראַן, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פּייניקנדיקער שרעק און אים נישט געלאָזט איבערן מויל אַרויסברענגען אַ וואָרט.

דעם אַנדערן טאָג, באַלד אינדערפֿרי, האָט פֿערעדאָנאָוו אָנגעגרייט אַ מעסער, — נישט קיין גרויס גאָרטנמעסער, מיט אַ לעדערן שייטל, — און אים זאָרגעוודיק באַהאַלטן אין קעשענע. אַ גאַנצן פֿרימאָרגן, — ביזן מיטאָג, וואָס זיי האָבן זייער פֿרי געגעסן, — איז ער

אָפּגעזעסן ביי וואָלאָדינען. געקוקט אויף זיין אַרבעט, געמאַכט אומגעלומפּערטע באַמערקונגען. וואָלאָדין איז געווען, ווי אַלעמאָל, צופרידן, וואָס פּערעדאָנאָוו פאַרברענגט מיט אים, און זיינע נאַרישקייטן האָבן אין זיינע אויגן געהאַט דעם זיבעטן חן.

דאָס אומבאַרירל האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געדרייט אַרום פּערעדאָנאָוון. אים נישט געלאָזט איינשלאָפן נאָכמיטאָג. און לסוף אים אינגאַנצן פאַרמאַטערט.

אָוונטצייט, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, האָט אים אויפגעוועקט עפּעס אַ משוגענע פרוי, וואָס איז פון ערגעץ מיטאַמאָל אַרויסגעשפּרונגען. אַ קורצנאָזיקע, אַ העסלעכע, איז זי צו צו זיין בעט און גענומען מורמלען:

— קוואַס אָנרייבן, פּירעשקעס פאַרקנעטן. געבראָטנס בראָטן!

די באַקן אירע זענען געווען טונקעלע און די ציינער — ווייסע און גלאַנציקע.

— גיי צום טייוול! — האָט פּערעדאָנאָוו אַ געשריי געטון.

די קורצנאָזיקע פרוי איז פאַרשוווּנדן, גלייך ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען.

ס'איז געוואָרן נאַכט. דער אומעטיקער ווינט האָט געוואָיעט אינם קוימען. אַ פּאַמעלעכדיקער רעגן האָט שטיל, באַשלאָסן געקלאַפּט אין די שויבן. הינטער די פענסטער איז געווען שטאָק פינסטער.

ביי די פּערעדאָנאָווס איז געווען וואָלאָדין, — פּערעדאָנאָוו האָט אים נאָך אינדערפרי פאַרבעטן טרינקען טיי.

— קיינעם נישט אַריינלאָזן, האָרכסט, קלאַוודושקאַ? — האָט פּערעדאָנאָוו אויסגעשריגן.

וואַרוואַרא האָט געשמייכלט. פּערעדאָנאָוו האָט געבורטשעט:

— עפּעס פּלאָנטערן זיך דאָ אַרום ווייבער. מען דאַרף גוט אַ קוק געבן. איינע איז צו מיר אַריין גלייך אין שלאָפצימער, געוואָלט זיך שטעלן פאַר אַ קעכן. און צו וואָס דאַרף איך אַ קורצנאָזיקע קעכן?

וואָלאָדין האָט געלאַכט, אָט כמעט ווי ער וואָלט געמעקעט, אומבאַמערקט:

— ווייבער גייען איבער די גאַסן אַרום. אָבער מיט אונז גע־

הערן זיי זיך בכלל נישט אָן. און מיר וועלן זיי גאָרנישט לאָזן מיט אונז גיין צום טיש.

מ׳האָט זיך צוגעזעצט אַרום טיש זאַלבעדריט. מ׳האָט זיך גענומען צו טרינקען בראָנפן און פאַרבייסן מיט פירעשקעס. מ׳האָט מער געטרונקען ווי געגעסן.

פערעדאָנאָוו איז געווען פאַרכמורעט. אַלץ האָט ביי אים שוין אויסגעזען, כמעט ווי פון וועג, אָן אַ זין, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, אומגעריכט, דער קאָפ האָט אים שרעקלעך וויי געטון. איין פאָרשטעלונג האָט זיך בלויז פיינלעך איבערגעחזרט, — וואָלאָדין — זיין שונא. די פאָרשטעלונג האָט זיך געביטן מיט די שווערע איבערפאַלן פון אַ פרעכן געדאַנק: מען דאַרף דערהרגענען פאַוולושקען, כל־זמן ס׳איז נאָך נישט שפעט. און דעמאָלט וועלן קלאָר ווערן אַלע שפיצלעך פון די שונאים.

און וואָלאָדין איז שנעל געוואָרן שיכור און עפעס אַזוינס געטעלעפעט מיטן צונג, וואָס האָט וואַרוואַראַן פריילעך געמאַכט.

פערעדאָנאָוו איז געוואָרן אומרויק.

— עמעץ גייט דאָרט, — האָט ער געבורטשעט — לאָזט קיינעם נישט אַריין. זאָגט, אַז כ׳בין אַריינגעפאָרן מתפלל זיין, אינם ווערעמאָנאַסטיר.

ער האָט מורא געהאַט, אַז די געסט וועלן אים שטערן. וואָלאָדין און וואַרוואַרא האָבן זיך געפרייט, — זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז שיכור, זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען, אַרויס איינציקווייז, געקלאַפט אין טיר, גערעדט מיט אַ פאַרענדערט קול:

— גענעראַל פערעדאָנאָוו איז אינדערהיים?

— אַ ברילִיאַנטענעם שטערן פאַרן גענעראַל פערעדאָנאָוו.

נאָר דער בריליאַנטענער שטערן האָט פערעדאָנאָוו היינט נישט גענומען.

— נישט אַריינלאָזן! — האָט ער געשריגן. — טרייבט זיי מיט אַ שטעקן. זאָלן זיי אים ברענגען מאָרגן אינדערפרי איצט איז קיין צייט נישט דערצו.

ניין, — האָט ער געטראַכט — היינט דאַרף מען זיך שטאַרקן. היינט וועט זיך אַלץ אַרויסווייזן, און דערווייל קאָנען אים נאָך די שונאים אָפטון אַסך שפיצלעך, כדי אים וואָס בעסער צו פאַרטיליקן.

— נו, מיר האָבן זיי דורכגעיאָגט, מאָרגן אינדערפרי וועלן זיי ברענגען. — האָט וואָלאָדין דערקלערט און זיך ווידער געזעצט צום טיש.

פערעדאָנאָוו האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיינע קאַלאַמוטנע אויגן און איבערגעפרעגט:

— ביסט מיר אַ פריינט צי אַ שונא?

— אַ פריינט, אַ פריינט, אַרדאַשאַ! — האָט וואָלאָדין געענטפערט.

— אַ פריינט אַ טרייער, אַ פרייס ביים פייער. — האָט וואַרוואַראַ זיך געחכמהט.

— נישט אַ פרייס נאָר אַ שאָפּבאָק. — האָט פערעדאָנאָוו פאַרריכט.

— נו, פּאַוולושאַ, מיר וועל מיט דיר טרינקען, אָבער נאָר זאַלבעניאַנד. און דו, וואַרוואַראַ, טרינק. — אינאיינעם וועלן מיר אויסטרינקען, זאַלבעניאַנד.

וואָלאָדין האָט געכיכעט.

— אויב וואַרוואַרא דמיטריעוונאַ וועט מיט אונז אויך טרינקען, וועט עס אויסקומען נישט זאַלבעניאַנד, נאָר זאַלבעדריט. — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין.

— זאַלבעניאַנד. — האָט פערעדאָנאָוו פינסטער איבערגעחזרט.

— מאַן און ווייב איז איין טייוול. — האָט וואַרוואַראַ דערקלערט און זיך צעלאַכט.

וואָלאָדין האָט ביז דער לעצטער מינוט נישט געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז פערעדאָנאָוו וויל אים שטעכן. ער האָט געמעקעט, און זיך געמאַכט נאַריש, גערעדט שטותים און פריילעך געמאַכט וואַרוואַראַן.

און פערעדאָנאָוו האָט דעם גאַנצן אָוונט געדענקט זיין מעסער. אַז וואָלאָדין צי וואַרוואַרא פלעגן צוגיין צו דער זייט, וווּ ביי אים איז געלעגן דאָס מעסער, האָט פערעדאָנאָוו ווילד געשריגן זיי זאָלן אַוועקגיין. צומאָל האָט ער אָנגעוויזן אויף דער קעשענע און באַטאָנט:

— דאָ, ברודערל, האָב איך אַזאַ זאַכעניש, וואָס דו פּאַוולושאַ וועסט אַ קראַקע טון.

וואָלאָדין און וואַרוואַרא האָבן געלאַכט.

— קראַקען, אַרדאַשא, קאָן איך שטענדיק, — האָט וואָלאָדין געטענהט. — קראַ־קראַ, קראַ־קראַ, אָט פּשוט און פּ־אָסט.

וואָלאָדין איז געווען רויט און בלוי פון בראָנפן, ער האָט אויסגעשטעלט די אונטערשטע ליפּ און געקראַקעט. ער איז געוואָרן אַלץ דרייסטער און חוצפּהדיקער צו פּערעדאָנאָוון.

— מ׳האָט דיר אָנגעטון אַ קאָקאַרדע, אַרדאַשא. — האָט ער זיך געריי־צט מיט אַ פאַראַכטנדיקן מיטגעפיל.

— איך וועל דיר אָנשטעקן אַ קאָקאַרדע! — האָט פּערעדאָנאָוו מלא־רציחה אַ ריטשע געטון.

וואָלאָדין האָט אין זיינע אויגן באַקומען אַן אָנבליק פון אַ שרעקלעכן, אַ דראָענדיקן. מ׳האָט זיך געדאַרפט גוט פאַרטיידיקן.

פּערעדאָנאָוו האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער, זיך אַ וואָרף געטון אויף וואָלאָדינען און אים אַ שנייד געטון איבערן האַלז. דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטון ווי פון אַ קוואַל.

פּערעדאָנאָוו האָט זיך דערשראָקן, דאָס מעסער איז אַרויסגע־פאַלן פון זיינע הענט.

וואָלאָדין האָט אַלץ געמעקעט און זיך באַמיט אָנצוכאַפּן מיט די הענט ביים האַלז. געמערקט האָט זיך, אַז ער איז איבערגעשראָקן אויף טויט, ער וועט שוואַכער און קאָן נישט דערטראָגן זיינע הענט צום האַלז. פּלוצים איז ער אָפּגעשטאָרבן און אומגעפאַלן אויף פּערע־דאָנאָוון. עס האָט זיך דערהערט אַן איבערגעריסענער קוויטש, — אָט כּמעט ווי ער וואָלט זיך פאַרכלינעט, — און איז שטיל געבליבן. פון שרעק האָט אויך פּערעדאָנאָוו אַ קוויטש געטון, און נאָך אים וואַר־וואַרא.

פּערעדאָנאָוו האָט אָפּגעשטויסן וואָלאָדינען. וואָלאָדין איז שווער געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. — ער האָט געכראַפּעט, גערירט מיט די פיס און איז באַלד געשטאָרבן. זיינע אָפענע אויגן זענען געוואָרן פאַרגלייזט און געבליבן אָנגעשטעלט אַרויפצוצו.

דער קאָטער איז אַרויס פון שכנותדיקן צימער, געשמעקט דאָס בלוט און בייז געמיאָקעט. וואַרוואַרא איז געשטאַנען, כּמעט ווי אַ פאַרגליווערטע. אויפן רעש איז געקומען צולויפן קלאַוודיאַ.

ף. סאָלאָגוב

— טאַטעלעך, מ'האָט געקוילעט! — האָט זי זיך צעגוואַלטעוועט.

וואַרוואַרא האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט אַ קוויטש אַרויסגע־לאָפן פון עסצימער אינאיינעם מיט קלאַוודיאַן.

די ידיעה וועגן דעם געשעעניש האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. די שכנים האָבן זיך שנעל פאַרזאַמלט אויף דער גאַס. ווער ס'איז געווען דרייסטער, איז אַריין אין שטוב. אין עסצימער האָט מען זיך לאַנג נישט געקאָנט באַשליסן אַריינצוגיין.

מ'האָט אַריינגעקוקט, מ'האָט זיך געשושקעט. פּערעדאָנאָוו האָט מיט אומזיניקע אויגן געקוקט אויפן מת, געהערט דאָס שושקען זיך הינטער דער טיר.

אַ טעמפּער אומעט האָט אים געמאַטערט. אָן שום געדאַנקען.

ענדלעך איז מען דרייסט געוואָרן און מען איז אַריין. — פּע־רעדאָנאָוו איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עפּעס וואָס געמורמלט אומפאַרשטענדלעכעס און אָן צוזאַמענהאַנג.

Free Public Library, Newark, N. J.